STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06798

# DI GESHIKHTE FUN BUND

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

# די געשיכטע פון בונד

שער-בלאַט געצייכנט פון י. שלאָם

# די געשיכטע פון בונד

פינפטער באַנד

ניו־יאָרק, 1981

# THE HISTORY OF THE JEWISH LABOR BUND

## Volume V

Copyright 1981
by
FARLAG UNSER TSAIT

Published by
FARLAG UNSER TSAIT
25 East 78th Street
New York, N. Y. 10021

Printed in U. S. A.

KNIGHT PRINTING CORPORATION
382 Lafayette Street, New York, N. Y. 10003
96

# אינהאַלט:

פון דער רעדאַקציע — — — — — — — — — — — — — — 7
י. ש. הערץ: דער בונד אין אומאָפּהענגיקן פּוילן, 1926—1932 — 9
עמנואל נאָוואָגרודסקי: קאַמף פאַר רעכט אויף אַרבעט — — — — — 145
צ. ק. פון „בונד" אין פּוילן: אויפרוף — — — — — — — — — — — 166
י. ש. הערץ: דער בונד אין לעטלאַנד — — — — — — — — — — 175
ד"ר יוסף קיסמאַן: דער בונד אין רומעניע — — — — — — — — — 229
אויפרופן פון בונד — — — — — — — — — — — — — — — — — 293
זוכצעטל — — — — — — — — — — — — — — — — — — — 323
בילדער

# פון דער רעדאַקציע

אין פאָרוואָרט פון דער רעדאַקציע אין ערשטן באַנד האָבן מיר געשריבן, אַז די געשיכטע פון בונד וועט דאַרפן דערשיינען אין זעקס בענדער. דעם 5־טן באַנד גיבן מיר איצט איבער צו די לייענער.

פאַר דעם דערשיינען פון די פינף בענדער האָבן מיר געמוזט גובר זיין ליטעראַרישע און פינאַנציעלע שוועריקייטן. מיר ווייסן, אַז די זעלבע שוועריקייטן וועלן מיר אויך אָנטרעפןביים צוגרייטן און אַרויסגעבן דעם 6־טן באַנד, וואָס וועט דאַרפן אַרומנעמען די לעצטע יאָרן פאַר דער צווייטער וועלט־מלחמה און די גרויזאַמע יאָרן פון יידישן חורבן און פון דער וועלט־שחיטה. מיר וועלן זיך באַמיען צו פאַרענדיקן דאָס געפּלאַנטע ווערק און צוגרייטן דעם 6־טן באַנד.

ס׳איז אונזער חוב צו פאַרצייכענען, אַז זינט דעם דערשיינען פון 4־טן באַנד האָט דער טויט פון אונז אַוועקגענומען צוויי רעדאַקציע־מיטגלידער — עמנואל שערער און חיים שלמה קאַזדאַן.

ווי ביי די פריערדיקע פיר בענדער, האָט אויך ביים אַרויסגעבן דעם פינפטן באַנד די אַטראַן־פונדאַציע געגעבן איר חלק הילף. צו דעם איצטיקן באַנד איז אויך בייגעטראָגן געוואָרן פון דער ירושה, וואָס עס האָט איבערגעלאָזט דער חבר לאַזאַר עפּשטיין. חברטע לאַלע שאַפּראַן האָט צושטייער געגעבן אין אָנדענק פון חבר נאַטאַן שאַפּראַן.

אַלע בונדיסטן דערמאָנען מיר, אַז ס׳איז זייער פליכט בייצושטייערן אַ פינאַנציעלן חלק פאַרן ספּעציעלן פאָנד, וואָס זאָל מעגלעך מאַכן אויסצופירן פולשטענדיק דעם פּלאַן פון די זעקס בענדער די געשיכטע פון בונד.

לאָמיר נישט לאָזן פאַרגעסן אונזער רומרייכן נעכטן, וואָס איז אויך אַ טייל פון אונזער היינט און וועט דאַרפן זיין אַ טייל פון אונזער מאָרגן.

י. ש. הערץ

# דער בונד אין פוילן

1932—1926

# אינהאַלט:


1. אַ נייע תקופה — 11

2. וואַלן און טעטיקייטן — 18

3. אין שטרייט מיט קעגנער — 31

4. דער פערטער צוזאַמענפאָר — 38

5. חלוקי־דעות וועגן אינטערנאַציאָנאַל — 51

6. דער פינפטער צוזאַמענפאָר — 61

7. אין סאָציאַליסטישן אַרבעטער־אינטערנאַציאָנאַל — 78

8. רעכט אויף אַרבעט — 93

9. אַרבעטער־עמיגראַציע־ביוראָ — 101

10. יוגנט־בונד צוקונפט — 107

11. סאָציאַליסטישער קינדער־פאַרבאַנד (סקיף) — 127

12. אַרבעטער־ספּאָרט — 135

מקורים און באַמערקונגען — 141

# 1. אַ נייע תקופה

דאָס יאָר 1926 איז געווען אַ ווענדפּונקט אין פּאָליטישן לעבן פון פּוילן. דעם 12 מאַי האָט זיך אָנגעהויבן אַ מלוכה־איבערקערעניש, וואָס האָט אַוועקגעשטעלט ביים רעגירונג־רודער אַנדערע עלעמענטן, וועלכע האָבן ביסלעכווייז געענדערט דעם קאָנסטיטוציאָנעלן כאַראַקטער און די פּאָליטישע פיזיאָנאָמיע פון דער פּוילישער מלוכה.

ביז דעמאָלט האָט פּוילן געהאַט אַ דעמאָקראַטישע קאָנסטיטוציע און פּאַרלאַמענטאַרישע קאָאַליציע־רעגירונגען. אויב אין די ערשטע יאָרן פון דער אויפסניי אַנטשטאַנענער פּוילישער מלוכה זיינען די רעגירונגען פון לאַנד נישט געווען קיין ליבעראַלע, האָבן זיי אָבער אָפּגעשפּיגלט די רעזולטאַטן פון מער־ווייניקער דעמאָקראַטישע וואַלן. די מערהייט פון דער באַפעלקערונג איז געווען פּאָליטיש און קולטורעל קאָנסערוואַטיוו און אויך שטאַרק באַווירקט פון קלער. אַזוי איז געווען ביי די פּאָליאַקן און נישט בעסער אויך ביי די נאַציאָנאַלע מינדערהייטן. דאָס האָט געשטערט צום אויסבילדן זיך פון אַ ראַדיקאַלער מערהייט, הגם די גרויסע מערהייט פון דער באַפעלקערונג איז באַשטאַנען פון אָרימע פּויערים, אַרבעטער און קליינבירגערטום.

די רעגירונגען, וואָס האָבן זיך פאַר דער צייט געביטן, זיינען נישט געווען פּעאיק אַרויסצופירן דאָס לאַנד פון דער אָפּגעשטאַנענקייט און פון די אומאויפהערלעכע קריזיסן — עקאָנאָמיש־פינאַנציעלע און פּאָ־ליטיש־מאָראַלישע. די רעגירונגען גופא האָט געפעלט סטאַבילקייט. זיי האָבן אַליין געליטן פון כסדרדיקע קריזיסן. פּאָליטיש און אידעאָלאָגיש זיינען די אָרגאַניזירטע געזעלשאַפטלעכע כוחות געווען צעשפּליטערט אין פיל פּאַרטייען און ריכטונגען. קיין שום פּאַרטיי איז נישט געווען אַזוי שטאַרק, אַז זי אַליין זאָל קענען רעגירן. האָט מען געמוזט שאַפן קאָאַליציע־רעגירונגען, פון וועלכע מ׳האָט תמיד אויסגעשלאָסן די נאַ־ציאָנאַלע מינדערהייטן — איבער אַ דריטל פון דער באַפעלקערונג. די רעגירונגען זיינען געוואָרן געשאַפן נאָך דינגענישן צווישן די פּאַרטנערן אויפן סמך פון פשרות, מאַנעוורען און משא־ומתנס צווישן נאַטירלעכע און אומנאַטירלעכע שותּפים.

מיט אַ רעגירונג־שותּפות, וואָס האָט אַרומגענומען עקסטרעם־רעכטע (ענדעקעס), דעם צענטער (פּויערים־פּאַרטיי פּיאַסט און אַנדערע), און די לינקע (די פּוילישע סאָציאַליסטישע פּאַרטיי — פּ.פּ.ס.) האָט זיך אָנגע־

הויבן דאָס יאָר 1926. אַ רעגירונג אויף אַ גאַנץ ברייטער באַזע. אין איר האָט אָבער געפעלט איין „שטאַרקער עלעמענט" — דער געוועזענער מלוכה־שעף, מאַרשאַל יוזעף פּילסודסקי. שוואַך ווי אַ ממשותדיקער פּאָליטישער כוח ביי די וואַלן, איז ער געווען גאָר שטאַרק מיט זיין השפּעה אין דער אַרמיי און מיט די סענטימענטן, וואָס זיינען געווען צו אים ביי גרויסע טיילן פון דער אַרבעטערשאַפט און פּויערטום. יוזעף פּילסודסקי איז געוואָרן אַרויסמאַנעווּרירט און אַרויסגעשטויסן פון זיינע פריערדיקע מאַכט־פּאָזיציעס. זיין פרוסטראַציע און פאַרביטערונג האָבן זיך צונויפגעפּאָרט מיט דער אומצופרידנקייט און אויפרעגונג פון דער אָרימער באַפעלקערונג און געשאַפן דעם באָדן פאַר אַראָפּוואַרפן די רעגירונג, וואָס האָט געהאַט הינטער זיך אַן אָנשפּאַר אין פּאַרלאַמענט.

די שטימונגען פון אומצופרידנקייט האָבן זיך געלאָזט פילן אַפילו אין אַ טייל פּאַרטייען, וואָס זיינען געווען באַטייליקט אין דער רעגירונג. אין די ערשטע טעג פון יאַנואַר 1926 איז אין וואַרשע פאַרגעקומען דער צוואַנציקסטער קאָנגרעס פון דער פּ. פּ. ס.. דער צענטראַלער שטרייטפּונקט אויפן קאָנגרעס איז געווען די פראַגע צי די פּ. פּ. ס. זאָל ווייטער בלייבן אין דער רעגירונג. ס׳איז געווען אַ גאַנץ באַדייטנדיקע אָפּאָזיציע קעגן דעם. די דעבאַטן זיינען געווען העפטיקע. מיט אַ מערהייט שטימען האָט דער קאָנגרעס באַשלאָסן, אַז די פּ. פּ. ס. זאָל ווייטער בלייבן אין דער רעגירונג. דער קאָנגרעס האָט אָבער די אָנפירנדיקע פּאַרטייאָרגאַנען געגעבן רשות אַרויסצוטרעטן פון דער רעגירונג, ווען זיי וועלן עס האַלטן פאַר נייטיק [1].

עטלעכע חדשים זיינען אַוועק און די פּ. פּ. ס. האָט פעסטגעשטעלט אַזאַ נייטיקייט. דעם 20 אַפּריל 1926 זיינען אירע מיניסטאָרן — גאַרבערט באַרליצקי און בראָניסלאַוו זשעמיענצקי — אַרויס פון דער רעגירונג, ווייל די פּ. פּ. ס. האָט נישט געקענט אַדורכקומען מיט די ענדעקעס וועגן מלוכה־בודזשעט און אַנדערע סאָציאַל־עקאָנאָמישע ענינים. די אַנדערע קאָאַליציע־שותפים האָבן געוואָלט סאַנירן די מלוכה־פינאַנצן אויפן חשבון פון די אָרימע שיכטן. ס׳זיינען אויך געווען חלוקי־דעות וועגן פּאָליטישע און מיליטערישע ענינים, בעיקר וועגן פּראָיעקטירטן נייעם אַרמיי־סטאַטוט, וואָס יוזעף פּילסודסקי האָט באַקעמפט. די אַלטע רעגירונג, אין וועלכער ס׳זיינען, ווי פריער, געווען פאַרטרעטן די ענדעקעס, פּויערים־פּאַרטיי פּיאַסט, כאַדעקעס און נ. פּ. ר. בראש מיטן זעלבן אומפּאַרטייאישן פּרעמיער אַלעקסאַנדער סקזשינסקי, איז ווייטער געבליבן, אָבער נישט אויף לאַנג. שוין דעם 5־טן מאַי האָט די רעגירונג זיך אָנגעגעבן אין דעמיסיע און עטלעכע טעג שפּעטער איז געשאַפן געוואָרן אַ נייע רעגירונג פון די זעלבע פּאַרטייען מיט ווינצענטי וויטאָס — דעם פירער פון פּיאַסט — אַלס פּרעמיער־מיניסטער. פּאָליטיש האָט

עס באַדייט אַ רוק אויף רעכטס און פאַר מאַרשאַל יוזעף פּילסודסקי האָט עס געמיינט, אַז זיין וועג צוריק צו דער אָנפירונג פון דער אַרמיי ווערט פאַרמאַכט.

יוזעף פּילסודסקי האָט אויף דעם באַלד רעאַגירט מיט אַ שטאַרקן קלאַפּ. זיינע געטרייע פּולקן האָט ער געבּרענגט קיין וואַרשע און אָנגעהויבן אַן אויפשטאַנד. נאָך בלוטיקע קאַמפן מיטן רעגירונג־טרייען מיליטער — קאַמפן וואָס האָבן געקאָסט איבער 200 טויטע און אַרום טויזנט פאַרוואונדעטע — איז פּילסודסקי אַרויס דער זיגער. דריי טעג און נעכט — דעם 12, 13 און 14 מאַי — זיינען פאָרגעקומען די שיסע־רייען און באָמבאַרדירונגען אין דעם דרום־טייל פון דער פּוילישער הויפּט־שטאָט, וואו עס האָט זיך געפונען דער סיים (פּאַרלאַמענט), דאָס זיץ־אָרט פון דער רעגירונג און די רעזידענץ פון מלוכה־פּרעזידענט סטאַניסלאַוו וואָיטשעכאָווסקי. די רעגירונג מיטן פּרעזידענט בראש האָבן קאַפּיטולירט. צו פּילסודסקיס נצחון האָט אויך צוגעהאָלפן דער פאַקט, וואָס די אַרבעטערשאַפט האָט זיך געשטעלט אויף זיין זייט. גאָר ממשות־דיק האָט געווירקט דער פּראָקלאַמירטער שטרייק פון די באַן־אַרבעטער, וואָס האָט געשטערט דאָס ברענגען קיין וואַרשע רעגירונג־טרייע פּולקן פון דער פּראָווינץ, בעיקר פון פּויזנער געגנט.

אין וואַרשע, וואו די שלאַכט איז געוואָרן דעצידירט, האָבן די פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען פּראָקלאַמירט אַ גענעראַל־שטרייק, וואָס די אַרבעטער־פּאַרטייען — פּ. פּ. ס., קאָמוניסטישע פּאַרטיי און דער בונד — האָבן אונטערגעשטיצט. דער בונד האָט זיין שטעלונג אַזוי פאָרמולירט: „דער קאַמף איז אָנגעהויבן געוואָרן צוליב טעמים, וואָס זיינען נישט געווען אוממיטלבאַר צונויפגעבונדן מיט די ברענענדיקע פראַגן פון אונזער הייניטיקן פּאָליטישן לעבן. עס האָט זיך געהאַנדלט הויפּט־זעכלעך וועגן פראַגן, וואָס האָבן פריער פון אַלץ אַ שייכות צום לעבן פון מיליטער. אָבער דער קאַמף איז פון ערשטן מאָמענט אָן געווען גע־ווענדט קעגן דער רעאַקציאָנערער, קעגן דער פאָלקספיינטלעכער פּיאַסט־כיענע רעגירונג, און דעריבער איז דער קאַמף מיט אַן אייזערנער נויטווענדיקייט אָנגעפילט געוואָרן מיט אַ גאַנץ באַשטימטן פּאָליטישן און סאָציאַלן אינהאַלט”... „די אַרבעטער שפּירן בחוש, אַז אין די שלאַכטן, וואָס קומען זייט צוויי טעג פאַר אויף די גאַסן פון וואַרשע, שטייען אין קאָן די אינטערעסן פון גאַנצן אַרבעטער־קלאַס פון פּוילן, פון די ברייטסטע שיכטן פון אַרבעטנדיקן פאָלק. און דעריבער מוז איצט אין פייער פון קאַמף אָפּטרעטן אויף אַ ווייטערן פּלאַן דאָס, וואָס האָט ביז איצט אָפּגעטיילט דעם סאָציאַליסטישן פּראָלעטאַריאַט פון מאַרשאַלעק פּילסודסקי, און וואָס וועט אים אָפּטיילן פון אים (פּילסודסקין) מאָרגן. הייגט קאָן דער אַרבעטער־קלאַס נישט פאַרבלייבן פּאַסיוו. דאָס פאַרשטייען אינסטינקטיוו די אַרבעטער פון וואַרשע און דאָס איז דער

זין פון דעם אַלגעמיינעם שטרייק, וועלכן ס׳האָבן פּראָקלאַמירט די אַר־בעטער־אָרגאַניזאַציעס פון וואַרשע״ [2]).

אויב ווער ס׳איז האָט געהאַט אילוזיעס וועגן פּאָליטישן און סאָ־ציאַל־עקאָנאָמישן וועג אויף וועלכן די נייע מאַכטהאָבער וועלן גיין, האָט ער נישט געדאַרפט לאַנג וואַרטן אויף דער אַנטוישונג. זי איז געקומען גאָר גיך. אַ טאָג נאָך דער קאַפּיטולאַציע פון אַלטן רעזשים איז געקומען די נייע רעגירונג מיט קאַזשימיעזש באַרטעל אַלס פּרעמיער־מיניסטער. אין איר האָט פּילסודסקי פאַרנומען דעם אַמט פון קריגס־מיניסטער, אָבער ס׳איז פאַר קיינעם נישט געווען קיין סוד, אַז ער איז דער פּולער באַלעבאָס פון דער מלוכה, אומאָפּהענגיק פון אַמט, וואָס ער וועט פאַרנעמען. ער האָט פּראָקלאַמירט, אַז די מלוכה־איבערקערע־ניש איז אַ מאָראַלישע רעוואָלוציע און זיין ציל איז דורכפירן אַ מאָ־ראַלישע סאַנאַציע אין לאַנד. דעם 31 מאַי האָט די נאַציאָנאַלע פאַרזאַמ־לונג (דער סיים און סענאַט), מיט פּילסודסקיס פריערדיקן הסכם, אים אויסגעוויילט אויפן העכסטן אַמט — אַלס מלוכה־פּרעזידענט, און גלייך נאָך דעם האָט ער געמאָלדן זיין רעזיגנאַציע. ס׳איז געווען מצד אים אַ טריק, אויף דעם אופן צו באַקומען פון די קאָנסטיטוציאָנעל־געוויילטע געזעצגעבנדיקע קערפּערשאַפטן אַ לעגאַליזאַציע פאַר דער מאַכט־פאַר־כאַפּונג. מיט אַ טאָג שפּעטער האָט די נאַציאָנאַל־פאַרזאַמלונג אויסגע־וויילט פּילסודסקיס קאַנדידאַט פּראָפעסאָר איגנאַצי מאָשטשיצקי צו זיין דער נייער פּרעזידענט פון פּוילן.

באַלד די ערשטע טריט פון די נייע מאַכטהאָבער האָבן נישט נושא־חן געווען ביי דער אַרבעטערשאַפט און ביים פּויערטום. זייערע פּאַר־טייען, אין וועלכע די סימפּאַטיעס צו פּילסודסקין זיינען געווען גאַנץ שטאַרק און בולט, האָבן נישט באַהאַלטן זייער אומצופרידנקייט מיט דעם, וואָס דער נייער רעזשים גייט אויף אַן אייגענעם וועג און לאָזט זיי נישט צו צום רעגירונג־רודער. ס׳האָט אָבער געמוזט דויערן אַ לענ־גערע צייט ביז די פולע אויסניכטערונג איז געקומען.

פאַרן בונד איז באַלד פון אָנהייב געווען קלאָר, אַז מ׳דאַרף פאַר־נעמען אַן אָפּאָזיציאָנעלע שטעלונג צום נייעם רעזשים. שבת דעם 5 יוני 1926 איז אין וואַרשע פאָרגעקומען אַן עפנטלעכער מאַסן־מיטינג פון בונד. די בונדישע פירער ה. ערליך, ב. מיכאַלעוויטש, וו. אַלטער און ע. נאָוואָגרודסקי האָבן געשילדערט די נייע סיטואַציע און פאָרמולירט די שטעלונג פון בונד. זיי האָבן געזאָגט, אַז די אַרבעטערשאַפט קען זיך נישט פאַרלאָזן אויף פרעמדע כוחות און פרעמדע רעוואָלוציעס. שוין די ערשטע טריט פון די נייע מאַכטהאָבער ווייזן וואוהין זיי גייען. די פּ. פּ. ס. פון איין זייט און די קאָמוניסטישע פּאַרטיי פון דער צווייטער זייט האָבן געלייגט גרויסע האָפנונגען אויף דער איבערקערעניש, וואָס פּילסודסקי האָט אַדורכגעפירט.

אין דער אַנגענומענער רעזאָלוציע איז צווישן אַנדערן געזאָגט געוואָרן: „די פאַרזאַמלונג קאָנסטאַטירט, אַז אין משך פון די קנאַפּע פיר וואָכן, וואָס זיינען פאַרביי זינט דער איבערקערעניש, האָט דער אַרבעטער־קלאַס נישט באַקומען אַפילו קיין איין אַנצוהערעניש אויף דעם, אַז ס׳וועט פאַרווירקלעכט ווערן וועלכע נישט איז פון זיינע וויכטיקסטע פאָדערונגען. און די פּרוּוון פון דער נייער מאַכט אַריבערצוּוואַרפן אַ בריק צו דער צעקלאַפּטער רעאַקציע זיינען, פאַרקערט, אַ בפירושע געפאַר פאַר דעם אַרבעטער־קלאַס און דראָען צו נישט מאַכן די רעזולטאַטן פון דער מאַי־איבערקערעניש״ [9]).

דער פּילסודסקי־רעזשים האָט צוגעצויגן צו זיך דעם „לוויתן״ (די גרויס־אינדוסטריעלער), די גרויסע גרונט־באַזיצער, אַ טייל פון קאַטוילישן קלער און אַ טייל פון דער מלוכהשער ביוראָקראַטיע. גלייכצייטיק זיינען צו אים געווען — אין ערשטן פּעריאָד — שטאַרקע סימפּאַטיעס ביי דער אַרבעטערשאַפט און פּויערטום.

אין די ווייטערדיקע יאָרן האָט דער רעזשים דורכגעמאַכט עטלעכע גילגולים און זיך עטאַבלירט ווי אַ דיקטאַטור מיט אַ כלומרשט דעמאָקראַטישער מאַסקע. זיין טעטיקייט אויף די געביטן פון פּאָליטיק און עקאָנאָמיע, זיינע מעטאָדן פון רעגירן, קאָרומפּירטקייטן, אונטערדריקונגען און וואַל־פעלשונגען האָבן גורם געווען אַ שטאַרקע אָפּאָזיציע מצד דער אַרבעטערשאַפט, פּויערטום און נאַציאָנאַלע מינדערהייטן פון איין זייט און מצד דעם באַזיגטן ענדעקישן לאַגער פון דער צווייטער זייט.

אויך די יידישע באַפעלקערונג האָט געפילט די ענדערונגען, וואָס זיינען פאָרגעקומען אין פּאָליטישן לעבן פון לאַנד — פון ליבעראַלן ווינטל אין דער ערשטער צייט נאָך דער איבערקערעניש אין מאַי 1926 ביז דער איינגעשטעלטער דיקטאַטור פון „אָזאָן״־לאַגער מיט זיין אויסגעשפּראָכענער אַנטי־יידישער פּאָליטיק.

נישט געקוקט אויף דעם אַנטי־יידישן קורס, האָבן דאָך די יידן פאַרנומען אַ באַדייטנדיק אָרט אין ווירטשאַפטלעכן לעבן פון לאַנד. די גרויסע מערהייט פון דער אַלגעמיינער באַפעלקערונג — איבער 70 פּראָצענט — האָט געלעבט אין די דערפער און 60 פּראָצענט פון איר האָבן זיך פאַרנומען מיט לאַנדווירטשאַפט. אין דעם צווייג פון דער ווירטשאַפט זיינען יידן געווען מינימאַל באַטייליקט. דער רוב פון דער פאָלקס־הכנסה אין פוילן איז אָבער נישט געקומען פון דער אַגראַר־ווירטשאַפט, נאָר פון דער אינדוסטריע און האַנדל, וואו די יידן האָבן געשפּילט אַ גרויסע ראָל — אַ סך אַ גרעסערע ווי זייער פּראָצענטועלע גרויס אין דער אַלגעמיינער באַפעלקערונג. די לאַנדווירטשאַפט איז געווען באַטייליקט אין דער אַלגעמיינער פאָלקס־הכנסה מיט 47.8 פּראָצענט, די אינדוסטריע — מיט 36.5 פּראָצענט און דער האַנדל — מיט 15.7 פּראָצענט.

בעת די יידן האָבן אויסגעמאַכט בערך 10 פּראָצענט פון דער אַלגעמיינער באַפעלקערונג, האָט זייער אַנטייל אין דער אינדוסטריע באַטראָפן 25 פּראָצענט און אין האַנדל בערך 60 פּראָצענט [4].

די עקאָנאָמישע טעטיקייט פון די יידן איז געווען אַן אָרגאַנישער טייל פון דער אַלגעמיינער עקאָנאָמיע אין לאַנד. און ווען די רעגירונג־אָרגאַנען און די אַנטיסעמיטישע גרופּירונגען פון דער פּוילישער געזעלשאַפט האָבן גענומען שלאָגן יידן אויפן עקאָנאָמישן פעלד, האָבן זיי גלייכצייטיק אויך געשלאָגן און געשעדיקט די ווירטשאַפט פון לאַנד און דעם וואוילשטאַנד פון דער באַפעלקערונג בכלל. צוליב דעם האָבן די אַלע אַנטי־יידישע באַגרענעצונגען און נגישות קיין פולע הצלחה נישט געקענט האָבן, הגם פאַר די יידן זיינען זיי געווען גאַנץ ווייטאָגדיק.

פּאָליטיש און עקאָנאָמיש האָט פּוילן דורכגעמאַכט שווערע טראַנספאָרמאַציעס און אויפטרייסלונגען, וואָס האָבן פיינלעך געווירקט אויף דער אַלגעמיינער באַפעלקערונג. מיט דעם דערקלערט זיך דער פאַקט פון דער עמיגראַציע קיין אויסלאַנד. אין די יאָרן 1919—1935 האָבן עמיגרירט פון פּוילן 1 מיליאָן און 875 טויזנט נפשות, אָבער בערך אַ מיליאָן זיינען צוריקגעקומען (פיל פון זיי זיינען לכתחילה אַוועקגעפאָרן אויף סעזאָן־אַרבעט). אַוועק אויף שטענדיק זיינען אָבער בערך 900 טויזנט נפשות. פון די יידן, וואָס זיינען אַוועק, האָבן 99 טויזנט עמיגרירט קיין פּאַלעסטינע, אָבער נישט אַלע זיינען דאָרט געבליבן. אַ טייל האָבן פון פּאַלעסטינע אויסגעוואַנדערט אין אַנדערע לענדער און 10 טויזנט פון זיי זיינען צוריקגעקומען קיין פּוילן. די אויסוואַנדערונג האָט נישט פאַרקלענערט די באַפעלקערונג פון לאַנד, וועלכע איז כסדר געשטיגן. אין יאָר 1921 האָט זי באַטראָפן 27 מיליאָן און 200 טויזנט נפשות, אין 1926 — אַרום 30 מיליאָן, אין 1931 — בערך 32 מיליאָן, אין יאַנואַר 1939 — 35 מיליאָן און 100 טויזנט [5]. אויך די יידישע באַפעלקערונג האָט זיך פאַרגרעסערט, נישט געקוקט אויף איר שווערער לאַגע און עמיגראַציע. פון 2 מיליאָן און 755 טויזנט נפשות אין יאָר 1921 איז די צאָל יידן געשטיגן אין נאָענטסטן צענטליק יאָרן (1921—1931) ביז 3 מיליאָן און 115 טויזנט.

לויט דער קאָנסטיטוציע, זיינען די יידן געווען גלייכבאַרעכטיקטע בירגער פון דער פּוילישער רעפּובליק. אין טאָג־טעגלעכן לעבן איז אָבער די גלייכבאַרעכטיקונג נישט געווען. אויף אַ ריי געביטן, וואָס האָבן געהאַט אַ שייכות צו דער אַלגעמיינער באַפעלקערונג, זיינען די שיינע ליבעראַלע פּונקטן פון דער קאָנסטיטוציע געבליבן טויטע אותיות. בנוגע יידן איז עס נאָך געווען מיט אַ גרויסן עודף. די יידישע באַפעלקערונג איז געוואָרן שטאַרק דיסקרימינירט און באַגרענעצט.

די יידן זיינען געווען אויסגעשלאָסן פון דער אַגריקולטור־ווירטשאַפט, פון מלוכהשע און מוניציפּאַלע שטעלעס, פון נאַציאָנאַליזירטע

פראָדוקציע־צווייגן, פון די גרויסע פאַבריקן און פון דער שווער־אינ־דוסטריע, פון פאַרמלוכהשטן און פאַרשטאַטישטן טראַנספּאָרט, פון דער פּראָפעסור, פון דער מיליטערישער אָנפירונג (ווי אין די רוסיש־צאַרישע צייטן, האָבן יידן געדאַרפט דינען אין מיליטער, אָבער בלויז ווי זעל־נער), פון דער פּאָליציי, פון געריכט־וועזן (יידן האָבן בלויז געקענט זיין אַדוואָקאַטן) און פון נאָך אַנדערע צווייגן פון דער ווירטשאַפט, וויסנ־שאַפט און געזעלשאַפטלעכער דינסט. די געציילטע אויסנאַמען האָבן נישט געענדערט דעם אַלגעמיינעם מצב.

דאָס האָט די יידן געמאַכט פאַר בירגער פון אַ נידעריקער מדרגה, הגם ביי מלוכהשע און מוניציפּאַלע וואַלן זיינען זיי געווען גלייכבאַ־רעכטיקט מיט דער פּוילישער באַפעלקערונג. אַ דיסקרימינאַציע אונ־טער אַ מאַנטל פון דעמאָקראַטיע.

דער דורות־לאַנגער אַנטיסעמיטיזם, וואָס איז געווען פאַרשפּרייט ביי גרויסע שיכטן פון דער פּוילישער באַפעלקערונג, איז כסדר גע־שפּייזט געוואָרן דורך אַ צאָל פּוילישע גרופּירונגען, וואָס האָבן אַנטי־יידישע דיסקרימינאַציע געמאַכט פאַר אַ טייל פון זייער אידעאָלאָגיע. דער אַנטיסעמיטיזם איז אויך געפּריידיקט געוואָרן דורך באַדייטנדיקע טיילן פון קאַטוילישן קלער. די יידן האָבן כסדר געפילט די אַנטיסע־מיטישע לופט אַרום זיך, וואָס איז פון צייט צו צייט אויפגעבלאָזן גע־וואָרן צו שטורמישע ווינטן און אַנטי־יידישע עקסצעסן. אָנפאַלן אויף יידן זיינען נישט געווען קיין זעלטענע דערשיינונג. פון דעם אַלעם האָבן צום מערסטן געליטן די אָרימע יידישע שיכטן, צווישן וועלכע דער בונד איז געווען טעטיק און פאַר וועמענס לעבנס־אינטערעסן ער האָט געזאָרגט און זיך איינגעשטעלט.

דורך כסדרדיקער אויפקלערונג און אומדערמידלעכע אָרגאַניזיר־אונטערנעמונגען האָט דער בונד גענערט און געשטאַרקט דעם בטחון און גלויבן פון די יידישע פאָלקס־מאַסן. ער האָט זיי געהאָלפן ווערן פעאיק צום ווידערשטאַנד און קאַמף פאַר זייערע סאָציאַלע און נאַציאָ־נאַלע רעכט און שטרעבונגען.

אין די שווערע און קאָמפּליצירטע באַדינגונגען איז דעם בונד אויס־געקומען צו פירן זיין פּאָליטישע, עקאָנאָמישע און קולטורעלע טעטיקייט און קעמפן פאַר זיינע פּרינציפּן און פאָדערונגען אין דער פּוילישער מלוכה, אין דער יידישער געזעלשאַפט און אין דער אַרבעטער־באַווע־גונג. אַ קאַמף פאַר דעם, וואָס דער בונד האָט געהאַלטן פאַר גערעכט, ריכטיק, נוצלעך און קעגן דעם, וואָס ער האָט באַטראַכט פאַר אומגע־רעכט, פאַלש, שעדלעך. גייענדיק אויף דעם וועג, האָט ער זיך אַרויס־באַקומען פון אייגענע זוכענישן און בלאָנדזשענישן און איז געשטאַרקטער־הייט געשטיגן כסדר באַרג־אַרויף.

## 2. וואַלן און טעטיקייטן

אי אין די פּראָבלעמען פון דער סאָציאַליסטישער אַרבעטער־באַוועגונג, אי אין די ענינים פון יידישן לעבן האָט דער בונד פאַרנומען זעלבסטשטענדיקע שטעלונגען. ער האָט געהאַט אַן אייגן פּנים. אַזוי איז ער אויך געווען אין זיין פּראַקטישער טעטיקייט. ער האָט קודם כל געזאָרגט פאַר די אינטערעסן פון דער אַרבעטערשאַפט און פאַר די אָרימע אַרבעטנדיקע שיכטן בכלל. ס'איז דעריבער פאַר אים געווען אוממעגלעך צוזאַמענצואַרבעטן מיט די גרופּירונגען פון יידישן בירגערטום און קליינבירגערטום. עס זיינען געווען אידעאָלאָגישע און פּראַקטישע מניעות, אָבער צונויפגעטראָפן און צוזאַמענגעשטויסן מיט זיי האָט ער זיך יאָ.

הויכפּונקטן אין דער בונדישער טעטיקייט זיינען געווען די וואַל־קאַמפּאַניעס. כאָטש אויך אין די פּשוטע טעג פון אַ גאַנץ יאָר זיינען די בונדישע אָרגאַניזאַציעס געווען געקנופּט און געבונדן מיט דער פאָלקס־מאַסע, איז דער קאָנטאַקט מיט איר געווען נאָך שטאַרקער און דירעקטער ערב וואַלן. אַ גאַנץ יאָר איז מען צו איר געקומען דורך דער פּרעסע און אויפרופן, דורך עפנטלעכע פאַרזאַמלונגען און פאַרלעזונגען אָדער דורך אַנדערע קאָנטאַקטן און אַקטיוויטעטן. ערב וואַלן איז דאָס אַלץ געוואָרן אויסגעברייטערט און מער אינטענסיוו. די בונדישע פירער און טוער האָבן אין די שטעט און שטעטלעך זיך באַגעגנט פּנים אל פּנים מיט טויזנטער און טויזנטער. בונדיסטן און יוגנט־בונדיסטן זיינען געגאַנגען דירעקט אין די היימען פון די וויילער (הויז־אַגיטאַציע). זיי האָבן פאַר זיי אויפגעקלערט, וואָס דער בונד פאָדערט. פאַר דעם וויילער האָט דאָס באַדייט נישט בלויז אָפּגעבן זיין שטים, נאָר מאַכן אַ חשבון־הנפש, אָפּשאָקלען פון זיך די פּאַסיוויקייט, פאַרוואַנדלען די אומצופרידנקייט אין אַן אַקטיוון פּראָטעסט.

דער בונד האָט געפירט וואַל־קאַמפּאַניעס צום פּאַרלאַמענט, שטאָט־ראַטן, קראַנקן־קאַסעס און קהילות. אין די אַלע וואַל־קאַמפּאַניעס האָט ער זיך באַמיט צו ווירקן, אַז די יידישע אַרבעטער און די אָרימע יידישע באַפעלקערונג בכלל זאָלן נישט אַרונטערפאַלן אונטערן איינפלוס פון דער בירגערלעכער אַגיטאַציע, נאָר זען קלאָר זייער אייגענעם מצב און שטימען אין הסכם מיט זייערע אינטערעסן.

פאַר די סיים־וואַלן פון 4 מערץ 1928 האָט דער צענטראַלער וואַל־קאָמיטעט פון בונד אין זיין אויפרוף געוויזן דעם טרויעריקן רעזולטאַט

פון די צוויי יאָר ממשלה פון סאַנאַציע־רעזשים אונטער דער אָנפירונג פון מאַרשאַל יוזעף פּילסודסקי און עס ווערט געזאָגט: „מיר זיינען קעגן אַ רעזשים פון אָפענער אָדער פאַרמאַסקירטער הערשאַפט פון אַ יחיד"... „מיר ווילן אַ רעגירונג, וואָס זאָל זיך שטיצן אויף די ברייטע אַרבעטנ־דיקע שיכטן פון שטאָט און דאָרף. מיר ווילן אַן אַרבעטער־ און פויערים־רעגירונג". דער אויפרוף האָט אויסגערעכנט אַ ריי קאָנקרעטע פאָדע־רונגען, צווישן זיי אויך, אַז „ס'זאָל ענדלעך דורכגעפירט ווערן אין לעבן די אַלגעמיינע אָבליגאַטאָרישע בילדונג אין אַ פרייער, וועלטלעכער אַרבעטער־שול אין דער מוטער־שפּראַך פון קינד". דער אויפרוף האָט באַ־טאָנט די פאָדערונג פון רעכט אויף אַרבעט פאַרן יידישן אַרבעטער, אָנגעשטעלטן און אַרבעטנדיקן אינטעליגענט. „די יידישע פאָלקס־מאַסן ווילן מוזן פאָדערן פאַר זייערע קינדער רעכט אויף אַן אומזיסטער וועלטלעכער פאָלקס־שול אין יידיש, רעכט צו באַנוצן יידיש אין די מלוכהשע און קאָמונאַלע אַמטן און אין געריכט". דער אויפרוף האָט אויך פאַרלאַנגט צו ענדערן דעם כאַראַקטער פון די קהילות און פאַרוואַנדלען זיי אין וועלטלעכע און געבן דער יידישער באַפעלקערונג נאַציאָנאַל־קולטורעלע אויטאָנאָמיע.

דער אויפרוף האָט שאַרף אַטאַקירט די צוויי בלאָקן פון יידישן ביר־גערטום — אָרטאָדאָקסן, גאַליציאַנער ציוניסטן, רבנים, סוחרים, באַנ־קירן, פאָלקיסטן, וואָס זיינען געווען גרופּירט אויף איין וואַל־ליסטע און ציוניסטן, מזרחיסטן פון קרוין־פּוילן און פאָלקס־דעמאָקראַטן אויף אַ צווייטער ליסטע. עס איז אָנגעוויזן געוואָרן, ווי פאַלש עס איז געווען די לאָזונג פון „כלל ישראל"־פּאָליטיק, וואָס האָט ענדלעך געפּלאַצט. דער אויפרוף האָט אונטערגעשטראָכן די נייטיקייט פון אַן איינהייטלעכן אַרבעטער־פראָנט, וואָס האָט נישט געקענט געשאַפן ווערן צוליב דעם אָפּזאָג פון דער פּוילישער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי און פון דער פּוילי־שער קאָמוניסטישער פּאַרטיי. פאַרן בונד איז נישט געבליבן קיין אַנדע־רער אויסוועג ווי גיין זעלבסטשטענדיק צו די וואַלן.

צוויי מאָל איז אין דעם געגעבענעם פּעריאָד אויסגעקומען צו באַ־טייליקן זיך אין וואַלן פון פּאַרלאַמענט (סיים און סענאַט). אַזעלכע וואַלן זיינען געווען אין די יאָרן 1928 און 1930. איןביידע פאַלן האָבן די בונדישע ליסטעס נישט געקענט אָנציען גענוג שטימען אויף דורכצו־פירן די בונדישע קאַנדידאַטן.

דער צענטראַל־קאָמיטעט פון בונד האָט פאַר די וואַלן פון מערץ 1928 געוואוסט, אַז אַ יידישע אַרבעטער־ליסטע האָט ביי דער עקזיס־טירנדיקער וואַל־אָרדינאַציע קנאַפּע שאַנסן אָנצוציען גענוג שטימען אויף צו באַקומען מאַנדאַטן. ער האָט דעריבער זיך באַמיט וועגן שאַפן סאָציאַליסטישע בלאָקן — מיט דער פּ. פּ. ס. אָדער מיט די סאָציאַליס־טישע גרופּירונגען פון די נאַציאָנאַלע מינדערהייטן. אָבער די באַמי־

אונגעזן האָבן קיין פּעולה נישט געהאַט. בלויז אין איין וואַל־קרייז, אין ביאַליסטאָק, איז געשאַפן געוואָרן אַ בלאָק מיט פּ. פּ. ס., וואָס האָט דעם בונד געגעבן דאָס ערשטע אָרט אויף דער וואַל־ליסטע. טויזנטער יידישע און פּוילישע אַרבעטער האָבן טאַקע געשטימט פאַרן בונדישן קאַנדידאַט פון סאָציאַליסטישן בלאָק, וועלכער איז געווען אויפן ערשטן אָרט פון דער געמיינזאַמער ליסטע, אָבער די באַקומענע שטימען זיינען נישט געווען גענוג אויף געוויילט צו ווערן. דער בונד פון זיין זייט האָט גערופן צו שטימען פאַר די קאַנדידאַטן פון פּ. פּ. ס. אין די וואַל־קרייזן פון פּיעטריקאָוו, טאַרנאָוו, מלאַווע און אָסטראָוו מאַזאָוויעצק.

פאַר די בונדישע ליסטעס אין די סיים־וואַלן פון 4 מערץ 1928 זיינען אָפּגעגעבן געוואָרן העכער 100 טויזנט שטימען (אין 1922 — איבער 81 טויזנט). אין ביאַליסטאָק האָט די ליסטע פון סאָציאַליסטישן בלאָק, וואו דער בונדישער קאַנדידאַט איז געווען אויפן ערשטן אָרט, באַקומען 14,600 שטימען; פון זיי זיינען 8,500 געווען יידישע שטימען, 6 טויזנט פּוילישע און 100 פון אַנדערע נאַציאָנאַליטעטן. לויטן רוף פון בונד, האָבן יידישע אַרבעטער אין גרעסערע צאָלן געשטימט פאַר די ליסטעס פון פּ. פּ. ס. אין די פריער־דערמאָנטע 4 וואַל־קרייזן. אין וואַל־קרייז פון קאָוועל האָט מען געפּסלט צוויי קאַנדידאַטן־ליסטעס פון אוקראַאינישע אַרבעטער און פּויערים. זיי האָבן דעריבער גערופן צו שטימען פאַר דער בונדישער ליסטע. אויך דאָס האָט נישט געהאָלפן. די רעגירונג־פּאַרטיי האָט דורך פעלשונגען צוגענומען פאַר זיך אַלע 5 קאַנדידאַטן פון דעם וואַל־קרייז.

אין וואַרשע האָט די בונדישע ליסטע באַקומען 18,410 שטימען; אין לאָדזש — 13.842; אין לובלין — 6,980 און קלענערע צאָלן אין אַנדערע שטעט.

אויף דער יידישער גאַס איז צום ערשטן מאָל אַרויסגעטרעטן אַ סאַנאַציע־טרייע פּאַראייניקונג, וואָס האָט אָפן דערקלערט איר לאָיאַליטעט צום דיקטאַטאָרישן רעזשים. צו איר האָבן געהערט די אָרטאָדאָקסישע אגודה, פאָלקס־פּאַרטיי, סוחרים־פאַראיין און אַנדערע. די רעגירונג האָט די יידישע פּראָ־סאַנאַציע־ליסטע פאַוואָריזירט. אויך אַ טייל ציוניסטן האָבן זיך איינגעשפּאַנט אין וואָגן פון סאַנאַציע־רעזשים.

די פּראָ־סאַנאַציע־אָריענטאַציע, דאָס אָנשפּאַרן זיך אויף דער רעגירונג מצד אַ גרויסן טייל פון די יידיש־בירגערלעכע גרופּירונגען האָט אָנגעהאַלטן אויך אין די שפּעטערדיקע יאָרן, כאָטש דער אַזאַ (דער ווייטערדיקער גילגול פון דער סאַנאַציע) האָט שוין געהאַט אַן אָפן אַנטיסעמיטיש פּנים און געפירט אַן אויסגעשפּראָכן אַנטי־יידישע פּאָליטיק.

אָפּשאַצנדיק דעם אויסגאַנג פון די וואַלן, האָט עמנואל נאָוואָגרודסקי געשריבן: „קיינמאָל האָבן מיר נאָך נישט געהאַט אַ וואַל־קאַמפּאַניע, וואו די יידישע אַרבעטער זאָלן אַזוי נישט גערן גיין זעלבסט־

שטענדיק אין וואַל־קאַמף. ווי איצט. אין צענטליקער בריוו פון אַלע קלענערע און גרעסערע שטעט האָבן די אָרטיקע טוער געשריבן, אַז ביי זיי הויבן זיך פשוט נישט די הענט צו אַרבעטן פאַר אַ האָפנונגסלאָזער, זעלבסטשטענדיקער וואַל־קאַמפּאַניע; אַז ביי זיי און ביי דער ווילער־מאַסע פעלט אויס פּאַטאָס פאַר וואַלן, אויב זייער איינציקער רעזולטאַט דאַרף זיין בלויז ׳ציילן שטימען׳״... „ביי אונזער וואַל־אָרדינאַציע, ביי דער צעשפליטערטקייט אין דער אַרבעטער־באַוועגונג, ביי די געגעבענע צווישנפּאַרטייאישע באַציאונגען, נעמענדיק אין אַכט, אַז דער יידישער אַרבעטער איז בלויז אַ קליינע מינדערהייט פון אַ קליינער צעזייטער, עקסטעריטאָריאַלער נאַציאָנאַלער מינדערהייט, איז די וואַל־סיטואַציע געווען זייער אַ שווערע. נאָר אויסמיידן די זעלבסטשטענדיקע וואַל־קאַמפּאַניע איז געווען אוממעגלעך״. זיין אויספיר איז געווען: „די וויכטיקסטע און גרינטלעכסטע סיבה פאַרוואָס די וואַל־קאַמפּאַניע האָט נישט געגעבן דעם געהעריקן רעזולטאַט״... „איז — די איזאָלירטע לאַגע פון ׳בונד׳. איינער פון די גרונט־עיקרים פון ׳בונדיזם׳ איז דאָס באַהעפטן די יידישע אַרבעטער־באַוועגונג אַלס אָרגאַניזירטע איינהייט — מיט דער אַלגעמיינער פּראָלעטאַרישער באַוועגונג פון לאַנד. זיין אַ זעלבסטשטענדיקע פּאַרטיי, אַנשטאָט אַן אויטאָנאָמער באַשטאַנד־טייל פון דער לאַנד־באַוועגונג, קען זיין פאַרן ׳בונד׳ בלויז אַן אַרויפגעצוואונגענער עפּיזאָד אין זיין געשיכטע. אמת, נישט צוליב אונזער שולד, אָבער אַ פאַקט בלייבט עס, אַז דער דאָזיקער עפּיזאָד האָט אין אומאָפּהענגיקן פּוילן זיך פאַרצויגן אַ ביסל צו לאַנג״ [6]).

ביי נאָך ערגערע באַדינגונגען זיינען פאָרגעקומען די פּאַרלאַמענט־וואַלן אין נאָוועמבער 1930. דאָס זיינען געווען וואַלן אונטער אַ טעראָר און רעפּרעסיעס מצד דעם סאַנאַציע־רעזשים.

די אָפּאָזיציאָנעלע פּאַרטייען פון פויערטום און אַרבעטער האָבן געשאַפן אַ וואַל־בלאָק, וואָס איז געווען באַקאַנט אונטערן נאָמען „צענטראָלעוו״. די רעגירונג האָט דעם בלאָק געראָדפט, געשטערט אין זיין וואַל־קאַמפּאַניע און אַ גרעסערע צאָל פון זיינע הויפּט־פירער אַרעסטירט, פאַרשפּאַרט אין בריסקער פעסטונג און אַ טייל פון זיי אַפילו פיזיש געפּייניקט.

אין די באַדינגונגען, האָט דער בונד ווידער זיך באַמיט צו שאַפן אַ סאָציאַליסטישן בלאָק אָדער קאָנצענטראַציע. דער שטאַרקסטער צד האָט געדאַרפט זיין די פּוילישע סאָציאַליסטישע פּאַרטיי, אָבער אויך דאָס מאָל האָט זיך עס נישט איינגעגעבן. די פּ. פּ. ס. האָט באַשלאָסן צו ווערן אַ טייל פון „צענטראָלעוו״. אַנשטאָט אַ סאָציאַליסטישע קאָנצענטראַציע, האָט זי פאַרגעלייגט אַרויפצושטעלן עטלעכע בונדישע קאַנדידאַטן אויף געזיכערטע ערטער פון דער מלוכה־ליסטע אָדער פון די ליסטעס אין די וואַל־קרייזן, וואָס דער „צענטראָלעוו״ וועט אַרויסשטעלן. הגם דאָס

וואַלט געקענט געבן דעם בונד אַ פּאָר מאַנדאַטן, האָט ער זיך, צוליב פּרינציפּיעלע טעמים, פון דעם אָפּגעזאָגט און באַשלאָסן צו פירן אַ וואַל־קאַמפּאַניע אָן אויסזיכטן דורכצופירן זיינע קאַנדידאַטן.

דער בונד האָט געשאַפן אַ בלאָק מיט צוויי קליינע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען — אומאָפּהענגיקע סאָציאַליסטישע פּאַרטיי און רעכטע פּועלי־ציון.ביידע האָבן אַ גרויסן צושטייער נישט געקענט געבן. דער בלאָק האָט געליטן פון שיקאַנעס און פאַרבאָטן מצד די מאַכט־אָרגאַנען. די וואַל־פּלאַטפאָרם איז קאָנפיסקירט געוואָרן. אין צענטליקער שטעט האָט מען פאַרבאָטן די פאַרזאַמלונגען פאַר די וואַלן. אין 8 וואַל־קרייזן האָט מען געפּסלט די קאַנדידאַטן־ליסטעס פון סאָציאַליסטישן בלאָק. ס'איז פון פאָרויס געווען קלאָר, אַז די ליסטעס פון בלאָק האָבן נישט קיין שאַנסן. פאַר זיי זיינען אָפּגעגעבן געוואָרן סך־הכל איבער 71 טויזנט שטימען אין לאַנד.

⁂

די וואַל־אָרדינאַציע, די שיקאַנעס פון די מאַכט־אָרגאַנען, די השפעה פון די כלי־קודש און פון בירגערטום אויך אויף היפּשע שיכטן פון דער אָרימער יידישער באַפעלקערונג, ווי אויך די געשפּאָלטנקייט פון דער אַרבעטער־באַוועגונג, האָבן גורם געווען, אַז אַ זעלבסטשטענדיקע בונדישע ליסטע זאָל נישט קענען אַדורכפירן אירע קאַנדידאַטן ביי די סיים־וואַלן. דער איינציקער פּאָזיטיווער רעזולטאַט פון די בונדישע וואַל־קאַמפּאַניעס איז געווען די גרויסע אויפקלערערישע אַרבעט, וואָס איז אָפּגעטאָן געוואָרן. אַנדערש זיינען געווען די וואַל־קאַמפּאַניעס צו די שטאָט־ראַטן, וואָס האָבן געגעבן ממשותדיקע רעזולטאַטן. אין אַ גרויסער צאָל שטעט און שטעטלעך האָבן די בונדישע ליסטעס דורכגעפירט זייערע קאַנדידאַטן.

די שטאָט־ראַטן, וואָס זיינען געווען נענטער צום דורכשניטלעכן פאָלקס־מענטש און וואו מ'האָט באַשטימט ענינים, וואָס האָבן מער דירעקט אים באַרירט, האָבן בולט באַשטעטיקט די ריכטיקייט און גערעכטיקייט פון די סאָציאַליסטישע טענות. מ'האָט באַשיינפּערלעך געזען די קלאַסן־צעטיילונג: די פּוילישע און יידישע בירגערלעכע ראַטמענער שטימען צוזאַמען לטובת די פאַרמעגלעכע און רייכע, די פּוילישע און יידישע סאָציאַליסטישע ראַטמענער שטימען צוזאַמען לטובת די נישט־פאַרמעגלעכע און אָרימע. יידישע בירגערלעכע פאַרשטייער זיינען געווען אין איין פראָנט אַפילו מיט רעאַקציאָנערן און אַנטיסעמיטן, יידישע סאָציאַליסטן — אין איין פראָנט מיט די פאַרשטייער פון די פּוילישע אַרבעטער. אַזוי איז געווען ביים באַשטימען די „פּאַדאַטקעס" (שטייערן), ביים אויסאַרבעטן די בודזשעטן — פון וואַנען נעמען די הכנסות און אויף וואָס פאַרווענדן די הוצאות, ביי אָפּשטימען פאַרשלאָגן לטובת דער

אָרימער באַפעלקערונג און אין די אַנדערע ענינים פון דער מוניציפּאַלער באַלעבאַטישקייט. ענלעך איז געווען, ווען מ׳האָט זיך גערדאַרפט אַרויס־זאָגן וועגן געוויסע געשעענישן פון מלוכהשן לעבן. די בונדישע ראַט־מענער האָבן באַזונדערס אַקטיוו געפאָדערט רעכט אויף אַרבעט פאַר יידישע אַרבעטער און סובסידיעס פאַר די יידיש־וועלטלעכע שולן און קולטור־אינסטיטוציעס. פון די טריבונעס פון די שטאָט־ראַטן האָבן זיי דעמאַסקירט די אַנטיסעמיטישע געמיינקייטן און עוולות לגבי דער יידי־שער באַפעלקערונג.

אין יאָר 1927 זיינען אין לאַנד פאָרגעקומען וואַלן פון נייע שטאָט־ראַטן. דער בונד האָט געפירט אַ געהעריקע וואַל־קאַמפּאַניע.

אין וואַרשע זיינען די שטאָט־ראַט־וואַלן פאָרגעקומען אין מאַי 1927. אַזש 13 יידישע ליסטעס זיינען אַרויסגעשטעלט געוואָרן. דער רעזולטאַט איז געווען אַ שטאַרקע צעשפּליטערונג פון די יידישע שטימען. דער אויס־גאַנג פון די וואַלן אין דער הויפּט־שטאָט פון לאַנד איז געווען: דער כלל־ישראלדיקער נאַציאָנאַלער בלאָק האָט באַקומען 39,966 שטימען; אויפן צווייטן אָרט איז געווען דער בונד מיט 19,864 שטימען. די רעשט יידישע שטימען זיינען געוואָרן צעשפּליטערט אויף די אַנדערע 11 יידישע ליסטעס. 16,477 יידישע שטימען זיינען אויך אָפּגעגעבן געוואָרן אויף נישט־יידישע ליסטעס — פּויליש־בירגערלעכע, פּעפּעסישע און קאָמו־ניסטישע [7]. דער בונד האָט דורכגעפירט אין וואַרשע 7 ראַטמענער, אַלע אַנדערע יידישע גרופּירונגען צוזאַמען 20. אין לובלין האָט דער בונד ביי די שטאָט־ראַט־וואַלן דורכגעפירט 8 ראַטמענער, דער כלל־ישראל־בלאָק — 5.

אין לאָדזש איז דעם 9 אָקטאָבער 1927 אויסגעוויילט געוואָרן אַ שטאָט־ראַט מיט אַ סאָציאַליסטישער מערהייט. פון די יידישע פּאַרטייען איז דער בונד געווען אויפן ערשטן אָרט מיט 13,993 שטימען (5 דורכ־געפירטע ראַטמענער). די אָרטאָדאָקסישע אגודה האָט אויך באַקומען 5 ראַטמענער, אָבער ווייניקער שטימען — 11,364) [8]. אין רעזולטאַט פון די שטאָט־ראַט־וואַלן האָט דער בונד באַקומען מיטגלידער (לאַוניקעס) אין די מאַגיסטראַטן פון וואַרשע, לאָדזש, לובלין און אַנדערע שטעט (די לאַוו־ניקעס זיינען געוויילט געוואָרן אין די שטאָט־ראַטן לויט פּראָפּאָרציאָ־נעלע וואַלן).

אין שייכות מיט די שטאָט־ראַט־וואַלן האָט דער באַריכט־אָפּגעבער, עמנואל נאָוואָגרודסקי, אויפן פערטן צוזאַמענפאָר פון בונד געזאָגט:

„קיינמאָל האָבן אונז די בירגערלעכע פּאַרטייען נישט געשפּאָרט קיין אויפמערקזאַמקייט, אָבער דאָס מאָל זיינען מיר געווען פשוט דער צענטער פון זייער גאַנצער וואַל־קאַמפּאַניע״... „דאָס איז געווען אַן אויסדרוק פון אויסגעוואַקסענעם האַס, פון פאַרשטאַרקטער שינאה צו אונז מצד דעם גאַנצן יידישן בירגערטום. אין 1927 זיינען מיר שוין געווען אַזאַ כוח

אויף דער יידישער גאַס, אַז דאָס בירגערטום האָט זיך דערפילט באַדראָט"... „אונזער באַוועגונג האָט שטענדיק געפילט אַ מאַנגל אין אינטעליגענץ. די ערשטע נצחונות בעת די וואַלן צו די שטאָט־ראַטן האָבן אין דעם פּרט געבּרענגט אַ שטיקל ענדערונג. מיר האָבן אָבער רעקאָמענדירט אונזערע לאָקאַלע אָרגאַניזאַציעס זיי זאָלן אַרויסשטעלן אויף די ערשטע ערטער (אויף די וואַל־ליסטעס צו די שטאָט־ראַטן) נישט די אָקאָרשט צוגעקומענע נייע מיטגלידער, נאָר אויסגעפּרוואוטע טוער, וועלכע זיינען פאַרבונדן מיט אונזער באַוועגונג פון לאַנגע יאָרן. צום ערשטן מאָל האָבן מיר אויך אַלס רעזולטאַט פון דער קאַמפּאַניע אַריינגעפירט אין די מאַגיסטראַטן אונזערע לאַוניקעס און בונדיסטן אין די פּרעזידיומס פון די שטאָט־ראַטן"... „מיר האָבן מער ווי פאַרטאָפּלט די צאָל פון אונזערע ראַטמענער" [9].

***

דער בונד האָט אויך גענומען אָנטייל אין די וואַלן פון די יידישע קהילות. אויב ביי די וואַלן פון פּאַרלאַמענט (סיים) און שטאָט־ראַטן זיינען נישט געווען קיין ספקות וועגן דער נייטיקייט צו באַטייליקן זיך אין זיי (בלויז ביי די ערשטע סיים־וואַלן אין יאָר 1919 זיינען אין בונד געווען חלוקי־דעות וועגן דעם), זיינען די גאַנצע צייט יאָ געווען מיינונגספאַרשיידנקייטן וועגן אָנטייל אין קהילה־וואַלן.

די חלוקי־דעות זיינען אויפגעקומען נאָך אין צאַרישן רוסלאַנד, אָבער נאָך דער רעוואָלוציע פון 1917 האָט דער בונד זיך יאָ באַטייליקט אין די קהילה־וואַלן. אַזוי איז אויך געווען בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה אין פּוילן, וואָס איז געווען אָקופּירט דורך די דייטשע און עסטרייך־אונגאַרישע אַרמייען. אויך דאָ זיינען געווען חלוקי־דעות, אָבער דער באַשלוס איז געווען — יאָ באַטייליקן זיך. צו די וואַלן, וואָס די מאַכט־אָרגאַנען האָבן כסדר אָפּגעלייגט, איז אָבער נישט דערגאַנגען.

די פראַגע איז ווידער געוואָרן אַקטועל אין אומאָפּהענגיקן פּוילן. ס'האָט זיך ווידער אָנגעהויבן אַ דיסקוסיע וועגן אָנטייל פון בונד אין די קהילה־וואַלן. אַלטע אַרגומענטן זיינען אויפגעפרישט געוואָרן, נייע פּרטים פון דער געענדערטער צייט און באַדינגונגען האָט מען צוגעגעבן אין דער באַגרינדונג פון יאָ אָדער נישט באַטייליקן זיך (זע די געשיכטע פון בונד, באַנד 2, 3, 4).

די בונדישע אָרגאַניזאַציעס האָבן זיך באַטייליקט אין די קהילה־וואַלן פון יאָר 1924. די קעגנערשאַפט צו באַטייליקן זיך אין די קהילה־וואַלן איז אָבער נישט איינגעשטילט געוואָרן. די בונדישע פּרנסים אין די קהילה־ראַטן האָבן טאַקע שאַרף אַטאַקירט די פּאָליטיק פון די קהלשע מנהיגים און אויפגעדעקט די שלעכטע, איינזייטיקע און אַפילו קאָרומפּירטע ווירטשאַפט, אָבער דאָס האָט די קעגנער נישט באַפרידיקט.

אַפילו ביי די אָנהענגער האָבן זיך געשטאַרקט די ספקות. צוגעהאָלפן צו דעם האָבן די תּקיפות און עקשנות פון די בירגערלעכע פּרנסים — שטרענג־אָרטאָדאָקסישע און אויך וועלטלעכע פון פאַרשיידענע שיטות — נישט צו אָנערקענען דעם פאַקט, אַז די יידישע באַפעלקערונג איז צעטיילט סאָציאַל און אידעאָלאָגיש און מ׳קען זי נישט אַרונטערנעמען אונטער איין טלית.

די טעטיקייט פון די בונדישע פּרנסים (ראַטמענער) אין די קהילות האָט געהאַט אַ גאַנץ אַנדערן כאַראַקטער ווי אין די שטאָט־ראַטן. דאָמינירט האָבן יידישע, „היימישע" ענינים — פיל פון זיי אידעאָלאָגישע און שטייגערישע. די בירגערלעכע גרופּירונגען האָבן דעם בונד פאַרשריגן ווי מחלל־שבתניקעס, „לעסטערער פון יידישע הייליקייטן", אַפּיקורסים אדג״ל. דער בונד האָט אויפגעדעקט די צביעות, וואָס שטעקט אין די אַלע באַשולדיקונגען. ער האָט זיי דערמאָנט, אַז די, וועלכע ווילן האָבן דעם מאָנאָפּאָל אויף יידישקייט, היטן אַליין נישט אָפּ דאָס, וואָס זיי פאָדערן פון אַנדערע: די נאַציאָנאַלע און ציוניסטישע יידישע צייטונגען — דער היינט און מאָמענט, וואו ס׳איז געפירט געוואָרן די אַגיטאַציע קעגן די בונדישע פּרנסים, ווערן געשריבן און געזעצט אויך שבת און יום־טוב. דער ראַבינאַט האָט אויף זיי קיין חרם נישט אַרויפגעלייגט. די אָרטאָדאָקסישע אגודה לעבט בשלום מיט די אַסימילאַטאָרן, אַפילו מיט די, וואָס שמדן שוין זייערע קינדער. אויך אַנדערע טענות האָט דער בונד אָפּגעוואָרפן און דעקלאַרירט אָפן, אַז ער איז פאַר פאַרוועלטלעכונג פון יידישן לעבן און פאַרוואָס די אַרבעטערשאַפט און די אַנדערע שיכטן פון דער אָרימער באַפעלקערונג זיינען פאַראינטערעסירט אַרויסצושטופּן די אָרטאָדאָקסן, ציוניסטן און אַסימילאַטאָרן פון זייער ממשלה אין די קהילות.

נישט געקוקט אויף דעם, וואָס עס זיינען נאָך ווייטער געווען גוטע מאָטיוון פאַר באַטייליקן זיך אין די קהילה־וואַלן, האָט די אומצופרידנקייט מיט דער טעטיקייט פון די קהילות אַזוי פאַרשאַרפט די קעגנערשאַפט, אַז דער בונד האָט אין די נאָענטע וואַלן שוין זיך נישט באַטייליקט. ווען אין יאָר 1931 האָבן ווידער געדאַרפט פאָרקומען קהילה־וואַלן, האָט דער בונד באַשלאָסן נישט אָנטייל צו נעמען אין זיי. אַ וויכטיקער מאָטיוו פאַרוואָס דער בונד האָט דעמאָלט גערופן צו באָיקאָטירן די וואַלן, איז געווען אַ נייער קהילה־סטאַטוט, וואָס די רעגירונג האָט, לויט די באַמיאונגען פון די אָרטאָדאָקסישע מנהיגים, פאַרעפנטלעכט. דער פונקט 20 פון נייעם סטאַטוט האָט געגעבן רעכט די קהלשע פירער אויסצושליסן פון דער ווילער־ליסטע יעדן ייד פאַר אַפּיקורסות אָדער פאַר דעם, וואָס זיי וועלן האַלטן פאַר אַן עבירה. דאָס האָט געמיינט, אַז די רבנים און די אָרטאָדאָקסישע מנהיגים וועלן קענען באַשטימען ווער ס׳האָט רעכט צו וויילן און געווילט צו ווערן. די רעגירונג און די אָרטאָדאָקסישע אגודה האָבן צוגעטראַכט דעם דאָזיקן פּאַראַגראַף, כדי

צו קענען לייכטער פאַרפעסטיקן די ממשלה פון די קלעריקאַלע קרייזן אין די קהילות. זיי האָבן געקאָנט באַזייטיקן אַ גרויסע צאָל ווילער פון די וועלטלעכע פּאַרטייען און אויך אוממעגלעך מאַכן, אַז די פירער פון די דאָזיקע פּאַרטייען זאָלן זיך קענען געפינען אויף די קאַנדידאַטן־ליסטעס. ס'איז גענוג געווען, אַז עמיצער האָט נישט געטראָגן קיין באָרד, אַז מ'זאָל אים קענען אַרויסוואַרפן פון דער ווילער־רשימה. אין לאָדזש האָבן זיי צוגענומען דאָס רעכט צו ווילן און געווילט צו ווערן ביי ישראל ליכטענשטיין, חיים לייב פּאָזנאַנסקי, ד"ר אַלעקסאַנדער מאַרגאָליס, אפרים לוזער זעלמאַנאָוויטש און אַנדערע בונדישע טוער, וואָס וואָלטן געווען צווישן די ערשטע קאַנדידאַטן אויף דער בונדישער ליסטע[10]).

אין אַן אויפרוף פון מאַי 1931 האָט דער צענטראַל־קאָמיטעט פון בונד אַזוי כאַראַקטעריזירט די קהילות: „דורות לאַנג האָבן אין דער קהילה געהערשט די רבנים, גבירים און פּני. מיט דער הילף פון מלוכה־אַפּאַראַט האָט מען געשונדן די הויט פון די פאָלקס־מאַסן, געמאָנט שטייערן און אויסגענוצט די מיטלען אויף טובות פאַר זיך און נאָענטע, אויף צו זייען פינצטערניש און צו פאַרפעסטיקן די מאַכט פון קלער אין יידישן לעבן. און די קהילה איז געוואָרן דער סימבאָל פון אַלטפרענקישקייט, פון קלעריקאַלער תקיפות, פון נגידיש־אַסימילאַטאָרישער רעאַקציע"...

„דער באַרימטער פּילסודסקי־דעקרעט האָט געשאַפן אַ קהילה־סטאַטוט, וואָס איז געווען נישט דעמאָקראַטיש און נישט וועלטלעך. מען האָט באַזייטיקט פון די וואַלן אַלע פרויען, מאַנסבילן האָט מען געגעבן וואַל־רעכט ערשט פון 25 יאָר אָן און מען האָט דאָס קריגן וואַל־רעכט אַרומגעשטעלט מיט אַלערליי שוועריקייטן. נישט געקוקט אויף אָט די דראָט־פאַרצוימונגען, האָט דער יידישער אַרבעטער־קלאַס זיך אַריינגעריסן אין די קהילות. אין דער פאַרשטיקטער אַטמאָספער האָט אָפּגעהילכט זיין אָפּפרישנדיק רעוואָלוציאָנער וואָרט".

נאָכן אויסרעכענען וואָס די בונדישע פרנסים האָבן געטון אין די קהילה־ראַטן, באַרעכטיקט דער אויפרוף דעם באָיקאָט פון די פאָרשטייענדיקע וואַלן: „די פאַרשטאַרקטע רעאַקציע אין לאַנד האָט פאַרשטאַרקט די חוצפה אויך פון די יידישע רעאַקציאָנערע מנהיגים. די עוולות לגבי דער אָרימער יידישער מאַסע זיינען געוואָרן נאָך שרייענדיקער, די תקיפות פון דער שוואַרצער כנופיא נאָך גרעסער. מען האָט גענומען נאָך מער שטיקן יעדע שפּראָצונג פון קולטור און פון פרייען וואָרט אויף דער יידישער גאַס. מען האָט אָנגעהויבן צורייבן ביי דער אַרבעטער־אָפּאָזיציע אין די קהילות אירע עלעמענטאַרע רעכט פון קריטיק. יאָרן גאַנצע האָט מען נישט גערופן קיין זיצונגען פון די קהילה־ראַטן, כדי פטור צו ווערן פון יעדער קאָנטראָל. די קהילה־ראַטן האָבן נישט פונקציאָנירט. די קהילה־פאַרוואַלטונגען זיינען געוואָרן געהאָרכזאַמע אַפּאַראַטן פון פאַשיסטישן רעזשים אויף דער יידישער גאַס. אין אַזעלכע באַדינגונגען איז די קהילה געוואָרן אויס אַרענע פון קאַמף".

דער אויפרוף דערמאָנט ווי די אָרטאָדאָקסן און רבנים האָבן נישט לאַנג צוריק ביי די פּאַרלאַמענט־וואַלן געדופן צו שטימען פאַר די קאַנ־דידאַטן אויף דער ליסטע פון פאַשיסטישן רעזשים און איינגעשפּאַנט פאַר דעם צוועק די קדושה פון דער תורה. פאַר דעם האָבן זיי „באַקומען זייער לוין. ס׳איז דערשינען אַ נייער קהילה־סטאַטוט מיטן באַרימטן פּונקט 20, וואָס גיט די גאָטפּאַרכטיקע ראשי־הקהל דאָס רעכט אויסצושליסן פון די ווילער־ליסטעס יעדן איינעם, וואָס איז עובר אויף עפּעס אַ מיצווה. נישט דער צוטרוי פון ווילער איז נייטיק, נאָר קודם כל מוז מען גע־פינען חן אין די אויגן פון די פאַר אַגודהשע מאַכערס, וואָס אַרבעטן האַנט אין האַנט מיט די סטאַראָסטעס און וואָיעוואָדעס״.

דער בונד האָט די קהילה־וואַלן, וואָס זיינען פאָרגעקומען אין לאַנד אין יאָר 1931, באָיקאָטירט (אין די קהילה־וואַלן פון יאָר 1936 האָט דער בונד יאָ זיך באַטייליקט. צום ערשטן מאָל איז דעמאָלט דער בונד אין וואַרשע אַרויס ווייט אויפן ערשטן אָרט מיט דער צאָל שטימען און מאַנדאַטן. אויך אין אַנדערע שטעט איז דער בונד אַרויס פאַרשטאַרקט פון די שפּעטערדיקע קהילה־וואַלן).

**
*

דעם 12 און 13 מאַי 1928 איז אין וואַרשע פאָרגעקומען אַ לאַנד־קאָנפערענץ פון בונדישע ראַטמענער אין די שטאָט־ראַטן, קראַנקן־קאַסעס, קהילות, ווי אויך לאַוניקעס פון שטאָטישע מאַגיסטראַטן. מ׳האָט געוואָלט זיך צונויפרעדן וועגן די אויפגאַבן און טאַקטיק פון די בונדישע גע־ווילטע פאָרשטייער אין די דערמאָנטע אינסטיטוציעס. געקומען זיינען 106 דעלעגאַטן פון 43 שטעט. די קאָנפערענץ האָט אויסגעהערט 6 רע־פעראַטן, געפירט דעבאַטן אַרום זיי און אָנגענומען אַ צאָל באַשלוסן.

העניק ערליך האָט רעפערירט וועגן דער בונדישער טאַקטיק אין די שטאָטישע זעלבסט־פאַרוואַלטונג־אָרגאַנען; וויקטאָר אַלטער — וועגן קאַמף פאַר די אַלגעמיינע פאָדערונגען; ישראל ליכטענשטיין (לאָדזש) — וועגן קאַמף פאַר די נאַציאָנאַלע פאָדערונגען; נאַטאַן שאַפּראַן — די פאָדע־רונגען און אַקציעס פאַר רעכט אויף אַרבעט; יעקב פּאַט — די בונדישע טעטיקייט אין די קהילות, ד״ר יצחק ראַפּעס (ווילנע) — די אויפגאַבן און טעטיקייטן אין די קראַנקן־קאַסעס.

די דעבאַטן זיינען געפירט געוואָרן אין די קאָמיסיעס, וואָס האָבן געדאַרפט צוגרייטן די רעזאָלוציעס און אויפן פּלענום.

אין זיין רעפעראַט האָט ה. ערליך אַזוי פאָרמולירט די אויפגאַבן פון די בונדיסטן אין די שטאָט־ראַטן: פאַרטיידיקן די אינטערעסן פון דער אַרבעטנדיקער באַפעלקערונג און קעגנשטעלן זיך דער רעאַקציאָ־נערער פּאָליטיק און די פּלענער פון די בירגערלעכע ראַטמענער און מאַגיסטראַטן. די בונדיסטן דאַרפן נישט שטימען פאַר די בודזשעטן,

אחוץ פאַר געוויסע פּאָזיציעס, אין וועלכע די אָרימע באַפעלקערונג איז פּאַראינטערעסירט. מ׳דאַרף שטרעבן צו דערגרייכן אַן אַרבעט־געמיינשאַפט מיט די אַנדערע סאָציאַליסטישע פראַקציעס אויפן יסוד פון אַ קאָנקרעטן פּראָגראַם. אין די שטאָט־ראַטן מיט אַ סאָציאַליסטישער מערהייט קענען די בונדישע פאָרשטייער אונטערשטיצן די שטאָטישע מאַגיסטראַטן בתנאי, אַז די פּוילישע סאָציאַליסטן זאָלן אָנערקענען אַ געוויסן מינימום פון די בונדישע אַלגעמיינע און נאַציאָנאַלע פאָדערונגען אויפן געביט פון דער קאָמונאַלער פּאָליטיק.

וויקטאָר אַלטער האָט רעפערירט וועגן שטייערן און סאָציאַלער שוץ און פאָרמולירט די אויפגאַבן פון די סאָציאַליסטן אויףביידע געביטן.

ישראל ליכטענשטיין האָט באַלויכטן די ראָל פון די יידישע בירגער־לעכע ראַטמענער אין די שטאָט־ראַטן. זייערע באַמיאונגען גייען בעיקר אין דער ריכטונג פון אַרויסרייסן סובסידיעס — גאַנץ קליינע — פאַר יידישע פילאַנטראָפּישע אינסטיטוציעס. צו די אַלגעמיינע גרויסע פּראָב־לעמען ווייזן זיי נישט אַרויס קיין אינטערעס און שטימען געוויינלעך מיט דער פּוילישער בירגערלעכער מערהייט. אויפן בונד פאַלט דערי־בער די לאַסט פון קאַמף פאַר גלייכער באַהאַנדלונג פון די יידישע אַר־בעטס־מענטשן אין די שטאָטישע אַמטן. מען מוז פאָדערן, אַז יידן זאָלן אין די שטאָטישע אַמטן קענען זיך באַנוצן מיט דער יידישער שפּראַך. כל־זמן די שטאָט האָלט נישט אויס די יידישע שולן, דאַרף מען פאָדערן סובסידיעס פאַר זיי און פאַר די יידישע קולטור־געזעלשאַפטן בכלל.

נאַטאַן שאַפּראַן האָט געשילדערט דעם באַיקאָט, וואָס ווערט אָנגע־ווענדט פון די שטאָטישע מאַגיסטראַטן און קראַנקן־קאַסעס לגבי יידישע אַרבעטער און אָנגעשטעלטע און אָנגעוויזן וואָס די ראַטמענער דאַרפן טון, כדי דורכצוברעכן דעם באַיקאָט.

יעקב פּאַט איז אין זיין רעפעראַט וועגן די קהילות געקומען צום אויספיר, אַז מ׳האָט אין זיי ווייניק דערגרייכט ממשותדיקן נוצן — נישט הילף פאַר די יידיש־וועלטלעכע קולטור־אַנשטאַלטן און נישט סאָציאַלע הילף פאַר די אָרימע שיכטן פון דער יידישער באַפעלקערונג. דאַקעגן איז דער בילאַנס פון פּראָפּאַגאַנדע־נוצן יאָ אַ פּאָזיטיווער. בונדיסטן טאָרן פאַר קיין פאַל נישט שטימען פאַר די בודזשעטן. מ׳דאַרף כסדר קעמפן קעגן קלעריקאַליזם און גבאישע תקיפות פון די קהלשע מנהיגים, ווי אויך קעגן אַסימילאַטאָרישן גייסט אין די קהילה־שולן אין די גרויסע שטעט. מ׳דאַרף פאָדערן סובסידיעס פאַר די יידיש־וועלטלעכע שולן, פאַרן יידישן וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט, פאַרן יידישן אַרבעטער־עמיגראַציע־ביוראָ און ענלעכע צוועקן. די בונדישע ראַטמענער דאַרפן אומעטום שטימען קעגן געהאַלט פאַר רבנים און אַנדערע כלי־קודש.

ד״ר יצחק ראַפּעס האָט גערעדט וועגן גרויסן ווערט און נוצן פון די קראַנקן־קאַסעס פאַרן אַרבעטס־מענטש, ווי אויך וועגן די אויסבעסערונ־

גען, פאַר וועלכע מ׳דאַרף קעמפן. מ׳דאַרף אויך פאָדערן, אַז די קראַנקע זאָל זיך קענען באַנוצן מיט דער יידישער שפּראַך.

די קאָנפערענץ האָט אָנגענומען באַשלוסן און ריכטליניעס פאַר די בונדישע ראַטמענער. צווישן זיי: וועגן דער מעגלעכקייט פון צוזאַמענאַרבעט מיט די פּוילישע סאָציאַליסטן; אין מאַגיסטראַטן מיט אַ בירגערלעכער מערהייט זאָלן בונדישע לאַוניקעס מעגן אָננעמען צו פירן רעסאָרטן בתנאַי, אַז זיי וועלן קענען פירן זייער אַרבעט אין הסכם מיט דער בונדישער מוניציפּאַלער פּאָליטיק; אונטערשטיצן די טעטיקייט פון מאַגיסטראַטן מיט אַ סאָציאַליסטישער מערהייט נאָר דעמאָלט, ווען מ׳פאַרשטענדיקט זיך פריער וועגן געוויסע אַלגעמיינע און נאַציאָנאַלע פאָדערונגען פון בונד.

וועגן די קהילות איז געוואָרן באַשלאָסן: שטימען קעגן די בודזשעטן, קעגן געהאַלטן פאַר רבנים און קעגן אַריבערפירן די כשרע שחיטה אין רשות פון דער קהילה. וואָס שייך באַזונדערע פּאָזיציעס פון בודזשעט מאָכן געוויסע אויסנאַמען און שטימען פאַר די לויננן פון די אַרבעטער און אָנגעשטעלטע, ווי אויך פאַר געוויסע פּאָזיציעס פון סאָציאַלער הילף, דערביי פאָדערן, אַז זי זאָל מאָדערניזירט ווערן. ס׳איז אויך אָנגענומען געוואָרן אַ באַשלוס וועגן ווייטער פירן אַ קאַמף פאַר דער פאַרוועלטלעכונג פון די קהילות און קעגן דעם קהילה־סטאַטוס. דער ציל פון בונד דאַרף זיין — אויפן אָרט פון די קהילות נאַציאָנאַל־קולטורעלע אויטאָנאָמיע.

אויך וועגן די אַנדערע ענינים פון טאָג־אָרדנונג האָט די קאָנפערענץ אָנגענומען באַשלוסן: וועגן רעכט אויף אַרבעט, וועגן רעכט פאַר דער יידישער שפּראַך, וועגן באַזייטיקן די רעגירונג־קאָמיסאַרן אין די קראַנקן־קאַסעס און אומעטום דורכפירן וואַלן, ווי אויך באַזייטיקן פון זיי די שלעכטע תקנות און פאַראָנענע אומרעכטן [11].

**
*

די בונדישע אָרגאַניזאַציעס אויף די ערטער זיינען געווען פאַרנומען מיט אַ סך ענינים און טעטיקייטן. די יידישע סאָציאַליסטישע אַרבעטערשאַפט האָט געהאַט אַן אייגענעם קוק אויף אַלץ אַרום איר: אויף די פּראָבלעמען פון לאַנד, פון דער שטאָט און פון יידישן לעבן. אין גייסט פון סאָציאַליזם, האָט זי געוואָלט, זאָלן געלייזט ווערן די אַקטועלע אויפגאַבן פון דער מלוכה, פון די מוניציפּאַליטעטן און פון דעם יידישן כלל.

כדי די שטים פון בונד זאָל זיין שטאַרקער און זיינע פאָדערונגען זאָלן גיכער דערהערט ווערן, האָט מען געמוזט פאַרטרייבן די אַפּאַטיע פון די יידישע פאָלקס־שיכטן, אויפוועקן זיי פון זייער דרימלענדיקער פּאַסיווקייט און מאָביליזירן צו מעשים. און גרויסע טיילן פון דער אָרימער באַפעלקערונג האָבן שוין געוואוסט, אַז זיי האָבן אין די בונדישע

אָרגאַניזאַציעס זייערע פריינט, שטיצער און מאַנער פון זייערע רעכט. צו די בונדישע אָרגאַניזאַציעס זיינען אָרימע אַרבעטס־מענטשן געקומען אין אַן עת־צרה מיט זייערע נויטן, הילפלאָזיקייטן און עוולות, וואָס מ׳איז לגבי זיי באַגאַנגען. און זיי האָבן דאָרט שטענדיק געפונען די גרייטקייט צו העלפן.

די יידישע ישובים זיינען געווען שטאַרק דיפערענצירט סאָציאַל, פּאָ־ליטיש און אידעאָלאָגיש. צווישן גבירישן און אָרימען ייד איז געווען אַ תהום, אַ שפּראַכלעכע וואַנט האָט אָפּגעטיילט דעם פאָלקס־מענטש פון אַן אַסימילאַטאָר. און כאָטש דער אָרטאָדאָקסישער און דער נאַציאָנאַל־וועלטלעכער ייד האָבן ביידע גערעדט יידיש, האָבן זיי צונויפריידן זיך נישט געקענט. נישט אַנדערש איז געווען צווישן ציוניסטן און בונדיסטן. אַ סך זאַכן האָבן צעטיילט די יידן, אָבער זיי זיינען געווען אייניק מיט דעם באַוואוסטזיין פון אַנגעהעריקייט צו איין, הגם נישט געאייניקט, פאָלק און פון די סכנות מצד דעם אַנטיסעמיטיזם. מחמת דעם איז נישט געווען מעגלעך צו שאַפן אַלגעמיינע כלל־ישראלדיקע אינסטיטוציעס צו באַפרידיקן די נויטן און באַדערפענישן פון דער יידישער באַפעלקערונג אויף די עקאָנאָמישע, קולטורעלע און פּאָליטישע געביטן. יעדע אידעאָלאָגישע און פּאָליטישע גרופּירונג איז געווען טעטיק אין זיין ווירקונג־קרייז און געזאָרגט פאַר אים. אין בעסטן פאַל האָט געקענט זיין אַ רייד וועגן שותפות אָדער קאָאָרדינאַציע צווישן אידעאָלאָגיש נאָענטע גרופּירונגען.

אין די אָרטיקע בונדישע פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציעס האָבן די מיטגלידער קאָלעקטיוו אויספּאָרמירט זייערע מיינונגען. אין אַ ריי פראַגן איז געווען אַן איינשטימיקייט, אָבער נישט אין אַלע. געווען אַזעלכע פראַגן, וועגן וועלכע ס׳זיינען געווען טיפע חלוקי־דעות און די מערהייט האָט באַשטימט ווי אַזוי די אָרגאַניזאַציע זאָל האַנדלען. די פּאַרטיי־דיסציפּלין האָט פאַרפליכטעט יעדן מיטגליד נישט עובר צו זיין אויפן באַשלוס. די פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציעס האָבן געפירט אייגענע טעטיקייטן, בעיקר פּאָליטישע. די בונדישע אַרבעט איז נישט געפירט געוואָרן דווקא דורך די פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציעס. בונדיסטן האָבן געבויט און זיינען געווען טעטיק אויף די אָנפירנדיקע פּאָזיציעס אין פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען, יוגנט־אָרגאַניזאַציעס, ספּאָרט־געזעלשאַפטן, קולטור־אַנשטאַלטן, קינדער־שולן, קאָאָפּעראַטיוון, פאַרלאַגן און דאָרט געווירקט אין בונדישן גייסט.

דורכן בונד האָבן באַדייטנדיקע טיילן פון דער יידישער באַפעלקערונג זיך באַפרייט פון רעליגיעזן לעבנס־שטייגער, פון דער קלעריקאַלער השפעה און בירגערלעכע געוואוינהייטן. זיי זיינען געוואָרן פעאיק צו פאַרבינדן האַרמאָניש די לעבנס־אינטערעסן פון אייגענעם פאָלק מיטן גרויסן באַפרייערישן שטראָם אויף דער ברייטער וועלט.

# 3. אין שטרייט מיט קעגנער

דער בונד האָט געפירט אַ פאַרשיידנאַרטיקע טעטיקייט — אויף פּאָליטישע, עקאָנאָמישע און קולטורעלע געביטן. אויך זיינע קאַמפן זיינען געווען פאַרשיידנאַרטיקע — אויף די אַרענעס פון דער מלוכה און מוניציפּאַליטעטן, אין דער יידישער געזעלשאַפט און אין דער אַרבעטער־באַוועגונג.

אומאויפהערלעך איז געווען דער קאַמף קעגן דער דיסקרימינאַציע פון דער יידישער באַפעלקערונג און קעגן דער קאַפּיטאַליסטישער אַנטי־אַרבעטער־פּאָליטיק פון די מלוכהשע און מוניציפּאַלע אָנפירונגען און ביוראָקראַטיע. ווי אַ סאָציאַליסטישע פּאַרטיי, האָט דער בונד באַקעמפט דאָס אַלץ, וואָס ער האָט באַטראַכט פאַר נישט־ליבעראַל, אומדעמאָקראַטיש און נישט אין די אינטערעסן פון די אַרבעטנדיקע שיכטן. מיט דעם האָט ער זיך פאַרשאַפט שינאה מצד דער רעגירונג און די שטאָטישע מאַגיסטראַטן. זיי האָבן אים אָפּגעצאָלט מיט שיקאַנעס און רעפּרעסיעס.

דער קאַמף פאַר די פּראָלעטאַריש־סאָציאַליסטישע און פאַר די נאַציאָנאַל־יידישע אינטערעסן זיינען נישט געווען אין סתירה צווישן זיך, ווי ס׳האָבן אינסינואירט קעגנער פון פאַרשיידענע זייטן. די אינטערעסן, פאַר וועלכע דער בונד האָט געקעמפט, זיינען געווען אין האַרמאָניע צווישן זיך. זיי זיינען נישט געווען סתירותדיק, נאָר האָבן זיך דערגאַנצט. אין די בונדישע פּרינציפּן און מעשים זיינען נישט געווען די עקסטרעמיטעטן און פּגימות, וואָס געוויסע וואָרט־זאָגער אי פון סאָציאַליזם, אי פון נאַציאָנאַליזם האָבן געוואָלט אָנוואַרפן און וואָס האָבן נישט געהאַט קיין וועזנטלעכן שייכות צום גורל און צו דיווירקלעכע שטרעבונגען און באַדערפעניש פון די פאָלקס־מאַסן. סיי אין די ענינים, וואָס האָבן געהאַט אַ שייכות צום אַרבעטער־כלל, סיי אין די ענינים פון יידישן כלל האָט דער בונד געהאַט זיין וועג, זיינע פאָרמולירונגען און מעטאָדן.

אפילו אַזאַ פּשוטע, נייטראַלע זאַך, ווי אַ פאָלקס־ציילונג. אין פּוילן איז אַ פאָלקס־ציילונג פאָרגעקומען דעם 9 דעצעמבער 1931. אויך דאָ האָט דער בונד געפירט אַ גרויסע קאַמפּאַניע. דער צענטראַל־קאָמיטעט האָט אַרויסגעלאָזט אַן אויפרוף צו דער יידישער באַפעלקערונג וועגן דער וויכטיקייט פון דער פאָלקס־ציילונג און וועגן געוויסע ענטפערס וואָס מ׳דאַרף געבן. אין אים איז געווען געזאָגט:

„אויך דאָס מאָל האָט די רעגירונג אַרויסגעוויזן צו אייך אַ ספּעציעלע אויפמערקזאַמקייט. נישט נאָר טיילט איר צוזאַמען מיט די מאַסן פון אַלע

נאַציאָנאַלע מינדערהייטן דעם שאָדן פון דעם, וואָס עס פעלט אין דער צייַלונג די פראַגע וועגן נאַציאָנאַלער אָנגעהעריקייט"... „די רעגירונג האָט באַשלאָסן, אַז די בויגנס זאָלן זיין פאַר יעדער באַפעלקערונג אין איר שפראַך, אַחוץ פאַר יידן. זייַנען דעריבער פאַראַן נישט בלויז פּוילישע, נאָר אויך אוקראַאינישע, דייטשע, ווייסרוסישע בויגנס, אָבער נישט קיין יידישע. אַ בולטער אויסדרוק פון דער רעכטלאָזיקייט פון דער יידישער באַפעלקערונג, פון דער רעכטלאָזיקייט פון דער יידישער שפּראַך. און צוהילף דער רעגירונג קומען נאָך די ציוניסטן מיט זייער רעאַקציאָנע־רער, פאַלקספיינטלעכער פּראָפּאַגאַנדע — אַנצוגעבן העברעאיש אַלס די־ מוטער־שפּראַך. און די זעלבע הילף גיבן דער רעאַקציע די אַסימילאַטאָרן מיט זייער פרײַדיקן אָנצוגעבן פּויליש. סיי די ציוניסטן, סיי די אַסימי־ לאַטאָרן ווייזן אַרויס פאַראַכטונג און שינאה צו דער שפּראַך און קולטור פון די יידישע מאַסן און העלפן מיט דעם דער רעאַקציע אין איר פאַלאַ־ ניזאַטאָרישער צוואַנג־פּאָליטיק לגבי דער יידישער מאַסע. פון די ציו־ ניסטישע תשובות 'העברעאיש' און אַסימילאַטאָרישע תשובות 'פּויליש' וועט די רעאַקציע נאָך דעם פלעכטן שטריק אויף צו האַלטן געפּענטעט אייער שפּראַך, אויף צו האַלטן ווייטער רעכטלאָז אייער שפּראַך, אייער שול, אייער גאַנצע קולטור".

⁂

די יידן זייַנען געווען עקאָנאָמיש שטאַרק צעטיילט — רייכע, מיטל־ שיכטן און אָרימע. זיי האָבן אויך געהערט צו פאַרשיידענע ווירטשאַפט־ לעכע אָרגאַניזאַציעס — פון הייזער־באַזיצער, פאַבריקאַנטן, סוחרים, האַנטווערקער, קליינהענדלער, אַרבעטער, אָנגעשטעלטע און פון אַנדערע פּראָפעסיעס. פּאָליטיש און אידעאָלאָגיש — אָרטאָדאָקסיע מכל המינים, ציוניסטן פון כלערליי שאַטירונגען, אַסימילאַטאָרן, פאָלקיסטן, אַרבעטער־ באַוועגונג פון עטלעכע ריכטונגען. אַ צוזאַמענלעבן און אַ צוזאַמענשטויס פון פאַרשיידענע און קעגנזעצלעכע אידעאָלאָגיעס, גלויבונגען, געוואוינ־ הייטן און אינטערעסן.

בלויז אין פאַלן, ווען יידן זייַנען געוואָרן באַדראָט און אָנגעגריפן אַלס כלל, האָט פון זיי געקענט קומען אַ וואָרט און אַ טאַט, וואָס האָט געצילט אין דער זעלבער ריכטונג. און אויך דאָ — נישט מיט דער זעלבער קלאָרקייט און שטאַרקייט. אָבער נישט מיט סכנות, עוולות און אומגליקן אַליין האָבן יידן געלעבט. דאָס יידישע לעבן איז געווען אינטע־ לעקטועל רייך און פאַרשיידנפאַרביק, דינאַמיש און שעפעריש, אָבער נישט אייַנהייטלעך. ווי אין עקאָנאָמישן מצב, אין דער הכנסה און הוצאה, איז אויך אין דער בחינה פון קולטור, גייסטיקייט און אידעאָלאָגיע ביי יידן געווען אַ תהום.

דער בונד איז געווען אַן אָרגאַניזאַציע פון יידישע אַרבעטער און



ד״ר אַלעקסאַנדער מאַרגאָליס



ד״ר עמנואל שערער



אַבראַשאַ בלום



יצחק כאַרלאַש



ד״ר לעאָן פיינער



ד״ר מיכאל שולדענפריי



אָטאָ באַוער



מאַקס אַלעקסאַנדראָוויטש

אָנגעשטעלטע מיט אַן אויסגעשפּראָכענער אידעאָלאָגיע פון נאַציאָנאַל־וועלטלעכער קולטור, אינטערנאַציאָנאַליזם און סאָציאַליזם. ער האָט דע־ריבער געמוזט קומען אין צוזאַמענשטויס מיט די גרופּירונגען, וואָס האָבן זיך געהאַלטן ביי רעליגיעזער ייִדישקייט, נאַציאָנאַליסטישן אתה בחרתנו און קאַפּיטאַליסטישן סדר.

די אָרטאָדאָקסישע ייִדן, וואָס האָבן דורות־לאַנג דאָמינירט אין ייִדישן לעבן, זיינען נאָך אַלץ געווען באַדייטנדיק אין צאָל, זיי האָבן אָבער פאַר־לוירן פון זייערע השפּעות צוליב דער אוימאויפהערלעכער וואַקסנדיקער טענדענץ פון וועלטלעכקייט ביי די יונגע דורות. נישט געקוקט אויף דעם, האָבן זיי ווייטער געוואָלט איינהאַלטן זייער תּקיפות און אַרויפצווינגען רעליגיעזקייט אין ייִדישן לעבן. זיי האָבן זיך באַמיט דאָס צו טון נישט בלויז מיט די אייגענע כּוחות, נאָר אויך מיטן כּוח פון דער מלוכה, אַפילו מיט דער הילף פון די רעאַקציאָנערע אַנטיסעמיטישע רעגירונגען, וואָס האָבן זיי געהאָלפן איבערנעמען די אָנפירונג פון די קהילות, באַשטימען „פּאָ־סיקע" רבנים און זיי אויך אונטערגעשטיצט ביי וואַלן. די אָרטאָדאָקסישע „אגודה" האָט געהאַט אַן אָפענע טיר צום סאַנאַציע־רעזשים מיט זיינע מיניסטאָרן, וואָיעוואָדעס און סטאַראָסטעס. די „אגודה" האָט אָפּגעצאָלט מיט פּאָליטישער דינסט פאַרן רעגירונג־לאַגער אין סיים און אין די שטאָט־ראַטן און בכלל מיט לאָיאַלער אויפפירונג.

פאַרקנסט צום רעזשים זיינען אויך געווען די בירגערלעכע אַסימילאַ־טאָרן, וועלכע האָבן על פּי רוב געהערט צו די רייכערע שיכטן. נישט בלויז זייער סאָציאַלער שטאַנד, אויך זייער „פּוילישער פּאַטריאָטיזם" האָט זיי דיקטירט צו הכנעה־פּאָליטיק און אונטערשטיצונג פון די רע־גירנדיקע קרייזן.

די ציוניסטן זיינען געווען צעטיילט און צעשפּאָלטן לויט אַ ריי סי־מנים: רעליגיעזע און וועלטלעכע, אָפיציעלע און רעוויזיאָניסטישע, בירגערלעכע און פּראָלעטאַרישע; אויך צעטיילט רעגיאָנאַל (די גאַליציאַ־נער באַזונדער) און לויט דער טאַקטיק (על המשמר און עת לבנות). ביים רוב פון זיי האָט פאַלעסטינע מיטן קליינעם ייִדישן ישוב געהאַט די פּריאָריטעט איבער דעם דריי־מיליאָניקן ייִדישן ישוב אין פּוילן און די נישט־גערעדטע העברעאישע שפּראַך — איבער דער פאָלקס־שפּראַך ייִדיש. זייערע פאָרשטייער אין פּוילישן סיים (פּאַרלאַמענט) האָבן אַפילו געוואָגט צו שטימען צוזאַמען מיט די אַנטיסעמיטישע דעפּוטאַטן קעגן אַ פאָרשלאָג לטובֿת די שולן אין דער ייִדישער שפּראַך. אַ באַדייטנ־דיקער טייל פון בירגערלעכן ציוניזם איז אויך געווען באַטייליקט אין די משא־ומתּנס מיטן סאַנאַציע־רעזשים.

די פאָלקיסטישע באַוועגונג האָט באַלד נאָך איר אויפשפּראָץ אָנגע־הויבן וועלקן און מער ווי קליינע גרופּן אין עטלעכע געציילטע ערטער פון לאַנד זיינען נישט געווען.

די פאַרשיידענע יידישע ווירטשאַפטלעכע אָרגאַניזאַציעס האָבן גע־זוכט פּראַקטישע רעזולטאַטן ביי די מלוכהשע אָרגאַנען. און כאָטש די פאַרטיידיקונג פון זייערע אינטערעסן איז זיי נישט אָנגעקומען לייכט און איז אָפט געווען אָן הצלחה, האָבן זיי דערפאַר געצאָלט מיטן פּרייז פון הכנעה און לאָיאַליטעט.

אין די וואַל־קאַמפּאַניעס, אויף די טריבונעס פון די שטאָט־ראַטן און קהילה־ראַטן, ווי אויך אויף פּאָלקס־פאַרזאַמלונגען און אין דער פּרעסע האָט דער בונד באַקעמפט די פּאָליטיק און האַנדלונגען פון די יידישע בירגערלעכע רעפּרעזענטאַנטן, זייערע משא־ומתנס מיט די רעגירונג־אָרגאַנען און מאַגיסטראַטן, זייער זאָרג בלויז פאַר די אינטערעסן פון ביר־גערטום, אפילו לרעה די בלוטיקע באַדערפענישן פון די יידישע פאָלקס־מאַסן. די בונדיסטן האָבן מיט שאַרפע ווערטער דאָס פאַראורטיילט.

***

דער קאַמף מיט די פאַרשטייער פון יידישן בירגערטום איז פאָרגע־קומען אָפּגערוקט אויף אַ ווייטערער דיסטאַנץ — זיי האָבן געהערט צו אַנדערע אָרגאַניזאַציעס, האָבן געלעבט אויף אַנדערע גאַסן, געאָטעמט מיט אַן אַנדערער לופט און געהאַט אַנדערע השגות. עס האָט געפעלט די פיזישע און גייסטיקע נאָנטקייט. אַנדערש מיט די נישט־בונדישע פּראָלעטאַרישע גרופּירונגען. דאָ זיינען די פראָנטן געווען אָפּגערוקט אויף אַ נאָנטער דיסטאַנץ. אין די זעלבע גאַסן און הייזער, אין די זעלבע פּראָפעסיאָנעלע אָרגאַניזאַציעס, מ׳האָט געזוכט צו לייזן די זעלבע פּראָב־לעמען. און ווייל מ׳איז געווען נענטער, זיינען אָפטמאָל די שטרייטן געווען הייסער און די צוזאַמענשטויסן שאַרפער.

די אַמאָליקע ס. ס. און שפּעטערדיקע פאַראייניקטע זיינען כסדר איינגעשרומפּן געוואָרן. אַ היפּשער טייל איז אַריבער צו אַנדערע פאַר־טייען (אַ טייל פון זיי אויך צום בונד), ביז זיי זיינען פּאַקטיש נעלם גע־וואָרן פון געזעלשאַפטלעכן לעבן.

די פּועלי־ציון זיינען געווען געשפּאָלטן אין צוויי פּאַרטייען — לינ־קע (די שטאַרקערע) און רעכטע. די ערשטע — מיט קאָמוניסטישע סימ־פּאַטיעס און מער אָריענטירט אויף די אָרטיקע ענינים און אויף די פּראָב־לעמען פון דער אַרבעטער־באַוועגונג. די צווייטע — מיט ווייניקער השפּעה און מיט אַ שטאַרקערער אָריענטירונג אויף די ענינים פון פּאַ־לעסטינע. מיט דער צייט האָבן די כוחות־פאַרהעלטענישן זיך געענדערט לטובת די רעכטע פּועלי־ציון. צוליב אידעאָלאָגישע טעמים איז צווישן בונד און די פּועלי־ציון קיין שלום נישט געווען, הגם מיט די לינקע פּועלי־ציון איז יאָ געווען אַ צוזאַמענאַרבעט אויפן געביט פון די יידיש־וועלטלעכע שולן אין דער צענטראַלער יידישער שול־אָרגאַניזאַציע (צישאָ). גאַנץ באַדייטנדיק איז געווען די השפּעה פון דער פּוילישער קאָמוניס־

סישער פאַרטיי אויף דער יידישער גאַס. ביזן סוף פון דער ערשטער וועלט־מלחמה (1918) זיינען יידן אין פּוילישע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען געווען גאָר ווייניק. די וואָס האָבן צו זיי געהערט, זיינען כמעט אַלע גע־ ווען פאַרפּויליששטע, אַסימילירטע יידן. זיי זיינען געווען אויסנאַמען פון כלל, וואָס האָט געהערט בעיקר צום בונד און אַ טייל צו אַנדערע יידישע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען. דאָס האָט זיך געענדערט מיטן אויפקום פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי אין פּוילן. די מערהייט פון די יידישע אַר־ בעטער און ראַדיקאַלער אינטעליגענץ האָט ווייטער געהערט צו די יידישע סאָציאַליסטישע גרופּירונגען, אָבער די קאָמוניסטישע באַוועגונג האָט דאָ זיך אַרויסגערוקט אויפן צווייטן אָרט נאָכן בונד.

גורם געווען צו דעם האָבן עטלעכע סיבות. אַ וויכטיקע ראָל האָט געשפּילט די דיסקרימינאַציע פון דער פּוילישער מלוכה און געזעלשאַפט לגבי יידן, וואָס זיינען אויסגעשלאָסן געוואָרן פון פיל באַשעפטיקונגען און עפנטלעכע שטעלעס. די פאַרגרעסערטע אַרבעטסלאָזיקייט און די געפילן פון באַליידיקונג און עוולות האָבן געוויסע שיכטן אַרבעטער און אַרבעטנדיקע אינטעליגענץ געשטופּט אויפן וועג פון איבערגעטריבענעם ראַדיקאַליזם. אין סאָוועט־רוסלאַנד האָבן זיי געזען דעם מוסטער פון בליץ־שנעלן נצחון. אַ מין „מאָמענטאַלן״ סאָציאַליזם. זייער נידעריקערע מדרגה אין פּוילן האָבן זיי קאָמפּענסירט מיט דעם, וואָס זיי האָבן זיך דערפילט ווי קרובים צו די מאַכטהאָבער אין שכנותדיקן לאַנד פון הונ־ דערט פעלקער אויף דעם ריזיקן שטח, וואָס פאַרנעמט אַ זעקסטל פון דער גאַנצער ערד.

זיי זיינען אויפגעוואַקסן אין פּראָלעטאַרישע, קליינבירגערלעכע און אויך רייכע היימען. זיי זיינען געקומען נישט בלויז פון דער גרויער יידישער מאַסע, נאָר אויך פון קולטורעלע, נאַציאָנאַל־באַוואוסטזיניקע משפחות. צווישן זיי האָבן אַפילו נישט געפעלט זין און טעכטער פון עלטערן, וואָס זיינען געווען אויפן סאַמע שפּיץ פון די אָרטאָדאָקסישע און ציוניסטישע באַוועגונגען. אָבער איין וויכטיקער עלעמענט האָט זיי אַלעמען געפעלט — די סאָציאַליסטישע מאָראַל און אחריות. און אויב ביי אַ טייל האָט דאָס געוויסן יאָ עפּעס געמאָנט, האָט מען עס פאַר־ ענטפערט מיט דעם, וואָס די סאָוועטישע מלוכה זאָרגט פאַרן יידישן אַרבעטס־מענטש און פאַר דער יידישער קולטור.

די קאָמוניסטישע פּאַרטיי האָט געפירט אַן אָנגריף אויף אַלע סאָ־ ציאַליסטישע פּאַרטייען — ביי יידן און נישט־יידן. ביי יידן — בעיקר קעגן בונד, אין וועלכן זי האָט געזען דעם גרעסטן שטער פאַר איר גע־ שטרעבטער דאָמינירונג אויף דער יידישער גאַס. זי האָט דעם בונד דער־ קלערט אַ מלחמה און ווי אין אַ מלחמה באַנוצט אַלע מיטלען — פון די אומפאַרשעמטסטע פעלשונגען, נידערטרעכטיקייטן און בילבולים ביז בלו־ טיקע אָנפאַלן און אַפילו מאָרד. כמעט יעדע שטאָט און שטעטל, אָדער

פאַך און פּראָפעסיאָנעלער פאַראיין, יעדע קולטור־אָרגאַניזאַציע אָדער
קינדער־שול האָט געליטן פון דעם. זיי האָבן זיך פאַר קיין זאַך נישט
אָפּגעשטעלט, אַבי דעם קעגנער צו שלאָגן און זיין פּאָזיציע צו צעשטערן.
מ׳וואָלט עס געקענט אילוסטרירן מיט הונדערטער ביישפּילן, מיר וועלן
זיך באַגרענעצן מיט עטלעכע.

1) דער בונד האָט „שטענדיק רעפּרעזענטירט דעם שוואַרצסטן פאַ־
ראַט פון די אינטערעסן פון אַרבעטער־קלאַס". 2) „אין פעריאָד פון פּי־
בערהאַפטע צוגרייטונגען צו דער מלחמה מיטן ראַטן־פאַרבאַנד אַרבעט
מיט דער ׳בונד׳ אין אָרגאַניזאַציאָנעלן און פּאָליטישן צוגרייטן די מלח־
מה". 3) „ס׳איז שוין געוואָרן אַ כלל, אַז די פירער פון די פּראָפעסיאָ־
נעלע פאַראיינען און די בונדישע באַיואווקעס טרעטן אַרויס אין דער
ראָל פון שטרייק־ברעכער און פאַרבינדן זיך אָפן מיט דער דעפענסיווע"
(געהיים־פּאָליציי). 4) „די אָפּנאַרערישע נאַציאָנאַליסטישע קאַמפּאַניע פון
׳בונד׳ וועגן ׳רעכט אויף אַרבעט׳ האָט געהאַט פאַר אַ ציל צו צע־
קלאַפּן דעם געמיינזאַמען פראָנט פון די פּוילישע און יידישע אַרבעטער
אין קאַמף פאַר ברויט און אַרבעט פאַר אַלע אַרבעטסלאָזע". 5) „דער
׳בונד׳ שטיצט אונטער אָפן דעם קלעריקאַליזם, אַרויסשטעלנדיק די פאַ־
דערונג פון פּסחדיקער מצה פאַר אַרבעטסלאָזיקע יידן". 6) „דער בונד
באַרעכטיקט לוצק, די פּאַציפיקאַציע און די גאַנצע פּאָליטיק פון בלוטיקן
פאַשיסטישן טעראָר" (אָפּגעדרוקט אין נומער 4, 1931 (?) טשערוואָני שטאַנ־
דאַר, אָרגאַן פון צענטראַל־קאָמיטעט פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי אין
פּוילן). די שרייבער, די רעדאַקטאָרן, דער צענטראַל־קאָמיטעט און די
קאָמוניסטישע טוער האָבן גאַנץ גוט געוואוסט, אַז אין דעם פריער גע־
זאָגטן איז קיין וואָרט אמת נישטאָ.

מיט ענלעכע שקרים און פּאָליטישן ניבול־פּה קעגן בונד זיינען גע־
ווען פול די קאָמוניסטישע פּרעסע, בראָשורן און הונדערטער אויפרופן.

אָבער נישט בלויז מיט ווערטער אַליין איז די קאָמוניסטישע פּאַר־
טיי אָפּגעקומען. זי האָט דעמאָראַליזירט און פאַרווילדעוועט אירע מיט־
גלידער און זיי מאָביליזירט צו דעסטרוקטיווער טעטיקייט אין די פּראָ־
פעסיאָנעלע פאַראיינען און אַנדערע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס, צו וועלכע
זיי האָבן געהאַט אַ צוטריט. סקאַנדאַלעווען אויף אַרבעטער־פאַרזאַמלונ־
גען און זיי צעשטערן איז נישט געווען קיין זעלטנהייט. די קאָמוניסטן
האָבן זיך אַפילו נישט אָפּגעהאַלטן פון אויספירן פיזישע אָנפאַלן אויף
אַנדערש־דענקענדיקע אַרבעטער און זיי ממיתן. אַחוץ פאַרוואונדעטע
פון די קאָמוניסטישע אָנפאַלן, זיינען אויך געווען הרוגים [12]). דער בונד
און די פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען זיינען דעריבער געווען געצוואונגען
צו אָרגאַניזירן אַ געהעריקע זעלבסטשוץ קעגן דער צעשטערערישער אַר־
בעט און אָנפאַלן מצד די קאָמוניסטן.

די דעסטרוקטיווע ראָל פון די קאָמוניסטן אין דער אַרבעטער־באַווע־

גונג און זייערע אָנפאַלן, וואָס האָבן גורם געווען מענטשלעכע קרבנות, זיינען געווען אַ פּועל־יוצא פון פאַלשע טעאָריעס, פאַר וועלכע זיי האָבן געוואָלט איינשטעלן די פּריווילעגיע פון עקסקלוסיוויקייט. די פאַלשע, פּינקלדיקע טעאָריעס האָבן צוגעצויגן צו דער קאָמוניסטישער באַוועגונג אַ סך נאַאיווע מענטשן, אָבער אויך פּיל, וואָס זיינען געווען גענייגט צו אומטאָלעראַנץ און דאָמינירונג. דאָס וואָס זיי האָבן געטון, איז געווען דער היפּך פון סאָציאַליסטישער מאָראַל און עטיק, אָבער דאָס האָט זיי נישט געאַרט. זיי האָבן זיך פאַרוואַנדלט אין בלינד־געהאָרכזאַמע געצייגן און אויספירער פון מאָסקווער אינסטרוקציעס. וואָס די קאָמוניסטן האָבן געטון אין די לענדער, וואו זיי האָבן נישט געהאַט די מאַכט, איז געווען אַן עמבריאָן פון דעם סיסטעם פון פאַרפאָלגונג און אונטערדריקונג, וואָס האָט געשטעקט אין לעניניזם־סטאַליניזם און איז אָנגעווענדט געוואָרן אין סאָוועט־רוסלאַנד, וואו די קאָמוניסטן זיינען שוין געווען ביי דער מאַכט. די מינדלעכע און שריפטלעכע אויפקלערונג פון בונד, ווי אויך די ביטערע בשורות, וואָס זיינען געקומען פון סאָוועט־רוסלאַנד, האָבן שפּעטער אָפּגעשטעלט דעם אויפשטייג פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי און ס׳האָט זיך אָנגעהויבן אַ פּראָצעס פון אַנטוישונג און ירידה.

## 4. דער פערטער צוזאַמענפאָר

במשך די פיר יאָר צווישן דריטן און פערטן צוזאַמענפאָר פון בונד אין פוילן (דעצעמבער 1924 — יאַנואַר 1929) זיינען פאָרגעקומען אַ סך ענדערונגען אויף דער וועלט, אין פוילן, אין יידישן לעבן, אין דער אינ־טערנאַציאָנאַלער אַרבעטער־באַוועגונג און אין בונד גופא. מ'האָט גע־דאַרפט דאָס אַלץ אָפּשאַצן און מאַכן די געהעריקע אויספירן. די וויכטיק־סטע ענינים זיינען ברייט באַהאַנדלט געוואָרן דורך די בונדיסטן אין די אָרטיקע אָרגאַניזאַציעס און אויף ראַיאָן־קאָנפערענצן. אַ ברייטע דעבאַטע איז אויך געפירט געוואָרן אין דער בונדישער פרעסע. אין צענטראַל־אָרגאַן — נייע פאָלקס־צייטונג — זיינען צווישן 3 נאָוועמ־בער און 14 דעצעמבער 1928 דערשינען 25 אַרטיקלען פון 18 מחברים: ה. ערליך, י. כמורנער (יוסף לעשטשינסקי), וו. אַלטער, ב. שעפנער, נח (יקותיאל פּאָרטנוי), ח. ראַפּאַלאָוויטש (מאיר וואַסער), ש—ם (י. ש. הערץ), ש. גילינסקי, ע. מוס (עמנואל נאָוואָגרודסקי), פּ. שוואַרץ (שמואל קרוק), י. ליכטענשטיין, ה. לייוויק (לייוויק האַדעס), ז. אַרטור (ש. מ. זיגעלבוים), י. י. שערמאַן, א. וואָלף (א. וו. יאַסני), י. זשעלעזניקאָוו, ש. קאַשטענ־בוים, וול. קאָסאָווסקי. אין חודש־זשורנאַל אונזער צייט (דעצעמבער 1928) זיינען געווען 8 דיסקוסיע־אַרטיקלען פון די מחברים: א. מאַר. (ד"ר אַלעקסאַנדער מאַרגאָליס), ש—ם (י. ש. הערץ), ב. א. טאַן (נאַטאַן שאַפּראַן), ה—ס לייוויק (לייוויק האַדעס), איסר גאָלדבערג, על־נער (ד"ר לעאָן פיינער), סאָלעק (זלמן ליכטענשטיין), י. באַסאַק (יוסף ליפשיץ).

***

אין די טעג פון 4—6 יאַנואַר 1929 איז אין וואַרשע פאָרגעקומען דער פערטער צוזאַמענפאָר פון בונד אין פוילן.

אין צוזאַמענפאָר האָבן זיך באַטייליקט 120 דעלעגאַטן — 95 מיט שטים־רעכט און 25 מיט באַראַטונג־רעכט. די דעלעגאַטן האָבן באַשלאָסן אַזאַ טאָג־אָרדנונג:

1. באַריכטן: א) אָרגאַניזאַציאָנעלער און פּאָליטישער באַריכט פון צענטראַל־קאָמיטעט, ב) באַריכט פון יוגנט־בונד צוקונפט.
2. די פּאָליטישע סיטואַציע און די ריכטליניעס פאַר אונזער פּאַרטיי.
3. די סאָציאַליסטישע באַוועגונג ביי די נישט־פאַרמעגלעכע האַנט־ווערקער.
4. וואַלן פון צענטראַל־קאָמיטעט און פון פּאַרטיי־ראַט.

דער צוזאַמענפאַר האָט אויסגעהערט עטלעכע באַגריסונגען. נאָך דער עפענונג־רעדע פון פאַרזיצער פון צענטראַל־קאָמיטעט, נח (יקותיאל פאָרטנעי), האָט דער ערשטער באַגריסט איינער פון די הויפּט־גרינדער און פירער פון בונד, אַרקאַדי קרעמער. ער האָט געמאַכט אַ קורצן סך־הכל פון וועג, וואָס דער בונד איז אַדורכגעגאַנגען זינט זיין אַנטשטייאונג און אָנגעוויזן די אויפגאַבן, וואָס עס שטייען פאַר דער סאָציאַליס־טישער אַרבעטער־באַוועגונג בכלל.

צום ערשטן מאָל איז אויף אַ צוזאַמענפאָר פון בונד געווען אַ פאָר־שטייער פון דער פוילישער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי (פ.פ.ס.). דאָס איז געווען דער רעדאַקטאָר פון איר צענטראַל־אָרגאַן (ראַבאָטניק), מיעטשיס־לאַוו ניעדזשאַלקאָווסקי. ער האָט באַגריסט אין נאָמען פון פּעפּעסישן צענטראַל־קאָמיטעט און געזאָגט: „במשך פון לאַנגע יאָרן האָט זיך צווישן אונז מיטן בונד אָנגעזאַמלט אַ סך מיספאַרשטייענישן. זיי זיינען אונזער ביידנס שולד. איך מוז אָבער אויפריכטיק זאָגן, אַז די גרעסטע שולד טראָגט די מערהייט. די חלוקי־דעות שטאַמען פון אַלטע צייטן און האָבן גורם געווען צו דעם, אַז מיר זאָלן זיין אָפּגעגרעניצט פון אייך. די יידן־פראַגע איז ביי אונז אַמאָל געווען אַ ראַסן־פראַגע און אַ רעליגיעזער ענין. אַ האַלבער יאָרהונדערט האָט געדאַרפט אַוועקגיין, אַז דער ענין זאָל אויפגעקלערט ווערן און די פראַגע זאָל ווערן אַ נאַציאָנאַלע. מ׳האָט געדאַרפט פיל דורכטראַכטן ביז מ׳איז געקומען צו דעם דאָזיקן אויספיר — פון אַמאָליקן אַסימילאַציע־שטאַנדפּונקט צו דער היינטיקער שטעלונג. אויך היינט טיילט אונז פיל פאַנאַנדער, אָבער איין זאַך איז קלאָר: דאָרטן, וואו מיר אַרבעטן צוזאַמען, קומט די דערנענטערונג און קעגנ־זייטיקע פאַרשטענדיקונג. נאָך היינט טיילן אונז פאַנאַנדער געוויסע ענינים — די גרויס פון פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר דער מלוכה, פאַרשיידענע באַציאונגען צו די פאָרמען פון קלאַסן־קאַמף, אָבער דאָך זיינען היינט די מיינונג־פאַרשיידנקייטן קלענער. מיר פאַרשטייען אייער רוף פון רעכט אויף אַרבעט; מיר פאַרשטייען די עוולה, וואָס ווערט לגבי אייך באַגאַנ־גען. דאָס סאָציאַליסטישע פוילן וועט זיין סיי פאַר אונז, סיי פאַר אייך אונזער געמיינזאַמע באַפרייאונג. מיר וועלן אַמאָל אויך צוזאַמען זיצן אין סאָציאַליסטישן אינטערנאַציאָנאַל. די באַדינגונגען פון אונזער לעבן האָבן שוין איצט באַשאַפן פאַר אונז אַ געמיינזאַמע פּלאַטפאָרם אין קאַמף קעגן דעם היינטיקן רעגירונג־סיסטעם, לטובת דער דעמאָקראַטיע, כדי מיר זאָלן נישט אַראָפּגעשטויסן ווערן צו דער מדרגה פון איטאַליענישן אַרבעטער־קלאַס. מיר ווערן אַפּט אָנגעגריפן דורך דער יידישער פרעסע, אַז מיר האָבן נאָך ביז איצט אַפילו נישט אויסגעאַרבעט אונזער פּראָגראַם וועגן דער יידן־פראַגע. ריכטיק. מיר האָבן עס אויספירלעך נאָך נישט אויסגעאַרבעט. אָבער שטעלט זיך אַ מינוט אויף אונזער אָרט. איך דריק אויס מיין מיינונג, אַז דאָס וועט אַזוי לאַנג נישט דויערן, אויב מיר וועלן האָבן אין דער פראַגע אייער צוזאַמענאַרבעט, ווייל נאָר איר וועט אונז

קענען אַריינפירן אין אַלע פּרטים פון יידישן לעבן און קאַמף. מיר גיבן זיך אָפּ אַ חשבון, אַז קיין שום פּראָגע אין פּוילן לטובת דעם אַרבעטער־קלאַס וועט נישט קענען געלייזט ווערן אָן דער סאָלידאַרער אַרויסטרע־טונג פון אַלע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען אין לאַנד: יידישע, פּוילישע, דייטשע, אוקראַאינישע — סיי די פּראַגן, וואָס עקזיסטירן שוין, סיי די וואָס וועלן אונטערן דראַנג פון די געשעעענישן געבוירן ווערן דורך אַר־בעט און קאַמף" [13]).

די דעלעגאַטן האָבן אויך אויסגעהערט צוויי שריפטלעכע באַגריסונ־גען. איינע פון אינטערנאַציאָנאַלן ביוראָ פון די רעוואָלוציאָנער־סאָציאַ־ליסטישע פּאַרטייען, אַ צווייטע פון דער איטאַליענישער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי.

אין דער ערשטער איז אָנגעוויזן געוואָרן די נייטיקייט ווידער „אויפ־צושטעלן אין רעוואָלוציאָנערן אינטערנאַציאָנאַלן פראָנט פון די אַרבעטנ־דיקע מאַסן". ס'פאַרגרעסערן זיך אָבער „די מניעות און שוועריקייטן, וואָס ליגן אויפן וועג צום פּאַרווירקלעכן די רעוואָלוציאָנערע איינהייט און קאַמף־גרייטקייט פון די עקספּלואַטירטע מאַסן. דאָס ביוראָ פון די רע־וואָלוציאָנער סאָציאַליסטישע פּאַרטייען באַציט זיך באַזונדערס אויפמערק־זאַם און עמפּינדלעך צו אַלץ, וואָס קומט פון אייך, טייערע חברים, אויס־געפּרואווטע מאַרקסיסטן און אויסגעפּרואווטע קעמפער פאַר דער באַפריי־אונג פון די פּראָלעטאַרישע מאַסן, פאַר אָפּהיטן די מאַרקסיסטישע פּרינ־ציפּן, פּראָגראַם און טאַקטיק. מיר דערוואַרטן פון אייך אַ מיטאַרבעט אין היינטיקן שווערן און דעצידירנדיקן מאָמענט".

אין דער צווייטער באַגריסונג איז געווען געזאָגט: „אונזערע חברים, וועלכע געפינען זיך אין איטאַליע און ריזיקירן יעדן טאָג, יעדע שעה מיט זייער פריהייט און לעבן, בעטן אייך איבערגעבן, אַז אין די רייען פון אונזער פּאַרטיי דרינגען נישט אַריין קיין וואַקלונגען, קיין צווייפלען, קיין חרטה־געפילן וועגן וואָס אונזערע שונאים און קעגנער פאַרשפּרייטן בייזוויליקע קלאַנגען"... די סאָציאַליסטישע מאַסן „האָבן אויסגעהאַלטן צוויי גרויסע נסיונות — די מלחמה און דעם פאַשיזם און זיינען פונ־דעסטוועגן טריי און אייזנפעסט אין זייער גלויבן אין סאָציאַליזם און רעוואָלוציאָנערן קלאַסן־קאַמף. זיי וויסן, אַז די צוקונפט, דאָס באַפרייען די מאַסן פון פאַשיזם און קאַפּיטאַליזם, וועט אויסגעקעמפט ווערן נישט אויפן וועג פון קאָמפּראָמיסן און בורג־פרידן, וואָס דער צווייטער אינ־טערנאַציאָנאַל פּראָפּאַגאַנדירט; נישט דורך דעמאַגאָגיע און דעמאָראַליזאַ־ציע אָדער אָפּזאָגן זיך פון די רעוואָלוציאָנערע פּרינציפּן, דורכגעפירט אונטער דער פאָן פון רעוואָלוציאָנערער פּראַזעאָלאָגיע און באַוואָפנטן טעראָר קעגן רעוואָלוציאָנערן און אַרבעטער, וואָס ווערט פּראַקטיצירט דורך דעם דריטן אינטערנאַציאָנאַל, נאָר דורך דעם זיג פון די אידייען, וואָס פאַראייניקן די פּאַרטייען, וועלכע זיינען געבליבן געטריי דעם רע־

וואָלוציאָנערן מאַרקסיזם. אָט פאַר וואָס עס שיקן איבער די איטאַליע־נישע חברים איך, חברים בונדיסטן, פון די טיפענישן פון דעם אומלע־גאַלן אונטערערדישן איטאַליע זייער ברידערלעכן גרוס".

***

דעם באַריכט פון צענטראַל־קאָמיטעט האָט אָפּגעגעבן זיין סעקרע־טאַר, עמנואל נאָוואָגרודסקי. אין אָרגאַניזאַציאָנעלן טייל פון באַריכט האָט ער איבערגעגעבן, אַז די צאָל פאַרטיי־מיטגלידער איז במשך פון פיר יאָר כמעט פאַרטאָפּלט געוואָרן. אין די 200 אָרטיקע אָרגאַניזאַציעס זיינען פאַראַן 7,590 מיטגלידער. (אין 1925 זיינען געווען אָרגאַניזאַציעס אין 112 ערטער). 187 בונדישע ראַטמענער — אין 92 שטאָט־ראַטן, אין די מאַגיסטראַטן — 14 לאַווניקעס, אין די קראַנקן־קאַסעס — 67 ראַטמע־נער, אין די יידישע קהילות — 101 פרנסים (ראַטמענער) און דאָזאָרעס (פאַרוואַלטונגס־מיטגלידער). צוזאַמען 369 בונדישע פאַרשטייער אין די עפנטלעכע אַנשטאַלטן.

די בונדישע פרעסע איז באַשטאַנען פון די דאָזיקע אויסגאַבעס: די טעגלעכע נייע פאָלקס־צייטונג, דער חודש־זשורנאַל אונזער צייט, וואָכנ־בלעטער אָדער צוויי־וועכנטלעכע אָרגאַנען אין 9 פּראָווינץ־שטעט, דער חודש־זשורנאַל וואַלקאַ (אין דער פּוילישער שפּראַך), דער האַלב־חודש־לעכער זשורנאַל יוגנט־וועקער, פאַרשיידענע איינמאָליקע אויסגאַבעס. אַחוץ דער פרעסע האָט דער בונד אַרויסגעגעבן אַ גרויסע צאָל אויפרופן — צענטראַלע און לאָקאַלע וועגן פאַרשיידענע ענינים און געשעענישן, ווי אויך אַ צאָל בראָשורן וועגן אַקטועלע פּאַסירונגען. דער צענטראַל־קאָמי־טעט אַליין, אַחוץ די אָרגאַניזאַציעס אויף די ערטער, האָט פאַר דער צייט אַרויסגעגעבן אויפרופן, בראָשורן און פּלאַקאַטן אין אַ צאָל פון 3 מיליאָן און 469 טויזנט עקזעמפּלאַרן.

במשך דער באַריכט־צייט זיינען צוגעקומען און אָנגעהויבן זיך אַנט־וויקלען עטלעכע נייע צווייגן פון דער בונדישער באַוועגונג: דער אַרבע־טער־ספּאָרט־פאַרבאַנד מאָרגנשטערן, וואָס האָט שוין געהאַט 71 אָפּטיילונ־גען אין לאַנד מיט 3,100 מיטגלידער; דער סאָציאַליסטישער קינדער־פאַרבאַנד סקיף מיט 3,000 מיטגלידער; יידישע אַרבעטער־פרוי יאַף, אין 4 אָפּטיילונגען פון וואַרשע, לאָדזש, לובלין, ווילנע — 616 מיטגלידע־רינס; סאָציאַליסטישער האַנטווערקער־פאַרבאַנד; קולטור־ליגע מיט 63 אָפּטיילונגען אין לאַנד. דער באַריכט־אָפּגעבער האָט אויך איבערגעגעבן וועגן דער טעטיקייט פון בונד אויף די געביטן פון דער פּראָפעסיאָנעלער באַוועגונג, פון די יידיש־וועלטלעכע שולן און פון די קאָאָפּעראַטיוון.

אין דעם ווייטערדיקן טייל פון זיין אויספירלעכן באַריכט האָט דער סעקרעטאַר פון צענטראַל־קאָמיטעט אַרומגערעדט די דאָזיקע ענינים: די וואַל־קאַמפּאַניעס צו די שטאָט־ראַטן, סיים און יידישע קהילות; אַק־ציעס פאַר רעכט פון יידישע אַרבעטער אויף אַרבעט, לאַקאַטאָרן־שוץ,

אַמנעסטיע, 1־טע מאַי־דעמאָנסטראַציעס, פּראָטעסטן קעגן ענדערן די וואַל־אָרדינאַציע פון די געזעצגעבערישע קערפּערשאַפטן (סיים און סע־נאַט) און אַ צאָל אַנדערע; קאָנפערענצן מיט פאַרשטייער פון אַנדערע אַרבעטער־פּאַרטייען (פּ.פּ.ס. און ראַדיקאַלע פויערים־פּאַרטייען פון נאַציאָ־נאַלע מינדערהייטן, פאַרטרעטער פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי); באַ־גריסונגען אויף צוזאַמענפאָרן פון אַנדערע פּאַרטייען, פּראָפעסיאָנעלע פאַר־איינען און אָנטייל אויף אינטערנאַציאָנאַלע קאָנגרעסן.

ביי די וואַלן צו די יידישע קהילות אויף די קרעסן (מזרח־פּראָווינצן פון פּוילן) אין יאָר 1928 האָבן די בונדישע אָרגאַניזאַציעס דורכגעפירט עטלעכע און פּופציק ראַטמענער.

דער באַריכט־אָפּגעבער האָט אויסגערעכנט נאָך אַנדערע ענינים פון דער אַרבעט פון צענטראַל־קאָמיטעט במשך די פאַרגאַנגענע 4 יאָר.

אַן אויספירלעכן באַריכט האָט אויך אָפּגעגעבן לוציאַן בליט, סעקרע־טאַר פון צענטראַל־קאָמיטעט פון יוגנט־בונד צוקונפט, וועגן דער בונ־דישער יוגנט־באַוועגונג אין לאַנד. די בונדישע יוגנט־אָרגאַניזאַציע איז במשך דער באַריכט־צייט געוואָרן גרעסער, שטאַרקער און פּילזייטיקער (גענויער וועגן דער בונדישער יוגנט אין קאַפּיטל 10).

אַרום באַריכט פון צענטראַל־קאָמיטעט איז פאָרגעקומען אַ ברייטע דיסקוסיע, אין וועלכער ס׳האָבן זיך באַטייליקט 16 דעלעגאַטן. די דיסקו־טאַנטן זיינען געווען: יוסף (יאַשקע) ליפשיץ, פעסל (פּאָלינע) שוועבער (שרה), לייוויק האָדעס, חיים רודאַווסקי (ירוחם), איסר גאָלדבערג, שמואל מרדכי זיגעלבוים (אַרטור), יצחק קליטשעווסקי, הענעך הירשביין, יוסף לעשטשינסקי (כמורנער), אפרים לאַזער זעלמאַנאָוויטש, יעקב וואַקס, אַבראַשע וויינער, שיינע פייגל בלאַנד (דינה), הענריק ערליך, אַנע ראָ־זענטאַל, וויקטאָר אַלטער.

די אָנטיילנעמער אין דער דיסקוסיע האָבן אַרומגערעדט, באַרעכ־טיקט אָדער קריטיקירט, אי ענינים פון פּראַקטישער טעטיקייט, אי די פּאָליטישע ליניע, ביי וועלכער ס׳האָט זיך געהאַלטן דער צענטראַל־קאָמיטעט. וואָס שייך דער פּאָליטישער ליניע, זיינען די טענות געקו־מען מצד די אָנהענגער פון דער מינדערהייט, פון דער „צווייער״־ריכ־טונג. אַ צאָל רעדנער האָבן זיך אָפּגעשטעלט אויף די שלעכטע רעזול־טאַטן פון די סיים־וואַלן. די אָנהענגער פון דער מינדערהייט האָבן די שולד געזען אין דער, לויט זייער מיינונג, בישט־געענוג רעוואָלוציאָנע־רער פּאָליטיק פון דער פּאַרטיי, אין דערווייטערן זיך פון די קאָמוניסטן און אין דערנענטערן זיך צו דער פּ.פּ.ס.. די אָנהענגער פון דער מער־הייט און דער באַריכט־אָפּגעבער אין זיין שלוס־וואָרט האָבן מיט פאַקטן און ציפערן באַוויזן, אַז די סיבה איז גאָר אַן אַנדערע: אין די זעלבע ערטער, אָפּגערוקט אַ קורצע צייט, באַקומט דער בונד אַ סך מער שטי־מען ביי די שטאָט־ראָט־וואַלן ווי ביי די סיים־וואַלן. דאָס נעמט זיך פון

דעם וואָס ביי די שטאָט־ראָט־וואַלן ווייסן די ווײַלער אויף זיכער, אַז די ליסטע פון בונד האָט שאָנסן דורכצופירן אירע קאַנדידאַטן. בעת ביי סיים־וואַלן איז אַזאַ זיכערקייט נישט פאַראַן. אַ גרויסער טייל פון די ווײַלער ווילן נישט „ארויסוואַרפן" זייערע שטימען. זיי ווילן האָבן פּראַקטישע רעזולטאַטן. דער בונד מוז דעריבער זיך באַמיען אַרויסצוגיין פון זיין איזאָלאַציע ביי סיים־וואַלן און זיך בלאָקירן מיט אַנדערע אַרבעטער־גרופּירונגען.

עטלעכע רעדנער האָבן אַרגומענטירט, אַז דער בונד דאַרף פאַרלאָזן די יידישע קהילות, ווייל זיי זיינען אומעטום באַהערשט פון די קלעריקאַלע גרופּירונגען. מ'דאַרף אָנהייבן אַ קאַמפּאַניע פאַר וועלטלעכע קהילות. מ'האָט אויך קריטיקירט דעם צענטראַל־קאָמיטעט פאַרן באַשלוס נישט צו פייערן דעם 10־יאָריקן יובילייַ פון סאָוועט־רוסלאַנד. אייניקע רעדנער האָבן פאַרטיידיקט די פּאָליטישע איינשטעלונגען פון צענטראַל־קאָמיטעט און באַרעכטיקט דאָס דערוויטערן זיך פון דער קאָמוניסטישער באַוועגונג מיט איר צעשטערערישער טאַקטיק און שפּראַך־אויסגעלאַסנקייט.

דער הויפּט־אידעאָלאָג פון דער „צווייער"־ריכטונג, י. כמורנער, האָט געזאָגט, אַז ס'איז פאַראַן אַ געפאַר פון פּראַקטיציזם אין בונד. דאָס איז נאָך נישט קיין געשעענער פאַקט, אָבער „סימנים פון אַ געפאַר פון איבערגעבורט זיינען, צום באַדויערן, יאָ פאַראַן. דאָס איז די טענדענץ צו פאַרהאַלטן זיך אויפן שמאָלן פּראַקטיציזם. צום מערסטן האָט זיך דאָס אַרויסגעוויזן בעת די וואַל־קאַמפּאַניעס".

הענריק ערליך האָט פאַרטיידיקט דעם צענטראַל־קאָמיטעט און פאַרענדיקט מיט די ווערטער: „14 יאָר לעבן מיר אַליין, איזאָלירט. דאָס איז אַ שרעקלעכע לאַגע. קיינער פון צענטראַל־קאָמיטעט זאָגט אָבער נישט, אַז פון פאַרצווייפלונג זאָל מען זיך אין ווייסל אַריינוואַרפן, אָדער פאַר יעדן פּרייז זאָל מען זיך ראַטעווען פון דער איזאָלאַציע און פאַלן אין די אָרעמס פון אַ געוויסער פּאַרטיי. מען דאַרף אָבער נישט די דאָזיקע נויט־לאַגע מאַכן פאַר אַ טוגנט".

אַנע ראָזענטאַל האָט אין איר רעדע געזאָגט, אַז „פאַר די לעצטע 4 יאָר האָט זיך זייער פיל געענדערט אין די עקאָנאָמישע און פּאָליטישע באַדינגונגען פון אַרבעטער־קלאַס. ביי דער יידישער אַרבעטערשאַפט איז איצט אַ יאוש־שטימונג. ס'איז נישטאָ קיין גלויבן, איז נישטאָ דעריבער קיין דראַנג צו גיין אין די עקאָנאָמישע און פּאָליטישע אָרגאַניזאַציעס. דער צענטראַל־קאָמיטעט האָט ווינציק מיטלען אָנגענומען צו אַקטיוויזירן די יידישע אַרבעטערשאַפט".

צוויי רעזאָלוציעס צום באַריכט זיינען געשטימט געוואָרן. די רעזאָלוציע, וואָס האָט זיך סאָלידאַריזירט מיט דער מערהייט־שטעלונג פון צענטראַל־קאָמיטעט, האָט באַקומען 53 שטימען, די רעזאָלוציע פון דער מינדערהייט — 41.

נאָכן באַריכט האָט דער צוזאַמענפאָר באַהאַנדלט דעם פּונקט: די פּאָליטישע סיטואַציע און די ריכטליניעס פאַר אונזער פּאַרטיי. ער האָט אויסגעהערט צוויי רעפעראַטן — פון ה. ערליך און י. כמורנער (יוסף לעשטשינסקי) און צוויי קאָ־רעפעראַטן — פון וויקטאָר אַלטער און פון שמואל מרדכי (אַרטור) זיגעלבוים.

די רעפערענטן האָבן אַנאַליזירט די אַנטוויקלונגען אין דער וועלט און אין לאַנד, פעסטגעשטעלט די ענדערונגען און געמאַכט זייערע אויספירן.

דער אויספיר פון ה. ערליך, וואָס האָט באַגרינדעט דעם שטאַנדפּונקט פון דער מערהייט, איז געווען: „נישט געקוקט אויף דעם, וואָס דער קאַפּיטאַליזם האָט זיך סטאַביליזירט, זיינען נישט אויסגעשעפּט געוואָרן די רעוואָלוציאָנערע פּערספּעקטיוון"... „ווען די אָפּשאַצונג פון דער אינטערנאַציאָנאַלער לאַגע, וואָס מיר האָבן געגעבן אויף אונזערע פריערדיקע צוזאַמענפאָרן, איז זיך צוזאַמענגעפאַלן מיט דער אָפּשאַצונג פון די קאָמוניסטן, האָט דעמאָלט אונזער אידייאישע שטעלונג געהאַט צוזאַמענטרעףּ־פּונקטן מיט דער קאָמוניסטישער"... היינט קען מען נישט פאַרנעמען די זעלבע שטעלונג ווי אין 1921. מיר קענען נישט בלייבן אויף די זעלבע פּאָזיציעס... „מיר פאַרוואַרפן סיי רעפאָרמיזם, סיי קאָמוניזם אַלס שיטה אין דער אַרבעטער־באַוועגונג. אויב מיר שפּייזן אונזער פּאַרטיי מיט רעוואָלוציאָנער־סאָציאַליסטישע געדאַנקען, נעמען מיר זיי נישט פון קאָמינטערן, נאָר פון דער פּרעסע פון די רעוואָלוציאָנער־סאָציאַליסטישע פּאַרטייען"... „אויף די דאָזיקע פּאַרטייען, אויף אָט דעם טייל פון דער אינטערנאַציאָנאַלער אַרבעטער־באַוועגונג מוזן מיר זיך אָריענטירן". ערליך האָט אויך גערעדט וועגן דער נייטיקייט פון צוזאַמענאַרבעט מיט דער פּוילישער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי אין לאַנד.

דער פּילסודסקי־רעזשים האָט איינגעשטעלט אַ „פאַרמאַסקירטן פאַשיזם" און ס'איז פאַראַן אַ סכנה פון „אַן אָפענעם פאַשיזם". צוליב דער צוזאַמענאַרבעט מיט פּ.פּ.ס. דאַרפן מיר נישט „צופּאַסן אונזער אידייאישע שטעלונג צו דער שטעלונג פון פּ.פּ.ס."... „דער יידישער אַרבעטער־קלאַס מוז גיין צוזאַמען מיטן אַרומיקן פּראָלעטאַריאַט". מיט די קאָמוניסטן איז עס נישט מעגלעך צוליב זייער שינאהדיקער און שעדלעכער באַציאונג צו די סאָציאַליסטישע פּאַרטייען.

י. כמורנער, וואָס האָט באַגרינדעט דעם שטאַנדפּונקט פון דער מינדערהייט, האָט פּאָלעמיזירט מיט די געדאַנקען און אויספירן פון ערשטן רעפערענט און פון די מערהייט־טעזן. ער האָט געזאָגט: ס'איז נישט ריכטיק, „אַז וויבאַלד מיר שאַצן איצט אַנדערש אָפּ די אינטערנאַציאָנאַלע לאַגע, פאַלט דעריבער אָפּ די אַמאָליקע קרובהשאַפט צווישן אונז און דעם קאָמוניסטישן לאַגער. דאָס איז פאַלש, ווייל די קרובהשאַפט האָט זיך באַזירט נישט בלויז אויף אָט דער בשותפותדיקער אָפּשאַצונג פון דער וועלט־לאַגע. זי האָט זיך באַזירט אויף עפּעס מער — אויף דער

אידייאישער פלאַטפאָרם״. דער קאָמינטערן האָט בלויז געענדערט די אָפּ־שאַצונג פון דער לאַגע, „אָבער ער האָט צוליב דעם נישט אָפּגעזאָגט זיך פון זיינע אידייאישע פּאָזיציעס״ — פון מאַרקסיזם. ער קריטיקירט דעם סאָציאַליסטישן אינטערנאַציאָנאַל און באַגאַטעליזירט דעם ווערט און באַדייטונג פון זיין לינקן פליגל. ער וואָרנט אויך קעגן דער אָריענטאַציע אויף צוזאַמענאַרבעט מיט פּ.פּ.ס., וואָס איז אָריענטירט אויף מלוכהש־קייט און נישט אויף רעוואָלוציאָנערן קאַמף.

וו. אַלטער האָט גערעדט וועגן דער נייטיקייט פון צוזאַמענאַרבעטן מיט פּ.פּ.ס. און פון באַלדיקן אַריינטרעטן אין סאָציאַליסטישן אינטערנאַ־ציאָנאַל. ש. מ. זיגעלבוים האָט אויך גערעדט פאַר צוזאַמענאַרבעט מיט פּ. פּ. ס. און וועגן אָריענטירן זיך אויפן סאָציאַליסטישן אינטערנאַציאָנאַל, אָבער קעגן באַלדיקן אַריינטריט.

אין דער דיסקוסיע אַרום די רעפעראַטן האָבן זיך באַטייליקט: ד״ר איגנאַצי אַלעקסאַנדראָוויטש, אברהם וואָלף יאַסני, שלמה זוסמאַן, מאיר וואַסער, ישראל ליכטענשטיין, שלמה גילינסקי, גרשון זיבערט, שמואל בינשטאָק, בערל אַמבאַראַס, לייזויק האַדעס, יעקב פּאַט, איסר גאָלדבערג און הערשל הימעלפאַרב. און לסוף שלוס־ווערטער פון די רעפערענטן און קאָ־רעפערענטן. אין דער דיסקוסיע זיינען באַרירט געוואָרן מער־ווייניקער די זעלבע פּראָבלעמען, וואָס עס האָבן באַהאַנדלט די רעפע־רענטן און די דיסקוטאַנטן האָבן באַקרעפטיקט די צוויי הויפּט־שטעלונ־גען מיט נאָך פאַקטן און אַרגומענטן.

אין זיין וואָרט האָט ישראל ליכטענשטיין גערעדט וועגן דער וויכ־טיקייט פון צוזאַמענאַרבעט מיט פּ.פּ.ס. אין גרויסן אינדוסטריעלן צענ־טער, אין דער שטאָט לאָדזש. ער האָט געזאָגט: „ס׳איז אומבאַשרייבלעך די העצע, וואָס פּ.פּ.ס. שטייט אויס אַדאַנק דעם צוזאַמענגיין מיט אונז אין שטאָט־ראָט און אין קראַנקן־קאַסע. וואָס פאַר אַ ווילדע קאַמפּאַניע מ׳פירט קעגן זיי פון אַלע זייטן. ׳זשידאָווסקע וואַיטקי׳ — דאָס איז איצט דער נאָמען פון פּ.פּ.ס. ביי דער פּוילישער בירגערלעכער רעאַקציע און ביי די כאַדעקיש־ענפּערישע אַרבעטער. קעגן דער דאָזיקער בלינדער שינאה, וואָס איר (די מינדערהייט) ווילט אונטערהאַלטן, מוזן מיר פּראָ־טעסטירן אין נאָמען פון אונזער אינטערנאַציאָנאַלן געוויסן, אין נאָמען פון אונזער פּראַקטיק. איר זענט געווען קעגן דעם בלאָק אין לאָדזש? ווען פאָרשטייער פון 75 טויזנט אַרבעטער האָבן אונז פאָרגעשלאָגן איבערנע־מען (צוזאַמען) די שטאָט־ווירטשאַפט, וואָס פאַר אַ תשובה האָבן מיר זיי געקענט געבן? אַדאַנק אונזער פאַראייניקונג טרעטן די פאָרשטייער פון ׳בונד׳ אַרויס אויף פאַרזאַמלונגען פון טויזנטער פּוילישע אַרבעטער און רעדן יידיש, געווינען דעם פּוילישן אַרבעטער אַלס חבר פון דעם יידישן, פאַרפלאַנצן אַ פאַרשטענדעניש פאַר זיינע נויטן און באַדערפענישן, פאַר זיין שפּראַך. אַזוי זעט אויס אונזער חטא אין ליכט פון דער ווירקלעכ־קייט״.

די רעזאָלוציע צו דעם פּונקט איז אָנגענומען געוואָרן מיט 53 שטי־מען קעגן 42. די אָנגענומענע רעזאָלוציע איז באַשטאַנען פון 3 טיילן.

דער ערשטער טייל האָט גערעדט וועגן „די גרונט־פּרינציפּן פון דער רעוואָלוציאָנערער פּראָלעטאַרישער פּאָליטיק״; דער צווייטער טייל — וועגן די „אינטערנאַציאָנאַלע פּראָלעטאַרישע פאַרבינדונגען״; דער דריטער טייל — „וועגן די פּראָלעטאַרישע פאַרבינדונגען אין לאַנד״.

אין ערשטן טייל ווערט געזאָגט: „דער ווילן צו מאַכט אַלס מיטל צו רעוואָלוציאָנערער איבערבויאונג פון דער געזעלשאַפט, און דער ווילן צו איינהייט דאַרפן אויך ווייטער, ווי ביז איצט, באַשטימען די פּאָליטיק פון ׳בונד׳, וועלכער האָט אַלעמאָל געהאַלטן פאַר איינע פון זיינע הויפּט־אויפגאַבן — אַריינצוציען די ברייטסטע יידישע אַרבעטער־מאַסן אינעם אַקטיוון פּאָליטישן קאַמף פונעם אינטערנאַציאָנאַלן פּראָלעטאַריאַט. היינט, ווי פריער, דאַרף אונזער פּאַרטיי זיין קעגן קאָאַליציע־פּאָליטיק און פאַר קאָמפּראָמיסלאָזן קלאַסן־קאַמף קעגן אַ פּעטישיסטישער באַציאונג צו דעמאָקראַטיע און פאַר דעם ענערגישסטן שוץ פון די דעמאָקראַטישע רעכט פון די מאַסן קעגן יעדן רעאַקציאָנערן אָנגריף״ (וועגן צווייטן טייל, וואָס האָט דירעקט אַ שייכות צו די אינטערנאַציאָנאַלע פאַראייניקונגען פון די אַרבעטער־פּאַרטייען — אין נאָנטסטן קאַפּיטל וועגן אינטערנאַציאָנאַל).

אין דריטן טייל — זאָגט די אָנגענומענע רעזאָלוציע: „אין לאַנד־מאַסשטאַב איז איינע פון די הויפּט־אויפגאַבן פון ׳בונד׳ אין פּוילן אַלעמאָל געווען — וואָס ענגער צו פאַרבינדן דעם יידישן אַרבעטער־קלאַס מיט דעם פּוילישן פּראָלעטאַריאַט און מיט די אַרבעטער־מאַסן פון די נאַציאָנאַלע מינדערהייטן״...

„די גרונט־פּרינציפּן פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, סיי אויפן פּאָליטישן, סיי אויפן פּראָפעסיאָנעלן געביט, גייען זיך ווייט פאַנאַנדער מיט די פּרינציפּן פון ׳בונד׳. די הויפּט־אויפגאַבע, וואָס עס האָט זיך געשטעלט די קאָמוניסטישע פּאַרטיי, איז — אויסראָטונגס־קאַמף קעגן אַלע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען און ממילא אויך קעגן ׳בונד׳. דאָס אַליין מאַכט פּשוט אוממעגלעך אַ צוזאַמענאַרבעט צווישן ׳בונד׳ און דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי״.

וואָס שייך דער פּ.פּ.ס. זאָגט די רעזאָלוציע, אַז איר פּאָליטיק איז געווען „אַ געמיש פון סאָציאַליסטישע און נאַציאָנאַליסטישע עלעמענטן״. אָבער די לעצטע יאָרן נאָך דער פּילסודסקי־איבערקערעניש קומט אין איר פאַר „אַ שאַרפער אינערלעכער קאַמף צווישן די דאָזיקע עלעמענטן״. כאָטש די עקסטרעם־נאַציאָנאַליסטישע עלעמענטן („פּראַקעס״) זיינען אַוועק פון דער פּאַרטיי, האָט דער אינערלעכער קאַמף זיך נאָך נישט פאַרענדיקט. „פון דעם שטאַמט די אומקלאָרע און וואַקלדיקע שטעלונג פון פּ.פּ.ס. סיי צו די פראַגן פון אַלגעמיינער פּאָליטיק, אינערלעכער און אויסערלעכער, סיי צו די פראַגן פון דער נאַציאָנאַלער פּאָליטיק

אין לאַנד. ביז וואַנען די דאָזיקע באַדינגונגען וועלן זיך נישט ענדערן, איז אוממעגלעך צו רעכענען אויף אַ סיסטעמאַטישער און צענטראַלער צוזאַמענאַרבעט צווישן ‚בונד׳ און פּ.פּ.ס.״.

וועגן די נאַציאָנאַלע מינדערהייטן: „דער ‚בונד׳ דאַרף שטרעבן צו אַ וואָס ענגערער פאַרבינדונג מיט די סאָציאַליסטישע פּאַרטייען פון די נאַציאָנאַלע מינדערהייטן, ווי אויך — אָפּהענגיק פון אָרט און צייט — צו טיילווייזע פאַרשטענדיקונגען מיט פּ.פּ.ס. אויף באַזונדערע געביטן און אַזוי אַרום צוגרייטן אַ באָדן פאַר דער צוקונפטיקער פאַראייניקונג פון דער גאַנצער סאָציאַליסטישער באַוועגונג אין פּוילן. די אַלע פאַרבינדונגען און פאַרשטענדיקונגען דאַרפן נישט פאַרשמעלערן די פּאָליטישע באַוועגונג-פרייהייט פון ‚בונד׳.״

דער רעזאָלוציע-פּראָיעקט פון דער מינדערהייט ווייזט אָן, אַז דער וועלט-פּראָלעטאַריאַט איז נאָך דער וועלט-מלחמה צעטיילט געוואָרן „אויף צוויי לאַגערן — פון רעפאָרמיזם און פון רעוואָלוציאָנערן מאַרקסיזם. דער ‚בונד׳ אויף זיינע צוזאַמענפאָרן פון קראָקע (1920) און דאַנציג (1921) האָט זיך געשטעלט אָן שום באַוואָרענישן אויפן באָדן פון רעוואָלוציאָנערן מאַרקסיזם״. עס ווערט אָנגעוויזן אויף דער נייטיקייט פון אַ געמיינזאַמען פּאָליטישן פראָנט פון בונד מיט דער פּוילישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, וואָס איז אָבער אוממעגלעך צו רעאַליזירן, ווייל מיט איר איגנאָרירן די נויטן און באַדערפענישן פון דער יידישער אַרבעטערשאַפט און „מיט איר אויסראָטונג-קאַמף קעגן ‚בונד׳ האָט די קאָמוניסטישע פּאַרטיי אוממעגלעך געמאַכט דעם דאָזיקן פראָנט״. דער רעזאָלוציע-פּראָיעקט פון דער מינדערהייט שטעלט פעסט, אַז מען דאַרף איינהאַלטן אָן ענגערן קאָנטאַקט מיט די סאָציאַליסטישע פּאַרטייען פון די נאַציאָנאַלע מינדערהייטן — דייטשן, אוקראַינער, ווייסרוסן... „ס׳זיינען נישטאָ קיין שום פּרינציפּיעלע מניעות פאַר אַ געשלאָסענעם פּאָליטישן פראָנט פון ‚בונד׳ מיט די רעוואָלוציאָנערע אָרגאַניזאַציעס פון ווייסרוסן און אוקראַינער (הראָמאַדע, סעל-ראַב), אָבער אויך דער דאָזיקער פראָנט קומט נישט צושטאַנד אונטער דעם דרוק פון פּ.פּ.ס. מיט איר סעקטאַנטישער טאַקטיק״. נאָכן קריטיקירן די גאַנצע פּאָליטיק און די טאַקטיק פון דער פּ.פּ.ס. קומט דער רעזאָלוציע-פּראָיעקט פון דער מינדערהייט צום אויספיר, אַז אַ „פּאָליטישע צוזאַמענאַרבעט פון ‚בונד׳ מיט פּ.פּ.ס. (בלאָקן, צענטראַלע אָפּמאַכן, אַרבעט-געמיינשאַפט) איז נישט דערלאָזבאַר. איינציקע פּראַקטישע פאַרשטענדיקונגען מיט פּ.פּ.ס. קאָנען דערלאָזט ווערן נאָר ביי דעם תנאי, ס׳זאָל דערביי מיט קיין זאַך נישט פאַרווישט ווערן די פּאָליטישע ליניע פון אונזער פּאַרטיי און ס׳זאָל אין דער פולער מאָס אָפּגעהיט ווערן אונזער זעלבסטשטענדיקייט לגבי דער פּ.פּ.ס.״.

דער צוזאַמענפאָר האָט נאָך דעם באַהאַנדלט דעם פּונקט וועגן די סאָציאַליסטישע האַנטווערקער. וועגן וואָס האָט זיך דאָ געהאַנדלט?

די סאָציאַליסטישע פּאַרטייען האָבן בעיקר געווירקט צווישן די אַר־בעטער. די גרויסע מערהייט פון זייערע מיטגלידער איז באַשטאַנען פון אַרבעטער און אָנגעשטעלטע, זייערע טוער האָבן אָנגעפירט מיט די פּראָ־פעסיאָנעלע פאַראייניגען פון אַרבעטער און אָנגעשטעלטע. ביי די וואַלן — פּאַרלאַמענטאַרישע און שטאָטישע — האָבן זיי אָבער אַפּעלירט אויך צו אַנדערע אַרבעטנדיקע און אָרימע שיכטן. ביי דער נישט־יידישער באַ־פעלקערונג האָבן זיי אויך אַפּעלירט צו קליינע ערד־באַזיצער, צו אָרימע פּויערים. ביי יידן זיינען געווען אַ סך קליינע האַנטווערקער און כאַלופּ־ניקעס (היים־אַרבעטער), וועלכע האָבן פריער אַליין געהערט צו די פּראָ־פעסיאָנעלע אַרבעטער־פאַראיינען און געווען אַקטיוו אין דער סאָציאַליס־טישער באַוועגונג. צוליב פאַרשיידענע סיבות, אָפטמאָל קעגן זייער איי־גענעם ווילן, האָבן זיי אויפגעהערט צו זיין לוין־אַרבעטער און געוואָרן בעלי־מלאכות „פאַר זיך", זיי האָבן אָבער אידייאיש נישט איבערגעריסן מיט זייער פריערדיקער אידעאָלאָגיע און אַפילו מיט זייער פּאַרטיי. די יידישע האַנטווערקער האָבן געהאַט זייערע פּראָפעסיאָנעלע אָרגאַני־זאַציעס און די אַרבעטער איז אויסגעקומען צו פירן מיט זיי עקאָנאָמישע קאַמפן. פיל פון די קליינע האַנטווערקער און כאַלופּניקעס האָבן אָבער דאָרט נישט געוואָלט געהערן. אַ גרופּע בונדיסטן צווישן זיי האָט אין דער צווייטער העלפט פון די צוואַנציקער יאָרן געשאַפן אַ סאָציאַליסטישן האַנטווערקער־פאַרבאַנד. ס'האָט זיך געשטעלט די פראַגע צי דער בונד, ווי אַ סאָציאַליסטישע אַרבעטער־פּאַרטיי, זאָל זיך באַציען פּאָזיטיוו צום דאָזיקן פאַקט און אונטערשטיצן דעם סאָציאַליסטישן האַנטווערקער־פאַרבאַנד.

דעם פּונקט האָט רעפערירט עמנואל נאָוואָגרודסקי. ער האָט געזאָגט: „אונזער באַציאונג צום סאָציאַליסטישן האַנטווערקער־פאַרבאַנד איז אָפּ־הענגיק פון דעם צי מיר קענען נעמען אויף זיך די אויפגאַבע צו פאַר־טיידיקן דיווירטשאַפטלעכע אינטערעסן פון די שיכטן, וועלכע געפינען זיך אין אים. מ'קען נישט שטיין אויפן שטאַנדפּונקט, אַז די פּאָליטישע אינטערעסן פון די נישט־פאַרמעגלעכע האַנטווערקער קענען מיר פאַר־טיידיקן, אָבער די ווירטשאַפטלעכע נישט"... „לויטן סטאַטוט פון סאָ־ציאַליסטישן האַנטווערקער־פאַרבאַנד דאַרפן צו אים געהערן צוויי שיכטן: זעלבסטשטענדיקע בעלי־מלאכות, וועלכע באַשעפטיקן נישט קיין דער־וואַקסענע לוין־אַרבעטער, און כאַלופּניקעס. די ווירטשאַפטלעכע אינטע־רעסן פון די דאָזיקע צוויי שיכטן זיינען נישט אין סתירה, נאָר פאַלן זיך צונויף מיט די ווירטשאַפטלעכע אינטערעסן פון די יידישע אַרבע־טער"... „מיר האָבן שוין אַ פּראַקטיק פון 2 יאָר"... „פאַר די 2 יאָר איז געלונגען צו אָרגאַניזירן העכער 50 אָפּטיילונגען אין דער פּראָווינץ, מיט אַן ערך 10 טויזנט מיטגלידער. די ערשטע אויפגאַבע, וואָס מען האָט זיך געשטעלט ביים גרינדן דעם סאָציאַליסטישן האַנטווערקער־פאַרבאַנד — דיפערענצירן די האַנטווערקער־מאַסע לויט דער קלאַסן־

ליגיע, אָפּטיילן די אָרימקייט פון די רייכע בעלי־גופישע עלעמענטן — איז בכלל געלונגען".

אַ קעגנערישן שטאַנדפּונקט האָט אין זיין רעפעראַט פּאַרטיידיקט מאיר וואַסער. ער האָט אָנגעוויזן אויף די קעגנזעצלעכע אינטערעסן, וואָס זיינען פאַראַן צווישן די האַנטווערקער און כאַלופּניקעס פון איין זייט און די אַרבעטער פון דער צווייטער זייט. ער איז געקומען צום אויספיר, אַז ס'איז נישט די אויפגאַבע פון בונד צו אָרגאַניזירן פּראָפעסיאָנעל די האַנטווערקער און האָט אַריינגעטראָגן אַ פאָרשלאָג, אַז דער צוזאַמענפאָר זאָל אָננעמען אַ באַשלוס קעגן שאַפן די סאָציאַליסטישע האַנטווערקער־אָרגאַניזאַציעס.

אין דער דיסקוסיע האָט משה (מאָריצי) אָזשעך, וועלכער איז געווען דער פאָרזיצער פון סאָציאַליסטישן האַנטווערקער־פאַרבאַנד, אָנגעוויזן, אַז אין דייטשלאַנד און עסטרייך זיינען שוין פון לאַנג קליינע האַנטווערקער און כאַלופּניקעס (היים־אַרבעטער) אָרגאַניזירט דורך די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פּאַרטייען. אויך אין פּוילן געהערן פּוילישע כאַלופּניקעס צו דער פּ.פּ.ס.. „פאַרוואָס זאָלן מיר זיי נישט אָרגאַניזירן?"... „זיי לויפן גאָרנישט אַזוי גיך צו אונז, מ'דאַרף די אָרימע האַנטווערקער און כאַלופּניקעס אויפקלערן, אַז אין אונזערע פאַראיינען וועלן זיי בעסער פאַרטיידיקט ווערן"... „די עקאָנאָמישע סטרוקטור פון דער יידישער באַפעלקערונג ברענגט צו דעם, אַז דער נעכטיקער אַרבעטער זאָל היינט ווערן אַ כאַלופּניק און מאָרגן צוריק אַן אַרבעטער. סוף־כל־סוף קען מען נישט קומען צום האַנטווערקער און כאַלופּניק און זאָגן, אַז מיר וועלן פאַרטיידיקן (בלויז) זייערע פּאָליטישע אינטערעסן און דער בעל־גופּישער האַנטווערקער־פאַראיין זאָל פאַרטיידיקן זייערע עקאָנאָמישע אינטערעסן"... „כ'וואָרף אָפּ דעם געדאַנק, אַז צוליב די אינטערעסן פון האַנטווערקער וועלן מיר מקריב זיין די אינטערעסן פון די אַרבעטער".

אין דער דיסקוסיע האָבן נאָך גערעדט פאַר אָרגאַניזירן פאַראיינען פון קליינע האַנטווערקער און כאַלופּניקעס אַבראַם סטאָלאַר און בערל אַמבאַראַס, קעגן — יעקב וואַקס און ש. מ. (אַרטור) זיגעלבוים.

דער צוזאַמענפאָר האָט געהאַט פאַר זיך צוויי רעזאָלוציעס: איינע פאַר אָרגאַניזירן די סאָציאַליסטישע פאַראיינען פון האַנטווערקער און כאַלופּניקעס און אַ צווייטע — קעגן. מיט אַ מערהייט שטימען האָט אָבער דער צוזאַמענפאָר באַשלאָסן, אַז די פראַגע איז נאָך נישט גענוג רייף צו באַשטימען. זאָל דעריבער געעפנט ווערן אַ ברייטע דיסקוסיע וועגן דעם ענין און אין 6 חדשים אַרום זאָל די אָנפירונג פון דער פּאַרטיי אָננעמען אַן ענדגילטיקן באַשלוס.

דער צוזאַמענפאָר האָט געהאַט פאַר זיך אַ גרעסערע צאָל רעזאָלוציעס וועגן אַקטועלע און אָרגאַניזאַציאָנעלע ענינים און ער האָט זיי איינשטימיק אָנגענומען (ענדערונגען פון פּאַרטיי־סטאַטוט, וועגן דער טעטי־

קייט פון יוגנט־בונד צוקונפט, וועגן דער אַרבעטער־פּרויען־אָרגאַניזאַציע — יאַף, וועגן דער אַרבעטער־ספּאָרט־באַוועגונג — מאָרגנשטערן, וועגן די טעטיקייטן פון די שטאָט־ראַטן און מאַגיסטראַטן, וועגן דער בונדישער טעגלעכער פּרעסע — נייע פאָלקס־צייטונג, וועגן אָנטייל אין די קהילות, וועגן דער פּראָפעסיאָנעלער באַוועגונג, וועגן פאַרשיידענע אָרגאַניזאַציאָנעלע ענינים, וועגן אַמנעסטיע פאַר פּאָליטישע אַרעסטירטע). ס׳זיינען אויך אָנגענומען געוואָרן רעזאָלוציעס צו דער יאָרצייט פון וולאַדימיר מעדעם און וועגן עטאַבלירן אינסטיטוציעס אויפן נאָמען פון פאַרשטאָרבענעם בונדישן פירער ב. מיכאַלעוויטש (יוסף איזביצקי). רעזאָלוציע־פאָרשלאָגן וועגן אַנדערע ענינים זיינען איבערגעשיקט געוואָרן צום ניי־געוויילטן צענטראַל־קאָמיטעט [14].

## 5. חלוקי־דעות וועגן אינטערנאַציאָנאַל

דער בונד איז געווען אַ גרויסער מענטשן־קאָלעקטיוו. די בונדישע אידעאַלן און הויפּט־צילן האָבן זיי אַלע פאַראייניקט אין איין פאַרטיי. די בונדיסטן זיינען אָבער געווען פאַרשיידן אין זייער כאַראַקטער, בילדונג, קענטענישן און טעמפּעראַמענט. אַזוי אויך אין זייערע בליקן אויף אַ ריי לויפנדיקע ענינים. און ווייל דער בונד איז געווען געבויט אויפן יסוד פון אינערלעכער דעמאָקראַטיע, האָבן די חלוקי־דעות וועגן אַלגעמיין־סאָציאַליסטישע און ספּעציעל־יידישע פּראָבלעמען געקענט אַרגומענטירט ווערן אָפן אין די פאַרטיי־אָרגאַניזאַציעס און אויך אין דער פּרעסע פאַר דער ברייטער עפנטלעכקייט. באַשטימט האָט די מערהייט. די אָרטיקע קאָמיטעטן און דער צענטראַל־קאָמיטעט האָבן די באַשלוסן נישט אָנגעוואָרפן.

די לענגסטע — און אויך די שאַרפסטע — חלוקי־דעות זיינען געווען וועגן אינטערנאַציאָנאַל. ביז דער ערשטער וועלט־מלחמה איז דער ענין בכלל נישט געווען קיין שטרייט־פראַגע. ס׳האָט עקזיסטירט איין אינטערנאַציאָנאַל און ס׳איז געווען נאַטירלעך, אַז אויך דער בונד זאָל צו אים געהערן. די ערשטע וועלט־מלחמה האָט אָט דעם אינטערנאַציאָנאַל — דעם צווייטן — פאַראַליזירט און צעשפּאָלטן צוליב דער פראַגע פון נאַציאָנאַלער לאַנד־פאַרטיידיקונג. די צעשפּאַלטונג איז נאָך מער פאַרטיפט געוואָרן נאָך דער מלחמה צוליב די חלוקי־דעות אין דער אָפּשאַצונג פון די אויפגאַבן, וואָס שטייען פאַרן אַרבעטער־קלאַס אין דער וועלט. זי איז פאַרפעסטיקט געוואָרן אויך אָרגאַניזאַציאָנעל. ס׳האָבן זיך אויסגעבילדעט דריי באַזונדערע אינטערנאַציאָנאַלן — דער המשך פון אַלטן (דעם צווייטן) — אויפן רעכטן פליגל, דער קאָמוניסטישער — אויפן לינקן פליגל און די ווינער אַרבעטס־געמיינשאַפט — אין צענטר. נאָך דעם ווי ער האָט אויף זיין ערשטן צוזאַמענפאָר (1920 אין קראָקע) באַשלאָסן אַרויסצוטרעטן פון צווייטן אינטערנאַציאָנאַל, איז דער בונד אין פוילן געשטאַנען אַ לאַנגע צייט מחוץ יעדער פון די דריי אינטערנאַציאָנאַלע פאַראייניקונגען.

דאָס איז געווען אַן אומנאָרמאַלער מצב. בפרט נאָך, ווען ביי דער יידישער אַרבעטערשאַפט איז געווען גאָר שטאַרק דער אינטערעס צו די פּראָבלעמען פון דער אינטערנאַציאָנאַלער אַרבעטער־באַוועגונג. ביי די אָרגאַניזירטע יידישע אַרבעטער זיינען געווען גאַנץ ווייניק סימפּאַטיעס פאַר דער פּאָליטיק, וואָס עס האָבן געפירט די סאָציאַליסטישע אַרבע־

טער־פּאַרטייען, וועלכע זיינען געווען אַנגעשלאָסן אין המשכדיקן צוויטן אינטערנאַציאָנאַל. אויך פאַר דער ווינער אַרבעטס־געמיינשאַפט, צו וועל־כער ס׳האָבן געהערט די אַזוי־גערופענע צענטריסטישע סאָציאַל־דעמאָ־קראַטישע פּאַרטייען, איז ביי דער יידישער אַרבעטערשאַפט קיין באַגייס־טערונג נישט געווען. דאַקעגן זיינען געווען גאַנץ שטאַרק די שטימונגען פאַרן דריטן אינטערנאַציאָנאַל, וואָס איז אין 1919 געשאַפן געוואָרן אין מאָסקווע. אין די ערשטע צוויי פריער־דערמאָנטע אינטערנאַציאָנאַלע סאָציאַליסטישע צענטרען האָט מען געזען בלויז די נעגאַטיווע זייטן, בעת אין דריטן האָט מען די נעגאַטיווע זייטן פאַרקוקט און געוואָלט זען בלויז דאָס פּאָזיטיווע און דאָס אידעאַליזירטע. די דאָזיקע איינשטעלונג איז רייף געוואָרן אויפן באָדן פון די באַגרענעצונגען און נגישות, פון וועלכע ס׳האָט געליטן די יידישע באַפעלקערונג אין פּוילן און אין אַנ־דערע מזרח־אייראָפּעאישע לענדער. דאָס נעגאַטיווע פון דריטן אינטער־נאַציאָנאַל איז אָבער כסדר געוואָרן בולטער און אָפּשטויסנדיקער, ביז ס׳האָט דערפירט צו אַ רעוויזיע אין דער באַציאונג צו אים ביי אַ גרויסן טייל פון די, וואָס זיינען פריער געווען זיינע אָנהענגער. ער האָט בכלל אויפגעהערט צו זיין אַן אינטערנאַציאָנאַל און זיך פאַרוואַנדלט אין אַן אינסטרומענט פון דער סאָוועט־רוסישער פּאָליטיק און שפּעטער — פון גענעראַל־סעקרעטאַר פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי אין סאָוועט־רוסלאַנד (אין 1943 איז דער קאָמוניסטישער אינטערנאַציאָנאַל ליקווידירט געוואָרן לויט אַ באַפעל פון גענעראַל־סעקרעטאַר פון דער סאָוועט־רוסישער קאָ־מוניסטישער פּאַרטיי, י. סטאַלין).

***

אויף עטלעכע צוזאַמענפאַרן האָט דער בונד באַהאַנדלט די פראַגע פון אינטערנאַציאָנאַל. אויפן ערשטן (1920) איז מיט 41 שטימען קעגן 30 ביי 15 אָפּגעהאַלטענע אָנגענומען געוואָרן אַ באַשלוס אַריינצוטרעטן אין דריטן אינטערנאַציאָנאַל. דער צווייטער צוזאַמענפאַר (1921) האָט נישט געוואָלט אָננעמען אַלע 21 איינטריט־באַדינגונגען (בלויז 6 פון די 49 דעלע־גאַטן זיינען געווען גרייט דאָס צו טון). מחמת דעם איז דער בונד ווייטער געבליבן מחוץ אים. אויפן דריטן צוזאַמענפאַר (1924) איז שוין געווען קענטיק אַ שטאַרקע דערווייטערונג פון דריטן אינטערנאַציאָנאַל. די אויס־געשפּראָכענע קעגנער פון אַ צעשפּאַלטונג אין דער אינטערנאַציאָנאַלער אַרבעטער־באַוועגונג זיינען שוין איצט געווען די מערהייט אין דער פּאַר־טיי. זייער רעזאָלוציע האָט באַפולמעכטיקט דעם צענטראַל־קאָמיטעט „צו נעמען אַן אַקטיוון אָנטייל אין די פּרוּוון צו שאַפן אַ פאַראייניקונג פון אַלע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען, וואָס געהערן נישט צו קיין שום אינטער־נאַציאָנאַל און געפינען זיך אין אַן אידייאישער קרובהשאַפט צום בונד. די אויפגאַבע פון דער דאָזיקער פאַראייניקונג דאַרף זיין צו פירן אַן אי־דייאישן קאַמף קעגן די נעגאַטיווע זייטן פון די עקזיסטירנדיקע אינטער־נאַציאָנאַלן און צו פירן אַ פּראָפּאַגאַנדע פאַר דער אידייע פון אַ פאַראיי־

ניקטן רעוואָלוציאָנערן אינטערנאַציאָנאַל״. פון 55 דעלעגאַטן האָבן פאַר דער רעזאָלוציע געשטימט 30 און פאַרן פּראָיעקט פון דער מינדערהייט — 24.

דער רעזאָלוציע־פּראָיעקט פון דער מינדערהייט האָט זיך אַרויס־געזאָגט פאַר „שאַפן אַ פאַראייניקונג פון די אַלע רעוואָלוציאָנערע סאָ־ציאַליסטישע פּאַרטייען און אָרגאַניזאַציעס, וואָס שטייען אויף דער פּרינ־ציפּיעלער פּלאַטפאָרם פון קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל און געפינען זיך אויסער אים. די גרונט־אויפגאַבע פון אָט דער פאַראייניקונג זאָל זיין אַ קאַמפּאַניע קעגן די שעדלעכע אָרגאַניזאַציאָנעלע יסודות פון קאָמינטערן און פאַר זיין רעאָרגאַניזירונג אויפן יסוד פון ווירקלעכן דעמאָקראַטישן צענטראַליזם״ (אויספירלעכער וועגן די באַשלוסן פון די פריער־דערמאָנטע דריי צוזאַמענפאָרן — אין פערטן באַנד די געשיכטע פון בונד).

נאָך פאַרן דריטן צוזאַמענפאָר פון בונד זיינען פאָרגעקומען וויכטיקע ענדערונגען און איבערגרופּירונגען אין דער אינטערנאַציאָנאַלער אַרבעטער־באַוועגונג. ס׳איז געוואָרן מיט איין אינטערנאַציאָנאַל וויניקער. די ווינער אַרבעטס־געמיינשאַפט פון אַ צאָל סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פּאַר־טייען האָט אויפן קאָנגרעס אין האַמבורג (21 ־ 25 מאַי 1923) זיך פאַר־אייניקט מיט דעם המשכדיקן טייל פון אַלטן (צווייטן) אינטערנאַציאָנאַל און צוזאַמען האָבן זיי אויסגעבילדעט דעם נייעם סאָציאַליסטישן אַרבע־טער־אינטערנאַציאָנאַל.

מחוץביידע אינטערנאַציאָנאַלן זיינען ווייטער געבליבן אַ צאָל פּאַר־טייען: דער בונד, די נאָרוועגישע אַרבעטער־פּאַרטיי, די איטאַליענישע סאָציאַליסטישע פּאַרטיי, אָפּגעשפּאָלטענע אָרגאַניזאַציעס פון קאָמוניסטישע און סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פּאַרטייען און לינקע עסערן. אין 1923 האָבן אַ טייל פון זיי באַשלאָסן צו שאַפן אַ נייע פאַראייניקונג. הגם די פּרינ־ציפּיעלע חלוקי־דעות אין בונד וועגן אינטערנאַציאָנאַל זיינען ווייטער געבליבן, האָבן אָבער ביידע ריכטונגען זיך געאייניקט וועגן צושטיין צו דער נייער אינטערנאַציאָנאַלער גרופּירונג.

דעם 15־טן יולי 1923 איז אין פראַנקפורט (דייטשלאַנד) פאָרגעקו־מען אַ קאָנפערענץ, אויף וועלכער ס׳איז געשאַפן געוואָרן אַן „אינטערנאַ־ציאָנאַלע אינפאָרמאַציע־ביוראָ פון רעוואָלוציאָנער־סאָציאַליסטישע פּאַר־טייען״ (שפּעטער באַקאַנט ווי די פּאַריזער ביוראָ). נישט קיין נייער אינ־טערנאַציאָנאַל האָט עס געדאַרפט זיין. דער אָנגענומענער באַשלוס וועגן דעם האָט געזאָגט: „די דאָזיקע ביוראָ דאַרף נישט שאַפן אַ צענטער פון אַ נייעם אינטערנאַציאָנאַל, וואָס זאָל ריוואַליזירן מיט די אינטערנאַציאָנאַלן פון מאָסקווע אָדער לאָנדאָן. די ביוראָ דאַרף פאַר די אָנגעשלאָסענע פּאַרטייען דינען ווי אַ מיטל פון איינשטימען זייער אינטערנאַציאָנאַלע טעטיקייט. די דאָזיקע טעטיקייט שטרעבט צונויפצוזאַמלען די רעוואָלוציאָנערע מאַסן פון דער אַרבעטנדיקער באַפעלקערונג פאַרן בשותּפותדיקן אינטערנאַציאָ־נאַלן קלאַסן־קאַמף, ווייל סאָציאַליזם קען פאַרווירקלעכט ווערן בלויז

נאָכן גובר זיין די שעדלעכע שפּאַלטונגען, וואָס פּאַראַליזירן איצט דעם קלאַסן־קאַמף און פאַרלייכטערן דעם קאַפּיטאַליזם צו פירן זיין אימפּע־ריאַליסטישן קאַמף".

דעלעגאַטן פון בונד האָבן זיך באַטייליקט אין עטלעכע קאָנפערענצן פון אינפאָרמאַציע־ביוראָ. דער בונדישער פאַרשטייער אין דער אָנפירונג פון ביוראָ איז געווען ה. ערליך [15].

***

אַלץ מער און מער איז געוואָרן קלאָר און פאַרפּעסטיקט דער געדאַנק, אַז דער בונד דאַרף אַרויסגיין פון דעם מצב, וואָס איזאָלירט אים פון דער אינטערנאַציאָנאַלער אַרבעטער־באַוועגונג. וועגן אַנהאַלטן האָפנונגען, אַז דער קאָמוניסטישער אינטערנאַציאָנאַל וועט זיך ענדערן און מעגלעך מאַכן, אַז אויך נישט־קאָמוניסטישע פאַרטייען זאָלן צו אים געהערן, האָט מער קיין רייד נישט געקענט זיין. זיין שטרעבונג איז געווען צו פאַרניכטן די סאָציאַליסטישע פאַרטייען. איז געבליבן דער איינציקער גרויסער צענטער — דער סאָציאַליסטישער אַרבעטער־אינטערנאַציאָנאַל. און צו אים האָבן זיך אָנגעהויבן ציען די שטרעבונגען פון דער מערהייט אין בונד.

אויף די שפּאַלטן פון דער בונדישער פּרעסע איז געפירט געוואָרן אַ ברייטע דיסקוסיע וועגן דעם. וועגן אַרייַנטרעטן אין סאָציאַליסטישן אַרבעטער־אינטערנאַציאָנאַל זיינען געווען אָנהענגער און קעגנער. צענטליקער מיטגלידער און טוער פון דער פּאַרטיי האָבן אין זייערע אַרטיקלען פאָרמולירט זייערע געדאַנקען און אַרגומענטן. פאַרקניפּט מיטן ענין אינטערנאַציאָנאַל איז אין אַ גרויסער מאָס אויך געווען די פראַגע פון צוזאַמענאַרבעט מיט דער פּוילישער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי (פּ. פּ. ס.).

ווי אַזוי האָבן די אָנהענגער פון דער נייער ווענדונג פאָרמולירט און פאַרטיידיקט זייער שטאַנדפּונקט?

אין דער עפנטלעכקייט האָט דער ערשטער באַהאַנדלט די פראַגע וויקטאָר אַלטער. ער האָט געשריבן: „אויפן אינטערנאַציאָנאַלן געביט האָבן מיר זיך פאַרבונדן מיט אַנדערע פּאַרטייען, וואָס שטייען אויפן זעלבן שטאַנדפּונקט ווי מיר און געשאַפן די אינטערנאַציאָנאַלע ביוראָ פון רעוואָלוציאָנער־סאָציאַליסטישע פּאַרטייען. מיר האָבן קיינמאָל נישט געלייגט צו פיל האָפנונגען אויף איר אַרבעט. די ווירקלעכקייט איז אָבער נאָך טרויעריקער איידער מיר האָבן זיך פאַרגעשטעלט. דער פּאָליטישער איינפלוס פון ביוראָ איז אַזוי קליין, אַז ער איז כמעט ווי נישט פאַראַן". נאָכן ווייזן די אוממעגלעכקייט, אַז אַ סאָציאַליסטישע פּאַרטיי זאָל קענען געהערן צום קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל, קומט ער צום אויספיר, אַז דער בונד דאַרף אַרייַנטרעטן אין סאָציאַליסטישן אינטערנאַציאָנאַל. ער פּאָלעמיזירט מיט די טענות פון די קעגנער און זאָגט, אַז דער בונד וועט שטענדיק האָבן די מעגלעכקייט צו פאַרטיידיקן זיין שטעלונג און האַנדלען

אין הסכם מיט איר. „דער צווייטער אינטערנאַציאָנאַל שטעלט נישט קיין שום באַדינגונגען די פּאַרטייען, וואָס ווילן צו אים געהערן״ [6]).

*****

אָפיציעל איז די דיסקוסיע געעפנט געוואָרן אין אָקטאָבער 1928. דעם 19 אָקטאָבער האָט דער צענטראַל־קאָמיטעט פון בונד אין פוילן פאַרעפנטלעכט אין פּאַרטיי־אָרגאַן טעזן וועגן די „ריכטליניען פאַר אונזער פּאַרטיי־פּאָליטיק״. די טעזן וועגן דער אַלגעמיינער בונדישער פּאָליטיק האָבן אַרומגענומען אַ צאָל הויפּט־פּראָבלעמען, צווישן זיי אויך וועגן אינטערנאַציאָנאַל. ס׳זיינען וויטער געווען די צוויי ריכטונגען — אַ מערהייט און אַ מינדערהייט. פאַר די מערהייט־טעזן זיינען אין צענטראַל־קאָמיטעט געווען 7 שטימען, פאַר די מינדערהייט־טעזן — 4.

נאָכן כאַראַקטעריזירן די נישט־באַרעכטיקטע און פאַלשע פּאָליטיק פון קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל, קומען די מערהייט־טעזן צום אויספיר, אַז דער קאָמוניסטישער אינטערנאַציאָנאַל האָט „פאַרניכטעט די מעגלעכקייט פון אַ וועלכער נישט איז פאַרשטענדיקונג צווישן אים און דעם סאָציאַליסטישן לאַגער, אַלזאָ אויך מיטן ׳בונד׳״... וועגן סאָציאַליסטישן אַרבעטער־אינטערנאַציאָנאַל ווערט פעסטגעשטעלט, אַז זיינע באַשלוסן „טראָגן אויף זיך דעם בולטן שטעמפּל פון רעפאָרמיזם״... „אָבער צוזאַמען מיט אָט דער רעפאָרמיסטישער מערהייט איז פאַראַן אין סאָציאַליסטישן אינטערנאַציאָנאַל אַ רעוואָלוציאָנער־סאָציאַליסטישער פליגל, וועמענס אידייאישע שטעלונג איז נאָענט צו דער שטעלונג פון ׳בונד׳״... „די אינטערעסן פון אַרבעטער־קלאַס (סיי זיין טאָג־טעגלעכער קאַמף, סיי זיינע קומענדיקע רעוואָלוציאָנערע אַרויסטרעטונגען) פאָדערן עס זאָל פאַראייניטלעכט ווערן אויף דעם אינטערנאַציאָנאַלן באָדן די אָנשטרענגונגען פון אַלע לינקע סאָציאַליסטישע עלעמענטן, סיי פון די וואָס געפינען זיך אין סאָציאַליסטישן אינטערנאַציאָנאַל, סיי פון די וואָס זיינען אָנגעשלאָסן אין דער פּאַריזער ביוראָ פון רעוואָלוציאָנער־סאָציאַליסטישע פּאַרטייען. דער צענטראַל־קאָמיטעט פון ׳בונד׳ דאַרף דעריבער אָוועקשטעלן פאַר דער גאַנצער פּאַרטיי און פאַרן פּאַריזער ביוראָ די פראַגע וועגן די מיטלען צו פאַרזיכערן די מעגלעכקייט פון אַ צוזאַמענאַרבעט צווישן די פּאַרטייען, וואָס זיינען אָנגעשלאָסן אין דער פּאַריזער ביוראָ און דעם לינקן פליגל פון סאָציאַליסטישן אינטערנאַציאָנאַל״.

די מערהייט־טעזן האָבן נישט גערופן, אַז דער בונד זאָל אַריינטרעטן אין סאָציאַליסטישן אינטערנאַציאָנאַל, אָבער זיי האָבן שוין אָוועקגעשטעלט די פראַגע וועגן דער מעגלעכקייט פון אַזאַ אַקט. איין מיטגליד פון צענטראַל־קאָמיטעט — וויקטאָר אַלטער — האָט געמאַכט אַ שריט ווייטער. ער האָט פאַרעפנטלעכט אַ צוגאָב צו די מערהייט־טעזן מיטן אויספיר, אַז „דער ׳בונד׳ דאַרף זיך באַמיען אַדורכצופירן אין דער פּאַ־

ריזער ביוראָ פון רעוואָלוציאָנער־סאָציאַליסטישע פּאַרטייען דעם קאָלעקטיוון אָנשלוס אין סאָציאַליסטישן אינטערנאַציאָנאַל".

אַ צווייטער מיטגליד פון צענטראַל־קאָמיטעט — ש. מ. (אַרטור) זיגעלבוים האָט אַזוי ווייט, ווי די מערהייט־טעזן, נישט געוואָלט גיין. הגם ער האָט געשטימט פאַר זיי, האָט ער אָבער אַריינגעטראָגן „אַן אויסבעסערונג" מיטן אויספיר, אַז ס'איז „די אויפגאַבע פון 'בונד' פאָרצוזעצן די אַרבעט פאַר דער מעגלעכקייט פון געמיינזאַמע אָנשטרענגונגען פון די רעוואָלוציאָנער־סאָציאַליסטישע פּאַרטייען אויפן געביט פון קאַמף מיט די אָפּאָרטוניסטישע אילוזיעס און פון שאַפן אַ פאַקטישע אינטערנאַציאָנאַלע איינהייט פון פּראָלעטאַריאַט".

די מינדערהייט־טעזן האָבן קריטיקירט סיי די מערהייט, סיי די מינדערהייט פון סאָציאַליסטישן אַרבעטער־אינטערנאַציאָנאַל פון איין זייט און דעם קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל פון דער צווייטער זייט. אָבער וואָס שייך דעם לעצטן, האָבן די מינדערהייט־טעזן דערקלערט, אַז „דער קאָמינטערן קאָן לעת־עתה נישט ווערן דער אַנערקענטער פּראָלעטאַרישער אינטערנאַציאָנאַל צוליב די פאַלשע אָרגאַניזאַציאָנעלע פּרינציפּן"... „און צוליב די פאַלשע, שעדלעכע און אָפט פאַרברעכערישע מעטאָדן פון אַרבעט און פון קאַמף קעגן אַנדערע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען". דער אויספיר איז געווען: „ביי אַזאַ לאַגע מוז די פּאַרטיי בלייבן אויסער אַן אינטערנאַציאָנאַל און צוזאַמען מיט אַלע אַנדערע פּאַרטייען, וואָס זיינען אונז אידייאיש נאָענט"... „אַרבעטן אין דער ריכטונג פון קאָנסאָלידירן די רעוואָלוציאָנערע סאָציאַליסטישע עלעמענטן אין דער אַרבעטער־באַוועגונג — סיי אין נאַציאָנאַלן, סיי אין אינטערנאַציאָנאַלן מאַסשטאַב".

דער גרונט־אונטערשייד צווישןביידע טעזן אין דער דאָזיקער פראַגע איז באַשטאַנען אין דעם: בעת פאַר די מערהייט־טעזן האָט מער נישט עקזיסטירט דער וועג צום קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל און זיי האָבן זיך געווענדעט מיטן פּנים צום סאָציאַליסטישן אינטערנאַציאָנאַל, איז דאָס אין די מינדערהייט־טעזן געווען פּונקט פאַרקערט: אַ מעגלעכקייט פון געהערן צום סאָציאַליסטישן אינטערנאַציאָנאַל איז אין זיי נישט געקומען אין באַטראַכט, אָבער וואָס שייך דעם קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל, איז אַ בלאַסע האָפנונג אויף אַזאַ מעגלעכקייט יאָ געווען, ווייל בלויז „לעת־עתה" (צייטווייליק) קען דער קאָמינטערן נישט ווערן דער אַנערקענטער פּראָלעטאַרישער אינטערנאַציאָנאַל" [17]).

באַכן פאַרעפנטלעכן די טעזן זיינען אין דער פּאַרטיי־פּרעסע דערשינען אַ גרעסערע צאָל אַרטיקלען וועגן די ענינים, וואָס דער פּערטער צוזאַמענפאָר האָט געדאַרפט באַהאַנדלען און באַשליסן, צווישן זיי אויך וועגן אינטערנאַציאָנאַל. די וואָרט־זאָגער פון ביידע ריכטונגען האָבן פאַרטיידיקט זייערע שטאַנדפּונקטן און קריטיקירט דעם צווייטן צד.

ה. ערליך האָט געזאָגט פאַרוואָס מ'דאַרף איינמאָל פאַר אַלעמאָל

איבערייסן מיט די אילוזיעס וועגן קאָמינטערן און זיך אָריענטירן אויפֿן צענטער פֿון די סאָציאַליסטישע פּאַרטייען: „דער ׳איבערגעטריבענער צענטראַליזם׳ און די שפּאַלטונג־טענדענץ, וועלכע מיר האָבן אַלע צוזאַמען פּאַראורטיילט אין קאָמינטערן, זיינען נישט קיין צופֿעליקע חולאתן, זיינען נישט קיין יוגנט־קרענק, פֿון וועלכער דער קאָמינטערן קען אויסוואַקסן. די דאָזיקע קרענק דרינגט אַרויס פֿון גאַנצן מהות פֿון קאָמוניזם. אַלע פֿעלערן פֿון קאָמוניזם, האָבן מיר געזאָגט, שטאַמען פֿון דער ריין מעכאַנישער אַנטי־מאַרקסיסטישער פֿאַרשטעלונג וועגן סאָציאַלער רעוואָלוציע; פֿון זיין איבערצייגונג, אַז כדי אַרויסצורופֿן אַ סאָציאַלע איבערקערעניש, איז פֿולשטענדיק גענוג צו האָבן אַ גוט־אָרגאַניזירטע, אַ שטרענג־צענטראַליזירטע און דיסציפּלינירטע ׳איניציאַטיווע מינדערהייט׳. די פֿעלערן פֿון קאָמוניזם, האָבן מיר געזאָגט, שטאַמען פֿון דער פֿאַלשער אַנטי־מאַרקסיסטישער אויפֿפֿאַסונג וועגן פּראָלעטאַרישער דיקטאַטור, וועלכע די קאָמוניסטן באַנעמען נישט אַלס דיקטאַטור פֿון אַרבעטער־קלאַס, נאָר אַלס דיקטאַטור איבער דעם אַרבעטער־קלאַס". ערליך האָט פּאָלעמיזירט מיט די מינדערהייט־טעזן, וואָס האָבן געזאָגט, אַז דער קאָמינטערן טויג נישט „לעת־עתה" צוליב זיינע פֿאַלשע אָרגאַניזאַציאָנעלע פּרינציפּן און ער האָט אָנגעוויזן, אַז ער טויג נישט קודם כל צוליב זיינע אידעאָלאָגישע פּרינציפּן, פֿון וועלכע די אָרגאַניזאַציאָנעלע פּראַקטיק דרינגט אַרויס. די אויפֿגאַבע איז צו מאַכן אַ סוף צו דער שפּאַלטונג און באַמיען זיך צו פֿאַראייניקן דעם גאַנצן פּראָלעטאַריאַט. מ׳דאַרף זיין אי קעגן קאָמוניזם, אי קעגן רעפֿאָרמיזם — פֿאַר רעוואָלוציאָנערן סאָציאַליזם אין די ראַמען פֿון איין אינטערנאַציאָנאַל.

אין תוך האָט ערליך מסכים געווען מיט דער אויסבעסערונג פֿון וויקטאָר אַלטער צו די מערהייט־טעזן, אַז דער בונד דאַרף אַריינטרעטן אין סאָציאַליסטישן אינטערנאַציאָנאַל, ער איז אָבער געווען קעגן דעם, אַז דאָס זאָל באַשלאָסן ווערן אויפֿן נאָענטן פּאַרטיי־צוזאַמענפֿאָר. אַזוי איז געווען דער באַשלוס פֿון דער מערהייט אין צענטראַל־קאָמיטעט און שפּעטער אויך פֿון פּאַרטיי־ראַט. די מיינונג איז געווען, אַז מ׳דאַרף נאָך אָפּוואַרטן אַ געוויסע צייט [*]).

י. כמורנער (יוסף לעשטשינסקי) האָט פֿאַרטיידיקט די מינדערהייט־טעזן. ער האָט געזאָגט, אַז די שטעלונג פֿון דער מינדערהייט איז אַזאַ ווי זי איז, ווייל זי קען נישט פֿאַרגעסן דעם צעפֿאַל פֿון צווייטן אינטערנאַציאָנאַל אין אויגוסט 1914 און די פּאַטריאָטישע פּאָליטיק פֿון די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פּאַרטייען בעת און נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה. מ׳דאַרף האָבן אַן אינטערנאַציאָנאַל פֿון רעוואָלוציאָנערע מעשים. „דער סאָציאַליסטישער אינטערנאַציאָנאַל איז פּאַקטיש נישט עפּעס אַנדערש, ווי דער אינטערנאַציאָנאַל פֿון סטאַביליזירטן רעפֿאָרמיזם", פּאַראַלעל צום סטאַביליזירטן קאַפּיטאַליזם. דער סאָציאַליסטישער אינטערנאַציאָנאַל איז אַ קאָפּיע פֿון דער פֿעלקער־ליגע און די קאָפּיע איז נאָך ערגער פֿון

אָריגינאַל. די שפּאַלטונג אין אַרבעטער־קלאַס האָבן גורם געווען די רע־פאָרמיסטן. מיט די קאָמוניסטן גייט מען זיך פאַנאַנדער בנוגע די וועגן און מיטלען ווי אַזוי אויסצולעבן די שפּאַלטונג, אָבער נישט בנוגע דער שפּאַלטונג גופא. „נישט איינִיקייט סתּם איז דעריבער דער אידעאַל פאַר אונז — נאָר בלויז די איינִיקייט, וועלכע באַוואָרנט דעם רעוואָלוציאָנערן כבוד און די רעוואָלוציאָנערע נשמה פון דער אַרבעטער־באַוועגונג". דער קאָמינטערן איז „ביי אַלע זיינע פעלערן, טעותן און פאַרקריפּלונגען, פאָרט אַ רעוואָלוציאָנערער לאַגער" [19]).

דער פערטער צוזאַמענפאָר פון בונד האָט קיין ספּעציעלן פּונקט וועגן אינטערנאַציאָנאַל נישט געהאַט אויף זיין טאָג־אָרדנונג. די פראַגע איז אָבער באַהאַנדלט געוואָרן צוזאַמען מיט די אַנדערע ענינים ביים פּונקט — די פּאָליטישע סיטואַציע און די ריכטליניעס פאַר אונזער פּאַרטיי. אין דער אַלגעמיינער רעזאָלוציע, וואָס דער צוזאַמענפאָר האָט אָנגענומען מיט 53 שטימען קעגן 42, פאַרנעמט אַן אָנגעזעען אָרט אויך די פראַגע פון אינטערנאַציאָנאַל. אין דעם טייל פון דער רעזאָלוציע ווערט פעסטגע־שטעלט:

„דער פּראָלעטאַרישער קאַמף קען ביי דער איצטיקער אינטערנאַציאָ־נאַלער קאָניונקטור געפירט ווערן מיט די גרעסטע אויסזיכטן אויף דער־פאָלג נאָר דעמאָלט, ווען ס'וועט פאַרווירקלעכט ווערן די איינהייט פון דער אַרבעטער־באַוועגונג סיי אויפן אינטערנאַציאָנאַלן געביט, סיי אין יעדן לאַנד באַזונדער. די דאָזיקע איינהייט קען דערגרייכט ווערן אויפן גרונט פון אַ לאָיאַלער קעגנזייטיקער באַציאונג צווישן די פאַרשיידענע שטרומונגען אינעם אַרבעטער־קלאַס און ביי אַ שטאַרקער דיסציפּלין אין די פּראָלעטאַרישע קאַמף־אָרגאַניזאַציעס"... נאָכן כאַראַקטערי־זירן די אָפּשאַצונגען און פּאָליטיק פון קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל, זאָגט ווייטער די רעזאָלוציע, אַז זיין זעקסטער קאָנגרעס האָט „נאָך מער פאַרשאַרפט זיין שפּאַלטונג־פּאָליטיק, ספּעציעל אויפן געביט פון די פּראָ־פעסיאָנעלע פאַראיינען, און האָט אויפגעפאָדערט די קאָמוניסטישע אַרבע־טער צו אַ דירעקטער מלחמה קעגן די נישט־קאָמוניסטישע, באַזונדערס — קעגן די לינק־סאָציאַליסטישע אַרבעטער. מיט דעם האָט דער קאָ־מינטערן פאַרניכטעט די מעגלעכקייט פון אַ וועלכער ניט איז פאַר־שטענדיקונג צווישן אים און דעם סאָציאַליסטישן לאַגער, אַלזאָ אויך מיטן בונד"...

איבערגייענדיק צום סאָציאַליסטישן אינטערנאַציאָנאַל, זאָגט די רע־זאָלוציע: „אין דעם סאָציאַליסטישן אינטערנאַציאָנאַל האָבן נאָך ביז איצט די אויבערהאַנט די רעפאָרמיסטישע עלעמענטן פון דער אַרבעטער־באַ־וועגונג"... „אָבער צוזאַמען מיט אָט דער רעפאָרמיסטישער מערהייט איז פאַראַן אין סאָציאַליסטישן אינטערנאַציאָנאַל אַ רעוואָלוציאָנער־סאָציאַליסטישער פליגל, וועמענס אידייאישע שטעלונג איז נאָענט צו דער שטעלונג פון בונד"...

„דער צוזאַמענפֿאָר באַשליסט: בלײַבנדיק, ביז אַ באַשלוס פֿון אַ נײַעם צוזאַמענפֿאָר, בײַ די ביז־איצטיקע אינטערנאַציאָנאַלע באַציאונגען פֿון אונזער פּאַרטיי, צו זוכן מיטלען, וואָס זאָלן פֿאַרזיכערן די מעגלעכקייט פֿון צוזאַמענאַרבעט צווישן די פּאַרטייען, וואָס זײַנען אָנגעשלאָסן אין פּאַריזער ביוראָ, מיט די לינקע פּאַרטייען פֿון סאָציאַליסטישן אינטערנאַציאָנאַל, ווי אויך די פּאַרטייען וואָס געפֿינען זיך אויסער יעדער אינטערנאַציאָנאַלער אָרגאַניזאַציע". 53 דעלעגאַטן האָבן געשטימט פֿאַר דער רעזאָלוציע פֿון דער מערהייט.

דער רעזאָלוציע־פּראָיעקט פֿון דער מינדערהייט האָט שאַרף קריטיקירט דעם סאָציאַליסטישן אינטערנאַציאָנאַל, ווי אויך זײַן לינקן פֿליגל. די לינק־אָריענטירטע פּאַרטייען האָט דער רעזאָלוציע־פּראָיעקט פֿאָרגעוואָרפֿן, אַז „אין אַלע פּרינציפּיעלע גרונט־פֿראַגן"... „פֿאַרנעמען זיי פּאַקטיש די זעלבע שטעלונג, וואָס דער רעכטער פֿליגל און די חלוקי־דעות זײַנען נוגע בלויז די טאַקטיש־פּראַקטישע אָנווענדונג פֿון די זעלבע פֿאַלשע פּרינציפּן"... וועגן קאָמינטערן: „זײַן יסוד איז דער רעוואָלוציאָנערער מאַרקסיזם"... ער טויג אָבער נישט צוליב זײַן טאַקטיק, אָרגאַניזאַציאָנעלע יסודות און מעטאָדן פֿון אַרבעט... „בײַ אַזאַ לאַגע מוז דער בונד ווײַטער בלײַבן אויסער די בײדע אינטערנאַציאָנאַלן און צוזאַמען מיט אַלע אַנדערע פּאַרטייען, וואָס זײַנען אים אידייאיש נאָנט, אַרבעטן אין דער ריכטונג פֿון קאָנסאָלידירן די רעוואָלוציאָנער־סאָציאַליסטישע עלעמענטן אין דער אַרבעטער־באַוועגונג סײַ אין נאַציאָנאַלן, סײַ אין אינטערנאַציאָנאַלן מאַסשטאַב". 42 דעלעגאַטן האָבן געשטימט פֿאַר דעם רעזאָלוציע־פּראָיעקט פֿון דער מינדערהייט.

וויקטאָר אַלטער האָט צו דער אַלגעמײנער רעזאָלוציע פֿאָרגעלייגט אַ צוגאָב, וואָס האָט געהאַט דעם אויספֿיר: „דער צוזאַמענפֿאָר באַפֿולמעכטיקט דעם צענטראַל־קאָמיטעט צו מאַכן באַמיאונגען, וואָס זאָלן דערפֿירן צו אַ קאָלעקטיוון אָנשלוס פֿון אַלע פּאַרטייען, וועלכע געהערן צום פּאַריזער ביוראָ, אין דעם סאָציאַליסטישן אינטערנאַציאָנאַל". פֿאַר דער אויסבעסערונג האָבן געשטימט 19 דעלעגאַטן. אויך ש. מ. (אַרטור) זיגעלבוים האָט צו דער שטעלונג פֿון דער מערהייט געהאַט אַ צוגאָב — צו בלײַבן בײַם סטאַטוס קוואָ און נישט מאַכן קיין שום ענדערונגען בנוגע דעם אינטערנאַציאָנאַל. ער האָט אָבער זײַן צוגאָב נישט געשטעלט צו אָפּשטימונג [20]).

ס'איז געווען קלאָר, אַז דער באַשלוס פֿון פֿערטן צוזאַמענפֿאָר פֿון בונד בנוגע דעם אינטערנאַציאָנאַל איז אַ צײַטווײַליקער און אַז אַ נאָענטער צוזאַמענפֿאָר וועט דאַרפֿן אָננעמען אַן ענדגילטיקן באַשלוס. בערך מיט אַ יאָר שפּעטער נאָכן פֿערטן צוזאַמענפֿאָר פֿון בונד איז אין פֿראַנקפֿורט (דײַטשלאַנד) פֿאָרגעקומען אַ קאָנפֿערענץ פֿון די פּאַרטייען, וואָס זײַנען געווען אָנגעשלאָסן אין דער אינטערנאַציאָנאַלער ביוראָ פֿון רעוואָלוציאָנער־סאָציאַליסטישע פּאַרטייען. דאָס מאָל איז די שטעלונג פֿון

בונד שוין געווען קעגנזועצלעך צו דער שטעלונג פון אַלע אַנדערע פּאַרטייען און גרופּן, וואָס זיינען געווען פאַרטרעטן אויף דער קאָנפערענץ. די מערהייט האָט געהאַט אַן אויסגעשפּראָכן קעגנערישע שטעלונג אי צום סאָציאַליסטישן, אי צום קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל און איז געווען פאַר דער ווייטערדיקער באַזונדערער עקזיסטענץ פון ביוראָ. די קאָנפערענץ האָט באַשלאָסן אַרויסצוגעבן אַן אויפרוף צו דער אַרבעטערשאַפט, אין וועלכן ס׳זיינען געווען אויסגערעכנט די חטאים פון ביידע אינטערנאַציאָנאַלן און פאַרוואָס מ׳קען נישט לייגן קיין האָפנונגען אויף זיי.

דער פאָרשטייער פון בונד האָט געשטימט קעגן אינהאַלט פון אויפרוף. אין דער באַגרינדונג פון זיין קעגנערשאַפט האָט ער געזאָגט: מיר אַנערקענען אין דער פולער מאָס די קאַטאַסטראָפאַלע באַדייטונג, וועלכע ס׳האָט פאַרן אינטערנאַציאָנאַלן אַרבעטער־קלאַס געהאַט די נאָכמלחמהדיקע שפּאַלטונג. זי האָט פּאַראַליזירט די כוחות פון אַרבעטער־קלאַס אין אַ מאָמענט, ווען פאַר אים זיינען געשטאַנען די גרעסטע, די שווערסטע, די פאַראַנטוואָרטלעכסטע אויפגאַבן, וואָס זיינען ווען נישט איז געשטאַנען פאַרן אַרבעטער־קלאַס. דער דאָזיקער שפּאַלטונג האָט אויך צו פאַרדאַנקען זיינע ביז־איצטיקע נצחונות דער אינטערנאַציאָנאַלער פאַשיזם. פון דעם איז געדרונגען, אַז די איינציקע רעטונג פאַרן אינטערנאַציאָנאַלן פּראָלעטאַריאַט איז — אָפּצושטעלן די שפּאַלטונג, צוריק אויפשטעלן די איינהייט פון פּראָלעטאַריאַט. עס איז אָבער מער ווי אַ צווייפלהאַפטער מיטל אויפצובויען די איינהייט, ווען מיר וועלן בשכנות פון די צוויי עקזיסטירנדיקע אינטערנאַציאָנאַלן און איגנאָרירנדיק זיי פּרואוון אויפבויען אַ נייעם, אַ דריטן אינטערנאַציאָנאַל אַרום פּאַריזער ביוראָ. ס׳איז אַן אוטאָפּיע צו מיינען, אַז די פּאַריזער ביוראָ זאָל ווערן דער צענטר פון יענעם איינציקן אינטערנאַציאָנאַל, וואָס וועט אויסלייזן די וועלט.

די מערהייט פון צענטראַל־קאָמיטעט פון בונד האָט שפּעטער אַקצעפּטירט די שטעלונג און האַנדלונג פון בונדישן פאָרשטייער אויף דער פּראַנקפורטער קאָנפערענץ [21]).

די דאָזיקע שטעלונג איז געווען אַ ווייטערדיקער עטאַפּ אויפן וועג צום סאָציאַליסטישן אַרבעטער־אינטערנאַציאָנאַל. ס׳זיינען רייף געוואָרן די באַדינגונגען פאַרן אָנשלוס, הגם קיין איינשטימיקייט וועגן דעם איז אין בונד נישט געווען.

# 6. דער פינפטער צוזאַמענפאָר

לויט אַ באַשלוס פון פאַרטיי־ראַט, האָט דער צענטראַל־קאָמיטעט באַשטימט צו רופן אַ צוזאַמענפאָר ספּעציעל וועגן אַריינטריט פון בונד אין סאָציאַליסטישן אַרבעטער־אינטערנאַציאָנאַל. אין צענטראַל־קאָמיטעט זיינען געווען צוויי שטאַנדפּונקטן — 7 פאַרן אַריינטריט און 5 קעגן. ס׳זיינען דעריבער פאַרעפנטלעכט געוואָרן טעזן פון דער מערהייט (נומער 1) און פון דער מינדערהייט (נומער 2).

אין די טעזן נומער 1 איז צווישן אַנדערן געזאָגט:

„דער בונד איז פונם ערשטן טאָג אָן פון זיין אַנטשטייאונג געווען אַ טייל פון אינטערנאַציאָנאַל. די אידייאישע ראַנגלענישן אין די רייען פון אונזער פאַרטיי פאַר די לעצטע צען יאָר זיינען אַן אויסדרוק פון דעם טיפן אומבאַזיגבאַרן דראַנג פון דער יידישער אַרבעטער־מאַסע צו זיין באַהאַפטן אין אַן אינטערנאַציאָנאַלער אַרבעטער־אָרגאַניזאַציע”... „דער לעצטער צוזאַמענפאָר האָט קאָנסטאַטירט דעם פולשטענדיקן אידייאישן באַנקראָט פון קאָמינטערן און האָט געשטעמפּלט די פאַרברעכערישע, פאַקטיש רעאַקציאָנערע ראָל, וועלכע ער שפּילט אין דער אינטערנאַציאָנאַלער אַרבעטער־באַוועגונג. די אַנדערטהאַלבן יאָר, וואָס זיינען פאַרביי נאָכן לעצטן צוזאַמענפאָר פון בונד, האָבן פולשטענדיק באַשטעטיקט אונזער אָפּשאַצונג פון קאָמינטערן. די פאַרצווייפלטע אַוואַנטוריסטישע פּאָליטיק, וואָס ער פירט אין די לענדער, אין וועלכע ער האָט נאָך איינגעהאַלטן אַ געוויסע ווירקונג, איז נישט אימשטאַנד צו פאַרמאַסקירן דעם אומאויפהערלעכן צעפאַלונגס־פּראָצעס, וואָס קומט פאָר אין דער קאָמוניסטישער באַוועגונג. די קאָמוניסטישע פאַרטייען האָבן שוין לאַנג אויפגעהערט צו זיין פּראָלעטאַרישע מאַסן־אָרגאַניזאַציעס, וואָס לעבן מיט אַן אייגענעם קאָלעקטיוון לעבן. דאָס זיינען אָרגאַניזאַציאָנעלע אַפּאַראַטן, וואָס ווערן באַזעצט פון געהאָרכזאַמע און מערסטנס כאַראַקטערלאָזע מענטשן און האָבן פאַר אַ ציל אָנצוזוואַרפן דעם אַרבעטער־קלאַס דעם ווילן פון די עטלעכע קאָמוניסטישע פּאָליטיקער. אָנמעכטיק אַליין וואָס נישט איז אַדורכצופירן אין קאַמף מיטן קלאַסן־שונא, האַלטן די קאָמוניסטן פאַר זייער אויפגאַבע צו צעשטערן יעדע פּראָלעטאַרישע נישט־קאָמוניסטישע מאַסן־אָרגאַניזאַציע, אַרונטערצורייסן יעדע נישט־קאָמוניסטישע אַרבעטער־אַקציע”...

„אויף דעם אָפּשניט פון דער אינטערנאַציאָנאַלער קאָמוניסטישער באַוועגונג, מיט וועלכן אונזער פאַרטיי קומט אוממיטלבאַר אין באַרירונג

— אין דער יידישער קאָמוניסטישער באַוועגונג פון פוילן — הערשן גייסטיקע פאַרוואָרלאָזטקייט און פאַרווילדונג. כוליגאַנישע אַנפאַלן, מיט אַ פּראָוואָקאַטאָרישן אונטערשלאַק, אויף אַרבעטער — זיינען היינט געוואָרן דער וויכטיקסטער אויסדרוק פון קאָמוניסטישער אידעאָלאָגיע אויף דער יידישער אַרבעטער־גאַס"...

„אונזער פאַרטיי האָט אויף דעם דריטן צוזאַמענפאָר, אויף וועלכן זי האָט זיך אידייאיש אָפּגעגרענעצט פון קאָמוניזם, באַשלאָסן אַריינצוטרעטן אין דער אינטערנאַציאָנאַלער ביוראָ פון רעוואָלוציאָנער־סאָציאַליסטישע פאַרטייען. די פינף יאָר, וואָס זיינען פאַרביי זייט דער גרינדונג פון ביוראָ, האָבן באַוויזן די פולשטענדיקע אויסזיכטלאָזיקייט פון דער דאָזיקער אָרגאַניזאַציע"...

„שוין דער לעצטער צוזאַמענפאָר האָט פעסטגעשטעלט, אַז אונזער פאַרבלייבן אין דער ביוראָ איז אַ צייטווייליקע, פּראָוויזאָרישע זאַך (ביז צו אַ באַשלוס פון אַ נייעם צוזאַמענפאָר). דער זעלביקער צוזאַמענפאָר האָט אָנגעצייכנט אַן אַגדערע אינטערנאַציאָנאַלע אָריענטאַציע פאַר אונזער פאַרטיי. ער האָט אָנגעוויזן אויף דעם לינקן פליגל פון סאָציאַליסטישן אינטערנאַציאָנאַל, אַלס אויף דעם טייל פון דער אינטערנאַציאָנאַלער אַרבעטער־באַוועגונג, מיט וועלכן אונזער פאַרטיי איז אידייאיש אַמנאָנטסטן פאַרבונדן, מיט וועלכן אונזער צוזאַמענאַרבעט וואָלט געוועזן צום פרוכטבאַרסטן"...

„ווער ס'גלויבט אין דעם רעוואָלוציאָנערן מהות פון פּראָלעטאַריאַט, ווער עס איז איבערצייגט, אַז די אַנטוויקלונג פון דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט מוז פירן צו אַ פאַרשאַרפטן קלאַסן־קאַמף און צו דער רעוואָלוציאָניזירונג פון די מאַסן, דער קען נישט צווייפלען דערין, אַז די רעפאָרמיסטישע שטימונגען זיינען אַ פאַרבייגייענדיקע דערשיינונג, סיי אין די פּראָלעטאַרישע מאַסן, סיי אין דעם אינטערנאַציאָנאַל, וואָס נעמט אַרום די דאָזיקע מאַסן.

אויב מען קען נישט אָפּטיילן דעם פּאָליטישן פּנים פון סאָציאַליסטישן אינטערנאַציאָנאַל פון די פּאָליטישע שטימונגען פון די פּראָלעטאַרישע מאַסן, דאַן איז קלאָר, אַז דערקלערן אַ מלחמה אויף לעבן און טויט דעם סאָציאַליסטישן אינטערנאַציאָנאַל ברענגט פאַקטיש אוממיידלעך צו דעם, אַז מען פירט די דאָזיקע מלחמה קעגן די פּראָלעטאַרישע מאַסן גופא. אַזוי אַרום האָט דער קאָמינטערן, אַרויסגייענדיק פון אולטראַ־רעוואָלוציאָנערע כוונות, פאַקטיש זיך פאַרוואַנדלט אין אַ כוח, וואָס איז פיינטלעך צום אַרבעטער־קלאַס אַלס קלאַס. די זעלבע געפאַר דראָט יעדער גרופּע אָדער פאַרטיי, וואָס פאַרשטייט נישט, אַז דער קאַמף פאַר די נשמות פון די מאַסן קען געפירט ווערן מיט דערפאָלג נאָר דעמאָלט, ווען מען לעבט מיט די מאַסן און מען קעמפט צוזאַמען מיט זיי. דאָס קען געשען אין דעם אינטערנאַציאָנאַלן מאַסשטאַב נאָר אין די ראַמען פון סאָציאַליסטישן אינטערנאַציאָנאַל"...

נאָכן באַגרינדן די נויטווענדיקייט פון דער קאָנצענטראַציע פון אַר־בעטער־קלאַס אין איין אינטערנאַציאָנאַל און די אָנגעהעריקייט פון די יידישע אַרבעטער צו אים, קומען די טעזן צום אויספיר:

„דער סאָציאַליסטישער אינטערנאַציאָנאַל נעמט אַרום אַלע שאַטי־רונגען אין דער אינטערנאַציאָנאַלער סאָציאַליסטישער באַוועגונג, אויסער דער קאָמוניסטישער. אַלע שאַטירונגען האָבן די מעגלעכקייט פריי זיך אויסצולעבן אין די ראַמען פון אינטערנאַציאָנאַל. דער רעפאָרמיסטישער כאַראַקטער פון דער היינטיקער מערהייט פון סאָציאַליסטישן אינטערנאַ־ציאָנאַל קאָן אונז להלוטין נישט צווינגען צו ענדערן דעם רעוואָלוציאָ־נערן פּנים פון אונזער פּאַרטיי. צוזאַמען מיט די לינקע עלעמענטן פון סאָציאַליסטישן אינטערנאַציאָנאַל ווילן מיר, זייענדיק דאָרט, פירן אַ קאַמף פאַר אַ פולער אינטערנאַציאָנאַלער איינהייט פון פּראָלעטאַריאַט, פאַרן זיג פון די רעוואָלוציאָנער־סאָציאַליסטישע פּרינציפּן סיי אין דער נאַציאָנאַלער, סיי אין דער אינטערנאַציאָנאַלער אַרבעטער־באַוועגונג, פאַר פאַרוואַנדלען דעם אינטערנאַציאָנאַל אין אַן אינסטרומענט פאַר דער אינ־טערנאַציאָנאַלער סאָציאַליסטישער רעוואָלוציע".

אין די טעזן נומער 2 איז צווישן אַנדערן געווען געזאָגט:

„מיר האַלטן, אַז דער אָנשלוס אין סאָציאַליסטישן אינטערנאַציאָנאַל, אויב ער זאָל פאַרווירקלעכט ווערן, טראָגט ער אין זיך די געפאַר פון אונטערגראָבן די יסודות פון רעוואָלוציאָנערן סאָציאַליזם, אויף וועלכע די פּאַרטיי האָט זיך ביז איצט באַזירט. די געפאַר פון אַסימילאַציע מיט די רעפאָרמיסטישע און האַלב־רעפאָרמיסטישע פּאַרטייען, וועלכע בילדן דעם דער־מאָנטן אינטערנאַציאָנאַל"...

נאָכן אויסרעכענען אַ ריי חטאים פון די סאָציאַליסטישע פּאַרטייען בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה און נאָך איר, זאָגן די טעזן פון דער מינדערהייט:

„פּונקט ווי די באַזונדערע פּאַרטייען, איז אויך דער אינטערנאַציאָ־נאַל אַלס גאַנצער. ער איז אַן אינטערנאַציאָנאַל אָן אינטערנאַציאָנאַליזם. ער פאַרקערפּערט נישט אין זיך די אינטערנאַציאָנאַלע אינטערעסן פון פּראָלעטאַרישן קלאַסן־קאַמף, נאָר ער איז אַ מין אויסגלייך־קאַמער צווישן די נאַציאָנאַלע סאָציאַליזמען פון די באַזונדערע לענדער. און פון דאַנען דער מערקווירדיקער פּאַראַלעליזם פון דער אַרבעט פון סאָציאַליסטישן אינטערנאַציאָנאַל מיט דער אַרבעט פון דער פעלקער־ליגע. ערב יעדער סעסיע פון דער פעלקער־ליגע קומט געוויינלעך פאַר אַ סעסיע פון עקזע־קוטיוו פונעם אינטערנאַציאָנאַל, מיט דעם זעלבן סדר־היום"...

„אונזער פּאַרטיי האָט נישט איינמאָל פאָרמולירט איר שטאַנדפּונקט, אַז כדי די אַרבעטער־באַוועגונג זאָל קענען מיט דערפאָלג אויספירן די שליחות, וואָס די איצטיקע היסטאָרישע עפּאָכע לייגט אויף איר אַרויף, איז נויטיק רעוואָלוציאָנערע איינהייט, ד. ה. איינהייט אויפן באָדן פון

רעוואָלוציאָנערן קלאַסן־קאַמף, אָבער נישט סתם מעכאַנישע אײנהײט, וועלכע איז פּאַקטיש אַן אײנהײט אױפן באָדן פון רעפאָרמיזם"... "די פּאַרטײען, וועלכע זײנען געגאַנגען אין רעפאָרמיסטישן אינטערנאַציאָנאַל מיט 'לינקע' כוונות, האָבן שוין לאַנג זיך אַלע אַסימילירט מיט דער מערהײט, און זײערע 'לינקע כוונות' זײנען דערטרונקען געוואָרן אין רעפאָרמיסטישן ים. אַן אילוזיע איז אױך צו מײנען, אַז דער אָנשלוס אין סאָציאַליסטישן אינטערנאַציאָנאַל, וועט באמת אַרויספירן די פּאַרטײ פון דעם צושטאַנד פון איזאָלירטקײט. געמײנזאַמע פּאָליטיק מיט די אָפּאָרטוניסטישע פּאַרטײען פון דעם אינטערנאַציאָנאַל וועט אונזער פּאַרטײ קענען פירן נאָר פּאַר אײן פּרײַז — פּאַרן פּרײַז פון אָפּזאָגן זיך פון אירע רעוואָלוציאָנער־מאַרקסיסטישע פּרינציפּן. אַנדערש וועט זי בלײבן פּונקט אַזוי איזאָלירט, ווי ביז איצט"...

דער אויספיר פון די טעזן נומער 2 איז געווען:

"די פּאַריזער ביוראָ פון רעוואָלוציאָנער־סאָציאַליסטישע פּאַרטײען האָט קײנמאָל נישט געקוקט אױף זיך ווי אױף אַ נײעם אינטערנאַציאָנאַל, און באַטראַכט זיך איצט נישט פּאַר אַזעלכן. די ביוראָ איז בלויז אַ פּאַראײניקונג פון פּאַרטײען און אָרגאַניזאַציעס, וועלכע קענען נישט געהערן צו קײנעם פון די צוויי עקזיסטירנדיקע אינטערנאַציאָנאַלן און שטרעבן אַלע גלײך צו פּראָלעטאַרישער אײנהײט אױפן יסוד פון רעוואָלוציאָנערן סאָציאַליזם. אונזער פּאַרטײ דאַרף דעריבער אױך ווײטער אײנהאַלטן איר אָנגעהעריקײט צו דער ביוראָ"[22]).

***

אין די בונדישע פּאַרטײ־אָרגאַניזאַציעס און אױף די שפּאַלטן פון דער בונדישער פּרעסע האָט זיך באַלד אָנגעהויבן אַ ברײטע דיסקוסיע פּאַר און קעגן אַרײַנטרעטן אין סאָציאַליסטישן אַרבעטער־אינטערנאַציאָנאַל. דער ענין איז אַלזײטיק באַלויכטן געוואָרן מיט אַלע מעגלעכע ראיות. אין צענטראַל־אָרגאַן — נײַע פאָלקס־צײַטונג — זײנען אין די וואָכן צווישן 6 אַפּריל און 23 מאַי 1930 געווען פּאַרעפנטלעכט 25 אַרטיקלען פון 15 מחברים וועגן דעם ענין. די מחברים זײנען געווען, לויט דער רײ פון זײערע פּאַרעפנטלעכטע אַרטיקלען, פּאַר אַרײַנטרעטן אין סאָציאַליסטישן אינטערנאַציאָנאַל: וו. קאָסאָווסקי, וו. אַלטער, ש—ם (י. ש. הערץ), נח (יקותיאל פּאָרטנױ), ה. ערליך, בערל (אַמבאַראַס), אַלמאַר (ד"ר אַלעקסאַנדער מאַרגאָליס), דוד אײנהאָרן; קעגן אַרײַנטריט — י. כמורנער (יוסף לעשטשינסקי), פּ. שוואַרץ, ח. ראַפּאַלאָוויטש (מאיר וואַסער), ל. פײַנער, אַבראַשע (ווײַנער), איסר גאָלדבערג, מ. (מאַקסים) שטערן.

דער תמצית פון דער אַרגומענטאַציע, וואָס די פּאַרטײדיקער פון דעם אַרײַנטריט האָבן באַנוצט, איז געווען: דער רוב מנין ובנין פון דער סאָציאַליסטישער אַרבעטערשאַפט איז גרופּירט אין סאָציאַליסטישן אַרבעטער־



לוציאַן בליט



פנחס שוואַרץ



לעאָן אַלער



לאָזער אייכעל



ברוך שעפנער



סאָניע נאָוואָגרודסקי



בערל אַמבאַראַס



ירוחם רודאַווסקי

אינטערנאַציאָנאַל און די פּאַרטיי פון יידישע אַרבעטער און סאָציאַליסטן, אויב זי וויל בלייבן טריי צו איר סאָציאַליסטישן אינטערנאַציאָנאַליזם, מוז אויך דאָרט זיך געפינען, בפרט אַז זי קען ווייטער איינהאַלטן אירע ספּעציפישע אידעאָלאָגישע פּאָזיציעס. די קעגנער פון אַריינטריט האָבן אָנגעוויזן אויף די חסרונות און פאַלשער פּאָליטיק פון אינטערנאַציאָנאַל און אַז דער אָנשלוס וועט האָבן אַ נעגאַטיווע ווירקונג אויף דעם אידעאָלאָגישן פּנים פון בונד.

אָנווייזנדיק אויף דער נייטיקייט פון אַלע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען צו זיין נישט בלויז אידייאיש, נאָר אויך אָרגאַניזאַציאָנעל פאַרבונדן מיט דער אינטערנאַציאָנאַלער אַרבעטער־באַוועגונג, זאָגט וול. קאָסאָווסקי: „אַחוץ די געבראַכטע טעמים, וואָס זיינען גילטיק פאַר אַלע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען, האָט דער ׳בונד׳ נאָך אַ באַזונדערן גרונט צו זיין קעגן אינטערנאַציאָנאַלער איזאָלירטקייט. דער ׳בונד׳ איז אַ פּאַרטיי, וואָס פירט אָן מיטן קאַמף פון אַן אַרבעטערשאַפט, וועלכע געהערט צו אַ נאַציאָנאַלער מינדערהייט און נאָך דערצו צו אַ יידישער מינדערהייט. ער קען על כן קיין זעלבסטשטענדיקע פּאָליטישע ראָל אין די ראַמען פון דער געגעבענער מלוכה נישט שפּילן און איז דעריבער נאָך מער, ווי אַנדערע אַרבעטער־פּאַרטייען, אָנגעוויזן אויף אינטערנאַציאָנאַלע פאַרבינדונגען״... „דאָס צאַפּלעניש און דרייען זיך צווישן די צוויי גרויסע אינטערנאַציאָנאַלע אַרבעטער־מחנות האָט פאַרן ׳בונד׳ געהאַט אַ זין, כל זמן ער האָט געגלויבט, אַז אין דער צייט, וואָס מיר קענען אַרומנעמען מיט אונזער אויג, וועט באַשאַפן ווערן אַ נייער אינטערנאַציאָנאַל, אַ העכערע אינטערנאַציאָנאַלע איינהייט, אין וועלכער עס וועלן זיך צונויפשמעלצן די ביידע עקזיסטירנדיקע אינטערנאַציאָנאַלן. לעבט נאָך אין אים דער דאָזיקער גלויבן?״

מאַכנדיק אַ פאַרגלייך מיט אַ פריערדיקן עטאַפּ אין דער בונדישער געשיכטע, ווען דער בונד איז אַרויס פון דער רוסלענדער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער אַרבעטער־פּאַרטיי (1903) און איז מיט דריי יאָר שפּעטער צוריק אין איר אַריין (1906), זאָגט נח (יקותיאל פּאָרטנױ): „פּונקט אַזוי, ווי אין 1906 האָט דער ׳בונד׳ נישט באַשלאָסן צו וואַרטן מיט דער פאַראייניקונג ביז וואַנעט די ׳פּאַרטיי׳ וועט רייף ווערן אים אויפצונעמען, אַזוי וואָלט געווען אַ פעלער נישט מוחל צו זיין, ווען מיר וואָלטן היינט אַנדערש געהאַנדלט״... עס „דראָט אונדז די סכנה, אַז אונזער אינטערנאַציאָנאַליזם, אַן וועלכן קיין סאָציאַליסטישע פּאַרטיי קאָן נישט עקזיסטירן, וועט ווערן אַטראָפירט. עס וועט בלייבן אַ מזוזה, וואָס איז צוגעשלאָגן צו דער טיר און מען וועט מיט דער צייט פאַרגעסן אַפילו זי צו קושן. איך רייד שוין נישט וועגן די פּראַקטישע פאָלגן פון אַזאַ סיטואַציע פאַר אונזער באַוועגונג״.

„נישט די פראַגע וועגן דער אידייאישער אָריענטאַציע שטייט איצט

פאַר אונזער פּאַרטיי" — האָט געשריבן ה. ערליך. „די דאָזיקע פראַגע האָבן פאַרענטפערט אונזערע לעצטע צוזאַמענפאָרן און נאָך פריער פאַר זיי — די געשיכטע פון 'בונד' און די לאַגע פון יידישן פראָלעטאַריאַט, וועלכע מאַכן פאַר אונז פונקט אַזוי אוממעגלעך צו זיין קאָמוניסטיש, ווי — רעפאָרמיסטיש. פאַר דער פּאַרטיי שטייט אַן אָרגאַניזאַציאָנעל־פּאָליטישע פראַגע: צי זאָלן מיר זיין דאָס, וואָס דער 'בונד' איז אַלעמאָל געווען — די היסטאָרישע מאַסן־פּאַרטיי פון יידישן פראָלעטאַריאַט אָדער זאָלן מיר זיך פאַרוואַנדלען אין אַ חברה ש"ס"... — „געטריי זיינע אינטערנאַציאָנאַליסטישע טראַדיציעס, דורכגעדרונגען מיט זאָרג פאַר די באַדערפענישן פון יידישן אַרבעטער, האָט דער 'בונד' אין משך פון דער גאַנצער נאָך־מלחמה־צייט געמאַכט די גרעסטע אָנשטרענגונגען איינצוגלידערן דעם יידישן פראָלעטאַריאַט אין דער אַלוועלטלעכער פראָלעטאַרישער מחנה. די ערשטע צוויי פרואוון (קאָמינטערן, פּאַריזער ביוראָ) זיינען געבליבן אָן רעזולטאַטן. די פאַרגאַנגענע צען יאָר האָבן געבראַכט אַ געוואַלטיקע ירידה פון קאָמוניזם און אַ ראַשיקן וואוקס פון סאָציאַליסטישן אינטערנאַציאָנאַל. גוט אָדער שלעכט — ער פירט היינט אָן מיטן פראָלעטאַרישן קאַמף. בלייבן אויסער זיינע רייען הייסט — בלייבן אויסער דעם פּאָליטישן לעבן פון אינטערנאַציאָנאַלן פראָלעטאַריאַט".

פּאָלעמיזירנדיק מיט די טעזן נומער 2, האָט געשריבן וו. אַלטער: „דאָס וואַרטן ביז וואַנען די וועלט וועט זיך ענדערן, ביז וואַנעט דער סאָציאַליסטישער אינטערנאַציאָנאַל וועט אויפגעריסן ווערן, ביז וואַנעט דער קאָמוניסטישער אינטערנאַציאָנאַל וועט זיך אָפּזאָגן פון זיין 'זעלבסטמערדערישער' טאַקטיק — זאָל הייסן: 'בלייבן טריי דעם רעוואָלוציאָנערן מהות'! מיר אָבער האַלטן פונקט פאַרקערט. אונזער רעוואָלוציאָנערער מהות צווינגט אונז נישט צו וואַרטן, נאָר אַקטיוו אַריינמישן זיך, כדי מיטהעלפן דער ענדערונג פון דער וועלט. דאָס איז דאָך דער הויפּט־אינהאַלט פון אונזער סאָציאַליסטישער טעטיקייט. און אויף דעם אינטערנאַציאָנאַלן געביט קענען מיר דאָס טון בלויז זייענדיק אין סאָציאַליסטישן אינטערנאַציאָנאַל. איינצלנע מענטשן, קליינע גרופּן און סעקטעס קענען זיך דערלויבן דעם לוקסוס פון וואַרטן אַפילו לאַנגע יאָרן, אָבער אַ מאַסן־באַוועגונג קאָן נישט אָן אַ סוף וואַרטן. זי מוז קעמפן אָדער זי הערט אויף צו עקזיסטירן פאַרן פּאָליטישן לעבן".

ש—ם (י. ש. הערץ) קומט אין זיין אַרטיקל, נאָכן קריטיקירן די טעזן 2, צום אויספיר: „שטיין אין אַ זייט און וואַרטן אויף קאַטאַסטראָפעס, אויף אויסערגעוויינלעכע דערשיטערונגען — דאָס איז אַן ענין פאַר אַנאַרכיסטן און סעקטאַנטן. מאַרקסיסטן מוזן טאָג־איין און טאָג־אויס דורך עקשנותדיקער אויפקלערונג אויסלייטערן רעוואָלוציאָנער די מוחות, דורך אומאויפהערלעכער אָנגעשטרענגטער אַרבעט אויסבויען די אָרגאַניזאַציעס, פאַרפעסטיקן איין פּאָזיציע נאָך דער צווייטער. דאָס איז נייטיק פאַרן היינטיקן טאָג, דאָס איז אויך נייטיק פאַרן מאָרגן. די, וואָס בלייבן אין רו־

איקע צייטן אָפּגעשיידט פון דער גרויסער מערהייט פון אָרגאַניזירטן אַרבעטער־קלאַס, וועלן עס אויך מוזן בלייבן אין די גרויסע שטורם־טעג. דער סאָציאַליסטישער טייל פון פּראָלעטאַריאַט איז נישט עפּעס אַ פּינצ־טערע צעשטויבטע מאַסע, וואָס הייגט קאָן דער און מאָרגן יענער רייטן אויף איר קאַרק און זי ׳פירן׳״... דער פּראָלעטאַריאַט גייט אין געשלאָ־סענע רייען, זיגזאַגיק, צו זיין ציל און לערנט פון אייגענער דערפאַרונג. אין דער דאָזיקער קעמפנדיקער אַרמיי „טאָרן נישט פעלן אויך די סאָ־ציאַליסטישע מחנות פון יידישע אַרבעטער. אַליין קען מען נישט גיין און קיין אַנדערע קאַמף־ברידער, ווי די מיליאָנען פּראָלעטאַריער, זיינען נישטאָ״.

בערל (אַמבאַראָס), אַליין אַ פריערדיקער „צווייער״, האָט געשריבן: „נישט אַנשליסן זיך אין סאָציאַליסטישן אינטערנאַציאָנאַל הייסט לאָזן די פּאַרטיי אין יידישן געטאָ, טאַפּטשען זיך שטענדיק בלויז אין יידישן געמויזעכץ און נישט צוזאַמען מיטן אינטערנאַציאָנאַלן פּראָלעטאַריאַט שטויסן פאָרויס דאָס ראָד פון סאָציאַליזם. אויב דער פּראָלעטאַריאַט באַ־גייט פעלערן, טיילמאָל שווערע פעלערן, זיינען דאָס אונזערע פעלערן. ווייל צי מיר ווילן, צי מיר ווילן נישט, זיינען מיר אַ טייל פון אים און ס׳איז אונזער חוב נישט באַהאַלטן זיך פון אים, נאָר גיין צו אים און אויף וויפיל מיר וועלן נאָר קענען, ווירקן, אַז די פעלערן זאָלן באַזייטיקט ווערן. און אַז אין דעם קאַמף וועלן מיר נישט זיין אַליין, דערויף זאָגט עדות דער וואוקס פון די מינדערהייטן אין אַלע סאָציאַליסטישע פּאַר־טייען״.

אין אַן אַנאַליז פון די טעזן 2, האָט אַלמאַר (ד״ר אַלעקסאַנדער מאַרגאָליס) געשריבן, אַז די „צווייער״, וואָס גלייבן, אַז די אַרבעטער־שאַפט וועט ווערן רעוואָלוציאָניזירט פון זיך אַליין, גלייבן אין רעוואָלו־ציאָנערן פאַטאַליזם. דערפאַר זיינען זיי קעגן סאָציאַליסטישן אַרבעטער־אינטערנאַציאָנאַל, וואָס איז צונויפגעשטעלט פון די סאָציאַליסטישע מאַסן־פּאַרטייען. די אויפגאַבע פון רעוואָלוציאָנערן סאָציאַליזם, אויב ער וויל גיין אויף רעאַלע וועגן, איז צו „פאַרשטאַרקן און רעוואָלוציאָניזירן די סאָציאַליסטישע אָרגאַניזאַציעס און במילא אויך — דעם סאָציאַליסטישן אינטערנאַציאָנאַל״... „אָפּרוקן זיך אין אַ זייט פון אָט דער אויפגאַבע, פאַרלאָזן זיך אויפן געשיכטלעכן פאַטאַליזם, הייסט פאַראַטן דעם רעוואָ־לוציאָנערן סאָציאַליזם און פאַרמשפּטן זיך אַליין אויף בלייבן פון דרויסן, מחוץ דעם רעוואָלוציאָנערן קאַמף״.

און דוד איינהאָרן: „מיר קאָנען נישט בלייבן לענגער אויסער איי־נער פון די גרויסע פּראָלעטאַרישע משפחות. בלייבן ווייטער איזאָלירט, הייסט אין אַ גרויסער מאָס פאַרשליסן זיך אַליין אין די ד׳ אמות פון יידישן געטאָ אַנשטאָט צו ווירקן אין אַ וועלט־אָרגאַניזאַציע״... „מיר זיינען נישט קיין איינזאַמע רעוואָלוציאָנערן, מיר זיינען אַ מאַסן־

פּאַרטיי, און מאַסן ציען צו מאַסן"... „דער עיקר איז — עפענען פאַרן 'בונד' די מעגלעכקייט צו ווירקן און קעמפן פאַר אונזערע סאָציאַליס־טישע אָנשויאונגען, די מעגלעכקייט אויפהויבן הויך אונזער שטים אין דעם מעכטיקן כאָר פון גרויסן פּילמיליאָניקן וועלט־פּראָלעטאַריאַט".

די קעגנער פון צוריק־אַריינטריט אין סאָציאַליסטישן אינטערנאַציאָ־נאַל האָבן אַרויסגעבראַכט זייער אַבסאָלוטע קעגנערשאַפט צו דעם סאָ־ציאַליסטישן אינטערנאַציאָנאַל און זייער שאַרפע קריטיק פון די לאַנד־פּאַרטייען, וואָס געהערן צו אים.

י. כמורנער (יוסף לעשטשינסקי) האָט געהאַלטן, אַז מיטן אַריינטריט אין אינטערנאַציאָנאַל וועט דער בונד ווערן רעפאָרמיסטיש. ער האָט גע־ברענגט צום אויסדרוק זיינע סימפּאַטיעס צו סאָוועט־רוסלאַנד און שאַרף קריטיקירט די סאָציאַליסטישע פּאַרטייען. זיין אויספיר איז געווען: „דער קאַמף פאַר אָדער קעגן אָנשלוס אין סאָציאַליסטישן אינטערנאַציאָנאַל איז גלייכצייטיק אַ קאַמף פאַר אַ קלאָרער אויסגעשפּראָכענער רעוואָלוציאָנער־סאָציאַליסטישער אָריענטאַציע אָדער קעגן אַזאַ אָריענטאַציע". ער האָט באַשולדיקט די אָנהענגער פון אַריינטריט, אַז „פאַר רעכטס האָבן זיי תמיד אַ מידת הרחמים און פאַר לינקס תמיד אַ מידת הדין"... „דער אָנשלוס אין רעפאָרמיסטישן אינטערנאַציאָנאַל איז אַ רעאַלע ערנסטע געפאַר פאַר דער פּאַרטיי: אַ געפאַר, אַז די רעפאָרמיסטישע איינפלוסן, וועלכע האָבן ביז איצט זיך געריסן אין אונזערע רייען דורך שמאָלע שפּאַרונעס, וועלן איצט אַריינדרינגען צו אונז דורך ברייט געעפנטע טיר און טויער".

ח. ראַפּאַלאָוויטש (מאיר וואַסער) האָט פאַרטיידיקט דעם געדאַנק, אַז דער בונד דאַרף ווייטער בלייבן אין ביוראָ פון די רעוואָלוציאָנער־סאָציאַ־ליסטישע פּאַרטייען („פּאַריזער ביוראָ"). „אַרויסטרעטן פון פּאַריזער ביוראָ וואָלט באַטייט זיך נאָך מער איזאָלירן פון די באמת רעוואָלוציאָנערע עלעמענטן אין דער אַרבעטער־באַוועגונג, וועלכע געפינען זיך אין דער זעלבער לאַגע, ווי אונזער פּאַרטיי. דאָס וואָלט געווען פּאַקטיש אַ שטויס אין רוקן דעם רעוואָלוציאָנערן סאָציאַליזם"... „אַלע פּרוּוון פאַרצו־שטעלן די פּאַריזער ביוראָ נאָך קלענער, ווי זי איז פאַקטיש און בכלל זי מאַכן צו קליינגעלט, האָבן איין ציל: פריי מאַכן דעם וועג אין רע־פאָרמיסטישן אינטערנאַציאָנאַל".

ל. (ד"ר לעאָן) פיינער האָט געפרעגט: „וואָסער שייכות צו רעוואָ־לוציאָנער־סאָציאַליסטישער אידעאָלאָגיע האָבן די באַזונדערע באַשטאַנד־טיילן פון סאָציאַליסטישן אינטערנאַציאָנאַל אָדער דער אינטערנאַציאָנאַל אַלס גאַנצער? זייער אידעאָלאָגיע איז דאָך די אידעאָלאָגיע פון פשרות, אָפּאָרטוניזם און קאָאַליציע, פון פּאַרלאַמענטאַריש־דעמאָקראַטישן וועג, אַלס איינציקן מיטל צו פאַרווירקלעכן דעם סאָציאַליזם. עס איז דאָך די אידעאָלאָגיע פון פאַמעלעכער, פרידלעכער סאָציאַלער אַנטוויקלונג, פון בהדרגהדיקן אַריינוואַקסן פונעם סאָציאַליזם אין דער קאַפּיטאַליסטישער

אָרדענונג אַריין״... „די צוויי שיטות — די רעוואָלוציאָנער־סאָציאַליס־טישע און די פּשרה־סאָציאַליסטישע — האָבן ביידע גאָר אַן אַנדערע איינשטעלונג, סיי אַ טעאָרעטישע, סיי אַ פּראַקטישע. ס׳איז פּאַקטיש צוויי קעגנזעצלעכע וועלטן״.

פּ. שוואַרץ (שמואל קרוק) האָט געשריבן: „אויב דער אינטערנאַ־ציאָנאַל טויג נישט, איז אַן אומזין מיט אים שלום צו מאַכן און מיט דעם סאַנקציאָנירן זיין עקזיסטענץ, אַבי צו האָבן עפּעס אַן אינטערנאַציאָ־נאַל. אויב ער טויג נישט, דאַרף מען אים באַקעמפן, דאַרף מען אויפ־קלערן די אַרבעטער־מאַסן וועגן זיין שעדלעכקייט״... „נישט דער סאָ־ציאַליסטישער אינטערנאַציאָנאַל האָט זיך געענדערט צום בעסערן, נאָר אונזערע חברים ׳איינסער׳ האָבן זיך געענדערט צום ערגערן״.

אַבראַשע (וויינער) ווייזט אָן, אַז דער ווילן אַרויסצופירן דעם בונד פון זיין איזאָלירטקייט, סיי אין לאַנד, סיי אויף דער אינטערנאַציאָנאַלער אַרענע וועט נישט רעאַליזירט ווערן דורכן אַריינטריט אין סאָציאַליסטישן אינטערנאַציאָנאַל. אויסרעכענענדיק אַ ריי חטאים פון די סאָציאַליסטישע פּאַרטייען אין פאַרשיידענע לענדער, קומט ער צום אויספיר, אַז די מער־הייט פון דער פּאַרטיי האָט געביטן אירע מיינונגען וועגן די סאָציאַליס־טישע פּאַרטייען און דעם אינטערנאַציאָנאַל.

איסר גאָלדבערג האָט אַנטוויקלט דעם געדאַנק, אַז איינהייט פון אַרבעטער־קלאַס איז נישט שטענדיק אַ ברכה. מיט היסטאָרישע ביישפּילן פּרואווט ער באַרעכטיקן שפּאַלטונגען אין געוויסע סיטואַציעס. ער ווייזט אויך אָן, אַז צוליב דער טאַקטיק פון פּ.פּ.ס. און איר באַציאונג צו אַ ריי מלוכהשע ענינים, איז נישט מעגלעך אַ צוזאַמענגיין מיט איר.

מ. (מאַקסים) שטערן איז געקומען צו דעם אויספיר: „איך באַצי זיך זייער סקעפּטיש צום פאָרשלאַג ווייטער צו פאַרבלייבן אין פּאַריזער ביוראָ. די ביוראָ קאָן געוויס נישט פאַרבייטן דעם אינטערנאַציאָנאַלן צענטער, צו וועלכן יעדער רעוואָלוציאָנערער סאָציאַליסט און אויפריכטי־קער אינטערנאַציאָנאַליסט שטרעבט און מוז שטרעבן. אָבער דער אַריינ־טריט אין צווייטן אינטערנאַציאָנאַל קאָן נישט ברענגען מיט זיך דאָס פּאָ־זיטיווע, וועגן וואָס עס חלומען אונזערע ׳איינסער׳. דאָס געפּיל פון אמתן אינטערנאַציאָנאַליזם וועט אַזאַ אַריינטריט אין די רייען פון דער בונדיס־טישער אַרבעטער־מאַסע נישט פאַרשטאַרקן. עס קאָן אַרויסרופן נאָר אַן אַנטוישונג״ [23]).

⁂

זונטאָג און מאָנטאָג, דעם 1־טן און 2־טן יוני 1930, איז אין דער גרויסער פּאַבריק־שטאָט לאָדזש פאָרגעקומען דער פינפטער צוזאַמענפאָר פון בונד אין פּוילן. ער איז גערופן געוואָרן מיטן ציל צו באַשטימען וועגן אַריינטריט פון בונד אין סאָציאַליסטישן אינטערנאַציאָנאַל. ער האָט

געהאַט פיל פייערלעכע און פון דער צווייטער זייט אויך געשפּאַנטע און דראַמאַטישע מאָמענטן.

לאָדזש האָט דעמאָלט געהאַט אַ שטאָט־פאַרוואַלטונג מיט אַ סאָציאַ־ליסטישער מערהייט. דאָס האָט מעגלעך געמאַכט, אַז דער צוזאַמענפאָר זאָל פאַרקומען אין רעפּרעזענטאַטיוון זאַל פון שטאָט — אין זאַל פון שטאָט־ראַט. צו דער עפענונג איז געקומען אַ גרויסער עולם, צווישן וועלכן עס זיינען אויך געווען דעלעגאַציעס פון די פּוילישע און דייטשע סאָציאַליסטן, פאַרשטייער פון דער שטאָט־פאַרוואַלטונג און פון דער צענטראַל־קאָמיסיע פון די פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען אין פּוילן, ווי אויך אַ דעלעגאַציע פון בונד אין רומעניע.

געעפנט דעם צוזאַמענפאָר האָט דער פאָרזיצער פון צענטראַל־קאָמי־טעט, נח (יקותיאל פּאָרטנעי). צווישן אַנדערן האָט ער געזאָגט: „אויבער־פלעכלעך וואָלט זיך געקאָנט אויסדוכטן אַז דער פּונקט פון דער טאָג־אָרדנונג (וועגן אַריינטרעטן אין סאָציאַליסטישן אינטערנאַציאָנאַל) האָט נישט קיין שייכות צו ז'עם, וואָס עס טוט זיך איצט אַרום אונז. אין דער אמתן איז אָבער אַנדערש. די פראַגע פון אַריינטרעטן אין סאָציאַליסטישן אינטערנאַציאָנאַל איז אָרגאַניש פאַרקניפּט מיט אַלע קליינע און גרויסע קאַמפן, וואָס מיר פירן. נישט בלויז טעאָרעטישע אמתן האָבן אונז גע־ברענגט צום אָוועקשטעלן אויף דער טאָג־אָרדענונג די פראַגע, נאָר אויך דאָס פּראַקטישע פּאָליטישע לעבן האָט דאָס אונז דיקטירט. מיר ווילן באַ־העפטן די ברייטע יידישע אַרבעטער־מאַסן מיטן גרויסן קאַמף פון אינ־טערנאַציאָנאַלן פּראָלעטאַריאַט".

דער צוזאַמענפאָר האָט אויסגעוויילט אַ פּרעזידיום, וואָס איז באַשטאַ־נען פון די חברים נח, העניק ערליך און ישראל ליכטענשטיין. אַלס ערן־מיטגליד פון פּרעזידיום איז איינגעלאַדן געוואָרן דער פּיאָנער פון בונד, אַרקאַדי קרעמער און אַלס ערן־פאָרזיצער — אַ צווייטער פּיאָנער, וולאַדימיר קאָסאָווסקי (קרעמער און קאָסאָווסקי זיינען געווען מיטגלידער פון ערשטן צענטראַל־קאָמיטעט פון בונד). די פאַרשטייער פון דער מינ־דערהייט האָבן זיך אָפּגעזאָגט אָנטיילצונעמען אין פּרעזידיום (אין די פריערדיקע צוזאַמענפאָרן איז דער פּרעזידיום באַשטאַנען פון פאַרשטייער פוןביידע ריכטונגען).

באַגריסונג־רעדעס האָבן געהאַלטן ישראל ליכטענשטיין — אין נאָמען פון דער בונדישער אָרגאַניזאַציע אין לאָדזש, דער שטאָט־פּרעזידענט בראָניסלאַוו זשעמיענצקי (בעת דער צווייטער וועלט־מלחמה האָבן אים די דייטשע נאַציס דערשאָסן אין וואַרשע), ד"ר יוסף קיסמאַן — אין נאָמען פון בונד אין רומעניע, זיגמונט זאַרעמבאַ — אין נאָמען פון צענ־טראַל־קאָמיטעט פון דער פּוילישער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי (פּ. פּ. ס.), אַרטור קראָניג — אין נאָמען פון דער דייטשער סאָציאַליסטישער אַרבע־טער־פּאַרטיי אין פּוילן, אַנטאָני שטשערקאָווסקי אין נאָמען פון דער צענ־טראַל־קאָמיסיע פון די פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען אין פּוילן, ד"ר יעקב

בראָס — אין נאָמען פון די בונדישע פּיאָנערן אין גאַליציע. עס זײַנען אויך איבערגעלייענט געוואָרן אַ גרעסערע צאָל שריפטלעכע און טעלע־גראַפישע באַגריסונגען. צווישן זיי איז געווען אַ לענגערע באַגריסונג פון פּאַריזער אינטערנאַציאָנאַלן ביוראָ, וואָס האָט קריטיקירט דעם סאָציאַליסטישן אינטערנאַציאָנאַל און גערופן דעם בונד נישט אַרויסצוטרעטן פון פּאַריזער ביוראָ. אַן ענלעכע ווענדונג איז אויך געקומען פון טעאָדאָר ליבקנעכט אין דייטשלאַנד. אין נאָמען פון פּרעזידיום האָט געדאַנקט פאַר די באַגריסונגען העניריק ערליך.

ווען ס׳האָט זיך געעפנט די צווייטע זיצונג (דעם 2־טן יוני), האָט יוסף לעשטשינסקי אין נאָמען פון דער מינדערהייט פאָרגעשלאָגן, אַז דער צוזאַמענפאָר זאָל זיך אָנערקענען פאַר נישט קאָמפּעטענט צו לייזן ענד־גילטיק די פראַגע וועגן אָנשלוס אין סאָציאַליסטישן אינטערנאַציאָנאַל און זאָל זיך דערקלערן פאַר אַ לאַנד־קאָנפערענץ מיט בלויז באַראַטונג־רעכט.

אַרום דעם פאָרשלאָג האָט זיך אַנטוויקלט אַ דעבאַטע. קעגן פאָרשלאָג האָבן גערעדט העניריק ערליך, אפרים לאַזער זעלמאַנאָוויטש, עמנואל נאָוואָגרודסקי; פאַרן פאָרשלאָג — מאיר וואַסער און פנחס שוואַרץ. מיט אַ מערהייט פון 60 שטימען קעגן 42 האָט דער צוזאַמענפאָר אָפּגעוואָרפן דעם פאָרשלאָג צו דערקלערן זיך פאַר אַ באַראַטנדיקער קאָנפערענץ. אויפן צוזאַמענפאָר זײַנען געווען 169 דעלעגאַטן, אָבער 67 האָבן געהאַט בלויז באַראַטונג־רעכט.

נאָך דעם ווי דער צוזאַמענפאָר האָט אָפּגעוואָרפן דעם פאָרשלאָג פון דער מינדערהייט, האָט יוסף לעשטשינסקי אין איר נאָמען אָפּגעגעבן אַ דערקלערונג. דער אויספיר פון דער דערקלערונג איז געווען: „מיר האַלטן פאַר אוממעגלעך אונזער אָנטייל אין צוזאַמענפאָר און די באַשלוסן, וואָס וועלן דאָ אָנגענומען ווערן, וועלן מיר נישט באַטראַכטן פאַר באַשלוסן פון אַ פּאָלמעכטיקן צוזאַמענפאָר״... „מיר וועלן אין וואָרט און שריפט ווײַ־טער קעמפן פאַר אונזערע אָנשויאונגען אין דער פּאַרטיי״ (אויף אַ פּראַק־טיש־פאַרזאַמלונג האָבן די מינדערהייט־דעלעגאַטן מיט אַ מערהייט שטימען באַשלאָסן צו פאַרלאָזן דעם צוזאַמענפאָר).

ה. ערליך האָט געענטפערט אויף דער דערקלערונג פון דער מינ־דערהייט. ער האָט געזאָגט: „מיר האַלטן דעם אָנשלוס (אין סאָציאַליסטישן אינטערנאַציאָנאַל) פאַר אַ לעבנס־נויטווענדיקייט פאַר דער פּאַרטיי. און אויב אַזוי, וואָלטן מיר נישט ווערט געווען צו טראָגן דעם נאָמען בונ־דיסטן, אויב מיר וואָלטן זיך געלאָזט טעראָריזירן פון אַ מינדערהייט. דאָס וואָס מיר האַלטן פאַר אַ מוז־זאַך, וועלן מיר באַשליסן, ווײַל אַנדערש קענען מיר נישט. אָבער דערלויבט מיר אייך צו זאָגן, חברים ׳צווייער׳, אַז איר האָט נישט קיין רעכט צו פאַרלאָזן דעם צוזאַמענפאָר״... „אַן אַרבעטער־פּאַרטיי קען עקזיסטירן בלויז אַלס אַן איינהייטלעכע פּאַרטיי

און נישט אַלס פּעדעראַציע פון צוויי באַזונדערע פראַקציעס מיט באַזונ־דערע דיסציפּלינען".

נאָך דער רעדע פון ה. ערליך האָבן די דעלעגאַטן פון דער מינדער־הייט פאַרלאָזט דעם זאַל. די צווייטע זיצונג האָט זיך פאַרענדיקט מיטן אויסוויילן אַ רעזאָלוציע־קאָמיסיע, וואָס איז באַשטאַנען פון די חברים הענריק ערליך, וויקטאָר אַלטער (ביידע מיטגלידער פון צענטראַל־קאָמי־טעט), אַנע ראָזענטאַל (פון ווילנע), ד"ר אַלעקסאַנדער מאַרגאָליס (לאָדזש), ד"ר מיכאַל שולדענפריי (קראָקע) [24].

אויף דער דריטער זיצונג האָט ה. ערליך איבערגעלייענט די רעזאָ־לוציע, וואָס די קאָמיסיע האָט אויסגעאַרבעט וועגן אָנשלוס אין אינטער־נאַציאָנאַל. היות די קעגנער פון אָנשלוס זיינען צו דער זיצונג נישט גע־קומען, איז נישט געווען נייטיק אַ ברייטע דיסקוסיע. ער האָט דעריבער די רעזאָלוציע באַלויכטן און באַגרינדעט בלויז אין אַ קורצער רעדע. ש. מ. (אַרטור) זיגעלבוים און ירחמיאל פערגאַמענט האָבן פאָרגעשלאָגן צוגאָבן צו דער רעזאָלוציע. די פאָרגעשלאָגענע רעזאָלוציע פון דער קאָ־מיסיע איז אָנגענומען געוואָרן מיט 59 שטימען. 1 דעלעגאַט — יאַנקל זשעלעזניקאָוו — האָט זיך אָפּגעהאַלטן און נאָך דעם דערקלערט, אַז ער איז פאַרן אַריינטריט אין סאָציאַליסטישן אינטערנאַציאָנאַל, אָבער ער האָט זיך אָפּגעהאַלטן צוליב עטלעכע פאָרמולירונגען אין דער רעזאָלו־ציע [25].

דער פּראַקטישער אויספיר פון דער רעזאָלוציע איז געווען: אַרויס־טרעטן פון פאַריזער ביוראָ און אַריינטרעטן אין סאָציאַליסטישן אַרבע־טער־אינטערנאַציאָנאַל. דער באַשלוס איז געהעריק באַגרינדעט געוואָרן אין טעקסט פון דער רעזאָלוציע, וואָס מיר גיבן דאָ איבער:

1.

„טריי די פּרינציפּן פון רעוואָלוציאָנערן סאָציאַליזם, אויף וועלכע עס האָט זיך אַלע מאָל געשטיצט די טעטיקייט פון בונד;

אַרויסגייענדיק פון דער הנחה, אַז די הויפּט־אויפגאַבע פון אַרבעטער־קלאַס אינעם איצטיקן היסטאָרישן פּעריאָד איז צו דעראָבערן די מאַכט, כדי מיט דער גאַנצער אַנטשלאָסנקייט, ברעכנדיק דעם ווידערשטאַנד פון דער בורזשואַזיע, צו בויען דעם סאָציאַליזם;

טיף איבערצייגט, אַז די דאָזיקע אויפגאַבע קאָן דערגרייכט ווערן נאָר אַלס רעזולטאַט פון אַ מאַסן־באַוועגונג פון אינטערנאַציאָנאַלן אַרבע־טער־קלאַס, געבויט אויף די פּרינציפּן פון אייניקייט פון דער באַוועגונג און זעלבסטעטיקייט פון די מאַסן —

באַשטעטיקט דער 5־טער אויסערגעוויינלעכער צוזאַמענפאָר פון בונד אין פּוילן די שטעלונג פון די פריערדיקע צוזאַמענפאָרן, אַז כדי צו דער־פילן די היסטאָרישע אויפגאַבן, וואָס שטייען פאַרן אַרבעטער־קלאַס, איז

נויטיק אַן אינטערנאַציאָנאַלע מאַסן־אָרגאַניזאַציע, וואָס זאָל זיין דורכ־געדרונגען מיטן גייסט פון אמתן אינטערנאַציאָנאַליזם און זיין פיאיק אָנצופירן מיטן אינטערנאַציאָנאַלן רעוואָלוציאָנערן קאַמף פון אַרבעטער־קלאַס.

.2

דער צוזאַמענפאָר שטעלט פעסט, אַז:

א) וואָס ווייטער, ווערט אַלץ קלאָרער דער אידייאישער באַנקראָט פון קאָמינטערן און די שעדלעכע ראָל, וועלכע ער שפּילט אין דער אינ־טערנאַציאָנאַלער אַרבעטער־באַוועגונג. דער שטאַנדפּונקט, אַז דער אויס־ראָטונגס־קאַמף קעגן די סאָציאַליסטישע אָרגאַניזאַציעס, וואָס נעמען אַרום די גרויסע מערהייט פון אַרבעטער־קלאַס איז די הויפּט־אויפגאַבע פון ״רעוואָלוציאָנערן אַוואַנגאַרד״, און אַז ברודער־קאַמף אין די אַרבעטער־רייען קען פאַרנעמען דעם אָרט פון אידייאישן קאַמף, האָט גורם געווען פון איין זייט דעם קאַטאַסטראָפאַלן צעפאַלונגס־פּראָצעס פון דער קאָמו־ניסטישער באַוועגונג און דאָס כסדרדיקע פאַלן פון איר איינפלוס און פון דער צווייטער זייט — די פאַרשטאַרקונג פון רעפאָרמיזם אין דער אינטערנאַציאָנאַלער אַרבעטער־באַוועגונג.

ב) די פאַריזער ביוראָ פון די רעוואָלוציאָנער־סאָציאַליסטישע פאַר־טייען האָט נישט באַוויזן פאַר די זיבן יאָר פון איר עקזיסטענץ צו ווערן אַ וועלכער נישט איז פאַקטאָר אין דער אינטערנאַציאָנאַלער אַרבעטער־באַוועגונג און האָט זיך דעריבער אַרויסגעוויזן פאַר אומפייאיק צו רע־אַליזירן די אויפגאַבע, וועלכע זי האָט זיך געשטעלט באַלד ביי איר אַנט־שטייאונג, נעמלעך די אויפגאַבע צו אָרגאַניזירן אַ באַוועגונג פאַר דער פאַראייניקונג פון דער אינטערנאַציאָנאַלער אַרבעטער־באַוועגונג.

ג) דער דראַנג פון די אַרבעטער־מאַסן צו איינהייט איז געקומען צום אויסדרוק אינעם כסדרדיקן וואוקס פון סאָציאַליסטישן אינטערנאַציאָנאַל, וועלכער נעמט היינט פאַקטיש אַרום אַלע שאַטירונגען אין דער אינטער־נאַציאָנאַלער סאָציאַליסטישער באַוועגונג, אַחוץ דעם קאָמוניזם, און גיט די אַלע שאַטירונגען די מעגלעכקייט זיך אויסצולעבן אין זיינע ראַמען.

דער צוזאַמענפאָר דריקט דעריבער אויס זיין איבערצייגונג, אַז דער סאָציאַליסטישער אינטערנאַציאָנאַל איז היינט צו טאָג די איינציקע אינ־טערנאַציאָנאַלע אַרענע, וואו עס קענען זיך אין רעזולטאַט פון אַן אי־בערלעכן אידייאישן קאַמף אויסקריסטאַליזירן און אויסשמידן דער באַ־וואוסטזיין און דער ווילן פון דעם אינטערנאַציאָנאַלן אַרבעטער־קלאַס, און וואו ס׳קען געפירט ווערן מיט אויסזיכטן אויף דערפאָלג דער קאַמף פאַר אויסבויען אַזאַ אינטערנאַציאָנאַל, וואָס אַנטשפּרעכט די באַדערפע־נישן פון דער היינטיקער תקופה.

## 3.

דער צוזאַמענפאָר גיט זיך אָפּ אַ קלאָרן רעכענונג דערפון, אַז דער סאָציאַליסטישער אינטערנאַציאָנאַל איז דערווייל בלויז אַן אָרגאַניזאַציאָנעלע פאָרם פון דער אינטערנאַציאָנאַלער מאַסן־באַוועגונג, וואָס ווערט ערשט אויסגעפילט מיט אַן אינטערנאַציאָנאַליסטישן אינהאַלט;

אַז די רעפאָרמיסטישע שטימונגען און אָנשויאונגען, אָפּטמאָל באַפאַרבט מיט נאַציאָנאַליזם, האָבן נאָך אַן איבערוועגנדיקע השפעה אין אַ גרויסער צאָל פאַרטייען, וואָס זיינען אָנגעשלאָסן אין סאָציאַליסטישן אינטערנאַציאָנאַל;

אַז די האַנדלונג פון די דאָזיקע פאַרטייען שטייען דעריבער אָפּטמאָל אין אַ סתירה צו די אינטערעסן פון דער אינטערנאַציאָנאַלער אַרבעטער־באַוועגונג, און אַז דער סאָציאַליסטישער אינטערנאַציאָנאַל רעאַגירט נישט, ווי געהעריק אויף די דאָזיקע האַנדלונגען.

אָבער גלייכצייטיק שטעלט פעסט דער צוזאַמענפאָר, אַז דער דאָזיקער אינטערנאַציאָנאַל איז געוואָרן די פאַקטישע רעפּרעזענטאַנץ פון דער פּראָלעטאַרישער מאַסן־באַוועגונג, אַז דער לינקער פליגל פון סאָציאַליסטישן אינטערנאַציאָנאַל, מיט וועלכן דער 4־טער צוזאַמענפאָר פון בונד האָט זיך דערקלערט אידייאיש צום נאָנטסטן פאַרבונדן, איז אַ רעאַלער פאַקטאָר אין דער אינטערנאַציאָנאַלער אַרבעטער־באַוועגונג און פירט אין אַלע לענדער דעם קאַמף קעגן די רעפאָרמיסטישע אילוזיעס און פאַר אַן אויסגעהאַלטענער סאָציאַליסטישער פּאָליטיק.

אין דער איבערצייגונג, אַז די אַנטוויקלונג פון דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט מוז פירן צו אַ פאַרשאַרפטן קלאַסן־קאַמף און צו דער רעוואָלוציאָניזירונג פון די מאַסן און ממילא פון זייערע אָרגאַניזאַציעס, און אַז דאָס מוז ברענגען צום זיג פון די רעוואָלוציאָנער־סאָציאַליסטישע פּרינציפּן אויך אין דעם סאָציאַליסטישן אינטערנאַציאָנאַל,

האַלט דער 5־טער אויסערגעוויינלעכער צוזאַמענפאָר פון בונד, אַז ס'איז דער חוב פון אונזער פאַרטיי אַריינצופירן די יידישע אַרבעטער־מאַסן אין דער גרויסער אַרבעטער־משפחה פון סאָציאַליסטישן אינטערנאַציאָנאַל, כדי צוזאַמען מיטן גאַנצן וועלט־פּראָלעטאַריאַט און אין הסכם מיט די לינקע עלעמענטן פון אינטערנאַציאָנאַל צו פירן דעם קאַמף פאַר די געמיינזאַמע אינטערעסן פון אַלע פּראָלעטאַריער, פאַר פולער אינטערנאַציאָנאַלער איינהייט פון פּראָלעטאַריאַט, פאַר אַ רעוואָלוציאָנער־סאָציאַליסטישער פּאָליטיק סיי אין דער נאַציאָנאַלער, סיי אין דער אינטערנאַציאָנאַלער אַרבעטער־באַוועגונג, פאַר פאַרוואַנדלען דעם סאָציאַליסטישן אינטערנאַציאָנאַל אין אַן אינסטרומענט פון דער אינטערנאַציאָנאַלער סאָציאַלער רעוואָלוציע.

## 4.

צוליב די אויבנגעבראַכטע מאָטיוון, אַרויסגייענדיק פון דער הנחה, אַז די אינטערנאַציאָנאַליסטישע דערציאונג פון די יידישע אַרבעטער־

מאַסן קען דערגרייכט ווערן נאָר דורך אַן אָרגאַניזאַציאָנעלער פאַרבינדונג פון אונזער באַוועגונג מיט דער אַרבעטער־באַוועגונג פון דער גאַנצער וועלט, און כדי דער שווערער קאַמף פון די יידישע אַרבעטער פאַר זייערע רעכט זאָל קענען האָבן דעם געהעריקן אָפּקלאַנג און די געהעריקע אונטערשטיצונג מצד דעם אינטערנאַציאָנאַלן אַרבעטער־קלאַס —

באַשליסט דער 5־טער אויסעראָרדנטלעכער צוזאַמענפאָר פון בונד אין פוילן:

אַרויסצוטרעטן פון דער פּאַריזער ביוראָ און זיך אָנשליסן אין סאָציאַליסטישן אַרבעטער־אינטערנאַציאָנאַל און באַפולמעכטיקט דעם צענטראַל־קאָמיטעט אין הסכם מיטן פּאַרטיי־ראַט אַדורכצופירן דעם דאָזיקן באַשלוס אין דעם טערמין, ווען זיי וועלן האַלטן פאַר נייטיק.

דער צוזאַמענפאָר דריקט אויס די האָפנונג, אַז זיין באַשלוס וועט מיטהעלפן צו פאַראייניקייטלעכן די אינטערנאַציאָנאַלע אַרבעטער־באַוועגונג, און אַז די פּאַרטייען, מיט וועלכע דער בונד איז ביז איצט געווען אָרגאַניזאַציאָנעל פאַרבונדן, און מיט וועלכע עס פאַראייניקן אונז ווייטער די ברידערלעכסטע געפילן און דער באַוואוסטזיין פון אידייאישער קרובה־שאַפט, וועלן זיך אין דער נאָענטסטער צוקונפט צוזאַמען מיט אונז געפינען אין סאָציאַליסטישן אינטערנאַציאָנאַל, כדי דאָרט ווייטער צו פירן דעם קאַמף פאַר די פּרינציפּן פון רעוואָלוציאָנערן סאָציאַליזם, פאַר וועלכע מיר האָבן ביז איצט געמיינזאַם געקעמפט".

**
*

פאַרוואָס איז אין דער רעזאָלוציע געזאָגט, אַז דער צענטראַל־קאָמיטעט ווערט באַפולמעכטיקט, אין הסכם מיטן פּאַרטיי־ראַט, אַדורכצופירן דעם באַשלוס אין דעם טערמין, ווען זיי וועלן האַלטן פאַר נייטיק? פאַרוואָס נישט תיכף־ומיד? — דאָס איז געטון געוואָרן צוליב דער מינדערהייט. זי האָט נישט געהאַט בדעה אַוועקצוגיין פון דעם צוזאַמענפאָר, נאָר בלויז פון דער אָפּשטימונג. ס'איז געווען אַ זשעסט לגבי איר. אי אין צענטראַל־קאָמיטעט, אי אין פּאַרטיי־ראַט איז געווען אַ מערהייט פאַר דעם אָנשלוס און פאַר דער רעזאָלוציע. קיין שום ענדערונג האָט אין דעם פּרט נישט געקענט פאַרקומען.

אויף דער פערטער זיצונג זיינען די דעלעגאַטן פון דער מינדערהייט צוריקגעקומען. אין זייער נאָמען האָט מאיר וואַסער אָפּגעגעבן אַ דערקלערונג, אין וועלכער ס'איז מאָטיווירט געוואָרן די האַנדלונג פון דער מינדערהייט. זיי האָבן פריער פאַרלאָזט דעם צוזאַמענפאָר, איז געווען געזאָגט אין דער דערקלערונג, ווייל זיי האָבן נישט געוואָלט „טראָגן אחריות פאַר דעם פאַטאַלן באַשלוס, וועלכן דער צוזאַמענפאָר האָט זיך געקליבן אָנצונעמען. אונזער האַנדלונג איז געווען דיקטירט דורך טיפער זאָרג פאַרן גורל פון דער פּאַרטיי, דורך אַ ווילן וואָס שאַרפער צו פּראָטעסטירן קעגן דעם פאַטאַלן 'אָנשלוס', דורך אַ ווילן אונטערצושטרייכן, ווי אַ קנאַפּע העלפט פון דער פּאַרטיי פאַרהאַלט זיך צום 'אָנשלוס'. מיר האָבן

אָבער דערביי אויף קיין איין מינוט נישט געקלערט וועגן פאַרלאָזן אין אַט דעם קאַמף דעם באָדן פון דער פּאַרטיי. מיר שטייען פעסט און דע־צידירט אויפן דאָזיקן באָדן און מיר וועלן אין דער פּאַרטיי ווייטער קעמפן אין וואָרט און שריפט פאַר אונזערע פּרינציפּן".

אין ענטפער אויף דער דערקלערונג פון דער מינדערהייט האָט ה. ערליך געזאָגט: „מיר אָנערקענען אין דער פולער מאָס די רעכט פון דער מינדערהייט זיך אויסצולעבן אין אונזער פּאַרטיי. מיר אָנערקענען איר רעכט צו ברענגען צום אויסדרוק איר שטעלונג סיי אויף פּאַרטיי־פאַרזאַמלונגען, סיי אין אונזער פּאַרטיי־ליטעראַטור — באַטירלעך אין די גרענעצן, וואָס ווערן דיקטירט פון אינטערעס פון דער פּאַרטיי. מיר ווילן, אַז אַלע פּאַרטיי־חברים זאָלן זיך פילן אין דער פּאַרטיי, ווי אין אַן אייגענער משפחה. עס מוז אָבער אין אונזער פּאַרטיי, ווי אין יעדער געזונטער פּראָלעטאַרישער פּאַרטיי, אָפּגעהיט ווערן דער עלעמענטאַרער כלל, אַז די אָנגענומענע באַשלוסן פאַרפליכטן די גאַנצע פּאַרטיי־מיטגלי־דערשאַפט, פאַר אַלעמען אָן אויסנאַם. עס מוז אָפּגעהיט ווערן אייניקייט און געשלאָסנקייט פון דער פּאַרטיי אין טאַט".

ה. ערליך האָט באַלד נאָך דעם ענטפער געשלאָסן דעם צוזאַמענפאָר מיט אַ קורצער רעדע, אין וועלכער ער האָט אַרויסגעבראַכט די דראַ־מאַטישע מאָמענטן במשך די פאַרגאַנגענע צוויי טעג און אויסגעדריקט די זיכערקייט אין דער אייניקייט און פעסטקייט פון בונד. אַלע דעלעגאַטן האָבן די רעדע באַגלייט מיט לאַנג־דויערנדיקע אַפּלאָדיסמענטן.

נאָכן שלוס פון צוזאַמענפאָר איז פאַרטאָג פאָרגעקומען אַ באַנקעט פון די דעלעגאַטן, וואָס די לאָדזשער אָרגאַניזאַציע פון בונד האָט צו־געגרייט און ביי טאָג איז אין גרויסן „פילהאַרמאָניע־זאַל" פאָרגעקומען אַ פאַרזאַמלונג פון צוויי טויזנט יידישע אַרבעטער און אַרבעטערינס לכבוד דעם צוזאַמענפאָר. דעם קינסטלערישן פּראָגראַם האָבן אויסגעפירט בונ־דישע יוגנט פון סקיף, יוגנט־בונד צוקונפט און מאָרגנשטערן, ווי אויך דער אָרקעסטער פון דער קולטור־ליגע.

רעדעס האָבן געהאַלטן אפרים לאָזער זעלמאַנאָוויטש, יוסף לעש־טשינסקי, ד"ר יוסף קיסמאַן, וויקטאָר אַלטער, שמואל יונה בלום (קראָקע), ה. ערליך, אַרקאַדי קרעמער און וולאַדימיר קאָסאָקווסקי [28]).

*****

מיטן לאָדזשער צוזאַמענפאָר איז אָפּגעשלאָסן געוואָרן אַ דראַמאַטי־שער שטרייט אין די רייען פון בונד אין פוילן — אַ שטרייט, וואָס האָט אָנגעהאַלטן איבער אַ צענטליק יאָרן. ס'איז אָפּגעשלאָסן געוואָרן אַ קרייז. דער בונד איז אין 1920 אַרויס פון סאָציאַליסטישן אינטערנאַציאָנאַל און איז אין 1930 צו אים צוריקגעקומען. ס'האָבן זיך געביטן די מיינונגען און ס'זיינען בולטער געוואָרן די אַנטוויקלונגען.

דער באַשלוס פון קראָקעווער צוזאַמענפאָר (1920) וועגן אַריינטרעטן אין

קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל איז אָנגענומען געוואָרן מיט אַ מינדער־הייט שטימען (41 פאַר, 30 קעגן, 15 אָפּגעהאַלטענע). אַרויסגעוויזן האָט זיך, אַז די מערהייט, וואָס איז באַשטאַנען פון 30 אויסגעשפּראָכענע קעג־נער און פון 15 צווייפלער, איז געווען גערעכט. דער קאָמינטערן איז אַלץ מער און מער געוואָרן פאַרוואַנדלט אין אַ געהאָרכזאַם געצייג פון סאָוועטישן דיקטאַטאָר, סטאַלין, וועלכער האָט אויך דאָרט איינגעשטעלט זיין גרויזאַמע, מערדערישע דיקטאַטור. די בלאָסע האָפנונג פון פאַריזער ביוראָ און פון דער בונדישער מינדערהייט, אַז דער קאָמינטערן וועט אויסלעבן זיינע פעלערן און זיך ענדערן צום גוטן, האָט נישט געהאַט קיין יסוד און איז בלויז געווען אַ פרומער וואונטש. בלייבן וויטער אין פאַריזער ביוראָ — אַ מין איבערגעכטיקן אין אַן אכסניה — איז אויך נישט גע־ווען באַרעכטיקט. אין פאַריזער ביוראָ האָבן געהערט בלויז אָפּגעשפּאָל־טענע גרופּן פון סאָציאַליסטישע פּאַרטייען אָדער עמיגראַנטישע גרופּן (די נאָרוועגישע אַרבעטער־פּאַרטיי, וואָס האָט רעפּרעזענטירט דעם אַר־בעטער־קלאַס אין איר לאַנד, איז נאָך פריער אַרויסגעטרעטן פון ביוראָ). די פאַריזער ביוראָ האָט נישט געקענט רעפּרעזענטירן דעם אַרבעטער־קלאַס און ווערן זיין וואָרט־זאָגער.

דער באַשלוס פון 5־טן צוזאַמענפאָר האָט נישט בלויז אָפּגעשפּיגלט די אידעאָלאָגישע אַנטוויקלונגען אין די רייען פון בונד, נאָר אויך די איבערשאַצונג פון די גייסטיקע און פּאָליטישע ווערטן פון דער יידישער אַרבעטערשאַפט בכלל. נישט געקוקט אויף די „גוטע בשורות״, וואָס די קאָמוניסטן און זייערע נאָכלויפער האָבן כסדר געבראַכט פון סאָוועט־רוסלאַנד, האָט זי אַלץ בולטער דערזען דעם פּרצוף־פּנים פון דער קאָמו־ניסטישער טעאָריע און פּראַקטיק און אָנגעהויבן קוקן מיט קלאָרערע אויגן און וויניקער פאָראורטיילן אויף דער סאָציאַליסטישער אַרבעטער־באַוועגונג אין די מערב־לענדער.

# 7. אין סאָציאַליסטישן אַרבעטער־אינטערנאַציאָנאַל

דער צענטראַל־קאָמיטעט פון בונד האָט אויסגעפירט דעם באַשלוס פון לאָדזשער צוזאַמענפאָר. דעם 6־טן סעפטעמבער 1930 האָט אין וואַרשע דער פאַרטיי־ראַט אָפּגעהאַלטן אַ סעסיע. באַטייליקט האָבן זיך 42 מיטגלידער. נאָך אַ דיסקוסיע האָט דער פאַרטיי־ראַט מיט 26 שטימען קעגן 16 באַפולמעכטיקט דעם צענטראַל־קאָמיטעט תיכף אַריינפירן דעם בונד אין סאָציאַליסטישן אַרבעטער־אינטערנאַציאָנאַל [27]). און פון דעמאָלט אָן איז ער ווידער געווען אַ מיטגליד פון דער אינטערנאַציאָנאַלער אָרגאַניזאַציע, צו וועלכער ס'האָבן געהערט דער רוב מנין ובנין פון די סאָציאַליסטישע פאַרטייען אין דער וועלט.

דער בונד האָט נישט געדאַרפט וואַרטן ביז ס'וועלן דורכגעפירט ווערן די פאָרמאַליטעטן. אין דער צווייטער העלפט פון אויגוסט 1930 האָט דער עקזעקוטיוו פון סאָציאַליסטישן אַרבעטער־אינטערנאַציאָנאַל אָפּגעהאַלטן אַ סעסיע אין ציריך, שווייץ. וויסנדיק, אַז אין די נאָענטסטע טעג וועט דער פאַרטיי־ראַט פון בונד באַשטימען צו רעאַליזירן דעם באַשלוס פון לאָדזשער צוזאַמענפאָר, האָט דער עקזעקוטיוו באַשלאָסן פון פאָרויס אָנצונעמען דעם בונד אין אינטערנאַציאָנאַל. פאָרשטייער פון בונד האָבן נאָך דעם זיך באַטייליקט אין די זיצונגען פון עקזעקוטיוו און אין קאָנגרעס פון סאָציאַליסטישן אינטערנאַציאָנאַל, ווי אויך אין אַנדערע אינטערנאַציאָנאַלע קאָנפערענצן און באַראַטונגען. דער פאָרשטייער פון בונד אין עקזעקוטיוו פון אינטערנאַציאָנאַל איז געווען הענריק ערליך און וויקטאָר אַלטער זיין פאַרטרעטער.

די ערשטע סעסיע פון עקזעקוטיוו, אין וועלכער אַ פאָרשטייער פון בונד אין פוילן האָט זיך באַטייליקט, האָט זיך אָנגעהויבן דעם 21־טן פעברואַר 1931. דער בונדישער פאָרשטייער, וויקטאָר אַלטער, האָט באַלד ביים אָנהייב פון דער זיצונג אָפּגעגעבן אַ דעקלאַראַציע וועגן דער אַלגעמיינער פּאָליטיק פון בונד און וועגן דער בונדישער שטעלונג צו די וויכטיקסטע פּראָבלעמען פון אינטערנאַציאָנאַלן, פוילישן און יידישן לעבן. די דעקלאַראַציע האָט געהאַט פאַר אַ ציל קלאָר צו מאַכן פאַר דער סאָציאַליסטישער אַרבעטער־באַוועגונג דאָס אידעאָלאָגישע פּנים און די פּאָליטישע איינשטעלונג פון בונד.

די דעקלאַראַציע האָט אויך אויפגעקלערט פאַרוואָס דער בונד, וואָס

האָט ביזן סוף פון דער ערשטער וועלט־מלחמה געהערט צום סאָציאַליס־טישן אינטערנאַציאָנאַל, איז פון אים אַרויסגעטרעטן: „דער בונד האָט נישט געקענט שלום מאַכן נישט מיטן רעפאָרמיזם, וואָס האָט זיך אַזוי גוואַלטיק פאַרשטאַרקט אין דער נאָך־מלחמהדיקער אַרבעטער־באַוועגונג און מיט דער אַוואַנטוריסטישער פּאָליטיק פון די קאָמוניסטן, בפרט מיט זייער פאַרברעכערישער שפּאַלטונג־פּאָליטיק. דער בונד אין פּוילן איז געבליבן איזאָלירט. אָבער דער באַוואוסטזיין וועגן דער נייטיקייט צו געהערן צו אַן אינטערנאַציאָנאַלער אָרגאַניזאַציע איז אויף קיין איין רגע נישט אָפּגעשוואַכט געוואָרן אין אונזערע רייען".

נאָכן איבערגעבן די חלוקי־דעות אין בונד וועגן דער פראַגע און וועגן אַנגענומענעם באַשלוס אַריינצוטרעטן אין סאָציאַליסטישן אינטערנאַציאָנאַל, זאָגט ווייטער די דעקלאַראַציע:

„מיר האַלטן, אַז דער סאָציאַליסטישער אַרבעטער־אינטערנאַציאָנאַל אַזוי ווי ער איז היינט, איז גאָר ווייט פון אַן אידעאַל פון אַ פּראָלעטאַרישן אינטערנאַציאָנאַל. אונז באַפרידיקט נישט דער אָרגאַניזאַציאָנעלער פּרינ־ציפּ פון אינטערנאַציאָנאַל, די צו־לויזע פאַרבינדונג פון זיינע פּאַרטייען און מיר זיינען נישט מסכים מיט דער שטעלונג, וועלכע די מערהייט פון אינטערנאַציאָנאַל פאַרנעמט צו די גרויסע פּראָבלעמען פון דער היינט־צייטיקער פּראָלעטאַרישער פּאָליטיק. אָבער די מערהייט פון אונזער פּאַרטיי האָט געהאַלטן, אַז די חלוקי־דעות באַרעכטיקן נישט מער אונזער בלייבן אויסער דעם אינטערנאַציאָנאַל, ווייל זיי קאָנען פריי אויסגעלעבט ווערן אין זיינע רייען".

נאָכן איבערגעבן די שטעלונג פון בונד צו די פּראָבלעמען פון יידישן לעבן, פון דער פּוילישער מלוכה און פון דער אינטערנאַציאָנאַלער סי־טואַציע, ווערט די דעקלאַראַציע פאַרענדיקט מיט די ווערטער:

„מיר ווייסן, אַז אין די סאָציאַליסטישע רייען זיינען פאַראַן פיל מענטשן, וואָס פאַרטיידיקן די זעלבע געדאַנקען. מיר וועלן פאַראייניקן אונזערע אָנשטרענגונגען צו זייער קאַמף פאַר די דאָזיקע אידייען אין אינטערנאַציאָנאַל. מיר האָבן די טיפע איבערצייגונג, אַז דאָס איז אַ קאַמף פאַר דער גרויסקייט און כּוח פון אינטערנאַציאָנאַל"[28]).

וויקטאָר אַלטער האָט שפּעטער זיך באַטייליקט צוויי מאָל אין די דיסקוסיעס וועגן באַהאַנדלטע ענינים. איין מאָל ביים באַהאַנדלען אַ רע־זאָלוציע וועגן עקאָנאָמישן קריזיס און אַרבעטלאָזיקייט און אַ צווייט מאָל אין דער דיסקוסיע וועגן דער לאַגע אין די לענדער מיט דיקטאַטאָרישע רעזשימען. אין די פראַגן האָט ער פאַרטיידיקט אַן אַנדערע שטעלונג, ווי ס׳האָט פאַרנומען די מערהייט פון עקזעקוטיוו. צוזאַמען מיט פענער־בראָקוויי, פאַרשטייער פון דער ענגלישער אומאָפּהענגיקער אַרבעט־פּאַרטיי, האָט ער צו דער רעזאָלוציע, וואָס עס האָט אויסגעאַרבעט אַ געמיינזאַמע קאָמיסיע פון די צוויי אינטערנאַציאָנאַלן — פון סאָציאַליסטישן און פראָ־פעסיאָנעלן — אַריינגעטראָגן אַ צוגאָב־פאָרשלאָג מיט אַ מער ראַדיקאַלערן

אינהאַלט. דער צוגאָב צו דער פאָרגעלייגטער רעזאָלוציע האָט געהאַט פאַר אַ ציל אונטערצושטרייכן דעם באַנקראָט פון קאַפּיטאַליזם און צו פאַרשטאַרקן דעם קאַמף פאַרן סאָציאַליזם. די מערהייט האָט זיך אַרויסגעזאָגט קעגן צוגאָב־פאָרשלאָג און ער איז נישט אָנגענומען געוואָרן. ביים באַהאַנדלען דעם מצב אין די דיקטאַטאָרישע לענדער איז פאָרגעקומען אַ פּאָלעמיק צווישן וויקטאָר אַלטער און דעם פאָרשטייער פון דער פּוילישער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי (פּ.פּ.ס.), הערמאַן דיאַמאַנד. ביידע האָבן פאַרטיידיקט די טאַקטיק פון זייערע פּאַרטייען[29].

***

נאָך אַ לענגערער הפסקה איז דער בונד ווידער געווען פאַרטרעטן אויף די צונויפקומען פון סאָציאַליסטישן אינטערנאַציאָנאַל. ער איז עס פריער געווען במשך צוויי צענטליק יאָר (1900—1919)[30]. צוליב די חלוקי־דעות און שפּאַלטונגען אין דער אינטערנאַציאָנאַלער אַרבעטער־באַוועגונג, וואָס זיינען געווען אַ רעזולטאַט פון דער פּאָליטיק בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה און אירע שפּעטערדיקע נאָכוויען, איז דער בונד געשטאַנען מחוץ דעם סאָציאַליסטישן אינטערנאַציאָנאַל. נאָכן צוריק־אַריינטריט האָט ער איינגיכן געדאַרפט זיך באַטייליקן אין אַן אינטערנאַציאָנאַלן סאָציאַליסטישן קאָנגרעס, וואָס איז פאָרגעקומען אין דער הויפּט־שטאָט פון עסטרייך — ווין.

ערב דעם קאָנגרעס האָט דער צענטראַל־קאָמיטעט פון בונד באַטראַכט די פּונקטן פון טאָג־אָרדנונג און וועגן צוויי וויכטיקע פּונקטן אָנגענומען אַ שטעלונג, וואָס ער האָט פאָרמולירט אין רעזאָלוציעס. איין רעזאָלוציע איז געווען צום פּונקט: די לאַגע פון דער אַרבעטער־באַוועגונג און דער קאַמף פאַר דעמאָקראַטיע, די צווייטע רעזאָלוציע איז געווען צום פּונקט: דער קאַמף פאַר אַנטוואָפענונג און קעגן מלחמה־געפאַר. ביידע רעזאָלוציעס זיינען איבערגעשיקט געוואָרן צום עקזעקוטיוו פון סאָציאַליסטישן אינטערנאַציאָנאַל.

די רעזאָלוציע וועגן דער לאַגע פון דער אַרבעטער־באַוועגונג אין שייכות מיטן עקאָנאָמישן קריזיס און דעם אויפשטייג פון פאַשיזם דערקלערט, אַז „דער קאַמף פאַר אַ סאָציאַליסטישער מאַכט, וואָס זאָל ענערגיש און אַנטשלאָסן צוטרעטן צו צעברעכן די יסודות פון קאַפּיטאַליזם און צום אויפבוי פון סאָציאַליזם. איז געוואָרן די וויכטיקסטע און אַקטועלסטע אויפגאַבע פון פּראָלעטאַריאַט“...

„די נויטיקייט צו פירן אַ קאַמף קעגן פאַשיזם האָט נאָך אַ מאָל אין דער גאַנצער ברייט אַוועקגעשטעלט פאַרן אַרבעטער־קלאַס די פראַגע וועגן דער ראָל און באַדייטונג פון פּאָליטישער דעמאָקראַטיע. דער קאָנגרעס שטעלט פעסט:

אין די ראַמען פון דער קאַפּיטאַליסטישער אָרדנונג איז די דעמאָקראַטיע אַן צווייפל די גינסטיקסטע פאַרן פּראָלעטאַרישן קלאַסן־קאַמף

מלוכה־פאָרם. דעריבער דאַרפן די סאָציאַליסטישע פּאַרטייען מיט דער גאַנצער ענערגיע פאַרטיידיקן די דעמאָקראַטיע קעגן אַלע אָנגריפן פון דער רעאַקציע און קעמפן פאַר איר דאָרט, וואו זי איז נאָך נישט דאָ. אָבער דערביי טאָר מען נישט פאַרגעסן, אַז פאָרמעלע בירגערלעכע דעמאָקראַטיע איז פאַרן אַרבעטער־קלאַס בלויז אַ מיטל צום ציל און נישט דער ציל, אַז זיין ציל איז — סאָציאַלע, פּראָלעטאַרישע דעמאָקראַטיע, און דעריבער מוזן די סאָציאַליסטישע פּאַרטייען אַפילו אין קאַמף פאַר פאָרמעלער דעמאָקראַטיע אַרויסרוקן אויפן אויבן־אָן די סאָציאַלע פאָדערונגען פון אַרבעטער־קלאַס"...

"די ביז־איצטיקע דערפאַרונג האָט באַוויזן, אַז די קאָאַליציע־פּאָליטיק, וואָס איז געפירט געוואָרן דורך די סאָציאַליסטישע פּאַרטייען אין אַ ריי לענדער, האָט נישט באַרעכטיקט די האָפנונגען, וואָס זיינען אויף איר געלייגט געוואָרן דורך אירע אָנהענגער. דער אַרבעטער־קלאַס איז געווען געצוואונגען צו צאָלן אַ זייער הויכן פּרייז אַפילו פאַר די קליינע דערגרייכונגען, וועלכע ס'איז אים אימשטאַנד געווען צו ברענגען די קאָאַליציע־פּאָליטיק. די דאָזיקע פּאָליטיק האָט אָפּגעשוואַכט די כוחות פונם פּראָלעטאַריאַט און געשטאַרקט זיינע קלאַסן־שונאים. זי האָט פאַרטיפט די שפּאַלטונג אין די אַרבעטער־רייען און געמינערט דעם גלויבן פון די מאַסן אין דעם שעפערישן כוח פון סאָציאַליזם. זי האָט גיכער צוגעאיילט איידער אָפּגעשוואַכט דעם וואוקס פון פאַשיזם"...

"די לאָזונג פון אוממיטלבאַרן קאַמף פאַרן סאָציאַליזם דאַרף שטיין אין מיטל־פּונקט פון סאָציאַליסטישן קאַמף נישט בלויז אין די אַזוי גערופענע דעמאָקראַטישע לענדער, נאָר אויך אין די לענדער, וואָס זיינען באַהערשט אָדער שטאַרק באַדראָט פון פאַשיזם. צושפּיצן דעם קאַמף קעגן פאַשיזם צום קאַמף פאַר בירגערלעכע דעמאָקראַטיע הייסט פּאַקטיש אָפּשוואַכן, פּאַראַליזירן דעם דאָזיקן קאַמף, ווייל די ברייטע אַרבעטער־מאַסן זיינען היינט צו טאָג נישט אימשטאַנד באַגייסטערט צו ווערן פאַר פּאָליטישע לאָזונגען, וואָס זיינען נישט צונויפגעבונדן מיט קיין ענדערונג פון די עקזיסטירנדיקע סאָציאַלע מאַכט־פאַרהעלטענישן. דער קאַמף קעגן פאַשיזם מוז דעריבער געפירט ווערן אונטער דער לאָזונג פון אַ סאָציאַליסטישער מאַכט, וואָס זאָל נישט בלויז באַזייטיקן די פּאָליטישע פאַרשקלאַפונג פון אַרבעטער־קלאַס, נאָר אויך עפענען אַ וועג פאַר זיין סאָציאַלער באַפרייאונג"...

די רעזאָלוציע פאַרנעמט אויך אַ שטעלונג צו סאָוועט־רוסלאַנד און צו דער קאָמוניסטישער באַוועגונג. זי זאָגט:

"אָנערקענענדיק אין פולער מאָס די גרויסע היסטאָרישע באַדייטונג פון דער רוסלענדער רעוואָלוציע און פון אירע סאָציאַלע און עקאָנאָמישע אויפטוען פאַר דער גאַנצער אַרבעטנדיקער מענטשהייט, שטעלט דער קאָנגרעס פעסט, אַז די עקזיסטענץ גופא פון ראַטן־פאַרבאַנד וואָלט באַ־

דייטנדיק פאַרלייכטערט דעם אינטערנאַציאָנאַלן פּראָלעטאַרישן קאַמף פאַר אַ סאָציאַליסטישער מאַכט, ווען די פירנדיקע עלעמענטן פון ראַטן־פאַרבאַנד וואָלטן אַ סוף געמאַכט צו דער טעראָר־פּאָליטיק לגבי אַלע נישט־קאָמוניסטישע פּראָלעטאַרישע עלעמענטן ביי זיך אין לאַנד, ווען זיי וואָלטן זיך אָפּגעזאָגט פון דער אומזיניקער מלחמה קעגן די גרויסע סאָציאַליסטישע מאַסן־אָרגאַניזאַציעס פון דער גאַנצער וועלט און זיך געשטעלט אַנטשיידן אויפן באָדן פון פּראָלעטאַרישער דעמאָקראַטיע סיי פאַרן ראַטן־פאַרבאַנד, סיי פאַר דער גאַנצער אינטערנאַציאָנאַלער אַרבעטער־באַוועגונג.

דער קאָנגרעס פאָדערט אויף אַלע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען, זיי זאָלן מיט דער גרעסטער ענערגיע שיצן דעם ראַטן־פאַרבאַנד קעגן יעדן אָנגריף מצד פיינטלעכע אימפּעריאַליסטישע כוחות און דריקט אויס די האָפענונג, אַז דער אַרבעטער־קלאַס פון ראַטן־פאַרבאַנד וועט וואָס פריער שטעלן זיך אין אַ ברידערלעכער פאַרבינדונג מיט די סאָציאַליסטישע פּראָלעטאַריער פון דער גאַנצער וועלט, כדי מיט געמיינזאַמע כוחות צו פירן דעם קאַמף פאַר דער פולער רעאַליזירונג פון סאָציאַליזם פאַר דער מענטשהייט.

כדי די דאָזיקע אויפגאַבע זאָל קענען צום לייכטסטן און צום גיכסטן רעאַליזירט ווערן, איז נייטיק די איינהייט פון אינטערנאַציאָנאַלן פּראָלעטאַריאַט און די איינהייט פון דער אַרבעטער־באַוועגונג אין די לענדער, וואו זי איז היינט געשפּאָלטן. די גרעסטע שולד פאַר דער צעשפּליטערונג פון דער אַרבעטער־באַוועגונג טראָגן די קאָמוניסטישע פּאַרטייען. אין איר היינטיקער פאָרם לייקנט די קאָמוניסטישע באַוועגונג סיי די אינדיווידועלע, סיי די קלאַסן־פרייהייט פון פּראָלעטאַריאַט, און וויל איינשטעלן אַ דיקטאַטור פון אַ הייפל קאָמוניסטישע פירער איבער דעם אַרבעטער־קלאַס. איינגעשטעלט אויף בלאַנקיסטיש־פּוטשיסטישע מעטאָדן, ברענגט די קאָמוניסטישע באַוועגונג מיט איר פּאָליטיק פון ברידער־קריג אין די פּראָלעטאַרישע רייען צו דער אָפּשוואַכונג פון דער גאַנצער קלאַסן־באַוועגונג.

דער קאָנגרעס דריקט אויס זיין איבערצייגונג, אַז דאָס אָפּזאָגן זיך פון די סאָציאַליסטישע פּאַרטייען פון דער פּאָליטיק פון צוזאַמענאַרבעט מיט די בירגערלעכע פּאַרטייען — די צענטראַל־אידייע פון רעפאָרמיזם — וועט פיל לייכטער מאַכן צו דערגרייכן די איינהייט פון דער אַרבעטער־באַוועגונג. דער קאָנגרעס שטרעקט אויס זיין ברידערלעכע האַנט צו די קאָמוניסטישע אַרבעטער פון דער גאַנצער וועלט און צו די אַלע פּראָלעטאַריער, וואָס שטייען ביז איצט אין אַ זייט פון אינטערנאַציאָנאַלן פּראָלעטאַרישן קאַמף, און פאָדערט זיי אויף צו פאַראייניקן זיך מיט דער גרויסער מערהייט פון אַרבעטער־קלאַס, וואָס איז אָרגאַניזירט אין סאָציאַליסטישן אַרבעטער־אינטערנאַציאָנאַל, צום געמיינזאַמען רעוואָלוציאָנערן קאַמף קעגן פאַשיזם, קעגן קאַפּיטאַליזם, פאַר סאָציאַליזם״ [31]).

די רעזאָלוציע וועגן קאַמף פאַר אַנטוואָפענונג און קעגן מלחמה־געפאַר קומט צו אַזאַ אויספיר:

„דער קאָנגרעס רופט אַלע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען אויפצונעמען אַן ענערגישן און סיסטעמאַטישן קאַמף קעגן די דראָענדיקע מלחמה־געפאַר און אויסצואיבן אויף זייערע רעגירונגען דעם שטאַרקסטן רעוואָלוציאָנערן דרוק, כדי צו פאַרהיטן פון אַ מלחמה־אויסברוך. אויב אָבער אַ מלחמה זאָל פאָרט אויסברעכן, לייגט דער קאָנגרעס אַרויף אויף די סאָציאַליסטישע פּאַרטייען די פליכט צו אָרגאַניזירן די מאַסן אונטער דער לאָזונג צו פאַרענדיקן די מלחמה דורך מאַכן אַ סוף צו דעם קאַפּיטאַליסטישן סדר, אין הסכם מיט די באַשלוסן פון די פאַר־מלחמהדיקע אינטערנאַציאָנאַלע קאָנגרעסן אין שטוטגאַרט און קאָפּענהאַגן.

דער קאָנגרעס שטעלט פעסט, אַז סיי אין צייט פון שלום, סיי אין צייט פון מלחמה וועלן די סאָציאַליסטישע פּאַרטייען נאָר דעמאָלט זיין אימשטאַנד צו פירן אַ דערפאָלגרייכן קאַמף פאַר שלום, ווען זיי וועלן נישט פירן קיין פּאָליטיק פון צוזאַמענאַרבעט מיט די פּאַרטייען, וואָס שטייען אויפן באָדן פון קאַפּיטאַליזם, און ממילא אויך אויפן באָדן פון מיליטאַריזם און מלחמה.

באַזונדער וואָרנט דער קאָנגרעס די סאָציאַליסטישע פּאַרטייען פאַר דער שעדלעכער פּאָליטיק פון ‚בורגפרידן‘ בעת מלחמה — האַלטנדיק, אַז די לאָזונג פון לאַנד־פאַרטיידיקונג קען דורכן אַרבעטער־קלאַס אָנגענומען ווערן נאָר דעמאָלט, ווען ער האַלט שוין די מאַכט אין זיינע הענט"...

„דער סאָציאַליסטישער אינטערנאַציאָנאַל קעמפט פאַר אָפּשאַפן די באַוואָפנטע מאַכט און רופט אַלע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען אָפּצוזאָגן די קאַפּיטאַליסטישע מלוכות די מיטלען אויף וועלכע נישט איז מיליטערישע צוועקן. דער קאָנגרעס וואָרנט די אַרבעטער־מאַסן פאַר אילוזיעס בנוגע דער פעלקער־ליגע און אירע כלומרשטע אַנטוואָפנונגס־באַמיאונגען, וועלכע דינען פאַר די קאַפּיטאַליסטישע מלוכות בלויז אַלס שילד צו פאַרדעקן זייער אימפּעריאַליסטישע פּאָליטיק. דער קאָנגרעס שטעלט פעסט, אַז די זיכערסטע גאַראַנטיע פאַרן דערפאָלג פון פּראָלעטאַרישן קאַמף קעגן באַוואָפנונגען און קעגן קאַפּיטאַליסטישער מלחמה איז די גרייטקייט פון אַרבעטער־קלאַס צו פאַרשטאַרקן אין דער צייט פון מלחמה זיין קאַמף פאַר סאָציאַלער באַפרייאונג.

שטרעבנדיק צו פולער און אַלגעמיינער אַנטוואָפנונג, פאָדערט דער קאָנגרעס פון די סאָציאַליסטישע פּאַרטייען פון יעדן לאַנד צו פירן דעם קאַמף פאַר אַנטוואָפנונג, אומאָפּהענגיק פון דעם דערפאָלג פון דער אַנטוואָפנונג אין אַנדערע לענדער; דער קאָנגרעס האַלט, אַז יעדע פּשרה אין דעם פּרט מצד איין סאָציאַליסטישער פּאַרטיי פאַרשווערט אומגעהויער דעם קאַמף פאַר אַנטוואָפנונג, וואָס עס פירט דער גאַנצער אינטערנאַציאָנאַלער פּראָלעטאַריאַט; און פאַרקערט, יעדער דערפאָלג פונם קאַמף מיטן מיליטאַריזם אין איין לאַנד איז אַ סטימול און אימפּולס פאַרן זעלבן קאַמף אין אַנדערע לענדער" [32]).

די פאַרשטייער פון בונד האָבן שפּעטער זיך פאַרשטענדיקט מיט אַנדערע דעלעגאַציעס צום קאָנגרעס אין ווין און, אין הסכם מיטן טעקסט פון בײדע רעזאָלוציעס פון צענטראַל־קאָמיטעט, אויסגעאַרבעט קירצערע בשותּפותדיקע רעזאָלוציעס פון דער מינדערהייט צו עטלעכע פּונקטן פון טאָג־אָרדענונג.

***

דער קאָנגרעס האָט זיך אָנגעהויבן דעם 25־טן יולי און האָט זיך פאַרענדיקט דעם 1־טן אויגוסט 1931. דער בונד פון פּוילן איז געווען פאַרטראָטן דורך אַ דעלעגאַציע, וואָס איז באַשטאַנען פון די חברים: יקותיאל פּאָרטנוי (נח), הענריק ערליך, וויקטאָר אַלטער, אַנע ראָזענטאַל, ישראל ליכטענשטיין, עמנואל נאָוואָגרודסקי, ד״ר חיים פּיזשיץ, ד״ר עמנואל שערער און יעקב שלום הערץ. (ווי אַ פאַרטרעטער פון דער פּרעסע איז אויפן קאָנגרעס געווען אפרים לאַזער זעלמאַנאָוויטש און אַלס געסט־דעלעגאַטן — מאָריצי אָזשעך, גרשון זיבערט, מאַניע מייער, חנינא קראַמאַרסקי און דוד ליסקאָווסקי).

די בונדישע דעלעגאַציע איז געווען אַקטיוו אויפן קאָנגרעס און גע־ווירקט אין גייסט פון די פריער־געבערענגטע רעזאָלוציעס. בונדישע פאַר־שטייער האָבן זיך באַטייליקט אין די דעבאַטן סיי אין די קאָמיסיעס פאַר די ספּעציעלע פּראָבלעמען, סיי אויפן פּלענום פון קאָנגרעס.

הענריק ערליך איז געווען אַ מיטגליד אין דער קאָמיסיע וועגן פּונקט: די לאַגע אין דייטשלאַנד און צענטראַל־אייראָפּע — און דער קאַמף פון אַרבעטער־קלאַס פאַר דעמאָקראַטיע; וויקטאָר אַלטער — אין דער קאָמי־סיע פאַר דיווירטשאַפטלעכע פּראָבלעמען פון דער וועלט; ד״ר עמנואל שערער — אין דער קאָמיסיע, וואָס האָט באַהאַנדלט דעם פּונקט וועגן אַנטוואָפענונג; עמנואל נאָוואָגרודסקי — אין דער קאָמיסיע פאַר אָרגאַני־זאַציאָנעלע ענינים. אַנע ראָזענטאַל — אין דער קאָמיסיע פאַרן באַריכט פון דער אינטערנאַציאָנאַלער פרויען־קאָנפערענץ; הענריק ערליך איז אַרויסגעטרעטן אין דער גרויסער פּאָליטישער דעבאַטע אויפן פּלענום פון קאָנגרעס.

740 דעלעגאַטן פון 38 אָנגעשלאָסענע פּאַרטייען זיינען געקומען פון 28 לענדער. פון די 740 זיינען געווען שטים־באַרעכטיקטע 665 דעלעגאַטן און 75 — געסט־דעלעגאַטן; אַחוץ זיי 16 פאַרטרעטער פון עטלעכע אינ־טערנאַציאָנאַלע אָרגאַניזאַציעס — פון פּראָפעסיאָנעלן אינטערנאַציאָנאַל, יוגנט־אינטערנאַציאָנאַל, ספּאָרט־אינטערנאַציאָנאַל און דערציאונג־אינטער־נאַציאָנאַל. פון די דעלעגאַטן זיינען 133 געווען פרויען.

די דריי הויפּט־פּונקטן פון דער טאָג־אָרדנונג זיינען געווען:

1) דער קאַמף פאַר אַנטוואָפענונג און קעגן די געפאַרן פון מלחמה,

2) די לאַגע אין דייטשלאַנד און צענטראַל־אייראָפּע — און דער קאַמף

פון אַרבעטער־קלאַס פאַר דעמאָקראַטיע, 3) דער עקאָנאָמישער קריזיס און די אַרבעטסלאָזיקייט.

אויף דעם פּלענום פון קאָנגרעס האָט דעם פּונקט „די לאַגע אין דייטשלאַנד און צענטראַל־אייראָפּע און דער קאַמף פון אַרבעטער־קלאַס פאַר דעמאָקראַטיע" רעפערירט אַטאַ באַוער. אַרום אָט דעם רעפעראַט איז פאָרגעקומען אַ גרויסע דעבאַטע, אין וועלכער ס'האָבן זיך באַטייליקט די אָנגעזעענסטע פירער פון דער אינטערנאַציאָנאַלער סאָציאַליסטישער באַוועגונג: לעאָן בלום (פראַנקרייך), רודאָלף ברייטשייד (דייטשלאַנד), דזשאָרדזש לאַנסבורי (ענגלאַנד), קאַמיל הויסמאַנס (בעלגיע), אַלדזשערנאָן לי (אַמעריקע), פּיעטראָ נעני (איטאַליע) און אַנדערע.

אַטאַ באַוער האָט אין זיין רעפעראַט באַגרינדעט און פאַרטיידיקט דעם רעזאָלוציע־פּראָיעקט, וואָס די פּאָליטישע קאָמיסיע האָט אָנגענומען. ער האָט געשילדערט דעם פּעריאָד פון די נאָכמלחמה־יאָרן, ווען די לענדער האָבן עקאָנאָמיש און פּאָליטיש זיך סטאַביליזירט. מיטן ווירטשאַפטלעכן קריזיס, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן אין 1929, איז די וועלט אַריין אין אַ נייעם פּעריאָד — פון ווירטשאַפטלעכע, סאָציאַלע און פּאָליטישע דערשיטערונגען. דער פאַשיסטישער נצחון אין איטאַליע און די פאַשיסטישע סכנות אין דייטשלאַנד פאַרשאַרפן נאָך מער די לאַגע. ער האָט פאַרויסגעזאָגט, אַז אַ זיג פון פאַשיזם אין דייטשלאַנד קען דערפירן צו אַ נייער וועלט־מלחמה. ער האָט פּאָלעמיזירט מיט דער רעזאָלוציע פון דער אָפּאָזיציאָנעלער גרופּע פון דעלעגאַטן (ענגלישע אומאָפּהענגיקע אַרבעטער־פּאַרטיי, בונד א.א.), וואָס טרעט אַרויס קעגן קאָאַליציע־פּאָליטיק מיט בירגערלעכע רעגירונגען און פאַר אַ מער ראַדיקאַלער טאַקטיק פון אַרבעטער־קלאַס. באַוער האָט אַנערקענט די געפאַרן, וואָס זיינען פאַראַן אין דער קאָאַליציע־פּאָליטיק, אָבער מ'קען נישט מאַכן אַ כלל, אַז אומעטום טויג עס נישט. אַזאַ באַגרענעצונג וואָלט געוועזן אַ לייכטזיניקייט. דער רעפעראַט האָט אויך באַהאַנדלט די פראַגע פון רעווידירן די שלום־טראַקטאַטן. ער האָט זיך אַרויסגעזאָגט פאַר רעווידירן זיי, אָבער בלויז מיט פרידלעכע מיטלען און נישט מיט גוואַלט־מיטלען און מלחמה, ווי עס פּריידיקן די פאַשיסטן און קאָמוניסטן. ער האָט זיך אַרויסגעזאָגט קעגן רוסישן וועג צום סאָציאַליזם — אַ וועג פון צוואַנג און טעראָר. דער אַרבעטער־קלאַס צאָלט אַ שווערן פּרייז פאַר דעם. סאָציאַליזם מוז זיין געפּאָרט מיט פּערזענלעכער פרייהייט און מוז האָבן אַלס יסוד פרייהייט, דעמאָקראַטיע און פּאָליטישע רעכט פון פאָלק. נאָר דעמאָלט, ווען דער קאַפּיטאַליסטן־קלאַס וועט דורך פאַשיזם צעברעכן דעם דעמאָקראַטישן סדר, וועט דער אַרבעטער־קלאַס מוזן אָנווענדן אַנדערע און שאַרפערע מיטלען אין זיין קאַמף. ער האָט אויך גערעדט וועגן דער שעדלעכקייט פון דער קאָמוניסטישער טאַקטיק מחוץ סאָוועט־רוסלאַנד און דערמאָנט די אחדות פון די קאָמוניסטן מיט די היטלעריסטן און אַנדערע רעוואָלוציאָנער־פאַשיסטישע עלעמענטן אין פּלעביסציט, וואָס האָט באַלד גע־

זאָלט פאַרקומען אין פרייסן[33]). באַוואָר האָט אַ גרויסן טייל פון זיין רע־פעראַט געווידמעט דער פראַגע פון קרעדיטן און פינאַנציעלער הילף פאַר דייטשלאַנד, וואָס האָט איבערגעלעבט אַ שווערן ווירטשאַפטלעכן קריזיס. ער האָט אונטערגעשטראָכן דעם פולן צוטרוי צום דייטשן אַרבעטער־קלאַס, וואָס וועט אין דער שעה פון סכנה אַרויסטרעטן מיט זיין גאַנצער קראַפט קעגן דייטשן פאַשיזם. מ׳דאַרף דעריבער אים נישט דיקטירן ווי אַזוי צו האַנדלען, נאָר בלויז אים צוזאָגן די פולע הילף.

מיט וויניקע אויסנאַמען האָבן די רעדנער פון די לאַנד־פאַרטייען זיך סאָלידאַריזירט מיט די מיינונגען און אויספירן פון רעפערענט. צוויי רעדנער האָבן פאַרנומען אַ פּרינציפּיעל אַנדערע שטעלונג — דזשיימס מעקסטאָן פון דער ענגלישער אומאָפּהענגיקער אַרבעט־פאַרטיי און הענ־ריק ערליך פון בונד אין פוילן.

אין זיין רעדע האָט ערליך באַגרינדעט די שטעלונג פון בונד צו די אַקטועלע פּראָבלעמען פון דער אינערלעכער און אויסערלעכער פּאָלי־טיק. אויפן ביישפּיל פון פוילן האָט ער געשילדערט די קאָאַליציע־פּאָלי־טיק פון דער פּוילישער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי (פּ. פּ. ס.) און אירע רע־זולטאַטן, די פּאָלגן פון פּילסודסקיס מלוכה־איבערקערעניש, דעם קאַמף קעגן דער דיקטאַטור. אויב פריער איז ביי פּ. פּ. ס. געווען קאָאַליציע־פּאָליטיק אין דער רעגירונג, איז איצט ביי איר דאָס זעלבע אין דער אָפּאָזיציע צו דער רעגירונג.

דער בונדישער פאַרשטייער האָט אויך קריטיקירט די סאָציאַל־דע־מאָקראַטישע טאָלערירונג־פּאָליטיק פון דער בירגערלעכער רעגירונג בראש מיטן קאַנצלער היינריך ברינינג אין דייטשלאַנד. דער געשטעלטער ציל פון דער דייטשער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע — אָפּשוואַכן דעם פאַשיסטישן אָנגריף און פאַרמאַכן פאַרן פאַשיזם דעם וועג צו דער מאַכט און נישט לאָזן אַראָפּנידערן דעם לעבנס־ניוואָ פון אַרבעטער־קלאַס — איז נישט דערגרייכט געוואָרן.

נאָכן קריטיקירן דעם אינהאַלט פון דער פּראָיעקטירטער רעזאָלו־ציע האָט ערליך פאַרענדיקט זיין רעדע מיט די דאָזיקע ווערטער: „ס׳איז דאָ נאָר איין מיטל צו באַפעסטיקן די דעמאָקראַטיע — דער אַר־בעטער־קלאַס זאָל איבערנעמען די מאַכט און אָנפילן די פאָרמעלע דעמאָ־קראַטיע מיט אַ סאָציאַלן אינהאַלט, דאָס הייסט פאַרבייטן די קאַפּיטאַ־ליסטישע דעמאָקראַטיע מיט אַ סאָציאַליסטישער“.

אין זעלבן גייסט האָט אויך גערעדט דזשיימס מעקסטאָן.

פאַרן שלוס־וואָרט פון רעפערענט האָט באַקומען אַ וואָרט דער פאַר־שטייער פון דער דייטשער דעלעגאַציע, אָטאָ וועלס. אין זיין וואָרט האָט ער שאַרף פּאָלעמיזירט מיט מעקסטאָנען און ערליכן. ער האָט גערעדט בייסיק, סאַרקאַסטיש. ער האָט פאַרטיידיקט די פּאָליטיק פון דער דייטשער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי מיטן מאָטיוו, אַז זי האָט נישט קיין

מערהייט אין פּאַרלאַמענט און במילא קען זי אַליין נישט באַשטימען די פּאָליטיק פון לאַנד. וועגן בונד האָט ער געזאָגט: אַ קליינע פּאַרטיי און ערשט אַ קורצע צייט אין אינטערנאַציאָנאַל — און וויל שוין לערנען די דייטשע סאָציאַל־דעמאָקראַטיע ווי אַזוי זי זאָל האַנדלען. ער האָט גע־רעדט מיט אַ זעלבסט־זיכערקייט און אין אַ געררייצטן טאָן. נישט בעסער האָט ער אויך באַהאַנדלט די ענגלישע אומאָפּהענגיקע אַרבעט־פּאַרטיי און איר פאַרשטייער, וועמען ער האָט געווידמעט דעם גרעסטן טייל פון זיין רעדע. די ווייטערדיקע געשעענישן האָבן גיך באַוויזן, ווי טראַגיש אומ־גערעכט ווערלס איז געווען.

מיעטשיסלאַוו ניעדזשאַלקאָווסקי (פּ.פּ.ס.) האָט געזאָגט, אַז די פּעפּע־סישע דעלעגאַציע איז פאַר דער רעזאָלוציע פון דער קאָמיסיע. אויב ער נעמט אַ וואָרט, איז בלויז כדי צו ענטפערן אויף דער רעדע פון חבר ערליך. וואָס שייך דער דייטשער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע, איז געגוג צו זאָגן, אַז מ׳דאַרף נישט געבן קיין עצות אַ פּאַרטיי, וואָס געפינט זיך אין פייער פון קאַמף. דעם זעלבן פּרינציפּ דאַרף מען אויך אָנווענדן לגבי פּוילן, וואו די פּוילישע סאָציאַליסטן שטייען אין אַ שווערן קאַמף אַפּצו־שטעלן דעם פאַרויסמאַרש פון פאַשיזם און באַמיען זיך איינצוהאַלטן די דעמאָקראַטיע און דעם שלום. פאַר דעם צוועק באַמיט זיך די פּ.פּ.ס. צו אָרגאַניזירן אַלע סאָציאַלע כוחות, וואָס קענען העלפן אין דעם שווערן קאַמף.

אין זיין שלוס־וואָרט האָט אויך אָטאָ באַוער פאַרלאָזט זיין רואיקן טאָן און בעיקר פּאָלעמיזירט מיט די צוויי אָפּאָזיציאָנעלע רעדנער — מעקסטאָן און ערליך. ער האָט געזאָגט, אַז די פאָרגעלייגטע רעזאָלוציע פּסקנט נישט יאָ אָדער ניין, וואָס שייך קאָאַליציע־פּאָליטיק, טאָלערירונג־פּאָליטיק. די ענינים זיינען נישט קיין אַבסטראַקטע טעאָריעס, מ׳האָט דאָ צו טאָן מיט אַ פּאַקטישער לאַגע און די קעמפנדיקע פּאַרטיי דאַרף אַליין באַשטימען ווי אַזוי צו האַנדלען. ער האָט באַשולדיקט די אָפּאָזיציע, אַז זי נעמט צו לייכט דעם ענין פון רעוואָלוציע. ס׳קען זיך שאַפן אַ סי־טואַציע, ווען ס׳איז נישטאָ קיין אַנדערער אויסוועג, אָבער מען מוז זיין זייער פאָרזיכטיק מיט דעם, ווייל דאָס איז פאַרבונדן מיט פיל מענטש־לעכע קרבנות און אומגעהויערער ווירטשאַפטלעכער צעשטערונג. וואָס שייך די חילוקי־דעות מיט די קליינע פּאַרטייען פון דער אָפּאָזיציע, זיינען זיי אַ פּועל־יוצא פון די פאַרשיידענע שטופעס פון פאַראַנטוואָרט־לעכקייט.

פאַר דער רעזאָלוציע, וואָס ס׳האָט פריער אָנגענומען די פּאָליטישע קאָמיסיע, זיינען אויף דעם פּלענום געווען 314 שטימען און פאַר דער רעזאָלוציע, וואָס ס׳האָט פאָרגעשלאָגן די ענגלישע אומאָפּהענגיקע אַרבעט־פּאַרטיי (איי. על. פּי.) — 7 שטימען (איי. ל. פּ. — 2, בונד — 2, אומ־אָפּהענגיקע סאָציאַליסטישע פּאַרטיי אין פּוילן — 1 און צוויי מיטגלידער פון דער פראַנצויזישער דעלעגאַציע). הגם די צאָל שטימען פון דער מינ־

דערהייט איז געווען אַ קליינע, איז אָבער די וויכטיקייט פון דעם פאַקט געווען אין דעם, וואָס ס'איז געבערענגט געוואָרן צום אויסדרוק, אַז אין די קאַרדינאַלע פּאָליטישע פראַגן איז נישט פאַראַן קיין איינשטימיקייט. (די קעגנערשאַפט צו דער רעזאָלוציע איז פאַקטיש געווען אַ גרעסערע, ווי די 7 שטימען, אָבער די דעלעגאַציעס האָבן געשטימט אַלס אַ גרופּע לויט דער שטעלונג פון דער מערהייט; אַן אויסנאַם איז בלויז געווען די פראַנצויזישע דעלעגאַציע).

די אָנגענומענע רעזאָלוציע האָט אַ גרויס אָרט געווידמעט דער לאַגע אין דייטשלאַנד און דער פינאַנציעלער און ווירטשאַפטלעכער הילף, וואָס די מערב-מלוכות דאַרפן געבן צו לייזן דעם שווערן דייטשן קריזיס. די רעזאָלוציע האָט גערופן דעם אינטערנאַציאָנאַלן אַרבעטער-קלאַס צו באַקעמפן די פאַשיסטישע סכנות און איינהאַלטן די דעמאָקראַטיע ס׳י אין דייטשלאַנד, סיי אין די נייע מלוכות, וואָס זיינען אויפגעקומען נאָך דער ערשטער וועלט-מלחמה אין מיטל-אייראָפּע. די רעזאָלוציע האָט דערקלערט: „די פאַרטיידיקונג פון דער דעמאָקראַטיע מוז אויפן ענגסטן אופן זיין פאַרבונדן מיטן קאַמף פאַרן סאָציאַליזם"... „פאַשיסטן און קאָמוניסטן רעקאָמענדירן די באַזיגטע פעלקער צו צערייסן מיט גוואַלט די שלום-טראַקטאַטן, אָבער יעדער פרואוו צו רעווידירן די טראַקטאַטן דורך איינזייטיקן ברוך אָדער דורך גוואַלט קאָן נאָר פאַרשאַרפן דעם קריזיס און פירן צו מלחמה". דער אַרבעטער-קלאַס דאַרף פירן זיין קאַמף אויפן דעמאָקראַטישן באָדן. אויב אָבער די פאַשיסטישע גוואַלט וועט צונעמען ביים אַרבעטער-קלאַס דעם דעמאָקראַטישן יסוד פון קאַמף — דעמאָלט וועט דער אַרבעטער-קלאַס קיין אַנדערע ברירה נישט האָבן ווי צו ענטפערן אויף דער פאַשיסטישער גוואַלט מיט אַלע זיינע מאַכט-מיטלען.

די מינדערהייט-גרופּע האָט אויסגעאַרבעט און אַריינגעטראָגן אַ באַזונדערע רעזאָלוציע: דער קאַפּיטאַליזם — האָט דערקלערט די מינדערהייט-רעזאָלוציע — האָט נאָך קיינמאָל נישט אַרויסגעוויזן אַזוי בולט זיין באַנקראָט. דער איצטיקער ווירטשאַפטלעכער קריזיס איז נישט קיין צופעליקע דערשיינונג, נאָר איז אַ סימפּטאָם פון דער ירידה פון קאַפּיטאַליזם צוליב זיינע אינערלעכע סתירות. דער דאָזיקער קריזיס פאַרשטאַרקט די סכנות פון פאַשיזם און נייע מלחמות. די אינטערנאַציאָנאַלע סאָציאַליסטישע באַוועגונג צוזאַמען מיט די פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען דאַרף אָרגאַניזירן דירעקטע אַקציעס. די דייטשע רעגירונג פון קאַנצלער היינריך ברינינג, וואָס האָט דורך די דיקטאַטאָרישע פאַראָרדנונגען באַזייטיקט דעם פּאַרלאַמענטאַרישן סיסטעם, העלפט מיט צו דער אַנטוויקלונג פון פאַשיזם. מחמת דעם און אויך אַנדערע אירע פּאָליטישע און באַציאַנאַליסטישע אַקטן, טאָר די ברינינג-רעגירונג נישט טאָלערירט ווערן, ווייל מיט אירע מעשים שוואַכט זי אָפּ די קאַמף-קראַפט פון אַרבעטער-קלאַס און נידערט אַראָפּ זיין לעבנס-ניוואָ.

די דייטשע סאָציאַל-דעמאָקראַטיע — זאָגט ווייטער די מינדערהייט-

רעזאָלוציע — דאַרף אויפהערן איר טאָלערירונג־פּאָליטיק און דאַרף פירן אַ זעלבסטשטענדיקע פּאָליטיק מיטן ציל צו דעראָבערן די מאַכט אויפן יסוד פון אַ רעוואָלוציאָנער־סאָציאַליסטישן פּראָגראַם. דער סאָציאַליסטישער אינטערנאַציאָנאַל רופט אַלע אָנגעשלאָסענע פּאַרטייען אויפהערן צו פירן יעדן מין צוזאַמענאַרבעט־פּאָליטיק מיט די קאַפּיטאַליסטישע פּאַרטייען און פאַרשטאַרקן דעם קלאַסן־קאַמף פון פּראָלעטאַריאַט. ער רופט דעם אַרבעטער־קלאַס אין אַלע לענדער צום ענדגילטיקן קאַמף, אין פּאַרלאַמענט און מחוץ דעם פּאַרלאַמענט, פאַר דעראָבערן די מאַכט. די עקאָנאָמישע באַדינגונגען זיינען רייף פאַרן סאָציאַליזם.

וויקטאָר אַלטער איז געווען גאַר אַקטיוו אין דער קאָמיסיע פאַר ווירטשאַפטלעכע ענינים. אין צוויי רעדעס האָט ער אַנאַליזירט דעם רעזאָלוציע־פּראָיעקט פון דער קאָמיסיע און באַגרינדעט זיינע פאָרשלאָגן. ער האָט אָנגעוויזן פאַרוואָס די פאָרשלאָגן פון דער קאָמיסיע קענען נישט זיין קיין לייזונג פון ווירטשאַפטלעכן קריזיס. מיט אַ מערהייט שטימען האָט די קאָמיסיע אָפּגעוואָרפן אַלטערס פאָרשלאָגן. אויפן פּלענום פון קאָנגרעס האָבן עטלעכע דעלעגאַטן זיך אָפּגעהאַלטן פון שטימען ביים אָננעמען די רעזאָלוציע וועגן ווירטשאַפטלעכן קריזיס.

אין דער קאָמיסיע פאַר אַנטוואָפנונג האָט ד״ר עמנואל שערער קריטיקירט דעם פאָרגעלייגטן רעזאָלוציע־פּראָיעקט. אויפן פּלענום פון קאָנגרעס האָט דעם שטאַנדפּונקט פון דער מינדערהייט פאַרטיידיקט א. פענער בראָקוויי (ענגלישע אומאָפּהענגיקע אַרבעט־פּאַרטיי). ער האָט קריטיקירט די שטעלונג פון דער רעזאָלוציע, וואָס לייגט האָפנונגען אויף די אינטערנאַציאָנאַלע אַנטוואָפנונג־פּלענער און קאָנפערענצן פון די קאַפּיטאַליסטישע רעגירונגען און פעלקער־ליגע. קאָנקרעט האָט זיך געהאַנדלט וועגן פאָדערונגען, וואָס דער סאָציאַליסטישער אינטערנאַציאָנאַל און דער פּראָפעסיאָנעלער אינטערנאַציאָנאַל האָבן צוזאַמען אויסגעאַרבעט און געדאַרפט צושטעלן צו דער געפּלאַנטער אַנטוואָפנונג־קאָנפערענץ ביי דער פעלקער־ליגע, ווי אויך וועגן אַן אַקציע־פּראָגראַם אונטערצושטיצן די פאָדערונגען. מיט אַלע שטימען קעגן 8 האָט דער קאָנגרעס־פּלענום אָנגענומען די רעזאָלוציע פון דער קאָמיסיע.

אין דער קאָמיסיע פאַר אָרגאַניזאַציאָנעלע ענינים האָט עמנואל נאָוואָגרודסקי אַריינגעטראָגן עטלעכע פאָרשלאָגן. איינער פון זיי — אַ גאַר וויכטיקער איז געווען, — אַז די דעלעגאַציעס זאָלן נישט שטימען, ווי איין גאַנצקייט, נאָר לאָזן פריי די דעלעגאַטן צו שטימען לויט זייער אייגן, כדי די אָפּשטימונגען זאָלן באמת אָפּשפּיגלען די ווירקלעכע מיינונגען פון די דעלעגאַטן. דער פאָרשלאַג איז אָפּגעוואָרפן געוואָרן.

***

אין דער צייט פון דעם סאָציאַליסטישן קאָנגרעס זיינען אין ווין אָפּגעהאַלטן געוואָרן פאַרשיידענע באַראַטונגען און קאָנפערענצן. צווישן זיי

איז געווען אַ פּרויען־קאָנפערענץ, אין וועלכער ס'האָבן זיך באַטייליקט 120 דעלעגאַטינס פון 20 לענדער. פון די בונדישע פרויען איז אויף דער קאָנפערענץ געווען באַטייליקט אַנע ראָזענטאַל. זי האָט גערעדט צום פונקט פון טאָג־אָרדענונג: „די ווירקונג פון פאַשיזם אויף דער פרייהייט פון דער פרוי". זי האָט געשילדערט די פאַרהעלטענישן אין יידישן לעבן און די לאַגע און די ראָל פון די יידישע פרויען. די בונדישע פאָרשטייערין האָט באַקאַנט געמאַכט די פרויען־טוערינס פון די פאַרשיידענע פעלקער מיט די פּראָבלעמען פון דער יידישער שפּראַך, קולטור און ייִדיש־וועלט־לעכן שול־וועזן, מיט די שטרעמונגען ביי יידן, וואו יידישע סאָציאַליסטן זיינען טעטיק. אַנע ראָזענטאַל איז אויף דער קאָנפערענץ אויסגעוויילט געוואָרן אין אינטערנאַציאָנאַלן פרויען־קאָמיטעט.

אין דער באַראַטונג פון סאָציאַליסטישע טוער וועגן דער טעטיקייט אין די קינדער־אָרגאַניזאַציעס איז מצד דעם בונד געווען אַ דעלעגאַציע פון ד"ר יעקב בראָס (קראָקע), עמנואל נאָוואָגרודסקי (וואַרשע) און יענטל רובין (ווילנע). ע. נאָוואָגרודסקי האָט באַריכטעט וועגן דער סאָציאַליס־טישער דערציאונג־טעטיקייט צווישן די יידישע אַרבעטער־קינדער.

די וואָך פון קאָנגרעס איז בכלל געווען אויסגעפילט מיט אַ ריי פייער־לעכקייטן, פאַרזאַמלונגען און מאַניפעסטאַציעס. קיין ווין זיינען דעמאָלט געקומען נישט בלויז די הונדערטער קאָנגרעס־דעלעגאַטן, נאָר אויך טויזנ־טער סאָציאַליסטן פון די אַנדערע לענדער. בלויז פון פוילן זיינען אין אַ ספּעציעלן צוג געקומען בערך 800 אַקטיוויסטן פון דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג — פּוילישע, יידישע, דייטשע (אויך גרופּעס פון לעטלאַנד, עסטלאַנד, פינלאַנד). די צאָל יידישע אַרבעטער, על פי רוב יוגנטלעכע מיטגלידער פון יוגנט־בונד צוקונפט און פון דער ספּאָרט־אָרגאַניזאַציע מאָרגנשטערן — איז געווען בערך 300.

אויף דער צייט פון קאָנגרעס איז אָרגאַניזירט געוואָרן די צווייטע אַרבעטער־אָלימפּיאַדע. אין דער וואָך זיינען פאָרגעקומען מאַסן־איבונ־גען, ספּאָרט־פאַרמעסטונגען, פעסט־שפּילן און קאָלירפולע מאַסן־דעמאָנ־סטראַציעס. אין דעם אַלעם זיינען די עטלעכע הונדערט צוקונפטיסטן און מאָרגנשטערן־יאַנער געווען מיטבאַטייליקט. 120 טויזנט אַרבעטער און יוגנט האָבן מאַרשירט אין דער אינטערנאַציאָנאַלער הויפּט־דעמאָנסטראַציע איבער די ווינער גאַסן און אַ האַלבער מיליאָן מענטשן האָבן אויפן וועג באַגריסט און זיך סאָלידאַריזירט מיט די דעמאָנסטראַנטן און זייערע לאָזונגען. 12 טויזנט מענער און 8 טויזנט פרויען פון פאַרשיידענע נאַציאָ־נאַליטעטן און פעלקער האָבן געמיינזאַם דורכגעפירט גימנאַסטישע איבונ־גען אויפן סטאַדיאָן. אויך אין פאַרמאַכטע גרויסע זאַלן האָבן גרופּן פון פאַרשיידענע פעלקער פאַר פיל טויזנטער צושויער געוויזן זייערע דער־גרייכונגען אין שפּילן און ספּאָרט. די יידישע יוגנטלעכע זיינען נישט גע־ווען הינטערשטעליק אין זייערע דערגרייכונגען. דאָס אַלץ איז געווען באַ־

הויכט מיט אַ פרייהייטלעכן סאָציאַליסטישן גייסט און באַגלייט מיט אַן ענטוזיאַזם צו קעמפן פאַר הומאַניסטישע צילן[23].

*****

ביי דער שטרעבונג צו אָרגאַניזאַציאָנעלער און קאַמף־איינִיקייט, נישט געקוקט אויף פּאַראַגנעגע מיינונג־פאַרשיידנקייטן, האָט דער בונד זיך געהאַלטן די גאַנצע צייט פון זיין עקזיסטענץ. דאָס האָט באַרעכטיקט און פאַר אים מעגלעך געמאַכט דעם צוריק־אריינטריט אין סאָציאַליסטישן אַרבעטער־אינטערנאַציאָנאַל, הגם ער האָט גאַנץ גוט געוואוסט, אַז זיין שיטה איז בלויז אַ נישט־גרויסע מינדערהייט אין דער אינטערנאַציאָנאַלער פאַראייניקונג. נאָכן ווינער קאָנגרעס (1931) האָט דער פלענום פון צענטראַל־קאָמיטעט אַזוי אָפּגעשאַצט די רעזולטאַטן פון קאָנגרעס:

„דער ווינער קאָנגרעס האָט נאָכאַמאָל באַשטעטיקט, אַז די גרויסע מערהייט פון די פּאַרטייען, וואָס זיינען אָנגעשלאָסן אין סאָציאַליסטישן אַרבעטער־אינטערנאַציאָנאַל, איז נאָך באַהערשט פון רעפאָרמיזם. דאָס איז געקומען צום אויסדרוק סיי אין דער פּאָליטישער רעזאָלוציע פון קאָנגרעס, סיי אין דער אַנטוואָפענונגס־רעזאָלוציע. די פּאָליטישע רעזאָלוציע האָט אויסגעמיטן אַלע ברענענדיקע פּראָבלעמען פון דער אַרבעטער־באַוועגונג און צושפּיצנדיק דעם גאַנצן פּראָבלעם צו דער לאַגע פון דייטשלאַנד, האָט זי אויך אויף דער דאָזיקער פראַגע נישט באַוויזן צו געבן קיין אומצווייִדייטיקע פּראָלעטאַרישע לייזונג, וואָס זאָל עפענען פאַר דעם דייטשן אַרבעטער־קלאַס אַ ברייטן וועג פון פּראָלעטאַרישן קלאַסן־קאַמף"...

„די אַנטוואָפענונגס־רעזאָלוציע פון קאָנגרעס האָט באַוויזן, ווי גרויס עס זיינען נאָך די אילוזיעס וועלכע דער רעפאָרמיזם פאַרבינדט ביזן היינטיקן טאָג מיט דער פעלקער־ליגע. אַנשטאָט אויפצופאָדערן די אַרבעטער־מאַסן פון דער וועלט צו אַ זעלבסטשטענדיקן רעוואָלוציאָנערן קאַמף קעגן באַוואָפענונגען און פאַר שלום און צונויפבינדן דעם דאָזיקן קאַמף מיטן קאַמף פאַר סאָציאַליזם, אַלס אַלגעמיינע אויפגאַבע פון היינטיקן טאָג, האָט די מערהייט פון קאָנגרעס צונויפגעבונדן דעם קאַמף קעגן מלחמה־סכנות מיט דער אַנטוואָפענונגס־קאָנפערענץ פון דער פעלקער־ליגע"...

„די רעזאָלוציע פון קאָנגרעס וועגן דער ווירטשאַפטלעכער לאַגע, וועלכע שטעלט פעסט, אַז אין די ראַמען פון קאַפּיטאַליזם קען מען נישט צונויפפּאָרן די לייזונג פון וועלט־קריזיס מיט דער פאַרטיידיקונג פון די אינטערעסן פון אַרבעטער־קלאַס, און וועלכע ווייזט אָן, אַז דער קאַמף קעגן דעם קריזיס דאַרף זיין ענג צונויפגעבונדן מיטן קאַמף פאַר אַ סאָציאַליסטישער מאַכט; באַווייזט, אַז נישט געקוקט אויף דער רעפאָרמיסטישער פּראַקטיק פון די אָנגעשלאָסענע פּאַרטייען, וואַקסט דאָך דער באַוואוסטזיין וועגן דער האָפענונגסלאָזיקייט פון דער רעפאָרמיסטישער אידעאָלאָגיע"...

„דער צענטראַל־קאָמיטעט שטעלט מיט באַפרידיקונג פעסט, אַז דער אָנשלוס אין סאָציאַליסטישן אינטערנאַציאָנאַל האָט ענדלעך, נאָך יאָרן איזאָלאַציע, געעפנט פאַר אונזער פּאַרטיי אַ מעגלעכקייט פון פּאָליטישער אַקטיווקייט אויף דער אינטערנאַציאָנאַלער פּראָלעטאַרישער אַרענע און געשטעלט אונז אין אַן ענגער פאַרבינדונג מיט גרויסע מאַסן פּראָלעטאַריער, וואָס גייען אונטער דער רעוואָלוציאָנער־סאָציאַליסטישער פאָן“ [35]).

נאָכן ווינער קאָנגרעס זיינען אין עטלעכע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען פאָרגעקומען אָפּשפּליטערונגען פון מער ראַדיקאַלע גרופּן, וואָס האָבן זיך פאָרמירט ווי באַזונדערע פּאַרטייען. דאָס איז אויך פאָרגעקומען אין דייטשלאַנד, וואו די אָפּגעשפּאָלטענע האָבן זיך קאָנסטיטואירט, ווי אַ סאָציאַליסטישע אַרבעטער־פּאַרטיי. די פירער פון דער דאָזיקער נייער פּאַרטיי האָבן איינגעלאַדן דעם בונד צו שיקן אַ פאַרטרעטער צו דער גרינדונג־קאָנפערענץ (אָקטאָבער 1931 אין בערלין). דער צענטראַל־קאָמיטעט פון בונד האָט צוגעשיקט אַ שריפטלעכן ענטפער, אין וועלכן ער האָט אַרויסגעזאָגט זיינע ספקות בנוגע דער שפּאַלטונג, הגם ער האָט באַרעכטיקט די טענות פון דער אָפּאָזיציע אין דער דייטשער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי. מיט די אידייען פון דער פּרינציפּן־דערקלערונג, וואָס עס האָבן פאַרעפנטלעכט די פירער פון דער נייער פּאַרטיי, האָט דער בונדישער צענטראַל־קאָמיטעט זיך סאָלידאַריזירט [36]).

דער בונד האָט זיך אָבער אַרויסגעזאָגט קעגן די אָפּשפּליטערונג־טענדענצן ביי אַ טייל פון די אָפּאָזיציעס אין די סאָציאַליסטישע פּאַרטייען. אין 1932 האָט אַן אינטערנאַציאָנאַלע באַראַטונג פון די אָפּגעשפּאָלטענע גרופּן און ניי־באַשאַפענע פּאַרטייען באַשלאָסן צו פאַרעפנטלעכן אַ מאַניפעסט. דער פּראָיעקט פון מאַניפעסט איז אויך צוגעשיקט געוואָרן צום בונד מיט אַ ווענדונג, אַז ער זאָל געבן זיין אונטערשריפט. דער בונד האָט זיין אונטערשריפט נישט געגעבן. אויף דעם פּלענום פון צענטראַל־קאָמיטעט, וואו דער באַשלוס וועגן דעם איז אָנגענומען געוואָרן, האָט די מערהייט אָנגעוויזן אויפן שאָדן פון די שפּאַלטונגען און אַז די אָפּגעשפּאָלטענע גרופּן, וואָס האָבן זיך קאָנסטיטואירט אַלס זעלבסטשטענדיקע לינק־סאָציאַליסטישע פּאַרטייען, האָבן נישט באַוויזן צו דעראָבערן קיין ממשותדיקע השפּעה אויף די אַרבעטער־מאַסן. די מערהייט האָט געהאַלטן, אַז מ׳דאַרף בלייבן אין די פריינטלעכסטע באַציאונגען מיט די ניי־געשאַפענע פּאַרטייען, אָבער מ׳דאַרף כסדר אונטערשטרייכן די אַבסאָלוטע קעגנערשאַפט פון בונד צו די שפּאַלטונג־טענדענצן. די מינדערהייט פון צענטראַל־קאָמיטעט איז געווען פאַר אונטערשרייבן דעם מאַניפעסט [37]).

די דאָזיקע אָפּשפּליטערונגען, וואָס האָבן אַפילו אין נאָרמאַלע באַדינגונגען געקענט אָפּשוואַכן די כוחות פון אַרבעטער־קלאַס, זיינען געווען נאָך געפערלעכער און שעדלעכער אין דער צייט, ווען דער היטלערישער נאַציזם איז שוין געווען מאָביליזירט צום איבערנעמען די מאַכט.

# 8. רעכט אויף אַרבעט

איינע פון די אַקציעס, וואָס די אָרגאַניזירטע יידישע אַרבעטער־שאַפט האָט כסדר געפירט, איז געווען דער קאַמף פאַר רעכט אויף אַרבעט. ס׳איז געווען אַ קאַמף צו באַזייטיקן די דיסקרימינאַציעס, וואָס האָבן עקזיסטירט לגבי די יידישע אַרבעטער און אַנגעשטעלטע — דיסקרימינאַציעס, וואָס האָבן פאַר זיי פאַרמאַכט דעם וועג צו זיין באַשעפטיקט אין אַ ריי צווייגן פון דער אינדוסטריע און אַזוי אויך אין די מלוכהשע און קאָמונאַלע אינסטיטוציעס און אונטערנעמונגען. פאָרמעל גלייכבאַרעכטיקט ווי בירגער פון לאַנד, איז די גלייכבאַרעכטיקונג פאַקטיש באַזייטיקט געוואָרן אויפן ווירטשאַפטלעכן געביט, וואָס שפּילט אַזאַ וויכטיקע ראָל אין מצב פון דער באַפעלקערונג.

אין פוילן איז עס געווען אַ ירושה נאָך פון די צאַרישע צייטן. דער צאַריזם האָט נישט בלויז געשאַפן פאַר יידן אַ תחום־המושב, נאָר אויך אַ תחום־המלאכה. נאָכן באַפרייט ווערן פון צאַרישן יאָך, האָבן די פוילישע רעגירנדיקע קרייזן זיך נישט געוואָלט אָפּזאָגן פון די שלעכטע צאַרישע ירושות, וואָס זיינען נוגע די נאַציאָנאַלע מינדערהייטן. די פוילישע אַנטיסעמיטן האָבן געהאַט זייער אייגענעם „נאַציאָנאַלן חלק" אין דער אַקציע פון אַנטי־יידישן באָיקאָט, וואָס זיי האָבן באַזונדערס ענערגיש געפירט אין לעצטן צענטליק יאָר פון זייער „צאַרישער קנעכטשאַפט". ווי אין די צאַרישע צייטן, האָבן אויך אין אומאָפּהענגיקן פוילן יידן, אַחוץ מינימאַלע אויסנאַמען, נישט געקענט באַקומען באַשעפטיקונג אין דער שווער־אינדוסטריע און אין דער גרויסער צאָל אַמטן פון דער מלוכה און מוניציפּאַליטעטן, ווי אויך אין זייערע אונטערנעמונגען און אין זייערע אינסטיטוציעס, וואָס באַדינען די באַפעלקערונג.

לויט אַ באַשלוס פון צענטראַל־קאָמיטעט פון בונד, איז כסדר געפירט געוואָרן אַ סיסטעמאַטישע אַקציע פאַר רעכט אויף אַרבעט פאַר די יידישע אַרבעטער. פון דער ערשטער העלפט פון די צוואַנציקער יאָרן אָן האָבן די בונדישע טוער אין די פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען זיך באַמיט צו טון ממשותדיקס אויפן געביט פון באַזייטיקן די אַנטי־יידישע ווירטשאַפטלעכע דיסקרימינאַציע. „נאָר ביז אין דער העלפט פון 1925 האָט די קאַמפּאַניע געטראָגן אַ ריין דעקלאַראַטיוון כאַראַקטער: די יידישע אַרבעטער האָבן אויף מיטינגען, פאַרזאַמלונגען א. א. וו. דעקלאַרירט זייער רעכט אויף אַרבעט". אין אַפּריל 1925 האָט דער דריטער לאַנד־

צוזאַמענפֿאַר פֿון די פּראָפֿעסיאָנעלע פֿאַראיינען פֿון די יידישע אַרבע־טער אָנגענומען אַ רעזאָלוציע וועגן רעכט אויף אַרבעט. אין חודש יוני פֿון זעלבן יאָר האָט דער לאַנד־ראָט פֿון די יידישע פּראָפֿעסיאָנעלע פֿאַראיינען אין פּוילן באַשלאָסן צו פֿירן אַ קאָנקרעטע טעטיקייט וועגן דעם. אין יולי 1925 איז געשאַפֿן געוואָרן אַ ספּעציעלע קערפּערשאַפֿט — די ביוראָ פֿאַר רעכט אויף אַרבעט. איר אויפֿגאַבע איז געווען „צו אָר־גאַניזירן אַן 'אָנגריף' אויף אַלע וואַקאַנטע אַרבעט־פּלעצער, סיי אין קאָ־מונאַלע, סיי אין פּריוואַטע אונטערנעמונגען, וואו יידישע אַרבעט ווערט אָפֿן אָדער שווייגנדיק באָיקאָטירט, און נישט דערלאָזן, אַז יידישע אַר־בעטער זאָלן צוליב באָיקאָט־טעמים באַזייטיקט ווערן פֿון זייערע ביז־איצטיקע אַרבעט־פּלעצער”... „אַדאַנק דער ביוראָ ווערט די אַרבעטער־מאַסע אַקטיוו אַריינגעצויגן אין קאַמף. זי לאָזט נישט דורך פּאַסיוו יעדע באָיקאָט־עוולה, ווי דאָס איז, לײַדער, געווען ביז־איצט”.

נישט בלויז די מלוכה, די שטאָטישע זעלבסט־פֿאַרוואַלטונגען און פּריוואַטע פּוילישע אינדוסטריעלער האָבן איינגעשטעלט דעם באָיקאָט אויף יידישע אַרבעטער און אָנגעשטעלטע. דאָס האָבן אויך געטאָן אַ טייל יידישע פֿאַבריקאַנטן און אַנדערע יידישע אונטערנעמער. דער פֿריער־דערמאָנטער דריטער לאַנד־צוזאַמענפֿאַר האָט אין זיין אָנגענומענער רע־זאָלוציע אויך אויף דעם רעאַגירט. די רעזאָלוציע האָט געזאָגט: „נישט בלויז וואָס די יידישע בירגערלעכע עלעמענטן שטעלן זיך נישט אַנט־קעגן דער אַנטיסעמיטישער פּאָליטיק פֿון דער רעגירונג, נאָר אָפֿט העלפֿן זיי אַליין מיט צו פֿאַרטרייבן די יידישע אַרבעטער פֿון זייערע אַרבעט־פּלעצער. דער צוזאַמענפֿאַר פֿאָדערט אויף אַלע פּראָלעטאַרישע אָרגאַני־זאַציעס זיי זאָלן אַוועקשטעלן אויפֿן פֿאָדערגרונט פֿון זייערע אַקטועלע אויפֿגאַבן — דעם קאַמף פֿאַר רעכט אויף אַרבעט פֿון די יידישע אַר־בעטער” [88]).

די יידישע סיים־דעפּוטאַטן האָבן אין אַזאַ קאַרדינאַלער לעבנס־פֿראַגע פֿאַר יידן נישט געפֿונען פֿאַר נייטיק צו עפֿענען זייערע מיילער, שוין אָפּגערעדט פֿון טון עפּעס ממשותדיקס. „פֿאַר די גאַנצע 4 יאָר (1923—1926) איז נישט געווען קיין איין פֿאַל, אַז די דעפּוטאַטן (פֿון דער יידישער קאָלאָ) זאָלן אַרויסטרעטן און כאָטשבי נאָר ריידן — וועגן רעכט אויף אַרבעט פֿאַר די יידישע אַרבעטנדיקע מאַסן”... „מ'וואָלט געקענט צוזאַמענשטעלן אַ גאַנץ גרויסע רשימה פֿון פֿרומע יידן, כשרע וואַרשע־ווער און לאָדזשער חסידים פֿון פֿאַרשיידענע רבישע הויפֿן, וועלכע האָבן פֿון זייערע פֿאַבריקן אַרויסגעוואָרפֿן די יידישע אַרבעטער און אָנגע־שטעלטע און אויף זייער אָרט גענומען פּוילישע כאַדעקעס, ווייל זיי קאָסטן ביליקער” [89]). (כאַדעקעס — קריסטלעכע דעמאָקראַטן, אַנטי־סאָ־ציאַליסטישע אַנטיסעמיטישע אַרבעטער).

אין דער גרעסטער פֿאַבריק־שטאָט, אין לאָדזש, איז געווען אַ היפּ־

שע צאַל יידישע אייגנטימער פון גרויסע טעקסטיל־פאַבריקן. אויך זיי האָבן געהאַלטן פון אַלטן צאַרישן כלל „קראַמיע יעוורעיעוו" (אַחוץ יידן) אַפילו דעמאָלט, ווען דער צאַריזם איז שוין געווען אויפן היסטאָרישן בית־עולם. דער בונדישער אָרטיקער אָרגאַן, לאָדזשער וועקער, האָט אַ סך זיך פאַרנומען מיט דעם אַנגעווייטאָגטן און חרפּהדיקן ענין. אַחוץ געציילטע אויסנאַמען, האָבן יידישע גרויסע פאַבריקאַנטן אויך אין דער אומאָפּהענגיקער פּוילישער מלוכה צווישן ביידע וועלט־מלחמות ווייטער באַיקאָטירט יידישע אַרבעט. זיי האָבן דערביי קאָלאַבאָרירט נישט מיט זייערע אייגענע פאָלקס־ברידער און שוועסטער, נאָר גראָד מיט די קאָנ־סערוואַטיווע און אַנטיסעמיטישע טיילן פון דער פּוילישער אַרבעטער־שאַפט. אין אַזאַ פאַל האָט די יידישקייט־טעמפּעראַטור פון דעם אינדוסטריע־לער — אַן אַסימילאַטאָר, אַ נאַציאָנאַליסט אָדער אַן אָרטאָדאָקס — קיין ראָל נישט געשפּילט. די השגות פון גרויס־קאַפּיטאַליסט האָבן פאַרשטופּט אין אַ ווינקל די נאַציאָנאַלע פליכטן.

אַ בונדישער טוער האָט וועגן דעם געשריבן: „לײדער מערקן מיר די טענדענץ פון נישט־צולאָזן יידישע אַרבעטער נישט בלויז ביי די פּינצטערע, פאַרפירטע אַרבעטער, וועלכע געפינען זיך אונטער דער ווירקונג פון אַזעלכע אַרבעטער־פיינטלעכע אָרגאַניזאַציעס ווי נ.פּ.ר., כ.ד. און נ.ד., נאָר אויך צווישן די באַוואוסטזיניקע, צווישן מיטגלידער פון קלאַסן־פאַראיינען און אַפילו צווישן מיטגלידער פון עקסטרעם־רעוואָלו־ציאָנערע פּאַרטייען"... „ווייסן מיר דאָך אַלע, אַז די יידישע בורזשואַזיע באַזיצט אַ ספּעציעלע מורא פאַרן יידישן אַרבעטער: אַלץ איז זי גרייט פאַר אים צו טון און אים צו ,העלפן' (אַפילו צוואַרפן אַ ביינדל... פון די אַמעריקאַנער מתנות), נאָר געבן אַרבעט — דאָס נישט. נישט דערפאַר, ווייל ער פּראָדוצירט ווייניקער אָדער ערגער, ווי דער נישט־יידישער אַרבעטער, נאָר — ווייל דער יידישער אַרבעטער איז צופיל באַוואוסטזיניק פון דעם שטאַנדפּונקט פון דעם יידישן ברויט־געבער"... און לעצטנס באַמיען זיך די פאַבריקאַנטן „פּטור צו ווערן אַפילו פון דער קליינער צאָל קראַפט־וועבער, וועלכע האָבן שוין גע־אַרבעט פאַרן קריג"... אַחוץ געוויסע אויסנאַמען, האָבן די יידישע פאַב־ריקאַנטן זיך פאַרענטפערט מיטן תירוץ, אַז זיי האָבן נישט קיין דעה ביים אָננעמען נייע אַרבעטער, ווייל דאָס באַשטימען די פאַבריק־דעלעגאַטן. „און ווירקלעך האָבן זיך די פאַבריק־אַדמיניסטראַציעס נישט געמישט ביים צונעמען אַרבעטער, נאָר דאָס האָט געהערט צו פאַבריק־דעלעגאַטן און צו די פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען. ווי אין אַנדערע פאַלן, ווערט אָבער אויך די הנחה, וואָס דער אַרבעטער־קלאַס האָט זיך דערשלאָגן, אויסגענוצט לרעה פון יידישן אַרבעטער. די לעצטע חדשים ווערט דאָס נישט־דערלאָזן יידישע אַרבעטער אין די פאַבריקן אַ מאַסן־דערשיינונג. עס ברעכן־אויס אַפילו ,געלע' שטרייקן, כדי נישט צו דערלאָזן יידישע

אַרבעטער"... „סיי די פּ.פּ.ס., סיי די קאָמוניסטן בלייבן שטום אין דער פראַגע. זיי קאָנען זיך נישט דערוועגן אָפן אַרויסצוטרעטן מיט זייער שטאַנדפּונקט, מורא האָבנדיק, אַז מען זאָל זיי חס־וחלילה נישט באַשולדיקן אין יידן־פריינטלעכקייט".

פאַר די יידישע פאַבריקאַנטן איז, נאַטירלעך, געווען פיל באַקוועמער וואָס גויים טוען פאַר זיי די שענדלעכע מלאכה פון דיסקרימינאַציע לגבי יידן. ס'זיינען אָבער אויך געווען איינצלנע גוטע אויסנאַמען, ווען יידישע פאַבריקאַנטן האָבן זיך איינגעשטעלט פאַר יידישע אַרבעטער. וועגן צוויי אַזעלכע אויסנאַמען דערציילט די בונדישע צייטונג: „זייט אַ געוויסער צייט מערקט זיך אַ טענדענץ ביי אַ טייל פוילישע אַרבעטער נישט צוצולאָזן אויף די טעקסטיל־פאַבריקן קיין יידישע אַרבעטער. צום בולטסטן אויסדרוק איז די טענדענץ געקומען מיט איניקע טעג צוריק אין דער פאַבריק פון ה' גוטערמאַן, מילשע 55, וואו די אַרבעטער האָבן זיך נישט געשעמט אָפן צו דערקלערן, אַז זיי ווילן נישט אַרבעטן צוזאַמען מיט יידן און האָבן זאָגאַר צוליב דעם פאַרשטרייקט. דער געלער שטרייק האָט זיך נישט איינגעגעבן דורך דעם ווידערשטאַנד פון פאַבריקאַנט. אַן ענלעכע געשיכטע קומט איצט פאָר אין דער וועבעריי־פאַבריק פון ה' קייזער־זילבערבערג, דזשעלנע 32"... „אויך דאָ איז געקומען צו אַ שטרייק".

ווי געזאָגט, זיינען דאָס געווען אויסנאַם־פאַלן. על־פי־כלל זיינען די יידישע פאַבריקאַנטן און פוילישע אַרבעטער אויף דעם פראָנט קעגן די יידישע אַרבעטער געווען סאָלידאַריש: „פאַר דעם קריג — ווערט דערציילט — זיינען אין לאָדזש געווען באַשעפטיקט ביז 800 יידישע אַרבעטער אויף די קראַפט־פאַבריקן, אָבער איצט קאָנען נאָר איינצלנע פון זיי צוריקקומען אויף זייערע אַלטע פאָסטנס. די איבעריקע בלייבן מן הצד, און נאָר דערפאַר, ווייל זיי זיינען יידן"... „אין אַזאַ לאַגע געפינען זיך פיל פאַבריקן, וואו פאַרן קריג האָט דער פראָצענט יידישע אַרבעטער באַטראָפן פון 30 ביז 40, און היינט... אַ האַלבער פראָצענט. דאָס איז אַלץ אַ טרויעריקער רעזולטאַט פון דער סאָלידאַרישער האַנדלונג פון די יידישע פאַבריקאַנטן און די אומבאַוואוסטזיניקע פוילישע אַרבעטער, ווי אויך פון דער פאַסיווער האַלטונג פון די קלאַסן־פאַראיינען פון די פוילישע אַרבעטער" [40].

* * *

ברענגען צום באַוואוסטזיין פון יעדן יידישן אַרבעטס־מענטש און פון דער ברייטער עפנטלעכקייט די גרויסע עוולה פון אַנטי־יידישן באָיקאָט אויפן פעלד פון אַרבעט, אַרויסרוקן די פאָדערונג פון גלייכע רעכט אויף אַרבעט אין פאָדערגרונט פון פאָליטישן לעבן — איז געווען די ערשטע גרויסע אויפגאַבע פון ביוראָ פאַר רעכט אויף אַרבעט. צו דעם צוועק



בערנאַרד גאָלדשטיין



ד״ר חיים פיזשיץ



יוסף גיליגיטש



באָריס אייסוראָוויטש


מיכאל קלעפּפּיש


זלמן פרידריך


שלמה נאָטקאָווסקי


מאָריס געלבראָן


העניעך רוס


שיע גרינוואַלד

איז אָרגאַניזירט געוואָרן אַ ספּעציעלער קאָנגרעס, וואָס איז פאָרגעקומען אין וואַרשע דעם 1־טן אַפּריל 1926. אין אים זיינען געווען באַטייליקט 626 דעלעגאַטן פון 91 שטעט. זיי האָבן פאַרטרעטן אַלע ריכטונגען פון דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג. עס זיינען אויך געווען דעלעגאַטן פון די פּוילישע אַרבעטער־פּאַרטייען און פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען [41]).

ביי דער צעריסנקייט, וואָס האָט געהערשט אין דער אַרבעטער־באַוועגונג, ווען די אַנדערשקייט האָט געהאַט פּריאָריטעט איבער דער בשותפותדיקייט, איז דאָס דורכפירן אַזאַ געמיינזאַמען קאָנגרעס געווען אַ טריומף. פּנים אל פּנים מיט דער פאָדערונג פון רעכט אויף אַרבעט זיינען די קריגערישע און דעסטרוקטיווע נטיות אַנטשוויגן געוואָרן. בפרט איז דאָס נוגע די קאָמוניסטן, וועלכע האָבן לכתחילה אויסגעלאַכט און פאַרשריגן דעם קאַמף פון רעכט אויף אַרבעט, ווי אַ פאַלשע און רעאַקציאָנערע אַקציע און דעם קאָנגרעס ווי אַ „בונדישע נאַציאָנאַליסטישע שאַפּקע”. זיי האָבן אָבער גיך דערפילט, אַז זייער אומבאַרעכטיקטע און אומאָנשטענדיקע קריטיק געפינט נישט קיין אויערן צווישן די יידישע אַרבעטער און זיי האָבן געביטן זייער איינשטעלונג. הגם זיי האָבן עס נישט געזאָגט מיטן פולן מויל און עכאָס פון די אַלטע טענער האָבן נאָך געקלונגען אין זייערע רייד [42]).

די ביוראָ פאַר רעכט אויף אַרבעט האָט זיך באַמיט דורכצוברעכן די וואַנט פון באָיקאָט. זי האָט זיך נישט באַגנוגנט מיט פּראָפּאַגאַנדע, מיטריידן וועגן דעם און דורכפירן באַשלוסן אויף פאַרזאַמלונגען און קאָנפערענצן, מיט שרייבן אין דער פּרעסע, נאָר האָט זיך אויך פאַרנומען מיט אינטערווענצן — אין די מלוכהשע און קאָמונאַלע אַמטן, ווי אויך אין פּריוואַטע אונטערנעמונגען. געוויסע פּראַקטישע דערגרייכונגען זיינען געווען, כאָטש זיי האָבן אויסגעזען מינימאַל אין פּראָפּאָרץ מיט דער גרויסער צאָל באָיקאָטירטע. אין די ערשטע 5 יאָר פון איר עקזיסטענץ איז דער ביוראָ „געלונגען קרוב 6 טויזנט יידישע אַרבעטער און אָנגעשטעלטע צו באַשעפטיקן אין די מלוכהשע, קאָמונאַלע און גרעסערע פּריוואַטע אונטערנעמונגען, וואָס האָבן ביז דעמאָלט באָיקאָטירט יידישע אַרבעטס־הענט. דאָס זיינען געווען אַרבעט־פּלעצער, וואָס ס׳איז געלונגען אַרויסצוררייסן דורך אַן עקשנותדיקן, פאַרביטערטן קאַמף קעגן ווירטשאַפטלעכן אַנטיסעמיטיזם” [43]).

אין שטאָט־ראַטן מיט סאָציאַליסטישע מערהייטן איז לייכטער געווען דורכצוברעכן די וואַנט פון באָיקאָט און אַריינפירן אין די קאָמונאַלע אונטערנעמונגען און אַמטן אַ קליינע צאָל יידישע אַרבעטער און אָנגעשטעלטע. אַזוי איז אויך געווען אין די קראַנקן־קאַסעס. אָבער ווען די בירגערלעכע פּאַרטייען האָבן אין די ערטער ביי נייע וואַלן באַקומען אַ מערהייט, פלעגט מען ווידער באַזייטיקן אַלע אָדער אַ טייל פון דער קליי־

נער צאָל יידישע אַרבעטער און אָנגעשטעלטע. דאָס זעלבע איז געווען, ווען די רעגירונג האָט פּאַנאַנדערגעלאָזט די געוויילטע אָנפירנדיקע קער־פּערשאַפטן און אויף זייער אָרט אַוועקגעזעצט קאָמיסאַרן.

די ביוראָ פאַר רעכט אויף אַרבעט האָט אין די יאָרן 1929—1928 דורכגעפירט אַן אַנקעטע אין אַ צאָל שטעט וועגן דער באַשעפטיקונג פון יידישע אַרבעטער און אָנגעשטעלטע אין די קאָמונאַלע אַמטן און אונ־טערנעמונגען. די פאַרעפנטלעכטע רעזולטאַטן פון 30 שטעט האָבן באַ־וויזן, אַז פון 3,619 באַשעפטיקטע זיינען געווען סך־הכל 399 יידן. און דאָס זיינען געווען שטעט מיט אַ גאָר הויכן פּראָצענט פון יידישער באַ־פעלקערונג: אין 12 ערטער — אַ גרויסע מערהייט, אין 4 ערטער — אַ העלפט און אין 10 ערטער — באַדייטנדיקע מינדערהייטן.

און אין דער הויפּט־שטאָט פון לאַנד, אין וואַרשע (וואָס איז נישט אַריין אין דער רשימה פון די 30 שטעט), זיינען אין סוף פון די צוואַנ־ציקער יאָרן פון די 22 טויזנט באַשעפטיקטע אין די שטאָטישע אַמטן און אונטערנעמונגען געווען בלויז 450 יידן, קוים 2 פּראָצענט, בעת יידן האָבן אויסגעמאַכט בערך אַ דריטל פון דער וואַרשעווער באַפעלקערונג. כדי דאָס בילד זאָל זיין פולער, איז נאָך נייטיק צוצוגעבן, אַז אַ גאָר גרויסע מערהייט פון די 450 זיינען געווען באַשעפטיקט אין אינסטיטו־ציעס פאַר יידן (יידישער שפּיטאָל, היימען פאַר יידישע זקנים, יתומים און פאַרוואָרלאָזטע קינדער). אין 1927 האָט בעת דער בודזשעט־דעבאַטע דער וואַרשעווער שטאָט־ראַט אָנגענומען דעם פאָרשלאַג פון די בונדישע ראַטמענער, וואָס האָט געזאָגט: „דער מאַגיסטראַט ווערט אויפגעפאָדערט, אַז ביים צונעמען אַרבעטער און אָנגעשטעלטע זאָל ער נישט מאַכן קיין שום נאַציאָנאַליטעטן־אונטערשייד”. אָבער דער מאַגיסטראַט האָט דעם באַשלוס פון שטאָט־ראַט נישט אויסגעפירט. דער איינציקער, וואָס האָט אין מאַגיסטראַט זיך קעגנגעשטעלט דעם באָיקאָט און אים שאַרף פאַר־אורטיילט, איז געווען דער בונדישער לאַווניק וויקטאָר אַלטער. די יידישע בירגערלעכע ראַטמענער און לאַווניקעס האָבן געשוויגן און נישט אָנטייל־גענומען אין די באַמיאונגען צו באַשעפטיקן יידישע אַרבעטער און אָנ־געשטעלטע [44]).

דער קאַמף פאַר רעכט אויף אַרבעט איז אין אַ געוויסער מאָס געווען אַ סיזיף־אַרבעט. דערגרייכונגען זיינען ווידער פאַרלוירן געגאַנגען. נישט בלויז האָט מען געדאַרפט זיך אָנשטרענגען, אַז מען זאָל באַשעפטיקן יידישע אַרבעטער און אָנגעשטעלטע דאָרט, וואוהין מ'האָט זיי פריער נישט אַריינגעלאָזט, נאָר אויך זיך אַנטקעגנשטעלן, אַז מ'זאָל נישט באַ־זייטיקן פון די פלעצער, וואו מ'איז פריער יאָ געווען באַשעפטיקט. די באַזייטיקונג איז בעיקר פאָרגעקומען אויף די באַנען, טאַבאַק־אינדוסטריע און נאַפט־אינדוסטריע.

בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה האָבן די דייטשע אָקופּאַנטן אין

פוילן באַשעפטיקט „6 ביז 7 טויזנט יידישע באַן־אַרבעטער" (אַ קליינע צאָל איז נאָך פון פריער געווען באַשעפטיקט אין גאַליציע אונטער עסט־רייכישער ממשלה). „דער ערשטער אַקט פון ערשטן פוילישן באַן־מיניסטער איז געווען צו באַזייטיקן די יידישע באַן־אַרבעטער". אַלע באַמי־אונגען מבטל צו מאַכן די גזירה האָבן קיין פעולה נישט געהאַט.

דורות־לאַנג זיינען יידן געווען שטאַרק באַטייליקט אין דער טאַבאַק־אינדוסטריע (אויסאַרבעטונג פון פאַפּיראָסן, ציגאַרן, מאַכאָרקע און טי־טון). ס'זיינען געווען יידישע פאַבריקאַנטן און פיל טויזנטער יידישע אַר־בעטער אין אַ צאָל שטעט פון תחום־המושב אין צאַרישן רוסלאַנד. נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה זיינען אַ טייל פון זיי געבליבן אין דער פוי־לישער מלוכה. „אין יאָר 1924 איז איינגעפירט געוואָרן דער א. ג. טאַ־באַק־מאָנאָפּאָל. די טאַבאַק־פאַבריקן זיינען אַריבער אין רשות פון דער מלוכה. און באַלד הייבט מען אָן סיסטעמאַטיש צו באַזייטיקן די יידישע טאַבאַק־אַרבעטער פון זייערע אַרבעט־פּלעצער" . . . „פון קרוב צוויי טויזנט יידישע טאַבאַק־אַרבעטער אין װאַרשע איז נאָך אַ פּאָר יאָר מלוכה־באַלעבאַטישקייט געבליבן בלויז 4 (בוכשטעבלעך פיר). אין גראָדנע, ביאַ־ליסטאָק און ווילנע האָט זיך דער פּראָצענט יידישע אַרבעטער אויף די טאַבאַק־פאַבריקן פאַר די זעלבע פּאָר יאָר פאַרקלענערט אויף 50—70 פּראָצענט"[45]). נייע יידישע אַרבעטער האָט מען נישט צוגענומען און פון די געבליבענע האָט מען כסדר רעדוצירט. מ'האָט נישט געשוינט יידי־שע אַרבעטער און אַרבעטערינס, וואָס זיינען שוין צענטליקער יאָרן גע־ווען באַשעפטיקט אין די פאַבריקן.

אַזוי איז אויך געווען אין דער נאַפט־אינדוסטריע, אין מזרח־גאַלי־ציע, וואו יידן זיינען פריער געווען באַשעפטיקט אין גרויסע צאָלן. טויזנטער יידן האָבן געאַרבעט אין די גרובנס פון נאַפט און וואַקס אין די ראַיאָנען פון באָריסלאַוו און דראָהאָביטש. געווען צייטן, ווען די יידן האָבן באַטראַפן אַ העלפט פון אַלע באַשעפטיקטע אין דער דאָרטיקער נאַפט־און וואַקס־אינדוסטריע. סיסטעמאַטיש האָט זיי די פוילישע מאַכט אַרויסגעשטויסן, געבליבן איז בלויז אַ גאַר קליינע צאָל[46]).

אין אַ צאָל פאַלן האָט מען די יידישע אַפּליקאַנטן אָפן געזאָגט פאַר־וואָס מען וויל זיי נישט צונעמען צו דער אַרבעט. אַזוי אויך ביים אָפּ־זאָגן שוין פון פריער באַשעפטיקטע. עטלעכע האָבן אַפילו געהאַט שריפט־לעכע מאָטיווירונגען, אַז זיי קענען נישט זיין באַשעפטיקט, ווייל זיי זיינען יידן. אָבער בעת די אינטערווענצן אין די העכערע מלוכהשע און קאָ־מונאַלע אַמטן האָט מען געלייקנט שטיין און ביין. מ'האָט עס פאַר־ענטפערט מיט פאַרשיידענע פּוסטע און ליגנערישע תירוצים. די הויכע באַאַמטע אין די מיניסטעריומס און מאַגיסטראַטן האָבן געוואָלט נישט אַנדערש, נאָר אַז מ'זאָל זיי גלייבן אויף זייער ערן־וואָרט, אַז אין פוילן

איז נישטאָ קיין דיסקרימינאַציע לגבי יידן און די שולד אין נישט צו־לאָזן אָדער באַזייטיקן יידן שטעקט אין ריין זאַכלעכע טעמים.

נישט געקוקט אויף די גרויסע שוועריקייטן און אַנטוישונגען, האָט די ביוראָ פּאַר רעכט אויף אַרבעט, צוזאַמען מיט די טוער פון בונד און פון די פּראָפעסיאָנעלע פאַראייגען מיט די בונדישע ראַטמענער און לאַווניקעס אין די שטאָט־ראַטן און מאַגיסטראַטן, ווי אויך אין די קראַנקן־קאַסעס, אומדערמידלעך און עקשנותדיק געקעמפט און אינטערווענירט, פּראָטעסטירט און געפאָדערט אָפּצושאַפן דעם באָיקאָט אויף יידישער אַרבעט. אין צענטר פון דעם אַלעם איז געשטאַנען דער סעקרעטאַר פון ביוראָ, נאַטאַן שאַפראַן, וואָס איז געווען באַטייליקט אין זייער פיל אינ־טערווענצן אין מלוכהשע, קאָמונאַלע און פּריוואַטע אונטערנעמונגען, אין די מיניסטעריומס און אין אַנדערע אַמטן, אַליין אָדער מיט אַנדערע, צווישן זיי אין טייל פאַלן אויך מיט פּוילישע סאָציאַליסטישע און פּראָ־פעסיאָנעלע טוער.

## 9. אַרבעטער־עמיגראַציע־ביוראָ

דער בונד, צוזאַמען מיט די אָרגאַניזאַציעס אַרום אים, האָט זיך אינ־טערעסירט מיט אַלע פּראָבלעמען פון יידישן פאָלקס־לעבן און בפרט מיט די נויטן און באַדערפעניש פון דער אַרבעטערשאַפט. ער האָט זיך באַ־מיט צו געפינען אַ לייזונג פון די פּראָבלעמען און צו פאַרבעסערן דעם מצב אויף פאַרשידענע געביטן. איינער פון זיי איז געווען דער ענין פון עמיגראַציע.

איבער צוויי מיליאָן פּוילישע בירגער האָבן צווישן ביידע וועלט־מלחמות געמוזט נעמען דעם וואַנדער־שטעקן און פאַרלאָזן זייער היימ־לאַנד. דער ווייט־גרעסטער רוב האָט עס געטון על־פּי־נויט — צוליב עקאָנאָמישע סיבות. די עמיגראַציע איז געווען פאַרבונדן מיט פאַרשיי־דענע שוועריקייטן — מיטן אַרויספאָר פון אייגענעם לאַנד און מיטן אַריינפאָר אין נייעם ווייטן לאַנד. אויך דער וועג איז נישט געווען פריי פון מניעות. דער יחיד איז אָפט נישט געווען בכוח אַליין גובר צו זיין די אָנגעטראָפענע שוועריקייטן. די מלוכהשע אינסטיטוציעס זיינען נישט געווען קיין העלפער, זיי זיינען גיכער געווען איינע פון די שטערונגען. ס'איז נייטיק געווען ממשותדיקע הילף מצד די געזעלשאַפטלעכע אָרגאַ־ניזאַציעס, וואָס ווילן באמת העלפן אין נויט־פאַלן.

און ווייל דער גרויסער רוב פון די עמיגראַנטן איז באַשטאַנען פון אַרבעטער און אָרימע, האָבן די פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען אויך פאַר דעם געזאָרגט. ביי דער צענטראַל־קאָמיסיע פון די פּראָפעסיאָנעלע קלאַסן־פאַראיינען אין פּוילן האָט עקזיסטירט אַן עמיגראַציע־אָפּטיילונג. סוף פעברואַר 1924 האָט דער לאַנד־ראַט פון די יידישע פּראָפעסיאָנעלע קלאַסן־פאַראיינען געשאַפן אַן אַרבעטער־עמיגראַציע־ביוראָ צו העלפן יידישע עמיגראַנטן. די יידישע פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען זיינען געווען אַן אױ־טאָנאָמער טייל פון דער אַלגעמיינער צענטראַל־קאָמיסיע, אַזוי איז אויך די יידישע עמיגראַציע־ביוראָ אָפיציעל געווען אַן אויטאָנאָמער טייל פון דער אַלגעמיינער אַרבעטער־עמיגראַציע־ביוראָ. מיט דער ביוראָ פאַר יידישע עמיגראַנטן האָבן די גאַנצע צייט אָנגעפירט בונדישע טוער. אין ערשטן פּעריאָד איז עס געווען גרשון זיבערט, אַ קורצע צייט — בערל זעליקאָוויטש (משה גוטמאַן) און צום לענגסטן, קרוב אַנדערטהאַלבן צענטליק יאָר — ד״ר חיים פּיזשיץ.

במשך פון איר עקזיסטענץ — ביזן אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה — האָבן צענטליקער טויזנטער יידישע אַרבעטער־עמיג־

ראַנטן זיך געווענדט צו דער עמיגראַציע־ביוראָ און באַקומען די נייטיקע אינפֿאָרמאַציע און פֿאַרשיידנאַרטיקע קאָנקרעטע הילף. „פֿאַר די 21 חדשים, וואָס די אַרבעטער־עמיגראַציע־ביוראָ עקזיסטירט — האָט גע־שריבן גרשון זיבערט — ד. ה. פֿון מערץ 1924 ביז דעצעמבער 1925, האָט עס געהאַט עמיגראַנטן־באַזוכן (פּערזענלעכע ווענדונגען אין ביור־ראָ) — 5,639; פֿון זיי עמיגראַנטן, וועלכע זיינען געווען אין ביוראָ צום ערשטן מאָל — 3,341 ”"). אַחוץ די פּערזענלעכע באַזוכן אין ביוראָ איז געווען יאָר־יערלעך אַ גרויסע קאָרעספּאָנדענץ פֿון עטלעכע טויזנט בריוו — באַקומענע און אַרויסגעשיקטע.

אין די ווייטערדיקע דריי יאָר (1926—1928) האָט די צאָל עמיגראַנטן־באַזוכער באַטראָפֿן 13,945; פֿון זיי זיינען געווען צום ערשטן מאָל 7,808. אָנגעקומען בריוו זיינען געווען במשך פֿון דער צייט 7,030; אַרויס־געשיקט בריוו — 8,554.

די ערטער, וואוהין די עמיגראַנטן זיינען געפֿאָרן, האָבן פֿאַרנומען לויט דער צאָל די לענדער פֿון לאַטיין־אַמעריקע און די פֿאַראייניקטע שטאַטן פֿון צפֿון־אַמעריקע; אין אייראָפּע — פֿראַנקרייך און בעלגיע. אין יאָר 1928 האָבן מיט דער הילף פֿון יידישן אַרבעטער־עמיגראַציע־ביוראָ עמיגרירט 1,052 פּערזאָן: אין די לענדער מעבר לים 769, אין אייראָ־פּעאישע לענדער — 283. (אַרגענטינע — 418, בראַזיל — 161, פֿאַראיי־ניקטע שטאַטן — 63, דרום־אַפֿריקע — 33, מעקסיקע — 30, קובאַ — 18, אויסטראַליע — 16, אורוגוויי — 10 א. א. וו. פֿראַנקרייך — 131, בעלגיע — 76, רוסלאַנד — 44 א.א.וו.). במשך 1938—1939 (ביז אוי־גוסט) האָבן דורך דער פֿאַרמיטלונג און הילף פֿון אַרבעטער־עמיגראַציע־ביוראָ עמיגרירט קיין אויסלאַנד 456 פּערזאָן, פֿון זיי — 356 מעבר לים ").

בכלל האָבן אין די 12 יאָר 1927—1938 אויסגעוואַנדערט פֿון פּוילן בערך 200 טויזנט יידן, אין יערלעכן דורכשניט — 16,665 "). אויב מ׳זאָל נעמען פֿאַר אַ מאָס די דריי יאָר 1926—1928, האָבן בערך 16 פּראָצענט פֿון די אויסגעוואַנדערטע יידן באַקומען זייער עמיגראַציע־הילף אין אַר־בעטער־עמיגראַציע־ביוראָ. אַ גרויסער טייל — די אויסוואַנדערער קיין פּאַלעסטינע — האָבן געמוזט אָנקומען צו די ציוניסטישע אָרגאַניזאַ־ציעס און צו דעם פּאַלעסטינע־אַמט, וואָס האָבן געהאַט אין זייער רשות די איינוואַנדערונג־סערטיפֿיקאַטן. די פֿאַרמעגלעכע יידן האָבן זיך געקענט אַליין אַן עצה געבן און נישט געדאַרפֿט אָנקומען צו געזעלשאַפֿטלעכער הילף. ווען מען נעמט דאָס אין אַכט, איז דער פּראָצענט פֿון די יידן, וואָס האָבן זיך גענייטיקט אין הילף בעת די צוגרייטונגען צו עמיגרירן אין אַלע טיילן פֿון דער וועלט און די הילף באַקומען אין אַרבעטער־עמיגראַציע־ביוראָ, אַ פֿיל־פֿיל גרעסערע, ווי די דערמאָנטע 16 פּראָצענט.

אַחוץ אַרבעטער און אָנגעשטעלטע, וואָס זיינען געקומען מיט רע־

קאָמענדאַציעס פון די פּראָפעסיאָנעלע פאַראײנען — און זיי האָבן גע־בילדעט בערך 75 פּראָצענט פון די אינטערעסאַנטן — האָבן מיט דער הילף פון אַרבעטער־עמיגראַציע־ביוראָ אויך זיך באַנוצט קלײנע בעלי־מלאכות, קלײנהענדלער, אַרטיסטן און גאָר אַ סך פרויען און קינדער, וואָס זײערע מענער און פאָטערס האָבן פריער עמיגרירט. די אַרבעטער־עמיגראַציע־ביוראָ אין וואַרשע האָט געהאַט פיליאַס אין לובלין, גראָדנע, מעזריטש, כעלם, ראַדזין און אין אײניקע אַנדערע שטעט.

* * *

די הילף פאַרן עמיגראַנט האָט די אַרבעטער־עמיגראַציע־ביוראָ געגעבן זײער גערן און פריי — אָן אָפּצאָל. די הילף איז באַשטאַנען אין אינפאָרמירן וועגן אײנוואַנדערונג־לענדער, די דאָרטיקע באַדינגונגען און אַרבעט־מעגלעכקײטן; וואָסערע דאָקומענטן מען דאַרף האָבן צום אַרויס־פאָרן, ווי אַזוי צו באַקומען די אַרײנפאָר־וויזע און אַנדערע בײטיקע ידיעות. גרויסע שוועריקײטן האָבן די אויסוואַנדערער געהאַט בײם שאַפן די בײטיקע פּאַפּירן. פיל האָבן זײערע פּערזענלעכע דאָקומענטן נישט געהאַט אין אָרדענונג, בפרט פרויען. פיל יידישע פרויען האָבן נישט געהאַט קײן אָפיציעלע ציווילע חתונה־אַקטן. אויב זיי זײנען געפאָרן צו זײערע מענער, האָט זײער פאַמיליע־נאָמען געמוזט זײן דער זעלבער, ווי דעם מאַנס.

די עמיגראַנטן אַלײן זײנען אין אַזעלכע פאַלן געווען הילפלאָז. די אַרבעטער־עמיגראַציע־ביוראָ האָט דורך די מלוכהשע אַמטן באַזאָרגט די געהעריקע דאָקומענטן. זי האָט אויך אויסגעפּועלט צו באַפרײען פון די אָפּצאָלונגען. זי האָט דורכגעפירט אין די אָפיציעלע אַמטן צו אָנער־קענען אַ כתובה אָדער אַ באַשטעטיקונג פון אַ רב, ווי אַ באַווייז פון דער חתונה און אויפן סמך פון דעם האָט מען אַרויסגעגעבן פּאַספּאָרטן מיטן פאַמיליע־נאָמען פון מאַן.

גרויסע צרות האָבן די עמיגראַנטן געהאַט בײם אַרויסבאַקומען די וויזעס אין די אַמעריקאַנער, פראַנצויזישע און אַנדערע קאָנסולאַטן. אין טייל פאַלן זײנען די שיקאַנעס געווען געווענדט ספּעציעל קעגן יידישע עמיגראַנטן. די אַרבעטער־עמיגראַציע־ביוראָ האָט נישט גערוט און כסדר אינטערוועניִרט ביז די שיקאַנעס זײנען אָפּגעשטעלט געוואָרן. דורך דער יידישער און פּוילישער אַרבעטער־פּרעסע זײנען אַרויסגעבראַנגט גע־וואָרן די עוולות, וואָס די פּוילישע אַמטן און די אויסלענדישע קאָנסו־לאַטן באַגײען לגבי די אויסוואַנדערער.

אַ וויכטיקער אויפטו איז געווען דאָס באַקומען הנחות בײם קויפן די שיפסקאַרטן. פאַר די אָרימע עמיגראַנטן איז נישט לײכט אָנגעקומען דאָס שאַפן די באַדײטנדיקע סומע געלט אויף די הוצאות. די גרויסע הנחות, וואָס די עמיגראַציע־ביוראָ האָט דורך איר אָנפירער, ד״ר חיים

פיזשיץ אויסגעפועלט ביים קויפן אין עמיגראַציע־סינדיקאַט די שיפס־קאַרטן פאַר די עמיגראַנטן, זיינען געווען אַ ממשותדיקע פאַרלייכטערונג פאַר זיי. אין אַ גרויסער מאָס איז עס געווען צו פאַרדאַנקען דעם וויצע־דירעקטאָר פון עמיגראַציע־סינדיקאַט, יוסף ראַטנער (ער איז געווען פיל יאָרן אַ טוער אין דער בונדישער יוגנט־אָרגאַנזאַציע צוקונפט און אויך אין בונד). אין ספּעציעלע פאַלן האָט די אַרבעטער־עמיגראַציע־ביוראָ אַליין צושטייער געגעבן אַ חלק פאַר די געקויפטע שיפסקאַרטן. מ׳האָט זיך אויך פאַרנומען מיט אויפזוכן דורך די פּוילישע קאָנסולאַטן און אַנדערע אַמטן אין אויסלאַנד מענער, וואָס האָבן פאַרלאָזט זייערע פרויען און קינדער און זיינען נעלם געוואָרן [59]).

אין אַ ריי פאַלן האָט די צענטראַל־קאָמיסיע פון די פּראָפעסיאָנעלע קלאַסן־פאַראיינען אין פּוילן באַפולמעכטיקט די יידישע אַרבעטער־עמיגראַציע־ביוראָ זי צו רעפּרעזענטירן און אין איר נאָמען אינטער־ווענירן אין אַלגעמיינע עמיגראַציע־ענינים.

* * *

אויפן אינטערנאַציאָנאַלן פאָרום האָבן פאָרשטייער פון בונד רעאַ־גירט און זיך באַמיט צו ווירקן קעגן עמיגראַציע־באַגרענעצונגען. אין די טעג פון 22־טן—26־טן יוני 1926 איז, צום ערשטן מאָל אין דער געשיכטע פון דער אַרבעטער־באַוועגונג, פאָרגעקומען אין לאָנדאָן אַן אינטערנאַציאָנאַלער קאָנגרעס, ספּעציעל געווידמעט די פּראָבלעמען פון עמיגראַציע און אימיגראַציע. אין אים האָבן זיך באַטייליקט 120 דעלע־גאַטן פון 22 איראָפּעאישע לענדער און 6 לענדער פון אַנדערע קאָנטי־נענטן. אָרגאַניזירט האָט אים דער פּראָפעסיאָנעלער אינטערנאַציאָנאַל. אַחוץ דעלעגאַציעס פון פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען זיינען אויך געווען דעלעגאַציעס פון סאָציאַליסטישע פּאַרטייען.

7 דעלעגאַטן האָבן פאַרטרעטן פּוילן — 3 בונדיסטן און 4 פּעפּע־סאָווצעס. פּראָפעסאָר פּסח ליבמאַן הערש און וויקטאָר אַלטער האָבן פאַרטרעטן דעם בונד, הערמאַן דיאַמאַנד און זאָפיאַ פּראַוס — פּ.פּ.ס., זיגמונט זשולאַווסקי, אַנטאָני זדאַנאָווסקי, גרשון זיבערט — די צענט־ראַל־קאָמיסיע פון די פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען אין פּוילן. אַחוץ דעם בונד, האָבן די בונדישע דעלעגאַטן אויך פאַרטרעטן די יידישע עמיג־ראַציע־ביוראָ און די ביוראָ פאַר רעכט אויף אַרבעט. די בונדישע דע־לעגאַטן האָבן פאַרטיילט צווישן די קאָנגרעס־אָנטיילנעמער 2 מעמאָ־ריאַלן — וועגן דער יידישער עמיגראַציע פון פּוילן און וועגן קאַמף פאַר רעכט אויף אַרבעט.

דער ערשטער מעמאָריאַל האָט געגעבן אַ בילד פון דער יידישער עמיגראַציע, אירע סיבות אין די צאַרישע צייטן און אין אומאָפּהענגיקן פּוילן און אָנגעוויזן די לענדער, וואוהין זי גייט. ס׳איז אויך אָנגעוויזן

געוואָרן ווי ענג פאַרבונדן ס׳זיינען די פּראָבלעמען פון עמיגראַציע און רעכט אויף אַרבעט. אין אויספיר איז פאָרגעשלאָגן געוואָרן: „דער קאָנגרעס זאָגט זיך אַרויס מיט דער גאַנצער אַנטשיידנקייט קעגן אַלע באַגרענעצונגען פון רעכט אויף אַרבעט מחמת נאַציאָנאַלע אָדער רעליגיעזע טעמים, אי אין די לענדער פון איינוואַנדערונג, אי אין די לענדער פון אויסוואַנדערונג. דער קאָנגרעס רעקאָמענדירט אַלע פּראָפעסיאָנעלע און פּאָליטישע אָרגאַניזאַציעס, וואָס באַטייליקן זיך אין דעם קאָנגרעס, מיט פולער ענערגיע צו באַקעמפן אַזעלכע באַגרענעצונגען אין יעדן לאַנד, וואו זיי עקזיסטירן״.

אויפן קאָנגרעס זיינען געקומען צום אויסדרוק צוויי טענדענצן: פאַר און קעגן פרייער איינוואַנדערונג. דעם ערשטן שטאַנדפּונקט האָבן פאַרטיידיקט די דעלעגאַציעס פון די אויסוואַנדערונג־לענדער, דעם צווייטן — די דעלעגאַציעס פון די איינוואַנדערונג־לענדער.

אין דער גענעראַל־דעבאַטע האָט וויקטאָר אַלטער באַגרינדעט דעם בונדישן שטאַנדפּונקט וועגן פרייהייט פון עמיגראַציע. זיינע געדאַנקען האָט ער לסוף פאָרמולירט אין פאָלגנדיקע ווערטער: „דער קאָנגרעס זאָגט זיך אַרויס פאַר פרייהייט פון עמיגראַציע. אַחוץ היגיענישע סיבות, קענען צוגעלאָזט ווערן צייטווייליקע באַגרענעצונגען פון דער איינוואַנדערונג בלויז דעמאָלט, ווען די אָרטיקע פּראָפעסיאָנעלע באַוועגונג אָנערקענט עס פאַר אַ צייטווייליק מיטל צוליב אַ קאָנפליקט, וואָס קומט פאָר אין דער צייט צווישן קאַפּיטאַל און אַרבעט. אין די לענדער, וואו עס זיינען פאַראַן עמיגראַציע־באַגרענעצונגען פאַר געוויסע נאַציעס אָדער ראַסן, זיינען די פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען יעדנפאַלס מחויב צו פאָדערן, אַז די דאָזיקע באַגרענעצונגען זאָלן נישט אָנגעווענדט ווערן צו מיטגלידער פון פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען״. וויקטאָר אַלטער האָט אויך געשילדערט די גרויסע ראָל, וואָס עס שפּילט דער באָיקאָט אין דער פאַרגרעסערונג פון דער יידישער עמיגראַציע. ער האָט זיך אויך אַרויסגעזאָגט קעגן דער פּאָליטיק פון צוואַנג־אַסימילאַציע אין די איינוואַנדערונג־לענדער.

פּראָפעסאָר פסח ליבמאַן הערש איז געווען באַזונדערס אַקטיוו אין דער הויפּט־קאָמיסיע, וואָס האָט געדאַרפט צוגרייטן די באַשלוסן און רעזאָלוציעס צום פּלענום. ווי אַ פאַכמאַן אין עמיגראַציע־ענינים, האָט דער צד פון די אויסוואַנדערונג־לענדער אים באַשטימט צו זיין דער גענעראַל־רעדנער פאַר פרייער עמיגראַציע.

דער קאָנגרעס האָט איינשטימיק אָנגענומען אַ פשרה־רעזאָלוציע. די דעלעגאַטן פון פּוילן האָבן פאַר דער רעזאָלוציע נישט געשטימט, ווייל זיי האָבן געהאַלטן, אַז ס׳זיינען אין איר פאַראַן צופיל הנחות פאַר עמיגראַציע־באַגרענעצונגען.

איינשטימיק האָט דער קאָנגרעס אָנגענומען די רעזאָלוציע וועגן רעכט אויף אַרבעט, וואָס די בונדישע דעלעגאַטן האָבן פאָרגעשלאָגן. די רעזאָלוציע האָט געזאָגט: „דער קאָנגרעס שטעלט אַרויס די פאָדע־רונג, אַז עס זאָלן תיכף אָפּגעשטעלט ווערן די באַגרענעצונגען פון רעכט אויף אַרבעט, וואָס עקזיסטירן צוליב נאַציאָנאַלע, רעליגיעזע אָדער ראַסן־טעמים און וואָס זיינען גורם דאָס פאַרטרייבן די אַרבעטער פון זייערע היים־לענדער" [61].

## 10. יוגנט־בונד צוקונפט

ווי דער בונד, אַזוי האָט אויך די בונדישע יוגנט־אָרגאַניזאַציע — דער יוגנט־בונד צוקונפט — אין די יאָרן 1926—1939 אָרגאַניזאַציאָנעל זיך פאַרשטאַרקט, טעריטאָריעל זיך אויסגעברייטערט און אידייאיש זיך קאָנסאָלידירט. די צאָל אָרגאַניזאַציעס און די צאָל מיטגלידער זיינען כסדר פאַרגרעסערט געוואָרן. די טעטיקייטן זיינען געוואָרן אינטענסיווער און שלימותדיקער, די קאָנטאַקטן מיט דער פוילישער סאָציאַליסטישער יוגנט־באַוועגונג — שטאַרקער. אויך די באַציאונגען מיט דער אינטערנאַציאָנאַלער יוגנט־באַוועגונג זיינען רעגולירט געוואָרן.

אַחוץ קליינע אויסנאַמען, איז דער יוגנט־בונד צוקונפט געווען אַן אָרגאַניזאַציע פון יוגנטלעכע אַרבעטער. זייער עקאָנאָמישער מצב איז געווען אַ גאָר שלעכטער. די פּלאָגן, וואָס האָבן געמאַטערט די יידישע אַרבעטער־יוגנט, זיינען געווען: אַרבעטסלאָזיקייט, קליינע פאַרדינסטן, לאַנגער אַרבעטס־טאָג, דאָס איינשפּאַנען זיך אין אַרבעטס־יאָך אין די קינדער־יאָרן און דאָס זיין געצוואונגען צו פאַרלאָזן די היים און פאָרן אין דער גרעסערער שטאָט זוכן אַרבעט. פאַרשטייט זיך, אַז עס זיינען אויך געווען געוויסע אונטערשיידן. אין אַ ריי ערטער און פאַכן האָט מען געקענט טרעפן יוגנטלעכע אַרבעטער, וואָס זיינען געווען באַשעפטיקט 8 שעה אַ טאָג; ביי אַנדערע דאַקעגן איז געווען אַ פיל לענגערער אַרבעט־צייט און אַ 12־שעהדיקער אַרבעטס־טאָג איז געווען אַ טרוים. געווען ערטער, וואו מען האָט אפילו וויניק געליטן פון אַרבעטסלאָזיקייט, הגם סעזאָן־אַרבעט איז געווען אַ זייער פאַרשפּרייטע מחלה אין די יידישע פאַכן; דאַקעגן אין אַנדערע ערטער איז כמעט די גאַנצע יוגנט געווען אַרבעטסלאָז. אַזוי גרויס איז אויך געווען דער אונטערשייד אין דער הויך פון די פאַרדינסטן. דאָס ערגסטע איז געווען דאָס, וואָס עס איז שטענדיק געווען אַ מחנה יוגנטלעכע, וואָס האָט נישט געהאַט קיין מעגלעכקייט זיך צו לערנען אַ פאַך. זיי זיינען געווען איבעריקע הענט, וואָס די ווירטשאַפט האָט נישט געקענט נוצן. דער מצב פון יענעם יוגנט־שיכט, וואָס האָט זיך נישט געקענט איינגלידערן אין ווירטשאַפטלעכן לעבן, איז געווען טראַגיש־אויסזיכטלאָז. גלייכצייטיק איז כמעט אומעטום געווען ביי דער יוגנט אַ שטאַרקער דראַנג נאָך וויסן, אַ שטאַרקער אינטערעס צום געזעלשאַפטלעך־פּאָליטישן לעבן און אַן אידעאַליזם פון אַ הויכער מדרגה.

אמת, די גרויסע אַרבעטסלאָזיקייט ביי דער יוגנט איז געווען אַן אינ־

טערנאַציאָנאַלע דערשיינונג, בפרט אין די יאָרן פון שאַרפן ווירטשאַפט־לעכן קריזיס אויף דער וועלט (פון סוף די צוואַנציקער יאָרן אָן). לויט דער סטאַטיסטיק פון אינטערנאַציאָנאַלן אַרבעטס־אַמט אין זשענעווו, האָט די יוגנט אין דורכשניט אויסגעמאַכט 25 פּראָצענט פון די אַרבעטסלאָזע אין אַלע לענדער. אין די יאָרן 1933—1934 זאָל די צאָל אַרבעטסלאָזע יוגנט האָבן באַטראָפן פון 6 ביז 7 מיליאָן. אין פּוילן אַליין זיינען יערלעך צוגעקומען פון שטאָט און דאָרף 300 טויזנט יוגנטלעכע, וועלכע האָבן נישט געקענט געפינען קיין אַרבעט־פּלעצער. אַחוץ די אַלגעמיינע עקאָנאָמישע סיבות, האָט ביי דער יידישער אַרבעטער־יוגנט גורם געווען די גרויסע אַרבעטסלאָזיקייט אויך די אַנטיסעמיטישע דיסקרימינאַציע־פּאָליטיק.

לויט דער איניציאַטיוו פון יוגנט־בונד צוקונפט, זיינען אין אַ ריי פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען געשאַפן געוואָרן יוגנט־סעקציעס. זייער אויפגאַבע איז געווען צו זאָרגן פאַר די עקאָנאָמישע אינטערעסן, אַרבעט־און לוין־באַדינגונגען פון די יוגנטלעכע, ווי אויך פאַר זייער פאַך־אויסבילדונג. זיי האָבן געדאַרפט זאָרגן, אַז די יידישע יוגנטלעכע אַרבעטער זאָלן קענען געניסן פון די שוץ־געזעצן און זיי האָבן אויך געפירט אַ קולטור־טעטיקייט פאַר די מיטגלידער.

מיט די יוגנט־סעקציעס האָבן בעיקר אָנגעפירט יוגנטלעכע, וואָס זיינען גלייכצייטיק געווען אַקטיוו אין יוגנט־בונד צוקונפט. זיי האָבן אויך געזאָרגט, אַז די צוזאַמענפאָרן פון פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען — יידישע און אַלגעמיינע — זאָלן אָננעמען רעזאָלוציעס לטובת דער אָרגאַניזירונג און פאַרטיידיקונג פון דער אַרבעטער־יוגנט.

פעסט־געבויטע יוגנט־סעקציעס פון יידישער אַרבעטער־יוגנט האָבן עקזיסטירט אין די גרעסערע שטעט און אויך אין אייניקע קלענערע ערטער, וואו עס איז געווען אַ פאַרהעלטניסמעסיק שטאַרקע אַרבעטער־באַוועגונג. וואו פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען זיינען נישט געווען אָדער ס'איז צוליב אַנדערע סיבות נישט מעגלעך געווען צו גרינדן יוגנט־סעקציעס, דאָרטן האָט דער יוגנט־בונד צוקונפט, הגם דאָס איז נישט געווען זיין דירעקטע אויפגאַבע, אַליין זיך פאַרנומען מיט פּראָפעסיאָנעלער אַרבעט. אַז דער יוגנט־בונד צוקונפט זאָל אַליין אָנפירן מיט דער פּראָפעסיאָנעלער טעטיקייט, האָט געקענט געמאָלט זיין נאָר אין קלענערע ערטער, וואו ס'האָבן נישט עקזיסטירט קיין יוגנט־סעקציעס אין די פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען.

איינער פון די ענינים, מיט וועלכע דער יוגנט־בונד צוקונפט און די פּראָפעסיאָנעלע יוגנט־סעקציעס האָבן זיך שטאַרק פאַרנומען, איז געווען דער צעכן־געזעץ, וואָס איז איינגעפירט געוואָרן אין פּוילן פון אָנהייב 1929. לויט דעם געזעץ, האָבן נישט אַלע בעלי־מלאכות געקענט פירן אַ ווערקשטאָט און נישט אַלע האָבן געמעגט באַשעפטיקן לערנ־יינגלעך. די לערנייינגלעך זיינען, לויטן געזעץ, געוואָרן מער אָפּהענגיק

פון מייסטער. פון דער צווייטער זייט האָט דער גענעץ פּאַרלייכטערט די פאַך־אויסבילדונג אין פאַך־שולן. יידישע יוגנטלעכע האָבן נישט אין אַ געהעריקער מאָס אויסגענוצט אַט די מעגלעכקייט פון פאַך־אויסבילדונג. מ'האָט געמוזט וועגן דעם פירן אַ ברייטע אויפקלערונג־אַרבעט. מ'האָט אויך געפאָדערט איינצופירן יידיש אַלס לערן־שפּראַך פאַר די יידישע שילער. ס'איז געווען אַ קאַמף אויף צוויי פראָנטן: פאַר אָפּשאַפן די שלעכטע זייטן פון געזעץ און קעגן אויסנוצן דעם געזעץ לרעה פון די יוגנטלעכע.

* * *

דעם גרויסן דראַנג נאָך בילדונג און דאָס לעכצן נאָך פרייד און דערהויבונג האָט די יידישע אַרבעטער־יוגנט געזוכט צו באַפרידיקן אין אַ גרויסער מאָס דורך אירע אייגענע אָרגאַניזאַציעס. פאַר דעם יוגנט־בונד צוקונפט, וואָס איז געווען אי אַ קאַמף־אינסטרומענט, אי אַ בילדונג־אינסטיטוציע, איז געשטאַנען די שווערע פראַגע פון אויסבילדן דעם נייטיקן קאַדער רעפערענטן און פירער פון דער קולטור־אַרבעט. דער קאַדער האָט געמוזט קומען פון דער יוגנט גופא. דאָ האָט נישט געקענט זיין קיין רייד וועגן ברענגען לערער פון דרויסן. עס האָבן געמוזט זיין אייגענע, געקנאָטן פון זעלבן טייג, וואָס די גאַנצע יוגנט־מאַסע.

אומעטום האָבן זיך אַרויסגערוקט איינצלנע יוגנטלעכע, וועלכע האָבן זיך דערוואָרבן אַ געוויסן סכום וויסן און דערביי אויך פאַרמאָגט די רעד־נערישע און פעדאַגאָגישע פיאיקייטן איבערצוגעבן זייער וויסן אַנדערע. ס'איז אָבער נייטיק געווען צו געבן די ייִנגערע רעפערענטן און קולטור־טוער אַ פּראָגראַם און מעטאָד, קלאָר מאַכן פאַר זיי גופא די ראָל, וואָס זיי נעמען אויף זיך. צו דעם צוועק פלעגן פון צייט צו צייט איינגעאָרדנט ווערן רעפערענטן־שולן — צענטראַלע פאַרן גאַנצן לאַנד, ראַיאָנע — פאַר אַ צאָל שטעט פון איין געגנט, אָדער אָרטיקע — אין די גרעסערע שטעט. די ערשטע צענטראַלע רעפערענטן־שול האָט זיך אָנגעהויבן דעם 21־טן דעצעמבער 1926 אין וואַרשע און האָט געדויערט צוויי וואָכן. 57 שילער האָבן אין איר אָנטיילגענומען — 10 פון וואַרשע און 47 פון דער פּראָווינץ; פון אַלע עקן לאַנד, אַפילו פון די וויטסטע ערטער, איז מען געקומען. ביים צענטראַל־קאָמיטעט פון יוגנט־בונד צוקונפט האָט עקזיסטירט אַ ספּעציעלע קולטור־אָפּטיילונג. זי האָט אָרגאַניזירט די קולטור־קאָנפערענצן און די רעפערענטן־שולן און אויך שטענדיק געדינט די אָרטיקע אָרגאַניזאַציעס מיט פּראַקטישע עצות און אַנדערע מינים הילף.

פון 28־טן יוני ביזן 8־טן יולי 1929 האָט זי דורכגעפירט אַ צווייטע רעפערענטן־שול (אין וואַרשע). אין דער צווייטער רעפערענטן־שול האָבן אָנטייל גענומען 48 שילער — 42 חברים און 6 חברטעס. אויך דאָס

מאָל איז מען געקומען פון אַלע עקן לאַנד. 5 זיינען געווען פון וואַרשע און די איבעריקע פון 30 פּראָווינץ־שטעט. כמעט אַלע זיינען געווען אַר־בעטער אָדער אָנגעשטעלטע. 18 האָט מען אין גאַנצן אָדער טיילווייז אויסגעהאַלטן אין דער צייט פון דער שול פון אַ ספּעציעלן פאָנד, וואָס איז פאַר דעם צוועק אויפגעזאַמלט געוואָרן. די אַנדערע זיינען אויסגע־האַלטן געוואָרן דורך זייערע אָרטיקע אָרגאַניזאַציעס אָדער האָבן אַליין געדעקט די הוצאות.

די לעקטאָרן אויף דער צווייטער רעפערענטן־שול זיינען געווען: וויקטאָר אַלטער, ד״ר י. ליפּאָווסקי, ד״ר ש. בערקאָוויטש, י. ליפשיץ, מ. קליגסבערג, ד״ר ע. שערער, ה. ערליך, יוסף לעשטשינסקי, ע. נאָ־וואָגרודסקי, ב. שאַפּראַן, ל. אַלשאַניעצקי, ל. אַלער, ל. בליט, י. ראַטנער, פּנחס שוואַרץ, א. וויינער און י. ש. הערץ. די שילער האָבן זיך פאַר־נומען אי מיט טעאָרעטישע פּראָבלעמען, אי מיט פּראַקטישע ענינים פון בילדונג און אויפקלערונג.

פון 11טן ביזן 25טן דעצעמבער 1937 איז אין וואַרשע פאָרגעקו־מען אַ צוויי־וואָכיקע רעפערענטן־שול, די דריטע לויט דער ריי. עס האָבן זיך אין איר באַטייליקט 73 שילער פון 36 שטעט. געקומען איז מען אַפילו פון די וויטסטע עקן, ווי ווילנע פון צפון און האָראָדענקאָ פון דרום. געלערנט האָט מען 8 שעה אַ טאָג. מ׳האָט זיך פאַרנומען מיט פּראַקטישע און טעאָרעטישע ענינים. עס זיינען געווען 98 לעקציעס אויף 28 טעמעס. 25 טוער פון בונד, פון יוגנט־בונד צוקונפט און פון דער פּוי־לישער אַרבעטער־באַוועגונג האָבן געהאַלטן די לעקציעס. דאָס איז גע־ווען אין פּוילן זין פון וואָרט אַן אַרבעטער־אוניווערזיטעט. די שילער — אין עלטער פון 17 ביז 20 יאָר — האָבן געאַרבעט מיט גרויס התמדה און צוגעשטעלט שריפטלעכע אַרבעטן וועגן די באַרירטע פּראָבלעמען.

אַחוץ די צענטראַלע רעפערענטן־שולן זיינען אויך געווען ראַיאָנע און אָרטיקע.

דער צענטראַל־קאָמיטעט פון יוגנט־בונד צוקונפט האָט אין צוזאַמענ־אַרבעט מיט אָרטיקע חברים צוגעגרייט דעם פּראָגראַם און באַזאָרגט די געהעריקע לעקטאָרן פאַר ראַיאָנע רעפערענטן־שולן. אַזעלכע שולן זיינען געווען אין וואַרשע, לאָדזש, ביאַליסטאָק, ווילנע און אין אַ ריי אַנדערע שטעט. אין לאָדזש זיינען אויף דער 6־טאָגיקער רעפערענטן־שול אין 1933 געווען 31 שילער — 11 פון לאָדזש און 20 פון אָזאָר־קאָוו, פּיעטרקאָוו, זדונסקאַ וואָליאַ, דאָברע, גראַבאָוו, אוניעוו, קאַליש, סילעוו, טורעק, אַלעקסאַנדער און בעלכאַטאָוו.

די יידישע אַרבעטער־יוגנט האָט צוגעשטעלט די בעסטע לייענער פון יידישע ביכער. אין יעדער שטאָט און שטעטל האָט עקזיסטירט איינע אָדער עטלעכע ביבליאָטעקן, וואו מ׳האָט געטראָפן די אַרבעטער־יוגנט נישט בלויז אַלס לייענער, נאָר אויך אַלס אַקטיווע טוער און בויער. אין

אַ רײ ערטער האָבן די אָרגאַניזאַציעס פון יוגנט־בונד אויפגעשטעלט אײ־גענע ביבליאָטעקן מיט אַ פּאַסיקן צוקלײב פון ביכער. די לעצטע יאָרן האָט מען אין אײניקע ראַיאָנען אויך אָרגאַניזירט וואַנדערנדיקע ביבליאָ־טעקן מיט סאָציאַליסטישע ביכער, וואָס פלעגן געשיקט ווערן פון שטעטל צו שטעטל. אין ווילנע, למשל, הגם אין שטאָט זײנען געווען גרויסע רײכע ביבליאָטעקן, האָט פונדעסטוועגן דער יוגנט־בונד צוקונפט אויפ־געבויט אַן אײגענע ביבליאָטעק מיט איבער טויזנט ביכער. אין יאָר 1937 האָט די צאָל שטענדיקע לײענער פון דער אָרגאַניזאַציע־ביבליאָטעק באַ־טראָפן 200. נאָך שטאַרקער איז געווען די ראָל פון דער ביבליאָטעק אין קלײנעם שטעטל. אין אַזאַ קלײן שטעטל, ווי אַזדוטיטש (וואָלין) האָט דער יוגנט־בונד אויפגעבויט אַ ביבליאָטעק פון 2 טויזנט ביכער.

אין די טעג פון 7־טן—9־טן אָקטאָבער 1936 איז אין וואַרשע פאָר־געקומען די דריטע קולטור־קאָנפערענץ, צו וועלכער עס זײנען געקומען 267 דעלעגאַטן פון 67 שטעט פון אַלע עקן לאַנד (וועגן די ערשטע 2 קולטור־קאָנפערענצן — אין די יאָרן 1923 און 1926 — אין פערטן באַנד די געשיכטע פון בונד).

אויף דער קאָנפערענץ זײנען געהאַלטן געוואָרן פאָלגנדיקע רעפע־ראַטן: 1) די פּראָבלעמען פון דער יידישער מאַסן־קולטור. רעפערענט: שלמה מענדעלסאָן. 2) דער סטרוקטור־קריזיס פון קאַפּיטאַליזם — וויקטאָר אַלטער. 3) די אידײען־שטרעמונגען אין דער פּױלישער גע־זעלשאַפט — קאַזשימיעזש טשאַפּינסקי (פירער און קולטור־טוער פון פּ. פּ. ס., אומגעקומען בעת דער מלחמה אין לאַגער פון אַשוויענטשים אונטער דער נאַצי־אָקופּאַציע). 4) די אידײאישע שטרײטן אין דער יידי־שער אַרבעטער־באַוועגונג — יאָשקע ליפשיץ. 5) פּאַשיסטישע און סאָ־ציאַליסטישע יוגנט־דערציאונג — משה קליגסבערג. 6) מאָדערנע יוגנט־פּראָבלעמען — לעאָן אָלער. 7) שטײגער־לעבן פון אונזער יוגנט — קלמן וואַפּנער. 8) הײנטצײטיקע יוגנט־באַוועגונג — לוציאַן בליט. 9) די ראָל פון דער אָרגאַניזאַציע — עמנואל נאָוואָגרודסקי. 10) די איצטיקע פּראָב־לעמען פון מאַרקסיזם — ד"ר עמנואל שערער. 11) די מאַכט־פראַגע אין דער הײנטיקער צײט — הענריק ערליך. אַחוץ די דערמאָנטע רעפערענטן זײנען אויך געווען באַגריסונגען און רעדעס פון פאָרשטײער פון קרובישע אָרגאַניזאַציעס, צווישן זײ ווילי האקע אין נאָמען פון סאָציאַליסטישן דערציאונג־אינטערנאַציאָנאַל.

אין פיל שטעט און שטעטלעך האָבן בײ דער יוגנט־אָרגאַניזאַציע עקזיסטירט דראַמאַטישע קרײזן און כאָרן, וואָס פלעגן געבן פאָרשטע־לונגען און קאָנצערטן. טײל פון זײ, בפרט אין די גרעסערע שטעט, זײ־נען געווען גוט אויסגעשולט און זײנען געשטאַנען אויף אַ הויכער מדרגה. אין די גרויסע שטעט האָבן מיט זײ אָנגעפירט פאַכמענער־רעזשיסאָרן און מוזיקער־דיריגענטן.

אַ וויכטיקער צווייג פון טעטיקייט זיינען געווען די לאַגערן און צו־זאַמענפליען.

די לאַגערן זיינען זומער איינגעאָרדנט געוואָרן אין די בערג אָדער אין אַנדערע נאַטור־שיינע געגנטן פון לאַנד. ס'זיינען געווען צענטראַלע און ראַיאָנע לאַגערן. די יוגנט האָט דאָרט געלעבט אין געצעלטן אָדער שייערן און געפירט אַ קאָלעקטיוו לעבן במשך אַ צאָל וואָכן. אַ זאָרגלאָזע און אויפמונטערנדיקע הפסקה אין אַ יאָר פון דאגות און צרות. די לאַ־גערן זיינען געווען אַן אַוועקגיין פון שטאָט־גערויש, פון טומל און פון שפּאַן. ס'איז געווען אַ לעבן מיט זיך אַליין און מיט די אידייאיש נאָנטע.

ווי די לאַגערן זיינען געווען אַ פאָרם פון שטילן־לעבן, אַזוי זיינען די צוזאַמענפליען געווען, פאַרקערט, אַ ציען זיך צו דער גרעסערער שטאָט; נישט צו אָפּזונדערן זיך, נאָר אַרויסצוברענגען זיך אָפן פאַר דער וועלט. צוויי פאָרמען — פון שטילן לעבן און מוטיקער מאַניפעסטאַציע. דורך די צוזאַמענפליען האָט די יידישע אַרבעטער־יוגנט אין אַן אייגנ־אַרטיקער פאָרם אַנגעזאָגט, אַז זי איז דאָ און וואָס זי פאַרלאַנגט.

אַ גרויסע צאָל צוזאַמענפליען זיינען פאָרגעקומען אין ראַיאָנעם מאַס־שטאַב, און איינער — אין אַ לאַנד־מאַסשטאַב. אין יאָר 1928 איז פאָר־געקומען אַ היפּשע צאָל ראַיאָן־צוזאַמענפליען — דער גרעסטער דעם 6־טן און 7־טן אָקטאָבער אין וואַרשע. עס האָבן זיך אין אים באַטיי־ליקט 700 יוגנטלעכע פון דער אַרומיקער פּראָווינץ און 1300 פון וואַר־שע גופא.

בעת דער עפענונג אויפן אַרבעטער־ספּאָרט־פּלאַץ סקרא האָט דער פאָרזיצער פון בונד נח (יקותיאל פּאָרטנאָי) אין זיין רעדע געזאָגט, אַז „דער יוגנט־בונד צוקונפט האָט אויפגענומען די שענסטע טראַדיציעס פון אַמאָליקן קליינעם בונד". די אַנדערע רעדנער זיינען געווען: נ. שאַפּ־ראַן (צענטראַל־קאָמיטעט פון יוגנט־בונד צוקונפט), וויקטאָר אַלטער — אין נאָמען פון די פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען, עמנואל נאָוואָגרודסקי — אין נאָמען פון וואַרשעווער קאָמיטעט פון בונד, ד"ר חיים פיזשיץ — אין נאָמען פון דער ספּאָרט־אָרגאַניזאַציע מאָרגנשטערן און לעאָן אָלער. עס האָבן אויך גערעדט נ. כאַנין (יידישער סאָציאַליסטישער טוער אין אַמע־ריקע), וועלכער האָט דעמאָלט באַזוכט פּוילן און די צוויי יוגנטלעכע — יעקב צעלעמענסקי און יעקב גרושקאַ — דער ערשטער אַ יונגער שניי־דער און דער צווייטער — דעמאָלט אַ שילער פון די יידיש־וועלטלעכע פאָלקס־שולן און שפּעטער אַ מעטאַל־אַרבעטער. צעלעמענסקי האָט גע־רעדט אין נאָמען פון וואַרשעווער קאָמיטעט פון יוגנט־בונד צוקונפט, יעקב גרושקאַ אין נאָמען פון דער בונדישער קינדער־אָרגאַניזאַציע סקיף.

נאָך די רעדעס זיינען אויפן פּלאַץ פאָרגעקומען ספּאָרט־איבונגען און פאַרוויילונגען. דעם צווייטן טאָג האָט די יוגנט מאַרשירט אין אַ דע־מאָנסטראַציע־צוג איבער די גאַסן פון וואַרשע. דער צוזאַמענפלי איז

פאַרענדיקט געוואָרן מיט אַ פייערלעכער אַקאַדעמיע (קאָנצערט־מיטינג) אין זאַל פון צירק מיט דער באַטייליקונג פון עטלעכע טויזנט יוגנטלעכע.

ענלעכע צוזאַמענפליען זיינען אין זעלבן יאָר פאָרגעקומען אויך אין אַנדערע ראַיאָנען. אין יאָר 1930 זיינען פאָרגעקומען 15 ראַיאָנע צוזאַ־מענפליען אין פאַרשיידענע טיילן פון לאַנד. אויך אין די ווייטערדיקע יאָרן זיינען פאָרגעקומען צוזאַמענפליען אין פאַרשיידענע ראַיאָנען. יער־לעך פלעגן פאָרקומען אַזעלכע צוזאַמענפליען בערך אין אַ צענטליק ערטער.

דעם 10־טן און 11־טן יוני (שבועות) 1932 איז אין וואַרשע פאָר־געקומען אַ לאַנד־צוזאַמענפלי. פון די ווייטסטע עקן איז מען געקומען. טייל יוגנטלעכע, וועלכע האָבן נישט געהאַט אויף הוצאות הדרך, האָבן זיך געלאָזט אין וועג אַריין צופוס, צווישן זיי 3 יינגלעך און איין מיידל פון ווילנע, וועלכע זיינען געגאַנגען 14 טעג און דורכגעמאַכט צופוס 400 קילאָמעטער.

אין לאַנד־צוזאַמענפלי האָבן זיך באַטייליקט איבער 4 טויזנט יוגנט־לעכע. 1700 זיינען געווען פון בערך הונדערט פראָווינץ־שטעט און די איבעריקע — פון וואַרשע. עס זיינען אויך געווען פאַרטראָטן פריינט־לעכע יוגנט־אָרגאַניזאַציעס — פאַרשטייער און גרופּעס יוגנטלעכע אַר־בעטער און סטודענטן פון די פּוילישע סאָציאַליסטישע אָרגאַניזאַציעס, ווי אויך שלוחים פון דער סאָציאַליסטישער יוגנט־אָרגאַניזאַציע און ספּאָרט־און שוץ־פאַרבאַנד אין לעטלאַנד. דער סאָציאַליסטישער יוגנט־אינטערנאַציאָנאַל איז געווען פאַרטרעטן דורך אַ ספּעציעלן שליח — ערנסט פּאָול פון טשעכאָסלאָוואַקיע. דער צוזאַמענפלי האָט זיך אָנגע־הויבן מיט אַ גרויסן וועט־לויף פון 47 יונגע אַרבעטער־ספּאָרטלער — 27 יידישע און 20 פּוילישע איבער די גאַסן פון שטאָט צום אָרט פון דער פייערלעכער עפענונג, צום פּלאַץ פון פּוילישן אַרבעטער ספּאָרט־קלוב סקראַ. אויפן גרויסן פּלאַץ פון סקראַ זיינען געווען פאַרזאַמלט טויזנטער יוגנטלעכע און איבער זייערע קעפּ האָבן געפלאַטערט צענטליקער רויטע שטורם־פענער. ביי אַ פייערלעכער שטילקייט זיינען פון טריבונע אַראָפּ־געפאַלן די ווערטער פון לוציאַן בליט: „אין טאָג פון דער 30־טער יאָרצייט, ווען הירש לעקערט איז געגאַנגען אויף דער תליה, עפן איך דעם צוזאַמענפלי פון דער בונדישער יוגנט אין פּוילן".

אין נאָמען פון בונד האָט געגרעדט דער פאַרזיצער פון צענטראַל־קאָמיטעט, נח (יקותיאל פאָרטנעי), וועלכער האָט געזאָגט: „35 יאָר מאַרשירן די יידישע אַרבעטער אונטער דער רעוואָלוציאָנערער פאָן פון בונד; אויך די יוגנט האָט שטענדיק צוזאַמען מיט אונז געקעמפט. פריער איז געווען דער קליינער בונד און היינט דער מעכטיקער יוגנט־בונד צוקונפט". ער האָט דערלאַנגט אַ מתנה דער יוגנט אַ רויטע פאָן.

אין נאָמען פון צענטראַל־קאָמיטעט פון יוגנט־בונד צוקונפט האָט

גערעדט לעאָן אָלער. אין נאָמען פון דער צענטראַל־קאָמיסיע פון די פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען אין פּוילן האָט באַגריסט איר סעקרעטאַר, דער פּוילישער אַרבעטער־פירער זיגמונט זשולאַווסקי. אין נאָמען פון לאַנד־ראַט פון די פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען פון די יידישע אַרבעטער אין פּוילן האָט גערעדט וויקטאָר אַלטער. סטאַניסלאַוו דיבוא (אין די יאָרן פון דער צווייטער וועלט־מלחמה אומגעבראַכט דורך די דייטשע נאַציס), וועלכער האָט גערעדט אין נאָמען פון אַלע צווייגן פון דער פּוילישער סאָציאַליסטישער יוגנט־באַוועגונג (טור, רויטן האַרצער און ספּאָרט־אָרגאַניזאַציע), האָט געזאָגט: „מיר זיינען דאָ אַהערגעקומען נישט אַלס געסט, נאָר אַלס אָנטיילנעמער. אונזער יוגנט איז געקומען צוזאַמען מיט אייך דעמאָנסטרירן. ס'איז דער פאַרדינסט פון דער פּוילישער און יידישער אַרבעטער־יוגנט, וואָס זי האָט געמאַכט דעם ערשטן טריט צו דער פאַראייניקונג פון פּראָלעטאַריאַט פון אַלע פעלקער, וועלכע לעבן אין פּוילן".

פון דער לעטלענדישער סאָציאַליסטישער יוגנט האָבן באַגריסט מ. ב. וואַלקאָוו און ה. מייקסין. עס האָבן נאָך געהאַלטן רעדעס: יאַן קשעסלאַווסקי (פּוילישע סאָציאַליסטישע פּאַרטיי), מ. אָזשעך (יידישע אַרבעטער־ספּאָרט־אָרגאַניזאַציע מאָרגנשטערן), יאָסל מלאָטעק (סקיף), ג. יאַשונסקי (בונדישע סטודענטן־אָרגאַניזאַציע רינגען), ז. מינצער (פּוילישע סאָציאַליסטישע סטודענטן־אָרגאַניזאַציע ז. נ. מ. ס.), שלמה מענדעלסאָן (צענטראַלע יידישע שול־אָרגאַניזאַציע — צישאָ).

דעם צווייטן טאָג איז פאָרגעקומען אַן אימפּאָזאַנטע דעמאָנסטראַציע איבער די גאַסן פון שטאָט. דאָס איז בכלל געווען די גרעסטע יוגנט־דעמאָנסטראַציע אין פּוילן. די רייען האָבן זיך געצויגן אויף אַ לענג פון עטלעכע קילאָמעטער. הונדערטער פענער און טראַנספּאַרענטן מיט לאָזונגען זיינען געטראָגן געוואָרן. די טויזנטער יוגנטלעכע, אַלע געקליידט אין בלויע בלוזעס און רויטע קראַוואַטן, האָבן אַרויסגערופן באַוואונדערונג און אָנערקענונג ביי די צענטליקער טויזנטער יידן און פּאָליאַקן, וועלכע זיינען געדיכט געשטאַנען אויף די טראָטואַרן און וואַרעם באַגריסט די פאַרביימאַרשירנדיקע.

אין אָוונט איז פאָרגעקומען אַן אַקאַדעמיע. דער גרעסטער זאַל פון דער פּוילישער הויפּט־שטאָט, דער צירק, איז געווען איבערגעפּאַקט מיט יוגנט. געעפנט די אַקאַדעמיע האָט יאַשקע ליפשיץ. אין נאָמען פון סאָציאַליסטישן יוגנט־אינטערנאַציאָנאַל האָט גערעדט ערנסט פּאַול, וועלכער האָט דערקלערט: „דער סאָציאַליסטישער יוגנט־אינטערנאַציאָנאַל האָט מיך באַפולמעכטיקט אייך צו באַגריסן אין נאָמען פון די הונדערטער טויזנטער יוגנטלעכע סאָציאַליסטן, וועלכע זיינען אָרגאַניזירט אין זיינע רייען. עס איז פאַר מיר אַ פרייד צו זיין אויפן ערשטן לאַנד־צוזאַמענפלי פון דער יידישער אַרבעטער־יוגנט, צו וועלכער מיר פילן די וואַרעמ־

סטע סימפּאַטיע. ווען איך בין היינט מיט אייך געגאַנגען אין דער דע־מאָנסטראַציע איבער די גאַסן פון וואַרשע, האָב איך געקענט פעסט־שטעלן, אַז די לאָזונגען, וואָס איר האָט געטראָגן זיינען אויך די לאָזונגען פון דער גאַנצער סאָציאַליסטישער יוגנט. דער גייסט, וואָס באַהערשט אייך, איז דער גייסט פון אונזער מחנה. אין צענטליקער שפּראַכן קלינגט אייער באַגריסונג: חברשאַפט! אייער קאַמף איז אונזער קאַמף. מיר זיי־נען פלייש פון זעלבן פלייש״.

אַ גרויסע פּאָליטישע רעדע האָט געהאַלטן הענריק ערליך. זיין רעדע האָט ער אָנגעהויבן מיט פאָלגנדיקע ווערטער: „אין נאָמען פון צענט־ראַל־קאָמיטעט פון בונד באַגריס איך אייך — יוגנט־פּליער, דעם פאָר־שטייער פון סאָציאַליסטישן יוגנט־אינטערנאַציאָנאַל און די פאָרשטייער פון דער פּוילישער אַרבעטער־יוגנט. אומפאַרגעסלעך וועלן בלייבן די טעג. איר האָט באַוויזן, אַז איר פאַרמאָגט אַ היילקן פלאַם פון סאָציאַ־ליסטישן גלויבן און אַז איר זענט גרייט צום קאַמף״.

אין נאָמען פון דער פּוילישער סאָציאַליסטישער יוגנט־אָרגאַניזאַציע — טור האָט באַגריסט לודוויג קאַן, וועלכער האָט צווישן אַנדערן געזאָגט: „מיר האָבן שוין הינטער זיך אַ ריי געמיינזאַמע אַקציעס און אַנטי־מלחמה אַקאַדעמיעס. די יידישע און פּוילישע אַרבעטער־יוגנט האָט די ערשטע אַדורכגעבראָכן די ווענט פון פאַראורטיילן, בעת אַרום בושעוועט נאַציאָ־נאַלע שינאה און אַנטיסעמיטיזם״.

אין קאָנצערט־טייל האָבן גרופּעס פון מאָרגנשטערן אויסגעפירט גימ־נאַסטישע איבונגען און שפּילן. די הויפּט־אַטראַקציע פון קאָנצערט איז געווען אַ מאַסן־שפּיל איבערברוך, וואָס דער דיכטער משה בראָדערזאָן האָט ספּעציעל פאַרפאַסט צום צוזאַמענפלי און איז אויפגעפירט געוואָרן דורך דער דראַמאַטישער סטודיע פון דער וואַרשעווער אָרגאַניזאַציע פון יוגנט־בונד צוקונפט.

די צוזאַמענפליען זיינען געווען אַ געמיש פון פאַרוויילונג, יום־טוב־דיקייט און פּאָליטישער מאַניפעסטאַציע. דעם זעלבן צוועק האָבן געדינט אויך די אַנדערע עפנטלעכע אַרויסטרעטונגען. פון צייט צו צייט זיינען איינגעאָרדנט געוואָרן עפנטלעכע פאַרזאַמלונגען, כדי צו באַהאַנדלען אַל־געמיין־פּאָליטישע און ספּעציעלע יוגנט־ענינים. אין פאַרשאַרפטע סיטו־אַציעס זיינען אויך פאַרגעקומען פּראָטעסט־דעמאָנסטראַציעס אין די גאַסן. געוויינלעך פלעגט די פּאָליצײ אָזעלכע דעמאָנסטראַציעס צעטרייבן. דערביי האָט זי צעשלאָגן און אויך אַרעסטירט וועמען זי האָט געקאָנט כאַפּן. אין וואַרשע האָט דער יוגנט־בונד צוקונפט, דעם 4טן דעצעמבער 1929 אין אָוונט, אין דריי טיילן פון שטאָט דורכגעפירט פּראָטעסט־דעמאָנסטראַ־ציעס קעגן דעם דיקטאַטאָרישן רעזשים. עס זיינען אָפּגעהאַלטן געוואָרן מאַסן־פאַרזאַמלונגען און מ׳האָט געטיילט אויפרופן צווישן די פאַרבייגייער און זייטיקן עולם. אויפן פּלאַץ פּשעיאַזד האָט אַ פּאָליציייאישער געהיים־

אַגענט דערשאָסן דעם מיטגליד פון יוגנט־בונד צוקונפט — שיע גרינ־וואַלד. זיין לוויה, וואָס די יוגנט־אָרגאַניזאַציע האָט איינגעאָרדנט, איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ פּאָליטישער פּראָטעסט־מאַניפעסטאַציע. 10 טויזנט האָבן מאַרשירט נאָכן ארון, צענטליקער טויזנטער מענטשן זיינען געשטאַנען אויף די טראָטואַרן און אָפּגעוואַרט די לוויה. אויף די הייזער פון שטאָט זיינען געווען פאַנאַנדערגעקלעפּט טרויער־פּלאַקאַטן. 40 רויטע פענער און צענטליקער קרענץ האָט מען געטראָגן. פאַרן אָפענעם קבר, בעת דער רעדע פון בונדישן טוער הערשל הימלפאַרב, האָט זיך אַריינ־געמישט פּאָליציי און באַפוילן דעם עולם צו פאַרלאָזן דעם בית־עולם. אין בערך 150 שטעט זיינען צוליבן מאָרד פאַרגעקומען פּראָטעסט־פאַר־זאַמלונגען און גאַסן־דעמאָנסטראַציעס. אין אַ ריי ערטער זיינען דערביי פאָרגעקומען אַרעסטן. צווישן די, וועלכע מען האָט אַרעסטירט און פאַר־משפּט פאַר אָנפירן מיט אַ דעמאָנסטראַציע צוליבן גרינוואַלד־מאָרד, איז אויך געווען דער מיטגליד פון צענטראַל־קאָמיטעט פון יוגנט־בונד צו־קונפט, יאַשקע אָפּמאַן. דער ווילנער קרייז־געריכט האָט אים פאַר דעם און ענלעכע ענינים פאַרמשפּט אויף 3 יאָר טורמע. די טעגלעכע צייטונג פון בונד, נייע פאָלקס־צייטונג, און דער האַלב־חודשלעכער אָרגאַן פון דער בונדישער יוגנט־אָרגאַניזאַציע, יוגנט־וועקער, זיינען עטלעכע מאָל קאָנ־פיסקירט געוואָרן פאַר אַרטיקלען און ידיעות אין שייכות מיטן מאָרד פון שיע גרינוואַלד.

* * *

די בונדישע יוגנט־פּרעסע האָט געשפּילט אַ גרויסע ראָל אין דער אויפקלערונג־אַרבעט, אין דער אידעאָלאָגישער און אָרגאַניזאַציאָנעלער אַנטוויקלונג פון דער יוגנט־באַוועגונג און אין דער פאַראייניקייטלעכונג פון די טעטיקייטן און אַקציעס. אין לעצטן צענטליק יאָר ביזן אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה איז אויך די יוגנט־פּרעסע שטאַרק זיך פאַנאַנדערגעוואַקסן. פון הויפּט־אָרגאַן, דעם האַלב־מאָנאַטלעכן יוגנט־וועקער, זיינען געדרוקט געוואָרן 371 נומערן. דער לעצטער נומער איז אַרויס שוין נאָך דער באַלאַגערונג פון וואַרשע, אין דער צווייטער העלפט פון סעפּטעמבער 1939. ער איז געדרוקט געוואָרן, ווען די שטאָט איז שוין געשטאַנען אין פלאַמען.

פון די 371 נומערן האָבן אַ סך נישט דערזען די ליכטיקע שיין, ווייל זיי זיינען קאָנפיסקירט געוואָרן דורך דער צענזור. געווייינלעך פלעגן זיין פאַרשידענע קאָנפיסקאַציעס: שטילע און אָפענע. שטילע האָט געהייסן — דער צענזאָר האָט באַפוילן אַרויסצונעמען גאַנצע אַרטיקלען אָדער טיילן פון זיי, אָבער דערביי האָט מען געמוזט פאַרשטאָפּן די לעכער מיט אַנדערן מאַטעריאַל, כדי דער לייענער זאָל נישט דערקענען, אַז מען האָט עפּעס אַרויסגעוואָרפן. מעלדן די ענדערונגען האָט מען אין אַזאַ פאַל נישט געטאָרט. אַזעלכע שטילע קאָנפיסקאַציעס זיינען געווען אָן אַ שיעור.

ביי אָפּענע קאָנפיסקאַציעס האָט דער צענזאָר געהייסן אַרויסוואַרפן גאַנצע אַרטיקלען אָדער טיילן פון זיי און עס האָבן געדאַרפט בלייבן ווייסע פלעקן. אין אַזאַ פאַל איז די גאַנצע אויפלאַגע פון אָפּגעדרוקטן נומער צוגענומען געוואָרן דורך דער פּאָליציי. פון נישט קאָנפיסקירטן טייל, איבערלאָזנדיק ווייסע פלעקן, האָט מען געווײנלעך געדרוקט אַ נייעם נומער, אָנווייזנדיק, אַז ס'איז אַ „צווייטע אויפלאַגע נאָך אַ קאָנפיס־קאַציע". אין אַזעלכע פאַלן האָט מען שוין געווײנלעך אויך געמאַכט אַ פּרעסע־פּראָצעס קעגן רעדאַקטאָר. אויב אין צייטונג איז געווען אַ שאַרפע זאַך, צוליב וועלכער די צענזור האָט געהאַט שטאַרקן פאַרדרוס, האָט זי נאָך אָנגעטאָן פאַרשידענע אַנדערע שיקאַנעס, וואָס האָבן געשטערט דאָס דערשיינען פון דער צייטונג.

אַ פּאָר ביישפּילן פון די אָפּענע קאָנפיסקאַציעס: דער נומער 12 יוגנט־וועקער 1933 איז קאָנפיסקירט געוואָרן פאַר אַן אַרטיקל „דער העל־דישער קאַמף פון דער בעלגישער סאָציאַליסטישער יוגנט קעגן מיליטאַ־ריזם". נומער 3 פון יאָר 1934 איז קאָנפיסקירט געוואָרן פאַרן לייט־אַרטיקל וועגן די לעצטע שטרייקן און פאַר אַן אַרטיקל וועגן דער פּראָ־יעקטירטער נייער קאָנסטיטוציע. 1טער מאַי־נומער 1935 — פאַר טיילן פון אויפרוף פון צענטראַל־קאָמיטעט פון יוגנט־בונד און פאַר אַ טייל פון אַרטיקל: „אונזער ברודער־גרוס". נומער 15 פון 1935 — פאַר אַ טייל פון אַרטיקל: „מיר בייטן נישט דעם פראָנט". נומער 17 פון יאָר 1935 — פאַר דריי זאַכן. נומער 20 פון 1935 — פאַר אַ טייל פון אַרטיקל וועגן אי־טאַליעניש־אַביסינישן קאָנפליקט. נומער 21 פון זעלבן יאָר — פאַר אַ טייל פון דער דעקלאַראַציע פון יוגנט־בונד צוזאַמענפאָר אויפן 5טן קאָנגרעס פון סאָציאַליסטישן יוגנט־אינטערנאַציאָנאַל, ווי אויך פאַר אַ טייל פון לייט־אַרטיקל. נומער 22 פון זעלבן יאָר — פאַר אַ רעזאָלוציע פון 5טן קאָנגרעס פון סאָציאַליסטישן יוגנט־אינטערנאַציאָנאַל וועגן קריג־געפאַר פון פאַ־שיזם. אין 1936 האָט מען קאָנפיסקירט דעם נומער 10 — פאַר דריי זאַכן און דעם נומער 17 פאַר דריי זאַכן.

אַזוי וואָלט מען געקאָנט ציען נאָך אַ לאַנגע רשימה. געווען צייטן, ווען די צענזור האָט זיך געהאַלטן ביי אַ טאַקטיק פון שטילע קאָנפיס־קאַציעס — שאַ, שטיל, קיינער זאָל נישט וויסן; און געווען אַ צייט, ווען זי האָט נישט געדולדעט קיין אָפּענע קאָנפיסקאַציעס מיט ווייסע פלעקן.

אַחוץ דער רעגולערער פּרעסע האָט דער יוגנט־בונד צוקונפט פון צייט צו צייט אויך אַרויסגעגעבן אויפרופן, בראָשורן און ביכלעך. אויך די אויפרופן, בראָשורן און ביכלעך פלעגן געשטראָכן ווערן מיט דער רויטער טינט פון צענזאָר. צווישן אַנדערע איז אין 1936 קאָנפיסקירט געוואָרן די גאַנצע בראָשור „אַ רוף צום יונגן מענטש".

נישט געקוקט אויף די שווערע מניעות, וואָס די יידישע סאָציאַ־

ליסטישע יוגנט־פּרעסע האָט געהאַט גובר צו זיין, איז זי כסדר געוואַקסן און ס׳איז פאַרגרעסערט געוואָרן איר פאַרשפּרייטונג. אין די לעצטע יאָרן פלעגט דער יוגנט־וועקער דערשיינען געוויינלעך אין 6,000 עקזעמפּלאַרן. אַחוץ דעם זיינען אָפט אַרויסגעגעבן געוואָרן ספּעציעלע פּרעסע־נומערן, וואָס מ׳האָט געדרוקט אין פיל גרעסערע צאָלן. אַזוי, למשל, איז דער 1־טער מאַי־נומער פון יאָר 1937 געדרוקט געוואָרן אין 25 טויזנט עקזעמפּלאַרן און איז פאַרשפּרייט געוואָרן אין 200 שטעט און שטעטלעך. דער נומער פון 1־טן נאָוועמבער 1937, געווידמעט דעם 40־יאָריקן יובילײ פון בונד, איז געדרוקט און פאַרשפּרייט געוואָרן אין 35 טויזנט עקזעמפּלאַרן. דאָס פאַרשפּרייטן דעם נומער איז געווען פאַרבונדן מיט גרויסע בונדישע יוגנט־פּײַערונגען אין גאַנצן לאַנד. דער נומער יוגנט־וועקער פון 1טן אָקטאָבער 1938, צום אינטערנאַציאָנאַלן יוגנט־טאָג, איז געוואָרן פאַרשפּרייט אין 30 טויזנט עקזעמפּלאַרן אין 250 שטעט. אַ טייל יוגנטלעכע, וועלכע זיינען אַרויסגעגאַנגען איבער די גאַסן פון וואַרשע פאַרקויפן זייער יוגנט־צייטונג, זיינען סך־הכל מיט אַ פּאָר יאָר שפּעטער געוואָרן אומשטערבלעכע העלדן אַלס פירער פון די געטאָ־קעמפער אין וואַרשעווער אויפשטאַנד אין אַפּריל־מאַי 1943.

סוף 1938 האָט דער יוגנט־בונד צוקונפט אין פּוילן אָנגעהויבן אַרויסגעבן אַ צווײ חודש־שריפט נײַע קולטור, געווידמעט „פראַגן פון סאָציאַליסטישער אויפקלערונג און דערציאונג”, ווי אויך סאָציאַל־ווירטשאַפטלעכע פּראָבלעמען פון דער יידישער יוגנט. 5 נומערן האָבן באַוויזן צו דערשיינען פון דער צייטונג.

אין יאַנואַר 1938 האָט דער יוגנט־בונד נאָך אַ לאַנגער הפסקה אויך אָנגעהויבן אַרויסצוגעבן אַ חודש־צייטונג אין דער פּוילישער שפּראַך וואַלנאַ מלאָדזשעזש (פרייע יוגנט), וואָס האָט געהאַט גרויס דערפאָלג צווישן דער שול־יוגנט. אַ געוויסע צאָל איז פאַרשפּרייט געוואָרן צווישן דער פּוילישער סאָציאַליסטישער יוגנט. פאַרוואָס ס׳איז נויטיק געווען אַזאַ אָרגאַן, איז געזאָגט געוואָרן אין ערשטן נומער פון וואַלנאַ מלאָדזשעזש: „די אָפיציעלע בילדונגס־פּאָליטיק פון פּוילן איז גורם, אַז אַ זייער באַדייטנדיקער טייל יידישע קינדער האָט נישט קיין שול אין דער מוטער־שפּראַך און מוז לערנען אין די פּוילישע שולן. עס זיינען דעריבער פאַראַן ברייטע שיכטן יידישע קינדער און יוגנטלעכע, וועלכע קענען לגמרי נישט קיין יידיש אָדער קענען נישט לייענען און שרייבן אין דער שפּראַך פון די יידישע פאָלקס־מאַסן. קעמפנדיק אומאויפהערלעך דערפאַר, אַז די יידישע קינדער זאָלן האָבן אַ שול מיט דער יידישער לערןשפּראַך, טאָרן מיר אָבער נישט פאַרמאַכן די אויגן אויפן פאַקט, אַז צו אַ גרויסן טייל פון אונטערוואַקסנדיקן דור קען מען מיטן סאָציאַליסטישן וואָרט צוקומען נאָר אין דער פּוילישער שפּראַך. מיר ווילן נישט, אַז דער טייל פון דער יידישער יוגנט, וואָס איז, ליידער, שפּראַכלעך פאַרפרעמדט

געוואָרן, זאָל אויך גייסטיק זיין פרעמד דעם גערא־נגל פון די יידישע אַרבעטנדיקע מאַסן פאַר זייער סאָציאַלער באַפרייאונג און פאַר די רעכט פון זייער נאַציאָנאַלער קולטור. נאָרמאַל איז אַ נומער וואָלנאַ מלאַדזשעזש פאַרשפּרייט געוואָרן אין איבער 5 טויזנט עקזעמפּלאַרן. אַ ספּעציעלער נומער, אַפּריל 1939, איז פאַרשפּרייט געוואָרן אין 13 טויזנט עקזעמ־פּלאַרן.

די יידישע סאָציאַליסטישע יוגנט־פּרעסע האָט במשך פון די 20 יאָר פון אומאָפּהענגיקן פּוילן, צווישןביידע וועלט־מלחמות, געטריי געדינט דער יידישער יוגנט אַלס איר פאַרשפּרעכער און וועג־ווייזער. די יידישע אַרבעטער־יוגנט האָט דאָס אויסגעצייכנט געוואוסט און האָט מיט רירנ־דיקער ליבע זיך באַצויגן צו איר אייגענער פּרעסע. אויף אַ נייעם נומער האָבן די ייִנגע לייענער אויסגעקוקט מיט אומגעדולד. זיי פלעגן די צייַ־טונג איבערלייענען פון עק ביז עק. ווען ס׳איז נויטיק געווען, זיינען זיי געווען פריווילעגיקע פאַרשפּרייטער. איז די יוגנט־פּרעסע געווען מאַטעריעל געענגט, איז גענוג געווען אַן אַפּיל — און טויזנטער יוגנטלעכע האָבן פון זייערע שווער־אויסגעהאַרעוועטע קליינע לוינען אַראָפּגענומען די גראָשנס און גילדנס און עס אַוועקגעגעבן פאַר דער צייטונג.

מיט דער בונדישער יוגנט־פּרעסע האָבן זיך פאַרנומען רעדאַקציע־קאָלעגיעס, וואָס דער צענטראַל־קאָמיטעט פון יוגנט־בונד צוקונפט האָט באַשטימט. אַחוץ איין איינציקן אויסנאַם זיינען די רעדאַקציע־קאָלעגיעס באַשטאַנען פון יוגנט־טוער. און אַזוי אויך וואָס שייך די מיטאַרבעטער. אַחוץ געציילטע אויסנאַמען, זיינען די מחברים פון די אַרטיקלען און די קאָרעספּאָנדענטן געווען אַקטיוויסטן פון דער יוגנט־באַוועגונג. בלויז אויפן געביט פון ליטעראַטור — לידער, דערציילונגען, ליטעראַרישע קריטיק אָדער וויסנשאַפטלעכע אַרטיקלען — זיינען אויך געווען מיטאַר־בעטער, וואָס זיינען נישט געווען קיין יוגנט־טוער און אַפילו נישט קיין בונדיסטן. אין די רעדאַקציע־קאָלעגיעס פון בונדישן יוגנט־אָרגאַן אין יידיש האָבן אין פאַרשידענע צייטן געהערט: נאָטאַן שאַפּראַן, יעקב שלום הערץ, יוסף ראַטנער (דאָס איז געווען די רעדאַקציע פון דער סאָציאַ־ליסטישע יוגנט־שטימע, שאַפּראַן און הערץ האָבן געהערט אויך אין די ווייטערדיקע יאָרן), ד״ר ישעיה ליפּאָווסקי, פּנחס שוואַרץ, אַבראַשע וויי־נער, לייבל אָלשאַניעצקי, לוציאַן בליט, לעאָן אָלער. במשך 15 יאָר האָט דעם יוגנט־וועקער רעדאַגירט י. ש. הערץ, וועלכער איז געווען דער סעקרעטאַר פון רעדאַקציע־קאָלעגיע; אין די ערשטע יאָרן פון דער בונ־דישער יוגנט־פּרעסע האָט די דאָזיקע פונקציעס אויסגעפירט נאָטאַן שאַפּראַן. (אַ גאַנצע רשימה פון דער בונדישער יוגנט־פּרעסע — אין פערטן באַנד די געשיכטע פון בונד).

* * *

דער יוגנט־בונד צוקונפט איז געווען אַ סאָציאַליסטישע דערציאונגס־

און קאַמף־אָרגאַניזאַציע. פון איין זייט האָט ער געגעבן זײַנע מיטגלידער עלעמענטאַרע בילדונג, סאָציאַלע קענטעניש און געזאָרגט וועגן דער קולטורעלער דערהויבונג און עקאָנאָמישן וואוילשטאַנד פון די יוגנטלעכע אַרבעטער, און פון דער צווייטער זייט האָט ער זיך באַטייליקט אין די גרויסע פּאָליטישע געשעענישן, וואָס זײַנען פאָרגעקומען אין לאַנד. וואָס שייך די פּאָליטישע אַקציעס, האָבן זיי געקאָנט זיין זעלבסטשטענדיקע נאָר אין פאַלן, ווען זיי האָבן געהאַט אַ שייכות בלויז צו יוגנט. אין אַל־געמיינע פּאָליטישע געשעענישן איז די יוגנט־אָרגאַניזאַציע פּאַקטיש גע־ווען אַ הילף־אָרגאַן פון דער פּאַרטיי. גרויס איז די צאָל פון די אַקציעס, וואָס דער יוגנט־בונד צוקונפט האָט די לעצטע יאָרן אַליין דורכגעפירט אָדער אין זיי זיך באַטייליקט.

יאָר־יערלעך איז געפייערט געוואָרן דער אינטערנאַציאָנאַלער יוגנט־טאָג. זינט 1936 איז באַשלאָסן געוואָרן די פייערונגען דורכצופירן אין 2 טעג — שבת און זונטאָג. שבת — ווייל ס׳איז געווען דער רו־טאָג פון דער גרויסער מערהייט פון דער יידישער אַרבעטער־יוגנט; זונטאָג — ווייל אַ טייל האָבן נישט געאַרבעט אין יענעם טאָג און אויך ווייל דאָס איז געווען דער אָפיציעלער טאָג פון יום־טוב. מיטן דערנענטערן זיך פון יוגנט־בונד צוקונפט צום סאָציאַליסטישן יוגנט־אינטערנאַציאָנאַל זײַנען די פייערונגען דורכגעפירט געוואָרן אין אָנהויב פון אָקטאָבער.

טראַדיציאָנעלע אַרויסטרעטונגען זײַנען אויך געווען דעם 1טן מאַי. פון יאָר צו יאָר איז געשטיגן דער אָנטייל פון די יוגנטלעכע דעמאָנ־סטראַנטן. די 1טע מאַי־פייערונגען זײַנען נישט תמיד אַדורך רואיק. אין דער אָדער יענער שטאָט האָט די פּאָליציי געהאַט אַ טבע צו מאַכן שטערונגען אָדער אַראַנזשירן בלוטיקע איבערפאַלן אויף די דעמאָנ־סטראַנטן. די לעצטע יאָרן פאַרן קריג זײַנען צו דעם נאָך צוגעקומען איבערפאַלן פון פאַשיסטישע באַנדעס. די אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס האָבן דעריבער געהאַט אָרגאַניזירטע מיליץ־אָפּטיילונגען, וואָס זייער אויפגאַבע איז געווען צו האַלטן די אָרדענונג און צו שיצן די דעמאָנסטראַנטן פון איבערפאַלן. נישט איין מאָל איז אויסגעקומען צו פירן שווערע קאַמפן מיט פאַשיסטישע אָנפאַלער. אויך דער יוגנט־בונד צוקונפט האָט געהאַט זיין מיליץ — דעם אַזוי־גערופענעם „צוקונפט־שטורם”, וואָס איז געווען מיליטעריש אויסגעשולט און מונדירט.

אין יאָר 1937 האָבן אין 1טן מאַי־צוג פון יוגנט־בונד צוקונפט אין לאָדזש מאַרשירט 2 טויזנט יוגנטלעכע. נאָך גרעסער איז געווען דער יוגנט־צוג אין וואַרשע, וואָס האָט אין יענעם יאָר געהאַט אויסצושטיין אַ בלוטיקן אָנפאַל פון פאַשיסטישע כוליגאַנעס, וועלכע האָבן געשאָסן. עס זײַנען געווען עטלעכע קרבנות, אַלע — זייטיקע צושויער. בעת דער שיסעריי איז דערשאָסן געוואָרן צום טויט דאָס 5־יאָריק קינד אַברהמעלע שענקער. דער „צוקונפט־שטורם” האָט געשיצט דעם צוג און די אָנפאַלער פאַרטריבן.

אין 1938 האָבן אין דער בונדישער 1טע מאַי־דעמאָנסטראַציע אין וואַרשע זיך באַטייליקט 25 טויזנט מענער און פרויען. צווישן זיי — 5 טויזנט יוגנטלעכע אונטער די פענער פון יוגנט־בונד צוקונפט. דער יוגנט־צוג האָט זיך אויסגעצייכנט אויך מיט זיין דעקאָראַטיווער זייט. בראָש פון צוג האָבן געפלאַטערט איבער 60 גרויסע רויטע שטורם־פענער. אין לאָדזש האָבן אין יענעם יאָר מאַרשירט אין די יוגנט־רייען 2,500. גרויס איז אויך געווען די באַטייליקונג פון דער יוגנט אין אַנדערע שטעט.

אין די יאָרן 1933—1939 האָט די יידישע אַרבעטערשאַפט אין פוילן געפירט אַ שטאַרקע באָיקאָט־אַקציע קעגן דייטשע סחורות. אויך די יוגנט האָט זיך אַקטיוו באַטייליקט אין דער באָיקאָט־קאַמפּאַניע. אין פיל פאַלן האָט די אַרבעט פון דער יוגנט געגעבן גאַנץ ממשותדיקע רעזולטאַטן. אין ביישפּיל בלויז: די יוגנט איז געווען באַזונדערס אַקטיוו אויפן געביט פון רופן צו באָיקאָטירן דייטשע פילמען. ווען מ׳האָט געוויזן אַזאַ פילם, פלעגן די פּלאַקאַטן באַקלעפּט ווערן מיט צעטלעך: „באָיקאָטירט דעם היטלער־פילם״.

ביי די פאַרשיידנסטע געלעגנהייטן האָט די יידישע סאָציאַליסטישע יוגנט דעמאָנסטרירט קעגן פאַשיזם. אין פעברואַר 1934, ווען די עסטרייכישע סאָציאַליסטן זיינען געווען אין באַוואָפנטן אויפשטאַנד קעגן דער פאַשיסטישער היימווער־רעגירונג, האָבן די אָרגאַניזאַציעס פון יוגנט־בונד צוקונפט און טור, די יידישע און פוילישע סאָציאַליסטישע יוגנט, צוזאַמען דורכגעפירט אַ פיינטלעכע דעמאָנסטראַציע ביי דער עסטרייכישער אַמבאַסאַדע אין וואַרשע, טראָץ דעם וואָס פּאָליציי האָט אָפּגעצוימט דעם וועג צו איר.

דער בירגער־קריג אין שפּאַניע האָט די גאַנצע צייט געהאַלטן געשפּאַנט די יידישע אַרבעטער־יוגנט אין פוילן. פיל האָבן זיך געריסן צו פאָרן קיין שפּאַניע, כדי מיט אייגענעם בלוט און לעבן בייצושטייערן פאַרן פרייהייטס־קאַמף. צוליב די אומגעהויערע מאַטעריעלע און גרענעץ־מניעות האָבן בלויז געציילטע באַוויזן זייער וואונטש צו פאַרווירקלעכן. פון די יינגע סאָציאַליסטן פון פוילן, וועלכע זיינען אַוועק קיין שפּאַניע, כדי מיט געווער אין האַנט צו קעמפן קעגן פאַשיזם, זיינען געפאַלן די מיטגלידער פון יוגנט־בונד — בעניעק ליוושיץ און שלום שייבאָוויטש.

דער יוגנט־בונד און זיינע מיטגלידער זיינען געווען אין סאַמע מיטן פון קאָכיקן פּאָליטישן לעבן אין לאַנד. און באַזונדערס וואַכזאַם איז די אָרגאַניזאַציע געווען, ווען עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן צורויבן רעכט פון דער יוגנט. אין די יאָרן 1934־5, ווען די דיקטאַטאָרישע רעגירונג האָט אין פּוילישן פּאַרלאַמענט גענומען צושניידן אַ נייע פאַרערגערטע קאָנסטיטוציע און דערביי זיך געקליבן צוצורויבן די וואַל־רעכט ביי דריי יאָרגענג (וואַל־רעכט פון 24 יאָר אַנשטאָט 21), האָט דער יוגנט־בונד אַנטוויקלט אַ ברייטע קאַמפּאַניע קעגן דעם. צוקונפטיסטן זיינען געווען פאַרוויקלט אין פאַרשידענע אַרבעטער־אַרויסטרעטונגען.

* * *

אין פוילן האָבן עקזיסטירט נאָך יוגנט־אָרגאַניזאַציעס. בלויז מיט צוויי האָט דער יוגנט־בונד צוקונפט געהאַט קאָנטאַקטן: מיט דער פּוילי־שער סאָציאַליסטישער יוגנט — פּריינטלעכע, מיט דער קאָמוניסטישער — פיינטלעכע.

וועגן קאָנטאַקטן מיט דער בירגערלעכער יוגנט — יידישער און נישט־יידישער — האָט קיין רייד נישט געקאָנט זיין. זייערע אידעאָלאָ־גיעס, סיי וועלטלעכע, סיי רעליגיעזע, ווי אויך זייערע פּאָליטישע אָנשוי־אונגען און פּאַראינטערעסירונגען, האָבן געשאַפן אַ וואַנט פון פרעמדקייט און קעגנערשאַפט צווישן זיי און דער סאָציאַליסטישער יוגנט.

ס'האָט אויך נישט געקאָנט זיין קיין רייד וועגן אַ צוזאַמענאַרבעט פון דער בונדישער און קאָמוניסטישער יוגנט, הגם געמיינזאַמע אינטע־רעסן זיינען געווען, זיינען דאָך ביידע געווען אַקטיוו צווישן דער אַרבע־טער־יוגנט און ראַדיקאַלע שילער. די קאָמוניסטישע יוגנט־אָרגאַניזאַציע איז אָבער נישט געווען קיין אומאָפּהענגיקע, זי האָט בלינד געפאָלגט די באַפעלן, וואָס זיינען געקומען פון מאָסקווע. און פון דאָרטן האָט מען זיי געגעבן די אויפגאַבע צו פאַרניכטן די סאָציאַליסטישע אָרגאַניזאַציעס, און מיט אַ שונא מאַכט מען נישט קיין יד־אחת. זיי האָבן באַשמוצט און זיינען באַפאַלן די סאָציאַליסטישע אָרגאַניזאַציעס און זייערע מיטגלידער אַפילו ווען די פאַרדאָרבנקייט און פאַרברעכערישקייט פון סטאַלין־רע־זשים איז שוין געווען קלאָר פאַר יעדן טראַכטנדיקן מענטש. זיי האָבן שקלאַפיש געפאָלגט די באַפעלן פון מאָסקווע אַפילו דעמאָלט, ווען אַ טייל פון זייערע אייגענע פירער און טוער זיינען שוין דאָרטן אומגעברענגט געוואָרן.

נאָך יאָרן זיין פון דער ווייטנס, האָבן זיך איינגעשטעלט גוטע באַ־ציאונגען צווישן דער בונדישער און פּוילישער סאָציאַליסטישער יוגנט. די צוזאַמענאַרבעט צווישן דער פּוילישער און יידישער סאָציאַליסטישער יוגנט האָט זיך אָנגעהויבן שפּעטער, ווי ביי די עלטערע אַרבעטער. סיבות זיינען געווען עטלעכע — און נישט צולעצט דאָס פעלן פון אַ שטאַרקער סאָציאַליסטישער יוגנט־באַוועגונג אויף דער פּוילישער גאַס. וואָס שייך די אַנדערע סיבות, זיינען זיי געווען אי פון פּאָליטישן, אי פון נאַציאָנאַלן כאַראַקטער. דער יוגנט־בונד צוקונפט איז געווען אין זיינע אָנשויאונגען ראַדיקאַלער, במילא איז געווען שווער צו געפינען אַ געמיינזאַמע שפּראַך. די לאַגע האָט זיך געענדערט נאָך דער מלוכה־איבערקערעניש פון 1926 און נאָך דעם ווי דער אַלטער מאַרשאַל יוזעף פּילסודסקי האָט זיין רעגירונג־שיף פאַרקירעוועט אויף די רעאַקציאָנער־פאַשיסטישע וואַסערן. די פּוילישע אַרבעטער־באַוועגונג איז געוואָרן אָפּאָזיציאָנעל־קעמפעריש. די פּוילישע סאָציאַליסטישע יוגנט האָט זיך אַלץ מער באַפרייט פון גע־

וויסע פּאַראורטיילן לגבי יידן און ס'איז מעגלעך געוואָרן אין פּיל פּאַלן צו גיין האַנט ביי האַנט.

אין וואַרשע, לאָדזש און עטלעכע אַנדערע שטעט האָבן די יידישע און פּוילישע (אין לאָדזש אויך דייטשע) יוגנט אַרויסגעלאָזט פון צייט צו צייט געמיינזאַמע אויפרופן, דורכגעפירט געמיינזאַמע פאַרזאַמלונגען און פייערונגען, ווי אויך עטלעכע גאַסן־דעמאָנסטראַציעס. צווישן די רעדעס בעת אַזעלכע געמיינזאַמע פאַרזאַמלונגען איז אויך געווען אַ רעדע אין יידיש. אויפן פאַרסמטן אַנטיסעמיטישן באָדן פון פוילן האָט די סאָציאַליסטישע אַרבעטער־ און שטודירנדיקע יוגנט זיך באַמיט צו פאַר־שפּרייטן די אידייען פון אינטערנאַציאָנאַלער סאָלידאַריטעט.

* * *

נאָכן נישט־געלונגענעם פּרואוו צו פאַרבינדן זיך מיטן קאָמוניסטישן יוגנט־אינטערנאַציאָנאַל (געגנויער וועגן דעם אין פּערטן באַנד די געשיכטע פון בונד) איז די בונדישע יוגנט־באַוועגונג געשטאַנען אַ לענגערע צייט מחוץ יעדער אינטערנאַציאָנאַלער פאַראייניקונג. מ'האָט עס אָבער באַ־טראַכט פאַר אַ צייטווייליקע דערשיינונג. דאָס האָט געדויערט אַ צענטליק יאָר. די געענדערטע באַדינגונגען און די אייגענע אידעאָלאָגישע אי־בערצאַצונגען האָבן געבערענגט צו אַ דערנענטערונג צווישן דער בונדישער יוגנט און דעם סאָציאַליסטישן יוגנט־אינטערנאַציאָנאַל. אין יוגנט־בונד צוקונפט זיינען געווען שטאַרקע חלוקי־דעות אַרום דער פראַגע פון אַריינ־טרעטן אין סאָציאַליסטישן יוגנט־אינטערנאַציאָנאַל.

אַ דערנענטערונג צום סאָציאַליסטישן יוגנט־אינטערנאַציאָנאַל איז פאָרגעקומען במשך פון אַ ריי יאָרן. קודם־כל האָט זיך דאָס אויסגעדריקט אין אָנהויבן פייערן דעם יערלעכן סאָציאַליסטישן יוגנט־טאָג אין דער דאַטע פון אָנהויב אָקטאָבער, נישט אָנהויב סעפּטעמבער, וואָס איז געווען דער יוגנט־טאָג פון קאָמוניסטישן לאַגער. אַ צווייטער וויכטיקער דער־נענטערונג־שריט איז געמאַכט געוואָרן דורכן אָנטייל אין אינטערנאַציאָ־נאַלן סאָציאַליסטישן יוגנט־צוזאַמענפּלי אין ווין, אין יולי 1929. נאָכן צוזאַמענפּלי, אין וועלכן עס האָבן זיך באַטייליקט 35 טויזנט יוגנטלעכע פון פאַרשידענע לענדער, איז אין ווין אויך פאָרגעקומען דער דריטער קאָנגרעס פון סאָציאַליסטישן יוגנט־אינטערנאַציאָנאַל, וואָס האָט פאַר־טרעטן 50 פאַרבאַנדן מיט 220 טויזנט מיטגלידער אין 27 מלוכות. אויפן דאָזיקן קאָנגרעס האָט דער רעפערענט פון יוגנט־מאַניפעסט, וואָס דער אינטערנאַציאָנאַל האָט אַרויסגעלאָזט, דער פירער פון דער שוועדישער סאָציאַליסטישער יוגנט ר. לאַנדשטרעם, דערקלערט: „אויך אין פוילן איז פאַראַן אַ סאָציאַליסטישע יוגנט־אָרגאַניזאַציע, וואָס שטייט מחוץ דעם סאָציאַליסטישן יוגנט־אינטערנאַציאָנאַל — דאָס איז דער יוגנט־בונד צוקונפט. מיר ווייסן, אַז די צוקונפט איז די עלטסטע און שטאַרקסטע

סאָציאַליסטישע יוגנט־אָרגאַניזאַציע אין פּוילן. זי האָט אַ רומפולע פאַר־גאַנגענהייט; זי האָט פּיל קרבנות געבראַכט אין קאַמף פאַרן סאָציאַליזם. זי פירט אַ ברייטע טעטיקייט, סיי לויט איר גייסט און סיי לויט אירע מעשים איז זי אַ גוטע סאָציאַליסטישע יוגנט־אָרגאַניזאַציע. כ׳דריק אויס די האָפנונג, אַז אין דער נאָענטסטער צייט וועט די צוקונפט צושטיין צום סאָציאַליסטישן יוגנט־אינטערנאַציאָנאַל״.

אין דער צווייטער העלפט 1930 האָט דער יוגנט־בונד צוקונפט באַ־קומען אַ ספּעציעלע ווענדונג פון סאָציאַליסטישן יוגנט־אינטערנאַציאָנאַל אַריינצוטרעטן אין אים. ער האָט אויך באַקומען אַן איינלאַדונג זיך צו באַטייליקן אין 4טן קאָנגרעס פון סאָציאַליסטישן יוגנט־אינטערנאַציאָנאַל (פאָרגעקומען דעם 9 און 10 אָקטאָבער 1932 אין פּראַג, טשעכאָסלאָוואַקיע). דער צענטראַל־קאָמיטעט פון יוגנט־בונד צוקונפט האָט איןביידע פאַלן, מיט אַ מערהייט שטימען אָנגענומען אַ פּאָזיטיווע שטעלונג. וואָס שייך דעם אָפיציעלן אָנשלוס אין יוגנט־אינטערנאַציאָנאַל, האָט וועגן דעם געדאַרפט באַשליסן אַ צוזאַמענפאָר פון דער בונדישער יוגנט־אָרגאַני־זאַציע.

דער זעקסטער לאַנד־צוזאַמענפאָר, וואָס איז פאָרגעקומען אין וואַרשע, אין די דריי טעג פון 12—14 אַפּריל 1936, האָט די שטרייט־פראַגע באַשלאָסן פּאָזיטיוו (וועגן די פריערדיקע 5 צוזאַמענפאָרן — אין פערטן באַנד די געשיכטע פון בונד). יעקב שלום הערץ האָט אין נאָמען פון דער מערהייט באַגרינדעט דעם שטאַנדפּונקט פאַר אַריינטרעטן אין סאָציאַ־ליסטישן יוגנט־אינטערנאַציאָנאַל, לעאָן אָלער — אין נאָמען פון דער מינדערהייט קעגן אַריינטריט. נאָך אַ קורצער דעבאַטע (די פראַגע איז ערב דעם צוזאַמענפאָר ברייט דיסקוטירט געוואָרן אין די אַרטיקע אָר־גאַניזאַציעס) האָט דער צוזאַמענפאָר מיט 49 שטימען קעגן 31 און 1 אָפּגעהאַלטענער באַשלאָסן, אַז דער יוגנט־בונד צוקונפט טרעט אַריין אין סאָציאַליסטישן יוגנט־אינטערנאַציאָנאַל. מיט דער זעלבער מערהייט האָט דער צוזאַמענפאָר אויך גענומען צו קענטעניש דעם אַלגעמיינעם באַריכט פון צענטראַל־קאָמיטעט.

גלייכצייטיק האָט ער איינשטימיק אָנגענומען אַ ריי פּאָליטישע און אַנדערע רעזאָלוציעס: וועגן דער פּאָליטישער לאַגע אין לאַנד, וועגן דער מלחמה־געפאַר, וועגן קאַמף קעגן פאַשיזם, וועגן סאָוועט־רוסלאַנד, וועגן יידישע פּראָבלעמען, בילדונג־אַרבעט, סקיף, סקויטינג, אָרגאַניזאַציאָנעלע ענינים, ווי אויך אַ מאַניפעסט צו דער יידישער יוגנט. ס׳איז אויך אָנ־גענומען געוואָרן אַ פּראָטעסט־רעזאָלוציע קעגן דעם, וואָס די פּוילישע מאַכט האָט פאַרהאַלטן ביי דער גרענעץ און נישט אַריינגעלאָזט אין לאַנד דעם פאָרשטייער פון סאָציאַליסטישן יוגנט־אינטערנאַציאָנאַל, קאַרל קערן, וועלכער איז געשיקט געוואָרן צום צוזאַמענפאָר פון יוגנט־בונד צוקונפט צו באַגריסן.

נאָכן אויסהערן אַ ריי באַגריסונגען פון קרובישע אָרגאַניזאַציעס, פון יידישע און פוילישע, האָט דער סעקרעטאַר פון צענטראַל־קאָמיטעט, לוציאַן בליט, אָפּגעגעבן אַ באַריכט, אין וועלכן ער האָט געשילדערט דעם מצב פון דער יוגנט־אָרגאַניזאַציע, אירע טעטיקייטן, עפּנטלעכע אַק־ציעס און פאַרשטאַרקטן איינפלוס. דער יוגנט־בונד האָט צום 6טן צוזאַ־מענפאָר פאַרמאָגט 184 אָרטיקע אָרגאַניזאַציעס מיט בערך 10 טויזנט מיטגלידער.

אַ גרויסן פּאָליטישן רעפעראַט האָט געהאַלטן העניק ערליך. ער האָט באַזונדערס אַרויסגעהויבן דעם מאָמענט פון דער פאַרשטאַרקטער מלחמה־געפאַר. די פראַגע פון מלחמה־אויסברוך אין איראָפּע, האָט ער געזאָגט, איז אָפּהענגיק פון מאָמענט, ווען היטלער־דייטשלאַנד וועט זיין גרייט זיך צו שלאָגן. רעדנדיק וועגן דער פאַרשטאַרקונג פון אַנטיסע־מיטיזם, איז ה. ערליך געקומען צום אויספיר: ביי אַזאַ לאַגע פאַלט זיך די ציוניסטישע לאָזונג „יידן קיין פאַלעסטינע" פולשטענדיק צונויף מיט דער זעלבער לאָזונג פון די ערגסטע אַנטיסעמיטן און פאַגראָמשטשיקעס. טראַגן היינט אין גאַס אַ פּלאַקאַט מיט פּאַלעסטינע־לאָזונגען באַדייט העלפן פאַרשטאַרקן ביי די פוילישע מאַסן די אַנטיסעמיטישע שטימונגען און דאָס געפיל, אַז יידן זיינען אין פוילן פרעמדע און מוזן וואָס גיכער פון דאַנען זיך אָפּטראָגן. דאָס ווערטל פון ציוניסטישן פירער יצחק גרינבוים, אַז אין פוילן זיינען פאַראַן אַ מיליאָן איבעריקע יידן, איז אַ געפערלעכע שפּיל.

לעאָן אָלער האָט געהאַלטן אַ רעפעראַט וועגן אַקטועלע פּראָבלעמען פון דער יוגנט.

משה קליגסבערג — וועגן קולטור־אַרבעט.

וועגן דער פּראָפעסיאָנעלער אַרבעט האָט רעפערירט יוסף גוטגאָלד. ער האָט פעסטגעשטעלט, אַז אין אַלע גרעסערע שטעט זיינען שוין אויפ־געבויט געוואָרן פּראָפעסיאָנעלע יוגנט־סעקציעס.

עמנואל פּאַט האָט רעפערירט וועגן דער סקיף־אַרבעט און דערביי אָנגעוויזן, אַז דער צום בעסטן צוגעפּאַסטער סקיף־טוער איז נישט דער עלטערער חבר פון דער פּאַרטיי, נאָר דער עלטערער יוגנטלעכער פון יוגנט־בונד צוקונפט.

לסוף האָט דער צוזאַמענפאָר אויסגעוויילט אַ נייעם צענטראַל־קאָמי־טעט פון די דאָזיקע 15 מיטגלידער: 1) אַלעקסאַנדראָוויטש מאַקס, 2) אָלער לעאָן, 3) בלום אַבראַשאַ, 4) בליט לוציאַן, 5) גוטגאָלד יוסף, 6) גוטערמאַן פּרץ, 7) הערץ יעקב שלום, 8) וואָלקאָוויטש פּנחס, 9) וואַפּנער קלמן, 10) ליפּשיץ יוסף (יאַשקע), 11) נוטקעוויטש סערגיי, 12 ערליך אַלעקסאַנדער, 13) פּאַוו שלמה, 14) קליגסבערג משה, 15) שוואַרץ פּנחס.

אַחוץ דעם זיינען געוויילט געוואָרן אַלס פאַרטרעטער צום צענטראַל־קאָמיטעט: 1) בלום־ביעליצקאַ ליובע, 2) גלאַגאָווסקי זוסקע, 3) גראָס יאַ־נעק, 4) ווייצמאַן בעניעק, 5) יאַוואָראָווסקאַ גוטקע, 6) ליטעווקאַ יואל,

7) מילגרוים ישראל, 8) ערליך שאָשקע, 9) רוס הענעך. (די פּאַרטרע־טער האָבן זיך באַטייליקט אין פּלענאַרע זיצונגען פון צענטראַל־קאָמיטעט מיט באַראַטונג־רעכט אָדער פאַרביטן אָפּוועזנדיקע מיטגלידער).

נאָכן צוזאַמענפּאָר איז די אַרבעט ווייטער געגאַנגען מיט נייעם אימ־פּעט. דער צענטראַל־קאָמיטעט האָט זיין אַרבעט געפירט דורך אַן אויס־געטיילטן עקזעקוטיוו און סעקרעטאַריאַט. דער עקזעקוטיוו איז זיך צו־נויפגעקומען רעגולער איין מאָל אין וואָך. פון צייט צו צייט פלעגן אויך פאָרקומען פּלענאַרע זיצונגען פון גאַנצן צענטראַל־קאָמיטעט.

די לעצטע פּלענאַר־זיצונג פון צענטראַל־קאָמיטעט פאַרן קריג־אויס־ברוך איז פאָרגעקומען דעם 17־טן יוני 1939. זי האָט זיך פאַרנומען מיט אַ ריי ערשט־ראַנגיקע פראַגן. די וויכטיקסטע איז געווען — די מלחמה־געפאַר, וואָס האָט זיך אָנגערוקט. דער צענטראַל־קאָמיטעט האָט באַשלאָסן זיך סאָלידאַריזירן מיט דער שטעלונג פון בונד, אַז מען דאַרף מיט אַלע כוחות זיך אַנטקעגנשטעלן אַ היטלערישן אָנפאַל אויף פּוילן. ס׳איז באַ־שלאָסן געוואָרן, אַז די דעלעגאַציע פון יוגנט־בונד צוקונפט אויפן נאָענטן קאָנגרעס פון סאָציאַליסטישן יוגנט־אינטערנאַציאָנאַל זאָל פאַרטיידיקן דעם שטאַנדפּונקט פון אַנטקעגנשטעלן זיך מיט געווער אין האַנט קעגן אַן אַגרעסיע פון נאַצי־דייטשלאַנד.

ס׳איז אויך אויסגעהערט געוואָרן אַ באַריכט פון 5 חדשים צייט. דער יוגנט־בונד צוקונפט האָט דעמאָלט געציילט 202 אָרטיקע אָרגאַניזאַציעס מיט איבער 12 טויזנט מיטגלידער. (ווי מיר האָבן פעסטגעשטעלט, זיינען אין פּוילן אין די יאָרן 1919—1939 אין פאַרשידענע צייטן, געווען בונ־דישע יוגנט־אָרגאַניזאַציעס אין 314 שטעט און שטעטלעך און מעגלעך נאָך אין אַ צאָל ערטער) [52].

## 11. סאָציאַליסטישער קינדער־פאַרבאַנד

## (סקיף)

די פילפאַכיקע געזעלשאַפטלעכע טעטיקייט פון די צוקונפטיסטן איז נישט געבליבן אָן ווירקונג אויף ברייטע שיכטן יידישע קינדער, וועלכע האָבן מיט קינאה זיך צוגעקוקט צו דעם, וואָס עס טוען זייערע עלטערע ברידער און שוועסטער, אָדער די יוגנטלעכע פון די שכנישע פאַמיליעס. צווישן זיך האָבן די קינדער גערעדט וועגן די אויפטוען פון די יוגנטלעכע און ס׳איז ביי זיי אַנטשטאַנען אַ שטאַרקע בענקשאַפט אויך געהערן צו דער אָרגאַניזאַציע. אין אַ ריי שטעט האָבן אַרום יוגנט־בונד זיך געשאַרט מחנות קינדער, וואָס האָבן געוואָלט אַריבערטרעטן די שוועל פון דער אָרגאַניזאַציע. מ׳האָט די קינדער נישט אָפּגעשטויסן, ס׳איז אָבער נייטיק געוואָרן צו טאָן עפּעס קאָנקרעטעס, וואָס זאָל זיין צוגעפּאַסט צו זייער געמיט און גייסטיקער מדרגה. אין אָנהויב פלעגן אין איניקע ערטער זיין באַזונדערע קינדער־גרופּעס ביי דעם יוגנט־בונד צוקונפט. מיט דער צייט איז קלאָר געוואָרן, אַז ס׳איז נייטיק אַ באַזונדערע קינדער־אָרגאַני־זאַציע, וואָס זאָל פירן אַ סאָציאַליסטישע אַרבעט, צוגעפּאַסט צו דער אויפ־נעם־פייאיקייט פון קינד.

אַזוי איז אין יאָר 1926 אויפגעקומען דער ערשטער קערן פון סאָ־ציאַליסטישן קינדער־פאַרבאַנד, באַקאַנט אונטער די ראשי־תיבות פון נאָ־מען — סקיף. אין וואַרשע זיינען דעמאָלט געגרינדעט געוואָרן עטלעכע קרייזן פון קינדער, וועלכע האָבן זיך געלערנט אין די יידיש־וועלטלעכע שולן, אָנגעפירט מיט זיי האָבן יוגנט־בונדיסטן און לערער פון די דער־מאָנטע שולן. דעם ביישפּיל פון וואַרשע האָבן נאָכגעטאָן אַנדערע שטעט.

אין אָנהויב איז ביי אַ טייל טוער פון דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג געווען אַ געוויסער אומגלויבן און אומזיכערקייט. עס זיינען אַפילו געווען אויסגעשפּראָכענע קעגנער, ווייל זיי האָבן מורא געהאַט, אַז די קינ־דער וועלן אַריינגעצויגן ווערן אין פייער פון פּאָליטיק, וואָס וועט זיך שעדלעך אָפּרופן אויף זייער לערנען און אַנטוויקלונג. די קעגנערשאַפט איז געווען לכתחילה באַזונדערס שטאַרק צווישן די לערער־בונדיסטן. די ווירקלעכקייט האָט אָבער געגעבן גערעכט די מאמינים.

ס׳איז געווען נאָך אַ מאָטיוו, וואָס האָט שפּעטער אַפילו לכתחילהדיקע קעגנער באַוועגט אַקטיוו זיך צו באַטייליקן אין דער סקיף־טעטיקייט. די קאָמוניסטן האָבן אָנגעהויבן אָרגאַניזירן קינדער פון די יידיש־וועלט־

לעכע שולן. ווי צו דער סאָציאַליסטישער אַרבעטער־באַוועגונג, האָבן זיי אויך צו די שולן אָנגעווענדט זייער דעסטרוקטיווע טאַקטיק. זיי האָבן זיך באַמיט אין די קינדער איינצופלאַנצן שינאה צו די לערער און צו דער צענטראַלער יידישער שול־אָרגאַניזאַציע (צישאָ). און היות די שולן האָבן געהאַט אויסצושטיין נגישות און פאַרפאָלגונגען מצד דער רעגירונג, וואָלט די קאָמוניסטישע באַהערשונג פון די קינדער נאָך מער פאַרגרעסערט די סכנה, וואָס האָט כסדר געלויערט אויף די שולן (פיל צישאָ־שולן האָט די רעגירונג פאַרמאַכט). ס'איז געווען נייטיק אַ פּאָזיטיווע קעגנווירקונג דער קאָמוניסטישער דעמאַגאָגיע, וואָס האָט די קינדער געהעצט צו אומדיסציפּלין און אומצוטרוי צו די לערער און שול־פאַרוואַלטער. בלויז מיט אַ ספּעציעלער אויסערשול־טעטיקייט איז געווען מעגלעך נישט צו דערלאָזן די קאָמוניסטן מיסברויכן די נאַאיוויטעט פון די קינדער און פאַנגען זיי אין די קאָמוניסטישע נעצן.

אויף אַ באַראַטונג פון לערער־בונדיסטן פון פאַרשידענע שטעט האָט מען אַרומגערעדט די דערפאַרונג פון 2־3 יאָר סקיף־אַרבעט און מ'איז געקומען צום אויספיר, אַז די רעזולטאַטן זיינען גוטע און ס'איז נישטאָ קיין גרונט פאַר די ספקות. נאָך דער באַראַטונג האָט זיך שוין אָנגעהויבן אַ פיל ברייטערע טעטיקייט צווישן די קינדער אין אַ גרעסערער צאָל שטעט.

סיי די יוגנטלעכע פון יוגנט־בונד, סיי די עלטערע לערער־בונדיסטן, האָבן זיך באַצויגן מיט אַן אומגעהויערן ערנסט צו זייער נייער אויפגאַבע און אַרויסגעוויזן פיל פאַרשטענדעניש פאַר דער נשמה פון קינד. מיט עקשנות און ברען האָבן זיי געטאָן די פּיאָנערישע אַרבעט פון אויסגעפינען דעם פּאַסיקן אינהאַלט און די אַנטשפּרעכנדיקע פאָרמען פון סאָציאַליסטישער קינדער־דערציאונג און אויפקלערונג. נאָך יאָרן זוכן און עקספּערימענטירן איז אויסגעאַרבעט געוואָרן אַ ספּעציעלער סקיף־נוסח און ס'איז געשאַפן געוואָרן אַ באַשטימטע אַטמאָספער אין סאָציאַליסטישן גייסט.

אין אָנהויב זיינען אַריינגעצויגן געוואָרן אין סקיף קינדער פון די יידיש־וועלטלעכע שולן, שפּעטער אויך קינדער פון די מלוכהשע („פּאָווישעכנע״) שולן און אַפילו אויך תלמידים פון חדרים. אין די שפּעטערדיקע יאָרן האָט דער סקיף־נאָך מער אויסגעברייטערט זיין טעטיקייט און אַריינגענומען שיכטן קינדער־אַרבעטער, וועלכע האָבן נישט באַזוכט קיין שול, נאָר געשמאַכט ביים אַרבעטס־וואַרשטאַט. אין יאָר 1931, ווען דער סקיף האָט געפייערט זיין 5־יאָריקן יובילײ, האָט ער שוין פאַרמאָגט 110 אָרגאַניזאַציעס אין לאַנד מיט העכער 4 טויזנט מיטגלידער — קינדער פון שולן און ווערקשטאַטן.

דער סקיף איז געווען באַרימט און באַליבט צווישן די יידישע פאָלקס־קינדער און ער האָט אויך באַקומען אַ שם אין אויסלאַנד. דער סקיף איז געוואָרן אָנגעשלאָסן אין סאָציאַליסטישן דערציאונג־אינטערנאַציאָנאַל. צום



יצחק בערז



בתיה בערז



ד"ר איזיק עלקישיק



זלמן יעפרויקין



מאַקס וועקסלער



ד"ר ליטמאַן געלערטער



לעאָן געלער



ווילהעלם איפען

5־יאָריקן יובילײ האָט ער באַקומען פֿון אינטערנאַציאָנאַל אַ באַגריסונג, אין װעלכער עס איז געזאָגט געװאָרן: „מיר װײסן, אַז אײך אין פּױלן איז באַזונדערס שװער. ניט בלױז דער קלאַסן־קאַמף קעגן די הערשנ־דיקע שיכטן איז האַרטער װי אַנדערשװאו. אױך אין די רײען פֿון פּראָ־לעטאַריאַט איז נאָך ניט פֿאַראַן די נױטװענדיקע אײניקײט. דער פּראָ־לעטאַריאַט מאַרשירט צעשפּאָלטן. יאָ, עס זײנען אַפֿילו פֿאַראַן ציוניס־טישע גרופּן, װאָס װילן בױען דעם סאָציאַליזם אין אַ װײט לאַנד. דערי־בער איז דער פֿאַרדינסט פֿון אײער אַרבעט נאָך גרעסער, דעריבער װערט אײער אַרבעט נאָך מער געשאַצט פֿון װעלט־פּראָלעטאַריאַט און פֿון די פֿיל דערציאונג־אָרגאַניזאַציעס אין אױסלאַנד. דער סאָציאַליסטישער דער־ציאונג־אינטערנאַציאָנאַל באַגריסט אײך אין נאָמען פֿון די קינדער־פֿרײַנט אין דער גאַנצער װעלט".

פֿאַרשטײער פֿון סקיף האָבן אַנטײל גענומען אין קאָנפֿערענצן פֿון סאָ־ציאַליסטישן דערציאונג־אינטערנאַציאָנאַל, אין לאַגערן און צוזאַמענפֿליען. אַחוץ אַן אינערלעכער טעטיקײט, האָט דער סקיף אױך געפֿירט אַ ברײ־טערע פּראָפּאַגאַנדע דורך אײנאָרדנען עפֿנטלעכע פֿײערלעכע צוזאַמענ־קונפֿטן, דורך שריפֿטלעכע אױסגאַבן. דאָס װיכטיקסטע אָרט האָט פֿאַר־נומען די קלײנע פֿאָלקס־צײַטונג — אַ זײט מיט לײען־שטאָף פֿאַר קינדער, װאָס איז יעדן פֿרײטאָג געװאָרן פֿאַרעפֿנטלעכט אין דער בונדישער פֿאָלקס־צײַטונג. 13 יאָר איז אַרױס די קלײנע פֿאָלקס־צײַטונג. די ערשטע 5 יאָר איז איר רעדאַקטאָר געװען יעקב פּאַט, אַ צײַט חיים שלמה קאַזדאַן און בערך 8 יאָר ביז דעם אױסברוך פֿון דער צװײטער װעלט־מלחמה — לײװיק האָדעס. פֿון צײַט צו צײַט האָט דער סקיף אַרױסגעגעבן אײגענע צײַטונגלעך א. ב. חברשאַפֿט, אױפֿרופֿן און בראָשורן.

אין דער ערשטער צײַט איז די צענטראַלע אָנפֿירונג פֿון דער סאָציאַ־ליסטישער קינדער־באַװעגונג באַשטאַנען פֿון חברים און חברטעס, װעלכע דער בונד האָט באַשטימט. אין אַפּריל 1929 איז פֿאָרגעקומען די ערשטע לאַנד־קאָנפֿערענץ. זי האָט זיך פֿאַרנומען מיט אַ רײ ענינים פֿון דער קינ־דער־אָרגאַניזאַציע און האָט אױך אױסגעטײלט אַ צענטראַלע אָנפֿירונג, װאָס איז באַשטאַנען פֿון דרײַ עלעמענטן: בונדיסטן־פּעדאַגאָגן, טוער פֿון יוגנט־בונד צוקונפֿט און יוגנטלעכע, שױן אױסגעװאַקסענע אין סקיף.

דער סקיף האָט צוגעגעבן דעם ײדישן לעבן אין פּױלן אַ נײַעם, נאָך ניט געװוּזענעם שטריך. אַט די אָרגאַניזאַציע פֿון 10 - 15 ־יאָריקע האָט געהאַט די אַמביציע צו שאַפֿן אַ נײַעם טיפּ מענטש און אַ נײַעם ײד און איז מיט דערפֿאָלג געגאַנגען אױף דעם װעג דאָס צו דערגרײכן.

די ערשטע טוער פֿון סקיף זײַנען געװען די לערער גרשון זאַלצמאַן, יוליאַן װיעליקאָװסקי, לאה האַלפּערן, די בונדישע טוער סאָניע נאָװאָ־גרודסקי, רוטע בערמאַן, יעקב פּאַט, לײװיק האָדעס, אברהם סטאָלאַר; װײטער זײַנען געװען אַ רײ מיטגלידער פֿון יוגנט־בונד צוקונפֿט — יאַש־

קע ליפשיץ, לעאָן אָלער, משה קליגסבערג, שאָשקע פליגל־ערליך און פייאיקערע עלטערע קינדער פון סקיף גופא, ווי פערל ראָזענבוים, יאָסל מלאָטעק, עמנואל פּאַט, הענעך מענדעלסונד, יאַנקל גרושקאַ, וואָלף ראָזאָווסקי, רבקה ראָזענשטיין, רבקה גאָלדשטיין, חייקע לעווין און אַנדערע. צווישן די ערשטע טוער אין דער פּראָווינץ זיינען געווען אַנע ראָזענטאַל (ווילנע), משה גאָלדבערג (קאַלושין), חיים מילער (וועגנראָוו) און אַ ריי אַנדערע. אין דער גאַר ערשטער צייט איז דער נאָמען פון דער אָרגאַניזאַציע געווען סקיב (סאָציאַליסטישער קינדער־בונד); אין אַ קורצער צייט אַרום איז דער נאָמען אָפיציעל פעסטגעשטעלט געוואָרן: סאָציאַליסטישער קינדער־פאַרבאַנד; פאַרקירצט — סקיף.

* * *

צום 10־יאָריקן יובל פון סאָציאַליסטישן קינדער־פאַרבאַנד סקיף איז זיך צונויפגעקומען אין וואַרשע זיין ערשטער לאַנד־צוזאַמענפאָר. דאָס איז געווען אין די טעג פון 1—3 אָקטאָבער 1936. (אַ לאַנד־קאָנפערענץ איז פאָרגעקומען מיט 7 יאָר פריער).

עס זיינען געקומען 72 דעלעגאַטן, וועלכע האָבן רעפּרעזענטירט 5 טויזנט מיטגלידער. די דעלעגאַטן זיינען נישט געווען קיין קינדער, נאָר זייערע לערער און פירער. לויט זייער באַשעפטיקונג זיינען 7 דעלעגאַטן געווען לערער, 7 פון דער אַרבעטנדיקער אינטעליגענץ; דער רוב איז באַשטאַנען פון אַרבעטער און אַנגעשטעלטע. 17 דעלעגאַטן האָבן געהאַט גימנאַזיע־בילדונג, 7 — אוניווערזיטעט־בילדונג און 23 — פאָלקס־שול־בילדונג.

די אַרבעט איז געפירט געוואָרן אין איבער הונדערט שטעט. די ציילונג אין סקיף האָט באַוויזן, אַז דאָס ערשטע אָרט לויט דער צאָל פאַרנעמען די קינדער, וואָס לערנען זיך אין די מלוכהשע פאָלקס־שולן („פאָווסעכנע"); אויפן צווייטן אָרט האָבן זיך געפונען קינדער, וועלכע זיינען שוין געווען ביי דער אַרבעט; אויפן דריטן אָרט זיינען געווען קינדער פון די יידיש־וועלטלעכע פאָלקס־שולן. אין די ערשטע יאָרן פון סקיף האָבן די קינדער פון די יידיש־וועלטלעכע פאָלקס־שולן פאַרנומען דעם אויבנאָן.

אין זיין באַגריסונג־בריוו צום ערשטן לאַנד־צוזאַמענפאָר האָט דער פאָרזיצער פון צענטראַל־קאָמיטעט פון בונד אין פוילן, נח (יקותיאל פּאָרטנוי) געשריבן: „עס איז נישטאָ ביי אונז קיין איבעררייסן צווישן איין דור רעוואָלוציאָנערע קעמפער און אַ צווייטן. דער ייִנגערער דור מישט זיך אויס מיטן עלטערן. אונזערע אַלטע ווערן נישט אָפּגעשטויסן. די מחנות פון די ייִנגערע ווערן אָבער אַלץ גרעסער און גרעסער. אָט אַזוי קומט פאָר אונזער דור הולך ודור בא"... „איר סקיפּיסטן פאַרנעמט דעם ערשטן שטאַפּל אין אונזער יוגנט־באַוועגונג. איר זענט געגליכן צו דעם קוואַל, וועלכער גיט דעם אָנהויב פון אַ גרויסן, אַ מעכטיקן שטראָם. פון אייך

נעמט דעם אַנהויב אונזער יוגנט־באַוועגונג. איר שטעלט צו נייע מחנות צו אונזער יוגנט־בונד צוקונפט און גלייכצייטיק פאַרנעמט איר אַ זעלבסט־שטענדיק אָרט אין דער יוגנט־באַוועגונג, דערפילט איר אַ ספּעציעלע אויפגאַבע״.

באַגריסונג־רעדעס האָבן געהאַלטן פאַרשטייער פון אַ צאָל אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס. דער סאָציאַליסטישער דערציאונג־אינטערנאַציאָנאַל האָט געשיקט זיין פאַרשטייער, ווילי האַקע.

מיט וואָס האָט דער צוזאַמענפאָר זיך פאַרנומען?

ת. ש. קאַזדאַן האָט געלייענט אַ רעפעראַט וועגן „סאָציאַליסטישער דערציאונג אין אונזער צייט״. עמנואל פּאַט האָט אָפּגעגעבן דעם טעטי־קייט־באַריכט פון דער סקיף־צענטראַלע. דער צוזאַמענפאָר איז צעטיילט געוואָרן אין דריי סעקציעס, וואָס האָבן זיך פאַרנומען מיט ענינים פון דערציאונג, סקויטינג און אָרגאַניזאַציע.

פון באַריכט איז קלאָר געוואָרן, אַז במשך פון די ערשטע 10 יאָר האָט די קינדער־באַוועגונג דורכגעמאַכט אַ שווערן פּיאָנערן־וועג, וואָס האָט זי אַרויסגעפירט אויף ברייטע פרייע שטחים. דער סקיף האָט ביי די יידישע אַרבעטער־קינדער איינגעפירט נייע מנהגים, יום־טובים און אויס־געאַרבעט אַ נייעם לעבנס־סטיל. די קינדער האָט מען אַרויסגעפירט צו וואַלד און טייך, צוגעוואוינט צום קאָלעקטיוון און חברישן לעבן.

די רעפעראַטן, וואָס זיינען געהאַלטן געוואָרן אויף די סעקציעס וועלן געבן אַ באַגריף וועגן די פּראָבלעמען, מיט וועלכע מ׳האָט זיך פאַרנומען. דהיינו:

1. די אַרבעט פון סקיף צווישן די שילער פון די יידיש־וועלטלעכע שולן (רעפערענט ש. מעלמאַן).
2. ווי אַזוי געווינען די ברייטע מאַסן שילער? (הענעך מענדעלסונד).
3. סקיף־אַרבעט צווישן אַרבעטער־קינדער און גאַסן־קינדער (עלקע יאַנעס).
4. קלוב־אַרבעט אין סקיף (הענעך מענדעלסונד).
5. דער העלפער אין דער סקיף־אַרבעט (עמנואל פּאַט).
6. די אידעאָלאָגיע פון סאָציאַליסטישן סקויטינג (לייוויק האָדעס).
7. זומער־טעטיקייט (קלמן וואַפּנער).
8. מעטאָדן און פאָרמען פון סקויטינג (דעם דאָזיקן רעפעראַט האָט גע־האַלטן וואָלף ראַזאָווסקי, וועלכער איז אַליין דערצויגן געוואָרן אין סקיף און איז אין 1943 געווען קאָמענדאַנט פון אַ פּראָנט אין די שלאַכטן פון וואַרשעווער געטאָ. ראַזאָווסקי האָט אין זיין רעפעראַט גערעדט וועגן שפּיל און פרייד פון קינדער).
9. אַרבעט צווישן דערוואַקסענע (לייוויק האָדעס).
10. סקיף־אַרבעט אין קליינעם שטעטל (א. קרוסמאַן).
11. אָרגאַניזאַציאָנעלע ענינים (קלמן וואַפּנער).

כאָטש די קינדער פון די יידיש־וועלטלעכע שולן האָבן לויט דער צאָל פאַרנומען דאָס דריטע אָרט, זיינען זיי געווען די אַקטיווסטע אין סקיף און דער גייסטיקער אויבערשיכט פון דער אָרגאַניזאַציע. בעיקר פון זיי זיינען אויסגעוואַקסן די פירער און טוער. עס האָט זיך געלאָזט באַמערקן אַ געוויסע פּסיכאָלאָגישע וואַנט צווישן קינדער־אַרבעטער און שילער. די דאָזיקע „וואַנט" האָט מען זיך באמת ברעכן דורך שאַפן אַן איינהייט־לעכע חברישע אַטמאָספער.

איינס פון די שווערסטע פּראָבלעמען זיינען געווען די גאַסן־קינדער (היימלאָזע, יתומים, הענדלער, אַנאַלפאַבעטן א. א. וו.). די פירער פון סקיף האָבן פאַרשטאַנען, אַז ס'איז זייער הייליקע פליכט צו קומען צו די צום מערסטן אומגליקלעכע און באַוואָלהטע און זיי ברענגען די גויטיקע גייסטיקע הילף. אין אַזאַ שטאָט, ווי באַראַנאָוויטש, האָט די סקיף־אָרגאַני־זאַציע אַנגעהויבן איר עקזיסטענץ פון צונויפנעמען די גאַסן־קינדער. די גאַסן־קינדער זיינען געלייטערט און דערהויבן געוואָרן. אין אַ ריי פאַלן האָט דער סקיף געהאָלפן אַריבערפירן גאַסן־קינדער צו פּראָדוקטיווער אַרבעט.

דער צוזאַמענפאָר האָט אָנגענומען באַשלוסן וועגן דער וויטערדיקער אַרבעט, האָט אויסגעאַרבעט סטאַטוטן און פּרינציפּן פון דער אָרגאַניזאַציע.

די נייע צענטראַלע איז צוזאַמענגעשטעלט געוואָרן דורך 3 פאָרשטייער פון בונד, 2 פאָרשטייער פון יוגנט־בונד צוקונפט און 12 סקיף־טוער גע־ווילט דורך דעם לאַנד־צוזאַמענפאָר.

וועגן עלטער פון די מיטגלידער איז אָנגענומען געוואָרן אַזאַ באַשלוס: אין סקיף ווערן אָנגענומען קינדער נישט יינגער פון 10 יאָר און נישט עלטער פון 15 יאָר. עס איז אויך איינגעשטעלט געוואָרן אַ ספּעציעלע צערעמאָניע ביים אַריינטרעטן אין דער אָרגאַניזאַציע. געוויינלעך פלעגט עס געמאַכט ווערן גרופּעסוויז אויף אַ פייערלעכן אַפּיל. די מיטגלידער האָבן געגעבן אַזאַ פייערלעכן צוזאָג: „מיר זאָגן צו דעם סאָציאַליסטישן קינדער־פאַרבאַנד סקיף, אַז מיר וועלן זיין טרייע, איבערגעגעבענע מיט־גלידער, מיר וועלן אויספירן אַלע אַרבעטן און וועלן זיין גרייט אויף יעדן רוף. מיר זאָגן צו צוזאַמען מיטן סקיף קעמפן פאַר דער באַפרייאונג פון די אַרבעטער, פאַרן סאָציאַליזם".

ווען סקיפיסטן זיינען אַלט געוואָרן 16 יאָר האָט מען זיי אַריבערגע־פירט אין יוגנט־בונד צוקונפט.

די מיטגלידער האָבן געטראָגן אַן אוניפאָרם, געניית לויט אַ ספּעציעלן סטיל, אַ טונקל־בלויע בלוזע מיט אַ סקויטישן פאַס, קורצע סקויטישע גראַנאַטענע הויזן אָדער אַ ברייט און קורץ גראַנאַט קליידל. אויפן קאָפּ — אַ גראַנאַטער בערעט. אויף דער בלוזע איז געווען צוגעניית אַ רויטער פאַלק.

פון די באַשלוסן איז כדאַי באַזונדערס צו דערמאָנען אַ ווענדונג צו דער צענטראַלער יידישער שול־אָרגאַניזאַציע צוטרעטן עפענען יידיש־

וועלטלעכע נאָכמיטאָג־שולן פאַר די קינדער פון די „פּאָוושעכנע״ שולן (וואו מען האָט געלערנט אַלץ אויף פּויליש).

וועגן אָרט פון סקיף אין דער אַרבעטער־באַוועגונג האָט דער צוזאַמענפאָר פעסטגעשטעלט:

1. דער סקיף איז די בונדישע קינדער־אָרגאַניזאַציע.
2. דער סקיף געפינט זיך אונטער דער דירעקטער אָנפירונג פון בונד, פון זיינע צענטראַלע און אָרטיקע אינסטאַנצן.
3. דער יוגנט־בונד צוקונפט טיילט צוזאַמען מיטן בונד די זאָרג און פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר דער אַרבעט און אַנטוויקלונג פון סקיף.
4. דער סקיף איז אַ מיטגליד פון סאָציאַליסטישן דערציאונג־אינטערנאַציאָנאַל.

דער צוזאַמענפאָר, וואָס האָט ערנסט און זאַכלעך זיך פאַרנומען מיט וויכטיקע פּראָבלעמען פון יידישן קינדער־לעבן, האָט אויך געהאַט אַ ריי פייערלעכע מאָמענטן און איז געווען באַגלייט מיט איינדרוקספולע קינדער־פייערונגען.

צום סוף פון צוזאַמענפאָר, וואָס איז געשלאָסן געוואָרן דורכן פאַרזיצער יעקב פּאַט, האָט נאָך גערעדט העניריק ערליך, וועלכער איז אויפגענומען געוואָרן דורך אַלעמען מיט גרויסער באַגייסטערונג. ערליך האָט געזאָגט, אַז ער איז פול מיט פרייד צוליב דעם, וואָס אונטער די פליגל פון דער בונדישער באַוועגונג איז אויסגעוואַקסן אַזאַ געזונטע, אַזאַ באַוואוסטזיניקע מחנה פון סאָציאַליסטישע קינדער. „זינט 1905 און אפשר נאָך אין 19 ־ 1917 איז דער בונד נישט געווען אַרומגערינגלט מיט אַזאַ ים פון ליבע און באַגייסטערונג, מצד די יידישע פאָלקס־מאַסן״.

דער פאָרשטייער פון סאָציאַליסטישן דערציאונגס־אינטערנאַציאָנאַל, ווילי האַקע, האָט נאָכן צוזאַמענפאָר צוגעשיקט פון אויסלאַנד צו דער צענטראַלע פון סקיף אַ בריוו, אין וועלכן עס איז געזאָגט געוואָרן: „אייער באַוועגונג, וואָס איז אָנגעפילט מיט אַ הערלעכן סאָציאַליסטישן גייסט און פאַרמאָגט צאָלרייכע גייסטיקע און מאָראַלישע קרעפטן פון אַ הויכן ווערט, און איז גרייט אירע בעסטע כוחות אָפּגעבן פאַר אונזערע שיינע און איינגעבאַקענע אין אונזער האַרץ דערציאונג־אידעאַלן; די באַוועגונג, וואָס שטרעבט אַרויסצופירן די טויזנטער יונגע מענטשן, וועלכע געפינען זיך אין אירע רייען, פון דער האָפנונגסלאָזער, חושכדיקער און פריידלאָזער קעגנוואַרט אין דער העלער, ליכטיקער, פון יוגנט־גליק אויסגעפילטער צוקונפט, — די דאָזיקע באַוועגונג געהערט צו דער עליטע פון סאָציאַליסטישן דערציאונגס־אינטערנאַציאָנאַל. איר האָט אין מיין אָנוועזנהייט געזען די ענגע פאַרבינדונג פון אייער באַוועגונג מיטן סאָציאַליסטישן דערציאונג־אינטערנאַציאָנאַל. פאַר מיר איז דער באַזוך ביי אייך געווען אַ קוואַל פון נייע קענטעגישן און דערפאַרונגען און אַ שטויס צו וויטערדיקער אומדערמידלעכער אַרבעט אין דינסט פון אונזערע אַרבעטער־קינדער״.

דער סקיף איז נאָך דעם ערשטן לאַנד־צוזאַמענפּאַר ווייטער געגאַנגען באַרג־אַרויף. ער האָט אויסגעברייטערט זיין טעטיקייט און פאַרטאָפּלט זיינע רייען, דערגרייכנדיק אַ מיטגלידערשאַפט פון 10 טויזנט קינדער. די געטריישאַפט פון זיינע יונגיטשקע מיטגלידער איז געווען אין לשער. פיל פון די סקיפּיסטן־מיטגלידער און טוער — זיינען אין ווארשעווער געטאָ־אויפשטאַנד פון יאָר 1943 געפאַלן מיט געווער אין האַנט אין אַק־טיוון קאַמף מיט די נאַצי־מערדער.

פאָרזיצער פון דער סקיף־צענטראַלע איז זינט 1929 געווען יעקב פּאַט. במשך פון ווייטערדיקן צענטליק יאָרן האָבן דעם אַמט פון צענטראַלן סעקרעטאַר פאַרנומען לייוויק האַדעס, פון 1933 עמנואל פּאַט און פון 1936 ביז דער צווייטער וועלט־מלחמה — אינזשיניער קלמן וואַפּנער ").

## 12. אַרבעטער־ספּאָרט

אין די צוואַנציקער יאָרן פון הײנטיקן יאָרהונדערט האָט זיך אָנגעהויבן אויסטײלן אַ נײער צווײַג פון דער ייִדישער אַרבעטער־באַוועגונג — ספּאָרט. די פּיאָנערן פון ספּאָרט בײַ די פּוילישע ייִדן זײַנען געקומען פון בירגערלעכן לאַגער. נאָך אין די צאַרישע צײַטן זײַנען אין אַ רײ שטעט אַנטשטאַנען ספּאָרט־אָרגאַניזאַציעס, פון וועלכע די פּאָפּולערסטע איז געווען מכבי. דאָס זײַנען געווען ספּאָרט־קלובן בעיקר מיט אַ ציוניסטישער באַפאַרבונג. אַז ייִדישע אַרבעטער זאָלן שאַפן ספּאָרט־אָרגאַניזאַציעס, האָט דעמאָלט קײן רײד נישט געקאָנט זײַן, ווײַל די גאַנצע אַרבעטער־באַוועגונג איז געווען אומלעגאַל. איר טעטיקייט איז קאָנצענטרירט געוואָרן אויפן געביט פון פּאָליטיק, עקאָנאָמישן קאַמף און קולטור.

ווען נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה האָט אין פּוילן זיך אײַנגעשטעלט אַן אָפענע אַרבעטער־באַוועגונג, איז צווישן די ייִדישע אַרבעטער אַנטשטאַנען אַ באַדערפעניש נאָך פיזישער דערציִאונג. גײן אין די עקזיסטירנדיקע ציוניסטישע ספּאָרט־קלובן האָבן די אַרבעטער קײן חשק נישט געהאַט — סײ צוליב דער אידעאָלאָגישער פרעמדקײט, סײ צוליב די בירגערלעכע מאַניערן פון די טוער און מיטגלידער. אַזוי איז אַלץ מער פאַרשטאַרקט געוואָרן דער געדאַנק צו שאַפן אַן אײגענע פּראָלעטאַרישע ספּאָרט־באַוועגונג. פּראַקטיש האָבן זיך אין איר באַטײליקט ווײניק עלטערע און מיטליאָריקע אַרבעטער, בעיקר איז אַהין געגאַנגען די יוגנט. דער ספּאָרט האָט נישט בלויז געהאָלפן דער פיזישער אַנטוויקלונג פון דער אַרבעטער־יוגנט, נאָר איז אויך געווען אַ גוטע שול פאַר זעלבסט־דיסציפּלין, פאַר בײַקומען אין אַ געוויסער מאָס דעם ייִדישן חסרון פון נערוועזיטעט און עקזאַלטירטקײט.

לכתחילה האָבן אין אײניקע ערטער זיך אויסגעבילדעט גימנאַסטישע גרופּן, אין וואַרשע, לובלין און נאָך אין אַ פּאָר שטעט האָט מען דאָס געטאָן מיט דער מיטהילף פון „טאָז" („אָזע") — פון דער ייִדישער געזעלשאַפט צו שטיצן דאָס געזונט. אין מאַי 1926 האָבן די אַרבעטער־ספּאָרט־גרופּן בײַם „טאָז" אין וואַרשע שוין געציילט איבער 300 אַקטיווע מיטגלידער — כמעט אַלע מיטגלידער פון יוגנט־בונד צוקונפט. אין דער זעלבער צײַט זײַנען שוין געווען טעטיקע גרופּן אין אַ רײ אַנדערע שטעט. פאַר די טוער איז געווען קלאָר, אַז כדי די ספּאָרט־באַוועגונג צווישן די ייִדישע אַרבעטער זאָל זיך קאָנען אַנטוויקלען, איז נײטיק צו שאַפן אַ זעלבסטשטענדיקע אָרגאַניזאַציע, וואָס זאָל אַרומנעמען דאָס גאַנצע לאַנד,

און זיך פאַרנעמען מיט די ספּעציעלע ספּאָרט־פּראָבלעמען, צוגרייטן אינ־סטרוקטאָרן און געבן די נייטיקע הילף די ייִנגערע נישט־דערפאַרענע ספּאָרטלער.

לויט דער איניציאַטיוו פון די ערשטע יידישע אַרבעטער־ספּאָרטלער — טוער פון בונד און פון יוגנט־בונד צוקונפט — איז סוף 1926 געשאַפן געוואָרן אַן אַרבעטער־געזעלשאַפט פאַר פיזישער דערציאונג מאָרגנשטערן אין פּוילן. במשך פון אַ קורצער צייט האָט זי געעפנט אַ ריי אָפּטיילונגען. פרילינג 1927 האָט דער מאָרגנשטערן שוין געהאַט 31 אָרטיקע אָרגאַני־זאַציעס. דעם 23־טן אַפּריל האָט דער מאָרגנשטערן געהאַט אין וואַרשע זיין ערשטן עפנטלעכן אַרויסטריט אין גרעסטן זאַל פון שטאָט — אין צירק. עס זיינען געקומען צום ערשטן טורן־פעסט פון די יידישע אַרבע־טער 2,500 פּערזאָן. שפּעטער האָבן די טורן־פעסטן פון מאָרגנשטערן אין וואַרשע און לאָדזש שטאַרק זיך קונה שם געווען. זיי פלעגן פאָרקומען יאָר־יערלעך. די גרעסטע זאַלן פון שטאָט נישט געקאָנט אַלעמען אַריינעמען און הונדערטער האָבן געמוזט אַוועקגיין צוליב דוחק אין פּלאַץ. טיילמאָל איז דער דראַנג געווען אַזוי גרויס, אַז מען האָט דעם טורן־פעסט געמוזט איבערחזרן אַ צווייט מאָל. אין משך פון אַ קורצער צייט האָט דער מאָרגנשטערן נישט בלויז איבערגעיאָגט די ציוניסטישע קלובן, נאָר בכלל זיך אַרויסגערוקט אויפן ערשטן אָרט אין פּוילן אַלס אָרגאַני־זאַציע פון מאַסן־ספּאָרט. דער מאָרגנשטערן האָט זיך בעיקר פאַרנומען מיט גימנאַסטיק, לייכט־אַטלעטיק, מאַסן־שפּיל, שווימען, ריטמיק, ווינטער־ספּאָרט א.ד.ג.. און מיט נאָך איין זאַך האָט זיך מאָרגנשטערן אויסגע־צייכנט: אַחוץ מאַסנהאַפטיקייט און ריינקייט פון דער ספּאָרט־אַרבעט איז זיין סימן־מובהק געווען פאָלקסטימלעכקייט. בעת אין די ציוניסטישע ספּאָרט־קלובן איז די קאָמאַנדע־שפּראַך געווען פּויליש אָדער העברע־איש, איז זי ביי די אַרבעטער־ספּאָרטלער געווען יידיש.

נישט בלויז צווישן יידן און פּאָליאַקן האָבן די יידישע אַרבעטער־ספּאָרטלער באַקומען די פאַרדינטע אָנערקענונג, נאָר אויך אויפן אינטער־נאַציאָנאַלן פאָרום. אין די טעג פון 18־טן ביזן 27־טן יולי 1931 איז אין ווין פאָרגעקומען די צווייטע אינטערנציאָנאַלע אַרבעטער־ספּאָרט־אָלימ־פּיאַדע. צווישן די 800 אַרבעטער־ספּאָרטלער פון פּוילן, זיינען געווען 300 מיטגלידער פון מאָרגנשטערן און יוגנט־בונד צוקונפט (די רעשט זיינען געווען בעיקר פּוילישע אַרבעטער־ספּאָרטלער).

דעם 26־טן און 27־טן אַפּריל 1929 איז פאָרגעקומען דער ערשטער לאַנד־צוזאַמענפאָר פון מאָרגנשטערן. במשך פון די 2 יאָר טעטיקייט ביזן ערשטן צוזאַמענפאָר זיינען אויסגעבויט געוואָרן אין לאַנד צענטליקער אָפּטיילונגען מיט קנאַפּע 4 טויזנט מיטגלידער. צווישן די אָרגאַניזאַציעס איז בלויז איינע געווען אַן אַלטע — יוטשענקאַ פון קראָקע, וואָס האָט דאָרט עקזיסטירט נאָך פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה. 52 דעלע־גאַטן האָבן זיך באַטייליקט אין ערשטן צוזאַמענפאָר. אַחוץ אָרגאַניזאַציע־

נעלע ענינים, האָט דער ערשטער לאַנד־צוזאַמענפאָר באַהאַנדלט די דאָזיקע פּראָבלעמען פון דער ספּאָרט־באַוועגונג: באַדייטונג, אויפגאַבע און אָר־גאַניזאַציע פון אַרבעטער־ספּאָרט — רעפערענט ד״ר לעאָן פיינער (קראָ־קע); באַציאונג צו די בירגערלעכע און אַנדערע פּראָלעטאַרישע ספּאָרט־אָרגאַניזאַציעס און צום מלוכהשן אָמט פאַר פיזישער דערציאונג — פּנחס שוואַרץ; די ווייטערדיקע טעטיקייט פון מאַרגנשטערן — לייבל פרידמאַן (לאָדזש); ספּאָרט־פּרעסע — ד״ר חיים פּיזשיץ; צווייטע אַרבעטער־ספּאָרט־אָלימפּיאַדע — פּנחס שוואַרץ; סטאַטוטן — ד״ר לעאָן פיינער. דעם באַ־ריכט פון דער צענטראַל־פאַרוואַלטונג האָט אָפּגעגעבן מאָריס געלבראַן.

* * *

דער אויפשטייג פון דער יידישער אַרבעטער־ספּאָרט־געזעלשאַפט מאַרגנשטערן איז געווען פאַרבונדן מיט גרויסע שוועריקייטן. די ספּאָרט־באַוועגונג אין פּוילן איז אין פאַרגלייך מיט אַנדערע לענדער בכלל געווען אַ שוואַכע. אין די 1930־ער יאָרן איז טאַקע דער חשק צו ספּאָרט געשטיגן, ס׳האָבן אָבער געפעלט די אָביעקטיווע באַדינגונגען און מאַטעריעלע מיטלען, וואָס זאָלן מעגלעך מאַכן אַ ספּאָרט־באַוועגונג אין אַ גרויסן מאַסשטאַב. אויף דער יידישער גאַס איז די לאַגע געווען נאָך ערגער. דער פּיאָנער פון ספּאָרט ביי יידן אין פּוילן איז געווען דער מכבי, וואָס האָט גאָר גיך פאַרלוירן דעם שוואונג פון די ערשטע יאָרן און אָנגעהויבן צו וועגעטירן. צו אַלע צרות האָט די יידישע אַרבעטער־ספּאָרט־אָרגאַניזאַציע געהאַט נאָך אויסצושטיין פון פּאָליציייאישע רעפּרעסיעס. גענוג צו זאָגן, אַז אין די יאָרן 1929—1934 האָט די אַדמיניסטראַטיווע מאַכט געשלאָסן אָפּטיילונגען פון מאַרגנשטערן אין 32 שטעט. נישט גע־קוקט דערויף האָט די יידישע אַרבעטער־ספּאָרט־באַוועגונג, וואָס האָט בעיקר אַרומגענומען אַ יוגנט־עלעמענט, זיך פאַרברייטערט און פאַרטיפט. אין די שפּעטערדיקע יאָרן האָבן די מאַכט־אָרגאַנען געדראָט בכלל צו ליקווידירן דעם מאַרגנשטערן צוליב זיינע פאַרבינדונגען מיט דער בונדי־שער באַוועגונג. דער מאַרגנשטערן איז געווען דעצידירט אונטערגיין איידער באַגיין אַן אידייאישן פאַראַט.

אין פעברואַר 1934 איז פאָרגעקומען דער צווייטער לאַנד־צוזאַמענפאָר. צום צווייטן צוזאַמענפאָר זיינען אין מאַרגנשטערן געווען 112 אָרטיקע אָפּטיילונגען מיט איבער 5,000 מיטגלידער.

אין יולי 1929 האָט אָנגעהויבן דערשיינען אַן אייגענער אָרגאַן, דער אַרבעטער־ספּאָרטלער. נאָך אָנדערטהאַלבן יאָר דערשיינען (אַרויס 13 נו־מערן) האָט מען צוליב פינאַנציעלע שוועריקייטן דעם אַרבעטער־ספּאָרט־לער אָפּגעשטעלט. אַנשטאָט דעם איז געוואָרן איינגעפירט אַ וועכנטלעכע ביילאַגע (יעדן מאָנטאָג אַ זייט) פאַר ספּאָרט אין דער בונדישער פאָלקס־צייטונג, צוזאַמענגעשטעלט פון לאַזער איכעל. אין יאָר 1939 איז דער

אַרבעטער־ספּאָרטלער באַניט געוואָרן, אָבער ער איז גאָר גיך געפאַלן אַ קרבן פון די מלחמה־געשעענישן.

דער מאָרגנשטערן איז געווען אין פּוילן די יידישע סעקציע פון סאָציאַליסטישן ספּאָרט־אינטערנאַציאָנאַל. אין לאַנד איז ער געווען פאַרבונדן מיטן פאַרבאַנד פאַר אַרבעטער־ספּאָרט אין פּוילן, וואָס איז אָנגעפירט געוואָרן דורך מיטגלידער פון דער פּוילישער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי. אידעאָלאָגיש און פּאָליטיש איז דער מאָרגנשטערן געווען פאַרבונדן מיטן בונד און יוגנט־בונד צוקונפט.

תמיד האָט דער מאָרגנשטערן אונטערגעשטראָכן דעם פּראָלעטאַריש־סאָציאַליסטישן כאַראַקטער פון דער אָרגאַניזאַציע און די אייגנאַרטיקייט פון איר ספּאָרט־אַרבעט. קיין שום אָפּטיילונג פון מאָרגנשטערן האָט נישט געטאָרט אין קיין שום פאַל זיך באַנוצן מיט מיליטערישע אינסטרוקטאָרן פון מלוכהשן אָמט פאַר פיזישער דערציאונג. מאַסן־ספּאָרט פאַר קערפּער־לעכער אַנטוויקלונג, פרייד און עסטעטישן געניס — דאָס איז געווען די אויפגאַבע פון מאָרגנשטערן. די לעצטע יאָרן פאַרן צווייטן וועלט־קריג האָט דער מאָרגנשטערן אַנגאַזשירט ערשטקלאַסיקע אינסטרוקטאָרן פון אויסלאַנד (פינלאַנד, סאָציאַליסטישע עמיגראַנטן פון דייטשלאַנד א. א.), וועלכע האָבן נאָך מער געהויבן דעם ספּאָרט־ניוואָ פון דער אָרגאַניזאַציע. די גרעסטע אָפּטיילונגען זיינען געווען אין וואַרשע און לאָדזש.

דעם 26־טן פעברואַר 1937 איז פאָרגעקומען אַ באַריכט־פאַרזאַמלונג פון דער וואַרשעווער אָפּטיילונג פון מאָרגנשטערן. נאָך אַ ווערביר־אַקציע, וואָס האָט אַריינגעבראַכט נייע 600 מיטגלידער, האָט דער מאָרגנשטערן אין וואַרשע געציילט 1,500 מיטגלידער. קיין שום ספּאָרט־אָרגאַניזאַציע אין פּוילן, נישט קיין פּוילישע און נישט קיין יידישע, האָט נישט געציילט אַזאַ הויכע צאָל מיטגלידער אין איין שטאָט. דער יערלעכער בודזשעט פון דער וואַרשעווער אָרגאַניזאַציע האָט באַטראָפן 30 טויזנט גילדן — פאַר די אָרימע פאַרהעלטענישן פון פּוילן איז עס געווען אַ זייער גרויסע סומע. אין דער גימנאַסטישער סעקציע אַליין האָבן זיך באַטייליקט 924 מיטגלידער. פון די טעטיקייטן פון וואַרשעווער מאָרגנשטערן וועלן מיר דאָ דערמאָנען בלויז אַ פּאָר מאָמענטן: יעדעס יאָר אין חודש יאַנואַר, צו דער יאָרצייט פון פאַרשטאָרבענעם יידישן אַרבעטער־פירער, וולאַדימיר מעדעם, האָט דער מאָרגנשטערן דורכגעפירט אַ וועט־מאַרש פון וואַרשע קיין מיעדזעשין צו דער קינדער־סאַנאַטאָריע אויפן נאָמען פון וולאַדימיר מעדעם — אַ מהלך פון 26 קילאָמעטער. צענטליקער יינגלעך און מיידלעך פלעגן זיך באַטייליקן אין דעם פאַרמעסט. די יאָר־יערלעכע טורן־פעסטן זיינען שטענדיק געווען אַ יום־טוב אויף דער יידישער אַרבעטער־גאַס.

גרויסע עפנטלעכע טורן־פעסטן זיינען פאָרגעקומען אויך אין לאָדזש און אין קלענערע שטעט. צום 10־יאָריקן יובל פון מאָרגנשטערן אין לאָדזש האָט ער שוין געהאַט הינטער זיך 16 אַדורכגעפירטע טורן־פעסטן.

דער מאָרגנשטערן האָט זיך אויך באַטייליקט אין עטלעכע אָלימפּיאַ־דעס אין אויסלאַנד. ניט שטענדיק האָט מען די איינלאַדונגען פון סאָציאַליסטישן ספּאָרט־אינטערנאַציאָנאַל געקאָנט אָנטקעגנקומען. פיל מאָל האָט די פּוילישע רעגירונג זיך אָפּגעזאָגט אַרויסצולאָזן די אַרבעטער־ספּאָרטלער קיין אויסלאַנד. צווישן אַנדערע האָט מען פאַרבאָטן 300 מאָרגנ־שטערניאַנער צו פאָרן אין 1937 צו דער אָלימפּיאַדע אין אַנטווערפּן. אין אייניקע אַנדערע האָט מען זיך יאָ באַטייליקט.

דער לעצטער צוזאַמענפאָר פון מאָרגנשטערן, דער דריטער, איז פאָר־געקומען סך־הכל אַ פּאָר חדשים פאַרן צווייטן וועלט־קריג, דעם 24־טן און 25־טן מאַי 1939. אין שאָטן פון אָנקומענדיקן שטורעם האָבן זיך באַראָטן די שלוחים פון דער יונגער יידישער מחנה, וואָס האָט מאַרשירט אונ־טערן רוף: פריש — פריי, שטאַרק — טריי. מען האָט שוין געפילט די ווינטן פון אָנקומענדיקן קריג, ס'איז דעריבער באַשלאָסן געוואָרן צו שאַפן אַ סעקציע פון אָפּוועך־ספּאָרט.

דער מאָרגנשטערן איז געווען די גרעסטע אָרגאַניזאַציע פון גימנאַס־טישן ספּאָרט אין פּוילן. וואָס שייך ספּעציעל אויף דער יידישער גאַס, האָט ער זיך אַרויסגערוקט אויפן ערשטן אָרט סיי מיט דער קוואַליטעט, סיי מיט דער צאָל מיטגלידער.

די בירגערלעכע ספּאָרט־צייטונג (אַרויסגעגעבן דורכן פאַרלאַג פון דער וואַרשעווער צייטונג דער מאָמענט) האָט דורכגעפירט ביי אירע לייע־נער אַן אַנקעטע וועגן דעם ווער ס'איז דער גרעסטער יידישער ספּאָרט־קלוב אין פּוילן. די אַנקעטע האָט אַרויסגערופן אַ גרויסן אינטערעס ביי דער יידישער ספּאָרט־יוגנט אין גאַנצן לאַנד. די לייענער האָבן געפסקנט, אין הסכם מיט דערווירקלעכקייט, אַז דער גרעסטער ספּאָרט־קלוב ביי יידן אין פּוילן איז דער מאָרגנשטערן. קרוב 6 טויזנט לייענער האָבן אָפּ־געגעבן זייערע שטימען לטובת מאָרגנשטערן, וואָס האָט אין שייכות מיט דעם באַקומען פון דער צייטונג אַן אויסצייכענונג. די גאַנצע יידישע און פּוילישע ספּאָרט־פּרעסע האָט גערעדט מיט אָנערקענונג וועגן די ספּאָרט־דערגרייכונגען פון מאָרגנשטערן.

צווישן די וועלכע האָבן לאַנגע יאָרן אָנגעפירט מיט דעם מאָרגנ־שטערן (אין דער צענטראַלער אָנפירונג אָדער אין דער וואַרשעווער אָפּ־טיילונג) זיינען געווען: ד״ר חיים פּיזשיץ (אויסגעגאַנגען אָדער אומגע־בראַכט אין אַ סאָוועטישער תפיסה בעת דער צווייטער וועלט־מלחמה), בערנאַרד גאָלדשטיין, מאַוריצי אָזשעך, ד״ר לעאָן פיינער, זלמן פרידריך, מיכאַל און גינאַ קלעפּפיש, אינזשיניער שלמה נאַטקאָווסקי, פּנחס שוואַרץ, מאָריס געלבראַן, לוציאַן בליט, רענע שפּאַצענקאָפּ, ישראל זייד, לאַזער אייכעל, הערש מלינעק, באָריס אייסוראָוויטש, הערשל זשעלעכאָווער, שרה יאָעלסאָן, חיים קירשענצווייג, דוד עדעלשיין, יאָסל רוס, העלע קראַנ־שטאַט, שלמה קופּטשיק און אַנדערע. אין דער אָנפירונג פון מאָרגנשטערן אין לאָדזש זיינען געווען סערגיי נוטקעוויטש, אברהם קעניג, הערש וויינ־

בערג, יעקב הילער, לייבל פרידמאַן, ד״ר א. ליכטענשטיין, פּאָלאַ פּאָסאָל־סקאַ, לייב קרוק און אַנדערע. פיל פון זיי האָבן שפּעטער, בעת דער צווייטער וועלט־מלחמה, געשפּילט אַ וויכטיקע ראָל אין דער אונטער־ערדישער בונדישער באַוועגונג, זיך באַטייליקט אין וואַרשעווען געטאָ־אויפשטאַנד פון אַפּריל־מאַי 1943 און געפאַלן מיט אַ העלדן־טויט. דריי — לעאָן פיינער, מאַוריצי אָזשעך און בערנאַרד גאָלדשטיין — זיינען בעת דער צווייטער וועלט־מלחמה געווען מיטגלידער פון צענטראַל־קאָמיטעט פון אונטערערדישן בונד אין פּוילן.

אין דער לעצטער צענטראַל־פאַרוואַלטונג, וואָס איז געוויילט געוואָרן אויפן דריטן לאַנד־צוזאַמענפאָר, האָבן געהערט: ד״ר ח. פּיזשיץ, אינזש. ש. נאַטקאָווסקי, מ. געלבראַן, י. זייד, ז. פרידריך, א. אייכעל (פון וואַר־שע); ס. נוטקעוויטש, ל. פרידמאַן (לאָדזש); קירשענבוים (קוטנע), סוק־מאַן (טאַרנאָוו), זדאַנאָוויטש (מעזריטש).

אין ערשטן נומער פון באַנייטן אַרבעטער־ספּאָרטלער האָט געשריבן ד״ר חיים פּיזשיץ: „מיר שטייען ערב וועלט־מלחמה״ . . . „עס איז נישטאָ קיין שום ספק, אַז פּנים אל פּנים מיט דער געפאַר פון דער היטלעריסטי־שער מלחמה קעגן פּוילן, וועלן די אַרבעטער, פּוילישע און יידישע, זיין די ערשטע אין די רייען פון דעם דאָזיקן קאַמף״ . . . „דעריבער איז אויך פאַרשטענדלעך דער באַשלוס פון דריטן לאַנד־צוזאַמענפאָר פון „מאָרגנ־שטערן״ אויסצובויען דעם אָפּווער־ספּאָרט מיט דעם שיס־ספּאָרט איינ־שליסלעך״ *).

# מקורים און באַמערקונגען

1) Sprawozdanie z XX kongresu P. P. S. (31.12.25 — 3. 1. 26), Warszawa, 1926.

2) נייע פאָלקס־צייטונג, 14 מאַי 1926, וואַרשע.

3) זע 2 : 7 יוני 1926.

4) י. לעשטשינסקי: יידישע עקאָנאָמיק, זז. 6 — 7, נומער 1 — 2, 1938, וואַר־שע — ווילנע.

5) Zofja Wojciechowska: Struktura Demograficzna Polski (מאַנוסקריפּט אין אַרכיוו פון בונד).

6) ע. מוס: אונזער צייט, מערץ־אַפּריל 1928, וואַרשע.

7) זע 6 : אָקטאָבער 1927.

8) י. ש. הערץ: די געשיכטע פון בונד אין לאָדזש, ניו יאָרק 1958.

9) IV צוזאַמענפאָר פון אַלג. ייד. אַרבעטער־בונד („בונד") אין פּוילן, 4 — 6 יאַנואַר 1929 (באַריכט), וואַרשע.

10) זע 8.

11) זע 2 : 13, 14, 15, 17 מאַי 1928.

12) דאָס איז אַ רשימה פון קאָמוניסטישע אָנפאַלן במשך עטלעכע יאָר, אַזוי ווי זי איז געווען אין באַריכט פון צענטראַל־קאָמיטעט פאַר די יאָרן 1929 — 1935 צום 6־טן צוזאַמענפאָר פון בונד אין פּוילן:

אין דער רשימה זיינען פאַרצייכנט בלויז די גרעסערע איבערפאַלן; אין דער זעלביקער צייט זיינען פאָרגעקומען צענטליקער און אפשר הונדערטער קלענערע קאָמוניסטישע „העלדנטאַטן" פון זעלבן מין, וועלכע מיר רעכענען דאָ נישט אויס.

**יאָר 1929:**

מערץ — בלוטיקער אָנפאַל אויף אַ פאַרזאַמלונג פון טעקסטיל־פאַראיין אין לאָדזש.

אָנפאַלן אויף באַקליידער־אַרבעטער אין וואַרשע.

בלוטיקער אָנפאַל אויף די ח"ח יוסף ליפשיץ (באַסאַק) און לייזער לעווין.

אין שייכות מיט די דאָזיקע בלוטיקע געשעענישן איז דערקלערט געוואָרן אַן איין־טאָגיקער שטרייק פון די וואַרשעווער באַקלייד־אַרבעטער (19 מערץ). עס זיינען אויך דערשינען אויפרופן פון לאַנדראַט פון די פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען און צענטראַל־קאָמיטעט פון בונד.

אַפּריל — פאָגראָמירט די בונדישע ביבליאָטעק אין אָמשינאָוו.

מאַי — אַ פּרואוו אָנצופאַלן אויף דער רעדאַקציע פון דער „פאָלקס־צייטונג".

בלוטיקע אָנפאַלן אין קאַלושין.

געשאָסן אויפן חבר מאַנדעלבוים אין אָפּאָלע.

יולי — בלוטיקע געשלעגן אין נאָווידוואָר.

**יאָר 1930:**

יאַנואַר — צוויי אָנפאַלן אויפן מוסטער־וואַרשטאַט פון „אָרט" אין וואַרשע.

שיסעריי צווישן די שוסטער־אַרבעטער אין וואַרשע, דער מיטגליד פון יוגנט־בונד פורוואַסער באַקומען אַ קויל אין קאָפּ.

פּאָגראָם אויפן בונדישן לאָקאַל אין זשעלעכאָוו בעת אַ טרויער־פאַרזאַמלונג צום אָנדענק פון שיע גרינוואַלד, וואָס איז דערשאָסן געוואָרן אויף אַ דעמאָנסטראַציע אין וואַרשע.

פעברואַר — צעשטאָכן פיל חברים ביי די שטאָט־ראַט־וואַלן אין זשעלעכאָוו.

צוויי אָנפאַלן אין גריצע בעת די פאַרלעזונגען פון יחיאל האַלפּערן און דוד

ניימאַרק (אריה).

מאַי — בלוטיקע אַנפֿאַלן אויף קאַמאַשן־שטעפּער אין וואַרשע, געשטאָכן דעם חבר שמאַי. דעם סעקרעטאַר פֿון לעדער־פֿאַראיין, בערל אַמבאַראַס, מערדערלעך צע־שטאָכן אין פּאַלעניץ.

אויגוסט — אַנפֿאַל אויפֿן מעטאַל־פֿאַראיין אין וואַרשע.

דעצעמבער — אַנפֿאַל אויף דער יידיש־וועלטלעכער שול א. נ. פֿון ב. מיכאַ־לעוויטש אין וואַרשע.

ערשטער אַנפֿאַל אויף דער קינדער־סאַנאַטאָריע אויפֿן נאָמען פֿון וולאַדימיר מע־דעם אין מיעדזעשין.

יאָר 1931:

יאַנואַר — צווייטער אַנפֿאַל אויף דער מעדעם־סאַנאַטאָריע אין מיעדזעשין. (געדיכטע שיסעריי אויף די לערער און קינדער).

מערץ — צום צווייטן מאָל פּאָגראָמירט די ביבליאָטעק אין אַמשינאָוו.

בלוטיקע אַנפֿאַלן מיט מעסער־שטעכעריי אויף באַקלייד־אַרבעטער אין וואַרשע.

אויגוסט — אַנפֿאַל אויפֿן לאָקאַל און טוער פֿון פּראָפֿעסיאָנעלן פֿאַראיין פֿון בערשטער־אַרבעטער אין מעזריטש.

אַנפֿאַל אויפֿן צוזאַמענפֿלי פֿון יוגנט־בונד צוקונפֿט אין טשעכאַנאָוו.

סעפּטעמבער — אַנפֿאַל אויף אַ פֿאַרזאַמלונג פֿון שטרייקנדיקע באַקלייד־אַרבעטער אין לאָדזש.

נאָוועמבער — אַנפֿאַלן אויף די יידישע בעקער־אַרבעטער אין וואַרשע, חבר אברהם נויערמאַן דערשאָסן.

יאָר 1932:

פֿעברואַר — אַנפֿאַל אויפֿן סעקרעטאַר פֿון פֿריזירער־פֿאַראיין אין וואַרשע, אַבֿע משה מערקין. באַפֿאַלן און מערדערלעך פֿאַרוואונדעט דעם סעקרעטאַר פֿון וואַרשע־ווער פֿאַראיין פֿון באַקלייד־אַרבעטער, הערשל הימעלפֿאַרב און 6 אַנדערע באַקלייד־אַרבעטער.

אַנפֿאַל אויפֿן אַרבעטער־ווינקל פֿון בונד אין וואַרשע.

מאַי־יוני — בלוטיקע אַנפֿאַלן אויף די האַנדלס־אָנגעשטעלטע אין וואַרשע.

יולי — אַנפֿאַלן אויף די פֿריזירער־אַרבעטער אין וואַרשע.

אָקטאָבער — בלוטיקע געשלעגן אין טשענסטאָכאָוו. פֿאַרוואונדעט דעם חבר משה לעדערמאַן.

נאָוועמבער — בלוטיקע אַנפֿאַלן אין וולאָצלאַוועק.

יאָר 1933:

יאַנואַר — אַנפֿאַלן אויף לעדער־אַרבעטער אין וואַרשע.

אַנפֿאַלן אויף טראַנספּאָרט־אַרבעטער אין וואַרשע.

מאַי — אַנפֿאַלן אין מאַטשעוויץ.

אַנפֿאַלן אויף די אָנגעשטעלטע אין פּרוכטן־געשעפֿטן אין וואַרשע; דערשאָסן דעם חבר מאָניעק שיינאָוויטש, חבר שמחה סאָלניק שווער פֿאַרוואונדעט.

אין אַרכיוו פֿון בונד אין פּוילן האָבן זיך געפֿונען 6 קאָמוניסטישע בראָשורן, 15 צייטונגען און העכער 250 אויפֿרופֿן, געווידמעט אויסשליסלעך דעם בונד, בונדישע טוער, פּראָפֿעסיאָנעלע פֿאַראיינען און אָרגאַניזאַציעס, וואָס זיינען געווען אַ טייל פֿון דער בונדישער באַוועגונג. דאָס איז נאָך נישט אַלץ, וואָס זיי האָבן אַרויסגעגעבן במשך פֿון 6 יאָר. אין דער צאָל גייען אויך נישט אַריין די קאָמוניסטישע אויסגאַבעס (צייטונגען, זשורנאַלן, בראָשורן) און זייערע אויפֿרופֿן וועגן אַלגעמיינע ענינים, אויך דאָרט איז פֿול געווען מיטן בונד.

(באַריכט צום VIטן צוזאַמענפֿאָר 14, 15 און 16 פֿעברואַר 1935, 1929—1935).

13) מיעטשיסלאַוו ניעדזשאַלקאָווסקי איז נאָכן אויסברוך פֿון דער צווייטער וועלט־מלחמה (1939) געווען אַ מיטגליד פֿון פֿאַרטיידיקונג־קאָמיטעט בעת דער באַלאַגערונג

פון וואַרשע. ער האָט זיך אָפּגעזאָגט אונטערצושרייבן דעם קאַפּיטולאַציע־דאָקומענט און דערקלערט, אַז די אַרבעטערשאַפט גיט זיך נישט אונטער. די דייטשע אָקופּאַציע־מאַכט האָט אים אינגיכן אַרעסטירט און צוזאַמען מיט נאָך עטלעכע אַנגעזעענע פּוילישע פירער דערשאָסן.

14) זע 9.

15) אונזער פאָלקס־צייטונג, 17 יולי, 31 יולי 1923, וואַרשע.

Знамя Борьбы № 1 20-го Марта 1924 г. № 9-10 Февраль-Март 1925 г. Berlin.

Mitteilungen des Internationalen Informationsbüro der rev.-soz. Parteien, # 1, Dezember 1923, # 2 Januar 1924, Berlin.

16) וו. אַלטער: אויף בונדישע טעמעס, אונזער צייט נר. 5, מאַי 1928, וואַרשע.

17) זע 2: 19 אָקטאָבער 1928, וואַרשע.

18) זע 2: 14 נאָוועמבער 1928.

19) זע 2: 16 נאָוועמבער 1928.

20) זע 9.

21) זע 2: 31 יאַנואַר 1930.

22) זע 2: 28 מערץ 1930.

23) זע 2: 18 אַפּריל, 21 אַפּריל, 25 אַפּריל, 2 מאַי, 11 מאַי, 16 מאַי, 23 מאַי 1930.

24) פיר מיטגלידער פון דער 5־קעפּיקער רעוואָלוציע־קאָמיסיע זיינען אומגעברענגט געוואָרן בעת דער צווייטער וועלט־מלחמה. דריי פון זיי — הענריק ערליך, וויקטאָר אַלטער, אַנע ראָזענטאַל — האָט די סאָוועטישע מאַכט אַרעסטירט אין 1939 און אומגעברענגט אין 1941. אַנע ראָזענטאַל איז אין 1904 געוואָרן פאַרמשפּט אויף 12 יאָר קאַטאָרגע פאַרן אָנטייל אין „ראָמאַנאָווקע״־אויפשטאַנד אין סיביר. די אַמנעסטיע אין רעוואָלוציע־יאָר 1905 האָט זי באַפרייט; אַ פערטן מיטגליד פון דער קאָמיסיע — ד״ר אַלעקסאַנדער מאַרגאָליס — האָט די נאַצי־דייטשע מאַכט, נאָכן אָקופּירן לאָדזש אין 1939, אַרעסטירט און אַ קורצע צייט נאָך דעם אומגעברענגט.

25) יאַנקל זשעלעזניקאָוו — באַקומען 6 יאָר קאַטאָרגע פאַר זיין רעוואָלוציאָנערער טעטיקייט קעגן צאַריזם אין פעריאָד פון דער ערשטער רוסלענדער רעוואָלוציע — איז אין 1939 געוואָרן אַרעסטירט אין ווילנע דורך דער סאָוועטן־מאַכט און שפּעטער אומגעברענגט.

26) זע 2: נומ. 126 — 129, 4 — 8 יוני 1930;
לאָדזשער וועקער, 6 יוני, 1930, לאָדזש.
דער וועקער, 28 יוני, 12 יולי 1930, ניו־יאָרק.

27) זע 2: 8 סעפּטעמבער 1930.

28) זע 2: 1 מערץ 1931.

29) זע 2: 12 מערץ 1931.

30) די אָרגאַניזאַציעס פון ידישע אַרבעטער אין פיר שטעט — ווילנע, וואַרשע, מינסק, סמאָרגאָן — וואָס האָבן צוזאַמען מיט די אָרגאַניזאַציעס פון אַנדערע שטעט אין יאָר 1897 געגרינדעט דעם בונד, זיינען שוין אין יאָר 1896 געווען פאַרטרעטן, דורך איבערגעשיקטע מאַנדאַטן, אויפן 4־טן קאָנגרעס פון סאָציאַליסטישן אינטער־נאַציאָנאַל, וואָס איז פאָרגעקומען אין לאָנדאָן.

31) זע 2: 3 יולי 1931.

32) זע 2: 14 יולי 1931.

33) די דייטשע פאַשיסטן און רעאַקציאָנערן האָבן גערופן צו שטימען פאַר פאַ־נאַנדערלאָזן דעם פּרייסישן פּאַרלאַמענט, כדי צו קענען אַראָפּזעצן די פּרייסישע דע־מאָקראַטישע רעגירונג מיטן סאָציאַל־דעמאָקראַטישן פּרעמיער בראָש. די קאָמוניסטישע פּאַרטיי האָט אונטערגעשטיצט דעם פּלעביסציט, וואָס דער פאַשיסטיש־רעאַקציאָנערער

לאַגער האָט איניצירט. אין דער אָפּשטימונג, דעם 9 אויגוסט 1931, האָט די קאָאַ־ליציע פון די נאַציס, גרויס־קאַפּיטאַליסטן און קאָמוניסטן נישט געקענט אָנציען אַ מערהייט פון די וואַל־באַרעכטיקטע — עס האָט זיי צוגעפעלט קרוב 3 און אַ האַלבן מיליאָן שטימען — און דער פּלעביסציט האָט קיין פּעולה נישט געהאַט.

34) זע 2 : פון יולי ביז 10 אויגוסט 1931 ;

יוגנט־וועקער, נומ. (150) 16, 5 אויגוסט, (151) 17, 20 אויגוסט 1931, וואַרשע ;

Quatrième Congrès de L'Internationale Ouvrière Socialiste, Vienne du 25 juillet au 1er août 1931, Zurich 1932.

Nasza Walka, # 6-7, Sierpień 1931, Warszawa.

35) זע 2 : 22 נאָוועמבער 1931.

36) זע 2 : 24 נאָוועמבער 1931.

37) זע 2 : 8 דעצעמבער 1932.

38) ז. אַרטור : אַ יאָר פּראָפעסיאָנעלע באַוועגונג, אַרבעטער־לוח 1926, וואַרשע.

39) ע. מוס : קאַמף פאַר רעכט אויף אַרבעט, 1926, וואַרשע.

40) שמואל מילמאַן : לאָדזער וועקער, נומ. 2, 10 מערץ 1921, לאָדזש ; א. לעווקאָ : דאַרט נומ. 4, 7 אַפּריל 1921 ; י. ש. הערץ : די געשיכטע פון בונד אין לאָדזש, ניו־יאָרק 1958, זז. 287 — 290.

41) גענויער וועגן פאַרלויף פון קאָנגרעס פאַר רעכט אויף אַרבעט — אין פערטן באַנד די געשיכטע פון בונד (ש. מ. זיגעלבוים און י .ש. הערץ וועגן די פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען פון די יידישע אַרבעטער).

42) זע 2 : נומ. 61, 1 אַפּריל, נומ. 62, 2 אַפּריל, נומ. 63, 4 אַפּריל, נומ. 64, 7 אַפּריל, נומ. 65, 8 אַפּריל 1926.

43) אַלגעמיינער יידישער אַרבעטער־בונד „בונד" אין פּוילן, באַריכט צום VI צו־זאַמענפאַר, 14, 15 און 16 II (פעברואַר) 1935, 1929 — 1935.

44) Prawo Do Pracy, Grudzień 1928 r., Październik 1929 r., Styczeń 1930 r., Kwiecień 1930 r. Warszawa.

45) זע 39.

46) זע 44 : Październik 1929 r.

47) ג. זיבערט : די אַרבעטער־עמיגראַציע־ביוראָ אין פּוילן, אין אַרבעטער־לוח 1926, וואַרשע.

48) טעטיקייט־באַריכט פון אַרבעטער־עמיגראַציע־ביוראָ אין וואַרשע פאַרן יאָר 1927, טעטיקייט־באַריכט א.א.וו. פאַרן יאָר 1928 ; נייע פאָלקס־צייטונג, 1 אויגוסט 1939, וואַרשע.

49) Mały Rocznik Statystyczny 1939, Warszawa 1939.

50) אינפאָרמאַציע פון משה קליגסבערג, אינעוויייניקסטער מיטאַרבעטער פון אַרבע־טער־עמיגראַציע־ביוראָ.

51) זע 2 : 25 יוני ; ג. זיבערט : 13, 16 יולי 1926.

Walka, Lipiec-Sierpień, Wrzesień 1926, Kraków.

52) אויספירלעכער וועגן יוגנט־בונד צוקונפט אין פּוילן זע י. ש. הערץ : די געשיכטע פון אַ יוגנט, ניו־יאָרק 1946.

53) ו־טער לאַנד־צוזאַמענפאָר פון סקיף אין פּוילן, וואַרשע, יאַנואַר 1937 ; י. ש. הערץ : די געשיכטע פון אַ יוגנט, ניו־יאָרק 1946 ; לייוויק האָדעס, ביאָגראַפיע און שריפטן, ניו־יאָרק 1962.

54) דער אַרבעטער־ספּאָרטלער, וואַרשע 1929, 1930, 1939 ; באַריכטן פון וואַר־שעווער און לאָדזשער אָפּטיילונגען פון מאָרגנשטערן ; י. ש. הערץ : די געשיכטע פון אַ יוגנט, ניו־יאָרק 1946 ; נייע פאָלקס־צייטונג, וואַרשע.

עמנואל נאָוואָגראָדסקי

# קאַמף פאַר רעכט אויף אַרבעט

בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה האָט דער דייטשער אָקופּאַנט פון פּוילן זיך שטאַרק געניטיקט אין אַרבעט־הענט און נישט געמאַכט קיין נפקא־מינה צי זיי זיינען יידישע אָדער פּוילישע. פון דער צווייטער זייט האָבן די יידישע פאָלקס־מאַסן פון פּוילן, אַדאַנק דער זעלביקער אָקופּאַציע, אין אַ גרויסער מאָס פאַרלוירן זייערע טראַדיציאָנעלע באַשעפטיקונגען. ביידע פאַקטאָרן האָבן דערפירט דערצו, אַז במשך פון די יאָרן פון דער דייטשער אָקופּאַציע זענען טויזנטער יידישע אַרבעטער געווען באַשעפטיקט אויף די אייזנבאַנען, אַריינגעדרונגען אין פאַרשידענע געביטן פון דער קאָמונאַלער ווירטשאַפט, אָקופּאַציע־אַמטן און אין נייע פאַר זיי אינדוסטריע־צווייגן.

אָבער דאָס אומאָפּהענגיקע פּוילן פון נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה האָט גלייך אָנגעהויבן צו באַזייטיקן די יידישע אַרבעטס־מענטשן פון זייערע נייע און אַלטע אַרבעט־פּלעצער. די יידישע אייזנבאַן־אַרבעטער זיינען די ערשטע געפאַלן אַ קרבן פון דער דאָזיקער ווירטשאַפט־לעכער עקסטערמינאַציע־פּאָליטיק מצד דער מלוכה. דער תירוץ איז געווען, אַז די אַמאָליקע פּוילישע באַן־אַרבעטער, פאַרשלעפּטע בעת דער מלחמה־עוואַקואַציע קיין רוסלאַנד, האָבן זיך נאָך דער מלחמה אומגעקערט אַהיים און זיי האָבן אַ חזקה אויף זייערע אַלטע פּאָסטנס. מיט אַן אַנדערן אויסרייד, אָדער בכלל אָן אַן אויסרייד, איז די זעלביקע פּראַקטיק פון ווירטשאַפטלעכן אַנטיסעמיטיזם אָנגעווענדעט געוואָרן צו יידן, וואָס זיינען געווען באַשעפטיקט אין די פאַרשידענע שטאַטישע און אַדמיניסטראַטיווע אַמטן, וועלכע זיינען איבערגענומען געוואָרן דורך דער אומאָפּהענגיקער פּוילישער מלוכה פון דער דייטשער אָקופּאַציע־מאַכט. בעת די פּוילישע רעגירונג אָדער אַ שטאָט־פאַרוואַלטונג פלעגט איבערגעבן אַ באַשטעלונג צו אַ פּריוואַטן אונטערנעמער, גאַנץ אָפט אַפילו צו אַ יידישן, איז דער תנאי אין געשלאָסענעם מיט אים קאָנטראַקט געווינלעך געווען, אַז ער זאָל באַשעפטיקן קריסטלעכע אַרבעט־הענט. בעת די מלוכה און די שטאָט־פאַרוואַלטונגען זענען צוגעטרעטן, פון אָנהויב 1924, צו אָרגאַניזירן עפנטלעכע אַרבעטן, כדי צו לינדערן די שרעקלעכע נויט פון דער אויסגעוואַקסענער, אַדאַנק דעם עקאָנאָמישן קריזיס, מחנה אַרבעטלאָזע, פלעגן על־פּי־כלל יידישע אַרבעטלאָזע נישט אָנגענומען ווערן. זייער אָפט האָבן די אינזשעניערן אָדער די ספּעציעלע שטאָט־באַאַמטע, וועלכע האָבן פאַרשריבן און קוואַליפיצירט בעלנים צו עפנטלעכע אַרבעטן, זיך געחידושט, וואָס אויך אַ ייד רעפלעקטירט אויף אַזאַ הילף, אַנשטאָט זיך ווענדן צו דער יידישער קהילה... דעם 3־טן יוני

1925 האָט דער פּוילישער סיים (פּאַרלאַמענט) באַשלאָסן צוצונעמען ביי ייִדן זייערע קאָנצעסיעס צו האַנדלען מיט טאַבאַק און פּאַפּיראָסן מיטן אויסרייד, אַז די דאָזיקע קאָנצעסיעס דאַרפן איבערגעגעבן ווערן „פאַר־דינטע מלחמה־וועטעראַנען און קעמפער פאַר דער פּוילישער אומאָפּ־הענגיקייט". און ווען די מלוכה האָט איבערגענומען אין איר רשות די טאַבאַק־ און פּאַפּיראָסן־פאַבריקן, איז דער ערשטער שריט פון דעם מלוכה־שן טאַבאַק־מאָנאָפּאָל געווען צו באַזייטיקן אַלע ייִדישע אַרבעטער, וועלכע זיינען אין עטלעכע פון די דאָזיקע פאַבריקן, ווי למשל, אין פּאָליאַקעוויטשעס פּאַפּיראָסן־פאַבריק אין וואַרשע אָדער אין שערעשעוו־סקיס טאַבאַק־פאַבריק אין גראָדנע געווען באַשעפטיקט צענטליקער יאָרן. דעם 14־טן אָקטאָבער 1925 זענען אָפּגעזאָגט געוואָרן די ערשטע 600 ייִדישע טאַבאַק־אַרבעטער פון שערעשעווסקיס פאַבריק אין גראָדנע. טויזנטער ייִדישע טאַבאַק־אַרבעטער זיינען אַרויסגעוואָרפן געוואָרן אויף דער גאַס.

דער ייִדישער פאַבריקאַנט און אונטערנעמער פלעגט זיך געוויינ־לעך שיצן קעגן אַנטיסעמיטישע מעשים דורך אונטערשטעלן אַ קריסט־לעכן פיגוראַנט, וועלכער פלעגט אונטערשרייבן דעם קאָנטראַקט מיט דער מלוכה אָדער מיט דער שטאָט־פאַרוואַלטונג. ס'פלעגט אים קאָסטן געלט, אָבער ער האָט זיך ווי עס איז אַן עצה געגעבן. דער ייִדישער אַרבעטער איז אָבער געווען אינגאַנצן שוצלאָז קעגן דער אַנטיסעמיטי־שער עקסטערמינאַציע־פּאָליטיק לגבי אים. נישט בלויז די פּוילישע געזעלשאַפט, אויך די ייִדישע באַפעלקערונג האָט אייגנטלעך שלום גע־מאַכט מיט דער לאַגע און אָנגעהויבן עס באַטראַכטן ווי אַ נאָרמאַלע דערשיינונג.

אַזוי האָט אויסגעזען די ייִדישע ווירקלעכקייט אין פּוילן בעת דער צענטראַל־קאָמיטעט פון „בונד" האָט באַשלאָסן אַרויסצושטעלן אַ נייע, אַקטועלע, פּאָליטישע לאָזונג — רעכט אויף אַרבעט פאַר די ייִדישע אַרבעטער — און אָנגעהויבן אַן ענערגישן קאַמף פאַר דער דאָזיקער פאָדערונג. ס'איז גלייך אויסגעטיילט געוואָרן אַ ספּעציעלע קערפּער־שאַפט, וועלכע האָט געדאַרפט אָנפירן מיטן קאַמף פאַר רעכט אויף אַר־בעט. די קערפּערשאַפט איז גיך פּאָפּולער געוואָרן צווישן די ייִדישע אַרבעטער פון פּוילן אונטער דעם נאָמען: „ביוראָ פאַר רעכט אויף אַר־בעט". צווישן די, וועלכע זיינען באַשטימט געוואָרן אָנצופירן מיטן קאַמף פאַר רעכט אויף אַרבעט זיינען געווען גרשון זיבערט, אַרטור זיגעלבוים, נאָטאָן שאַפּראָן און אַנדערע.

נאָך אין די צאַרישע צייטן זענען פאָרגעקומען קאָנפליקטן צווישן ייִדישע און פּוילישע אַרבעטער אין פאַבריק־שטעט וועגן אַרבעט־פּלע־צער, אָבער אין די דאָזיקע קאָנפליקטן האָט זיך דער עיקר געהאַנדלט וועגן חזקה אויף אַלטע, טראַדיציאָנעלע פּאָסטנס. די קריגערייען זיי־

נען אַנטשטאַנען בעת די אַרבעט איז מעכאַניזירט געוואָרן. די יידישע שוסטער האָבן געטענהט, אַז די אַרבעט־פּלעצער געהערן צו זיי, ווייל זיי האָבן געאַרבעט אין דער זעלביקער פאַבריק, איידער זי איז מע־כאַניזירט געוואָרן. ענלעך איז געווען דער פאַל מיט די וועבער אין ביאַ־ליסטאָק אָדער אין לאָדזש. די אַמאָליקע שטרייטן פון דעם מין זייַנען דאָס רוב דערליידיקט געוואָרן דורך די יידישע און פּוילישע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס מיטן איינשטעלן אַ שליסל פון העלפט אויף העלפט. דער נייער קאַמף פאַר רעכט אויף אַרבעט האָט אָבער לחלוטין נישט געהאַט צו טאָן מיט אַזעלכע מחלוקות. קאַמף פאַר „רעכט אויף אַרבעט" איז בכלל נישט פאַרטראַכט געוואָרן ווי אַ שטרייט מיט דער פּוילישער אַר־בעטערשאַפט; פאַרקערט, כדי אים דערפאָלגרייך צו פירן, האָבן די יידי־שע אַרבעטער שטאַרק זיך געצויטיקט אין דער אונטערשטיצונג און הילף מצד דער פּוילישער אַרבעטער־באַוועגונג. ס'איז געווען אַ קאַמף פאַר צעברעכן די ווענט פון טראַדיציאָנעלן יידישן ווירטשאַפטלעכן געטאָ; אַ קאַמף פאַר איבערדערציען די יידישע פאָלקס־מענטשן, אַז זיי זאָלן אָנהויבן צו באַטראַכטן אַלע אָן אויסנאַם אַרבעטס־מעגלעכקייטן אין פאַבריקן, אין מלוכה־אונטערנעמונגען און אין די שטאָטישע אַנ־שטאַלטן פאַר זייערע אייגענע אַרבעטס־שאַנסן, צו וועלכע אַלע בירגער פון פּוילן האָבן אַ צוטריט אָן אונטערשיד פון זייער נאַציאָנאַלער אָנגע־העריקייט אָדער רעליגיע. דער קאַמף פאַר רעכט אויף אַרבעט איז אַזוי אַרום געווען אַ טייל פון אַלגעמיינעם קאַמף פאַר פולער, פּראַקטישער גלייכבאַרעכטיקונג פון די יידן אין פּוילן, אַ טייל פון קאַמף קעגן דעם געזעלשאַפטלעכן אַנטיסעמיטיזם און קעגן דער ווירטשאַפטלעכער עקס־טערמינאַציע־פּאָליטיק לגבי יידן מצד דער מלוכה. ס'איז נישט געווען אַ פאַרמעסט צו געווינען פאַר דער יידישער אַרבעטערשאַפט דעם אָדער יענעם פּאָסטן, די אָדער יענע אַרבעט־מעגלעכקייט, ס'איז געווען אַ קאַמף פאַר אַנערקענען דעם פּרינציפּ, אַז אַלע אָן אויסנאַם אַרבעטס־פּאָזיציעס אין לאַנד קענען געהערן אויך צו די יידישע אַרבעטס־מענטשן און אַז באַשעפטיקט זאָל ווערן דער, וואָס האָט די בעסטע קוואַליפי־קאַציעס און נישט דער, וואָס האָט אַ קריסטלעכע מעטריקע.

דער בונד האָט זיך פאַרמאָסטן אויסצוקעמפן פאַר דער יידישער באַפעלקערונג איר ווירטשאַפטלעכע גלייכבאַרעכטיקונג. דער פּרינציפּ פון ווירטשאַפטלעכער גלייכבאַרעכטיקונג איז אייגנטלעך אַנערקענט גע־וואָרן דורך דער קאָנסטיטוציע פון דער יונגער פּוילישער רעפּובליק, וועלכע האָט נישט געמאַכט קיין אונטערשייד צווישן אַ קריסט און אַ ייד. מ'האָט אָבער געדאַרפט פירן אַ ביטערן קאַמף, אַז דער דאָזיקער פעסטגעשטעלטער פּרינציפּ זאָל ווערן אַ פּראַקטישע לעבנס־נאָרמע. פון אַזאַ רעאַלער ווירטשאַפטלעכער גלייכבאַרעכטיקונג איז די פּוילישע ווירקלעכקייט געווען הימל־ווייט. מ'האָט געדאַרפט קעמפן דורכצוברעכן

נישט בלויז אַ בלינדע וואַנט פון דורות־אַלטע פאַראורטיילן אין דער פוילישער געזעלשאַפט. נישט ווייניקער וויכטיק איז געווען צו ענדערן די שטימונג פון דעם יידישן אַרבעטס־מענטש, וועלכער האָט שוין לאַנג פּסיכאָלאָגיש רעזיגנירט פון די אַזוי־גערופענע „נישט יידישע באַשעפטיקונגען" און אַפילו בעת דער גרעסטער נויט נישט געזוכט אַרבעט אַ ביסל ווייטער, מחוץ די טראַדיציאָנעלע יידישע מלאכות. פון גרויסער באַדייטונג פאַרן קאַמף פאַר רעכט אויף אַרבעט איז געווען צו באַקעמפן די אַנטיסעמיטישע פּאָליטיק פון דער מלוכה און פון די שטאָטישע זעלבסטפאַרוואַלטונגען. נישט בלויז צוליב דעם, וואָס אַ דערפאָלג אויף דעם פראָנט וואָלט געהאַט אַ גרויסע השפעה אויף דעם גאַנצן פריוואַט־קאַפּיטאַליסטישן סעקטאָר פון דער פוילישער ווירטשאַפט. שוין אין יאָר 1925 איז די פוילישע מלוכה געווען דער גרעסטער אונטערנעמער אין לאַנד, וועלכער האָט אין זיינע פאַבריקן און אין דעם אַדמיניסטראַטיוון אַפּאַראַט שטענדיק באַשעפטיקט קרוב אַ האַלבן מיליאָן אַרבעטער און אָנגעשטעלטע. אויפן צווייטן אָרט לויט דער צאָל באַשעפטיקטע איז געווען די קאָמונאַלע ווירטשאַפט. די שטאָט וואַרשע אַליין האָט, למשל, אין 1925 באַשעפטיקט קרוב 13 טויזנט אָנגעשטעלטע און אַרבעטער. ס'איז דעריבער געווען קלאָר, אַז דער קאַמף פאַר רעכט אויף אַרבעט דאַרף קודם־כל קאָנצענטרירט ווערן אויף דעם דאָזיקן פראָנט.

גלייך פון אָנהייב אָן איז געווען פאַרשטענדלעך, אַז דער קאַמף פאַר רעכט אויף אַרבעט וועט נישט זיין מסוגל צו מאָביליזירן די גאַנצע ענערגיע פון דעם יידישן אַרבעטס־מענטש, אויב ער וועט געפירט ווערן בלויז ווי אַ קאַמף פאַר אַן אַבסטראַקטער אידייע. ער מוז קאָנקרעטיזירט ווערן אין שלאָגנדיקע אויפגאַבן, וועלכע וועלן זיין פאַרשטענדלעך נישט בלויז דעם יידישן אָרגאַניזירטן אַרבעטער־קלאַס, נאָר אויך דעם ברייטערן יידישן עולם. דער אמת איז דאָך געווען, אַז דעם הונגעריקן, אַרבעטסלאָזן יידישן שוסטער אָדער וועבער, דעם אַרבעטסלאָזן יידישן אינטעליגענט אָדער האַנדלס־אָנגעשטעלטן, איז אַפילו גאָר נישט איינגעפאַלן אָנצוקלאַפּן אין דער טיר פון אַ מלוכהשער אָדער פון אַ שטאָטישער פאַבריק און ביורא, כדי פאַרלאַנגען, אַז מ'זאָל אים באַשעפטיקן. די דירעקטאָרן פון מלוכהשע מאָנאָפּאָל־פאַבריקן, די פאַרוואַלטער און די פירער פון מלוכהשן און שטאָטישן טראַנספּאָרט־וועזן האָבן דעריבער געקענט מיט אַ פרומער מינע ענטפערן דעם בונד: „איר ווילט מיר זאָלן באַשעפטיקן יידן? מיר האָבן אָבער נישט אין אונזערע לאַנגע רשימות פון די, וואָס האָבן זיך צו אונדז געווענדעט נאָך פּאָסטנס, קיין איין ייד!". אַ מער קעמפערישער אַנטיסעמיטישער באַאַמטער, פלעגט נאָך דערצו צוגעבן מיט אַ שמייכל: „יידן ווילן דאָך גאָר נישט אַרבעטן. זיי ווילן בעסער האַנדלען, מאַכן געשעפטן...". מ'האָט קודם־

כל געדאַרפט אויסוואָרצלען דעם יידישן סקעפּטיציזם און אומגלויבן אין דער מעגלעכקייט בכלל באַשעפטיקט צו ווערן אין די דאָזיקע „גוישע" אינסטיטוציעס און אונטערנעמונגען, שאַפן ביי זיי אַליין אַ ווילן פון קלאַפּן אין די טירן און פאַרלאַנגען פאַר זיך אַרבעט. ערשט נאָך דעם וואָלט איבערהויפּט געקענט געפירט ווערן דער קאַמף קעגן פּראַקטיצירטן לגבי זיי ווירטשאַפטלעכן באַיקאָט.

די ערשטע אויפגאַבע פון דער קאַמפּאַניע פאַר רעכט אויף אַרבעט איז דעריבער געווען, אַז יידן זאָלן בכלל אָנהויבן צו פאָדערן באַשעפטיקונג אין די אַלע ווירטשאַפטלעכע פּאָזיציעס, אָנגעבן אַפּליקאַציעס, זיך פאַרשרייבן אין די רשימות פון די, וועלכע וואַרטן אויף פּאָסטנס. ס'איז געגאַנגען אין דעם, צו שאַפן אויף דער יידישער גאַס אַן אַטמאָספער, אַז יידישע אַרבעט־מענטשן בכלל זאָלן אַקטיוו פאַרלאַנגען באַשעפטיקונגען, אַרויסרופן אַ דראַנג צו פאַרנעמען די נייע פּאָזיציעס. כדי דאָס זאָל אָבער געלונגען, איז ווייניק געווען בלויז אַגיטאַציע און פּראָפּאַגאַנדע. די קאַמפּאַניע פאַר רעכט אויף אַרבעט האָט זיך גענויטיקט אין געוויסע קאָנקרעטע „דערגרייכונגען", וועלכע זאָלן פאַר דער יידישער גאַס סימבאָליזירן אַ דורכברוך אין דער אַלטער פּראַקטיק לגבי זיי. אין אַזאַ פּסיכאָלאָגישער אויסווירקונג איז געלעגן דער גרויסער ווערט פון אַזעלכע קליינע דערגרייכונגען. דאָס איז געווען אַ לעבעדיקע אילוסטראַציע פאַר דער יידישער גאַס, אַז די וואַנט פון ווירטשאַפטלעכער דיסקרימינאַציע איז נישט אומבאַזיגבאַר.

ס'איז געווען פאַרהעלטניסמעסיק לייכט אויסצומיידן געפערלעכע קאָנקורענץ־געפילן ביי דער פּוילישער אַרבעטערשאַפט. כל־זמן דער קאַמף פאַר רעכט אויף אַרבעט פאַר די יידן איז געווען אַ קאַמף בלויז פאַר אַן אַבסטראַקטן פּרינציפּ. דער אַנטיסעמיטישער לאַגער האָט נאָך אָפּעריִרט מיט זיין טראַדיציאָנעלן בילבול, אַז יידן זיינען פּאַראַזיטן, וועלכע ווילן איבערהויפּט נישט אַרבעטן. ער איז נאָך נישט געווען איינגעשטעלט אַרויסצורוקן די צווייטע טענה, אַז יידן ווילן פאַרכאַפּן די אַרבעטס־פּלעצער פון די נישט־יידן. ווי נאָר אָבער די ביורא פאַר רעכט אויף אַרבעט האָט זיך געשטעלט די אויפגאַבע צו דערגרייכן פּראַקטישע רעזולטאַטן, איז אומגעהויער פאַרלייכטערט געוואָרן אַזאַ אַגיטאַציע פון פיינטלעכן לאַגער. מ'האָט געדאַרפט זיין באַזונדערס פאָרזיכטיק, כדי נישט צוגיסן אייל צום דאָזיקן פייער. אין לאַנד האָט געהערשט אַ שווערער עקאָנאָמישער קריזיס, וועלכער האָט הונדערטער טויזנטער אַרבעטער פאַרוואַנדלט אין בעטלער. אויף יעדן פרייען אַרבעט־פּלאַץ זיינען געווען צענטליקער אַרבעטלאָזע בעלנים און די קאָנקורענץ צווישן זיי איז געווען אַן אומגעהויער שאַרפע. אין אַזעלכע באַדינגונגען וואָלט געווען באַזונדערס געפערלעך צו דערוועקן דעם איינדרוק ביי די נישט־יידישע באַשעפטיקטע אַרבעטער און אַרבעטלאָזע, אַז דער גאַנצער „טומל" אַרום

דער לאָזונג — רעכט אויף אַרבעט — האָבן די יידן אָנגעהויבן, כדי זיי פשוט אַרויסצושטופּן.

נישט בלויז וואָס די נאַר־וואָס אָנגעהויבענע אַקציע פאַר רעכט אויף אַרבעט וואָלט אין אַזאַ פאַל פון פאַרויס געווען אַ פאַרלוירענע, זי וואָלט נאָך געהאַט שווערע, ממש פאַטאַלע אויסווירקונגען אויף די קעגנזייטיקע באַציאונגען צווישן דער יידישער און נישט־יידישער אַר־בעטערשאַפט און אויף דעם קאַמף פון דער יידישער באַפעלקערונג קעגן דעם אַנטיסעמיטיזם. דער רוב פון די פוילישע אַרבעטער און אָנגע־שטעלטע זיינען געווען אָרגאַניזירט אין טרייד־יוניאָנס, וואָס האָבן איי־פערזיכטיק געזאָרגט דערפאַר, אַז באַזעצן אַרבעטער אויף פּאָסטנס זאָל רעגולירט ווערן דורך זיי. מען האָט געמוזט גוט אַכט לייגן, אַז דער אויפגעוועקטער דראַנג פון די יידישע אַרבעטער און אָנגעשטעלטע צו פאַרנעמען פּאָסטנס אין די נייע באַשעפטיקונג־צווייגן זאָל נישט אויס־גענוצט ווערן, כדי צו צעברעכן די פּראָפעסיאָנעלע קלאַסן־פאַראייניגן און צו צעקריגן דעם „בונד" מיט דער פּוילישער סאָציאַליסטישער אַרבעטער־באַוועגונג. די ביורא פאַר רעכט אויף אַרבעט און די אינ־סטאַנצן פון די יידישע פּראָפעסיאָנעלע פאַראייניגן האָבן דעריבער זייער אַ סך צייט און אַרבעט געווידמעט דער אויפגאַבע פון אויפקלערן די פּוילישע אַרבעטערשאַפט די באַדייטונג פון דער נייער קאַמף־לאָזונג פון בונד פאַר רעכט אויף אַרבעט. ס'זענען פאַרגעקומען פיל קאָנפערענצן און באַראַטונגען מיט די פאַרוואַלטונגען פון די פּוילישע פּראָפעסיאָ־נעלע פאַראייניגן און מיט אינסטאַנצן פון דער פּוילישער סאָציאַליסטי־שער באַוועגונג, כדי אויפצוקלערן די קאַמפּאַניע, וואָס דער בונד האָט איניצירט, און דער עיקר געווינען די אונטערשטיצונג פאַר איר מצד דער פּוילישער אָרגאַניזירטער אַרבעטערשאַפט. די דאָזיקע אויפגאַבע איז גע־לונגען. די סאָציאַליסטישע פירערשאַפט פון די פּוילישע פּראָפעסיאָ־נעלע פאַראייניגן האָט אָנגעהויבן מיט סימפּאַטיע און פאַרשטענדעניש זיך באַציען צו דעם קאַמף פון בונד פאַר רעכט אויף אַרבעט און צו־געזאָגט אים צו שטיצן אויפן געביט פון יענע אינדוסטריע־צווייגן, וועלכע האָבן געהערט צו דער יוריסדיקציע פון זייערע פּראָפעסיאָנעלע פאַראייניגן. נאָר אַדאַנק אַזאַ ממשותדיקער אונטערשטיצונג און חברישער הילף מצד דער סאָציאַליסטישער אָנפירונג פון דעם פּראָפעסיאָנעלן פאַראיין פון די וואַרשעווער טראַמוויי־אַרבעטער, איז געלונגען דער ערשטער דורכברוך אויף דעם אָפּשניט פון דער אַלטער דיסקרימינאַציע־פּאָליטיק לגבי יידן.

איינער פון די וויכטיקסטע אַרגומענטן, וואָס די ביורא פאַר רעכט אויף אַרבעט האָט באַנוצט אין די אונטערהאַנדלונגען מיט די פּוילישע פּראָפעסיאָנעלע פאַראייניגן, איז געווען, אַז די אַקציע האָט נישט בדעה אַרויסצושטופּן פּוילישע אַרבעטס־מענטשן פון זייערע פּאָסטנס, דאָרט

וואו זיי זיינען שוין היינט באַשעפטיקט. די אַקציע פאַר רעכט אויף אַרבעט צילט בלויז צו דעם, אַז אַלע נייע אַרבעט־פּלעצער, וועלכע ווערן אויטאָמאַטיש געשאַפן דורך דער ווירטשאַפט פון לאַנד, זאָלן נישט באַטראַכט ווערן ווי פאַסטנס, אויף וועלכע בלויז נישט־יידן האָבן אַ חזקה. אַלע בעלנים, יידישע צוגלייך מיט די נישט־יידישע, דאַרפן גלייך באַהאַנדלט ווערן. אַזעלכע פאַסטנס דאַרפן געהערן צו די, וועלכע וואַרטן אויף זיי צום לענגסטן און פאַרמאָגן די בעסטע קוואַליפיקאַציעס פאַר דער אַרבעט גופא.

דער בונד האָט געוואוסט, אַז ווען אפילו דער דאַזיקער נייער כלל, פאַר וועלכן ער קעמפט, זאָל רעאַליזירט ווערן, וועט ער נישט זיין בכוח אַלעמאָל אָפּשאַפן די דורות־אַלטע, היסטאָרישע עוולה פון אַן איינגעוואָרצלטער ווירטשאַפטלעכער דיסקרימינאַציע־פּאָליטיק לגבי דער יידישער באַפעלקערונג. מ׳קאָן נישט אין חדשים אָדער אַפילו אין געציילטע יאָרן אָפּשאַפן די פאָלגן פון יאָרהונדערטער. די אַלע באַריערן און מניעות האָט מען געקענט ווי עס איז בייקומען בלויז ביי איין תנאי — ווען ס׳איז געלונגען צו מאָביליזירן אַ שטאַרקן נאַציאָנאַלן באַוואוסטזיין, פאַנאַנדערבינדן אַ דראַנג פון אַ פאָלק צו צעברעכן די מויערן פון זיין ווירטשאַפטלעכן געטאָ.

מ׳האָט זיך אויך געמוזט רעכענען מיט נאָך איין ספּעציעלן פאַקטאָר, וועלכער האָט נאָך מער פאַרמינערט די שאַנסן פון פאַקטישע דערגרייכונגען אין דעם קאַמף פאַר רעכט אויף אַרבעט: די אַלע באַאַמטע און אַנגעשטעלטע, וועמענס אויפגאַבע ס׳איז געווען צו קוואַליפיצירן נייע אַרבעטס־קרעפטן אין די גרויסע פּריוואַטע אונטערנעמונגען און אין מלוכהשע און קאָמונאַלע אינסטיטוציעס, זיינען על פּי רוב געווען נישט פריינדלעך צו די יידישע אַפּליקאַנטן. די אַנטיסעמיטישע דיסקרימינאַציע וואָלטן זיי פאַרדעקט מיט פאַרשידענע פאַלשע תירוצים.

ביי אַזעלכע באַדינגונגען זענען אַרויסגערוקט געוואָרן צוויי פאָרשלאָגן, כדי צו פאַרגרעסערן די שאַנסן פון יענע יידישע אַרבעטס־מענטשן, וועלכע האָבן געוואָלט אַריינגיין אין די נייע פאַר זיי ווירטשאַפטלעכע פּאָזיציעס.

דער ערשטער פאָרשלאָג איז געווען אַ פּשוטער און קיין ספקות נישט אַרויסגערופן: זאָרגן דערפאַר, אַז יידישע באַאַמטע און אַנגעשטעלטע זאָלן זיך באַמיען צו זיין טעטיק אין יענע אַמטן, וועלכע ווערבירן נייע אַרבעטס־קרעפטן. בפרט וויכטיק איז די דאָזיקע טאַקטיק געווען אין גרעסערע שטעט, וואו די שטאָט־ראָטן האָבן אָרגאַניזירט, מיט דער הילף פון דער מלוכה, עפנטלעכע אַרבעטן, כדי באַשעפטיקן אַרבעטלאָזע. די שטאָט־פאַרוואַלטונגען פלעגן געווינלעך צו דעם צוועק איינטיילן די גרעסערע שטעט אין ראַיאָנען. יעדער ראַיאָן האָט געהאַט אַ ספּעציעלן ווערביר־אַמט, אָנגעפירט דורך אַ שטאַטישן באַאַמטן און

זיינע געהילפן. פון דעם אָנפירער פון אָזאַ ווערביר־אַמט איז אין אַ זייער גרויסער מאָס געווען אָפּהענגיק דאָס באַשטעטיקן יידישע אַר־בעטלאָזע. מ׳האָט געדאַרפט זאָרגן, אַז אין די געדיכטע יידישע ראַיאָ־נען זאָלן די פאַראַנטוואָרטלעכע פאַר דער ווערבירונג זיין יידן, אָדער אויך יידן, צוגעשטעלטע קאַנדידאַטן דורך דעם ביוראָ פאַר רעכט אויף אַרבעט. דער בונד האָט געלייגט פיל אַכט אויף דער דאָזיקער סטראַ־טעגיע אין זיין קאַמפּאַניע פאַר רעכט אויף אַרבעט, בפרט אין איר ערשטער סטאַדיע, ווען „פּראַקטישע דערגרייכונגען" האָבן געדאַרפט העלפן פאַנאַנדערבויען אַרום דער דאָזיקער לאָזונג אַ ברייטע נאַציאָנאַלע באַוועגונג. די אונטערהאַנדלונגען מיט דער וואַרשעווער שטאָט־פּאַרוואַל־טונג האָבן דעם בונד געזיכערט עטלעכע קאַנדידאַטן פאַר אַזעלכע ווערביר־אַמטן אין די געדיכטסטע יידישע ראַיאָנען און ער האָט דע־לעגירט עטלעכע פון זיינע אַקטיווסטע מיטגלידער, וועלכע זיינען דאָרט געווען באַשעפטיקט אַלס שטאָטישע באַאַמטע, כדי צו זאָרגן פאַר די אינטערעסן פון די יידישע אַרבעטער.

דער צווייטער פאָרשלאָג איז געווען גאָר פון אַן אַנדערן כאַראַק־טער און האָט אַרויסגערופן ספקות. זיין געדאַנק איז געווען צו פאַר־לאַנגען אַ גאַראַנטירטע פּראָצענט־נאָרמע פאַר דער יידישער אַרבעטנ־דיקער באַפעלקערונג. די אָנהענגער פון דער פּראָצענט־נאָרמע האָבן גע־טענהט, אַז זי וועט ביסלעכווייז אויסגלייכן די היסטאָרישע עוולה, וואָס איז באַגאַנגען געוואָרן לגבי די יידן אין פּוילן דורך נישט צולאָזן זיי גלייך ווי די נישט־יידן צו אַלע ווירטשאַפטלעכע צווייגן. ערשט נאָכ־דעם ווי די דאָזיקע עוולה וועט אין לויף פון יאָרן פאַריכט ווערן, וועט קענען אַריינגיין אין קראַפט דער כלל, אַז אַלע בעלנים צו אַרבעטן, אָן אונטערשייד פון זייער נאַציאָנאַלער אָדער רעליגיעזער אָנגעהערי־קייט, דאַרפן אָנגעשטעלט ווערן לויט זייערע קוואַליפיקאַציעס.

נאָך אַ לענגערן מיינונג־אויסטויש איז דער דאָזיקער פאָרשלאָג נישט אָנגענומען געוואָרן. אין די קאָנקרעטע באַדינגונגען פון דעמאָל־טיקן פּוילן וואָלט ער סיי ווי נישט געהאַט קיין שאַנסן רעאַליזירט צו ווערן. דער קאַמף פאַר אים וואָלט אָבער געמוזט שאַפן אַן אַלץ וואַקסנ־דיקן אַנטאַגאָניזם ביי דער פּוילישער אַרבעטערשאַפט. די אויסווירקונ־גען פון אַזאַ לאָזונג וואָלטן געמוזט מאָביליזירן שטימונגען, שעדלעכע פאַר דעם בונדישן וועג פון קאַמף קעגן אַנטיסעמיטיזם. טראָץ דעם, וואָס דער דאָזיקער פאָרשלאָג איז אָפּגעוואָרפן געוואָרן, האָט ער אָבער אין אַן אַנדערער פאָרמולירונג געהאַט געוויסע פּראַקטישע רעזולטאַטן. אין די גרעסערע שטעט ווי וואַרשע, לאָדזש, ביאַליסטאָק, לובלין און אַנדערע האָט זיך אָנגעהויבן איינצובירגערן אַ מינהג, אַז די שטאָט־פאַרוואַלטונגען פלעגן „אָפּגעבן" אין רשות פון ביוראָ פאַר רעכט אויף אַרבעט אַ באַשטימטע, גאַראַנטירטע צאָל פּלעצער פאַר יידישע אַרבעט־

לאָזע ביי די עפנטלעכע אַרבעטן. די גרויס פון דער דאָזיקער צאָל איז געווען אַ רעזולטאַט פון אונטערהאַנדלונגען צווישן די בונדישע ראַט־מענער און די מאַגיסטראַט־באַאַמטע. זי איז אָבער נישט געווען באַ־רעכנט בלויז לויט דער גרויס פון דער יידישער באַפעלקערונג. דער איינפלוס פון די בונדיסטן אין דער געגעבענער שטאָט־פאַרוואַלטונג און פיל אַנדערע מאָמענטן פלעגן געוויינלעך געגומען ווערן אין אַכט.

ווי נאָר דער קאַמף פאַר רעכט אויף אַרבעט האָט זיך אָנגעהויבן פאַנאַנדערצווייגן, איז גלייך קלאָר געוואָרן, אַז דער דאָזיקער קאַמף פאַרמאָגט אין זיך נאָך מניעות, וואָס מ'וועט דאַרפן גובר זיין. דער טראַדיציאָנעלער רו־טאָג פון דער יידישער באַפעלקערונג אין פוילן איז געווען שבת, בעת די נישט־יידישע באַפעלקערונג האָט גערוט זונ־טאָג. כל־זמן די יידן זענען געווען באַשעפטיקט אין די א. ג. יידישע אינדוסטריע־צווייגן, האָט דער שבתדיקער רו־טאָג זיי געברענגט ווייניק שאָדן. ווען די אַנטיסעמיטן האָבן געוואָלט ברעכן דעם שבת־רו, איז דער בונד אַרויסגעטרעטן צו פאַרטיידיקן די רעכט פון די יידן אויף שבת־רו. אָבער ווען יידישע אַרבעטער און אָנגעשטעלטע האָבן אָנגעהויבן מאַכן באַמיאונגען צו ווערן באַשעפטיקט אויך אין די אַנדערע צווייגן פון דער אינדוסטריע אָדער אין די מלוכהשע און שטאָטישע אונטערנע־מונגען, איז די פראַגע פון זייער רו־טאָג אַוועקגעשטעלט געוואָרן גאָר אין אַן אַנדער ליכט. האַלטן זיך עקשנותדיק ביים שבת, וואָלט פראַק־טיש באַדייט אַז די טירן פון די דאָזיקע אונטערנעמונגען בלייבן פאַר־שלאָסן פאַר די יידישע אַפּליקאַנטן אויף אַרבעט און פאָסטנס. ס'איז נישט געבליבן קיין אַנדערע ברירה ווי רעקאָמענדירן די יידישע אַר־בעטער צו פאַרבייטן זייער רו־טאָג פון שבת אויף זונטאָג. אַזאַ שטע־לונג האָט טאַקע פאַרנומען דער לאַנד־ראַט פון די יידישע פּראָפעסיאָ־נעלע פאַראיינען אין פוילן, וואָס איז אָנגעפירט געוואָרן פון בונדישע טוער.

נאָך אויף איין אָפּשניט פון דעם קאַמף־פראָנט פאַר רעכט אויף אַרבעט האָט דער ענין פון שבת־רו געשפּילט אַ ראָל. פיל גרויסע פאַב־ריקן, וועלכע האָבן באַשעפטיקט טויזנטער אַרבעטער, האָבן געהערט צו יידישע אייגנטימער. אָבער אַ סך פון די יידישע אייגנטימער פלעגן באַשעפטיקן אויסשליסלעך נישט־יידישע אַרבעטער. זיי זיינען נישט גע־ווען אָרגאַניזירט אין די פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען און געאַרבעט פאַר נידעריקע לוינען. די יידישע פאַבריקאַנטן זענען דעריבער געווען נישט ווייניקער פאַרעקשנט אין זייער אומווילן צו באַשעפטיקן יידן, ווי די נישט־יידישע גרויסע אונטערנעמונגען. בלויז אין יענע פאַלן, וואו די אונטערנעמונג האָט געאַרבעט פאַר אַ ברייטן יידישן מאַסן־געברויך, ווי למשל, די גרויסע שאָקאָלאַד־פאַבריק „פּלוטאָס" אין וואַרשע, פלעגט גע־לונגען צו צווינגען די אונטערנעמער צו גיין אויף הנחות. דעם גרעסטן

און עקשנותדיקן ווידערשטאַנד צו באַשעפטיקן יידישע אַרבעטער האָבן אַרויסגעוויזן יענע יידישע אונטערנעמער, וועלכע זענען געווען אָרטאָ־דאָקסאַל־פרומע. עטלעכע פון די גרויסע פאַבריקאַנטן האָבן אָפן דער־קלערט, אַז זייערע אונטערנעמונגען וועלן שטענדיק בלייבן פאַרשלאָסן פאַר יידישע אַרבעטער און אַנגעשטעלטע, כדי זיי זאָלן, חלילה, נישט דאַרפן אַרבעטן שבת.

ווען דער בונד אין פוילן איז אַרויסגעטרעטן מיט זיין נייער קאַמף־לאָזונג — רעכט אויף אַרבעט — איז די ערשטע רעאַקציע מצד אַנ־דערע יידישע פּראָלעטאַרישע ריכטונגען געווען אַ נעגאַטיווע. די פּועלי־ציון (לינקע) האָבן געטענהט, אַז יידישע אַרבעטער וועלן האָבן רעכט אויף אַרבעט בלויז אין אַן אייגענער יידישער מלוכה אין פּאַלעסטינע. די קאָמוניסטן האָבן דערקלערט, אַז אַזאַ רעכט עקזיסטירט בלויז אין סאָוועט־רוסלאַנד און וועט קענען רעאַליזירט ווערן אין פוילן בלויז דעמאָלט, ווען דער אַרבעטער־קלאַס וועט אַדורכפירן אַ זיגרייכע „קאָ־מוניסטישע רעוואָלוציע".ביידע ריכטונגען האָבן געפּרואווט חוזק מאַכן פון דעם קאַמף וועלכן דער בונד האָט אָנגעהויבן. אָבער ווען די דאָ־זיקע לאָזונג האָט זיך „אָנגענומען", און אַרום איר האָבן זיך וואָס ווייַ־טער אַלץ מער גרופּירט ברייטערע מאַסן; ווען דער קאַמף פאַר רעכט אויף אַרבעט האָט געפונען אַ סך אָנהענגער און פאַנאַנדערגעבונדן שעפ־פערישע ענערגיע; ווען ער איז געוואָרן אַ נייער און שטאַרקער כלי־זין אין קאַמף קעגן אַנטיסעמיטיזם און רעאַקציע, האָט זיך ביסלעכ־ווייז געענדערט די באַציאונג צו אים מצד אַלע קעגנער.

דאָס לעבן האָט זיי געצוואונגען אים צו אָנערקענען. זיי האָבן שוין מער נישט באַקעמפט די לאָזונג גופא. דערפאַר אָבער האָבן די פּאָלי־טישע קעגנער פון בונד, באַזונדערס די קאָמוניסטן, מיט נאָך אַ גרע־סערער פאַרביסנקייט באַקעמפט דעם אופן ווי דער בונד פירט דעם קאַמף פאַרן רעכט אויף אַרבעט. געפערלעך זיינען, לויט זייער מיינונג, גע־ווען די פּרואוון פון בונד צו דערגרייכן פּראַקטישע רעזולטאַטן, נאָך איידער די „סאָציאַלע רעוואָלוציע" האָט געזיגט אין פוילן. זיי האָבן באַשולדיקט דעם בונד אין אָפּאָרטוניסטישער צופּאַסלעריי, וואָס איז בלויז מסוגל צו שאַפן ביי די יידישע פאָלקס־מאַסן שעדלעכע אילוזיעס. זיי האָבן נישט געוואָלט באַמערקן די רעוואָלוציאָנירנדיקע ווירקונג פון פּראַקטישע דערגרייכונגען אויפן געביט פון רעכט אויף אַרבעט. זיי האָבן פאַרמאַכט די אויגן אויף דעם פאַקט, אַז די דאָזיקע דערגרייכונ־גען פאַרשטאַרקן נאָך מער דעם פאַרלאַנג פון די יידישע אַרבעטנדיקע מאַסן נאָך ווירטשאַפטלעכער גלייכבאַרעכטיקונג און אין סך־הכל סטי־מולירן זיי און מאָביליזירן נאָך מער זייער רעוואָלוציאָנערע ענערגיע אין קאַמף קעגן דער רעאַקציע אין פוילן.

די בונדישע אָנפירונג, אָנערקענענדיק די נוצן פון פּראַקטישע דער־

גרייכונגען, האָט אָבער געוואָרנט קעגן איבערטרייבונגען, קעגן דער גע־פאַר צו פאַרלירן די רעוואָלוציאָנערע פּערספּעקטיוו. די בונדישע עפנט־לעכע מיינונג אין פוילן איז געווען אין דעם פּרט זייער פּילבאַר. פאַר־וואורפן בנוגע די אופנים פון קאַמף פאַר רעכט אויף אַרבעט האָבן גע־פונען אַן אָפּקלאַנג אויף דעם פערטן צוזאַמענפאָר פון בונד אין פוילן, (4־6 יאַנואַר 1929). דער באַריכט־אָפּגעבער פון צענטראַל־קאָמיטעט פון בונד האָט געזאָגט וועגן דעם ענין: „ווען אונזער ברייטע פּאָלי־טישע קאַמפּאַניע פאַר רעכט אויף אַרבעט ווערט באַגלייט אויך מיט פּראַקטישע באַמיאונגען צו באַשעפטיקן יידישע אַרבעטער, זע איך אין דעם נישט קיין שום עוולה. ווען מיר וואָלטן זיך בלויז פאַרנומען מיט אינטערווענצן וועגן באַזעצן יידישע אַרבעטער אין מלוכהשע און שטאָ־טישע אונטערנעמונגען, נישט פירנדיק דערביי קיין גרויסע פּאָליטישע און געזעלשאַפטלעכע קאַמפּאַניע, וואָלט אפשר געווען אויפן אָרט אייב־צוזען אין אַזאַ אופן פון אַרבעט, 'פּראַקטיציזם'. איך קען אָבער נישט אַן אַנדערן געביט פון אונזער אַרבעט, וואו ס'וואָלט גראָד אַזוי פיל אויפמערקזאַמקייט געלייגט ווערן דווקא אויף פּאָליטישע אַרויסטרעטונ־גען, אויף מאַסן־אַקציעס, אויף אויפקלערונג און אַגיטאַציע, ווי גראָד דער דאָזיקער געביט. אויפרופן, פּלאַקאַטן און ספּעציעלע בראָשורן אין דער יידישער שפּראַך, אַ גרויסע ליטעראַטור אין דער פּוילישער, מיטינ־גען און פאַרזאַמלונגען, דער לאַנד־קאָנגרעס פאַר רעכט אויף אַרבעט, וועלכער האָט אויפגעברויזט אַזוי פיל ענערגיע, צוגעצויגן די אויפמערק־זאַמקייט פון אַזעלכע ברייטע קרייזן".

אין אָנהויב 1926 איז געבוירן געוואָרן דער פּלאַן צונויפצורופן אַ קאָנגרעס, געווידמעט דעם קאַמף פאַר רעכט אויף אַרבעט. זיין דער־פּאָלג איז געווען אָפּהענגיק נישט בלויז פון דעם הסכם מצד דער יידי־שער אַרבעטנדיקער באַפעלקערונג אַנטייל צו נעמען אין אַזאַ קאָנגרעס, נאָר אויך אין אַ ריי אויסערלעכע פאַקטאָרן. זייער וויכטיק איז געווען, אַז אויך אַנדערע פּאָליטישע גרופּירונגען, חוץ דעם בונד, זאָלן זיך אין אים באַטייליקן. פון דער טריבונע פון אַזאַ קאָנגרעס האָט געזאָלט אָפּ־קלינגען די שטים פון דעם גאַנצן יידישן אַרבעטנדיקן פאָלק. נישט פון אַ קלענערער באַדייטונג איז געווען — געווינען די אונטערשטיצונג און די סימפּאַטיע פאַר די אויפגאַבן פון אַזאַ קאָנגרעס מצד דער סאָציאַ־ליסטישער און אָרגאַניזירטער אין די פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען פּוילי־שער אַרבעטערשאַפט. די ביוראָ פאַר רעכט אויף אַרבעט, וואו דער דאָזיקער פאָרשלאַג איז געמאַכט געוואָרן, האָט זיך גענומען אים פאַר־ווירקלעכן. ס'איז גלייך אויסגעאַרבעט געוואָרן אַ וואַל־מאָדוס פאַר דע־לעגאַטן, וועלכער איז אַקצעפּטירט געוואָרן דורך דעם לאַנד־ראַט פון די יידישע פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען, אין וועלכן ס'זיינען אויך געווען פאַרטרעטן די פּועלי־ציון (לינקע) און די קאָמוניסטן. דער קאָנגרעס גופא איז באַשטימט געוואָרן אויפן 1־טן אַפּריל 1926 אין וואַרשע.

די באַגייסטערטע רעזאָלוציעס פון די פיל פאָלקס־פאַרזאַמלונגען, וועלכע זענען געטראָפן געוואָרן אין שייכות מיט די וואַלן פון דעלעגאַטן צו דעם קאָנגרעס און די ענטוזיאַסטישע שטימונג, וואָס האָט געהערשט אויף די דאָזיקע פאַרזאַמלונגען, האָבן באַשאַפן אַן אַטמאָספער לטובת דעם קאָנגרעס. ווען ס'איז ענדלעך באַקאַנט געוואָרן, אַז די רעגירונג־אָרגאַנען האָבן נאָך לאַנגע וואַקלענישן ענדגילטיק באַשלאָסן נישט צו שטערן אָפּצוהאַלטן דעם קאָנגרעס, איז אויסגעבראָכן אַן אמתע יום־טוב שטימונג אין די קרייזן פון דער אָרגאַניזירטער יידישער אַרבעטערשאַפט.

דעם 1־טן אַפּריל 1926 האָט דער קאָנגרעס זיך געעפנט אין קאַמינסקי־טעאַטער אין וואַרשע. דער גרויסער טעאַטער־זאַל און זיינע גאַלעריעס זענען געווען פול־געפּאַקט מיט דעלעגאַטן און איינגעלאַדענע געסט.

אין נאָמען פון ביוראָ פאַר רעכט אויף אַרבעט עפנט דעם קאָנגרעס אַרטור זיגעלבוים. אין פּרעזידיום פון קאָנגרעס, אויפן סמך פון אַ פריער דערגרייכטן הסכם, ווערן איינשטימיק אויסגעוויילט צוועלף בונדיסטן, צוויי פּועלי־ציוניסטן (לינקע) און איין פאַרשטייער פון די קאָמוניסטן. אין נומער 62 פון דער נייע פאָלקס־צייטונג פון דעם יאָר 1926 זענען אָנגעגעבן די נעמען פון דעם 15־קעפּיקן פּרעזידיום אין פאָלגנדיקן סדר: יקותיאל פּאָרטנוי (נח), וו. אַלטער, ע. נאָוואָגרודסקי, ג. זיבערט (אַלע פון בונד, וואַרשע), פּ. ל. זעלמאַנאָוויטש, ש. מילמאַן (ביידע פון לאָדזש), ר. פעדערמאַן (בונד, טשענסטאָכאָוו), ד״ר א. אַלעקסאַנדראָוויטש (בונד, קראָקע), ע. שערער (בונד, לעמבערג), י. פּינק (בונד, גראָדנע), אַנע ראָזענטאַל (בונד, ווילנע), צאַלקאָוויטש (בונד, ביאַליסטאָק), זרובבל (פּועלי ציון, וואַרשע), איזביצקי (פּועלי־ציון, בריסק), מילער — „אָפּאָזיציע״ (קאָמוניסט). דעם פאַרזיץ פירט פּאָרטנוי.

דער קאָנגרעס הערט אויס באַגריסונגען פון אַ פאַרשטייער פון דער צענטראַל־קאָמיסיע פון די פּראָפ. קלאַסן־פאַראייניגן אין פּוילן, וואַצלאַוו פּרייס, וועלכער רופט „צו רואיקע און זאַכלעכע פאַרהאַנדלונגען, ווייל די גאַנצע אָרגאַניזירטע אין די פּראָפעסיאָנעלע פאַראייניגן אַרבעטערשאַפט פון לאַנד איז פאַראינטערעסירט אין גינסטיקן אויסגאַנג פון די קאָנגרעס־באַראַטונגען״. דער צווייטער באַגריסט דעם קאָנגרעס אַ פאַרשטייער פון צענטראַל־קאָמיטעט פון דער פּוילישער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי, דער סיים־דעפּוטאַט אַנטאָני שטשערקאָווסקי. ער ווייזט אָן, אַז „די פּוילישע סאָציאַליסטישע פּאַרטיי האָט די גאַנצע צייט פון איר עקזיסטענץ געקעמפט פאַר דער גלייכבאַרעכטיקונג פון די יידן. ער דערמאָנט אַ ריי פאַלן, ווען די פּוילישע סאָציאַליסטישע פּאַרטיי האָט געשטיצט דעם קאַמף פאַר רעכט אויף אַרבעט פאַר דער יידישער אַרבעטערשאַפט. דער דאָזיקער קאַמף איז זייער אַ שווערער, אָבער אין אים

איז אויך פאַראינטערעסירט דער פּוילישער אַרבעטער־קלאַס". נאָך אים טרעט אַרויס מיט אַ באַגריסונג דער סיים־דעפּוטאַט עמיל צערבע פון דער דייטשער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי, וועלכער זאָגט, אַז "ער ברענגט די פאַרזיכערונג פון דער דייטשער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי אין פּוילן צו קעמפן האַנט ביי האַנט קעגן דער נאַציאָנאַלער אונטערדריקונג און פאַר דער פאַרווירקלעכונג פון אַן אמתן איינהייטלעכן פראָנט פון גאַנצן פּראָלעטאַריאַט פון לאַנד".

די באַגריסונג־רעדע אין נאָמען פון די קאָמוניסטן האָט געהאַלטן דער קאָמוניסטישער סיים־דעפּוטאַט יעזשי סאָכאַצקי. אין שאַרפן קאָנ־טראַסט צו די העסלעכע אַרויסטרעטונגען קעגן בונד, וואָס די קאָמו־ניסטן האָבן פּראַקטיצירט אויף דער יידישער גאַס, איז זיין רעדע גע־ווען אַן אָנשטענדיקע, וועלכע האָט אויסגעדריקט דרך־ארץ פאַר דעם בונד. דעפּוטאַט סאָכאַצקיס אַרויסטרעטונג אויפן קאָנגרעס האָט שטאַרק אָנ־טוישט די קאָמוניסטישע אָפּאָזיציע אין די יידישע פּראָפעסיאָנעלע פאַר־איינען. צווישן אַנדערן האָט ער געזאָגט, אַז "רעכט אויף אַרבעט איז ענג צוזאַמענגעבונדן מיט דעם אַלגעמיינעם פּאָליטישן קאַמף, אַז נאָר אַן אַרבעטער־און פּויערים־רעגירונג וועט געבן פּאַקטישע רעכט אויף אַרבעט אַלעמען, אָן אונטערשייד פון נאַציאָנאַליטעט. די יידישע אַר־בעטער, וועלכע האָבן שוין אַזוי פיל קאַמפן דורכגעפירט, וועלן אויך אין דער פראַגע זיך שטעלן אויפן וועג פון קאַמף און וועלן פאַרבינדן רעכט אויף אַרבעט מיטן זיג פון פּראָלעטאַריאַט." אין נאָמען פון דער אומאָפּהענגיקער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי פון פּוילן איז אַרויסגעטרעטן מיט אַ באַגריסונג חבר טאָמאַש קאָפּיטולקאַ. באַזונדערס כאַראַקטעריס־טיש איז געווען די באַגריסונג פון יוזעף גאָנערקאַ — גענעראַל־סעקרעטאַר פון פּראָפעסיאָנעלן פאַראיין פון די אַרבעטער און אָנגעשטעלטע אין דער קאָמונאַלער ווירטשאַפט פון פּוילן. צו דעם דאָזיקן פּראָפעסיאָנעלן פאַר־איין האָבן געהערט די באַשעפטיקטע אין פאַרשידענע צווייגן פון דער שטאָטישער ווירטשאַפט, גראָד יענע עלעמענטן פון דער נישט־יידישער אַרבעטנדיקער באַפעלקערונג, וועלכע האָבן געקענט אויסטייטשן דעם קאַמף פון בונד פאַר רעכט אויף אַרבעט, ווי אַן אָנגריף אויף זייערע אַרבעט־פּלעצער. אַלנפאַלס האָבן נישט געפעלט אין פּוילן אַנטיסעמיטי־שע עלעמענטן, וועלכע האָבן נישט געשפּאָרט קיין מיטלען און אַרבעט, כדי פאַרצושטעלן דעם דראַנג פון דער יידישער אַרבעטערשאַפט צו פאַרנעמען פּאָסטנס אין דער שטאָטישער ווירטשאַפט גראָד אין אַזאַ ליכט. אין נאָמען פון די דאָזיקע שטאָטישע אַרבעטער האָט ער פאַר־זיכערט מיטצוהעלפן אין קאַמף, אַז יידישע אַרבעטער זאָלן קענען אַריינ־דרינגען אין די קאָמונאַלע אינסטיטוציעס. כדי דאָס צו רעאַליזירן, מוז דער יידישער און פּוילישער אַרבעטער שאַפן סאָציאַליסטישע מערהייטן פון די שטאָט־ראַטן און מאַגיסטראַטן. דער לעצטער האָט באַגריסט דעם צוזאַמענפאָר — זרובבל אין נאָמען פון די לינקע פּועלי־ציון.

די פראָגראַם־רעדע אויפן קאָנגרעס, וועלכע איז גלייכצייטיק אויך געווען אַ באַגריסונג, האָט געהאַלטן ב. מיכאַלעוויטש (בונד). ער האָט אויסגעדריקט די געפילן פון אַלע פאַרזאַמלטע בעת ער האָט דערקלערט: „אויב אַרבעט איז אַ רעליגיע, איז זי עס אין דער ערשטער ריי פאַר די יידישע אַרבעטער. פאַר זיי איז אַרבעט אַ קולט, ווייל זי עמאַנציפירט זיי, ציט זיי אַרויס פון געטאָ און פאַרבינדט זיי מיט דער צוקונפט, ווען אַרבעט וועט זיין אַ מוז. די הונדערטער דעלעגאַטן, די מאַסנהאַפטיקע באַטייליקונג פון אַלע וויכטיקע אַרבעטער־אינסטיטוציעס, דער הילכיקער אָפקלאַנג, וואָס דער קאָנגרעס האָט געפונען ביי דער גאַנצער אַרבעטערשאַפט, זענען די קלאָרסטע באַווייז, ווי רייף, אַקטועל און דרינגענדיק עס איז די לאָזונג פון רעכט אויף אַרבעט. נישט פריווילעגיעס פאָדערן יידישע אַרבעטער פאַר זיך, נישט קיין באַזונדערע גרופן־רעכט שטעלן זיי אַרויס בנוגע אַרבעט; רעכט אויף אַרבעט איז עלעמענטאַר, ווי לופט, ווי זון, ווי לעבן. מיר זיינען איצט ווייט פון די אילוזיעס פון יענע פראַנצויזישע קעמפער אין יאָר 1848, וועלכע האָבן געפאָדערט פון דער קאַפיטאַליסטישער וועלט גאַראַנטירטע, פאַרזיכערטע אַרבעט. מיר ווייסן, אַז די היינטיקע אָרדענונג פון אַנאַרכיע קען נישט אָרגאַנירן די פראָדוקציע און גאַראַנטירן די אַרבעטער שטענדיקע אַרבעט. די יידישע אַרבעטער פאָדערן אָבער פאַר זיך דאָס רעכט צו ליידן צוזאַמען מיטן גאַנצן פראָלעטאַריאַט, עקספלואַטירט צו ווערן און פאַרבלייבן ביים שטאָלצן באַרוף פראָלעטאַריער. די יידישע אַרבעטער האָבן זיך שוין דערוואָרבן די רעכט אויף דער באַריקאַדע, די רעכט אויף דער רעוואָלוציע, דאַרפן זיי האָבן אויך די רעכט אויף דער מאַשין, אויף אַן אָרט אין דער פאַבריק.”

אויף דעם קאָנגרעס האָבן געהאַלטן רעפעראַטן הענריק ערליך, וויקטאָר אַלטער, נתן בוקסבוים (פועלי־ציון, לינקע) און נאַטאַן שאַפראַן. די ערשטע דריי רעפערענטן האָבן געגעבן אַ געזעלשאַפטלעך־פאָליטישע אָפשאַצונג פון קאַמף פאַר רעכט אויף אַרבעט און אַנאַליזירט די וועגן און די אויסזיכטן צו רעאַליזירן אין דער פוילישער ווירקלעכקייט די קאַמף־פאָסטולאַטן פון דער יידישער אַרבעטערשאַפט. וויקטאָר אַלטער האָט זיך באַזונדערס אָפגעשטעלט אויף דער באַציאונג צו דעם קאַמף פאַר רעכט אויף אַרבעט מצד דער יידישער בירגערלעכער וועלט. דער רעפעראַט פון נאַטאַן שאַפראַן איז געווען וועגן אַ ספּעציעלן ברענענדיקן פראָבלעם — די לאַגע פון די רעדוצירטע יידישע אַרבעטער אין די מאָנאָפּאָליזירטע דורך דער מלוכה אינדוסטריע־צווייגן. דער רעפערענט האָט קודם־כל באַקאַנט געמאַכט די דעלעגאַטן מיטן חורבן, וועלכן דער מלוכה־אַנטיסעמיטיזם האָט געמאַכט אין די רייען פון די יידישע טאַבאַק־אַרבעטער. דאָס באַזייטיקן די יידישע אַרבעטער פון זייערע אַלטע, טראַדיציאָנעלע אַרבעט־פאָסטנס איז אַ סיסטעמאַטישע, פּלאַנמעסיקע פּאָליטיק. ער רופט די גאַנצע אַרבעטערשאַפט פון פוילן,




פערטער צוזאַמענפאָר פון בונד אין פוילן 1929. פון רעכטס (אונטן): שמואל מרדכי (אַרטור) זיגעלבוים; ביים פּרעזידיום־טיש: הענריק ערליך (שטייט), מאיר וואַסער (חיים), יקותיאל פּאָרטנעי (נח), אַרקאַדי קרעמער, ישראל ליכטענשטיין. רענע היסטער, דוד ניימאַרק (אריה), בנימין טאַבאַטשינסקי.




פרעזידיום פון לאַנד־קאָנפערענץ פון בונדישע ראַטמענער אין די שטאָט־ראַטן און קראַנקן־קאַסעס אין פוילן. זיצן פון רעכטס: בעלאַ שאַפּיראָ, יקותיאל פאָרטנױ (נח), הענריק ערליך, ד״ר יצחק ראַפּעס, ישראל ליכטענשטיין.




30־יאָריקע יובל־אַקאַדעמיע פון בונד אין וואַרשע. פרעזידיום: (פון רעכטס) יוסף לעשטשינסקי, מאיר וואַסער, שרה שוועבער, יקותיאל פאָרטנױ, הענריק ערליך, וויקטאָר אַלטער, ביניש מיכאַלעוויטש.

אַן אונטערשייד פון זייער נאַציאָנאַלער אָנגעהעריקייט, צו פאַרטיידיקן די רעכט אויף אַרבעט פון די יידישע אַרבעטס־מענטשן.

וועגן דער שטימונג אַרום קאָנגרעס און וועגן זיין באַדייטונג האָט געשריבן ה. ערליך אין דער נייע פאָלקס־צייטונג, נומ. 62, 1926: „מיר שרייבן די דאָזיקע שורות אונטערן פרישן איינדרוק פון נאָר־וואָס פאַרענדיקטן קאָנגרעס, וועלכער איז צונויפגערופן געוואָרן אונטער דער לאָזונג פאַר רעכט אויף אַרבעט פון יידישע אַרבעטער”... „שוין איצט מוז געזאָגט ווערן: דער קאָנגרעס האָט איבערגעשטיגן אַלע אונזערע דערוואַרטונגען. נישט געקוקט אויף דער שווערער צייט, אויף דער מוראדיקער אַרבעט־לאָזיקייט, אויף דער אומגעהויערער נויט, וואָס הערשט צווישן די יידישע אַרבעטער און אין זייערע אָרגאַניזאַציעס, זענען זיך פון אַלע עקן פוילן צונויפגעקומען כמעט פולע 600 אַרבעטער־דעלעגאַטן. דאָס איז דער בולטסטער באַווייז, ווי ברענענדיק ס'איז פאַרן יידישן אַרבעטער די פראַגע, ווי אומגעהויער גרויס ס'איז צווישן דער יידישער אַרבעטערשאַפט דער אינטערעס צו דער אַקציע, ווי טיף די לאָזונג פון רעכט אויף אַרבעט האָט אויפגעטרייסלט די ברייטע יידישע אַרבעטנדיקע מאַסע. און נישט נאָר אין דער אימפּאָזאַנטער צאָל דעלעגאַטן איז געקומען צום אויסדרוק דער דאָזיקער אינטערעס. ער איז נאָך קלאָרער און בולטער געקומען צום אויסדרוק אין דער איינשטימיקייט, וואָס האָט — נישט געקוקט אויף דעם ליידנשאַפטלעכן כאַראַקטער פון דער דיסקוסיע און אויף די פיל אומנויטיקע שטורמישע אינצידענטן — פאַקטיש געהערשט אויפן קאָנגרעס”... „אַפילו די קאָמוניסטן האָבן געלאָזט אויסער די ווענט פון קאָנגרעס דאָס אַלץ, וואָס זיי האָבן ביז איצט געשריבן און גערעדט וועגן דעם קאַמף פאַר רעכט אויף אַרבעט. דער געכטיקער קאָנגרעס איז אַזוי אַרום פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ מעכטיקן פּראָטעסט פון די ברייטע יידישע אַרבעטער־מאַסן אין פוילן קעגן דער אומדערהערטער אויסראָטונג־פּאָליטיק, וועלכע ס'פירט לגבי דעם יידישן אַרבעטער־קלאַס די הערשנדיקע רעאַקציע. דער יידישער אַרבעטער־קלאַס פון פוילן האָט הויך און מוטיק דערקלערט, אַז ער וויל זיך נישט לאָזן דערשטיקן פון דעם ווירטשאַפטלעכן געטאָ, אַז ער וועט נישט דערלאָזן, מ'זאָל ביי אים אָפּנעמען זיין עלעמענטאַרע רעכט צו אַרבעטן און צו לעבן צוגלייך מיט אַלע איבעריקע בירגער פון לאַנד”.

צום קאָנגרעס פון רעכט אויף אַרבעט זיינען געקומען 589 אויסגעוויילטע דעלעגאַטן פון הונדערטער שטעט און שטעטלעך פון פוילן. דער וואַל־מאָדוס צום קאָנגרעס איז געווען אַ זייער ליבעראַלער, וועלכער האָט, אין אַ געוויסער הינזיכט, בפירוש באַגינסטיקט די מינדערהייט־גרופּן אין יידישן אַרבעטער־לעבן. אַזוי, למשל, האָט די וואַל־אָרדינאַציע צום קאָנגרעס געגעבן יעדער יידישער גרופּירונג אין אַ שטאָט־ראָט, קראַנקן־קאַסע, אָדער אין אַ יידישער קהילה, דאָס רעכט צו שיקן אַ

דעלעגאַט צום קאָנגרעס, אומאָפּהענגיק פון דער צאָל פון אירע ראַטמע־נער אין די דאָזיקע עפנטלעך־רעכטלעכע אינסטיטוציעס. אויב די פּועלי־ציון אָדער די קאָמוניסטן האָבן געהאַט אין אַ קראַנקן־קאַסע איין פאָרשטייער און דער בונד פינף, האָבן פונדעסטוועגן די אַלע דריי ריכטונגען געקענט וויילן בלויז צו איין דעלעגאַט. יעדע הונדערט אַר־בעטער, אָרגאַניזירטע אין די יידישע פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען, אומ־אָפּהענגיק דערפון צי זייער פאַראיין איז געווען אָנגעשלאָסן אין לאַנד־ראַט אָדער נישט, האָבן געהאַט דאָס רעכט צו וויילן איין דעלעגאַט. נישט געקוקט אָבער אויף אַזאַ ליבעראַלן וואַל־מאָדוס, אויף וועלכן דער בונד האָט מסכים געווען, כדי דער קאָנגרעס זאָלווירקלעך זיין אַ יידישער אַרבעטער־קאָנגרעס אין פולן זין פון וואָרט, זיינען פון די 589 דעלעגאַטן 422 געווען בונדיסטן, 106 פּועלי־ציוניסטן און 39 קאָמוניסטן. 22 דעלע־גאַטן האָבן געהערט צו יידישע רעליגיעזע אַרבעטער־גרופּן אָדער זיך אָנגעגעבן פאַר אומפּאַרטייאישע.

וועגן דער דאָזיקער פּאַרטייאישער אָנגעהעריקייט פון די דעלעגאַטן, האָט דער צענטראַלער אָרגאַן פון בונד — די נייע פאָלקס־צייטונג גע־שריבן: „דאָס איז אַ פאַרדינטער ענטפער פון דער יידישער אַרבעטער־שאַפט אויף דער גאַנצער טעטיקייט פון בונד. ווען עס האַנדלט זיך וועגן מאַנדאַטן צו פאַרשידענע איינריכטונגען, ווען ס׳האַנדלט זיך וועגן אַמע־ריקאַנישע געלטער פאַר די אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס, דעמאָלט שרייען אונזערע קעגנער ביזן הימל אַריין: דער לאַנד־ראַט — דאָס איז דער בונד, די קולטור־אַמטן — דאָס איז דער בונד, עמיגראַציע־ביוראָ — דאָס איז דער בונד און ביוראָ פאַר רעכט אויף אַרבעט — דאָס איז ווי־דער דער בונד. אָבער ווען עס האַנדלט זיך וועגן אַרבעט, וועגן עפּעס טאָן פאַר די יידישע אַרבעטער־מאַסן, דעמאָלט אַרט זיי נישט, אַז די וואָס אַרבעטן, אַז די וואָס טראַכטן, בויען און טוען, דאָס זענען כמעט אויסשליסלעך די טוער פון בונד. אויף זיי ליגט די גאַנצע לאַסט פון פּראָפעסיאָנעלער, קאָאָפּעראַטיווער און קולטורעלער אַרבעט, אויף זיי ליגט די גאַנצע לאַסט פון דער עמיגראַציע־אַרבעט, זיי האָבן אָנגעהויבן און די גאַנצע צייט געפירט די אַקציע פאַר רעכט אויף אַרבעט, זיי האָבן צונויפגערופן און אַדורכגעפירט דעם קאָנגרעס פאַר רעכט אויף אַרבעט״.

אַ באַגריף וועגן די מיינונג־פאַרשידנקייטן, מיט וועלכע דער קאָנ־גרעס האָט זיך געראַנגלט גיט אונז אַ צווייטער אַרטיקל — דער סך־הכל פון קאָנגרעס אין דער נייע פאָלקס־צייטונג נומער 68 (1926): „דער קאָנגרעס פאַר רעכט אויף אַרבעט פאַרן יידישן אַרבעטער איז בלי־ספק איינע פון די באַדייטנדיקסטע דערשיינונגען אין דעם לעבן פון יידישן אַרבעטער־קלאַס פון פּוילן פאַר די לעצטע יאָרן. בעת אייניקע פון אונ־זערע חברים האָבן מיט עטלעכע חדשים צוריק צום ערשטן מאָל אַרויס־געוואָרפן די אידייע פון אַזאַ קאָנגרעס, האָט זי זיך אָנגעטראָפן מיט אַ סקעפּטישער באַציאונג אַפילו אין אונזערע אייגענע רייען. נישט, ווייל

מען האָט געצווייפלט אין דער ריכטיקייט פון דער אידייע. דאָס נײַן, אָבער ס׳זענען געווען חברים, וואָס האָבן געטראַכט: דער קאָנגרעס קאָן זיין און דאַרף זיין פריער פאַר אַלץ — אַ דעמאָנסטראַציע. אַ דע־מאָנסטראַציע כלפּי חוץ — קעגן דער פּוילישער רעאַקציע, קעגן דעם יידישן בירגערטום. און אויך אַ דעמאָנסטראַציע כלפּי פּנים — אין דעם אַרבעטער־לאַגער גופא, אַ הילף־רוף פון דעם אונטערדריקטן יידישן אַר־בעטער צו זיינע נישט יידישע ברידער־אַרבעטער אין פּוילן. כדי אַזאַ דעמאָנסטראַציע זאָל קענען זיין ווירקזאַם, כדי זי זאָל האָבן אַ ממשות, האָט זי געמוזט זיין אימפּאָזאַנט. און געווען חברים, וואָס האָבן גע־צווייפלט צי ביי די איצטיקע באַדינגונגען, ביי דער שטאַרקער נידער־געשלאָגנקייט, וואָס האָט אַלס רעזולטאַט פון קריזיס אַרומגעכאַפּט אַ באַדייטנדיקן טייל פון די מאַסן, וועט די אידייע פון קאָנגרעס געפינען אַ געהעריקן אָפּקלאַנג, וועט דער קאָנגרעס אַרויסקומען גענוג אימפּאָ־זאַנט”?...

„די ווירקלעכקייט האָט איבערגעשטיגן אַפילו די דערוואַרטונגען פון די אָפּטימיסטן. דער קאָנגרעס האָט באַוויזן, אַז די יידישע אַרבעטער־מאַסע האָט שוין אין אַ באַדייטנדיקער מאָס גובר געווען די אָפּהענטי־קייט, וועלכע ס׳האָט אַרויסגערופן די ערשטע צייט פון קריזיס. ווער ס׳האָט בייגעוואוינט דעם קאָנגרעס, דער האָט געשפּירט, אַז דאָ האָבן זיך פאַרזאַמלט פאָרשטייער פון אַ קלאַס, וואָס פאַרמאָגט גענוג שטאָלץ און מוט, כדי קעמפן פאַר זיינע פּראָלעטאַרישע, פאַר זיינע נאַציאָנאַלע, פאַר זיינע מענטשלעכע רעכט. דורך דעם קאָנגרעס האָט דער יידישער אַרבעטער־קלאַס פון פּוילן פּראָקלאַמירט זיין פעסטן ווילן צו לעבן אַלס קלאַס און זיין גרייטקייט צו קעמפן פאַר אַזאַ אָרט אין לעבן פון לאַנד, וואָס ס׳קומט אים אַלס טייל פון דער מחנה, וואָס באַשאַפט מיט איר פּראַצע אַלע רייכטימער פון לאַנד. אָבער נישט נאָר אַ דעמאָנסטראַציע פאַר רעכט אויף אַרבעט איז געווען דער קאָנגרעס. ער איז אויך געווען אַן איבערצייגנדיקע דעמאָנסטראַציע פון דער גרויסער פּאָליטישער רייפ־קייט פון יידישן אַרבעטער. צענטליקער יאָרן פון רעוואָלוציאָנערן און סאָציאַליסטישן קאַמף זענען נישט געגאַנגען לאיבוד. די מאַרקסיסטישע טראַדיציעס, וועלכע ס׳האָט באַשאַפן אויף דער יידישער אַרבעטער־גאַס דער בונד, האָבן געלאָזט טיפע וואָרצלען אין דער וועלט־באַנעמונג און פּסיכאָלאָגיע פון יידישן אַרבעטער. רעכט אויף אַרבעט איז אַ פראַגע, וואָס איז ביי אונז אין פּוילן נוגע פריער פאַר אַלץ דעם יידישן אַרבע־טער. אין קאַמף פאַר זיין רעכט אויף אַרבעט שטויסט זיך דער יידי־שער אַרבעטער אָן נישט בלויז אויף דעם עקשנותדיקן ווידערשטאַנד פון דער פּוילישער רעאַקציע, נאָר אויך אויף אומווילן פון דעם אָפּגע־שטאַנענעם, שאָוויניסטיש־געשטימטן טייל פון פּוילישן אַרבעטער־קלאַס.

ביי אַזעלכע באַדינגונגען האָט די אַקציע פאַר רעכט אויף אַרבעט

לייכט געקענט באַקומען אַ נאַציאָנאַליסטישע באַפאַרבונג. דערויף האָבן שפּעקולירט די געלע און ווייס־בלויע יידישע שרייבער, וועלכע האָבן אויפגענומען אונזער אַקציע מיט אַ ברייטן — 'אַהאַאַא'! און טאָקע באַלד זיך צוגעאײַלט צו מאַכן דעם אויספיר, אַז — כל־ישראל־פּאָליטיק איז די איינציקע ישועה פאַר גאַנץ ישראל. דער קאָנגרעס האָט דעם דאָזיקן ברייטן 'אַהאַאַא' מיט פאַראַכטונג צוריקגעוואָרפן די יידישע נאַציאָנאַ־ליסטישע פּאָליטיקער און שרייבער. דער קאָנגרעס האָט אונטערגעשטראָכן די צביעות פון די דאָזיקע פּאָליטיקער, וואָס פאַראַטן אויף טריט און שריט די בלוטיקסטע אינטערעסן פון די יידישע אַרבעטנדיקע מאַסן און נעמען אונטער זייער שטילן שוץ אַלע יידישע פאַבריקאַנטן, וואָס וואַרפן אַרויס יידישע אַרבעטער פון זייערע פאַבריקן אָדער לאָזן זיי גאָר לכתחילה אין די פאַבריקן נישט אַריין. אין הסכם מיט די סאָציאַ־ליסטישע טראַדיציעס פון יידישן אַרבעטער־קלאַס, האָט דער קאָנגרעס אונטערגעשטראָכן, אַז דער קאַמף פאַר רעכט אויף אַרבעט איז אַ טייל פון דעם אַלגעמיינעם קאַמף קעגן דער רעאַקציע, וועלכן ס'פירט דער יידישער אַרבעטער; אַז אין דעם דאָזיקן קאַמף קאָן, דאַרף און מוז דער יידישער אַרבעטער אַריינציען די יידישע אַרבעטנדיקע מאַסן אין ברייט־סטן זין פון וואָרט, אָבער אָריענטירן מוז ער זיך אין זיין קאַמף נישט אויף דער אונטערשטיצונג פון דער יידישער בורזשואַזיע, נאָר אויף דער מיטהילף פון די באַוואוסטזיניקע סאָציאַליסטישע עלעמענטן פון אַלע איבעריקע נאַציעס אין פּוילן.

גלייכצייטיק האָט אָבער דער קאָנגרעס אָפּגעוואָרפן דעם שטאַנד־פּונקט פון די, וואָס ווילן אונטער דער מאַסקע פון 'רעוואָלוציאָנעריש־קייט' פאַרבאַהאַלטן זייער פּראַקטישע גלייכגילטיקייט צו דער פראַגע, זייער אמתן צוגאַנג צו דער אַקציע. דער קאָנגרעס האָט געזאָגט, אַז מיר קענען נישט וואַרטן מיט דער פראַגע ביזוואַנען דער אַרבעטער־קלאַס וועט אָפּהאַלטן זיין גענעראַל־זיג איבער דער רעאַקציע. שוין היינט, טאָג־איין, טאָג־אויס, אויף טריט און שריט מוזן מיר פירן דעם קאַמף פאַר רעכט אויף אַרבעט, פירן אים מיט די אַלע מיטלען, וועלכע ס'האָט אין זיין רשות דער אַרבעטער־קלאַס אין זיין קאַמף פאַר אַ ברענענדיק אַנגעווייטיקטער טאָג־לאָזונג".

מיט עטלעכע וואָכן שפּעטער נאָך דעם קאָנגרעס פאַר רעכט אויף אַרבעט, דעם 13־טן מאַי 1926, איז אַדורכגעפירט געוואָרן אין פּוילן די פּילסודסקי־איבערקערעניש, וועלכע האָט אַ סוף געמאַכט צו דער דעמאָקראַטישער קאָנסטיטוציע פון דער פּוילישער רעפּובליק. אַ ניי קאַפּיטל פון פולשטענדיקער אַדמיניסטראַטיווער הפקרות אין לעבן פון לאַנד האָט זיך אָנגעהויבן. דער רעזשים פון די זיגרייכע מיליטער־לייט אונטער דער אָנפירונג פון מאַרשאַל יוזעף פּילסודסקי האָט גראַוויטירט צום פאַשיזם און צום אַנטיסעמיטיזם. אַזאַ נייע פּאָליטישע ווירקלעכקייט האָט

זיך געמוזט אָפּרופן אויך אויף דעם קאַמף פאַר רעכט אויף אַרבעט פון די יידישע אַרבעטער. ער איז אָבער אויף קיין איין מינוט נישט געוואָרן איבערגעריסן. דער בונד האָט אים ווייטער געפירט ביזן אויס־ברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה.

די אַנטוויקלונג און פאַרשאַרפונג פון דער דיקטאַטור איז פאָרגע־קומען בהדרגהדיק. זי איז באַגלייט געוואָרן מיט אַ פאַראַלעלן פּראָ־צעס פון ראַדיקאַליזירונג פון די אַרבעטנדיקע מאַסן פון שטאָט און דאָרף, פון אַ פאַרשאַרפונג פון זייער קאַמף פאַר אַ דעמאָקראַטיש און סאָציאַ־ליסטיש פוילן. אין לויף פון דער דאָזיקער ראַדיקאַליזאַציע זיינען פיל שטאָט־פאַרוואַלטונגען איבערגענומען געוואָרן דורך די אַרבעטער־פּאַר־טייען. אַזוי אַרום זענען אויף דעם געביט פון דער שטאָט־ווירטשאַפט אין פוילן, גראָד במשך פון די פינצטערע יאָרן פון אַנוואוקס פון פּוי־לישן פאַשיזם, געעפנט געוואָרן נייע מעגלעכקייטן פון דערגרייכונגען אויף דעם פראָנט פון קאַמף פאַר רעכט אויף אַרבעט. אַלע אַזעלכע מעגלעכקייטן, אַלע שפּאַרונגעס אין דער פינצטערער וואַנט פון ווירט־שאַפטלעכן אַנטיסעמיטיזם, זענען תיכף אויסגענוצט געוואָרן דורך דעם ביוראָ פון קאַמף פאַר רעכט אויף אַרבעט. אַדאַנק דעם זיינען יעדן יאָר הונדערטער יידישע אַרבעט־מענטשן באַזאָרגט געוואָרן מיט נייע אַרבעט־פּלעצער. די דאָזיקע „דערגרייכונגען" זענען אָבער געווען טראָפּנס אין ים פון יידישער נויט, וועלכע איז געוואַקסן מחמת דער ווירטשאַפט־לעכער דיסקרימינאַציע לגבי די יידישע אַרבעטער אין פוילן.

דער קאַמף פון יידישן אַרבעטער פאַר רעכט אויף אַרבעט האָט געפונען פאַרשטענדעניש און סימפּאַטיע אויך אין נישט־יידישן סאָציאַ־ליסטישן און ראַדיקאַלן לאַגער פון פוילן. אין יידישן לעבן גופא האָט דער קאַמף פאַר רעכט אויף אַרבעט נאָך מער פאַרטיפט און אויסגע־ברייטערט דעם באַגריף פון נאַציאָנאַלער גלייכבאַרעכטיקונג.*)

---

* דער דאָזיקער אָפּשניט פון דער געשיכטע פון בונד איז אַ קאַפּיטל פון אַ גרע־סערער אַרבעט — דער בונד אין פוילן צווישן די צוויי וועלט־מלחמות — וואָס עמנואל נאָוואָגרודסקי האָט געשריבן אין די יאָרן 1958—1959. די אַרבעט איז געווען פּראָ־יעקטירט אין דריי טיילן: דער בונד אין אַרבעטער־לעבן; דער בונד אין יידישן לעבן; דער בונד אין קאַמף. דער מחבר האָט באַוויזן צו פאַרענדיקן בלויז די ערשטע צוויי טיילן. צוליב דעם באַשלוס אַרויסצוגעבן די געשיכטע פון בונד אין אַ גרעסערער צאָל בענדער (עמנואל נאָוואָגרודסקי איז געווען אַ מיטגליד פון רעדאַקציע־קאָלעגיע), איז נישט געווען מעגלעך צו נוצן דעם מאַנוסקריפּט אין זיין אָריגינעלער פאָרם.

פראָלעטאַריער פון אַלע לענדער, פאַראייניקט אייך!

**אַלגעמיינער יידישער אַרבעטער־בונד („בונד") אין פוילן**

# דער 35 יאָריקער יובל פון „בונד"

## צו די יידישע אַרבעטער־מאַסן!

**חברים!**

מיט 35 יאָר צוריק איז דער יידישער אַרבעטער־קלאַס צום ערשטן מאָל, אַלס זעלבשטענדיקער פּאָליטישער כוח, אַרויס אויף דער היסטאָרישער אַרענע. מיט 35 יאָר צוריק איז געבוירן געוואָרן דער „בונד".

די צאַרישע זעלבסטהערשאַפט האָט, ווי אונטער אַן אייזערנער פרעס געהאַלטן די גאַנצע פילמיליאָניקע באַפעלקערונג פון רוסלאַנד; אָבער מיט אַ באַזונדערער קראַפט האָט די דאָזיקע פרעס געדריקט אויף די א. ג. „פרעמדע" פעלקער און מער פאַר אַלץ — אויף די יידישע מאַסן. אַריינגעקוועטשט אין סדום־בעטל פון „תחום", האָט די יידישע באַפעלקערונג געלעבט אין פולשטענדיקער רעכטלאָזיקייט, אין אייביקער שרעק פאַר גרויזאַמע גזירות פון אויבן, פאַר אומבאַגרענעצטער אַדמיניסטראַטיווער הפקרות פון אונטן. דורות נאַציאָנאַלע אונטערדריקונג האָבן פאַרוואַנדלט די יידישע מאַסן אין אַ נידערגעשלאָגענע, רעזיגנירטע עדה; די שותפותדיקייט פוןליידן האָט אַרומגענומען דאָס יידישע פאָלק מיט אַ רייף פון „נאַציאָנאַלער אחדות". דער יידישער גביר און תקיף האָט אויסגענוצט די רייף, כדי צו האַלטן אין אונטערטעניקייט די אָרימע מאַסע, כדי צו איר טאָפּלטער לאַסט פון פּאָליטישע און נאַציאָנאַלע רדיפות צוצוגעבן דעם יאָך פון סאָציאַלער אונטערדריקונג.

אָבער די קאַפּיטאַליסטישע אַנטוויקלונג, וועלכע האָט אויפגעטרייסלט אַלע געזעלשאַפטן פון דער וועלט, האָט געמאַכט אַן איבערקערעניש אויך אין די סאָציאַלע פאַרהעלטענישן אויף דער יידישער גאַס. נעבן דעם אָרימאַן, דעם געבויגענעם הכנעהדיקן האָרעפּאַשניק, האָט זיך באַוויזן די געשטאַלט פון יידישן אַרבעטער, פון דער יידישער אַרבעטערין. לכתחילה האָבן זיי זיך אין זייער באַציאונג צום „ברויטגעבער", דעם גביר, קנאַפּ וואָס אונטערגעשיידט פון דער אַרומיקער גרויער עדה. אָבער ביסלעכווייז האָט זיך פונעם פאַרשקלאַפטן, פאַרחושכטן, פאַנאַטישן „פועל" אַנגעהויבן אויספּיקן אַן אינערלעך־פרייער, שטאָלצער פּראָלעטאַריער. די אַנטשטייאונג פון „בונד" איז געווען דער

היסטאָרישער אויסדרוק פון אַ דעם גרויסן רעוואָלוציאָנערן פּראָצעס אין דער יידישער געזעלשאַפט.

די אַנטשטייאונג פון „בונד" האָט באַטייט — אַז די אייזערנע רייף פון „נאַציאָנאַלער אחדות" האָט געפּלאַצט, אַז אין שויס פון דער יידישער געזעלשאַפט איז געבוירן געוואָרן אַ נייער קלאַס, וואָס נעמט אויף אַ קאַמף אויף לעבן און טויט מיטן גאַנצן שימל פון יידישן לעבן, וואָס איבער די גרענעצן פון דער אייגענער נאַציע שטרעקט ער אויס זיין האַנט צו די אַרבעטנדיקע און אונטערדריקטע פון דער גאַנצער וועלט, וואָס הויבט־אויף אויף דער פאַרשקלאַפטער יידישער גאַס די פאָן פון בונט קעגן פּאָליטישער און נאַציאָנאַלער אונטערדריקונג, די רויטע פאָן פון קאַמף קעגן סאָציאַלער שקלאַפעריי.

דער „בונד" איז געווען די ערשטע פּאָליטישע פּאַרטיי אויף דער יידישער גאַס. דאָס יידישע בירגערטום האָט געזוכט אַ טרייסט פון די נאַציאָנאַלע רדיפות אין דער אמונה און אין די חלומות וועגן ציון; דער „בונד" האָט אָרגאַניזירט די יידישע אַרבעטער־מאַסן צום קאַמף אויף דער „זינדיקער" ערד, אויף דער ערד, אויף וועלכער זיי לעבן, וועלכע זיי באַגיסן מיט זייער שוויס, צום קאַמף פאַר זייערע פאָדערונגען און פאַר די פאָדערונגען פון גאַנצן אַרבעטער־קלאַס פון צאַרישן רוסלאַנד. דאָס יידישע בירגערטום האָט „געקעמפט" מיט תּפילות, מיט הנותן תּשועות, מיט קריכערישער שתדלנות — דער „בונד" האָט אַרויסגעפירט די יידישע אַרבעטער אין גאַס, אין פייער פון באַריקאַדן־קאַמף. אויף יידישע פּאָגראָמען האָט דער „בונד" געענטפערט נישט מיט דעפּוטאַציעס צו די צאַרישע סאַטראַפּן, נאָר מיט באַוואָפנטן זעלבסטשוץ. אויף יעדער נייער רעפּרעסיע האָט ער געענטפערט — מיט פאַרשטאַרקטן רעוואָלוציאָנערן קאַמף.

מיט איר רעוואָלוציאָנערן ענטוזיאַזם, מיט איר העראָאישקייט און מסירת נפש אָן אַ גרענעץ האָט די יידישע אַרבעטערשאַפט, אונטער דער אָנפירונג פון „בונד", כשר פאַרדינט סיי דעם ביטערן האַס פון דער צאַרישער זעלבסטהערשאַפט, סיי דעם טיפן דרך ארץ פון גאַנצן סאָציאַליסטישן פּראָלעטאַריאַט — דעם ערן־טיטל: אַוואַנגאַרד פון דער רוסלענדער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג.

היינט, ווען די יידישע אַרבעטערשאַפט פייערט דעם 35־יאָריקן יובל פון דער אַנטשטייאונג פון איר פּאַרטיי, לאָמיר שטעלן זיין אויף די, וואָס האָבן געבויט און גרויס געמאַכט דעם „בונד", לאָמיר מיט יראת הכבוד דערמאָנען אונזערע קעמפער אָן אַ צאָל, וואָס זענען „מיט העלדן־מוט געפאַלן אין שלאַכט", לאָמיר פאַרבויגן פאַר זייער הייליקן אָנדענק די קעפּ.

***

די וועלט־מלחמה האָט צעריסן דעם אַלגעמיינעם יידישן אַרבעטער־

בונד פון ליטע, פוילן און רוסלאַנד אויף באַזונדערע טיילן. ביי דעם אָפּגלאַנץ פון דער וועלט־שריפה, פּנים אל פּנים מיט די אומגעהויערע מלחמה־יסורים פון די פאָלקסמאַסן, ביי פולשטענדיק נייע פּאָליטישע פאַרהעלטענישן, האָבן די אָפּגעזונדערטע בונדישע אָרגאַניזאַציעס אין פוילן געמוזט אָנהויבן זייער אַרבעט. זיי זענען געבליבן טריי די פּרינ־ציפּן פון רעוואָלוציאָנערן מאַרקסיזם, די רעוואָלוציאָנערע טראַדיציעס פון פאַרמלחמהדיק „בונד". פונם ערשטן מלחמה־טאָג אָן האָבן זיי מיט דער גרעסטער אָנטשיידנקייט געקעמפט קעגן דער מלחמה און מיט פאַר־כאַפּטן אָטעם נאָכגעפאָלגט יעדן פּרואוו צו אָרגאַניזירן דעם פּראָלע־טאַרישן אַנטי־מלחמה־קאַמף אויפן אינטערנאַציאָנאַלן באָדן. אונטער די שווערע באַדינגונגען פון מיליטערישער אָקופּאַציע האָבן די בונדישע אָרגאַניזאַציעס אין פוילן איינגעהאַלטן די ענגסטע פאַרבינדונג מיט דער אַרבעטער־מאַסע, געטיילט מיט איר אַלע ליידן און פּיין, גע־קעמפט פאַר אירע פאָדערונגען, געטראָגן אין אירע רייען ליכט און גלויבן און טרייסט. די בונדישע „לעבנס־פראַגן", אונטער דער רעדאַק־ציע פון אומפאַרגעסלעכן וולאַדימיר מעדעם, זענען אין די פינצטערע אָקופּאַציע־יאָרן געווען דאָס איינציקע פייערל, וואָס האָט באַלויכטן די יידישע אַרבעטער־גאַס פון פוילן, וואָס האָט געמוטיקט און געמונטערט די יידישע פּראָלעטאַריער, וועלכע האָבן אין די גרויסע שטעט און אין די פאַרוואָרפנסטע שטעטלעך געשמאַכט אונטער דעם אומדערטרעגלעכן דרוק פון אָקופּאַנטישן שטיוול.

דאָס בכבודיקע אַרט, וואָס די בונדישע טוער האָבן לויט זייער צאָל פאַרנומען אין די קאָנצענטראַציע־לאַגערן פון דייטשן מיליטאַריזם, איז אַ באַווייז, אַז די אָקופּאַנטן האָבן געוואוסט, ווי „אָפּצושאַצן" די באַדייטונג פון דער בונדישער אַרבעט.

אָבער נאָכמער האָט געוואוסט דאָס צו שאַצן די יידישע אַרבע־טערשאַפט פון פוילן. ווי נאָר אין דייטשלאַנד און עסטרייך איז אויס־געבראָכן די רעוואָלוציע, און די אָקופּאַנטן זענען פאַרטריבן געוואָרן פון פוילן, האָט זיך ווי אַ מעכטיקער שטראָם פאַנאַנדערגעגאָסן די בונ־דישע באַוועגונג איבערן גאַנצן לאַנד. ווי שוואָמען נאָך אַ רעגן, זענען אין אַלע שטעט און שטעטלעך אויפגעשטאַנען אָפענע פּאַרטיי־אָרגאַ־ניזאַציעס פון „בונד", שטאַרקע, פון „בונד" געשאַפענע אין אָנגעפירטע פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען און פּראָלעטאַרישע קולטור־אינסטיטוציעס. די בונדישע אָרגאַניזאַציעס פון געוועזענעם קאָנגרעס־פוילן האָבן זיך פאַר־אייניקט מיט דער י.ס.ד.פּ. פון גאַליציע — דער אַלגעמיינער יידישער אַרבעטער־בונד פון פוילן איז געוואָרן די מאַסן־פּאַרטיי פון יידישן פּראָ־לעטאַריאַט אויפן גאַנצן שטח פון דער נייער פּוילישער רעפּובליק, דער יורש און פאָרטזעצער פון די בעסטע טראַדיציעס פונם פאַרמלחמה־דיקן „בונד".

באַלד פון די ערשטע טריט אין די נייע נאָכמלחמהדיקע באַדינגונגען האָבן זיך פאַרן „בונד" אין פוילן געשטעלט די אַלע קאַרדינאַלע פּאָליטישע פּראָבלעמען, וועלכע מלחמה און רעוואָלוציע האָבן אױפֿגעשטעלט פאַרן גאַנצן אינטערנאַציאָנאַלן פּראָלעטאַריאַט. און פאַרענטפערן זיי האָט דער „בונד" געמוזט אײנער אַליין נישט ווי אַמאָל — אין אָרגאַניזאַציאָנעלער פאַרבינדונג מיטן לאַנד־פּראָלעטאַריאַט און מיטן אינטערנאַציאָנאַלן אַרבעטער־קלאַס.

דאָס נאָכמלחמהדיקע אײראָפּע האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט אַ ברויזנדיקן קעסל. פון מזרח האָט זיך געטראָגן דער הייסער אָטעם פון פּראָלעטאַרישער רעוואָלוציע, וואָס האָט געוועקט און גערופן די אַרבעטער־מאַסן פון דער גאַנצער וועלט. איבערן גרויסן שטח פון באַזיגטן מיטל־אײראָפּע האָבן זיך געטראָגן כוואַליעס פון רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג, כוואַליעס פון צאָרן פון די אָפּגענאַרטע, פאַרפּייניקטע מאַסן. סיי אין די באַזיגטע און סיי אין די זיגרייכע לענדער האָבן זיך צו דער רויטער פאָן פון סאָציאַליזם אַ וואָרף געטאָן אומגעהויערע מאַסן, וואָס זענען אין די פריערדיקע יאָרן געשטאַנען ווייט פון דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג, וואָס האָבן אָבער איצט אין דער סאָציאַליסטישער פאָן דערזען די איינציקע האָפענונג, אַז די איבערגעלעבטע גרוילן וועלן ווערן באַלוינט... אין די פּראָלעטאַרישע מאַסן פון דער גאַנצער וועלט האָט זיך דערוועקט אַ גוואַלטיקער דראַנג נאָך מאַכט, כדי אַ סוף צו מאַכן צו דער אַלטער פאַרשאָלטענער וועלט, כדי אויפצובויען אַ וועלט פון אמתער פרייהייט, פון אמתן שלום און סאָציאַלער גערעכטיקייט.

וואו איז דער וועג, וואָס פירט צום ציל? — דאָס איז געווען די גרויסע פראַגע, וואָס האָט זיך געשטעלט פאַר דעם אַרבעטער־קלאַס פון דער גאַנצער וועלט. אַרום דער דאָזיקער פראַגע האָט זיך אין אַרבעטער־לאַגער צעפלאַקערט אַ קאַמף, אין וועלכן עס זענען מיט אויסערגעוויינלעכער שאַרפקייט געקומען צום אויסדרוק די אַלע חלוקי־דעות, וואָס האָבן געדרימלט אין דער אינטערנאַציאָנאַלער אַרבעטער־באַוועגונג שוין פאַר דער מלחמה.

רעפאָרמיזם, רעוואָלוציאָנערער סאָציאַליזם, קאָמוניזם — דאָס זענען די דריי ענטפערס אויף דער גורל־פראַגע פון דער אַרבעטער־באַוועגונג, דאָס זענען די דריי שיטות, וואָס ראַנגלען זיך אין משך פון דער גאַנצער נאָך־מלחמה־צייט פאַר דער נשמה פון אַרבעטער־קלאַס. נאָך לאַנגע און ליידנשאַפטלעכע, אין גייסט פון אמתער אינערלעך־פּאַרטייאישער דעמאָקראַטיע געפירטע שטרייטן, האָט זיך דער „בונד" אין פוילן געשטעלט אויפן באָדן פון רעוואָלוציאָנערן סאָציאַליזם. און היינט, פערצן יאָר נאָך דער וועלט־מלחמה, אויפן פאָן פון דער קאַטאַסטראָפע, האָט דער ביטערער דערפאַרונג פון דער דאָזיקער צייט קאָנען מיר קאָנסטאַטירן:

דער וועג, וועלכן דער „בונד" האָט געוויזן דעם יידישן אַרבעטער־

קלאַס, האָט זיך אַרויסגעוויזן פאַר ריכטיק. די רעפאָרמיסטישע פּאָליטיק האָט באַנקראָטירט; דער קאָמוניזם האָט זיך אין אינטערנאַציאָנאַלן מאָס־שטאַב אַרויסגעוויזן פאַר אומפּעאיק צו זאַמלען אַרום זיך ממשותדיקע טיילן פון אַרבעטער־קלאַס און מיט זיין אומזיניקער שפּאַלטונגס־פּאָליטיק באַדייטנדיק אָפּגעשוואַכט די קאַמפּס־פעאיקייט פון אַרבעטער־קלאַס; ביידע צוזאַמען האָבן גורם געווען אַ ריי שווערע מפּלות פון דער אינ־טערנאַציאָנאַלער אַרבעטער־באַוועגונג. און וואָס אַמאָל שטאַרקער ווערט דעריבער אין די אַרבעטער־מאַסן פון ביידע לאַגערן דער באַוואוסטזיין, אַז דער איינציקער ריכטיקער, דער איינציקער זיכערער וועג צום פּראָ־לעטאַרישן זיג איז דער וועג — פון פּראָלעטאַרישער איינהייט, פון קאָמ־פּראָמיסלאָזן, אַנטשלאָסענעם קלאַסן־קאַמף, פון אוממיטלבאַרן קאַמף פאַר פּראָלעטאַרישער מאַכט — דער וועג פון רעוואָלוציאָנערן סאָציאַליזם.

***

אָבער די נאָכמלחמה־יאָרן זענען געווען אַ פּראָבע־צייט נישט נאָר פאַר דעם אַלגעמיינעם טייל פון אונזער אידייאישער פּלאַטפאָרם. אין די דאָזיקע יאָרן איז געפאַלן אויך די אַנטשיידונג אין די ג ר ו י ס ע ש ט ר ײ ט ־ פ ר אַ ג ן פ ו ן ס פּ ע צ י ע ל ן י י ד י ש ן ל ע ב ן.

מיט 35 יאָר צוריק האָט דער „בונד“ געזאָגט צו די יידישע אַר־בעטנדיקע מאַסן:

— שטייט אויף פון אייער דורותדיקן שלאָף, טרעט אַרויס צום קאַמף קעגן אייער פאַרשקלאַפונג. צוזאַמען מיט דער צאַרישער זעלבסט־הער־שאַפט וועלן פאַלן די קייטן פון אייער פּאָליטישער רעכטלאָזיקייט. צוזאַ־מען מיטן קאַפּיטאַליזם וועלן פאַלן די קייטן פון אייער סאָציאַלער פאַר־שקלאַפונג און עס וועט קומען אויך אייער פולע נאַציאָנאַלע באַפריי־אונג.

דערויף האָט געענטפערט דער ציוניזם:

— אומזיסט אייערע קרבנות! גלות באַטייט — חורבן, אומקום, טויט. קיין שום אָנשטרענגונג, אפילו די העראָישסטע, וועט דאָ נישט העלפן. קיין שום מאָס פון פרייהייט וועט פאַר די יידישע מאַסן קיין אויסלייזונג נישט ברענגען. פאַר זיי איז פאַראַן בלויז איין וועג — דער וועג, וואָס פירט קיין ציון.

עס זענען פאַרביי 35 יאָר, זייט די דאָזיקע צוויי אידעאָלאָגיעס האָבן זיך צוזאַמענגעשטויסן אין יידישן לעבן. עס זענען פאַרביי 15 יאָר, זייט ס׳איז פאַרווירקלעכט געוואָרן דער חלום פון טעאָדאָר הערצל וועגן „טשאַרטער“ (באַלפור־דעקלאַראַציע). און ס׳איז נישט פאַראַן קיין איין ציוניסט, וואָס זאָל וואַגן צו האָפן, אַז די 16 מיליאָן יידן פון דער וועלט אָדער אַפילו בלויז מער ווייניקער אַ ממשותדיקער טייל פון זיי זאָלן קענען

אויסגעלייזט ווערן דורך ציון. די ציוניסטישע פּאַרטיי איז פאַר דער דאָזיקער צייט געוואָרן דאָס, וואָס זי האָט געמוזט ווערן — אַ פּאַרטיי פון רעאַקציאָנערן יידישן בירגערטום. ציון איז געבליבן נישט מער, ווי אַ מיטל פאַר דער דאָזיקער פּאַרטיי איינצוהאַלטן איר השפּעה איבער אַ טייל פון די קליין־ און מיטל־בירגערלעכע יידישע מאַסן. דער גורל פון יידישן אַרבעטנדיקן פאָלק איז פעסט און אויף שטענדיק צונויפגעבונדן מיט די לענדער, וואו עס לעבט און אַרבעט און קעמפט.

מיר ווייסן — דער וועג איז אַ שטייניקער, אַ שווערער. אָבער היינט זענען מיר אין אונזער וועג זיכערער, ווי ווען נישט איז. פאַר אונזערע אויגן שטייט די *דערפאַרונג פון דער גרויסער רוסלענדער רעוואָלוציע*. מיר זענען ווייט פון געצנדינערישער באַציאונג צו אַלץ, וואָס קומט פאָר און ווערט געטאָן אין ראַטנפאַרבאַנד. מיר זעען דאָס גרויסע און פאַרכאַפּנדיקע, אָבער מיר האָבן אָפענע אויגן אויך אויף דעם טרויעריקן און טראַגישן. מיר ווייסן, אַז דאָס לעבן פון די יידישע פאָלקסמאַסן אין ראַטן־פאַרבאַנד איז האַרט און שווער. אָבער זייערע יסורים שטאַמען פון די אַלגעמיינע שוועריקייטן, מיט וועלכע עס ראַנגלט זיך דער ראַטן־פאַרבאַנד, פון די אַלגעמיינע פעלערן פון דער ראַטן־רעגירונג.

די א. ג. יידישע אַרבעט, וואָס גייט אָן אין ראַטן־פאַרבאַנד, און אירע ביז־איצטיקע רעזולטאַטן זענען — אַ לעבעדיקע פאַרלייקענונג פון די יאוש־טעאָריעס פון ציוניזם און גלייכצייטיק אויך — אַ קאַטעגאָרישע אָפּלייקענונג פון דער ניהיליסטישער באַציאונג צו דער נאַציאָנאַלער פראַגע, קעגן וועלכער עס איז אין משך פון צענטליקער יאָרן אויסגעקומען דעם „בונד“ צו פירן אין פּראָלעטאַרישן לאַגער אַזאַ פאַרביטערטן קאַמף. און אויב די נויטן פון דער יידישער מאַסע ווערן נאָך אַלץ נישט באַפרידיקט אין ראַטן־פאַרבאַנד אין דער גענוגנדיקער מאָס, אויב די יידישע אַרבעטער־מאַסן זענען דאָרט אַזוי צעשטויבט, אויב זייער שאַפונגס־קראַפט איז אַזוי געהאַמעוועט — איז דאָס אַ רעזולטאַט סיי פון דער פאַראַכטונג, מיט וועלכער די קאָמוניסטן באַציען זיך צו די *פּרינציפּן פון פּראָלעטאַרישער דעמאָקראַטיע* בכלל, סיי צו דער אָנווענדונג פון די דאָזיקע פּרינציפּן אויפן געביט פון דער נאַציאָנאַלער פראַגע.

די דערפאַרונג פון די נאָך־מלחמה־יאָרן סיי אין ראַטן־פאַרבאַנד, סיי אין אַנדערע לענדער איז אַזוי אַרום אַ גלענצנדיקע באַשטעטיקונג פון דער שטעלונג פון „בונד“ אין דער נאַציאָנאַלער פראַגע. און מיט מער זיכערקייט, ווי ביים אָנהויב פון אונזער וועג, זאָגן מיר היינט צו די יידישע מאַסן:

— *צוזאַמען מיט דער קאַפּיטאַליסטישער ממשלה וועלן פאַלן די קייטן פון*

אייער פּאָליטישער, סאָציאַלער און נאַציאָנאַלער פאַרשקלאַפונג!

מיט דעם דאָזיקן וועג האָט געפירט די יידישע אַרבעטער־מאַסן דער „בונד" אין פּוילן, אויף דעם דאָזיקן וועג איז שטאַרק און אײַנערלעך געפעסטיקט געוואָרן אונזער פּאַרטיי. נישט געקוקט אויף דער איצטיקער ביטערער צייט, אויף דעם שווערן ווירטשאַפטלעכן קריזיס און פינצטערער רעאַקציע — שטייט היינט דער „בונד" אין פּוילן גרעסער אין צאָל, ווי ווען נישט איז אין די גאָד־מלחמה־יאָרן. און הינטער אים, אין ענגסטער און אינטימסטער קאַמפּס־געמיינשאַפט מיט אים, שטייט די גרויסע אַרמיי פון אונזער רעוואָלוציאָנערער אַרבעטער־יוגנט, אונזער יוגנט־בונד „צוקונפט", צוזאַמען מיט דעם יינגיטשקן וואַלד פון אונזערע „סקיפּיסטן". די כוואַליע פון ענטוזיאַזם, פון טריישאַפט אָן גרענעצן, וואָס איז אַדורך איצט דורך דער גאַנצער בונדישער פּראָווינץ אין צוזאַמענהאַנג מיט די יובל־פייערונגען, זאָגט עדות דערויף, אַז אין משך פון די צענטליקער יאָרן פון זיין עקזיסטענץ האָט דער „בונד" אָפּגעהיט זיין רעוואָלוציאָנערע באַגייסטערונג, זיין יוגנטלעכן ברען.

אַלס פּאַרטיי פון דער קעגנוואַרט און צוקונפט פון די יידישע אַרבעטנדיקע מאַסן, פייערט היינט דער „בונד" זיין 35 יאָריקן יובל. אונז איז טייער און הייליק די גרויסע פאַרגאַנגענהייט פון אונזער באַוועגונג, אָבער אונזערע בליקן זענען געווענדט פאָרויס, צו די גרויסע אויפגאַבן, וואָס שטייען היינט פאַר דער אַרבעטער־באַוועגונג פון דער גאַנצער וועלט. די וועלט פון קאַפּיטאַליסטישער עקספּלואַטאַציע, פון פּאָליטישער און נאַציאָנאַלער אונטערדריקונג און אימפּעריאַליסטישע מלחמות האָט באַנקראָטירט. קיינמאָל נאָך האָט די ערד נישט געטראָגן אויף זיך אַזעלכע פאַנטאַסטישע רייכטימער, און קיינמאָל נאָך האָט זיך רייכטום נישט געפּאָרט מיט אַזאַ פאַנטאַסטישער נויט. די קאַפּיטאַנען פון וועלט־קאַפּיטאַליזם זענען נישט אומשטאַנד צו באַהערשן די פּראָדוקטיווע כוחות פון דער וועלט, זיי זענען נישט אומשטאַנד צו אָרגאַניזירן די פאַרטיילונג פון די פּראָדוצירטע סחורות, אָנמעכטיקע שטייען זיי פאַר דעם ווירוואַר פון דער וועלט־ווירטשאַפט, פאַר דעם ווירטשאַפטלעכן חורבן, וועלכן זיי אַליין האָבן אַרויסגערופן, און זיי זענען נישט אומשטאַנד אָפּצושטעלן דאָס נייע אומגליק, וואָס רוקט זיך ווידער אָן אויף דער וועלט, דאָס אומגליק פון אַ נייער וועלט־שחיטה. פאַרקערט — יעדער ווייטערדיקער טאָג פון זייער ממשלה פאַרטיפט דעם חורבן, פאַרמערט דעם עלנט, דערנענטערט דאָס אומגליק.

אָבער דעם רודער פון הערשאַפט, וועלכן זיי האַלטן, ווילן זיי פון האַנט נישט אַרויסלאָזן. און ווייל זיי פילן, ווי ס'וואַקסט אין די פאָלקס־

מאַסן, אין די מיליאָנען אונטערדריקטע און פאַרפייניקטע דער האַס צו זיי און צו זייער אָרדענונג, האָבן זיי זיך געכאַפּט צו מיטלען פון גוואַלט, פון בלוטיקן טעראָר. פאַשיזם — דאָס איז די לעצטע קאָרט פון דער אונטערגייענדיקער קאַפּיטאַליסטישער וועלט. מיט זיין הילף ווילן זיי פאַרלענגערן די גסיסה פון זייער „געבענטשטער" אָרדענונג.

פאַר די אַרבעטער־מאַסן האָט געשלאָגן די גרויסע שעה, די שעה פון אַנטשיידונג. זיי האָבן שוין באמת גאָרנישט צו פאַרלירן, אַחוץ זייערע קייטן. קאַמף אויף לעבן און טויט קעגן פאַשיזם, קעגן קאַפּי־טאַליזם, פאַר פּראָלעטאַרישער מאַכט און סאָציאַליזם — דאָס מוז ווערן היינט די טאָג־לאָזונג פון אַרבעטער־קלאַס אין דער גאַנצער וועלט, דאָס איז אויך די לאָזונג פון די יידישע אַרבעטער־מאַסן אין פּוילן. און לאָמיר אין אונזערע הייגטיקע פייערלעכע יובל־טעג שעפּן פון די אוצרות פון דער העראָאישער פאַרגאַנגענהייט פון אונזער פּאַרטיי־כוח — באַגייסטערונג און רעוואָלוציאָנערן מוט פאַר די גרויסע היסטאָרישע אויפגאַבן, וועלכע שטייען פאַר אונזער דור.

ז אָ ל   ל ע ב ן   ד ע ר   „ב ו נ ד"!

ז אָ ל   ל ע ב ן   ד ע ר   ס אָ צ י אַ ל י ז ם!

צ. ק. פ ו ן „ב ו נ ד" א י ן פ ו י ל ן

וואַרשע, דעצעמבער 1932

י. ש. הערץ

# דער בונד אין לעטלאַנד

# אינהאַלט:

אונטער דער צאַרישער ממשלה — — — — — — — — — — — — 177

1. ריגע און דווינסק — — — — — — — — — — — — — — 178

2. שטרייקן, מאַסן־פאַרזאַמלונגען און דעמאָנסטראַציעס — — — — 182

3. אין דער ערשטער רוסלענדער רעוואָלוציע — — — — — — — — 185

4. אין די יאָרן פון רעאַקציע און מלחמה — — — — — — — — — 194

5. אין דער צווייטער רוסלענדער רעוואָלוציע — — — — — — — — 196

6. אין אומאָפּהענגיקן לעטלאַנד — — — — — — — — — — — — 199

7. פאַרזיצער פון בונד פאַרמשפּט צום טויט — — — — — — — — 209

8. אינטערנאַציאָנאַליזם קעגן נאַציאָנאַליזם — — — — — — — — 214

9. אַרבעט און קאַמף פאַר יידיש־וועלטלעכע שולן — — — — — — 218

10. די לעצטע לאַנד־קאָנפערענץ פון בונד — — — — — — — — 222

מקורים און באַמערקונגען — — — — — — — — — — — — — — 226

## ערשטער טייל

# אונטער דער צאַרישער ממשלה

די געשיכטע פון בונד אין לעטלאַנד האָט זיך אויספאָרמירט אין צוויי שאַרף־אָפּגעטיילטע תקופות. די ערשטע — אין פּראָווינצן פון דער צאַריש־רוסלענדער אימפּעריע, די צווייטע — אין דער אומאָפּהענגיקער לעטישער מלוכה. אַ טייל פון די געשעענישן, אין וועלכע דער בונד איז געווען באַטייליקט און אַ טייל פון זיינע האַנדלונגען במשך די ערשטע צוויי צענטליק יאָר פון זיין עקזיסטענץ, זיינען פאַרצייכנט און באַשריבן אין די ערשטע דריי בענדער די געשיכטע פון בונד. צוליב דער גאַנצקייט פון דער בונדישע געשיכטע אין לעטלאַנד וועלן טייל פאַקטן, צעוואָרפן און פאַרצייכנט אין פריערדיקע בענדער, ווי אויך נייטיקע דערגאַנצונגען און צוגאָבן צו דער ערשטער תקופה, געגעבן ווערן אין דעם איצטיקן באַנד. בעת דער ערשטער פּעריאָד האָט נישט פאַרנומען קיין זעלבשטענדיקן אָרט און איז בלויז אַ באַשטאַנד־טייל פון אַלגעמיינעם בונדישן עבר, שטעלט מיט זיך פאָר דער צווייטער פּעריאָד אַ זעלבשטענדיקע געשיכטע.

אין די דריי פּראָווינצן — קורלאַנד, ליפלאַנד, לאַטגאַליע — פון וועלכע ס׳איז נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה געשאַפן געוואָרן די לעטישע מלוכה, האָט די בונדישע באַוועגונג זיך אָנגעהויבן נאָך פאַרן סוף פון 19טן יאָרהונדערט. איין פּראָווינץ — לאַטגאַליע — איז געווען אַ טייל פון וויטעבסקער גובערניע, וואָס האָט געהערט צום תחום־המושב, וואו יידן האָבן געהאַט רעכט צו וואוינען. די קורלענדער און ליפלענדער גובערניעס זיינען געווען מחוץ דעם תחום־המושב און אַלס כלל האָבן יידן דאָרט נישט געהאַט קיין רעכט צו וואוינען, אָבער אַ היפּשע צאָל יידן האָבן דאָרט פאָרט געוואוינט און זיינען געווען איינגעגלידערט אין אָרטיקן לעבן. צוזאַמען זיינען אין די דריי פּראָווינצן געווען פאַרן סוף פון 19טן יאָרהונדערט (אין יאָר 1897) קרוב 142 טויזנט יידן: אין לאַטגאַליע — איבער 64 טויזנט, אין קורלאַנד בערך 51 טויזנט, אין ליפלאַנד — קרוב 27 טויזנט.

אין אַלע שטעט מיט אַ גרעסערער יידישער באַפעלקערונג האָט דער בונד געהאַט זיינע אָרגאַניזאַציעס: אין ריגע, דווינסק, ליבאָווע, רעזשיצע, לוצין, מיטאַווע, קרעסלאַווקע, וואַרקליאַן, קרייצבערג. אויך אין ערטער מיט אַ קלענערער יידישער באַפעלקערונג איז דער בונד אין פאַרשידענע צייטן געווען טעטיק: אין מוראַוויאָווע, גאָלדינגען, יאַקאָבשטאָט, טוקום, שלאָק, דובעלן, ווינדאַווע, וואַלק, גלאַזמאַנקע, דאַנקערן, דאַגדאַ, לאָובהאָף, פרידריכשטאָט, בויסק און עטלעכע אַנדערע ערטער.

# 1. ריגע און דווינסק

ריגע און דווינסק זיינען געווען שטעט מיט דער גרעסטער צאָל יידן. ווי אַזוי איז איןביידע ערטער אַנטשטאַנען די בונדישע באַוועגונג?

אין ריגע האָט אַ בונדישע טעטיקייט זיך אָנגעהויבן אין יאָר 1898 מיטן גרינדן קרייזלעך פון יידישע אַרבעטער. די ערשטע הויפּט־טוער זיינען געווען די לערער גרשון פלודערמאַכער, הערץ בורגין און דער אַרבעטער אַלטער דער שוואַרצער, ווי אויך לעוו ברוידאָ. אין יאָר 1899 איז געוואָרן טעטיק אין דער באַוועגונג ר. אַבראַמאָוויטש (רפאל ריין), וועלכער האָט דעמאָלט שטודירט אין ריגער פּאָליטעכניקום. אויך עטלעכע אַנדערע סטודענטן זיינען געוואָרן טעטיק, צווישן זיי גאָלדבלאַט (פּסעוו־דאָנים — גרשון), וואָס איז גיך געוואָרן אַן אָנגעזעענער טוער, ווי אויך דער אַרבעטער פּינקע און אַנדערע. אין די אַרבעטער־קרייזלעך, וואָס זיי־נען געווען אָרגאַניזירט לויט פאַכן, האָט מען געפירט אַ קולטורעלע און פּראָפּאַגאַנדיסטישע טעטיקייט. געווען זיינען קרייזלעך פון בלעכער, שניי־דער און שניידערקעס, שוסטער, קאָמאַשנמאַכער. אַחוץ די קרייזלעך האָבן עקזיסטירט בירזשעס, וואו די אַרבעטער פלעגן זיך טרעפן, שמועסן און דערליידיקן פאַרשידענע ענינים. אין די ערשטע עטלעכע יאָר האָבן די אַרבעטער־קרייזלעך אַרומגענומען אַ פּאָר הונדערט מענטשן. אַ פּאַר־שטייער פון צענטראַל־קאָמיטעט פון בונד, נח (יקותיאל פּאָרטנוי), איז געקומען אויף אַ באַזוך קיין ריגע און פון דעמאָלט אָן איז די ריגער אָרגאַניזאַציע געוואָרן אָפיציעל אַ טייל פון בונד (דאָס איז וואַרשיינלעך געווען אין יאָר 1900 אָדער 1901).

גאָר גיך איז דער בונד אין ריגע געוואָרן אַ מאַסן־באַוועגונג. איינער פון די פּיאָנערן און פירער פון דער אָרטיקער אָרגאַניזאַציע, ר. אַבראַ־מאָוויטש, האָט וועגן דעם דערציילט: „אונזער אָרגאַניזאַציע אין ריגע האָט אַריינגעצויגן אין זיך דעם בעסטן טייל אַרבעטער, וואָס ריגע האָט פאַרמאָגט. די יידישע אינטעליגענץ — נישט בלויז די סטודענטן, נאָר אַפילו די שילער פון די מיטל־שולן, די האַלבע אינטעליגענטן, די עקס־טערניקעס — זיינען אין אַ זייער ברייטן פאַרנעם געווען אַריינגעצויגן אין אונזערע קרייזלעך" . . . „ריגע איז געוואָרן אַ צענטער פאַר די אַנ־דערע באַלטישע שטעט" . . . „אין ריגע גופא האָבן מיר זיך ניט פאַר־שלאָסן אין די דלד־אמות פון דער ריין־יידישער באַוועגונג" . . . „די אַרבעטער־באַוועגונג, די לעטישע און די רוסישע האָט זיך אָנגעהויבן דע־מאָלט צו רירן אין ריגע" . . . „אויך די לעטישע אינטעליגענץ האָט זיך

רעוואָלוציאָניזירט און ראַדיקאַליזירט, ווי די יידישע, און אויב ביי די יידן האָט געשפּילט אַ גרויסע ראָל די יידישע רעכטלאָזיקייט, האָט ביי די לעטן פאַרנומען אַ גרויס אָרט דער נאַציאָנאַלער און סאָציאַלער קעגנזאַץ צווישן די לעטן, וואָס זיינען געווען אַ פאָלק פון פּויערים, אַרבעטער און מענטשן פון מיטל־קלאַס, און די דייטשן, וואָס זיינען געווען די באַראָנען, די גרויסע פּריצים, די גרויס־בורזשואַזיע״ [1]).

אין יאָר 1902 זיינען אין דער בונדישער באַוועגונג פון ריגע דורכ־געפירט געוואָרן מאַסן־אַרעסטן און די אָרגאַניזאַציע האָט פון דעם פיל געליטן, אָבער אָפּשטעלן די באַוועגונג האָבן די אַרעסטן נישט געקענט. מיט אַן עקספּלאָזיווער קראַפט האָט די בונדישע באַוועגונג זיך פאַרשפּרייט אין די באַלטישע שטעט און שטעטלעך בעת דער ערשטער רוסלענדער רעוואָלוציע פון יאָר 1905.

פון 1904, ווען ס׳איז געשאַפן געוואָרן די לעטישע סאָציאַל־דעמאָ־קראַטישע אַרבעטער־פּאַרטיי, איז דער בונד אין ריגע און אַנדערע ער־טער פון באַלטישן קאַנט געשטאַנען מיט איר אין נאָענטן קאָנטאַקט. אין 1904 זיינען שוין אַרויס עטלעכע געמיינזאַמע אויפרופן. אין אויגוסט 1904 איז אין דער אונטערערדישער דרוקעריי פון בונד אָפּגעדרוקט גע־וואָרן אַ געמיינזאַמער אויפרוף פון די ריגער קאָמיטעטן פון בונד און פון דער לעטישער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער אַרבעטער־פּאַרטיי וועגן דעם שטרענגן רעזשים און די אַכזריותן פון דער צאַרישער מאַכט לגבי די פּאָליטישע אַרעסטירטע און וועגן דער רוסיש־יאַפּאַנישער מלחמה.

וועגן דער צוזאַמענאַרבעט פון בונד אין באַלטישן ראַיאָן מיט דער לעטישער ס. ד. אַרבעטער־פּאַרטיי האָט שפּעטער געשריבן איינער פון אירע פירער, דער פאַרזיצער פון פּאַרלאַמענט אין לעטלאַנד, פּאַול קאַלנין:
„אין יאָר 1904, בעת אין ריגע איז זיך צונויפגעקומען די גרינדונג־קאָנ־פערענץ פון די לעטלענדישע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע אָרגאַניזאַציעס, האָט דער בונד שוין פאַרמאָגט אַ נעץ פון אָרגאַניזאַציעס אין פּוילן, ליטע, און אַנדערע רוסלענדישע צענטרען און אויך אין די גרעסערע שטעט פון לעט־לאַנד. דער צענטראַל־אָרגאַן פון בונד איז צוגלייך מיט דער איסקראַ, פון דער רוסלענדער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער אַרבעטער־פּאַרטיי, געווען דער טאָן־געבער אין אַלע טעאָרעטישע פראַגן פון די רוסלענדישע סאָציאַל־דעמאָקראַטן. דער בונד האָט שוין געהאַט אויסגעקעמפט זיין אויטאָנאָמיע און האָט אין פּרט פון דער מיטגלידער־צאָל קאָנקורירט מיט דער רוס־לענדישער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער אַרבעטער־פּאַרטיי. בעת די ר.ס.ד.אַ.פּ. האָט פאַרמאָגט אָרגאַניזאַציעס נאָר אין די גרעסערע רוסלענדישע צענט־רען, האָט דער בונד זיך געקאָנט גרויסן מיט אָרגאַניזאַציעס אַפילו אין די קלענסטע שטעטלעך פון פּוילן און ליטע. אין איינער אַזאַ (זשאַגער) איז מיר אויסגעקומען עטלעכע יאָרן צוזאַמען צו אַרבעטן. ס׳איז געווען אַ גאָר באַזונדער אַרבעט־פעלד. כ׳וועל קיינמאָל נישט פאַרגעסן דעם ענטו־

זיאַזם, פרייד און מסירת־נפש, מיט וועלכע אַט די פּאַריער צווישן די פּראָלעטאַריער זיינען געגאַנגען אין קאַמף קעגן צאַריזם און קאַפּיטאַליזם״ [2]).

נאָך דער אָפיציעלער גרינדונג פון דער לעטישער ס. ד. אַרבעטער־פּאַרטיי האָט דער בונד צוזאַמענגעאַרבעט מיט די אָרטיקע לעטישע סאָציאַ־ליסטישע גרופּן. לויט דער איניציאַטיוו פון בונד און לעטישע סאָציאַל־דעמאָקראַטן איז אָנהייב 1902 געשאַפן געוואָרן אַ פּאַראייניקונג פון די ס. ד. אָרגאַניזאַציעס אין ריגע — יידישע, לעטישע און רוסישע (וואָס איז געווען די שוואַכסטע). אויף די געמיינזאַמע באַראַטונגען האָבן די פּאָר־שטייער פון די באַזונדערע אָרגאַניזאַציעס דערקלערט, אַז זיי האַלטן פאַר צוועקמעסיק די עקזיסטענץ פון די נאַציאָנאַלע אָרגאַניזאַציעס. ס'איז גע־שאַפן געוואָרן אַ פּאַראייניקטער קאָמיטעט אָנצופירן מיט אַלגעמיינע אַק־ציעס. שוין אין פעברואַר 1902 האָט מען פאַרשפּרייט דעם ערשטן אויפרוף פון פאַראייניקטן קאָמיטעט אין דריי שפּראַכן — יידיש, לעטיש און רוסיש.

ווען אין 1904 איז געשאַפן געוואָרן די לעטישע סאָציאַל־דעמאָקראַ־טישע אַרבעטער־פּאַרטיי (לעטישע סאָציאַל־דעמאָקראַטן זיינען שוין געווען אַקטיוו פריער), האָט זי אין דער וויכטיקער שטרייט־פראַגע וועגן דער נאַציאָנאַלער אויטאָנאָמיע אין די ראַמען פון דער רוסלענדישער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער אַרבעטער־פּאַרטיי זיך געשטעלט אויפן שטאַנדפּונקט פון בונד. דער גרינדונג־צוזאַמענפאָר האָט זיך אַרויסגעזאָגט פאַר נאַציאָנאַלע אָרגאַניזאַציעס, וואָס דאַרפן נישט זיין באַגרענעצט אין די ראַמען פון באַ־שטימטע ראַיאָנען און דאַרפן פירן זייער טעטיקייט אומעטום, וואו עס לעבן אַרבעטער־מאַסן פון דער זעלבער נאַציאָנאַליטעט. די נאַציאָנאַלע אָרגאַניזאַציעס דאַרפן אויך זיין די איינציקע פאַרשטייער פון פּראָלעטאַ־ריאַט פון דער זעלבער נאַציע. די באַזונדערע נאַציאָנאַלע אָרגאַניזאַציעס דאַרפן שאַפן אַ פעדעראַטיוון קאָמיטעט אָנצופירן געמיינזאַם די אַלגע־מיינע אַקציעס אויף די ערטער. דער צוזאַמענפאָר האָט אָנערקענט די לעטישע פּאַרטיי פאַרן איינציקן פאַרשטייער פון לעטישן פּראָלעטאַריאַט און דעם בונד — פון יידישן פּראָלעטאַריאַט.

אין ריגע איז באַלד געשאַפן געוואָרן אַ פעדעראַטיווער קאָמיטעט פון בונד און פון דער לעטישער ס. ד. פּאַרטיי. אין זיין ערשטן קאָמוניקאַט איז געווען געזאָגט: „דער דאָזיקער פעדעראַטיווער קאָמיטעט פירט אויך די טעטיקייט פון דער ריגער מיליטעריש־סאָציאַליסטישער אָרגאַניזאַציע, פון דער גרופּע סטודענטן סאָציאַל־דעמאָקראַטן און פון דער סאָציאַליס־טישער אָרגאַניזאַציע פון שילער אין די מיטל־שולן״. די מיליטעריש־סאָציאַליסטישע אָרגאַניזאַציע און די שילער־אָרגאַניזאַציע פון די מיטל־שולן האָבן פריער עקזיסטירט ביים קאָמיטעט פון בונד [2]).

אין דווינסק, אַ פעסטונג־שטאָט ביים טייך דווינע, האָט די בונדישע באַוועגונג זיך אָנגעהויבן נאָך אין די ניינציקער יאָרן פון פאַריקן יאָרהונ־דערט. אויפן דריטן צוזאַמענפאָר פון בונד, וואָס איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן אין דעצעמבער 1899 געהיים אין קאָוונע, איז שוין געווען אַ דעלעגאַט פון

דווינסק. די שטאָט איז געווען אַ גרויסער יידישער אַרבעטער־צענטר. וועגן די יידישע אַרבעטער פון דווינסק האָט דערציילט דער בונדישער טוער לייבעטשקע בערמאַן, וועלכער איז געווען טעטיק אין דער בונדישער באַוועגונג אין דווינסק פון סוף 19טן יאָרהונדערט:

„צום סוף פון פאָריקן יאָרהונדערט איז דאָס געווען אַ גאַנץ אַנטוויקלטע אינדוסטריע־שטאָט מיט אַ גרויסער צאָל יידישע פאַבריק־אַרבעטער; געווען דאָרט צוויי גרויסע קנעפל־פאַבריקן מיט עטלעכע הונדערט אויסשליסלעך יידישע אַרבעטער; אַ פּאָר טאַבאַק־פאַבריקן, וואו עס האָבן געאַרבעט אַ גרויסע צאָל יידישע אַרבעטער; געווען גאַרבערייען, ביר־ברויערייען, אַ סך זעג־מילן; געווען אויך עטלעכע קלענערע און גרעסערע פאַבריקן פון „ווינער שטולן”, וואו עס האָבן געאַרבעט אַ מערהייט יידישע אַרבעטער; ווייטער: אַ גרויסע צאָל בוי־אַרבעטער — סטאָליערס, טשעסלערס, פאַרבערס, מוליערס, וועלכע זיינען געווען באַשעפטיקט סיי אין שטאָט גופא, סיי אויף די אייזנבאַן־ליניעס, וואָס האָבן דעמאָלט געהאַלטן זיך אין בויען. ועל־כולם — די באַוואוסטע זאַקס־פאַבריק פון שוועבעלעך מיט אירע אַכט הונדערט אַרבעטער, וואו פון העכסטן טעכנישן פירער ביזן טויער־וועכטער זיינען אַלע געווען יידן”... „דווינסק איז געווען אַ צענטער פון האָלץ־מסחר, אַרום וועלכן עס זיינען געווען באַשעפטיקט הונדערטער פאַמיליעס”... „אין דער מיליטערישער פעסטונג האָבן שטענדיק געאַרבעט זייער אַ סך בוי־אַרבעטער — צווישן זיי אויך אַ גרויסע צאָל יידישע. אויך ביי מיליטער־מלבושים איז געווען באַשעפטיקט אַ גרויסע צאָל יידישע אַרבעטער, איבערהויפּט פרויען”.

אַזאַ שטאָט איז געווען אַן אידעאַל אָרט פאַרן אויפקום און אַנטוויקלונג פון אַ יידישער סאָציאַליסטישער אַרבעטער־באַוועגונג: „די באַוועגונג צווישן די יידישע אַרבעטער האָט אין דווינסק זיך אָנגעהויבן סוף פאָריקן יאָרהונדערט. אין די יאָרן 1902־1903 איז שוין דער ׳בונד׳ דאָרט געווען זייער שטאַרק. די דווינסקער אָרגאַניזאַציע פון ׳בונד׳ איז געווען איינע פון די שטאַרקסטע אין יענער צייט. די ווירקונג פון ׳בונד׳ אין שטאָט איז געווען גרויס נישט בלויז צווישן די יידישע אַרבעטער, נאָר אויך אין די בירגערלעכע קרייזן”... „אין 1904 איז זיך די אָרגאַניזאַציע אַזוי צעוואַקסן אַז מ׳האָט נישט געקאָנט זיך קיין עצה געבן מיט די העכער טויזנט פּאָליטישע מיטגלידער. מען האָט דעמאָלט באַשלאָסן — נישט אַריינצונעמען מער קיין מיטגלידער אין דער אָרגאַניזאַציע” [4]).

## 2. שטרייקן, מאַסן־פאַרזאַמלונגען און דעמאָנסטראַציעס

דער אימפּעטיקער אויפשטייג פון דער בונדישער באַוועגונג האָט זיך אָנגעהויבן נאָך פאַרן אויסברוך פון דער ערשטער רוסלענדישער רע־וואָלוציע. שוין אין יאָר 1904, בעיקר צוליב דער רוסיש־יאַפּאַנישער מלחמה אויפן ווייטן מזרח, איז געשטיגן די רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג אין רוסלאַנד. די לעטישע פּראָווינצן זיינען נישאַ געווען קיין אויסנאַם.

אין זיין באַריכט צום 6טן קאָנגרעס פון סאָציאַליסטישן אינטער־נאַציאָנאַל, וואָס איז פאָרגעקומען אין אויגוסט 1904 אין אַמסטערדאַם (האָלאַנד), האָט דער בונד אָנגעגעבן די דאָזיקע ציפערן פון זיינע מיט־גלידער אין די לעטישע פּראָווינצן: אין דווינסק — 1,500, אין דווינסקער ראַיאָן — 445, אין ריגע — 300, אין קרעסלאַווקע — 350, אין ראַיאָן — 120.

אין בערך צוויי צענטליק שטעט און שטעטלעך, וואָס האָבן צווישןביידע וועלט־מלחמות געהערט צו לעטלאַנד, זיינען אין די צאַרישע צייטן געווען טעטיק בונדישע אָרגאַניזאַציעס. עטלעכע זיינען אויפגעקומען נאָך ביים סוף פון 19טן יאָרהונדערט, אַ טייל אין די ערשטע פּאָר יאָר פון 20טן יאָרהונדערט און אַ טייל אין דער שטורמישער צייט פון דער ערשטער רוסלענדער רעוואָלוציע, אין יאָר 1905.

דעם 1טן מאַי 1903 איז אין קרעסלאַווקע געווען אַ גאַסן־דעמאָנ־סטראַציע, אָרגאַניזירט פון בונדיסטן. אין 1904 איז אַזאַ דעמאָנסטראַציע געווען אין ריגע. אין ביידע ערטער זיינען די דעמאָנסטראַציעס געווען פון יידישע און נישט־יידישע אַרבעטער.

אין ריגע האָט די צאָל 1טע מאַי־דעמאָנסטראַנטן אין יאָר 1903 דער־גרייכט די אימפּאָזאַנטע ציפער פון 10 טויזנט. די דעמאָנסטראַציע איז פאָרגעקומען נישט געקוקט אויף דעם, וואָס די צאַרישע מאַכט האָט אַרויסגעפירט אין גאַס פיל פּאָליציי און עטלעכע ראָטעס מיליטער. די בונדיסטן און די לעטישע סאָציאַל־דעמאָקראַטן האָבן צוגעגרייט אַ באַ־וואָפנטן קאַמף־אָטריאַד פון 300 מאַן צו שטעלן אַ ווידערשטאַנד. די פּאָליציי האָט אַטאַקירט מיט שווערדן און געשאָסן פון רעוואָלווערן. נאָך געשלעגן איז די דעמאָנסטראַציע צעשטערט געוואָרן. דער רוסישער ס. ד.־קאָמיטעט האָט אָפּגעזאָגט צו באַטייליקן זיך מיטן מאָטיוו, אַז ער האָט נישט קיין דיסציפּלינירטע מיטגלידער אין ריגע. אַזוי איז אויך

געווען ביי עטלעכע אַנדערע געמיינזאַמע אַקציעס פון זעלבן יאָר, צווישן זיי אַ שטורמישע גאַסן־דעמאָנסטראַציע פון טויזנט אָנטיילנעמער פאַרן בנין פון דער פּאָליציי־אָנפירונג אַלס פּראָטעסט קעגן פּאָליטישע פּראָצעסן, וואָס זיינען דעמאָלט פאָרגעקומען אין שטאָט. אין 1905 איז אויפן יידישן בית־עולם אין ריגע פאָרגעקומען אַ בלוטיק געשלעג מיט פּאָליציי און מיליטער בעת דער לוויה פון בונדישן טוער ברוך בצלאל הורוויטש.

אין 1903 האָבן אין דווינסק פּאַטרולן פון פּאָליציי און מיליטער אין די שבתים געטריבן די יידישע אַרבעטער פון די גאַסן. בפרט האָט מען די אַרבעטער נישט געלאָזט זיך זאַמלען פאַר דער שוהל אין דער צייט פון דאַווענען. מ'האָט געטריבן מיט נאַהאַיקעס. איין מאָל זיינען סאָלדאַטן אויף פערד אַריינגעריטן אין שוהל־הויף. אויף די אָנפאַלן האָבן די אַרבעטער געענטפערט מיט שטיינער.

אַחוץ שטרייקן, מאַסן־פאַרזאַמלונגען און דעמאָנסטראַציעס איז אויך געפירט געוואָרן אַ סיסטעמאַטישע בילדונג־אַרבעט צווישן די אַרבעטער. אין דווינסק זיינען אין יאָר 1904 יעדע וואָך זיך צונויפגעקומען ביז 13 קרייזלעך, וואָס זיינען באַשטאַנען פון 8 ביז 12 אַרבעטער. צו אַזעלכע קרייזלעך האָבן אין דעם יאָר געהערט אַרום 500 אַרבעטער. יעדע וואָך זיינען אויך זיך צוזאַמענגעקומען בערך 80 אַגיטאַטאָרן, וואָס האָבן באַהאַנדלט פאַרשידענע ענינים.

פאַרשיידענע געשעענישן אין פּריוואַטן לעבן זיינען אויך אויסגענוצט געוואָרן פאַר רעוואָלוציאָנערע צוועקן. חתונות און לוויות זיינען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין פּאָליטישע מאַניפעסטאַציעס. אויף חתונות זיינען פון אַלטן לעבנס־שטייגער בלויז געבליבן חופּה־וקידושין. אויף אַ חתונה פון אַ חבר אין דווינסק, אין יאָר 1904, זיינען געקומען אַרום 800 מענטשן. האַלב 2 ביינאַכט איז אַ פאַרשטייער פון דער אָרגאַניזאַציע אַרויף אויף דער טריבונע פון זאַל און געהאַלטן אַ פּאָליטישע רעדע. נאָך אים האָבן גערעדט וועגן אַקטועלע פּאָליטישע ענינים און וועגן דער אַרבעטער־באַוועגונג נאָך דריי חברים. פיל פּרויען, וואָס פלעגן געוויינלעך וויינען ביים באַדעקנס פון דער כלה און סתם דרשות פון בדחן, האָבן איצט פאַרגאָסן טרערן בעת די פּאָליטישע רעדעס.

אין די ערטער, וואו עס זיינען נישט געווען קיין לעטישע אָדער רוסישע אָרגאַניזאַציעס, האָט דער בונד זיך באַמיט אויפצוקלערן און אָרגאַניזירן די נישט־יידישע אַרבעטער. אין אַ ריי פאַלן האָט מען זיך אָנגעטראָפן אויפן ווידערשטאַנד פון יידישע אונטערנעמער. אין דווינסק — דערציילט אַ באַריכט — סטאַרען זיך די פאַבריקאַנטן „נישט דערלאָזן, אַז יידישע אַרבעטער זאָלן ווירקן אויף רוסישע. מען באַמיט זיך אָפּטיילן זיי איינע פון די אַנדערע. אין שוועבל־פאַבריק אַרבעטן קריסטלעכע און יידישע אַרבעטערינס באַזונדער. קריסטלעכע אַרבעטערינס פון דער זעל־בער פאַבריק, וועלכע זיינען געווען אויף אַ יידישער חתונה, האָט די

פֿאַרוואַלטערין געמאַכט פֿאַרוואורפֿן. אין די גאַרבער־פֿאַבריקן שרעקן די מייסטער די אַרבעטער, אַז מען וועט אָפּזאָגן פֿון דער אַרבעט די, וועלכע וועלן זיך טרעפֿן מיט יידישע אָרגאַניזירטע אַרבעטער. די קריסטן הערן זיך צו צו די אַלע סטראַשונקעס, ווייל זיי זיינען דאָ זייער דערשלאָגענע. נאָר מען קאָן האָפֿן, אַז די דאָזיקע שטרעבונג פֿון די פֿאַבריקאַנטן אָפּצוטיילן אַרבעטער איינע פֿון די אַנדערע, וועט נישט האָבן קיין דערפֿאָלג. די באַוועגונג פֿאַרכאַפּט ביסלעכווייז אויך די קריסטלעכע אַרבעטער און שלעפּט זיי אַריין אין דעם אַלגעמיינעם רעוואָלוציאָנערן שטראָם" [5]).

אין באַריכט פֿון צענטראַל־קאָמיטעט פֿון בונד, וואָס נעמט אַרום דעם פּעריאָד פֿון מאַי 1901 ביז יוני 1903, ווערט שוין אויך דערמאָנט די טעטיקייט אין ליבאָווע און מיטאַווע. אין רעזשיצע האָט די בונדישע אָרגאַניזאַציע דעמאָלט געציילט 100 מיטגלידער, אין לוצין — 45, אין דאַגדאַ — 20.

## 3. אין דער ערשטער רוסלענדער רעוואָלוציע

ווי אַ ריזיקע פאַרפלייצונג האָבן די רעוואָלוציאָנערע כוואַליעס פון יאָר 1905 פאַרגאָסן דאָס לאַנד פון עק ביז עק. אין די פּראָווינצן ביים באַלטישן ים זיינען די כוואַליעס געווען גאָר הויך. אַפילו קליינע אָפּגעשטאַנענע שטעטלעך האָבן זיך אויפגעוועקט פון זייער אַפּאַטיע. ס׳זיינען אַנטשטאַנען נייע אָרגאַניזאַציעס, די פריערדיקע זיינען געוואָרן פולער, די טעטיקייט איז געוואָרן אינטענסיווער און די אַרויסטרעטונגען שטורמישער. דער בונד האָט ענג צוזאַמענגעאַרבעט מיט דער לעטישער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער אַרבעטער־פּאַרטיי. ביידע פּאַרטייען, פאַראייניקט אין פעדעראַטיוון קאָמיטעט, האָבן אָנגעפירט מיט די גרויסע רעוואָלוציאָנערע אַקציעס אין די יאָרן 1905־1906.

אַ מיטגליד פון פעדעראַטיוון קאָמיטעט, דער לעטישער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פירער א. פּעטרעוויץ, האָט שפּעטער געשריבן: „אין יאָר 1905, בעת די באַוועגונג האָט געהאַלטן אין איין וואַקסן און זיך בהדרגהדיק פאַרוואַנדלט אין אַן עכטער רעוואָלוציע, האָט זיך דער ענגער קאָנטאַקט, די באַגעגענישן פון די פירער פון ביידע פּאַרטייען צייטנווייז אַרויסגעוויזן פאַר נישט גענוג. עפנטלעכע מאַסן־פאַרזאַמלונגען אין דער פאָרם פון דעמאָנסטראַציעס, עקאָנאָמישע און פּאָליטישע שטרייקן, וואָס האָבן געפאָדערט די מאַקסימאַלסטע אייניקייט און אָרגאַניזירטקייט, זיינען געוואָרן אַ טאָג־טעגלעכע דערשיינונג. כדי צו שאַפן די איינהייט, כדי אויסצואַרבעטן געמיינזאַמע רעוואָלוציאָנערע לאָזונגען, זיינען אין די צענטרען פון דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג — אין די שטעט געשאַפן געוואָרן די אַזוי־גערופענע ׳פעדעראַטיווע קאָמיטעטן׳. די דאָזיקע קאָמיטעטן, וואָס זיינען צונויפגעשטעלט געוואָרן פון פאָרשטייער פון די קאָמיטעטן פון דער ׳לעטישער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער אַרבעטער־פּאַרטיי׳ און ׳בונד׳ האָבן געמוזט אָנפירן אַלע עפנטלעכע מאַסן־אַרויסטרעטונגען אין זייערע שטעט. אין דעם פעדעראַטיוון קאָמיטעט האָט יעדער מיטגליד געהאַט שטים־רעכט, דערביי פלעגט די אָפּשטימונג זיין אַ פּערסאָנאַלע, די באַשלוסן פונעם פעדעראַטיוון קאָמיטעט האָבן, פאַרשטייט זיך, געקאָנט באַשטריטן ווערן דורך די קאָמיטעטן פון די אָרגאַניזאַציעס, וואָס האָבן געשיקט אין פעדעראַטיוון קאָמיטעט זייערע פאָרשטייער. אין דער פּראַקטיק אָבער פלעגט דאָס פאָרקומען זייער זעלטן, געוויינטלעך פלעגן די באַשלוסן פון פעדעראַטיוון קאָמיטעט אַקצעפּטירט ווערן פון די קאָמיטעטן פון די פאַרטרעטענע אָרגאַניזאַציעס.

דער ערשטער פעדעראַטיווער קאָמיטעט איז אָרגאַניזירט געוואָרן אין צענטער פון דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג פון דער גאַנצער געגנט — אין ריגע. דער דאָזיקער פעדעראַטיווער קאָמיטעט האָט געהאַט אַן אויסערגעוויינלעך גרויסע השפּעה אויף די מאַסן און האָט אָנגעפירט די גאַנצע רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג אין ריגע. אַלע גענעראַל־שטרייקן, וואָס זיינען געוואָרן ממש לעגענדאַר און איבערהויפּט אַלע עפנטלעכע מאַסן־אַרויסטרעטונגען אין ריגע, אין די רעוואָלוציאָנערע טעג פון יאָר 1905, זיינען פאָרגעקומען לויט דער איניציאַטיוו פון פעדעראַטיוון קאָמיטעט. עס איז געווען גענוג, אַז דער פעדעראַטיווער קאָמיטעט זאָל מיט זיין אונטערשריפט אַרויסלאָזן אַ קליינטשינקע פּראָקלאַמאַציע מיט דער פאָדערונג צו אַ גענעראַל־שטרייק, ווי אַלע שטאָטישע פאַבריקן, ווערקשטיבער, פּאָסט, טעלעגראַף, אייזנבאַן, טראַמוויי, פורלייט, קראָמען — מיט איין וואָרט אַלץ האָט זיך אויף אַ מאָל אָפּגעשטעלט. עס זיינען געווען טעג, ווען אויף די ריגער גאַסן האָט מען נישט געזען נישט בלויז קיין שפּור פון מיליטער, נאָר אויך פון פּאָליציי, ווען דער איינציקער געזעצגעבער איז געווען דער פעדעראַטיווער קאָמיטעט און זיינע באַשלוסן פלעגן אָפּגעהיט ווערן דורך ספּעציעל אויסגעשטעלטע באַוואַכטער־רעוואָלוציאָנערן און פלעגן אויסגעפירט ווערן דורך אַלעמען. נישט חלילה אויס מורא, נאָר ווייל דער געוויסן האָט זיי געהייסן אַזוי טון"[6].

דער פעדעראַטיווער קאָמיטעט האָט אין יאַנואַר 1905 דורכגעפירט אין ריגע אַן אַלגעמיינעם שטרייק און גרויסע מאַסן־דעמאָנסטראַציעס. דעם 25טן יאַנואַר האָבן אין דער דעמאָנסטראַציע זיך באַטייליקט ביז 30 טויזנט פּערזאָן און מיט אַ טאָג שפּעטער — 50 טויזנט. אונטער די בונדישע פאָנען מאַרשירט דעם 26טן יאַנואַר 8 טויזנט יידישע אַרבעטער. צוויי שעה צייט האָט מען דעמאָנסטרירט. דער סוף איז געווען אַ בלוטיקער. מיליטער האָט געשאָסן אין די דעמאָנסטראַנטן. אויפן אָרט זיינען 30 דעמאָנסטראַנטן געפאַלן טויט, בערך 70 זיינען געוואָרן שווער פאַרוואונדעט און אַ טייל פון זיי זיינען אין גיכן געשטאָרבן. עס זיינען אויך געווען עטלעכע הונדערט לייכט־פאַרוואונדעטע. די לוויות פון די הרוגים האָבן זיך ווידער פאַרוואַנדלט אין גרויסע דעמאָנסטראַציעס מיטן אָנטייל פון 10 ביז 20 טויזנט מענער און פרויען. בעת די לוויות זיינען פאָרגעקומען צוזאַמענשטויסן מיט פּאָליציי און קאָזאַקן. שבת דעם 28טן יאַנואַר האָבן בונדיסטן אין די שוהלן נישט געלאָזט זאָגן הנותן תשועה — די תפילה פאַרן צאַר. אין צוויי שוהלן האָבן פאָרשטייער פון בונד פון די בימהס געהאַלטן רעדעס וועגן דעם, וואָס עס קומט פאָר אין לאַנד און פאַרוואָס ס'איז אומווירדיק מתפּלל צו זיין פאַרן צאַר און זיינע מיניסטאָרן. דער אַלגעמיינער פּאָליטישער שטרייק האָט אָנגעהאַלטן איבער אַ וואָך צייט. דער פעדעראַטיווער קאָמיטעט האָט באַשלאָסן אים צו פאַרענדיקן און אָנהייבן שטרייקן פאַר עקאָנאָמישע פאָדערונגען. די עקאָנאָמישע שטרייקן האָבן זיך געצויגן עטלעכע וואָכן. שטורמישע גע־

שעענישן זיינען אויך געווען אין ליבאַווע, ווינדאַווע, מיטאַווע, גאָלדינגען און אַנדערע ערטער. אין מיטאַווע האָט דער אַלגעמיינער שטרייק געדויערט אַ וואָך צייט. ס׳זיינען פאָרגעקומען גרויסע פאַרזאַמלונגען און דעמאָנסטראַציעס. הגם ס׳איז געווען אַ סך מיליטער, האָט מען נישט געשאָסן. דער פּאָליצמייסטער איז געווען קעגן באַנוצן געווער און זיך באַמיט צו באַרואיקן די געמיטער. אומעטום האָבן די הויפּט־ראָל געשפּילט די לעטישע ס.ד.אַ.פּ. און דער בונד. די רוסלענדער סאָציאַל־דעמאָקראַטישע אַרבעטער־פּאַרטיי האָט געהאַט אַ קליינעם איינפלוס.

אין קרעסלאַווקע האָט דער אַלגעמיינער שטרייק, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן דעם 26טן יאַנואַר, געדויערט 4 טעג. ס׳האָבן געשטרייקט די יידישע און רוסישע אַרבעטער. מ׳האָט געפירט אַ מינדלעכע אַגיטאַציע צווישן מיליטער און זיי געגעבן אויפרופן. דער קאָמאַנדיר פון מיליטער־רישן באַטאַליאָן האָט אָנגעהויבן אַ קעגן־אַגיטאַציע, אַז די זשידעס מאַכן אַ בונט. די סאָלדאַטן האָבן פאַרזיכערט דעם בונד, אַז זיי וואָלטן נישט געשאָסן אַפילו ווען זיי וואָלטן געהאַט אַ באַפעל דאָס צו טאָן. במשך פון צוויי טעג זיינען פאָרגעקומען דעמאָנסטראַציעס. די פּאָליציי איז געשטאַנען גרייט, אָבער זי האָט נישט געשאָסן.

אין משך פון יאָר 1905 זיינען די בונדישע אָרגאַניזאַציעס שטאַרק געוואַקסן. אין ריגע איז זי דערגאַנגען ביז 700 מיטגלידער, אין ליבאַווע — 200, אין מיטאַווע — 100, בערך די זעלבע צאָל איז אויך געווען אין קרייצבורג און יאַקאָבשטאַט, אין דאַנקערן — 80.

אין 1905 איז געפייערט געוואָרן אימפּאָזאַנט דער אינטערנאַציאָנאַלער אַרבעטער יום־טוב — דער 1טער מאַי. אין משך פון יאָר זיינען געווען שטרייקן, מאַסן־פאַרזאַמלונגען און דעמאָנסטראַציעס. ס׳איז אויך געפירט געוואָרן אַ שטאַרקע אַגיטאַציע אין מיליטער. אין ריגע האָט נאָך פון פריער עקזיסטירט אַ געהיימע מיליטערישע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע אָרגאַניזאַציע, אין וועלכער דער בונד האָט געשפּילט אַ גרויסע ראָל. אין באַריכט פון דער מיליטערישער אָרגאַניזאַציע איז געווען געזאָגט: „אין יעדן פּולק ציילן מיר שוין צו עטלעכע צענטליק אָרגאַניזירטע זעלנער... אין די חדשים מערץ—יוני 1905 האָט די ריגער מיליטערישע אָרגאַניזאַציע אַרויסגעגעבן אַ קנאַפּן צענטליק אויפרופן, צווישן זיי 2 מיט אַ רוף נישט צו גיין אויף די מלחמה־פראָנטן". די מיליטערישע אָרגאַניזאַציע איז געוואָרן געשאַפן און אָנגעפירט פון פעדעראַטיוון קאָמיטעט פון בונד און לעטישער ס. ד. אַרבעטער־פּאַרטיי.

אין ליבאַווע האָט דער פעדעראַטיווער קאָמיטעט דורכגעפירט אַ פולשטענדיקן אַלגעמיינעם דריי־טאָגיקן פּראָטעסט־שטרייק קעגן דער מאָביליזאַציע. בעת מ׳האָט אָוועקגעפירט די רעזערוויסטן האָבן גרויסע מאַסן זיך פאַרזאַמלט אויפן וואָקזאַל. ס׳איז פאָרגעקומען אַ צוזאַמענשטויס מיט דראַגונער און קאָזאַקן. דאָס מיליטער האָט געגעבן עטלעכע זאַלפּן.

30 זיינען געפאַלן טויט, בערך 100 פאַרוואונדעט, 150 האָט מען אַרעס־טירט.

אין דווינסק, וואָס האָט פאַרמאָגט אַ גרויסע צאָל יידישע פאַבריק־אַרבעטער, איז אָנהייב מערץ 1905 פאָרגעקומען אַ שטרייק פאַר עקאָנאָ־מישע פאָדערונגען. דער בונד האָט פּראָקלאַמירט אַן אַלגעמיינעם שטרייק. ס'איז אָפּגעשטעלט געוואָרן די אַרבעט און דער האַנדל. מיליטער האָט אָפּגעצוימט די וועגן צום צענטער שטאָט. דאָך איז געלונגען אויפן בולוואַר צו אָרגאַניזירן אַ דעמאָנסטראַציע, אין וועלכער ס'האָבן זיך באַטייליקט ביז 10 טויזנט פּערזאָן, אַרבעטער — יידישע און רוסישע — ווי אויך אַנדערע שיכטן און אַ סך שילער האָבן זיך באַטייליקט. מ'האָט געהאַלטן רעדעס. לסוף איז אויסגעבראָכן אַ שיסעריי צווישן מיליטער און דער באַוואָפנטער בונדישער וואַך. דאָס איז געווען דעם 3טן מערץ. מיט אַ טאָג שפּעטער, שבת, האָבן בונדיסטן גערעדט אין אַ סך שוהלן. אין זעלבן טאָג איז אויך פאָרגעקומען אַ גרויסע גאַסן־דעמאָנסטראַציע פון בערך 20 טויזנט אָנטיילנעמער, צווישן זיי אַ סך פרויען און קינדער. מיליטער איז באַפאַלן פון צוויי זייטן און אָן אַ וואָרנונג אָנגעהויבן שיסן. פון די דעמאָנסטראַנטן האָט מען צוריקגעשאָסן. ס'איז געפאַלן טויט דער בונדיסט אַבע רייך און אַ צווייטער פון די דעמאָנסטראַנטן. בערך 30 זיינען פאַרוואונדעט געוואָרן. זייערע לוויות האָבן זיך פאַרוואַנדלט אין גרויסע דעמאָנסטראַציעס מיט שטערונגען פון מיליטער.

הגם דער בונד איז פּרינציפּיעל געווען קעגן אָנווענדן טעראָר, האָבן בונדיסטן אין אייניקע ערטער דאָס נישט צו שטאַרק אָפּגעהיט. דווינסק האָט צום מערסטן פון דעם געליטן. ביי די אָרגאַניזאַציעס איז געווען אַ ב. אָ. (באַיעוואָי אָטריאַד — קאַמף־אָפּטיילונג), וואָס האָט געדאַרפט שיצן פאַרזאַמלונגען און דעמאָנסטראַציעס קעגן אָנפאַלן פון פּאָליציי און מיליטער, ווי אויך פאַרטיידיקן די יידישע באַפעלקערונג אין פאַל פון אַ פּאָגראָם. דער דווינסקער ב. אָ. האָט געהאַט אַן אַרסענאַל פון הייס און קאַלט געווער — קניידלעך (באָמבעס), רעוואָלווערן, קינזשאַלן. בעת כמעט אומעטום אין אַנדערע ערטער האָט מען דאָס געווער געהאַלטן צו פאַרטיידיקונג־צוועקן, האָט דער ב. אָ. אין דווינסק באַנוצט דאָס געווער אויך דורכצופירן אַ ריי אָנפאַלן אויף איינצלנע נידעריקע און העכערע פּאָליציי־לייט. אַ צאָל פון זיי זיינען געוואָרן געטויט אָדער פאַרוואונדעט. ס'זיינען געווען קרבנות אויך פון די אָנפאַלער. ס'זיינען געווען טויטע און פאַרוואונדעטע פון באָמבע־אויפרייסן. אייניקע האָט מען אַרעסטירט און זיי האָבן באַקומען שווערע שטראָפן. צוויי האָט מען פאַרמשפּט צום טויט, אָבער מ'האָט די טויט־שטראָף פאַרביטן אויף לאַנגע טערמינען קאַטאָרגע. „מולינקע דער שלאָסער איז געשטאָרבן אין טורמע. מ'האָט אים דאָרט אַזוי לאַנג געשלאָגן, אַז ער זאָל אַרויסגעבן זיינע חברים, ביז ער האָט אָנגעהויבן שפּייען מיט בלוט. ער האָט אויסגעשפּיגן זיין יונגע העראָאישע נשמה, בלייבנדיק טריי זיינע חברים."[7]

במשך אַ וואָך צייט — פון 24טן פעברואַר ביזן 2טן מערץ 1905 — איז אין דווינסק אָפּגעהאַלטן געוואָרן אַ וויכטיקע קאָנפערענץ — די 6טע לויט דער ריי — פון בונד. 35 דעלעגאַטן מיטן צענטראַל־קאָמי־טעט בראש האָבן זיך באַטייליקט. ס'איז געווען אַ קאָנספּיראַטיווע קאָנ־פערענץ אין אַ דירה, וואָס ס'האָט געדונגען אויף זיין נאָמען יוסף איז־ביצקי (ב. מיכאַלעוויטש). וועגן פאַרלויף פון דער קאָנפערענץ האָט שפּע־טער ב. מיכאַלעוויטש געשריבן: „פאַר דער זעקסטער קאָנפערענץ האָבן זיך אויפגעשטעלט נייע פראַגן: ווי אַזוי צו פאַרפיקסירן די ווירקונג, וואָס דער בונד האָט באַקומען אויף די ברייטסטע יידישע מאַסן; ווי אַזוי צו אָרגאַניזירן מאַסן־אַרויסטרעטונגען, וועלכע זאָלן זיך פאַרוואַנדלען אין גאַסן־רעוואָלוציעס. מען האָט גערעדט וועגן באַוואָפנטע דעמאָנסטראַציעס, וועגן דער נייטיקייט צו שאַפן אין די אָרגאַניזאַציעס געשולטע קאַמף־אָפּטיילונגען, וועגן צושטעלן וואָפן פאַר די אָרגאַניזאַציעס, וועגן פאַר־וואַנדלען יעדן קאָנפליקט אין אַ רעוואָלוציאָנערן צוזאַמענשטויס. די גאַנצע קאָנפערענץ איז דורכגעגאַנגען אונטערן צייכן פון פאַרשאַרפטער רעוואָלוציע און מיט פולן גלויבן, אַז איר לעצטער אַקט לאָזט שוין אויף זיך לאַנג נישט וואַרטן".[8])

**
*

דער הויכפּונקט פון רעוואָלוציע־יאָר 1905 איז געווען אין אָקטאָבער, ווען דער צאַר האָט אַרויסגעלאָזט זיין מאַניפעסט מיט צוזאָגן צו שענקען דער באַפעלקערונג בירגערלעכע פרייהייט, פערזענלעכע אומ־באַרירלעכקייט, פרייהייט פון געוויסן, וואָרט, פאַרזאַמלונגען, פאַראייני־קונגען, ווי אויך ברייטערע וואַל־רעכט צו דער געפּלאַנטער דומע (פאַר־לאַמענט) און אַ ברייטע אַמנעסטיע פאַר פּאָליטישע חטאים.

דער דאָזיקער זשעסט פון צאַר איז באַלד באַגלייט געוואָרן מיט שיסערייען און פּאָגראָמען, מיט קריג־צושטאַנד און באַלאַגערונג־צו־שטאַנד אין פיל שטעט און פּראָווינצן. די רעוואָלוציאָנערע פּאַרטייען האָבן זיך באַצויגן מיט אומצוטרוי צום מאַניפעסט. זיי זיינען בכלל גע־ווען פאַר ליקווידירן די מאָנאַרכיע און איינפירן אַ דעמאָקראַטישע רע־פּובליק. דאָס מיטל צו דערגרייכן אָט דעם ציל האָט געדאַרפט זיין אַ באַוואָפנטער פאָלקס־אויפשטאַנד. דאָס לאַנד איז געוואָרן אויפגעברויזט. איבער דער לענג און ברייט פון רוסלאַנד זיינען פאָרגעקומען אַלגע־מיינע שטרייקן, דעמאָנסטראַציעס און בלוטיקע צוזאַמענשטויסן צווישן די רעוואָלוציאָנערע מאַסן מיטן צאַרס באַוואָפנטער מאַכט. אין באַלטישן ראַיאָן זיינען אויך דאָס מאָל די געשעענישן געווען באַזונדערס שטורמיש.

ווען ס'איז דערשינען דער צאַרישער מאַניפעסט, האָט אין ריגע שוין געדויערט אַ וואָך צייט אַן אַלגעמיינער שטרייק. אַ טאָג נאָכן פאַר־עפנטלעכן דעם מאַניפעסט איז אין שטאָט פאָרגעקומען אַ פאַרזאַמלונג

פון צענטליקער טויזנטער מענטשן. מ׳האָט גערעדט פון 30 טריבונעס אין 7 שפּראַכן: לעטיש, יידיש, ליטוויש, רוסיש, דייטש, עסטיש און פּויליש. במשך פיר טעג זיינען פאָרגעקומען פערמאַנענטע מאַסן־פאַר־זאַמלונגען אונטערן פרייען הימל. זיי האָבן זיך אָנגעהויבן 10 פרי און זיך געענדיקט 5 פאַרנאַכט. אין אָוונט זיינען געווען פאַרזאַמלונגען אין זאַלן. קיינער האָט נישט געשטערט און ס׳איז געווען פולע פרייהייט.

שבת דעם 4 נאָוועמבער זיינען שוין געווען אָנפאַלן פון כוליגאַנעס. בפרט איז דאָס געווען אויף מאָסקווער פאָרשטאָט, וואו יידן האָבן גע־וואוינט. זעלבסטשוץ־אָפּטיילונגען זיינען גלייך אַוועק אַהין און עטלעכע זיינען געפאַלן טויט. זונטאָג דעם 5 נאָוועמבער איז פאָרגעקומען אַ גרויסער פאַרמעסט מיט די כוליגאַנעס. פון דער זעלבסטשוץ זיינען 9 גע־פאַלן טויט — 5 יידן און 4 לעטן, פון די כוליגאַנעס זיינען געווען ביז 60 געהאַרגעטע. אַחוץ דעם זיינען געווען פיל פאַרוואונדעטע פון ביידע זייטן [9].

אין דווינסק איז מען באַפאַלן די געווער־געשעפטן און גענומען געווער. ס׳זיינען געווען שיסערייען מיט טויטע און פאַרוואונדעטע.

דעם 21 דעצעמבער 1905 האָט דער פעטערבורגער אַרבעטער־ראַט אַרויסגעלאָזט אַן אויפרוף צום גאַנצן פאָלק, אין וועלכן ס׳איז פעסטגע־שטעלט געוואָרן, אַז די רעגירונג האָט ווידער אָפּגענאַרט דאָס פאָלק. דער אויפרוף האָט אויסגערעכנט אַ גאַנצן צעטל מעשים־תעתועים, וואָס די רעגירונג האָט אָפּגעטון, צווישן זיי דאָס אָרגאַניזירן די פּאָגראָמען. דער אויפרוף האָט פּראָקלאַמירט אַן אַלגעמיינעם שטרייק אין דער הויפּט־שטאָט און אַרומיקער געגנט. דאָס איז געווען אַ בשותפותדיקער אויפ־רוף פון פעטערבורגער אַרבעטער־ראַט צוזאַמען מיט דריי סאָציאַליס־טישע פּאַרטייען — רוסלענדער סאָציאַל דעמאָקראַטישער אַרבעטער־פּאַרטיי, פּאַרטיי פון סאָציאַליסטן־רעוואָלוציאָנערן (עסערן), אַלגעמיינער יידישער אַרבעטער־בונד פון ליטע, פּוילן און רוסלאַנד.

דער געמיינזאַמער רוף פון פעטערבורגער אַרבעטער־ראַט און פון די דריי סאָציאַליסטישע פּאַרטייען האָט געפונען אַ הילכיקן אָפּקלאַנג אין גאַנצן לאַנד און גורם געווען אַ סעריע אַלגעמיינע שטרייקן, צו־זאַמענשטויסן און באַוואָפנטע אויפשטאַנדן. ריגע און די אַרומיקע ערטער זיינען באַהערשט געוואָרן פון די רעוואָלוציאָנערע אַרבעטער־מאַסן אונ־טער דער אָנפירונג פון דער לעטישער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער אַר־בעטער־פּאַרטיי און פון בונד, וואָס האָבן געאַרבעט האַרמאָניש צוזאַ־מען אין פעדעראַטיוון קאָמיטעט. דאָ איז פאָרגעקומען אַ פאָלקס־אויפ־שטאַנד אין פולן זין פון וואָרט. דעם 8 דעצעמבער איז פּראָקלאַמירט געוואָרן אַן אַלגעמיינער שטרייק, וואָס האָט געדויערט עטלעכע וואָכן. די רעגירונג פון שטאָט און פון דער געגנט האָט פאַקטיש אויפגעהערט צו עקזיסטירן. דער קריג־צושטאַנד, וואָס די צאַרישע רעגירונג האָט דער־

קלערט, איז געבליבן אויפן פּאַפּיר. דיווירקלעכע רעגירונג איז גע־וואָרן דער פעדעראַטיווער קאָמיטעט, אין וועלכן ס׳האָט געשפּילט אַ הויפּט־ראָל דער פאָרשטייער פון בונד שמעון קלעוואַנסקי (אונטערן פּסעוודאָנים מאַקסים איז ער געווען דעמאָלט דער פּאָפּולערסטער אָראַטאָר און פירער אין באַלטישן ראַיאָן).

אין ריגער ראַיאָן האָבן די רעוואָלוציאָנערן באַהערשט די לאַגע. אין גלאַזמאַנקע האָבן די אָרטיקע בונדיסטן צוזאַמען מיט די לעטישע סאָציאַל־דעמאָקראַטן אַטאַקירט די קאַזאַרמע פון די דראַגונער. נאָך אַ לענגערער שיסעריי האָבן די קאַוואַלעריסטן זיך אונטערגעגעבן און מ׳האָט ביי זיי צוגענומען דאָס געווער. די רעגירונג־באַאַמטע האָט מען באַ־זייטיקט און געשאַפן אַ רעוואָלוציאָנערע אַדמיניסטראַציע. אויך אין אַנדערע שטעטלעך און דערפער האָט מען פאַרכאַפּט די מאַכט. מ׳האָט צוגענומען דאָס געווער ביי דער פּאָליציי, זשאַנדאַרמעריע און מיליטער און זיי פאַרטריבן. אין טייל ערטער האָבן זעלנער גיכט געוואָלט פּאָלגן די באַפעלן פון די אָפיצירן צו שיסן אָדער דאָס מיליטער איז באַ־צייטנס אַליין אַוועק און די פּאָליציי האָט זיך באַהאַלטן.

נאָך אירע מפּלות האָט די צאַרישע מאַכט ווידער גענומען די אויבערהאַנט. די רעגירונג האָט אַריינגעשיקט קיין ריגע אַן אַרמיי פון 10 טויזנט מאַן מיט אַרטילעריע, אונטער דער אָנפירונג פון גענעראַל סאָלאָגוב און זי האָט גענומען צוריקשטעלן די אַלטע אָרדענונג. מילי־טער האָט אַריינמאַרשירט אין שטאָט נאָך שטאָט, שטעטל נאָך שטעטל, דאָרף נאָך דאָרף און מיט דער גרעסטער אכזריות אונטערגעדריקט די אויפשטאַנדן; מ׳האָט געשאָסן און געבראָכן, געהאַרגעט, צעשטערט און פאַרוויסט. דעם 27 דעצעמבער 1905 האָבן קאַוואַלעריע און פּיעכאָטע אַרומגערינגלט דעם בנין פון נייעם לעטישן טעאַטער אין ריגע, וואו ס׳איז געווען אַ פאַרזאַמלונג פון 4 טויזנט באַן־אַרבעטער. מ׳האָט גע־פאָדערט אַרויסצוגעבן די פירער מאַקסים, פּאָליש און אַנדערע. די פאַר־זאַמלונג האָט מיט אויפרעגונג אָפּגעוואָרפן די פאָדערונג. די רעגירונג האָט זיי געזוכט און ניט געקענט כאַפּן. פאַר מאַקסימס קאָפּ האָט די רעגירונג באַשטימט אַ גרויסע געלט־באַלוינונג, אויב מ׳וועט אים כאַפּן אָדער אָנווייזן, וואו ער געפינט זיך.

אין די ערשטע וואָכן פון יאָר 1906 האָט דער ווייסער טעראָר פון דער רעגירונג געבושעוועט אין גאַנצן לאַנד. אין ערטער, וואו די רע־וואָלוציאָנערע באַוועגונג איז געווען שטאַרקער, איז דער קעגנאָנגריף פון דער קאָנטער־רעוואָלוציע געווען ווילדער. אין דער באַלטישער פּראָווינץ, וואו מ׳האָט געהאַט פאַרטריבן די צאַרישע מושלים און פּראָקלאַמירט רעוואָלוציאָנערע זעלבסט־פאַרוואַלטונגען, איז די נקמה נאָך דעם געווען גרויזאַם. אין שטעטל בויסק זיינען געקומען דראַגונער מיט אַ רשימה פון 16 מענטשן און מיט אַ באַפעל פון גענעראַל־גובערנאַטאָר זיי צו

דערשיסן. די 16 זיינען געווען פון דער זעלבסטשוץ. 4 פון זיי האָט מען געפונען און דערשאָסן: 3 לעטן — בלאַנקענשטיין, פּלוצעס, ראַסמאַן און 1 ייד — ישראל פרידמאַן, אַ שמיד, 32 יאָר אַלט. קיין שום בקשות האָבן נישט געהאָלפן. פרידמאַנען האָט מען בלויז דערלויבט פאַרן טויט זיך געזעגענען מיט זיין פרוי און 4 קינדער. זיין חטא איז געווען, וואָס ער האָט געשמידט קינזשאַלן פאַר דער זעלבסטשוץ. וועגן אים האָט שפּעטער דער דיכטער אברהם וואַלט (א. ליעסין) געשריבן אַ פּאָעמע דער שמיד און זי פאַרענדיקט מיט די סטראָפעס:

און באַלד איז די שטראָף־עקספּעדיציע געקומען
און האָט אים פאַרנומען,

ער האָט מיטן קוזשניע־פלאַם שטיל זיך צעזעגנט
און גרייט זי באַגעגנט.

ער גייט נאָר אַ קוש טאָן אין שטימונג אין לינדער
דאָס ווייב און די קינדער

און קומט באַלד אַרויס, מיט די הענקערס אינאיינעם,
אין מאָרגן אין שיינעם.

און שטעלט זיך אַוועק מיטן בוזים דעם הוילן
אַנטקעגן די קוילן.

אויך אין אַנדערע ערטער האָבן די מיליטערישע שטראָף־עקספּעדיציעס גרויזאַם זיך אָפּגערעכנט פאַר די רעוואָלוציאָנערע אויפבראַזן פון די פּאָלקס־מאַסן.

די רעוואָלוציאָנערע כוואַליעס האָבן אָנגעהויבן פאַלן אַלץ נידריקער און נידריקער. די סאָציאַליסטישע גרופּירונגען האָבן זיך באַמיט צו ראַטעווען וואָס עס לאָזט זיך, אָבער די רעאַקציע איז כסדר געשטיגן. אין 1906—1907 האָט מען נאָך אַלץ געהאָפט, אַז די רעוואָלוציע איז נאָך נישט פאַרשפּילט און זי וועט ווידער אויפשטייגן מיט אַ גרויסער קראַפט. איןביידע יאָרן האָט די בונדישע באַוועגונג נאָך איינגעהאַלטן איר מאַסן־כאַראַקטער אין לאַנד, אַזוי אויך אין באַלטישער געגנט.

אויפן 7טן צוזאַמענפאָר פון בונד, וואָס איז פאָרגעקומען אין די טעג פון 28 אויגוסט — 8 סעפּטעמבער 1906 אין לעמבערג (גאַליציע, עסטרייך), האָבן די דעלעגאַטן פון דער באַלטישער געגנט פאַרטרעטן פון די שטעט: דווינסק — 734 מיטגלידער אין דער בונדישער אָרגאַניזאַציע, ריגע — 500; אין דווינסקער ראַיאָן — אָרגאַניזאַציעס אין 31 ערטער מיט 2,076 מיטגלידער, ריגער ראַיאָן — אין 8 ערטער מיט 1,000 מיטגלידער.



פרעזידיום פון קאָנגרעס פאַר רעכט אויף אַרבעט, וואַרשע 1926 און די רעפּרעזענטן; אויף די באַגריסער פון די פּוילישע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס (שטייען אין דער אויבערשטער ריי). די נעמען זענען פאַראַן אין טעקסט אויף זייטן 158—160.



דעלעגאַציע פון בונד צום קאָנגרעס פון סאָציאַליסטישן אינטערנאַציאָנאַל, ווין 1931.
זיצן פון רעכטס: יעקב פּעסקין (פון דער פּראַנצויזישער דעלעגאַציע), אפרים לאָזער זעלמאַנאָוויטש, יקותיאל פּאָרטנאָי, אַנאַ ראָזענטאַל, הענריק ערליך, ישראל ליכטענשטיין.
מיטלסטע ריי: ד״ר עמנואל שערער, ד״ר חיים פּיזשיץ, וויקטאָר אַלטער, גרשון זיבערט.
אויבערשטע ריי: מאַוריצי (משה) אָזשעך, עמנואל נאָוואָגרודסקי, יעקב שלום הערץ.



אַ גרופּע פון דער בונדישער יוגנט אין פּוילן אויף דער צווייטער אַרבעטער־אָלימפּיאַדע, ווין 1931.

ביי די אָרגאַניזאַציעס זיינען נאָך דעמאָלט געווען זעלבסטשוצן. דער ב. אָ. אין דווינסק האָט געהאַט 100 מיטגלידער. זיין געווער־אַרסענאַל איז באַשטאַנען פון 5 באָמבעס, 20 פונט דינאַמיט, 60 רע־וואָלווערן, ווי אויך אַ צאָל שווערדן און קינזשאַלן. דער ב. אָ. אין ריגע איז באַשטאַנען פון 25 מיטגלידער, וואָס האָבן געהאַט אין זייער רשות 25 רעוואָלווערן. די זעלבסטשוצן האָבן געהאַט אַרום זיך אַ גרויסן רעזערוו, פון וועלכן זיי האָבן געקענט ווערבירן נאָך מיטגלידער אין פאַל פון נויטיקייט.

אין דווינסק, קרעסלאַווקע, ליבאַווע און אַנדערע ערטער האָבן אויך עקזיסטירט אָרגאַניזאַציעס פון קליינעם בונד, וואָס האָבן אַרומגענומען קינדער און יוגנטלעכע, צווישן זיי אויך שילער. באַזונדערס אַקטיוו זיינען זיי געווען אין רעוואָלוציע־יאָר 1905. אין אָקטאָבער און נאָוועמ־בער 1905 האָט די אָרגאַניזאַציע פון בונד אין דווינסק איבערגעגעבן די שילער פון קליינעם בונד די אויפגאַבע אָפּצושטעלן די לימודים אין די שולן בעת די אַלגעמיינע פּאָליטישע שטרייקן אין לאַנד און זיי האָבן עס דורכגעפירט. דער ערשטער פאַרשטייער, וואָס איז דורכן דווינסקער קאָמיטעט פון בונד צוגעשיקט געוואָרן צום קליינעם בונד, איז געווען דער טוער, רעדנער און שרייבער בייניש מיכאַלעוויטש (יוסף איזביצקי).

די בונדישע אָרגאַניזאַציעס האָבן אַקטיוו זיך באַטייליקט אין די וואַל־קאַמפּאַניעס צו דער צווייטער און דריטער דומע (פּאַרלאַמענט). די וואַלן זיינען נישט געווען קיין דירעקטע, נאָר דורך עלעקטאָרן (וואַל־מענער), וואָס די וואַל־באַרעכטיקטע האָבן געדאַרפט אויסוויילן. די רע־גירונג האָט שיקאַנירט די בונדישע קאַנדידאַטן אויף וואַל־מענער (וועל־כע האָבן שפּעטער געדאַרפט אויסקלייבן דעם דעפּוטאַט). אַ צאָל האָט מען אויסגעשטראָכן פון די וויילער־ליסטעס אָדער גאָר אַרעסטירט. אין דווינסק האָט מען אויסגעמעקט פון די וויילער־רשימות דעם בונדישן קאַנדידאַט רפאל ריין (ר. אַבראַמאָוויטש). נישט געקוקט אויף די רע־פּרעסיעס האָט דער בונד בעת די וואַלן צו דער צווייטער דומע (1906) דאָך אין אַ צאָל ערטער דורכגעפירט זיינע וואַל־מענער, צווישן זיי אויך אין דווינסק און ליבאַווע.

אין די טעג פון 13 מאַי — 1 יוני 1907 איז אין לאָנדאָן (ענג־לאַנד) פאָרגעקומען אַ צוזאַמענפאָר פון דער רוסלענדער סאָציאַל־דעמאָ־קראַטישער אַרבעטער־פּאַרטיי, אין וועלכן דער בונד איז געווען באַטיי־ליקט מיט אַ גרויסער דעלעגאַציע. די דעלעגאַטן זיינען געוויילט גע־וואָרן דירעקט פון די מיטגלידער אין די אָרגאַניזאַציעס: דווינסק האָט געשיקט 1 דעלעגאַט, דווינסקער ראַיאָן — 1, ריגע — 1, ריגער ראַיאָן — 2.

## 4. אין די יאָרן פון רעאַקציע און מלחמה

אויסנוצנדיק די געענדערטע באַדינגונגען, די נעבעכדיקע „פריי־הייטן" נאָך דער ערשטער רוסלענדער רעוואָלוציע, האָט מען מיט גרוי־סע שוועריקייטן געפּרוווט שאַפן און טיילווייז געשאַפן אויף די ערטער פּראָפעסיאָנעלע פאַראייניגן, ביבליאָטעקן, קורסן און אויף אַזאַ אופן אויפ־געהאַלטן די פּאָליטישע אָרגאַניזאַציעס, וואָס האָבן ווייטער נישט געקענט עקזיסטירן לעגאַל. די לעגאַלע אינסטיטוציעס האָבן געהאַט אויסצו־שטיין נגישות און רעפּרעסיעס מצד דער רעגירונג און אַ טייל האָבן נישט געקענט אויסהאַלטן דעם דרוק און זיינען אונטערגעגאַנגען. די באַוועגונג איז געגאַנגען באַרג אַראָפּ. פונדעסטוועגן זיינען אויף דער אַכטער קאָנפערענץ פון בונד (האַרבסט 1910 אין לעמבערג) אויך גע־ווען דעלעגאַטן פון דווינסק און ריגע.

זומער 1913 איז אין מאָסקווע אָפּגעהאַלטן געוואָרן אַן אַלרוסלענ־דער קאָנגרעס פון האַנדלס־אָנגעשטעלטע. די ליבאַווער האַנדלס־אָנגע־שטעלטע האָבן געשיקט אַלס זייער פאָרשטייער דעם בונדישן טוער ד״ר מיראָן נאַכימסאָן (צוזאַמען מיט נאָך עטלעכע בונדישע דעלעגאַטן איז ער אַרעסטירט געוואָרן לויט אַ מסירה פון באָלשעוויסטישן דומע־דעפּוטאַט ראָמאַן מאַלינאָווסקי, וועלכער איז גלייכצייטיק געווען אַן אַגענט פון דער געהיים־פּאָליציי).

דעם 8 אָקטאָבער 1913, ווען ס׳האָט זיך אָנגעהויבן אין קיעוו דער בלוט־בילבול־פּראָצעס פון מענדל בייליס, איז פאָרגעקומען אין לאַנד אַ פּראָטעסט־שטרייק, פּראָקלאַמירט דורכן צענטראַל־קאָמיטעט פון בונד. די יידישע אַרבעטער און האַנדל־אָנגעשטעלטע אין ריגע, דווינסק און נאָך עטלעכע ערטער פון די באַלטישע שטעט און שטעטלעך האָבן זיך באַטייליקט אין פּראָטעסט־שטרייק.

אין 1914 האָט זיך אָנגעהויבן די ערשטע וועלט־מלחמה. דער גרוי־סער חורבן איז געקומען פון צוויי זייטן: מצד דער צאַרישער רעגי־רונג און מצד די אָפּעראַציעס אויף די קריג־פראָנטן. די צאַרישע רע־גירונג האָט אַדורכגעפירט אַ ריי גירושים פון דער יידישער באַפעל־קערונג און דאָס פייער פון די דייטשע און רוסישע אַרמייען האָבן פאַר־וואַנדלט אין אַש און רויך די יידישע היימען און בכלל דאָס האָב־און־גוטס פון דער יידישער באַפעלקערונג. אַ סך יידן האָבן נישט געוואַרט אויף די גירושים און שיסערייען און זיינען אַנטלאָפן, וואוהין די אויגן האָבן געטראָגן.

אפילו אין אַזאַ מצב האָבן זיך געפונען בונדישע עקשנים, וואָס האָבן נישט געוואָלט זיצן מיט פאַרלייגטע הענט. וועגן דווינסק דער־ציילט איינער פון די דאָזיקע עקשנים: „אין יאָר 1915, אין רעכטן ברען פון דער מלחמה, פאַלט דורך אויף סלאָבאָדקע אַ געהיימע בונ־דישע פאַרזאַמלונג. מען געפינט אַנטי־מלחמה פּראָקלאַמאַציעס, די פאַר־זאַמלטע ווערן אַרעסטירט. אַזוי אַרום פאַלט אַריין אין תפיסה כמעט דער גאַנצער שטאַב פון די אומשולדיקע ליטעראַרישע קרייזלעך. אַלץ ווערט צעשטערט. אַ טייל גייט אַוועק אין תפיסה. אין 1916 ווערן זיי געמשפּט און כאַפּן צו עטלעכע יאָר טורמע און זיי ווערן באַפרייט ערשט נאָך דער רעוואָלוציע — 1917; אַ טייל גייט אַוועק אויף דער מלחמה. דווינסק ווערט אַן אַקטיווער פראָנט, די מענטשן צעזייט און צעשפּרייט איבער גאַנץ רוסלאַנד. אַלע פאַבריקן און אונטערנעמונגען ווערן עוואַ־קואירט און צוזאַמען מיט זיי ווערן עוואַקואירט די אַרבעטער. עס ווערט אַ תל פון דער גאַנצער שטאָט און, פאַרשטייט זיך, פון שטיקל באַ־וועגונג" [10]).

די יידישע באַפעלקערונג אין די באַלטישע פּראָווינצן איז שטאַרק פאַרקלענערט געוואָרן. פון די גירושים אַליין זיינען בלויז אין קורלאַנד אַפּגעקומען בערך פערציק טויזנט נפשות.

## 5. אין דער צווייטער רוסלענדער רעוואָלוציע

נאָכן אויסברוך פון דער צווייטער רוסלענדער רעוואָלוציע (1917) האָט די בונדישע באַוועגונג, וואָס איז געווען שטאַרק אָפּגעשוואַכט — פריער מחמת דער צאַרישער רעאַקציע און שפּעטער צוליב דער מלחמה — ווידער אויפגעלעבט. ווי די סאָציאַליסטישע באַוועגונג בכלל, איז דער בונד אַרויס אין דער עפנטלעכקייט און אָנטייל גענומען אין אַלע וויכטיקע געשעענישן.

אין ריגע האָט דער בונד זיך באַטייליקט אין די וואַלן פון אַרבעטער־און סאָלדאַטן־ראַט און פון מוניציפּאַלן שטאָט־ראַט און דורכגעפירט זיינע פּאַרשטייער. אין דער קורצער צייט, וואָס דער אַרבעטער־און סאָלדאַטן־ראַט און שטאָט־ראַט האָבן פונקציאָנירט אין ריגע, איז דעם בונד אויסגעקומען צו פירן אַן ענערגישן קאַמף פאַר אַ יידישן ענין. גראָד אין ריגע האָבן ביי די וואַלן געזיגט די באָלשעוויקעס — די רוסישע אין אַ בלאָק מיט די לעטישע. זיי האָבן דורכגעפירט אַ באַשלוס וועגן איינפירן זונטאָג אַלס אָפיציעלן רו־טאָג פאַר דער גאַנצער באַפעלקערונג. די בונדישע פאַרשטייער האָבן עס שטאַרק באַקעמפט. זיי האָבן געפאָדערט, אַז די יידן זאָלן האָבן רעכט אַליין צו באַשטימען זייער רו־טאָג. אויב זיי באַשטימען שבת, זאָלן זיי מעגן זיין באַשעפטיקט זונטאָג. מיט 22 שטימען קעגן 18 האָט דער ריגער שטאָט־ראָט אָפּגעוואָרפן דעם פאַרשלאָג פון די בונדישע ראַטמענער. די זעלבע קעגנערישע שטעלונג האָט אויך אָנגענומען די מערהייט פון ריגער אַרבעטער־און סאָלדאַטן־ראַט.

אין דווינסק האָט ביי די שטאָט־ראַט וועלן דער סאָציאַליסטישער בלאָק, וואָס איז באַשטאַנען פון בונד, סאָציאַל־דעמאָקראַטישע אַרבעטער־פאַרטיי (מענשעוויקעס), סאָציאַל־רעוואָלוציאָנערן (עסערן) און אַרבעטער־און סאָלדאַטן־ראַט, באַקומען 74 פּראָצענט שטימען און דורכגעפירט 75 ראַטמענער, פון זיי 18 בונדיסטן. אַלע אַנדערע ליסטעס — יידישע און נישט־יידישע — 25 ראַטמענער, צווישן זיי 7 אָרטאָדאָקסן און 2 ציוניסטן. אַ בונדיסט איז אויך געוואָרן אַ וויצע־פּרעזידענט פון שטאָט און אַ צווייטער בונדיסט — אַ וויצע־פאַרזיצער פון שטאָט־ראָט [17].

די פרייע טעטיקייט פון די בונדישע אָרגאַניזאַציעס האָט לאַנג נישט אָנגעהאַלטן. די דייטשע חיילות האָבן אָנגעהויבן אַן אָפענסיווע און פאַר־

נומען אַ צאָל שטעט און פון דער צווייטער זייט האָבן די באָלשעווי־קעס דורך דער מאַכט־פאַרכאַפּונג איינגעשטעלט זייער ממשלה. אין ביידע פאַלן איז מער נישט מעגלעך געווען צו פירן אַ פרייע פּאָליטישע, קולטורעלע און פּראָפעסיאָנעלע טעטיקייט. נאָך דעם ווי די באָלשעווי־קעס האָבן אָנהויב 1919 איינגענומען ריגע, האָבן זיי ביי די מיטגלידער פון בונד צוגענומען די וואַל־רעכט צום אַרבעטער־ראַט.

די בונדישע אָרגאַניזאַציעס פון באַלטישן ראַיאָן האָבן דאָך אָנגע־האַלטן אַ קאָנטאַקט מיטן בונד אין רוסלאַנד און זיך באַטייליקט אויף זיינע באַראַטונגען, קאָנפערענצן און ביים באַשטימען די פּאָליטישע ריכט־ליניעס אין די קאָמפּליצירטע און שנעל זיך בייטנדיקע סיטואַציעס. אין די טעג פון 16—22 מערץ 1919 איז אין מינסק פאָרגעקומען די 11טע קאָנפערענץ פון בונד. צווישן די 67 דעלעגאַטן איז אויך געווען אַ דע־לעגאַט פון ריגע און אַ דעלעגאַט פון דווינסק. דער דעלעגאַט פון ריגע איז געווען שערמאַן (ס'איז געווען נאָך אַ ריגער — אברהם בראַון, אָבער נישט ווי אַ דעלעגאַט פון דער ריגער אָרגאַניזאַציע, נאָר ווי אַ געוויילד־טער קאַנדידאַט צום צענטראַל־קאָמיטעט פון בונד). דער דווינסקער דעלעגאַט איז געווען נאַדעל. פאַרן איינשטעלן די באָלשעוויסטישע מאַכט האָט די בונדישע אָרגאַניזאַציע אין דווינסק געציילט (אויגוסט 1917) 218 מיטגלידער [12]).

אין די יאָרן 1917 און 1918 האָבן די דייטשע חיילות פאַרנומען די פּראָווינצן, פון וועלכע ס'איז שפּעטער געשאַפן געוואָרן די אומאָפּ־הענגיקע לעטלענדישע מלוכה. די סאָציאַליסטישע באַוועגונג, וואָס האָט אין יאָר 1917 פריי צעשפּרייט אירע פליגל, האָט געמוזט צוריק ווערן פאַרקאָנספּירירט און אַראָפּגיין אין אונטערערד.

דעם 3־טן סעפּטעמבער 1917 האָבן די דייטשע חיילות פאַרנומען ריגע, די אָקופּאַציע־מאַכט האָט אַרויסגעגעבן אַ ריי פאַראָרדענונגען און פאַרבאָטן, וואָס האָבן אוממעגלעך געמאַכט אַן אָפענע פּאָליטיש־געזעל־שאַפטלעכע טעטיקייט. דער שטאָט־ראַט און אַרבעטער־ראַט האָבן אויפ־געהערט צו עקזיסטירן. דער עקזעקוטיוו־קאָמיטעט פון אַרבעטער־און סאָלדאַטן־ראַט האָט אָפּגעהאַלטן עטלעכע זיצונגען און נישט געקענט אָנ־נעמען קיין ממשותדיקע באַשלוסן צוליב די חלוקי־דעות און רייסערייען צווישן די באָלשעוויקעס און מענשעוויקעס. ביי די לעטישע סאָציאַל־דעמאָקראַטן האָבן זיך געשטאַרקט די באָלשעוויסטישע שטימונגען און זיי האָבן גענומען די איבערהאַנט אין דער פּאַרטיי. ס'איז דערגאַנגען צו אַ שפּאַלטונג. די באָלשעוויקעס האָבן אויסגעשלאָסן פון דער פּאַרטיי די מענשעוויקעס. אין מערץ 1918 האָבן די אויסגעשלאָסענע מענשעוויקעס געשאַפן אַן אייגענעם עקזעקוטיוו־קאָמיטעט פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַ־טישער אַרבעטער־פּאַרטיי אין לעטלאַנד. צווישן די לעטישע באָלשעווי־קעס און מענשעוויקעס האָט זיך אָנגעהויבן אַ פאַרביסענע מלחמה. די

נייע לעטישע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע אַרבעטער־פּאַרטיי איז פאַרשטאַרקט געוואָרן מיט אַ צאָל טוער, וועלכע זיינען צוריקגעקומען פון סאָוועט־רוסלאַנד.

אונטער דער דייטשער אָקופּאַציע (1917—1918) האָט די בונדישע אָרגאַניזאַציע אין ריגע געפירט אַ געהיימע פּאָליטישע און אַן אָפענע קולטורעלע טעטיקייט. בונדישע גרופּן פלעגן זיך צונויפקומען קאָנספּי־ראַטיוו און באַהאַנדלען פאַרשיידענע אַקטועלע ענינים. די קולטורעלע טעטיקייט איז געפירט געוואָרן אין דער געזעלשאַפט כרמל — אַ „יידי־שער מוזיקאַליש־דראַמאַטישער און ליטעראַרישער פאַראיין". ס'איז גע־שאַפן געוואָרן אַ פעדעראַטיווער קאָמיטעט פון בונד און פון דער לעטישער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער אַרבעטער־פּאַרטיי (מענשעוויקעס). דער קאָמי־טעט פון בונד האָט צוזאַמען מיט דער אָנפירונג פון דער לעטישער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער אַרבעטער־פּאַרטיי דעם 25 אָקטאָבער 1918 אַוועקגעשיקט אַ דעקלאַראַציע צו דער פראַקציע פון די אומאָפּהענגיקע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע דעפּוטאַטן אין דייטשן רייכסטאַג (פּאַרלאַמענט). די דעקלאַראַציע האָט פּראָטעסטירט קעגן דער אָנערקענונג און אונטער־שטיצונג מצד דער דייטשער אָקופּאַציע־מאַכט די „לאַנדעס־ראַטן", וואָס זיינען באַשטאַנען פון רעאַקציאָנערע עלעמענטן, אַלס די איינציקע רע־פּרעזענטאַנץ פון לאַנד. ס'איז געפאָדערט געוואָרן זיי צו באַזייטיקן און אַנולירן זייערע באַשלוסן. ווייטער זיינען אַרויסגערוקט געוואָרן אַ ריי קאָנקרעטע פּאָליטישע און אַדמיניסטראַטיווע פאָדערונגען. די בונדישע אָרגאַניזאַציע האָט אויך געפירט אַ קאַמף קעגן דער קהילה־אָנפירונג[13]).

ווען די דייטשע חיילות האָבן פאַרנומען דווינסק, האָבן זיי געשלאָסן דעם בונדישן לאָקאַל, וואו ס'איז פריער געווען דער צענטער פון דער בונדישער באַוועגונג. אין אַ צייט אַרום, אַפּריל 1918, האָט זיך איינ־געגעבן צו עפענען אַן אַרבעטער־קלוב אויפן נאָמען פון פאַרשטאָרבע־נעם בונדישן פירער בראָניסלאַוו גראָסער. סך־הכל עטלעכע וואָכן שפּע־טער, דעם 25 מאַי 1918, איז פאָרגעקומען אין קלוב אַ פאַרזאַמלונג. פלוצלונג האָט דייטשע פעלד־פּאָליציי זיך אַריינגעריסן אין קלוב מיט אַ געשריי — אויפהייבן די הענט און געשאָסן אין סופיט. דעם עולם האָט מען אַרעסטירט. די באַשולדיקונג איז געווען אין צוגרייטן אַ באַ־וואָפנטן אויפשטאַנד קעגן דער דייטשער אָקופּאַציע־מאַכט. אין אַ צייט אַרום איז פאָרגעקומען אין טורמע אַ פעלד־געריכט. בלויז 9 זיינען פאַר־משפּט געוואָרן. זיי זיינען אַרויסגעשיקט געוואָרן קיין דייטשלאַנד אין אַ קאָנצענטראַציע־לאַגער[14]).

## צווייטער טייל

# 6. אין אומאָפּהענגיקן לעטלאַנד

דעם 18־טן נאָוועמבער 1918, נאָכן סוף פון דער ערשטער וועלט־מלחמה, האָט דער לעטישער פאָלקס־ראַט פּראָקלאַמירט אין ריגע די אומאָפּהענגיקייט פון לעטלאַנד. די פּראָקלאַמירטע מלוכה איז גיך אַטאַקירט געוואָרן פון צוויי זייטן. סאָוועט־רוסלאַנד האָט אין דער שטאָט וואָלמאַר געשאַפן אַ קאָמוניסטישע קעגן־רעגירונג און דעם 3 יאַנואַר 1919 האָט אַ סאָוועטישע אַרמיי פאַרנומען די הויפּט־שטאָט ריגע. די לעטישע פּראָוויזאָרישע רעגירונג, בראש פון וועלכער ס׳איז געשטאַנען דער פירער פון פויערים־פאַרבאַנד קאַרל אולמאַניס, איז אַוועק קיין ליבאַווע. הגם ס׳איז שוין געווען נאָך דער קאַפּיטולאַציע פון דייטשלאַנד, איז אין דער באַלטישער געגנט נאָך געווען אַ שטאַרקע דייטשע אַרמיי און זי האָט אָנגעהויבן אַן אָנגריף. דעם 3 פעברואַר 1919 האָט זי פאַרנומען ליבאַווע און דעם 22 מאַי פון זעלבן יאָר — אויך ריגע. אין די קאַמפן פון חודש יוני האָבן די לעטן און עסטן באַזיגט די דייטשע חיילות און אין יולי 1919 האָט די צייטווייליקע אולמאַניס־רעגירונג צוריק אָנגעהויבן צו אַמטירן אין ריגע.

אין דער זעלבער צייט איז דער שטח פון לאַטגאַליע געבליבן אונטער סאָוועטישער ממשלה. מיט דער הילף פון די פאַרבינדעטע מערב־מלוכות און פּוילישע אַרמיי־אָפּטיילונגען אונטער דער אָנפירונג פון רידז־שמיגלי האָבן די לעטישע באַוואָפנטע קרעפטן אַרויסגעשטויסן דאָס סאָוועטישע מיליטער פון לאַטגאַליע. אין אויגוסט 1920 איז געשלאָסן געוואָרן אַ שלום צווישן סאָוועט־רוסלאַנד און לעטלאַנד. די לעטישע מלוכה האָט געקענט אָנהייבן נאָרמאַל צו פונקציאָנירן.

די לעטישע מלוכה האָט פאַרמאָגט אַ קליינע באַפעלקערונג: אין יאָר 1920 — איין מיליאָן און 596 טויזנט נפשות; אין יאָר 1935 — איין מיליאָן און 950 טויזנט. בערך 25 פּראָצענט פון דער באַפעלקערונג איז באַשטאַנען פון נאַציאָנאַלע מינדערהייטן. אויפן ערשטן אָרט פון די מינדערהייטן זיינען געווען רוסן, אויפן צווייטן — יידן, אויפן דריטן — דייטשן, אויפן פערטן — פּאָליאַקן און נאָך זיי קלענערע נאַציאָנאַלע מינדערהייט־גרופּן. די צאָל יידן האָט אין 1920 באַטראָפן קרוב 80 טויזנט, אין 1935 — איבער 93 טויזנט. אין דער אַלגעמיינער באַפעלקערונג האָבן יידן אויסגעמאַכט קרוב 5 פּראָצענט.

**
*

אין די ניי־געשאַפענע באַדינגונגען פון דער לעטלענדישער מדינה האָט דער בונד באַלד אָנגעהויבן זיין טעטיקייט. שוין אין דעצעמבער 1918 האָט אָנגעהויבן אַרויסגיין אין ריגע זיין אָרגאַן אונזער צייט (אָרגאַן פון ראַיאָן־קאָמיטעט פון „בונד" פאַר לעטלאַנד).

אין דער איבערגאַנג־צייט, אין דער נישט־זיכערער און גיך־בייטנ־דיקער סיטואַציע במשך 1918, האָט די בונדישע אָרגאַניזאַציע געהאַלטן, אַז אַ זעלבשטענדיק לעטלאַנד קען מעגלעך זיין נאָר ווי אַ צייטווייליקע פאָרם און אַז אין דער נאָנטער צוקונפט דאַרף דאָס לאַנד ווערן אַ פע־דעראַטיווער טייל פון אַ דעמאָקראַטיש־סאָציאַליסטישן רוסלאַנד. ווען ס'איז אין 1918 געשאַפן געוואָרן דער לעטלענדישער פאָלקס־ראַט, האָט דער בונד באַקומען 2 מאַנדאַטן. די בונדישע פאָרשטייער זיינען געווען א. שערמאַן און מ. פאַפירמייסטער. אין ריגע איז געשאַפן געוואָרן אַ צייטווייליקער שטאָט־ראַט, אין וועלכן דער בונד האָט געהאַט 4 ראַט־מענער. אויף דער ערשטער זיצונג האָט דער בונדישער פאָרשטייער פאָרגעלייענט אַ דעקלאַראַציע, אין וועלכער ס'איז געברענגט געוואָרן צום אויסדרוק די שטעלונג פון בונד צו דער פראַגע פון לעטלאַנדס מלוכהשקייט. פאַר די נאַציאָנאַלע מינדערהייטן האָט די דעקלאַראַציע פאַר־לאַנגט נאַציאָנאַל־קולטורעלע אויטאָנאָמיע[15].

ביי יידן האָט מען אין דער זעלבער צייט (אין לעצטן פעריאָד פון 1918) גערעדט און פלאַנירט צו שאַפן אַ נאַציאָנאַל־ראַט. צוליב דעם וואָס די בירגערלעכע עלעמענטן האָבן באַלד פון אָנהייב געשטרעבט אים צונויפשטעלן אויף אַזאַ אופן, אַז זיי זאָלן האָבן אַ דעצידירנדיקע מער־הייט, האָבן די סאָציאַליסטישע גרופּירונגען, ווי אויך די פאָלקס־פּאַרטיי זיך אָפּגעזאָגט אָנטייל צו נעמען אין אים. זיי האָבן אַליין געשאַפן אַ יידישן דעמאָקראַטישן ראַט. דעם 1־טן דעצעמבער 1918 האָט דער דאָ־זיקער ראַט זיך קאָנסטיטואירט. ער איז באַשטאַנען פון 20 מיטגלידער — צו 5 פאָרשטייער פון 4 פּאַרטייען: בונד, פאַראייניקטע, פּועלי־ציון און פאָלקס־פּאַרטיי. דער ראַט האָט צוגעגרייט אַ געזעץ־פּראָיעקט פון נאַציאָנאַל־פערסאָנאַלער אויטאָנאָמיע. ער איז צונויפגעשטעלט געוואָרן לויטן מוסטער פון פּראָיעקט, וואָס די צענטראַלע ראַדע אין אוקראַינע האָט אָנגענומען.

די בונדישע פאָרשטייער אין לעטלענדישן פאָלקס־ראַט האָבן דעם דאָזיקן פּראָיעקט פון נאַציאָנאַל־פּערסאָנאַלער אויטאָנאָמיע אַריינגעטראָגן צום באַהאַנדלען אין דער קאָמיסיע פאַר נאַציאָנאַלע ענינים פון לעט־לענדישן פאָלקס־ראַט[16].

וועגן אַ צוזאַמענאַרבעט מיט די באָלשעוויקעס האָט קיין רייד נישט געקענט זיין. זיי האָבן זיך געשטעלט די אויפגאַבע צו צעשטערן און פאַרניכטן די סאָציאַליסטישע באַוועגונג, וואָס האָט נישט געוואָלט גיין

אין באַלשעוויסטישן שפּאַן. זיי האָבן טעראָריזירט און אויפגעריסן פאַר־
זאַמלונגען און נישט געוואָלט טון קיין שום פּאָזיטיוו־אָרגאַנישע אַרבעט
צוזאַמען מיט די דעמאָקראַטישע סאָציאַליסטן.

די פּראָוויזאָרישע רעגירונג האָט אין יולי 1919 זיך צוריקגעקערט
פון ליבאַווע קיין ריגע. דער לעטלענדישער פּאָלקס־ראַט, וואָס האָט פונק־
ציאָנירט ווי אַ צייטווייליקער פּאַרלאַמענט, האָט דעמאָלט אויך געהאַט
דריי בונדישע פאָרשטייער: יצחק ראַבינאָוויטש, ד״ר שמעון זאַכאַרע־
וויטש און יצחק בערז. די בונדישע פאָרשטייער האָבן צוזאַמענגעאַרבעט
מיט דער פראַקציע פון דער לעטישער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי.
דער בונד האָט צוגעגרייט אַ געזעץ־פּראָיעקט וועגן קולטורעלער אויטאָ־
נאָמיע פון די נאַציאָנאַלע מינדערהייטן. אַדאַנק דער הילף פון דער לע־
טישער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע האָט דער לעטלענדישער פּאָלקס־ראַט
אָנגענומען דעם געזעץ וועגן נאַציאָנאַל־קולטורעלער אויטאָנאָמיע. דער
פּאָלקס־ראַט האָט פאַרענדיקט זיין עקזיסטענץ מיטן אָננעמען אַ געזעץ
וועגן די וואַלן פון דער גרינדונג־פאַרזאַמלונג (קאָנסטיטואַנטע) [17]).

אַן ענגלישער קריגס־פלאָט איז נאָכן סוף פון דער מלחמה אָנגע־
קומען אין די פּאָרטן פון לעטלאַנד און עסטלאַנד. דער בונד האָט זיך
אַרויסגעזאָגט קעגן דער ענגלישער אינטערווענץ. די פּאַרטיידיקער האָבן
געטענהט, אַז די אינטערווענץ איז נויטיק, כדי נישט דערלאָזן, אַז די
באָלשעוויסטישע ממשלה זאָל זיך אויסשפּרייטן אויף מערב.

דער בונדישער אָרגאַן האָט אין אָנקומען פון ענגלישן פלאָט געזען
אַ פּרואוו פון אָוועקשטעלן אַ רעאַקציאָנערע בורזשואַזע ממשלה. ער האָט
געזאָגט: „מיר אונטערשיידן זיך ניט פון די באָלשעוויקעס מיט דעם,
וואָס זיי ווילן איינפירן דעם סאָציאַליזם און מיר ניט. ניין, אונז אונ־
טערשיידן די מעטאָדן, די וועגן, וועלכע פירן צום סאָציאַליזם. בעת די
באָלשעוויקעס ווילן איינפירן דעם סאָציאַליזם דורך דער דיקטאַטור פון
פּראָלעטאַריאַט, דורך רויער גוואַלט, אַפילו דעמאָלט, ווען די מערהייט
פון פאָלק וועט זיין קעגן דעם, שטרעבן מיר צום סאָציאַליזם דורך דעם
אָרגאַניזירטן קאַמף פון אַרבעטער־קלאַס, דורך דער דעמאָקראַטיע. די
מעטאָדן פון די באָלשעוויקעס האָבן געפירט צום טעראָר, צו אַ גוואַל־
טיקער אַנאַרכיע, צו דער הערשאַפט פון אַ קליינער מינדערהייט איבער
דער מערהייט. דאָס ברענגט אונז ניט צום סאָציאַליזם, נאָר צו דעזאָר־
גאַניזאַציע, פון וועלכער עס ליידט מער פון אַלעמען דווקא דער אַרבע־
טער־קלאַס. קעגן דער באָלשעוויסטישער דעזאָרגאַניזאַציע, אַנאַרכיע און
טעראָר מוז אָוועקגעשטעלט ווערן די סאָציאַליסטישע אָרגאַניזאַציע פון
די מאַסן. אין דעם אומבאַוואוסטזיניקן רעוואָלוציאָנערן דראַנג פון די
מאַסן מוזן מיר אַריינטראָגן דעם פּראָלעטאַרישן באַוואוסטזיין. קעגן דער
דיקטאַטור, קעגן דער הערשאַפט פון אַ מינדערהייט שטעלן מיר אַרויס
דעמאָקראַטיע״ [18]).

קרוב דריי חדשים זיינען אַוועק ביז דער בונד האָט ווידער געהאַט אַ מעגלעכקייט קומען צו דער עפנטלעכקייט מיט זיין געדרוקט וואָרט. סך־הכל מיט אַ וואָך שפּעטער, ווי די פריער־ציטירטע ווערטער זיינען געוואָרן אָפּגעדרוקט אין דעם בונדישן אָרגאַן אונזער צייט, האָבן די באַל־שעוויסטישע חיילות פאַרנומען ריגע. ערשט דעם 15 מערץ האָט געקענט דערשיינען דער צווייטער נומער פון דער בונדישער צייטשריפט. און שוין אין גאַנץ אַנדערע באַדינגונגען איז ווידער באַהאַנדלט געוואָרן דער זעלבער ענין: די אינטערווענץ פון די אַליאירטע מערב־מלוכות און די באַלשעוויסטישע דיקטאַטור — די לעצטע שוין נישט ווי אַ טעאָרעטישע מעגלעכקייט, נאָר ווי אַן עקזיסטירנדיקע רעאַליטעט.

אין אַן אַרטיקל אונטערן זעלבן נאָמען (צום פּאָליטישן מאָמענט) און פון זעלבן מחבר (א. ש.) ווערט דער צוויי־זייטיקער פּראָבלעם קלאָר און שאַרף אַוועקגעשטעלט: „דער ענגליש־אַמעריקאַנער אימפּעריאַליזם, וועל־כער שטייט איצט, נאָך דעם נצחון איבער דייטשלאַנד, בראש פון דער גאַנצער קאַפּיטאַליסטישער וועלט, זוכט צו דערשטיקן די סאָציאַלע רע־וואָלוציע דאָרטן, וואו זי באַוויזט זיך נאָר”...„מיר זיינען אַרומגערינגלט דורך די באַראָנען און דורך דער בורזשואַזיע, אָרגאַניזירטע באַנדעס פינען, שוועדן און אַנדערע, וועלכע ווילן זיך אַריינרייסן אין לעטלאַנד און דערשטיקן די רעוואָלוציע. זיי וואָלטן ניט געהאַט די דרייסטקייט, ווען הינטער זיי וואָלט ניט געשטאַנען די אַלמעכטיקע אַנטאַנטע”...„דער גאַנצער אַרבעטער־קלאַס מוז מיט געמיינזאַמע כוחות פאַרניכטן די ווייסע באַנדעס און שאַפן אַן אייניקן רעוואָלוציאָנערן פראָנט”... און צו דער צווייטער זייט פון דעם שווערן פּראָבלעם: „דאָס וואָס עס קומט פאָר ביי אונז אין לעטלאַנד און אין ריגע בפרט, דערנענטערט אונז ניט צום סאָציאַליזם, דערלייכטערט אונז ניט דעם קאַמף מיט דער קאָנטר־רעוואָ־לוציע, נאָר מאַכט אים שווערער. מיר האָבן פאַקטיש די דיקטאַטור פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, וועלכע באַלעבאַטעוועט אין אַלע סאָוועט־טישע איינריכטונגען, אין די פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען, ווי איר האַרץ גלוסט. טאָג־טעגלעך ווערן אַרויסגעגעבן דעקרעטן און באַפעלן, וועלכע צעשטערן נאָך מער דאָס לעבן”...„עס איז איינגעשטעלט אַ פולשטענ־דיקע הערשאַפט פון טעראָר: מען מאַכט טאָג־טעגלעך הויז־זוכונגען, אַרעסטן און קאָנפיסקאַציעס. די אַלע מיטלען זיינען געווענדט קעגן דער בורזשואַזיע. די גרויסע בורזשואַזיע איז זיך אָבער צעלאָפן און פון דעם טעראָר ליידט די שטאָטישע אָרימקייט, וועלכע ווערט פאַרוואַנדלט אין די אויגן פון אַ סך סאָוועטישע אַנגעשטעלטע אין בורזשואַזיע”. דער אויספיר: „דער בונד רופט דעם גאַנצן אַרבעטער־קלאַס ווי אויך דאָס גאַנצע אַרבעטנדיקע פאָלק צו שאַפן אַן אייניקן רעוואָלוציאָנערן פראָנט אַרום דער סאָוועטישער מאַכט, כדי צו באַזיגן דעם ענגליש־אַמעריקאַ־נישן אימפּעריאַליזם, כדי מיט געמיינזאַמע כוחות איבערצובויען דאָס לעבן אויף סאָציאַליסטישע יסודות. אין דער זעלבער צייט זאָגן מיר זיך

אַרויס אויף דעם ענערגישסטן אופן קעגן דער ממשלה פון קאָמיסאַרן, קעגן דער דיקטאַטור פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי איבערן פּראָלע־טאַריאַט"[19]).

דער אַרבעטער־ראַט איז געווען צוזאַמענגעשטעלט בלויז פון קאָמו־ניסטן, אָבער אַפילו ער האָט קיין דעה נישט געהאַט, נאָר די קאָמיסאַרן. ווען אין דער צווייטער העלפט פון מערץ האָבן געדאַרפט פאָרקומען וואַלן פון אַרבעטער־ראַט, האָט דער בונד אַרויסגעשטעלט אַ קאַנדידאַטן־ליסטע, אָבער מ'האָט ביי בונדיסטן צוגענומען די וואַל־רעכט.

די קאָמוניסטישע קאָמיסאַרן האָבן געענדערט דעם כאַראַקטער פון די פּראָפעסיאָנעלע פאַראייניגן און ביי זיי צוגענומען די רעכט פון זעלבסט־טעטיקייט. די יידישע אַרבעטער האָבן קיין לעטיש נישט פאַרשטאַנען, האָט דער בונד זיך באַמיט צו שאַפן יידישע קולטור־סעקציעס ביי די פּראָפעסיאָנעלע פאַראייניגן. די קאָמוניסטישע פאַרוואַלטונגען האָבן אָבער די יידישע קולטור־סעקציעס נישט געוואָלט אָנערקענען. אויף די אַל־געמיינע פאַרזאַמלונגען פון די פאַראייניגן האָט מען גערעדט בלויז אויף לעטיש, וואָס די יידישע אַרבעטער האָבן נישט פאַרשטאַנען. מ'האָט גע־פאָדערט איבערזעצן די רעדעס, אָבער דער פאַרלאַנג איז נישט באַפרי־דיקט געוואָרן. די עוולה איז געווען אַזוי שרייאיק און אומזיניק, אַז די יידישע קולטור־סעקציעס האָבן דאָך באַוויזן עפּעס אויפצוטאָן, טראָץ דער נישט־אָנערקענונג.

ווען די סאָוועטישע מאַכט איז איינגעשטעלט געוואָרן אין ריגע, האָט די אַלטע קהילה, וואָס האָט קאָלאַבאָרירט מיט דער דייטשער אָקופּאַציע־מאַכט, אויפגעהערט צו עקזיסטירן. דער בונד איז געווען אינסטרומענ־טאַל ביים שאַפן אַ נייע קהילה מיט גאַנץ נייע, נאַציאָנאַלע און סאָציאַלע אויפגאַבן. די סאָוועטישע מאַכט האָט אָבער איבערגעגעבן דער יידישער סעקציע פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, וואָס איז באַשטאַנען פון אומ־דערפאַרענע יוגנטלעכע, די קאָנטראָל איבער דער טעטיקייט פון דער קהילה. ווען יעדער קלייניקייט האָט די קאָמוניסטישע סעקציע פאַר־לאַנגט, זאָל מען ביי איר פרעגן אַ דערלויבעניש. אויף אַ זיצונג פון קהילה־ראַט האָט די בונדישע פראַקציע אַריינגעטראָגן אַ רעזאָלוציע וועגן אָפּשאַפן די קאָנטראָל פון דער קאָמוניסטישער סעקציע. די רעזאָ־לוציע איז אָנגענומען געוואָרן בלויז מיט די שטימען פון דער בונדי־שער פראַקציע. די פאַרשטייער פון די פאַראייניקטע (אַמאָליקע ס. ס.) האָבן געשטימט קעגן, די פּועלי־ציוניסטן האָבן זיך אָפּגעהאַלטן. די סאָוועט־טישע מאַכט האָט גאָר שטאַרק באַגרענעצט די טעטיקייט פון דער קהילה. דעם שול־וועזן האָט מען אַרויסגענומען פון איר רשות. אויך דער געביט פון סאָציאַלער הילף איז שטאַרק באַגרענעצט געוואָרן דורך דער קאָ־מוניסטישער מאַכט. דער פירער פון דער קאָמוניסטישער מאַכט, שטוטש־קאָ, האָט דערקלערט אַן אָפיציעלן פאַרשטייער פון דער קהילה, אַז עס

עקזיסטירן נישט קיין באַזונדערע נאַציאָנאַליטעטן, נאָר מענטשן מיט באַזונדערע שפּראַכן. די יידישע בורזשואַזיע האָט סאַבאָטירט די טעטיקייט פון דער נייער קהילה, ווייל מיט איר האָבן אָנגעפירט פאָרשטייער פון די יידישע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען[20]).

אין לאַנד האָבן עקזיסטירט צוויי רעגירונגען — איינע אַ סאָוועטישע אין ריגע און אַ צווייטע, וואָס דער פאָלקס־ראַט האָט געשאַפן, אין ליבאַווע. דעם 16־טן אַפּריל 1919 איז די צווייטע רעגירונג באַזייטיקט געוואָרן דורך אַ פּוטש, און אויף איר אָרט איז געקומען אַן אויסגעשפּראָכן רעאַקציאָנערע רעגירונג פון דייטשע באַראָנען אונטער דער אָנפירונג פון נעדראַ. בלויז עטלעכע וואָכן האָט זי זיך געקענט האַלטן. ס'האָט צוריק איבערגענומען די ממשלה די אַלט־נייע רעגירונג מיטן פירער פון לעטישן פּויערים־פאַרבאַנד, קאַרל אולמאַניס בראש (יולי 1919), וואָס האָט געהאַט די שטיצע פון די אַליאירטע מערב־מלוכות. נאָכן באַזייטיקן די סאָוועטישע מאַכט (מאַי 1919) איז ריגע ווידער געוואָרן די רעזידענץ פון דער רעגירונג.

די אולמאַניס־רעגירונג, הגם זי האָט געהאַט אַ ברייטערן דעמאָקראַטישן יסוד, איז אָבער די השפעה פון די רעאַקציאָנערע עלעמענטן געווען גאַנץ שטאַרק אין איר. אין בונד זיינען אויפגעקומען חלוקי־דעות וועגן דעם צי מ'דאַרף זיך באַטייליקן אין די עפנטלעכע אינסטיטוציעס, וואָס די רעגירונג האָט צוריק אויפגעשטעלט. די מערהייט האָט באַשלאָסן יאָ אָנטיילצונעמען אין זיי.

אין מיטן יולי 1919 איז זיך צונויפגעקומען דער צוריק־אויפגעלעבטער פאָלקס־ראַט (צייטווייליקער פּאַרלאַמענט), וועלכער האָט באַשטעטיקט די צווייטע אולמאַניס־רעגירונג, וואָס האָט צווישן אירע מיניסטאָרן אויך געהאַט איין ייד — פּראָפעסאָר פּאַול מינץ.

אין דער גענעראַל־דעבאַטע וועגן דער רעגירונג־דעקלאַראַציע האָט אויך גערעדט אַ פאָרשטייער פון בונד — ד״ר שמעון זאַכאַרעוויטש. אין נאָמען פון דער בונדישער פראַקציע און פון פאָרשטייער פון די פּאַר־איניקטע (פריערדיקע ס. ס., זייער פאָרשטייער אין פאָלקס־ראַט איז געווען אַדוואָקאַט פיליפּ לאַצקי) האָט ער דערקלערט און באַגרינדעט די אָפּאָזיציאָנעלע שטעלונג צו דער רעגירונג (דאָס זעלבע האָט אויך געטון דער פאָרשטייער פון דער לעטישער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע). ער האָט אויך דערקלערט, אַז פּראָפעסאָר מינץ וועלכער איז אַריינגעטרעטן אין דער רעגירונג „אַלס פאָרשטייער פון יידישן פאָלק, איז נאָר אַ פאָרשטייער פון דער יידישער בורזשואַזיע, פון דער יידישער פּלוטאָקראַטיע און בשום אופן נישט פון די יידישע האָרעפּאַשנע מאַסן, פון יידישן אַרבעטער־קלאַס״.

סאָלידאַריזירנדיק זיך מיט דער שאַרפער קריטיק מצד דער לעטישער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פראַקציע בנוגע דער רעגירונג, איר

פראָגראַם און טעטיקייט, האָט דער בונדישער פאָרשטייער ברייטער זיך אָפּגעשטעלט אויף דעם נאַציאָנאַלן פּראָבלעם. ער האָט געזאָגט: „דער פּרינציפּ פון פעלקער־זעלבסטבאַשטימונג דאַרף בשום אופן נישט ווערן אויסגעטייטשט, ווי די פולשטענדיקע פרייהייט צו דריקן און שטיקן נאַציאָנאַלע מינדערהייטן. מיר וואַרענען די רעגירונג זי זאָל נישט גיין אויף דעם געפערלעכן און גליטשיקן וועג, וועלכער קען נאָר פאַרשטאַרקן די נאַציאָנאַלע סיכסוכים און רייבונגען". דער בונדישער פאָרשטייער האָט פאָרמולירט די פאָדערונג פון נאַציאָנאַל־קולטורעלער אויטאָנאָמיע פאַר די יידן און די אַנדערע נאַציאָנאַלע מינדערהייטן. ער האָט געזאָגט: „נישט בלויז מיטן שאַפן פון רעכטלעך־עפנטלעכע אָרגאַנען דאַרף גאַראַנטירט ווערן די פרייע קולטורעלע אַנטוויקלונג פון די נאַציאָנאַלע מינדערהייטן, נאָר עס מוזן אויך גענומען ווערן אין אַכט די אינטערעסן פון די נאַציאָנאַלע מינדערהייטן כלפּי־חוץ, ד. ה. אין געזעלשאַפטלעכן און מלוכה־לעבן. אין אַדמיניסטראַטיווע און געריכטלעכע איינריכטונגען מוזן ווערן צוגעלאָזט גלייך מיט דער מלוכה־שפּראַך אויך די שפּראַכן פון די נאַציאָנאַלע מינדערהייטן, וועלכע דערגרייכן אַ באַשטימטן פּראָצענט". ד"ר שמעון זאַכאַרעוויטש האָט דערביי אויפמערקזאַם געמאַכט, אַז אפשר וועלן די נאַציאָנאַלע פאָדערונגען נישט געפינען די אונטערשטיצונג ביי „אַ געוויסן אַסימילירטן טייל פון דער יידישער בורזשואַזיע, וואָס האָט זיך אויפגעהאָדעוועט אין אַ פרעמדער סביבה און פאַר וועמען די אינטערעסן פון דער יידישער פאָלקס־קולטור זיינען גאַנץ פרעמד" [21]).

אין דער קאָמיסיע פאַר נאַציאָנאַלע ענינים ביים פאָלקס־ראַט האָט דער פאָרשטייער פון בונד, ד"ר שמעון זאַכאַרעוויטש, אַריינגעטראָגן אַ געזעצפּראָיעקט וועגן דער גלייכבאַרעכטיקונג פון די שפּראַכן. דעם פּראָיעקט האָט צוגעגרייט אַ קאָמיסיע פון בונד און פּאַראיינִיקטע. דאָס איז זיין אינהאַלט:

„די שפּראַכן פון די נאַציאָנאַלע מינדערהייטן, וואָס וואוינען אין לעטלאַנד, זיינען גלייכבאַרעכטיקט, און יעדער האָט דאָס פולע רעכט זיך צו באַנוצן אין פּערזענלעכן און געזעלשאַפטלעכן לעבן מיט זיין מוטער־שפּראַך. דער געברויך פון די שפּראַכן אין די אָרגאַנען פון די אַדמיניסטראַטיווע, געריכטלעכע און מלוכה־איינריכטונגען און אויך אין די געזעלשאַפטלעכע זעלבסטפאַרוואַלטונגס־אָרגאַנען ווערט רעגולירט דורך די פאָלגנדיקע תקנות:

1. די נאַציאָנאַלע מינדערהייטן ווערט גאַראַנטירט דאָס רעכט זיך צו באַנוצן מיט דער מוטער־שפּראַך אין די אַדמיניסטראַטיווע, געריכטלעכע, מלוכה־איינריכטונגען און אין די אָרגאַנען פון די געזעלשאַפטלעכע זעלבסט־פאַרוואַלטונגען ביי מינדלעכע דערקלערונגען און שריפטלעכע מעלדונגען און פאָדערן פון די פאָרשטייער פון דער מלוכה־מאַכט

אַן ענטפער אויף דער זעלבער שפּראַך אין אַלע געגנטן, וואו די אַנט־שפּרעכנדיקע נאַציאָנאַלע מינדערהייט דערגרייכט צען פּראָצענט פון דער אַלגעמיינער צאָל פון דער באַפעלקערונג.

באַמערקונג: די אַבסאָלוטע צאָל פון דער נאַציאָנאַלער מינדערהייט אין דער געגעבענער אַדמיניסטראַטיווער איינהייט דאַרף זיין ניט ווייניקער ווי טויזנט מאַן.

2. די ידיעות און די מעלדונגען פון די קאָמונאַלע און רעגירונגס־איינריכטונגען דאַרפן ווערן געדרוקט ניט בלויז אין דער לעטישער שפּראַך, נאָר אויך אין די שפּראַכן פון די נאַציאָנאַלע מינדערהייטן וועמענס צאָל עס דערגרייכט צען פּראָצענט.

3. אויף דעם מיניסטעריום פון אינערן־ענינים ווערט אַרויפגעלייגט דער חוב צו באַשטימען די אַדמיניסטראַטיווע איינהייט אין די שפּראַכן, אויף וועלכע ס'איז חל דער דאָזיקער געזעץ"[22]).

דער בונד איז אויך געווען פאַרטרעטן אין דער צייטווייליקער אָנפירונג פון דער הויפּטשטאָט ריגע, וואָס האָט אָנגעהויבן צוריק צו פונקציאָנירן אין דער צווייטער העלפט פון יאָר 1919. אין שטאָט־ראַט, וואָס איז צונויפגעשטעלט געוואָרן לויט אַ פאַרשטענדיקונג פון די פּאַרטייען, האָט די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פראַקציע פון דער אַלגעמיינער צאָל 91 ראַטמענער געהאַט 36, צווישן זיי 4 פון בונד און 2 פון די פאַראייניקטע.

ביי די לעטן האָבן זיך אַ הויב געטאָן די נאַציאָנאַליסטישע שטימונגען, וואָס האָבן אויך פאַרכאַפּט געוויסע שיכטן פון דער אַרבעטער־שאַפט. נאָך דעם ווי די באָלשעוויסטישע מאַכט איז באַזייטיקט געוואָרן, האָבן די אַרבעטער אויסגעוויילט נייע פאַרוואַלטונגען פון די פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען. אויף די פאַרזאַמלונגען האָבן אין טייל פאַלן אויך זיך אַדורכגעריסן נאַציאָנאַליסטישע און אַנטיסעמיטישע שטימונגען.

וועגן דעם האָט דער בונדישער אָרגאַן געשריבן: „דער מצב פון די יידישע אַרבעטער און אָנגעשטעלטע איז אויך זייער אַ שלעכטער. די שטימונג צווישן זיי איז אַ געדריקטע, ווייל אַחוץ זייער קריטישער לאַגע, שטויסן זיך די יידישע אַרבעטער אָן מצד די לעטישע אַרבעטער אויף אַזאַ פיינטלעכע באַציאונג, וועלכע האָט טיילמאָל אַן אויסגעשפּראָכענעם אַנטיסעמיטישן בייגעשמאַק. למשל, אויף דער פאַרזאַמלונג פון די האַנדלס־אָנגעשטעלטע האָט זיך די שטימונג גאַנץ בולט געפילט און ס'איז אויסגעבראָכן פאָלגנדער אינצידענט: ווען מ'האָט אַרויסגעשטעלט אייניקע יידישע חברים אַלס קאַנדידאַטן אין דער פאַרוואַלטונג, האָבן אַ טייל פון די לעטן אויפגעהויבן אַ גאַנצן געפילדער. ס'האָבן זיך אַפילו געהערט אַנטיסעמיטישע אויסגעשרייען. דער פּרעזידיום פון דער פאַרזאַמלונג און די פאָרשטייער פון די לעטישע סאָציאַל־דעמאָקראַטן און ס. ר. (סאָציאַליסטן־רעוואָלוציאָנערן) זיינען ניט געווען בכוח איינצושטילן

די שאָוויניסטישע שרייער. און די יידישע חברים האָבן אַרונטערגענומען זייערע קאַנדידאַטורן".

נאָך די וואַלן האָבן די בונדיסטן פאָרגעלייענט אַ דערקלערונג מיט אַ שאַרפן פּראָטעסט. אַ פאָרשטייער פון די לעטישע סאָציאַל־דעמאָקראַטן האָט אין אַ רעדע געוואָרנט די לעטישע אַרבעטער קעגן דער פּלאָג פון אַנטיסעמיטיזם.

אין צוויי שטעט, אין קרייצבורג און פרידריכשטאָט איז עס אַפילו דערגאַנגען צו פּאָגראָמען. אין ריגע האָט דער בונד דורכגעפירט אַ פּראָטעסט־פאַרזאַמלונג. אין דער אָנגענומענער פּראָטעסט־רעזאָלוציע איז אויך אָנגעוויזן געוואָרן, אַז די יידישע בירגערלעכע פּאָליטיקער האָבן זיך פאַרבונדן מיט די רעאַקציאָנערע עלעמענטן פון פאַרשידענע נאַציאָנאַליטעטן און אַז אַ געוויסער טייל פון דער יידישער באַפעלקערונג פאַרנעמט זיך מיט שפּעקולאַציע. דאָס קען פאַרשטאַרקן די אַנטי־יידישע שטימונגען.

וועגן דער ראָל פון די יידישע בירגערלעכע פּאָליטיקער האָט דער בונדישער אָרגאַן געשריבן: „אונזערע בורזשואַזע פאָרשטייער האָבן, צוזאַמען מיט די רעאַקציאָנערע עלעמענטן פון די אַנדערע נאַציאָנאַליטעטן, דורכגעוואָרפן דעם פּראָיעקט פון דער נאַציאָנאַלער אויטאָנאָמיע אין דער נאַציאָנאַלער קאָמיסיע פון דעם פאָלקס־ראַט, וועלכן די יידישע סאָציאַליסטישע און דעמאָקראַטישע פּאַרטייען האָבן דאָרטן אַריינגעטראָגן". צוליב די פּאָליטישע ענדערונגען, וואָס זיינען גיך פאָרגעקומען, האָבן אויך די יידישע בירגערלעכע פּאָליטיקער געענדערט זייער שטעלונג און „זיינען שוין פאַר אַן אויטאָנאָמיע און פאַר די רעכט פון יידיש" [23]).

באַלד נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה איז אויך אין דער צווייט־גרעסטער שטאָט פון לעטלאַנד, אין ליבאַווע, געווען אַן אַקטיווע אָרגאַניזאַציע פון בונד. זי האָט געהאַט אירע פאָרשטייער אין שטאָט־ראַט און אין דער קהילה. אין ביידע ערטער איז אויסגעקומען צו פירן אַ קאַמף מיט די יידישע בירגערלעכע פאָרשטייער וועגן דער לערן־שפּראַך פאַר די יידישע קינדער. די שטאָט־פאַרוואַלטונג פון ליבאַווע האָט באַשלאָסן, אַז די שולן דאַרפן זיין וועלטלעכע און לערנען זאָל מען די קינדער אין זייער מוטער־שפּראַך. די יידישע קינדער־שולן זיינען געוואָרן שטאָטישע שולן און אויך צו זיי איז אָנגעווענדט געוואָרן דער זעלבער פּרינציפּ. היות די דורכגעפירטע אַנקעטע האָט באַוויזן, אַז די מוטער־שפּראַך פון די יידישע קינדער איז יידיש, האָט די שטאָט־פאַרוואַלטונג באַשלאָסן, אַז די לערן־שפּראַך אין די שולן פאַר יידישע קינדער זאָל זיין יידיש. קעגן דעם האָבן אָנגעהויבן אַ שאַרפן קאַמף די ציוניסטן, וואָס זיינען געווען פאַר העברעאיש, און די אָרטאָדאָקסן, וואָס זיינען געווען קעגן וועלטלעכן כאַראַקטער פון די שולן.

די פראַגע איז שאַרף דעבאַטירט געוואָרן אין דער קהילה. דער פאָרשטייער פון בונד (זלמן יעפּרויקין) און פון דער פאָלקס־פּאַרטיי (יודל מאַרק) האָבן פאַרטיידיקט דעם באַשלוס פון דער שטאָט־פאַרוואַלטונג. די מערהייט פון דער קהילה האָט אָבער קוועסטיאָנירט דעם באַשלוס און דערקלערט, אַז וועגן דער שול־פראַגע דאַרף דעצידירן די קהילה.

וועגן דעם ענין איז אויך געפירט געוואָרן אַ שאַרפע פּאָלעמיק אין דער פּרעסע. ביי יידן האָבן זיך אויך געלאָזט הערן שטימען, אַז אייי־דער יידיש, זאָל מען בעסער לערנען דייטש. (לעטיש האָבן דעמאָלט ווייניק יידן געקענט). אַ פראָנט קעגן יידיש מצד ציוניסטן און אַסימי־לאַטאָרן. די שטעלונג פון בונד און פאָלקס־פּאַרטיי בנוגע דער וועלט־לעכקייט און דער יידישער לערן־שפּראַך אין די פאָלקס־שולן פאַר יידישע קינדער האָט געקאָנט רעאַליזירט ווערן צוליבן ווילן פון דער מערהייט פון דער יידישער באַפעלקערונג און אונטערשטיצונג מצד די לעטישע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע מיטגלידער פון דער שטאָט־פאַרוואַלטונג. (דער פאָרזיצער פון דער שטאָטישער בילדונג־אָפּטיילונג איז געווען דער סאָ־ציאַל־דעמאָקראַטישער פירער א. פּעטרעוויץ).

דאָס וואָכנבלאַט פון בונד אין ליבאַווע, די שטים, האָט געווידמעט אַ סך פּלאַץ דעם שטרייט אַרום דער שול־פראַגע.

די דריטע גרויסע שטאָט פון לעטלאַנד, דווינסק, איז צום שפּעטסטן איינגעגלידערט געוואָרן אין דער לעטלענדישער מלוכה. אין יאָר 1919 איז די שטאָט נאָך געווען אונטער סאָוועטישער ממשלה. די השפּעה פון בונד איז צווישן די יידישע אַרבעטער נאָך געווען שטאַרק, נישט געקוקט אויף די שטערונגען, רדיפות און טעראָר מצד דער קאָמוניס־טישער מאַכט. אַ העלפט מיטגלידער אין שטאָטישן צענטראַל־ראַט פון פראַפעסיאָנעלע פאַראיינען איז באַשטאַנען פון בונדיסטן.

## 7. פאַרזיצער פון בונד פאַרמשפּט צום טויט

אין רעזולטאַט פון דער ערשטער וועלט־מלחמה זיינען אַנטשטאַנען אַ צאָל נייע מלוכות פון פּראָווינצן, וואָס האָבן פריער געהערט צו רוסלאַנד און עסטרייך־אונגאַרן און פריערדיקע קליינע מלוכות זיינען פאַרגרעסערט געוואָרן מיט פּראָווינצן, וואָס האָבן געהערט צוביידע ליקווידירטע מאָנאַרכיעס. ווי אויפגעקומענע גבירים, האָבן די נייע און פאַרגרעסערטע מלוכות אָנגעהויבן שטאַרק צו בלאָזן פון זיך. דער קראַנקער נאַציאָנאַליזם האָט באַקומען אַ נאָך מער געהעכערטע טעמפּעראַטור. פריער אַליין דיסקרימינירט און אונטערגעדריקט, האָבן די נאַציאָנאַליסטישע עלעמענטן פון די באַפרייטע פעלקער אָנגעהויבן אין די אייגענע מלוכות דיסקרימינירן און אונטערדריקן די נאַציאָנאַלע מינדערהייטן. לעטלאַנד איז נישט געווען קיין אויסנאַם.

צום שטאַרקסטן האָבן פון דעם געליטן יידן. אַ טייל פון דער לעטישער פּרעסע האָט געשפּייזט די לייענער מיט אַנטיסעמיטישע אַרטיקלען און מעשיות. אין אַ צאָל ערטער איז מען באַפאַלן און פאַגראָמירט יידן. די רעאַקציאָנערע עלעמענטן האָבן חוצפּהדיק אויפגעהויבן דעם קאָפּ. זיי האָבן אויך נישט געשוינט די לעטישע סאָציאַל־דעמאָקראַטן, וואָס זיינען געווען אַ שטאַרקער כוח אין לעטלאַנד. דעם 15 יאַנואַר 1921, ערב די וואַלן פון שטאָט־ראַט אין ליבאַווע, האָט אַ גרופּע מיליטער־לייט אַפילו געוואַגט צו באַפאַלן אַ וואַל־פאַרזאַמלונג פון לעטישע סאָציאַל־דעמאָקראַטן און צעשלאָגן אָנגעזעענע פירער פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער אַרבעטער־פּאַרטיי, דעפּוטאַטן פון דער קאָנסטיטואַנטע.

אין אַט דער טעראָר־אַטמאָספער האָט די מיליטערישע קליקע אינסצעניזירט אַ פּראָצעס און אָנגעזעצט אויף דער באַשולדיקונג־באַנק אַן אָנגעקלאָגטן, וואָס האָט געדאַרפט פערזאָניפיצירן ביידע ציל־פונקטן פון זייער רעאַקציאָנערן אָנגריף — יידן און סאָציאַליסטן. אַלס קרבן איז אויסגעקליבן געוואָרן דער פאַרזיצער פון צענטראַל־קאָמיטעט פון בונד אין לעטלאַנד — אברהם בראַון, אַ פּיאָנער פון דער בונדישער באַוועגונג אין ריגע, אַ באַוואוסטער אָראַטאָר און לעקטאָר, אַן אַקטיווער אָנטיילנעמער אין די גרויסע געשעענישן פון ביידע רוסלענדער רעוואָלוציעס.

דעם 20 יוני 1921 איז אין דער לעטישער הויפּטשטאָט ריגע פאָרגעקומען זיין פּראָצעס. געמשפּט האָט אים אַ מיליטעריש קריגס־געריכט, וואָס האָט אים אין זעלבן טאָג פאַרמשפּט צום טויט.

פאַרוואָס אַזאַ שרעקלעכער פּסק־דין?

זעקס טעג נאָכן מערדערישן אָנפאַל פון אַ גרעסערער גרופּע זעלנער און אָפיצירן אויף דער וואַל־פאַרזאַמלונג פון די לעטישע סאָציאַל־דעמאָקראַטן אין ליבאַווע, דעם 21 יאַנואַר 1921, איז אין ריגע פאַרגעקומען אַ מאַסן־פאַרזאַמלונג, איינגעאָרדנט פון די לעטישע סאָציאַל־דעמאָקראַטן. איינער פון די רעדנער איז געווען אברהם בראַון, וועלכער האָט אין זיין רעדע געשילדערט ווי שלעכט די רעגירונג באַהאַנדלט די יידישע באַפעלקערונג. נאָך דער פאַרזאַמלונג איז ער אומגעשטערט אַוועק. אין אַ צייט אַרום האָט מען אים אַרעסטירט. דער באַשולדיקונגסאַקט האָט געזאָגט, אַז ביים אַרויסגיין פון דער פאַרזאַמלונג האָט בראַון אַ וואָרף געטון צווישן עולם אַ פּעקל פון עטלעכע הונדערט פּראָקלאַמאַציעס, וואָס עס האָט אַרויסגעגעבן דער קאָמוניסטישער יוגנט־פאַרבאַנד. די עדות מצד דער פּראָקוראַטור זיינען געווען: דער פּאָליציאַנט אולמאַן, זיין עלטסטער קוניס און דער אַגענט פון דער געהיים־פּאָליציי אַלעקסנע. אולמאַן האָט געזאָגט, אַז ביים אַרויסגיין פון זאַל האָט מען געוואָרפן די פּראָקלאַמאַציעס און בראַון איז דעמאָלט אויך אַרויס, אָבער ער קען נישט זאָגן, אַז בראַון האָט אויך געוואָרפן. זיין מיינונג האָט ער באַלד געמאָלדן דעם עלטסטן פּאָליציאַנט און דעריבער האָט ער אים נישט אַרעסטירט באַלד אויפן אָרט. קוניס האָט אָבער דערקלערט, אַז בראַון האָט יאָ געוואָרפן די פּראָקלאַמאַציעס.

נאָך מער פאַנטאַסטיש איז געווען די מעשה, וואָס עס האָט דערציילט דער אַגענט פון דער געהיים־פּאָליציי אַלעקסנע. ער האָט דערציילט: אברהם בראַון האָט צוזאַמען מיטן באַוואוסטן באָלשעוויסטישן טוער און רעדנער וו. וואָלאָדאַרסקי גערעדט אין פּוטילאָווער געווערזאַוואָד און אין אַ פּולווער־פאַבריק אין פּעטראָגראַד[24]). ער אַליין האָט געהערט זייערע רעדעס. מ'האָט אים אַרעסטירט און געפּאָרשט אין דער „טשערעזוויטשייקע" בערך 10 מאָל און יעדעס מאָל איז ביים אויספאָרשונגס־טיש אויך געזעסן אברהם בראַון. דאָס איז געווען, האָט ער געזאָגט, אין יאָר 1919 (וואָלאָדאַרסקין האָט מען דערהאַרגעט זומער 1918). אים, דעם עדות אַלעקסנע, האָט מען פאַרמשפּט צום טויט, אָבער צוויי לעטישע קאָנסולן האָבן אינטערווענירט און געפּועלט, אַז מ'זאָל אים באַפרייען.

די פאַרטיידיקער האָבן פאַרלאַנגט אויסצוהערן עדות, וועלכע וועלן פעסטשטעלן, אַז אברהם בראַון איז אין יאָר 1919 בכלל נישט געווען אין פּעטראָגראַד, אָבער דאָס קריגס־געריכט האָט דעם פאַרלאַנג אָפּגעוואָרפן. אַזוי איז אויך נישט באַפרידיקט געוואָרן די ווענדונג, אַז מ'זאָל צולאָזן פאַר דעם אָנגעקלאָגטן אַ סעקרעטאַר, ווייל ער פאַרשטייט נישט קיין לעטיש און הערט נישט (זיין טויב־קראַנקייט איז שוין דעמאָלט געווען שטאַרק אַוואַנסירט).

קעגן די דריי פּאָליציייִשע עדות האָט די פאַרטיידיקונג אַרויס־

געשטעלט 10 עדות — אַלע גוט־באַקאַנטע געזעלשאַפטלעכע טוער און פּאַרטיי־פירער, צווישן זיי זיבן דעפּוטאַטן פון דער קאָנסטיטואַנטע. די פּאַרטיידיקונג־עדות זיינען געווען: צוויי פירער פון בונד — יצחק ראַבינאָוויטש און יצחק בערז, אַדוואָקאַט פיליפּ לאַצקי, ד״ר יעקב העלמאַן, לייב פישמאַן, דריי פירער פון דער לעטישער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער אַרבעטער־פּאַרטיי — בושעוויץ, צעלענס און וועצקאַלנס. זיי האָבן עדות געזאָגט, אַז אברהם בראַון האָט קיין שום שייכות נישט מיט די קאָמוניסטן און איז גאָר אַן אַנטשידענער קעגנער פון דער קאָמוניסטישער באַוועגונג. אין 1919 איז ער אין פּעטראָגראַד גאָר נישט געווען, גאָר אין וויטעבסק, וואו ער איז געווען טעטיק און איז אַפילו געמשפּט געוואָרן דורכן באָלשעוויסטישן טריבונאַל פאַר זיין קריטיק פון דער קאָמוניסטישער מאַכט. די עדות אַנאַ רובינשטיין און זעליק זיינען אַרויסגעגאַנגען פון זאַל צוזאַמען מיט בראַונען און קיין שום פּראָקלאַמאַציעס זיינען דעמאָלט נישט געוואָרפן געוואָרן. צעלענס האָט דערקלערט, אַז דאָס פּרעזידיום און די רעדנער, צווישן זיי אויך בראַון, זיינען אַרויסגעגאַנגען דורך אַ זייטיקער טיר, נישט מיטן עולם דורך דעם פראָנט־אַריינגאַנג.

די אַדוואָקאַטן וועסמאַן און שאַבלאָנסקי האָבן ביילעגט אַ צייטונג־אַרטיקל פון אברהם בראַון, אָפּגעדרוקט אין יאָר 1920 אין וויטעבסק, אין וועלכן ער האָט אַרויסגעבראַכט זיין שטאַנדפּונקט קעגן דער באָלשעוויסטישער שיטה, און אַנדערע דאָקומענטן. זיי האָבן אויך צעשמעטערט די מעשה פון פּאָליצײ־אַגענט אַלעקסנע מיטן פאַקט, אַז אין יאָר 1919 זיינען נישט געווען קיין לעטישע קאָנסולן אין פּעטראָגראַד, ווייל ערשט אין יאָר 1920 איז געשלאָסן געוואָרן דער שלום מיט סאָוועט־רוסלאַנד און ס׳זיינען ערשט דעמאָלט איינגעשטעלט געוואָרן דיפּלאָמאַטישע באַציאונגען.

די גאַנצע באַשולדיקונג האָט אויסגעזען פולשטענדיק אַבסורד און מ׳איז געווען זיכער, אַז דער אָנגעקלאָגטער וועט באַפרייט ווערן. אָבער נאָך אַ קורצער באַראַטונג האָט דער פאָרזיצער געמאָלדן, אַז דאָס מיליטערישע קריגס־געריכט האָט פעסטגעשטעלט די שולד פון דעם אָנגעקלאָגטן און ער ווערט דערפאַר פאַרמשפּט צום טויט. די אַדוואָקאַטן האָבן גלייך געמאָלדן, אַז זיי דערלאַנגען אַ קאַסאַציע צום אויבערשטן מיליטערישן קריגס־געריכט.

דער צענטראַל־קאָמיטעט פון בונד אין לעטלאַנד האָט באַלד פאַרעפנטלעכט אַ פּראָטעסט קעגן משפּט. ער האָט געזאָגט, אַז ער „באַטראַכט דעם אורטייל, וואָס איז אַרויסגעטראָגן געוואָרן אויפן אַלטן און באַקאַנטן פירער פון דער אַרבעטער־באַוועגונג ווי אַ פּראָוואָקאַציע מצד דער רעאַקציע לגבי דעם גאַנצן אַרבעטער־קלאַס פון לעטלאַנד בכלל און דעם יידישן בפרט״.

דער צענטראַל־קאָמיטעט פון דער לעטישער סאָציאַל־דעמאָקראַטי־שער אַרבעטער־פּאַרטיי האָט אין זיין פּאַרעפנטלעכטער פּראָטעסט־דער־קלערונג געזאָגט: „דער אינסצעניזירטער פּראָצעס אין קריגס־געריכט איז אַן אומפאַרשעמטער און פּראָוואָקאַטאָרישער אָנגריף פון דער לעט־לענדישער רעאַקציע אויף דער דעמאָקראַטיע און אויפן אַרבעטער־פאָלק".

אויך פון אויסלאַנד זיינען אָנגעקומען פּראָטעסטן. די רייכסטאָג (פּאַרלאַמענט)־פראַקציעס און עקזעקוטיוו־קאָמיטעטן פון דער דייטשער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי און פון דער אומאָפּהענגיקער דייטשער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי האָבן צוגעשיקט שטאַרקע פּראָטעסטן צו דער לעטישער רעגירונג און פאַרלאַנגט בראַונס באַפרייאונג.

אַ קורצע צייט נאָך בראַונס פּראָצעס האָט די לעטישע רעגירונג פאַרעפנטלעכט אַן אַמנעסטיע פאַר אַ ריי חטאים, צווישן זיי אויך אַזעלכע, וואָס זיינען פאַראורטיילט געוואָרן לויטן פּאַראַגראַף 129 (בראַונען האָט מען פאַרמשפּט לויט דעם פּאַראַגראַף). דעם 14 יולי 1921 האָט דאָס אויבערשטע מיליטערישע קריגס־געריכט באַטראַכט די קאַסאַציע. דאָס אויבערשטע געריכט האָט זיך אָפּגעזאָגט צו באַהאַנדלען דעם תוך פון דעם ענין און באַשלאָסן, אַז די אַמנעסטיע איז חל אויך אויף דעם דאָ־זיקן טויט־אורטייל און דעריבער דאַרף אברהם בראַון באַפרייט ווערן. די מיליטערישע ריכטער, וואָס האָבן אַרויסגעטראָגן דעם טויט־אורטייל, האָבן ווידערשפּעניקט דעם באַשלוס פון אויבערשטן געריכט און באַשטימט, אַז בראַון דאַרף נישט ווערן אַמנעסטירט, ווייל דער אַמנעסטיע־דעקרעט פון דער רעגירונג איז בכלל אַן אומגעזעצלעכער אַקט און דאַרף נישט אָנערקענט ווערן.

דער טויט־אורטייל האָט געמאַכט אַ רושם נישט בלויז אין לאַנד, נאָר אויך אין אויסלאַנד. די רעגירונג האָט זיך דערפילט נישט באַקוועם און אויסגעאיבט אַ דרוק, אַז דער אורטייל זאָל נישט אויסגעפירט ווערן. דעם 22 יולי 1921 האָט דאָס מיליטערישע קריגס־געריכט סוף־כל־סוף באַ־שלאָסן צו באַפרייען דעם פאַראורטיילטן אויפן סמך פון דער אַלגעמיי־נער אַמנעסטיע. דעם 23 יולי איז דער צום טויט־פאַרמשפּטער פירער פון בונד אין לעטלאַנד אַרויס פריי.

פריער, פאַרן אומקערן זיך אין זיין היים־שטאָט ריגע, איז אברהם בראַון געווען טעטיק אין דער בונדישער באַוועגונג אין וויטעבסק, וואָס איז פאַרבליבן אונטערן סאָוועטישן רעזשים. דער אָפיציעלער אָרגאַן פון וויטעבסקער גובערניאַלן סאָוועט־עקזעקוטיוו, איזוועסטיאַ, האָט דעריבער זיך אָפּגערופן אויף בראַונס פּראָצעס. אין נומער פון 28 יוני 1921 איז געווען אַ לייט־אַרטיקל, וואָס האָט געזאָגט: דאָס ריגער קריגס־געריכט האָט פאַרמשפּט צום טויט בראַונען, דעם באַקאַנטן העצער קעגן די באָל־שעוויקעס, וועלכער פלעגט אין וויטעבסק אַרויסטרעטן אויף די אַרבע־

מער־פאַרזאַמלונגען קעגן טעראָר, קעגן די טשערעזוויטשייקעס, קעגן דער סאָוועטישער אָרדנונג בכלל און פלעגט לויבן די דעמאָקראַטיע. איצט איז דער דאָזיקער שיצער פון דער דעמאָקראַטיע פאַרמשפּט געוואָרן אין דעמאָקראַטישן לעטלאַנד צום טויט. בראַונען דאַרף מען אפשר טאַקע שיסן, אָבער נישט פאַר קאָמוניסטישער פּראָפּאַגאַנדע, נאָר פאַר אַ ביי־זער פּראָפּאַגאַנדע קעגן די קאָמוניסטן און קעגן דער סאָוועטישער מאַכט. און שיסן דאַרף מען אים נישט אין דעם צענטער פון דער קאַפּיטאַליס־טישער רעאַקציע, אין ריגע, נאָר אין וויטעבסק.

אַזוי האָבן די סאָוועטיש־קאָמוניסטישע תלינים באַדויערט וואָס די רעאַקציאָנער־קאַפּיטאַליסטישע תלינים האָבן ביי זיי צוגענומען די „מיצווה" פון טויטן אַן אַלטן סאָציאַליסט און רעוואָלוציאָנער...

נאָך זיין באַפריאונג האָט אברהם בראַון פאַרעפנטלעכט אַ דערקלע־רונג, אין וועלכער ס'איז אויך געווען אַן אומדירעקטער ענטפער אויפן אַר־טיקל אין סאָוועטישן אָרגאַן. ער האָט געזאָגט: „אין סאָוועט־רוסלאַנד האָט מען מיך אָפּט באַשולדיקט, אַז איך בין אַן אָנהענגער פון ריינער דעמאָקראַטיע. איך בין מודה און מודיע, אַז איך האָב געקעמפט, קעמף און וועל ביזן סוף פון מיין לעבן קעמפן פאַר סאָציאַלער דעמאָקראַטיע, פאַר פרייהייט און גלייכער פאָלקס־הערשאַפט פון די אַרבעטער־מאַסן"... „די פּיקטיווע, פאַלשע, באַגרענעצטע דעמאָקראַטיע איז אונז אויך אַזוי נישט ווינטשנסווערט, ווי די קאָמוניסטישע פּאַראָדיע אויפן סאָציאַליזם, וואָס די קאָמוניסטן שטעלן אַרויס אַלס אַן אידעאַל פון פּראָלעטאַריאַט און שטעלן עס אַנטקעגן דער דעמאָקראַטיע" [25]).

# 8. אינטערנאַציאָנאַליזם קעגן נאַציאָנאַליזם

לעטלאַנד — אַ קליין לאַנד מיט אַ נאַציאָנאַל געמישטער באַפעלקערונג. סיי ביי דער לעטישער מערהייט, סיי ביי די נאַציאָנאַלע מינדערהייטן איז געווען שטאַרק דער נאַציאָנאַליזם. דער איבערגאַנג פון אַן אונטערדריקטער מינדערהייט צו אַ הערשערישער מערהייט האָט ביי די לעטן אַרויסגערופן אַ ווילן צו פאַרפעסטיקן זייער ממשלה אויפן חשבון פון די אַנדערע נאַציאָנאַלע טיילן פון דער באַפעלקערונג. די געפילן, אַז זיי זיינען די באַלעבאַטים פון לאַנד, האָט ביי די לעטן געשטאַרקט דעם איבערגעטריבענעם קרענקלעכן נאַציאָנאַליזם און די מאַכט־גלוסטן פון די בירגערלעכע גרופירונגען. פון דער צווייטער זייט איז ביי די מינדערהייט־פעלקער דער נאַציאָנאַליזם פאַרשטאַרקט און פאַרפעסטיקט געוואָרן צוליב די געליטענע עוולות און מורא פאַר דער אונטערדריקונג. ביי יידן איז צוגעקומען נאָך אַ פאַקטאָר: אַ גרויסע צאָל יידן זיינען געווען אויסגעשטעלט אויף דער געפאַר נישט אָנערקענט צו ווערן אַלס בירגער פון לעטלאַנד. די בירגערלעכע פאַרטייען און גרופירונגען האָבן זיך באַמיט נאָך מער פונאַנדערצובלאָזן די נאַציאָנאַליסטישע געפילן ביי דער באַפעלקערונג, וואָס האָט זיך געפילט נישט זיכער אין די ניי־געשאַפענע באַדינגונגען נאָך יאָרן פון מלחמה און פאַרוויסטונג.

ווי אַן אָאַזע אין אַ מדבר — אַ גרויסע און אָנזעעוודיקע — איז געווען די אַרבעטער־באַוועגונג מיט אירע אינטערנאַציאָנאַליסטישע איינשטעלונגען און טראַדיציעס. די אַרבעטער־באַוועגונג איז געווען געשפאָלטן אויף סאָציאַל־דעמאָקראַטישע און קאָמוניסטישע ריכטונגען. בעת די קאָמוניסטן האָבן זיך פאַרוואַנדלט אין אַ ווערקצייג פון דער סאָוועטישער מלוכה־פּאָליטיק, זיינען די סאָציאַליסטן, הגם נישט לויט אַן איינהייטלעכן קורס, געגאַנגען אויף אַ זעלבשטענדיקן וועג און זיך באַמיט אויסצוקעמפן זייערע פאָדערונגען אין הסכם מיט זייערע סאָציאַליסטישע פרינציפן. דער בונד האָט פּאָליטיש צוזאַמענגעאַרבעט מיט דער לעטישער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פאַרטיי. פאַר אָט דעם צוזאַמענגיין האָבן ביידע אַפילו געמוזט צאָלן אַ געוויסן פּרייז. סיי דער לעטישער, סיי דער יידישער נאַציאָנאַליזם האָבן, יעדער אויף זיין שטייגער, געזוכט צו פּראָפּיטירן פון דעם „חטא“, וואָס די סאָציאַליסטן זיינען באַגאַנגען מיט זייער אינטערנאַציאָנאַליזם.

אין פאַרלאַמענט און אין די שטאָט־ראַטן האָבן די יידישע בירגערלעכע פאַרשטייער אַטאַקירט דעם בונד, ווען לעטישע סאָציאַל־דעמאָ־

קראַטן האָבן געשטימט קעגן יידישע פאָדערונגען. זייערע אַטאַקעס האָבן אָבער פאַרמאָגט אַן אינערלעכע שוואַכקייט, ווייל זיי אַליין זיינען געווען פּאָליטיש געקניפּט און געבונדן מיט די לעטישע קאָנסערוואַטיווע און רעאַקציאָנערע פּאַרטייען, וועלכע זיינען געווען די איניציאַטאָרן און דורכ־פירער פון די אַנטי־יידישע באַשלוסן אין פּאַרלאַמענט און שטאָט־פאַר־וואַלטונגען. דאָס איז געקומען צום אויסדרוק ביי פאַרשיידענע געלעגנ־הייטן.

דעם 17 מערץ 1922 האָט די קאָנסטיטואַנטע (גרינדונג־פאַרזאַמלונג) אָפּגעוואָרפן אַ פאָרשלאָג פון די יידישע דעפּוטאַטן וועגן שבת־רו. דער פאָרשלאָג איז געווען, אַז די וואָס קענען נישט צוליב רעליגיעזע טעמים אַרבעטן אָדער האַנדלען שבת, זאָלן עס מעגן טון זונטאָג. וויסנדיק, אַז אויך די לעטישע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע דעפּוטאַטן וועלן שטימען קעגן דעם פאָרשלאָג, האָט דעפּוטאַט מרדכי דובין (פון דער אָרטאָדאָקסישער אגודה) אויסגענוצט זיין רעדע צו אַטאַקירן דעם בונד צוליב דער פאַרבינדונג מיט די לעטישע סאָציאַל־דעמאָקראַטן. אים האָט פון דער פּאַרלאַמענט־טרי־בונע געענטפערט דער בונדישער דעפּוטאַט יצחק ראַבינאָוויטש. אין זיין רעדע האָט ער אָנגעוויזן, אַז די הויפּט־שולד פון אָפּוואַרפן דעם פאָרשלאָג וועגן שבת־רו פאַלט אויף די לעטישע בירגערלעכע פּאַרטייען, מיט וועלכע די יידישע פּאַרלאַמענט־פראַקציע איז במשך דער גאַנצער צייט געווען אין אַן ענגער פאַרבינדונג. מיט אַ גרויסער מערהייט איז דער פאָרשלאָג וועגן שבת־רו אָפּגעוואָרפן געוואָרן. פאַרן פאָרשלאָג האָבן געשטימט אַלע יידישע דעפּוטאַטן, אַ טייל פון די דייטשע און איין לעטישער סאָציאַל־דעמאָקראַט [26]).

אין אַפּריל 1922 איז בעת אַן אָפּשטימונג אין דער קאָנסטיטואַנטע אָפּגעוואָרפן געוואָרן אַ טייל פון דער פּראָיעקטירטער קאָנסטיטוציע. צו־געהאָלפן צו דעם האָבן די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע דעפּוטאַטן. זיי האָבן עס געטון דערפאַר, ווייל די בירגערלעכע מערהייט האָט אַדורכגעפירט אַ ריי צוגאָבן און ענדערונגען, וואָס האָבן באַדראָט דעם דעמאָקראַטישן כאַראַקטער פון דער קאָנסטיטוציע. אָבער אין דעם טייל איז אויך גע־ווען אַ פּונקט וועגן נאַציאָנאַל־קולטורעלער אויטאָנאָמיע פון די מינ־דערהייטן.

די יידישע בירגערלעכע גרופּירונגען האָבן נישט דורכגעלאָזט די געלעגנהייט צו אַטאַקירן דעם „בונד".

אין אַ פאַרעפנטלעכטן אַרטיקל האָט יצחק ראַבינאָוויטש געענטפערט די קריטיקער און געזאָגט: „די מערהייט (פון דער קאָנסטיטואַנטע) האָט מיט אַ באַזונדערער עקשנות געשטרעבט צו פאַרוואַנדלען די קאָנסטיטו־ציע אין אַ שטיצפּונקט אין קאַמף מיטן אַרבעטער־קלאַס. זי איז נישט געגאַנגען אויף קיין שום הנחות, זי האָט אָפּגעוואָרפן אַלע אויסבעסע־רונגען פון די סאָציאַל־דעמאָקראַטן. די קאָנסטיטוציע פאַרן פאָלק איז

פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ קאָנסטיטוציע קעגן פאָלק" . . . "די פּראַקציע פון די יידישע דעפּוטאַטן האָט דעמאָנסטרירט איר ענגן צוזאַמענבונד מיט דער לעטישער בורזשואַזיע" . . . "ווען דער בונד פאַרטיידיקט אינאיינעם מיט די לעטישע סאָציאַל־דעמאָקראַטן די דעמאָקראַטישע און סאָציאַלע פרייהייט — טויג נישט, נאָר אַז די יידישע (בירגערלעכע) פּראַקציע זוכט אינאיינעם מיטן פּויערים־בונד אונטערדריקן די פרייהייטן — איז גוט" . . . "פאַר די פאָלקס־מאַסן, פאַר די יידישע אַרבעטער, איז די פרייהייט פון וואָרט, פאַרזאַמלונגען, שטרייקן נישט ווייניקער וויכטיק, ווי די נאַציאָנאַלע אויטאָנאָמיע, מיר גלויבן אויך נישט, אַז אין אַ לאַנד, וואו ס'איז נישטאָ קיין דעמאָקראַטישע קאָנסטיטוציע, זאָל קענען באַשטיין די נאַציאָנאַלע אויטאָנאָמיע" [27]).

פאַר איינהאַלטן דעם סאָציאַליסטישן פּרינציפּ פון אינטערנאַציאָנאַליזם האָט מען אַפילו געמוזט צאָלן אַ פּרייז. ביי די הערשנדיקע נאַציאָנאַליסטישע שטימונגען האָט מען געקענט דערוואַרטן געוויסע פאַרלוסטן ביי די פּאַרלאַמענטאַרישע און שטאָטישע וואַלן. אַ געוויסע צאָל ווילער — ביי די לעטן און ביי די יידן — וואָלטן אפשר געשטימט פאַר די סאָציאַליסטישע קאַנדידאַטן־ליסטעס, ווען זיי וואָלטן נישט געווען אינטערנאַציאָנאַלע, נאָר ריין נאַציאָנאַלע. אַ טייל פון די, וואָס האָבן יאָ געשטימט פאַר די אינטערנאַציאָנאַלע קאַנדידאַטן־ליסטעס, האָבן זיי פאַרוואַנדלט אין ריין נאַציאָנאַלע.

ווי אַזוי? — זיי האָבן אויסגענוצט אַן עכט דעמאָקראַטישע וואַל־פּראָצעדור פאַר אַ נאַציאָנאַליסטישן צוועק. ווי עס פירט זיך ביי די דעמאָקראַטישע וואַלן, האָבן די פּאַרטייען אָדער וואַל־בלאָקן צונויפגעשטעלט די קאַנדידאַטן־ליסטעס. די דעמאָקראַטישע וואַלן זיינען אָבער נאָך מער פּאַרטיפּט געוואָרן. די ווילער האָבן געהאַט אַ ברירה צו שטימען נישט בלויז פאַר איינער פון די פיל קאַנדידאַטן־ליסטעס, נאָר אויך באַשטימען ווער פון לאַנגן צעטל קאַנדידאַטן זאָל געווילט ווערן. זיי האָבן געקענט אויסמעקן און אויך צושטעלן נעמען.

דעם 13 מערץ 1922 זיינען פאָרגעקומען וואַלן פון שטאָט־ראַט אין דער הויפּט־שטאָט ריגע. די לעטישע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פּאַרטיי און דער בונד האָבן אַרויסגעשטעלט אַ בשותפותדיקע קאַנדידאַטן־ליסטע. אויך די פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען האָבן געהאַט אַ קאַנדידאַטן־ליסטע מיט לעטישע און יידישע קאַנדידאַטן. פון ביידע ליסטעס האָבן אַ צאָל ווילער אויסגעמעקט יידישע נעמען. (אויך לעטישע נעמען האָט מען אויסגעמעקט, אָבער אין אַ פיל קלענערער צאָל, ווי יידישע).

בעת דער וואַל־קאַמפּאַניע האָבן די יידישע בירגערלעכע גרופּירונגען גערופן צו שטימען נאָר פאַר ריין יידישע קאַנדידאַטן־ליסטעס (בלויז פאַרדייטשטע יידן האָבן געשטימט פאַר דער דייטשער קאַנדידאַטן־ליסטע און ס'איז צוליב דעם אַנטשטאַנען דאָס ווערטל: "אשכנזים פון אַלע

פעלקער, פאַראייניקט אייך"). צוליבן אויסמעקן אַ סך יידישע נעמען, איז קיינער פון די בונדישע קאַנדידאַטן נישט געוויילט געוואָרן. איצט האָבן זיך ווידער געלאָזט הערן שטימען, אַז דער בונד האָט נישט געדאַרפט זיך פאַראייניקן מיט לעטישע סאָציאַליסטן.

די קריטיקער האָט געענטפערט אין אַן אַרטיקל יצחק ראַבינאָוויטש. ער האָט געשריבן: „מען זאָגט אַז אויב דער בונד וואָלט געגאַנגען צו די וואַלן מיט אַן אייגענעם צעטל, וואָלטן די יידישע אַרבעטער געהאַט זייער פאָרשטייער אין דער דומע (שטאָט־ראַט). צי האָבן מיר געוואוסט, אַז גייענדיק אויף אַ געמיינזאַמען צעטל מיט דער לעטישער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע, פאַרלירן מיר שטימען? מיר האָבן געוואוסט דעם מאָל, פונקט אַזוי ווי צו די וואַלן אין דער גרינדונג־פאַרזאַמלונג (קאָנסטיטואַנטע), אַז דער סאָציאַליסטישער צעטל וועט פאַרלירן סיי יידישע, סיי לעטישע שטימען. און דאָך האָט דאָס נישט אָפּגעהאַלטן דעם בונד און די לעטישע סאָציאַל־דעמאָקראַטן אַרויסצושטעלן אַ געמיינזאַמען צעטל! פאַרוואָס? ווייל די פּראָפּאַגאַנדע און דעמאָנסטראַציע פון די אידייען פון דער אַרבעטער־באַוועגונג זיינען אונז טייערער פאַר אַ פּאָר הונדערט שטימען" . . . „אין לעטלאַנד, וואו די אַטמאָספער איז פאַרסמט מיט נאַציאָנאַליזם, איז די פּראָפּאַגאַנדע און דעמאָנסטראַציע פאַרן אינטערנאַציאָנאַליזם אַ באַזונדער ברענענדיקע אויפגאַבע פאַר דער אַרבעטער־דעמאָקראַטיע". פאַרביידע קאַנדידאַטן־ליסטעס פון דער אַרבעטערשאַפט — פון די צוויי סאָציאַליסטישע פאַרטייען און פון די פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען — האָבן געשטימט בערך 40 טויזנט ווילער און בלויז 2,500 האָבן צוליב נאַציאָנאַליסטישע מאָטיוון געענדערט דעם אָריגינעלן צוזאַמענשטעל פון די קאַנדידאַטן. די ווייט גרעסטע מערהייט ווילער האָבן געשטימט עכט סאָציאַליסטיש און איינגעהאַלטן דעם אינטערנאַציאָנאַלן כאַראַקטער פון די קאַנדידאַטן־ליסטעס [28]).

# 9. אַרבעט און קאַמף פאַר יידיש־וועלטלעכע שולן

דער בונד איז געווען גאַר אַקטיוו אין קאַמף פאַר יידיש־וועלטלעכע שולן און שטאַרק זיך באַטייליקט אין זייער אויפבוי און אָנפירונג. אין פאַרלאַמענט און אין די שטאָט־פאַרוואַלטונגען, אַזוי אויך אין דער טאָג־טעגלעכער אַרבעט אין די שולן גופא, האָבן בונדישע טוער און לערער פיל בייגעשטייערט צו דער שאַפונג און אַנטוויקלונג פון די יידיש־וועלט־לעכע שולן.

ס׳איז נישט געווען קיין לייכטע עובדא. קליין אין צאָל, איז דער יידישער ישוב פון לעטלאַנד געווען שטאַרק צעטיילט אידעאָלאָגיש. ס׳איז געווען אַן אַנטשפּרעכנדיקע אָפּשפּיגלונג פון דער צעטיילונג, וואָס האָט עקזיסטירט אין די גרויסע יידישע ישובים פון אַנדערע לענדער. אין לעטלאַנד האָבן די מינדערהייט־פעלקער געהאַט נאַציאָנאַל־קולטורעלע אויטאָנאָמיע און געקענט פירן זייערע קולטור־טעטיקייטן אין די מוטער־שפּראַכן און בויען אייגענע שולן, וואָס די מלוכה און די שטאָטישע זעלבסט־פאַרוואַלטונגען האָבן געדאַרפט אויסהאַלטן. אָבער די יידן האָבן זיך נישט געקענט צונויפריידן וועגן דער לערן־שפּראַך און אויך נישט וועגן כאַראַקטער פון די שולן. די אָרטאָדאָקסן האָבן געוואָלט חדרים, די ציוניסטן — העברעאישע שולן, די אַסימילאַטאָרן — דייטשע, לע־טישע אָדער רוסישע; בונדיסטן, קאָמוניסטן און פאָלקיסטן האָבן געוואָלט האָבן יידיש־וועלטלעכע שולן.

דער אָנהייב פון דער צעשיידונג איז שוין געווען אין די יאָרן פון דער ערשטער וועלט־מלחמה, ווען דאָס לאַנד האָט זיך געפונען אונטער דער דייטשער מיליטערישער אָקופּאַציע. אין יאָר 1918 האָבן בונדיסטן צו־זאַמען מיט פאָלקיסטן און אָנהענגער פון אַנדערע ראַדיקאַלע גרופּי־רונגען געשאַפן אַן איניציאַטיוו־גרופּע, וואָס האָט אָנגעהויבן אַ פּראָפּאַ־גאַנדע פאַר יידיש־וועלטלעכע שולן. זי האָט געמאַכט פּראַקטישע באַמי־אונגען צו עפענען אַ שול מיט דער יידישער לערן־שפּראַך אין ריגע. די דייטשע מאַכט האָט פאַרלאַנגט אַ הסכם פון דער קהילה־פאַרוואַלטונג. די רבנים, ציוניסטן און אַסימילאַטאָרן זיינען געווען קעגן געבן אַזאַ הסכם און דעריבער האָט מען אין יאָר 1918 נישט געקענט רעאַליזירן דעם פּלאַן פון עפענען אַ שול מיט דער יידישער לערן־שפּראַך.

אויך אין ליבאַווע האָבן די פירער פון דער קהילה — אַסימילאַ־

טאַרן, ציוניסטן און אָרטאָדאָקסן — זיך קעגנגעשטעלט, אַז אין די שולן פאַר די יידישע קינדער זאָל די לערן־שפּראַך זיין יידיש. (די אָרטאָדאָקסן זיינען געווען קעגן אַזאַ שול בעיקר צוליב איר וועלטלעכן כאַראַקטער). זיי האָבן געוואָלט איינהאַלטן די דייטשע שפּראַך, אָבער דאָס איז זיי נישט געלונגען, ווייל בעת די וואַלן פון דער שטאָט־פאַרוואַלטונג (יאַנואַר 1919) האָבן די לעטישע סאָציאַל־דעמאָקראַטן און דער בונד דעראָבערט אַ מערהייט. די שטאָטישע בילדונגס־קאָמיסיע האָט אַדורכגעפירט אַן אָנ־קעטע ביי די עלטערן און אין הסכם מיטן ווילן פון דער מערהייט, האָט מען די שולן אַריבערגעפירט פון דייטש אויף יידיש.

נאָכן סוף פון דער ערשטער וועלט־מלחמה איז מעגלעך געוואָרן צו שאַפן אַ נעץ פון יידיש־וועלטלעכע שולן, אין גאַנץ לעטלאַנד. וועגן דעם האָט געשריבן אַ בונדישער פירער און שול־טוער, י. בערז: „אין אַלע שטעט און שטעטלעך פון לעטלאַנד גרינדן זיך גרונט־שולן (פאָלקס־שולן) אויף יידיש מיט בודזשעטן, וואָס זיינען געזיכערט פון דער מלוכה און פון די (שטאָטישע) זעלבסט־פאַרוואַלטונגען, מיט נייטיקע געביידעס, לערן־מכשירים א.א.וו. אונזערע חברים פירן נישט בלויז אָן מיט דעם קאַמף פאַר דער יידישער שול אין געזעצגעבערישן „פאָלקס־ראַט", גרינדונג־פאַרזאַמלונג (קאָנסטיטואַנטע) און סיימען (פּאַרלאַמענטן), אין פאַרשידענע אָרטיקע זעלבסט־פאַרוואַלטונגען, נאָר אַ גרויסע צאָל פון זיי שטעלן זיך אַליין בראש פון די שולן. זיי נעמען זיך פאַר דער שווערער און אחריות־פולער אַרבעט פון דער פּראַקטישער פאַרווירקלעכונג פון דער יידי־שער שול און פירן אויך אָן אַ ברייטע אויפקלערונג־ און פּראָפּאַגאַנדע־אַרבעט"...

„שוין אין פאָלקס־ראַט פירן אָן די בונדישע פאַרשטייער צוזאַמען מיט די לעטישע סאָציאַל־דעמאָקראַטן דעם קאַמף פאַר די אַלגעמיינע דע־מאָקראַטישע און פּעדאַגאָגישע פּרינציפּן — אַ קאַמף, וועלכער פאַרענ־דיקט זיך מיטן צייטווייליקן שול־געזעץ (וואָס האָט עקזיסטירט אויך אין די ווייטערדיקע יאָרן) פון 8 דעצעמבער 1919. דער געזעץ, וואָס האָט פעסטגעשטעלט דעם פּרינציפּ פון אָבליגאַטאָרישער, אומזיסטער און איינ־הייטלעכער שול, האָט אויך באַשטימט, אַז די לימודים אין די שולן דאַרפן געפירט ווערן אין דער פאַמיליע־שפּראַך פון קינד. דורך דעם האָט די יידישע שול באַקומען אַ געזעצלעכע עקזיסטענץ. יידיש איז פאַקטיש און יורידיש אָנערקענט געוואָרן פאַר דער שפּראַך פון דער יידישער שול"...

„מיר האָבן אין גאַנץ לעטלאַנד אַ ברייטע נעץ פון גרונט־שולן, וואָס זיינען אַ־ויפגעשטעלט אויף דער העכסטער הויך פון דער מאָדערנער פּע־דאַגאָגיק. מיר האָבן אויך אין לעטלאַנד יידישע מיטל־שולן מיט פולע רעכט, מיט בודזשעטן, וואָס ווערן אויסגעהאַלטן פון דער מלוכה און זעלבסט־פאַרוואַלטונגען; צווישן זיי זיינען אויך דאָ אַזעלכע, וועלכע ווערן מיט רעכט באַטראַכט אַלס אַ מוסטער־שול פון דעם אָרט" . . . „אַדאַנק

די בונדישע פאַרשטייער אין די שטאַטישע זעלבסט־פאַרוואַלטונגען זיינען אין די שטאַטישע ביבליאָטעקן געשאַפן געוואָרן יידישע אָפּטיילונגען (אין ריגע איז אַפילו געשאַפן געוואָרן אַ ספּעציעלע שטאַטישע יידישע ביבליאָטעק)... די יידישע שול האָט נאָך אַ סך שונאים. עס קעמפט מיט איר דער אַסימילאַטאָר, די שוואַרצע אַגודיסטישע קליקע. עס קעמפן מיט איר אויף לעבן און טויט די ציוניסטן פון אַלע מינים״[29].

אַ לערער און טוער פון יידיש־וועלטלעכע שולן אין לעטלאַנד, מענדל מאַרק, האָט וועגן דעם דערציילט: „די אַסימילאַטאָרן, די אָרטאָדאָקסן, די ציוניסטן האָבן בשום אופן נישט געוואָלט דערלאָזן אַ שול אויף יידיש. פון ערשטן טאָג אָן האָבן זיי דערקלערט אַ מלחמה דער יידישער שול. אין די מלוכהשע און שטאַטישע אינסטיטוציעס, וואָס האָבן געהאַט צו זאָגן וועגן דער שול, האָבן זיי בפה אחד דערקלערט, אַז יידיש איז קיין שפּראַך נישט, נאָר אַ פאַרדרייטער דייטשער זשאַרגאָן. אויף דער גאַס און אין די בתי מדרשים האָבן זיי געטענהט: די יידישע שול, וואָס איז אַ וועלטלעכע, וועט פירן דאָס קינד צום שמד. עס וועט נישט קאָנען דאַווענען און זאָגן קדיש. קיין תכלית איז די יידישע שול אויך נישט. וואָס וועט דאָס קינד נעבעך טאָן אין לעבן מיט יידיש״[30].

דאָס שול־געזעץ (וואָס האָט אָנערקענט די פאַמיליע־שפּראַך אַלס די לערן־שפּראַך), די פּעדאַגאָגישע בויטווענדיקייט, דער יידישער נאַציאָנאַלער אינטערעס און פאַרלאַנג פון די עלטערן האָבן גובר געווען דעם שטאַרקן אַנטי־יידישן חוט־המשולש פון אַסימילאַציע, העברעאיזאַציע און קלעריקאַליזאַציע און מכריע געווען לטובת יידיש.

„דער וויט־גרעסטער טייל יידן אין לעטלאַנד האָבן אין דער היים גערעדט מיט זייערע קינדער יידיש. ביי דער פאָלקס־ציילונג פון דער יידישער באַפעלקערונג אין ריגע, וואָס די קהילה־פאַרוואַלטונג האָט דורכגעפירט דעם 5־6 דעצעמבער 1920, האָבן צווישן 30,577 אָנגעפרעגטע יידן 24,176 (79 פּראָצענט) אָנגעגעבן יידיש, ווי זייער מוטער־שפּראַך, 50 האָבן אָנגעגעבן העברעאיש, 3,589 רוסיש, דייטש און אַנדערע שפּראַכן און 2,762 האָבן אויף דער פראַגע נישט געענטפערט. (לויט אַ פריערדיקער פאָלקס־ציילונג, וואו ס׳איז נישטאָ אַזאַ גרויסע צאָל נישט־געענטפערטע, דערגרייכט דער פּראָצענט פון יידיש 86 ביז 87). פון 8,152 קינדער אין שול־עלטער (פון 6 ביז 16 יאָר) האָבן די עלטערן פון 6,064 קינדער אָנגעגעבן יידיש פאַר דער מוטער־שפּראַך, 22 העברעאיש, 1,248 פרעמדע שפּראַכן און 818 האָבן נישט אָנגעגעבן. אין די אַנקעטעס, וואָס די אָרטיקע שטאָט־פאַרוואַלטונגען האָבן דורכגעפירט צווישן די קינדער אין שול־עלטער אין ריגע, ליבאַווע, דווינסק און אין אַנדערע שטעט איז דער פּראָצענט פון יידיש דערגאַנגען אַזש ביז 95״[31].

דער אַלגעמיינער לערער־פאַרבאַנד, צו וועלכן ס׳האָבן געהערט די לערער פון אַלע נאַציאָנאַליטעטן אין לעטלאַנד, האָט אויף זיינע צוזאַמענ־

פארן אויך אנגענומען רעזאלוציעס, אז אין די שולן פאר יידישע קינדער, וואס ווערן אויסגעהאלטן פון דער מלוכה און מוניציפאליטעטן, דארף די לערן־שפראך זיין יידיש. די אסימילאטארן, ציוניסטן און ארטאדאקסן זיינען אבער געווען איינגעעקשנט אין זייער קעגנערשאפט צו יידיש און זיי האבן באוויזן צו שאפן און איינצוהאלטן שולן אויך אין די אנדערע שפראכן. איי דאס איז געווען קעגן אלגעמיינעם שול־געזעץ, דורך פארשידענע פאליטישע משא־ומתנס מיט בירגערלעכע און רעאקציאנערע רעגירונג־פארשטייער האבן זיי געקענט עובר זיין אויפן געזעץ.

דער בונד איז געשטאנען אין די פאדערשטע רייען פון קאמף פאר דער יידיש־וועלטלעכער שול. די עלטערן און די לערער האבן עס געהעריק אפגעשאצט. א שול־טוער דערציילט: „די גאנצע יידישיסטישע געזעלשאפטלעכקייט, דער בונד און די פאלקס־פארטיי, די ארגאניזירטע עלטערן, די יידישיסטישע ראטמענער אין די ארטיקע אליינפארוואלטונגען, דער יידישיסטישער (בונדישער) סיים־דעפוטאט ד״ר (נח) מייזל זיינען שטענדיק געווען גרייט צו שטיצן די שול־ארגאניזאציע אין איר קאמף פאר דער שול״ . . . „פאר דער יידישער שול זיינען אויך געווען די לעטישע סאציאל־דעמאקראטישע פראקציעס אין די שטעט און אין סיים און אין דעם אלגעמיינעם לעטלענדישן לערער־פארבאנד״ [32]).

די יידישע שול־ארגאניזאציע פלעגט ביי די וואלן אפיציעל זיך האלטן נייטראל, „עס איז אבער פאר אלעמען געווען קלאר, אז דער בונדישער ראטמאן אין דער ריגער שטאט־פארוואלטונג, ישראל ברוין, און דער סיים־דעפוטאט ד״ר נח מייזל פארטרעטן אין דער בילדונג־אפטיילונג פון דער שטאט און אין דער בילדונגס־קאמיסיע פון סיים די שול־ארגאניזאציע״ . . . „ביי אלע וואלן אין די שטאט־פארוואלטונגען האבן די מיטגלידער פון דער יידישער שול־ארגאניזאציע אקטיוו געשטיצט פריינד פון דער יידישער שול, אין ריגע איז דאס געווען די קאנדידאטור פון ישראל ברוין״ . . . „ביי די פארלאמענט־וואלן האבן די פירער פון דער יידישער שול־ארגאניזאציע אקטיוו געשטיצט דעם בונדישן קאנדידאט ד״ר נח מייזל״ . . . „אחוץ די שטימען פון זיין פארטיי, דעם בונד, פלעגט ער באקומען די שטימען פון אלע פריינד פון דער יידישער שול און קולטור, וואס האבן אים באטראכט פאר זייער ווארטזאגער״ [33]).

בונדיסטן האבן אין דער יידיש־וועלטלעכער שול־באוועגונג פארנומען א חשוב ארט ווי פאליטישע און פראקטישע טוער, ווי לערער, שול־פרינציפאלן און גימנאזיע־דירעקטארן. מיר דערמאנען דא א טייל פון זיי: יצחק און בתיה בערז, ישראל ברוין, יוסף גיליגיטש, שלמה גרובין, מ. דאנסקאי, ד״ר שמעון זאכארעוויטש, זלמן יעפרויקין, יצחק כאראש, וויליאם לעווענבערג, יצחק לעווין־שאצקעס, ד״ר נח מייזל, יצחק ניישלאס, ד״ר אייזיק עלקישיק, אבע פריידבערג, בן־ציון ריינער.

## 10. די לעצטע לאַנד־קאָנפערענץ פון בונד

פון דער אַנטשטייאונג פון דער לעטלענדישער מלוכה ביז דער פאַשיסטישער איבערקערעניש אין יאָר 1934 האָט דער בונד אין לעטלאַנד אָפּגעהאַלטן זעקס לאַנד־קאָנפערענצן. די לעצטע איז פאָרגעקומען אין די טעג פון 27 און 28 יאַנואַר 1934 אין ריגע.

די טאָג־אָרדענונג האָט אַרומגענומען די דאָזיקע פונקטן:

1. די אינטערנאַציאָנאַלע לאַגע און די אויפגאַבן פון דער לעטלענדישער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער באַוועגונג.
2. די פּאָליטישע און אָרגאַניזאַציאָנעלע אויפגאַבן פון בונד אין לעטלאַנד.
3. טעטיקייט־באַריכט פון דער צענטראַלער אָנפירונג.
4. וואַלן פון צענטראַל־ביוראָ.

דעם טעטיקייט־באַריכט פון צענטראַל־ביוראָ האָט אָפּגעגעבן דער פּאָרזיצער פון בונד אין לעטלאַנד, יצחק ראַבינאָוויטש. ער האָט געזאָגט: אַקטיווע מיטגלידער אין לאַנד האָט דער בונד בערך 500. אין אַ צאָל שטעט, וואו עס זיינען נישטאָ קיין אָרגאַניזאַציעס, האָט די צענטראַלע אָנפירונג פאַרטרויאונג־מענטשן, מיט וועלכע זי שטייט אין קאָנטאַקט. די אָרטיקע אָרגאַניזאַציעס פירן אַן אַקטיווע אַרבעט אין די שטאָט־פאַרוואַלטונגען, קראַנקן־קאַסעס און אַנדערע עפנטלעכע אַנשטאַלטן. אין די גרעסערע שטעט ווערט געפירט אַן אַרבעט דורך די פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען. די בונדישע יוגנט־באַוועגונג איז אין די לעצטע יאָרן שטאַרק געוואַקסן. אונטער דער השפעה פון בונד געפינען זיך אַ צאָל קולטור־אָרגאַניזאַציעס: פּרץ־קלובן, צענטראַלער יידישער לערער־פאַראיין (ציל), אַרבעטער־טעאַטער, פּאָלקס־הויז.

אַ גרויס אָרט אין דער טעטיקייט פון בונד במשך דער לעצטער צייט איז געווען זיין אָנטייל אין דער אַקציע פאַרן פּאָלקס־רעפערענדום. דער בונד, האָט דער באַריכט־אָפּגעבער געזאָגט, איז געווען די איינציקע יידישע פּאַרטיי, וואָס האָט געפירט אַן אַקטיוון קאַמף פאַרן רעפערענדום. פון די צוואַנציק טויזנט יידישע אונטערשריפטן זיינען צום ווייניקסטן 15 טויזנט אַ רעזולטאַט פון דער בונדישער אַגיטאַציע.

וועגן דער בונדישער פרעסע האָט רעפערירט יצחק כאַרלאַש. ער האָט אָנגעוויזן ווי וויכטיק זי איז און וואָס מ׳דאַרף טון פאַר איר גרעסערער פאַרשפרייטונג (דער בונד האָט דעמאָלט אַרויסגעגעבן דאָס וואָכנבלאַט נייע צייט).

אין די דעבאַטן אַרום די באַריכטן האָבן אָנטיילגענומען כמעט אַלע דעלעגאַטן, וואָס האָבן אַרומגערעדט פאַרשידענע ענינים פון דער בונדישער טעטיקייט. אַ טייל פון די דעלעגאַטן האָבן באַטאָנט, אַז די וויכטיקסטע אויפגאַבע איז צו שאַפן פאַר די בונדישע אָרגאַניזאַציעס אַ ברייטערע פּראָלעטאַרישע באַזע אין צענטער פון לאַנד, אין ריגע, און אויסבויען די פּראָפעסיאָנעלע באַוועגונג.

די קאָנפערענץ האָט אָנגענומען עטלעכע באַשלוסן וועגן דער ווייטערדיקער טעטיקייט: רופן אין יאַנואַר 1935 די זיבעטע קאָנפערענץ פון בונד; רופן אין האַרבסט 1934 אַ באַראַטונג פון די בונדישע ראַטמענער אין שטאָט־ראַטן און מיטגלידער פון שטאָט־פאַרוואַלטונגען; איינגייען מיט דער לעטישער אַרבעטערשאַפט פירן דעם באָיקאָט קעגן היטלער־דייטשלאַנד; מאָביליזירן אַלע בונדיסטן אין קאַמף פאַר דער פאָלקס־אָפשטימונג. איינשטימיק האָט די קאָנפערענץ פאַרבאָטן, אַז בונדישע ראַטמענער זאָלן אַריינטרעטן אין וועלכער ניט איז קאָאַליציע מיט רעאַקציאָנערע בירגערלעכע פאַרטייען און גרופּעס, וואָס עס האָבן יאָ פּראַקטיצירט די יידישע בירגערלעכע גרופּירונגען.

ביים באַהאַנדלען דעם פּונקט וועגן דער אינטערנאַציאָנאַלער לאַגע האָבן אַ גרויס אָרט פאַרנומען די היטלער־דיקטאַטור אין דייטשלאַנד און די פאַשיסטישע געפאַר אין לעטלאַנד גופא. דער רעפערענט האָט אַנאַליזירט די סיבות פון דער מפּלה פון דער דייטשער אַרבעטערשאַפט. ער האָט אָנגעוויזן די שולד פון די ביידע פליגלען פון דער דייטשער אַרבעטער־באַוועגונג, פון איין זייט די רעפאָרמיסטישע פּאָליטיק פון דער דייטשער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע און פון דער אַנדערער זייט די שעדלעכע שפּאַלטונג־פּאָליטיק פון די קאָמוניסטן. פאַר דער אינטערנאַציאָנאַלער אַרבעטער־באַוועגונג שטייט די אויפגאַבע צו שאַפן די אייניקייט פון דער אַרבעטער־באַוועגונג און געווינען פאַרן סאָציאַליזם די מיטל־שיכטן פון דער באַפעלקערונג. נאָר דורך אַ מאַרקסיסטיש־אויסגעהאַלטענער פּאָליטיק וועט מען עס קענען דערגרייכן. דער קאַמף פאַרן סאָציאַליזם מוז פאַרנעמען דעם אויבנאָן סיי אין דער פּראָפּאַגאַנדע, סיי אין דער טאָג־טעגלעכער פּאָליטיק. פיל ענערגיע דאַרף אָװעקגעגעבן ווערן אויסצואַרבעטן אַ פּלאַן פון סאָציאַליסטישן איבערבוי פון דער געזעלשאַפט. אין לעטלאַנד זיינען פאַראַן צוויי מינים פון פאַשיזם. די פּאָליטישע גלוסטונגען פון לעטישן בירגערטום, אויסגעדריקט אין פּויע־

רים־בונד, זיינען היינט געפּערלעכער, ווי דער אויסגעשפּראָכענער פּאַשיזם פון „פּערקאָנקרוסט", וואָס האָט אַדאַנק דער אָפּאָזיציאָנעלער פּאָליטיק פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע נישט געקאָנט ווערן אַ מאַסן־באַוועגונג. די הויפּט־אויפגאַבע פון דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג אין לעטלאַנד איז מאָביליזירן קעגן פאַשיזם די ברייטסטע פּראָלעטאַרישע און האַרעפּאַשנע מאַסן. אַ וויכטיק מיטל צו דעם איז דער קאַמף אַרום דער פאָלקס־אָפּשטימונג.

וועגן די פּאָליטישע און אָרגאַניזאַציאָנעלע אויפגאַבן פון בונד אין לעטלאַנד האָט רעפערירט ד״ר נח מייזל. ער האָט געזאָגט: דער היטלעריזם אין דייטשלאַנד האָט קלאָר באַוויזן, אַז די אינטערעסן פון די יידישע פאָלקס־מאַסן זיינען ענג פאַרקניפּט מיטן גורל פון קעמפנדיקן, סאָציאַליסטישן פּראָלעטאַריאַט. דער אַנטיסעמיטיזם פון דער היטלער־באַוועגונג איז נישט קיין צופאַל, נאָר אַן אָרגאַנישער באַשטאַנדטייל פון פאַשיזם. אַ קאַמף קעגן אַנטיסעמיטיזם איז נישט מעגלעך אָן אַ קאַמף קעגן פאַשיזם און דאָס מיינט, אַז אַ ווירקלעכער קאַמף קעגן פאַשיזם מוז זיין געבונדן מיטן קאַמף פאַר סאָציאַליזם. אַפילו אין די בורזשואַזי־דעמאָקראַטישע לענדער, וואו די פירנדיקע ראָל שפּילט די נאַציאָנאַלע בורזשואַזיע, לעבן די יידישע מאַסן אונטער אַ נאַציאָנאַלן דרוק, בעיקר אויפן ווירטשאַפטלעכן געביט.

הגם די דעמאָקראַטיע גיט ברייטע מעגלעכקייטן פון קאַמף פאַר עקאָנאָמישער גלייכבאַרעכטיקונג, איז דאָך דער סאָציאַליזם די איינציק מעגלעכע לייזונג פון דער יידן־פראַגע. דער דאָזיקער ענטפער איז אָבער נישט אָננעמבאַר פאַר דער יידישער בורזשואַזיע. אויפן נישט־יידישן נאַציאָנאַליזם ענטפערט זי מיטן יידישן נאַציאָנאַליזם, מיטן רוף צו אַנטלויפן — מיטן ציוניזם. די קאָלאָניזאַציע אין פּאַלעסטינע איז אָבער באַין אופן נישט קיין ענטפער אויף דער פראַגע וועגן די פיל־מיליאָניקע יידישע מאַסן. דער ציוניזם אין אַלע זיינע שאַטירונגען שפּאַנט אין די פאָלקס־מאַסן אין דעם וואָגן פון דער יידישער בורזשואַזיע.

נאָך אַ דעבאַטע זיינען אָנגענומען געוואָרן די פאָרגעלייגטע טעזן פון רעפערענט.

אין צענטראַל־ביוראָ זיינען געוויילט געוואָרן: יצחק ראַבינאָוויטש, נח מייזל, יצחק כאַרלאַש, י. טאַנקל, א. זעליקמאַן — פון ריגע; קאַן — פון ליבאַווע; פּרץ מייקסין, יצחק לעווין (שאַצקעס) — פון דווינסק. אַלס פאַרטרעטער זיינען געוויילט געוואָרן ש. מיכלסאָן און ה. מייקסין — פון ריגע; אין רעווידיר־קאָמיסיע ישראל ברוין, יצחק בערז, מ. דרייבין — פון ריגע, אַלס קאַנדידאַט ל. בלאָך [*]).



פרעזידיום פון געמיינזאַמען מיטינג פון יידישע און פוילישע אַרבעטער אין וואַרשע: פירער פון בונד, פון דער פוילישער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי (פּ. פּ. ס.) און פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען.



6־טע קאָנפערענץ פון בונד אין לעטלאַנד, יאַנואַר 1934. שטייט (רעכטס) דער פאָרזיצער יצחק ראַבינאָוויטש.



די בונדישע פראַקציע פון שטאָט־ראַט אין דווינסק. זיצן פון רעכטס: ש. סראָגאָוויטש, נח מייזעל (אויך דעפוטאַט פון לעטישן פאַרלאַמענט), י. פלינער, מ. קרעמער. שטייען אויבן: פּ. מייקסין (מיטגליד פון מאַגיסטראַט), יצחק לעווין־שאַצקעס.

דאָס איז שוין געווען די לעצטע לאַנד־קאָנפערענץ פון בונד אין לעטלאַנד. גאָר גיך האָט זיך אַרויסגעוויזן, ווי ריכטיק ס'איז געווען די מיינונג, וואָס איז אַרויסגעזאָגט געוואָרן אויף דער קאָנפערענץ, אַז די פאַשיסטישע גלוסטונגען פון לעטישן בירגערטום, אויסגעדריקט אין פויערים־בונד, זיינען געפערלעכער, ווי דער אויסגעשפּראָכענער פאַשיזם פון דער לכתחילהדיקער פאַשיסטישער אָרגאַניזאַציע פערקאָנקרוסט. מיט עטלעכע חדשים שפּעטער האָט דער פירער פון פויערים־פאַרבאַנד, קאַרל אולמאַניס, דורכגעפירט אַ מלוכה־איבערקערעניש, אָפּגעשאַפט דעם דע־מאָקראַטישן רעזשים און איינגעשטעלט אַ פאַשיסטישע דיקטאַטור.

# מקורים און באַמערקונגען

1) ר. אַבראַמאָוויטש: אין צווי רעוואָלוציעס, ערשטער באַנד, זז. 67, 68, ניו־יאָרק 1944.

2) 35 יאָר, יובל־אויסגאַבע פון צ.ב. פון „בונד" אין לעטלאַנד, ריגע, אָקטאָבער 1932.

3) י. ש. הערץ: די ערשטע רוסלענדער רעוואָלוציע אין די געשיכטע פון בונד, צווייטער באַנד, זז. 142, 143, ניו־יאָרק 1962.

4) ל. בערמאַן (לייבעטשקע): אין לויף פון יאָרן, זז. 3, 4, ניו־יאָרק 1945.

5) די אַרבייטער שטימע, נומ. 34, אויגוסט 1903 (דרוקעריי פון בונד).

6) 30 יאָר, יובל־צייטונג, אַרויסגעגעבן פון צענטראַל ביוראָ פון „בונד" אין ריגע, אָקטאָבער 1927.

7) זע 4, זז. 297, 298.

8) ב. מיכאַלעוויטש: זכרונות פון אַ אידישען סאָציאַליסט, צווייטער באַנד, ז. 129, וואַרשע 1923.

9) די לעצטע פּאָסירונגען, נומ. 24, 1 דעצעמבער 1905, זשענעווע.

10) י. לעווין־שאַצקעס: באַרג־אַראָפּ און באַרג־אַרויף אין דווינסקער בונדישער ברענטש 75 אַרבעטער רינג, ז. 19, ניו־יאָרק 1939.

11) אַ ריי פאַקטן פון דער ערשטער רוסלענדער רעוואָלוציע און שפּעטערדיקע יאָרן זיינען גענומען פון צווייטן באַנד די געשיכטע פון בונד, על פּי רוב פון י. ש. הערצס אָפּהאַנדלונג די ערשטע רוסלענדער רעוואָלוציע און פון זיין אָפּהאַנדלונג די צווייטע רוסלענדער רעוואָלוציע אין דריטן באַנד.

12) מ. פּאַפּירמייסטער: דער לעטישער געזעלשאַפטלעך־פּאָליטישער לעבן בעת דער דייטשער אָקופּאַציע (אין אונזער צייט, נומ. 1, 25 דעצעמבער 1918, ריגע).

13) זע 12 (אונזער צייט) מ. ד.—י: פון פּאַרטיי־לעבן.

14) זע 10.

15) זע 13.

16) זע 13 — מ.ד—י: דער יידישער דעמאָקראַטישער ראַט.

17) י. בערז: אונזער ערשטע אַרבעט אין די געזעצגעבערישע אַנשטאַלטן פון לעטלאַנד (אין דער דווינסקער זאַמעלבוך, פון דווינסקער בונדיסטישן ברענטש 75 אַרבעטער־רינג, ניו־יאָרק 1929).

18) זע 12 (אונזער צייט) — א. ש.: צום פּאָליטישן מאָמענט (א. ש. — איניציאַלן פון א. שערמאַן).

19) זע 12 (אונזער צייט) נומ. 2, 15 מערץ 1919.

20) ש. זאַכאַרעוויטש: די ריגער קהילה, זע 19.

21) זע 12 (אונזער צייט).

22) זע 12 (אונזער צייט), נומ. 5, 9 אויגוסט 1919.

23) זע 12 (אונזער צייט), נומ. 4, 2 אויגוסט 1919.

24) וו. וואָלאָדאַרסקיס ריכטיקער נאָמען איז געווען משה גאָלדשטיין, געבוירן אין אַסטראָפּאָליע, וואָלינער גובערניע. אַ קינד פון אָרימע יידישע עלטערן, האָט ער

אַלס 14־יאָריקער ייִנגל אין 1905 זיך באַטייליקט אין „קליינעם בונד", ער איז אָבער אין די שפּעטערדיקע יאָרן אַוועק פון דער בונדישער באַוועגונג, געווען אַ צייט טעטיק צווישן די אוקראַינער, אין דער אָרגאַניזאַציע „ספּילקאַ", האָט געאַרבעט אין אַמע־ריקע אַלס שניידער און לסוף אַרויסגעשוואומען אַלס באַלשעוויק אונטערן נאָמען וו. וואָלאָדאַרסקי. בעת דער אָקטאָבער־איבערקערעניש אין 1917 איז ער געווען איינער פון די פּאָפּולערסטע טוער צווישן די פּעטראָגראַדער אַרבעטער. אַלס נקמה־אַקט פאַרן באַלשעוויסטישן טעראָר, איז אויף אים אויסגעפירט געוואָרן אַן אַטענטאַט. דעם 20 יוני 1918 איז ער דערשאָסן געוואָרן דורך אַן עסער. אויפן אָרט פון אַטענטאַט איז אויפ־געשטעלט געוואָרן אַ דענקמאָל מיט דער אויפשריפט: „דעם באַליבטן פירער פון די פּעטראָגראַדער אַרבעטער" (י. ש. הערץ: די געשיכטע פון אַ יוגנט, ז. 51, ניו־יאָרק 1946).

25) דאָס פאָלק, ריגע, 21, 22, 23 יוני 1921; 15, 20, 22, 24, 31 יולי 1921.

26) זע 25: 19 מערץ 1921.

27) זע 25: 18 אַפּריל 1922.

28) זע 25: 3 אַפּריל 1922.

29) י. בערז: דער „בונד" און די יידישע שול אין לעטלאַנד, אין 30 יאָר, אַרויס־געגעבן פון צענטראַל־ביוראָ פון „בונד" אין לעטלאַנד, ריגע, אָקטאָבער 1927.

30) מענדל מאַרק: די יידיש וועלטלעכע שול אין לעטלאַנד, זז. 34—35, ניו־יאָרק־תל־אביב, 1973).

31) זע 30, ז. 69.

32) זע 30, ז. 127.

33) זע 30' זז. 160—163.

34) נייע צייט, נומ. 5 (21), ריגע, 3 פעברואַר 1934.

ד״ר יוסף קיסמאַן

# דער בונד אין רומעניע*

* ד״ר יוסף קיסמאַן האָט אויף זיך גענומען אָנצושרייבן די געשיכטע פון בונד אין רומעניע. זיין פּלוצלינגער טויט איז געקומען נאָך איידער ער האָט באַוויזן אויסצופירן זיין התחייבות. האָבן מיר פון עטלעכע פאַרעפנטלעכטע אַרבעטן זיינע צונויפגעשטעלט די געשיכטע: די אָנהייבן ביז דער ערשטער וועלט־מלחמה אין דריטן באַנד היסטאָרישע שריפטן פון ייוואָ (די יידישע סאָציאַליסטישע באַוועגונג ביז דער גרינדונג פון „בונד״, ווילנע־פּאַריז, 1939); דאָס זעלבע — אין שטודיעס צו דער געשיכטע פון רומענישע יידן אין 19טן און אָנהייב 20סטן יאָרהונדערט, ייוואָ, ניו־יאָרק, 1944; אין דריטן באַנד די געשיכטע פון בונד (די יידישע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע באַוועגונג אין גאַליציע און בוקאָווינע), ניו־יאָרק, 1966; אין געשיכטע פון יידן אין בוקאָווינע, באַנד 1 (צו דער געשיכטע פון דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג „בונד״ אין בוקאָווינע), תל אביב, 1958 (אין דער דייטשער שפּראַך). מיר האָבן עס נאָך דערגאַנצט מיט מאַטעריאַלן פון דער בונדישער פּרעסע אין טשערנאָוויץ.

# אינהאַלט:


1. דער אָנהייב — 231

2. אַ יידישע סאָציאַליסטישע אָרגאַניזאַציע — 235

3. אַ וואָכנבלאַט אין דער יידישער שפּראַך — 239

4. אַפּעל צו דער אינטערנאַציאָנאַלער סאָציאַליסטישער באַוועגונג 242

5. די רומענישע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פּאַרטיי — 245

6. דער בונד אין גרויס־רומעניע — 248

7. יידישער נאַציאָנאַל־ראַט — 250

8. טעטיקייט און השפּעה — 252

9. אונטערן דרוק פון דער רעאַקציע — 255

10. די גרינדונג־קאָנפערענץ פון בונד אין רומעניע — 258

11. אין יידישן לעבן — 260

12. שול־ און קולטור־טעטיקייט — 262

13. די לעצטע געראַנגלען — 265

14. דער בונד און די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי אין רומעניע — 268

15. בונדישע לאַנד־קאָנפערענצן — 275

# 1. דער אָנהייב

נאָך איידער ס'איז געגרינדעט געוואָרן אין רומעניע די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פּאַרטיי, האָט זיך געבילדעט אין בוקאַרעשט (נאָוועמבער 1887) אַ קרייז יידישע אינטעליגענטן, וואָס האָט זיך געשטעלט פאַר אַן אויפגאַבע, אַחוץ אַלגעמיינער סאָציאַליסטישער טעטיקייט, אין דער ערש־טער ריי צו קעמפן פאַר יידישער גלייכבאַרעכטיקונג. דאָס איז אין דער זעלביקער צייט געווען די ערשטע סאָציאַליסטישע אָרגאַניזאַציע אין בוקאַרעשט בכלל, ווייל אַ רומענישער סאָציאַליסטישער קלוב איז דאָרט געגרינדעט געוואָרן ערשט אין 1890. אָט דער קרייז, וועלכער איז גע־שטאַנען אונטער דער אָנפירונג פונעם דעמאָלטיקן סטודענט סטענקאָ (ראָמאַניזירטער נאָמען פון שטיין), קאָן באַטראַכט ווערן פאַר דער ערש־טער אָרגאַניזאַציע פון יידישע סאָציאַליסטן אין רומעניע, וואָס איז גע־ווען ניט סתם אַ סאָציאַליסטישע און צופעליק אַ ריין יידישע נאַר, וואָס האָט זיך באַוואוסטזיניק געשטעלט אויף אַ יידישער פּלאַטפאָרם. דאָס איז געווען, מיט איין וואָרט, אַ יידישע סאָציאַליסטישע אָרגאַניזאַציע. סטענ־קאָ אַליין, אַ קינד פונעם יאַסער יידישן קוואַרטאַל (געבוירן אין יאַס אין 1865), איז געווען אַ מענטש מיט אַ גרונטיקער סאָציאַליסטישער בילדונג, אַ קרישטאָל ריינע פּערזענלעכקייט. ווען ער האָט זיך פּאַרטיפּט, נאָך זייענדיק אַ סטודענט פון בוקאַרעשטער אוניווערזיטעט, אין סאָציאַ־ליסטישע פּראָבלעמען, האָט ער די וויכטיקסטע אויפגאַבע זיינע ווי אַ סאָציאַליסט דערזען אין קאַמף קעגן יידישער רעכטלאָזיקייט; און מיט דעם געדאַנק האָט ער געשאַפן די דערמאָנטע אָרגאַניזאַציע.

וועגן דער טעטיקייט פון דער דאָזיקער אָרגאַניזאַציע ווייסן מיר ניט איבעריק פיל. מיר הערן פון אַ מאַניפעסט, וואָס ס'האָט ארויסגעלאָזט די דאָזיקע גרופּע אין 1887 „צו דער איזראַעליטישער יוגנט אין גאַנצן לאַנד", אין וועלכן די יידישע יוגנט ווערט גערופן, אין נאָמען פון סאָ־ציאַליזם, צום קאַמף פאַר יידישער גלייכבאַרעכטיקונג, צום קאַמף „פאַר די שוואַכע". מיר הערן אויך, אַז די גרופּע האָט אַ גאַנץ קורצע צייט ארויסגעגעבן אַן אייגענעם זשורנאַל, אונטערן נאָמען לומינאַ (אַ נאָמען, וועלכן עס האָט איבערגענומען, ווי מיר וועלן שפּעטער זען, די יאַסער יידישע סאָציאַליסטישע אָרגאַניזאַציע). אָבער ניט דעם מאַניפעסט און ניט דעם זשורנאַל איז ניט געראָטן ביז היינט אויסצוגעפינען. אין אַ הספד, וואָס איז אָפּגעדרוקט געוואָרן אויף די שפּאַלטן פון דעם שפּע־

טערדיקן יאַסער זשורנאַל לומינאַ נאָכן יונג פאַרשטאָרבענעם ד״ר סטענ־קאַ (1897), ווערט אונטערגעשטראָכן, אַז סטענקאָס גרופּע האָט געפונען פאַר נייטיק צו אַרבעטן באַזונדער און באַוואוסטזיניק זיך געהאַלטן דער־ווייטערט פון די רומענישע סאָציאַליסטן. אין יידישע פראַגן — ווערט געזאָגט אין דעם הספד — איז אָט די ערשטע גרופּע יידישע סאָציאַ־ליסטן נאָך ניט געווען גענוג אויסגעהאַלטן, זי האָט נאָך ניט געהאַט יענע סאָציאַליסטישע שול און יענע פּראַקטיק, וואָס האָבן געוויזן דעם וועג דער שפּעטער געגרינדעטער יידישער סאָציאַליסטישער אָרגאַניזאַציע אין יאַס. די גרופּע האָט שטאַרק באַקעמפט די שמד־מגפה צווישן יידישע אינטעליגענטן און פאַרנומען אַ רעזערווירטע שטעלונג לגבי די אַסימי־לאַטאָרישע קרייזלעך, וואָס האָבן זיך געגרינדעט אין 1890 אין יאַס און אין בוקאַרעשט. פונדעסטוועגן האָט סטענקאַ צוגעלאָזט דעם געדאַנק פון יידישער אַסימילאַציע ווי אַ רעזולטאַט פון אַנטוויקלונג פון דער סאָ־ציאַל־דעמאָקראַטישער אָרגאַניזאַציע צווישן די פּראָלעטאַרישע קלאַסן פון אַלע נאַציעס. די דאָזיקע גרופּע — דערוויסן מיר זיך ווייטער — האָט אויך פּראָיעקטירט אַרויסצוגעבן אַ יידישן סאָציאַליסטישן זשור־נאַל, דער פּלאַן איז אָבער ניט פאַרווירקלעכט געוואָרן.

סטענקאַ האָט שפּעטער געשפּילט אַ גרויסע ראָל אין דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי פון רומעניע. ער האָט די פּאַרטיי פאַרטרעטן אויף אויסלענדישע סאָציאַליסטישע קאָנגרעסן און מיטגעאַרבעט אין אַלע פּאַרטייאישע אויסגאַבעס. די פון אים געגרינדעטע יידישע סאָציאַליס־טישע אָרגאַניזאַציע האָט קיין אריכת־ימים ניט געהאַט. עס איז קיין ספק ניט, אַז בוקאַרעשט איז ניט געווען דער גינציקער באָדן פאַר אַ באַזונדערער אָרגאַניזאַציע פון יידישע סאָציאַליסטן.

נאָך דער אַנטשטייאונג פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי אין רו־מעניע האָט זיך אַנטוויקלט אַ שאַרפער שטרייט צווישן דער צענטראַ־לער פּאַרטיי־אָנפירונג אין דער הויפּט־שטאָט בוקאַרעשט און דער פּאַר־טיי־אָרגאַניזאַציע אין דער שטאָט יאַס. געשען איז עס צוליב דער יידן־פראַגע.

די סאָציאַליסטישע דעפּוטאַטן אין פּאַרלאַמענט האָבן אַרויסגע־שטעלט די לאָזונג פון אַלגעמיינעם גלייכן וואַל־רעכט און געקעמפט מיט גרויס ענערגיע פאַר דער דאָזיקער פאָדערונג, וואָס איז אין יענע צייטן ניט בלויז אין רומעניע אַליין געווען דער ברענפּונקט פון אַלע סאָציאַ־ליסטישע שטרעבונגען. דער קאַמף־רוף פאַר אַלגעמיינעם וואַל־רעכט האָט אָבער באַקומען אַ מאָדנעם קלאַנג אויף דער יידישער גאַס אין מאָלדאַ־ווער געגנט: דאָס דאָזיקע רעכט איז געפאָדערט געוואָרן פאַר אַלע ב י ר ג ע ר פון לאַנד, יידן זיינען אָבער קיין בירגער ניט געווען. די יאַסער פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציע, אַ שטאַרק „פאַריידישטע", האָט דעריבער ענערגיש געפאָדערט, אַז די וואַל־רעכט־פאָדערונג זאָל פאַרברייטערט

ווערן אויף „אַלע א יי נ וו א ו י נ ע ר פון לאַנד, וואָס האָבן אויסצופירן בירגער־פליכטן". די פּאַרטיי־אָנפירונג האָט זיי אין דעם אָפּגעזאָגט.

די יידישע מאַסן האָבן זיך געגייטיקט, חוץ אין פּאָליטישע רעכט, אין פּשוטע בירגערלעכע און מענטשלעכע רעכט בכלל. זייער לאַגע איז געווען אַ שרעקלעכע: באַרויבט אין די פּרימיטיוווסטע לעבנסרעכט, באמת הימלאָזע, געיאָגטע און געטריבענע, אָפּהענגיקע פון גענאָד פון יעדן פּרעפעקט ביז אַראָפּ צום קלענסטן פּאָליציי־באַאַמטן און אַפילו נאַכט־וועכטער. די יידישע סאָציאַליסטן האָבן דעריבער געפאָדערט, אַז די פּאַרטיי זאָל אַריינשרייבן אין איר קאַמף־פּראָגראַם: מענטשלעכע און בירגערלעכע רעכט פאַר די „שוצלאָזע פרעמדע". אָבער אויך אָט דעם פאַרלאַנג האָט די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פּאַרטיי־אָנפירונג אָפּגעזאָגט.

די ערשטע שפּראָצונגען פון סאָציאַליזם האָבן זיך באַוויזן אין יאַס. ווען זיי האָבן זיך פאַרשפּרייט אויך אין בוקאַרעשט, האָבן עקזיסטירט אין לאַנד צוויי מינים סאָציאַליזם: אין יאַס איז די נייע אידייע געווען אַ הויכער אידעאַל, אַ וועלט־באַנעם; אין בוקאַרעשט — אַ וואָכעדיקער ענין, איינע צווישן פיל אַנדערע פון אויסלאַנד אימפּאָרטירטע געזעלשאַפטלעכע אידייען, אַ פראַגע פון דירעקטן פּאָליטישן דערפאָלג, פון קאַריערע. פון די אָנפאַלן מצד דער אָפיציעלער פּאַרטיי־אָנפירונג אויף דער גרופּע יידישע סאָציאַליסטן אין יאַס רעדט אַרויס ניט עפּעס אַן אַנטיסעמיטיש געפיל, נאָר אין דער ערשטער ריי די פאַרביטערונג פון די ניכטערע בוקאַרעשטער „רעאַל־פּאָליטיקער" קעגן די איינגעעקשנטע יאַסער אידעאַליסטישע „פאַנטאַזיאָרן", וואָס כאַפּן זיך אָן אין אַזאַ אומפּאָפּולערער המצאה, ווי רעכט פאַר יידן, אָן שום שאַנסן אויף דערפאָלג, פּשוט לשם פּרינציפּ, בעת ווען מען זאָל האַנדלען מיט ניכטערן פּאָליטישן שכל, אַוועקשטעלנדיק דערווייל די יידישע פראַגע אין אַ זייט, קאָן מען שפּעטער, ווען עס וועט קומען דער פּאַסיקער פּאָליטישער מאָמענט, פיל זיכערער דערגרייכן דעם דאָזיקן פּאָליטישן דערפאָלג פאַר יידן. די בוקאַרעשטער סאָציאַליסטישע פירער אַליין האָבן ענערגיש אָפּגעוואָרפן יעדן חשד פון אַנטיסעמיטיזם און זיך אָפּטמאָל אַרויסגעזאָגט קאַטעגאָריש קעגן אַנטיסעמיטיזם ווי אַ פּאָליטישע טעאָריע. יאָאַן נאַדעזשדע האָט אַפילו אָפּגעדרוקט אַן אַרטיקל קעגן אַנטיסעמיטיזם אין דעם ניו־יאָרקער יידישן סאָציאַליסטישן זשורנאַל די צוקונפט.

נאָר אַזוי קאָן מען דערקלערן דעם פאַקט, וואָס אויך די יידישע סאָציאַליסטן אין בוקאַרעשט — זייער צאָל איז דווקא נישט געווען קיין קליינע — האָבן מסכים געווען מיט דער שטעלונג פונעם פּאַרטיי־צענטער צו די יאַסער יידישע סאָציאַליסטן, און די דאָזיקע שטעלונג האָט זיי לחלוטין ניט אָפּגעשטויסן. צי איז דאָס געווען אַסימילאַטאָרישע צביעות? שווער דאָס היינט צו קאָנטראָלירן. גיכער מוז מען זאָגן, אַז די יידישע סאָציאַליסטן, וואָס האָבן געלעבט אין דער בוקאַרעשטער לופט, האָבן

אויף אַ נאַטירלעכן אופן זיך אַריינגעצויגן אין דער בוקאַרעשטער „דיפּ־לאָמאַטיע״.

עס איז פאַרשטענדלעך, אַז די „הויך־פּאָליטישע״ טאַקטיק פון דער רומענישער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי האָט ניט באַפרידיקט די יידישע סאָציאַליסטן אין יאַס — זיי האָבן אָרגאַניזירט אין 1893 אַ קרייז „דיסידענטן״ (אָפּאָזיציאָנערן אונטער דעם נאָמען לומינאַ, Lumina — ליכט). די דאָזיקע גרופּע איז תחילת געשטאַנען אויף דעם באָדן פון דער פּאַרטיי, קריטיקירנדיק און באַקעמפנדיק די אָפיציעלע טאַקטיק נאָר אינעווייניק, אין גבול פון דער פּאַרטיי גופא. צו דער גרופּע האָבן געהערט אויך אַ קליינע צאָל ניט־יידישע מיטגלידער, און די אָפיציעלע טאַקטיק איז באַקעמפט געוואָרן אויף אַלע געביטן פון פּאָליטישער טע־טיקייט, ניט בלויז וואָס שייך דעם רעאַקציאָנערן שטאַנדפּונקט פון דער פּאַרטיי אין דער יידן־פראַגע. אָבער דער וויכטיקסטער פּונקט, אין וועלכן די „דיסידענטן״ זיינען זיך פונאַנדערגעגאַנגען מיט דער אָפיציעלער פּאַר־טיי־אָנפירונג, איז פּאָרט געווען די יידן־פראַגע. די יאַסער גרופּע איז אָנגעפירט געוואָרן פון עטלעכע אינטעליגענטע און רירעוודיקע יונגע־לייט, צווישן וועלכע מיר דערמאָנען: ליטמאַן געלערטער, לעאָן געלער, מאַקס וועקסלער, מאָריס חיימאָוויטש און שוואַרץ. באַלד איז זי געוואָרן אויסשליסלעך אַ י י ד י ש ע סאָציאַליסטישע גרופּע.

די יאַסער לומינאַ האָט געפונען אַ קאָלאָסאַלן אָפּקלאַנג צווישן דער יידישער אַרעמשאַפט. כדי צו פאַרשטיין איר ווירקונג אין דער יידי־שער מאַסע, מוז מען נעמען אין אַכט, אַז דאָס איז געווען די ערשטע יידישע אָרגאַניזאַציע, וואָס האָט אַרויסגעשטעלט די לאָזונג פון קאַמף פאַר יידישער גלייכבאַרעכטיקונג. די פּאַסיוויקייט פון דער יידישער מאַסע בנוגע איר רעכטלאָזן צושטאַנד איז אין יענער צייט ניט געווען בלויז אַ רעזולטאַט פון אָפּגעשטאַנענקייט און דערשלאָגנקייט פון דער מאַסע, ווי אין אַנדערע לענדער, נאָר אַן אַלגעמיין אָנגענומענע פּאָליטישע שיטה.

די שאַרפע ווידעראַנאַנדן אין דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי זיינען דערגאַנגען ביז זייער לאָגישן סוף. די אינעווייניקסטע פּאַרטיי־דיסקוסיע האָט זיך אַלץ מער פאַרשאַרפט, די אָרגאַניזאַציע לומינאַ איז אַריבערגעוואַקסן די ראַמען פון פּאַרטייאישער דיסציפּלין. אַלע מיטגלי־דער אירע זיינען אויסגעשלאָסן געוואָרן פון דער פּאַרטיי (צי איז די פאָרמעלע אויסשליסונג געקומען ערשט נאָך דעם, ווי די „לומיניסטן״ זיינען שוין אַליין געווען אַרויסגעטרעטן פון דער פּאַרטיי, ווי עס דער־ציילן עטלעכע לעבעדיקע עדות פון יענער צייט, אָדער פאַרקערט — אין דעם דאָזיקן וויכוח ווילן מיר זיך דאָ ניט אַריינלאָזן). אין מאָל פאַר־לאָזן דעם באָדן פון דער פּאַרטיי, האָט זיך די יידישע אַרבעטער־אָרגאַני־זאַציע געפילט ווי באַפרייט פון אַ שווערן עול און האָט זיך אַריינגע־וואָרפן אין דער אַרבעט מיט נייעם מוט, מיט פרישע כוחות.

# 2. אַ יידישע סאָציאַליסטישע אָרגאַניזאַציע

אין יולי 1895 איז די אָרגאַניזאַציע לומינאַ אַרויס מיט אַן אייגענעם זשורנאַל, וואָס האָט געטראָגן דעם זעלביקן נאָמען Lumina. די ערשטע נומערן זיינען אַרויסגעגאַנגען איין מאָל אַ חודש, די שפּעטערדיקע צוויי מאָל אַ חודש, אָבער ניט גאַנץ רעגלמעסיק. די שרייבער זיינען געווען: געלער, געלערטער, וועקסלער און ברוינשטיין. דעם ברייטסטן אָרט אין זשורנאַל פאַרנעמט די פּאָלעמיק מיט דער אָנפירונג פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי אַרום דער יידן־פראַגע. די פּאָלעמיק ווערט געפירט אין אַ זייער שאַרפן טאָן. לאָמיר דאָ ברענגען עטלעכע ביישפּילן.

דער „שטאַרקסטער" אַרגומענט פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי קעגן דער פאָדערונג פון קאַמף פאַר יידישע בירגער־רעכט איז געווען, אַז פאַר די רעכט פון דער יידישער בורזשואַזיע טאָר מען ניט שטעלן אין קאַמף אַ סאָציאַליסטישע אַרבעטער־פּאַרטיי; שאַפן אַ ספּעציעל יידישע סאָציאַליסטישע אָרגאַניזאַציע איז פאַר דער דאָזיקער פּאַרטיי־אָנפירונג אַוודאי און אַוודאי געווען אסור. און יאָאַן נאַדעזשדע, איינער פון די פּאַקטישע פירער פון דער פּאַרטיי און אויך איר טעאָרעטישער וואָרטזאָגער, פאַלט אָן אויף דער יידישער אַרבעטער־אָרגאַניזאַציע מיט שאַרפע שטראָף־רייד אין דעם אָפיציעלן אָרגאַן פון דער פּאַרטיי Lumea Noua. (איבערגעגעבן אין לומינאַ פון אָקטאָבער 1895); „די לומיניסטן חיימאָוויטש אאז"וו ווילן מאַכן פון יידישע אַרבעטער און קאַפּיטאַליסטן איין פּאַרטיי", וואָס זי זאָל פריער פאַר אַלץ אויסקעמפן רעכט פאַר די יידישע קאַפּיטאַליסטן.

בכלל האַלט זיך די פּאַרטיי־קריטיק שטאָל און אייזן פאַר איר טענה, אַז די לומינאַ איז ניט קיין סאָציאַליסטישע אָרגאַניזאַציע, נאָר אַ פאַראייניקונג פון יידישע סאָציאַליסטן און יידישע קאַפּיטאַליסטן אויסצוקעמפן בירגער־רעכט פאַר דער בורזשואַזיע. אָבער די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פּאַרטיי גופא רוקט זיך דאָך דווקא ניט אָפּ פון אַ צוזאַמענאַרבעט מיט בורזשואַזע עלעמענטן, פאַרקערט — די „ליגע פאַרן אַלגעמיינעם וואַל־רעכט" איז דאָך פון איר ספּעציעל געשאַפן געוואָרן מיטן צוועק צו פאַראייניקן סאָציאַליסטישע און בורזשואַזע פּאָליטישע טוער צום בשותפותדיקן קאַמף פאַרן אַלגעמיינעם וואַל־רעכט.

אינטערעסאַנט איז די שטעלונג פון די יונגע יאַסער יידישע סאָציאַ־

ליסטן צו יידישע פראָבלעמען אין יענער צייט, נאָך אײדער עס האָבן עקזיסטירט אויסגעאַרבעטע פּראָגראַמען און פאָרמולירטע שטאַנדפּונקטן אויף דעם געביט אין אַנדערע לענדער מיט גרעסערע יידישע ישובים. אַזוי זאָגט זיך אַרויס די גרופּע מיט דער גאַנצער אַנטשיידנקייט קעגן ציוניזם. כאַראַקטעריסטיש איז אויך די שטעלונג צו דער שמד־מגפה. אַן אַרטיקל, וואָס איז געחתמעט מיטן פּסעוודאָנים „אַן אַטעאיסט" רופט צו „פאַראַכטונג צו די רענעגאַטן". אַסימילאַציע און שמד זיינען אין יענע יאָרן וואַרעם רעקאָמענדירט געוואָרן פון רומענער, וואָס זיינען געווען דווקא פריינדלעך צו יידן, ווי דאָס איינציקע מיטל צו פאַרענט־פערן די יידן־פראַגע.

אין דער פראַגע פון אָרגאַניזאַציאָנעלן בוי פאָדערט די גרופּע אַ „טאַקטיק לויט נאַציעס", און שוין אין ערשטן נומער פון דער לומינאַ פאַרטייטשט ל. ג. (געלערטער?) דעם דאָזיקן שטאַנדפּונקט אין אַ לענ־גערן אַרטיקל, אין וועלכן עס ווערט אַנגעוויזן, אַז די סאָציאַליסטישע באַוועגונג מוז זיך שטיצן אויף דער שטאָטישער אַרבעטערשאַפט. אין מאָלדאַווער געגנט איז די מערהייט פון דער שטאָטישער אַרבעטערשאַפט אַ יידישע, מוז מען זאַמלען די רומענישע און די יידישע אַרבעטערשאַפט אין באַזונדערע אָרגאַניזאַציעס.

„דערצויגן אין באַזונדערע לאַגערן, וועלן די יידישע און די רו־מענישע אַרבעטער לייכטער דערגרייכן די פולע פאַרברידערונג זייערע, ווען זיי וועלן, אין פולן באַוואוסטזיין פון זייער אינטערנאַציאָנאַלער מי־סיע, אַריינגעצויגן ווערן אין דער באַוועגונג" . . . „די באַפרייאונג פון אַ נאַציע קען ניט דורכגעפירט ווערן דעמאָלט, ווען זי אַליין שלאָפט און רירט זיך ניט. ס'איז אַ גאַנץ נאַטירלעכע זאַך, אַז אין קאַמף פאַר פּאָליטישער באַפרייאונג, אין קאַמף פאַר אָפּשאַפן די עקאָנאָמישע אונ־טערדריקונג מוזן זיך יענע טיילן פון פּראָלעטאַריאַט, וואָס רעדן באַזונ־דערע שפּראַכן, גרופּירן אין באַזונדערע גרופּעס".

די „טאַקטיק לויט נאַציעס" ווערט אַרומגערעדט אין זשורנאַל אויך פון „געגנטיליס" (מאַקס וועקסלער). ער שרייבט אין סעפּטעמבער 1895:

„אַן אַנדערע שפּראַך איז עס, אויף וועלכער מיר דאַרפן רעדן צום רומענישן שטאָטישן אַרבעטער, און אַן אַנדערע, אויף וועלכער מיר רעדן צום פּויער, און ענדלעך איז עס אַ גאַנץ אַנדערע שפּראַך, וועלכע ס'פאַר־שטייט דער ייד" . . . „אונזער פּראָפּאַגאַנדע צווישן יידן דאַרף זיין אויפ־געבויט אויף נאַציאָנאַלער טאַקטיק; מען וועט מוזן צולאָזן אויפבויען אין דער פּאַרטיי ספּעציעלע קלובן פאַר יידישע אַרבעטער, סעקציעס וכדומה".

ווי מען זעט פון די געבראַכטע ציטאַטן, האָבן די „לומיניסטן" אין די פּראָגראַם־פראַגן און אַפילו אין דער פראַגע פון אָרגאַניזאַציאָנעלע פאָרמען אַנגענומען די זעלביקע פּלאַטפאָרם, ווי דער בונד, נאָך איידער

דער בונד אין רוסלאַנד האָט זיך געגרינדעט. דאָס באַווייזט, אַז די דאָזיקע אידייען האָבן זיך אַזוי צו זאָגן „געטראָגן אין דער לופט", דאָרט וואו עס האָבן געלעבט יידישע מאַסן, אויך מחוץ די גרענעצן פון רוס־לאַנד. ס'איז אָבער אויך קיין ספק ניט, אַז עס האָט ניט געפעלט דער גייסטיקער איינפלוס פון די יידישע אַרבעטער־צענטרען אין אַנדערע לענדער אויף דער יונגער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג אין רומעניע, ספּעציעל דער איינפלוס פון שכנותדיקן רוסלאַנד ערב דער גרינדונג פון בונד, נאָר קיין ענגערער קאָנטאַקט מיט די יידישע אַרבעטער־אָרגאַ־ניזאַציעס פון רוסלאַנד האָט ניט עקזיסטירט.

„פּראָפּאַגאַנדע אין זשאַרגאָן" ווערט די לאָזונג פון טאָג ביי די „לו־מיניסטן". אין די באַריכטן וועגן פאַרזאַמלונגען אין יאַס און אין אַנ־דערע שטעט ווערט אַלץ אָפטער אונטערגעשטראָכן ביי איינציקע רעד־נער, אַז זיי האָבן גערעדט „זשאַרגאָן". אָבער מיט יידישע ר ע ד ע ס אַליין ווילן זיך די טוער פון דער יידישער אַרבעטער־אָרגאַניזאַציע אין רומעניע ניט צופרידנשטעלן, אין דער לומינאַ נעמען זיך באַווייזן כסדר אַרטיקלען וועגן דעם, אַז ס'איז נייטיק אַ צייטונג אין „זשאַרגאָן".

דאָ איז דאָס אָרט צו באַמערקן, אַז די פראַגע וועגן אַ יידישער סאָציאַליסטישער צייטונג איז דעמאָלט ניט געווען קיין נייע. זי איז דיס־קוטירט געוואָרן אין דער פּאַרטיי־אָנפירונג נאָך מיט יאָרן צוריק, איי־דער עס האָט זיך געשאַפן די באַזונדערע אָרגאַניזאַציע פון יידישע סאָ־ציאַליסטן אין יאַס. אויפן צווייטן קאָנגרעס פון דער רומענישער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי (אַפּריל 1894) איז אַפילו באַהאַנדלט געוואָרן דער פאָרשלאַג פונעם יידישן דעלעגאַט פענעסטער צו שאַפן אַ פּאַרטיי־אָרגאַן „אין יידישן זשאַרגאָן". דער דאָזיקער פאָרשלאַג איז דעמאָלט איינשטימיק אָפּגעוואָרפן געוואָרן איבער מאַטעריעלע טעמים. די דיס־קוסיע באַווייזט, אַז אין דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי האָט זיך שטאַרק געפילט די נייטיקייט פון אַ יידישן אָרגאַן — די צאָל יידיש־ריידנ־דיקע פּאַרטיי־מיטגלידער איז שוין קענטיק דעמאָלט געווען אַ גרויסע. אין דער דיסקוסיע האָט איין רעדנער פאָרגעלייגט, אַז היות ווי ס'איז נאָך ניט מעגלעך אַרויסצוגעבן אַ ספּעציעלע יידישע צייטונג, זאָל מען דערווייל דרוקן אַלע וויכטיקערע מאַניפעסטן פון דער פּאַרטיי אויך „אויף זשאַרגאָן". בתשובה דערויף האָבן די פירער מאַרצון און נאַדעזשדע אַנ־געוויזן, אַז עס זיינען פאַראַן אַרבעטער אויך פון אַנדערע נאַציעס (ספּע־ציעל דייטשן און אונגאַרן), וועלכע וואָלטן זיך אויך געניטיקט אין צייַ־טונגען אויף זייערע שפּראַכן. דער יידישער סאָציאַליסט סטענקאָ, וועגן וועלכן מיר האָבן אויבן געשריבן, האָט געזאָגט, אַז דערווייל „פעלן נאָך מענטשן מיט דער געהעריקער בילדונג, וואָס וואָלטן געקענט שרייבן אויף זשאַרגאָן"; ער האָט דעריבער רעקאָמענדירט אַריינצופירן די „זייער גוט רעדאַגירטע" אַמעריקאַנער זשורנאַלן די צוקונפט און די

אַרבייטער צייטונג. אָפּוואַרפנדיק דעם פאָרשלאָג וועגן גרינדן אַ יידישע צייטונג, האָט דער קאָנגרעס אָנגענומען אַ רעזאָלוציע, וואָס איז אַריינגעטראָגן געוואָרן פון סטענקאָ, אין וועלכער די יידישע אַרבעטער ווערן גערופן „זיך צו לערנען רומעניש"; אויב אָבער זיי קענען זיך פאָרט ניט אויסלערנען רומעניש, זאָלן זיי אויסשרייבן צייטונגען און זשורנאַלן פון אויסלאַנד.

מיט צוויי יאָר שפּעטער האָט זיך אָבער פאַר די יאַסער „לומיניסטן" פיל שאַרפער געשטעלט די דאָזיקע פראַגע; אַ יידישע צייטונג איז געוואָרן אַ לעבנס־פראַגע פאַר דער יידישער אַרבעטער־אָרגאַניזאַציע.

אַזאַ צייטונג האָט טאַקע אָנגעהויבן צו דערשיינען — איר נאָמען איז געווען דער וועקער. מאַטעריעלע מיטלען אַרויסצוגעבן צוויי צייטונגען זיינען ניט געווען, האָט מען דעריבער אָפּגעשטעלט די צייטונג אין דער רומענישער שפּראַך — לומינאַ. דער זשורנאַל לומינאַ איז אַרויסגעגאַנגען ביזן 15־טן אָקטאָבער 1897 — סך הכל 27 נומערן.

## 3. אַ וואָכנבלאַט אין דער יידישער שפּראַך

די יידישע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציע פון רומעניע האָט אָנגעהויבן זאָגן איר וואָרט צו די מאַסן דורך די שפּאַלטן פון יידישן וועקקער. דעם 1־טן מאַי (לויט דעם דעמאָלט הערשנדיקן פּראַוואָסלאַוונעם קאַלענדאַר: 19־טן אַפּריל) 1896 האָט זיך באַוויזן דער ערשטער נומער. אין אַ באַגייסטערטן אַרטיקל ווערט אָנגעוויזן דער וועג, אויף וועלכן עס וועט גיין די צייטונג:

„נישט פאַר די רייכע, נישט פאַר די געזעטיקטע נגידים. נישט פאַר יענע, וואָס האָבן גענוג מיטלען אויסצובילדן זיך און זייערע קינדער, נאָר פאַר אייך, יידישע אַרבעטער! איר וואָס טראָגט פון דור דורות די קייטן פון אָרעמקייט און גויט, צו אייך ווענדט זיך דער וועקקער. אייערע צרות און אייער טרויעריקע לאַגע וויל ער באַשרייבן; כדי אייך צו פאַרשאַפן גערעכטיקייט, וויל ער זיין שטים לאָזן הערן. און ווי אַזוי איר קענט זיך באַפרייען פון דער קנעכטשאַפט, וויל ער אייך דעם וועג וויזן" (די און וייטערדיקע ציטאַטן זיינען בכלל אין אַ הייגנטצייטיקן יידיש, אָן די דייטשמעריזמען פון אָריגינאַל).

אין קורצע שטריכן ווערט באַלויכטן אין אָט דעם אַריינפיר די קלאַסן־צעטיילונג פון דער געזעלשאַפט. עס ווערט געשילדערט דער גרויסער כוח פון אַרבעטער־קלאַס. די יידישע אַרבעטער ווערן גערופן „אויך מיט אַלע אַנדערע אַרבייטער אָהנע אונטערשיעד פאָן רעליגיאָן און נאַציאָנאַליטעט זיך צו פעראייניגען". עס ווערט אָנגעוויזן אויף דער נויטווענדיקייט אויפצובויען עקאָנאָמישע (פּראָפעסיאָנעלע) פאַראיינען, און מיטן רוף צום פּאָליטישן קאַמף פאַרענדיקט דער אַרטיקל:

„דער וועקקער רופט אייך, יידישע אַרבעטער, צום פּאָליטישן קאַמף. איר וואָס זענט געבוירן און דערצויגן אין רומעניע, וואָס צאָלט שטייערן, וואָס דינט אין מיליטער — איר האָט נישט אין דעם לאַנד קיין שום רעכט. איר ווערט באַטראַכט ווי פרעמדע. יעדער קלענסטער פּאָליציי־טשינאָווניק אונטערדריקט און פאַרפאָלגט אייך. כדי זיך צו באַפרייען פון דער דאָזיקער טרויעריקער לאַגע, מוזט איר קעמפן מיט דער גאַנצער מאַכט פאַר דער פּאָליטישער גלייכהייט מיט די רומענישע איינוואוינער פון לאַנד. איר מוזט פאָדערן פּאָליטישע רעכט פאַר דעם אונטערדריקטן יידישן פאָלק. פּאָליטישע רעכט וועלן פאַר אייך זיין דאָס שטאַרקסטע געווער אין דעם קאַמף פאַר פאַרבעסערן אייער לאַגע".

דער וועקקער — אַ וואָכנבלאַט — האָט געשפּילט אַ גרויסע ראָל אין דער אויפלעבונג פון דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג אין רומעניע.

פון אַלע טײלן לאַנד דערצײלט מען אַלץ דאָס אײגענע — עוולות, צרות אָן אַ שיעור. דער װעקקער האָט זײנע שפּאַלטן געעפנט, ער דערצײלט, ער פּראָטעסטירט קעגן די „פּערזעקוציאָנען", ער מוסרט. די ייִדישע אָרעמשאַפט רעדט דורכן װעקקער.

אָרגאַניזאַציעס לעבן אויף. אַלטע אַרבעטער־פאַראײנען װערן אויפגעשטעלט פון דאָס נײ, נײע פאַראײנען װערן געגרינדעט. אין יאַס פירן אַ רירעװודיקע טעטיקײט די האַנדלס־אַנגעשטעלטע, די בעקער, די סטאָליער. די לעצטע פירן אַ קאַמף פאַר אַ װאָכן־לוין אויפן אָרט פון אַ שטיק־לוין; זײערע לוין־באַדינגונגען װערן באַהאַנדלט אין אַרטיקלען און אויף פאַרזאַמלונגען. אויך די מאַלער־ און די בלעכער־אַרבעטער רירן זיך. אין בראַילע אָרגאַניזירן זיך שוסטער, בלעכער און סטאָליער. אין טעקוטש האַנדלס־אַנגעשטעלטע, אין טערג־פרומאָס די בלעכער, אין פּאַקשאַן די קעלנער. ייִדישע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס פון אַלע פאַכן צוזאַמען װערן געגרינדעט אין פּאַלטיטשען, מאַינעשט. װעגן לוין־קאַמפן, דאָס רוב הצלחהדיקע, דערװיסן מיר זיך פון יאַס, גאַלאַץ, בערלאַד, האַרלאַו א״א.

ל. געלערטער פאָרט אַרום איבערן לאַנד, האַלט לעקציעס אויף פאַרשײדענע טעמעס און רעדט אויף אַרבעטער־פאַרזאַמלונגען: אין באַקאַו, פּיאַטראַ־ניאַמץ, בראַילע, גאַלאַץ, האַרלאַו, מאַינעשט, פּאַלטיטשען א״א. אומעטום װערט ער אויפגענומען מיט באַגײסטערונג. אַ נײ װאָרט האָט געװנומען קלינגען איבער דער פינצטערער ייִדישער גאַס פון רומעניע, אַ װאָרט װאָס װעקט די שלאָפנדיקע.

אין די אַלגעמײנע פּאָליטישע און ייִדישע פראַגן איז דער װעקקער געגאַנגען אויף דעם װעג, װעלכן ס'האָט פריער אָנגעװיזן די לומינאַ. װי װילד נאַריש און בײזװיליק אויסגעטראַכט ס'איז געװען דער בילבול פון דער רומענישער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטײ־אָנפירונג, אַז די ייִדישע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציע װיל אַרומנעמען אי ייִדישע אַרבעטער, אי קאַפּיטאַליסטן קאָן מען פעסטשטעלן פון יעדן אַרטיקל, פון יעדער נאָטיץ אין װעקקער. די צײטונג לאָזט ניט אַדורך קײן אײן געזעלשאַפטלעכע פראַגע: אומעטום װערט אָװעקגעשטעלט אַ שאַרפע מחיצה צװישן אַרבעטער און קאַפּיטאַליסט, די קלאַסן־ליניע אויף דער ייִדישער גאַס. מען טענהט זיך אויס מיט רעליגיע און אויך מיט דער שמד־מגפה, מען פּאַלט אָן אויף חסידים און כלי־קודש, און אויך פאַר דער ייִדישער פילאַנטראָפּיע װײזט דער װעקקער ניט אַרויס קײן ברעקל דרך־ארץ.

אויך אין קאַמף פאַר פּאָליטישע רעכט שטרײכט אונטער דער װעקקער מיט דער גאַנצער שאַרפקײט דעם אַרבעטער־שטאַנדפּונקט. אַן אַרטיקל מיטן קעפּל „אחינו בני ישראל" (נומ' 3) לאַכט זיך אויס פון יענער אחדות, װאָס באַשטײט אין דעם, אַז „מ'דאַװנט פון אײן סידור, מ'זאָגט אַלע אײן און די זעלבע שמונה עשרה און מ'טרינקט אין אײנעם לחיים". די אויפ־

גאַבע פון וועקקער, זאָגט דער אַרטיקל, איז „צו פּאַרטיידיקן די יידישע נאַציע און פאַר איר קעמפן דאָרט, וואו זי ווערט פּאָליטיש אונטער־דריקט; דאָרט, וואו זי ווערט באַרויבט פון מענטשן־רעכט, און בכלל פאַר פרייהייט און גלייכהייט, ווייל דאָרט, וואו איין קלאַס וויל עקספּלואַטירן אַ צווייטן קלאַס, דאָרט האָט די ברידערשאַפט באַלד אויפגעהערט". און ער פאַרענדיקט: „כל העבדים אחים הם! אַלע שקלאַפן זיינען ברידער". אַזוי ווי פריער די לומינאַ, אַזוי זאָגט זיך איצט אויך דער וועקקער קאַ־טעגאָריש אַרויס קעגן ציוניזם.

אין נומ' 17 (21־סטן אויגוסט 1896) ברענגט דער וועקקער אַ לייט־אַרטיקל אונטערן קעפּל „יודען־שטאַאַט". דער אַרטיקל איז אַרויסגערופן געוואָרן דורך דעם, וואָס מיט אַ קורצער צייט צוריק „איז דערשינען אַ בראָשור פון אַ געוויסן דאָקטאָר הערצל. ער באַהאַנדלט דאָרט די פראַגע וועגן גרינדן אַ יידן־שטאַאַט. די בראָשור האָט געמאַכט אַ זייער גרויסן ליאַרם צווישן דער יידישער באַפעלקערונג . . .". דער וועקקער באַגנוגנט זיך מיט דעם איינעם אַרטיקל, וואָס איז געשריבן ווי אַ מין הקדמה צו אַ גענויער אָפּהאַנדלונג וועגן ציוניזם, וואָס האָט באַדאַרפט קומען און איז אָבער ניט דערשינען. דער דאָזיקער הקדמה־אַרטיקל רעדט אַרום די פראַגע פון נאַציאָנאַליזם; די קעגנער זאָלן ניט זאָגן אַז „מיר זיינען יידן־פיינט און דעריבער זיינען מיר קעגן ישוב ארץ־ישראל". וועגן דער באַציאונג פון סאָציאַליסטן צו דער אייגענער נאַציע ווערט אין אַרטיקל געזאָגט:

„כאָטש מיר זיינען אינטערנאַציאָנאַל, מיר זאָגן, אַז אַלע פעלקער, אָן אונטערשייד פון נאַציע און רעליגיע, דאַרפן זיין ברידערלעך פאַראייניקט, דאָך וואַרפן מיר נישט אָפּ דעם ריינעם נאַציאָנאַליזם. מיט דעם, וואָס מיר זיינען אינטערנאַציאָנאַלע סאָציאַל־דעמאָקראַטן, הערן מיר נישט אויף צו זיין אויך יידן. ווייל דער מענטש, וואָס קען זיך נישט דערהייבן ליב צו האָבן זיין פאָלק, פון וועלכן ער שטאַמט און פאַר אים זיך מקריב זיין, אַזעלכער קען נאָך ווייניקער זיין אַזוי אידעאַליסטיש זיך מקריב זיין פאַר אַנדערע. און פונקט ווי אַ מענטש, ווען ער ווערט אַ פריינט פון פיל אַנדערע מענטשן, הערט נישט אויף ליב צו האָבן זיין פאַמיליע, עלטערן, קינדער און ברידער, אַזוי איז אויך בנוגע דעם פאָלק. דער, וואָס איז אינטערנאַציאָנאַל און האָט ליב אַלע פעלקער, הערט נישט אויף אויך ליב צו האָבן זיין פאָלק".

## 4. אַפּעל צו דער אינטערנאַציאָנאַלער סאָציאַליסטישער באַוועגונג

פאַר די, וואָס קענען דעם שאַרפן קאַמף פון דער לומינאַ קעגן דער דעמאָלטיקער אָנפירונג פון דער רומענישער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי צוליב דער איינשטעלונג אין דער יידן־פראַגע, איז ממש אַ רע־טעניש, וואָס אין דעם גאַנצן קאָמפּלעט וועקקער פעלט לחלוטין דער מינדסטער רמז אויפן אינעווייניקסטן פּאַרטיי־קאַמף, בעת אין דער לו־מינאַ איז וועגן דעם געווען פול. דאָס דערקלערט זיך קודם דערמיט, וואָס דער קאַמף מיט דער פּאַרטיי־אָנפירונג איז שוין אין יענער צייט היפּש אָפּגעשוואַכט געוואָרן. האָט אפשר די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פּאַרטיי חרטה געהאַט אויף איר רעאַקציאָנערער שטעלונג אין דער יידן־פראַגע? ניין, גיכער פאַרקערט; אָבער די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פּאַרטיי איז באַלד געקומען צו אַזאַ צושטאַנד, אַז ס'איז כמעט שוין ניט געווען מיט וועמען צו קעמפן.

צום קאָנגרעס פון סאָציאַליסטישן אינטערנאַציאָנאַל, וואָס איז אָפּגע־האַלטן געוואָרן אין חודש יולי 1896 אין לאָנדאָן, האָט די יאַסער יידישע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציע צוגעשיקט אַ באַריכט פון דער סאָציאַל־דעמאָ־קראַטישער גרופּע „לומינאַ", געשריבן אין דייטש. דער באַריכט גיט אַן אָביעקטיווע שילדערונג פון דער סאָציאַל־עקאָנאָמישער און יורידישער לאַגע פון די יידן אין רומעניע.

אַ גאַנץ קליינעם פּלאַץ פאַרנעמט אין דעם דאָזיקן דאָקומענט דער באַריכט וועגן דער אייגענער אָרגאַניזאַציע לומינאַ, וועגן וועלכער עס ווערט געזאָגט, אַז זי האָט געזאַמלט „אָנהענגער־גרופּעס" אין אַלע שטעט און שטעטלעך פון מאָלדאַווע, וואָס זיינען „די עלעמענטן פון אַ וואַקסנ־דיקער אַרבעטער־פּאַרטיי". דער באַריכט גיט קודם אַ שילדערונג פון דעם פאַקטישן הפקר־צושטאַנד פון דער יידישער באַפעלקערונג אין רומעניע. פון עקאָנאָמישן שטאַנדפּונקט באַטראַכט, איז די יידישע באַ־פעלקערונג, וואָס זי טיילט זיך אויף אַ בירגערלעכן מיטל־קלאַס און אַן אַרבעטער־קלאַס, אַן „עקאָנאָמישער פאַקטאָר פון דעצידירנדיקער ווער־דע"; פיר פינפטל פון דער אַלגעמיינער באַפעלקערונג אין רומעניע גע־הערן צום פּויערים־קלאַס; די עקאָנאָמישע און פּאָליטישע טעטיקייט פונעם לאַנד קאָנצענטרירט זיך בעצם אין די שטעט, וואו יידן זיינען

דער וויכטיקסטער ווירטשאַפטלעכער טייל פון דער באַפעלקערונג. דער קאַמף פון די הערשנדיקע שטאַטישע עלעמענטן קעגן דער יידישער באַפעלקערונג איז פאַקטיש, מחמת דעם סאָציאַלן צוזאַמענשטעל פון די ביידע טיילן באַפעלקערונג, אַ קאַמף פון דעם אַפגעשטאַנענעם פעאָדאַליזם קעגן דער אַנטוויקלונג פון דעם אייראָפּעאיש־קאַפּיטאַליסטישן ווירטשאַפט־סיסטעם. אויב די יידישע בורזשואַזיע און דער יידישער פּראָלעטאַריאַט אַנטוויקלען זיך ביידע פּאַראַלעל, איז פון דעם געדרונגען, אַז ביידע קלאַסן האָבן אַ גלייכן אינטערעס זיך אויסצוקעמפן פּאָליטישע רעכט אין דער רומענישער מלוכה. די סאָציאַל־דעמאָקראַטיע אין רומעניע וועט ניט קאָנען ווערן קיין שטאַרקע אַרבעטער־פּאַרטיי, ביז דער יידישער פּראָלעטאַריאַט וועט ניט באַקומען די מעגלעכקייט פאַר פּאָליטישער טעטיקייט. אין קאַמף פאַר אירע פּאָליטישע רעכט האָט די יידישע אַרבעטערשאַפט אַ נאַטירלעכן מיטקעמפער אין דער יידישער בורזשואַזיע. די יידישע בורזשואַזיע אין רומעניע האָט, „מאַרקסיסטיש גערעדט, נאָך אַ רעוואָלוציאָנערע און שוין אַ רעאַקציאָנערע זייט".

דער קאַמף פאַר די רעכט פון דער יידישער באַפעלקערונג שאַפט אַ בשותפותדיקע פּלאַטפאָרם פאַר דער יידישער בורזשואַזיע און דעם יידישן פּראָלעטאַריאַט. דער קלאַסן־היפּוך ווערט אָבער מחמת דעם ניט אָפּגעשאַפט, די סאָציאַל־דעמאָקראַטיע האָט דעם חוב שטענדיק אונטערצושטרייכן די טיפע עקאָנאָמישע סתירות צווישן דער בורזשואַזיע און דעם פּראָלעטאַריאַט. דער באַריכט ענדיקט זיך מיט אַן אַפּעל צום קאָנגרעס אַריינצונעמען די יידישע פראַגע פון רומעניע אין דער דיסקוסיע און אויסצודריקן זיין שטעלונג צו דעם פּראָבלעם פון יידן אין רומעניע, אַזוי ווי צו דער פראַגע פון אונטערדריקטע פעלקער.

דער באַריכט איז געחתמעט פון מ. חיימאָוויטש, ל. געלערטער, לעאָן געלער, ראובן שוואַרץ, מאַקס וועקסלער — פאַרן „פאַרשטאַנד" (אָנפירונג) פונם פאַראיין „לומינאַ" (יאַס).

מען קאָן היינט געוויס ניט מסכים זיין מיט אַלע באַגרינדונגען פונם באַריכט; ספּעציעל געפינען מיר, אַז אין דער אָפּשאַצונג פון דער עקאָנאָמישער ראָל פון יידן אין רומעניע דערנענטערט זיך דער באַריכט ממש צו אַ מין „אתה־בחרתנו"־שטאַנדפּונקט, וועלכער איז ניט ריכטיק אויך פאַר רומעניע פון סוף 19־טן יאָרהונדערט. ווי וויכטיק עס זאָל ניט געוועזן זיין (און געבליבן) די עקאָנאָמישע ראָל פון יידן אין רומעניע, טאָרן זיי אָבער פאָרט ניט אָוועקגעשטעלט ווערן ווי אַן „עקאָנאָמישער פאַקטאָר פון דעצידירנדיקער ווערדע" פאַרן לאַנד, בעת אין דער אייגענער צייט ווערט לחלוטין ניט געגומען אין אַכט ווי אַן עקאָנאָמישער פאַקטאָר די פּויערים־מאַסע, אַ פּאָליטיש רעכטלאָזע כמעט ווי יידן, דורכאויס אַ פּראָדוקטיווע מאַסע, פיר פינפטל פון דער גאַנצער רומענישער באַפעלקערונג. אויך האַלטן מיר, אַז עס איז טאַקטיש ניט ריכ־

טיק געווען אונטערצושטרייכן דעם קאָלאָסאַלן אַנאַלפאַבעטיזם פון דער אַלגעמיינער באַפעלקערונג אין רומעניע און דערביי אָנווייזן, אַז די יידישע אַרבעטערשאַפט איז קולטורעל אַנטוויקלונגס־פעאיקער ווי דער קריסטלעכער פּראָלעטאַריאַט און אַז צווישן די יידישע אַרבעטער זיינען ממש ניטאָ קיין אַנאַלפאַבעטן.

די דאָזיקע איבערשאַצונג אויף איין זייט און גרינגשאַצונג אויף דער צווייטער זייט דערקלערט זיך מיט דער שאַרפקייט פונעם קאַמף קעגן דער אָנפירונג פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי אין רומעניע. לגבי דער פיינטלעכער באַציאונג פון דער פּאַרטיי־אָנפירונג צום קאַמף פאַר יידישער גלייכבאַרעכטיקונג האָבן די מחברים געהאַלטן פאַר נייטיק וואָס שטאַרקער אונטערצושטרייכן די עקאָנאָמישע חשיבות פון יידן, ווי די כמעט איינציקע טרעגער פונם קאַפּיטאַליזם, ווי די פּיאָנערן פון קאַפּיטאַליסטישן פּראָגרעס אין לאַנד פון נאַטוראַלער ווירטשאַפט, כדי צו דערווייזן אויף אַ בולטן אופן, אַז דער קאַמף קעגן דער יידישער רעכטלאָזיקייט דינט די אינטערעסן פונעם גאַנצן פּראָלעטאַריאַט. די אָנגעוויזענע פעלערן פאַרקלענערן אָבער ניט די ווערדע פון דעם באַריכט, פון אָט דער ערשטער שאַרפער מאַניפעסטאַציע פון די יידישע סאָציאַליסטן אין רומעניע אויף אַן אינטערנאַציאָנאַלן אַרבעטער־פאָרום קעגן דער אונטערדריקונג פונם יידישן פאָלק.

# 5. די רומענישע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פּאַרטיי

וואָס שייך דער רומענישער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי, האָט זי ניט מער לאַנג איבערגעלעבט דעם אינטערנאַציאָנאַלן סאָציאַליסטישן קאָנגרעס אין לאָנדאָן. זי האָט זיך אַזוי לאַנג „צוגעפּאַסט” צו די הערשנדיקע באַדינגונגען אין לאַנד, ביז זי האָט פאַרלוירן יעדע השפּעה אויף די מאַסן.

נישט געקוקט דערויף וואָס די פירער זיינען געשטאַנען אויף דער וואַך, אַז די פּאַרטיי זאָל חלילה ניט פאַרלאָזן דעם דרך־הישר, איז אָבער די באַוועגונג פּאַרט געקומען אין אַ שאַרפן קאָנפליקט מיט דער מלוכה־מאַכט. דאָס איז געשען, ווען די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי האָט זיך דערוועגט אָנצורירן די באַיאַרישע ממשלה אין איר סאַמע ווייטאָגדיקסטן פּונקט — אין פאַרשלאָפענעם דאָרף. אויפן צווייטן קאָנגרעס פון דער פּאַרטיי, אין 1894, איז איינשטימיק באַשלאָסן געוואָרן אָנצוהייבן אַ פּראָפּאַגאַנדע צווישן די פּויערים. נאָכן שאַפן העכער הונדערט סאָציאַליסטישע קלובן אין די דערפער, האָט די רעגירונג געענטפערט מיט אַ ווילדן טעראָר.

די פּאַרטיי איז ווייטער געגאַנגען מיטן וועג באַרג אַראָפּ. אויפן 4־טן קאָנגרעס (אַפּריל 1897) האָבן זיך שוין גאַנץ קלאָר געפילט ליקווידאַטאָרישע טענדענצן; די ביידע פּאַרטיי־פירער, מאָרצון און ראַדאָוויטש, האָבן צוזאַמען מיט נאָך אַ דריטן דעלעגאַט אַריינגעטראָגן אַ פאָרשלאָג, אַז די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פּאַרטיי זאָל זיך פאַרוואַנדלען אין אַ רומעניש־נאַציאָנאַלער פּאַרטיי. אַלע יידישע מיטגלידער זאָלן, הייסט עס, פאַרלאָזן די פּאַרטיי. מאָטיווירט איז געוואָרן דער דאָזיקער פאָרשלאָג דערמיט, אַז יידן האָבן סיי ווי ניט קיין פּאָליטישע רעכט און קענען מחמת דעם ניט ברענגען קיין נוצן; פאַר אַ פּאָליטישער פּאַרטיי זיינען זיי נאָר אַן איבעריקער באַלאַסט. מען גיט איבער, אַז נאָך דער פאַרניכטונג פון דער פּויערים־אָרגאַניזאַציע האָט די רעגירונג צו וויסן געגעבן די פּאַרטיי־פירער, אַז אויב זיי וועלן ניט ווי צום גיכסטן ליקווידירן די פּאַרטיי, וועלן זיי האָבן דעם אייגענעם סוף ווי די פאַרמשפּטע חברים זייערע, פּיקשינעסקו און באַנגערעאַנו (די פירער פון די סאָציאַליסטישע פּויערים־אָרגאַניזאַציעס). מאָרצון און ראַדאָוויטש, און צוזאַמען מיט זיי

נאָך פיל אַנדערע אָנפירנדיקע און אַקטיווע מיטגלידער פון דער פּאַרטיי, האָבן זיך אונטערגעגעבן דעם אולטימאַטום: זיי האָבן געשאַפן אַ נייע טעאָריע וועגן דער „ברייטהאַרציקער" צופּאַסונג פון דער פּאַרטיי צו די לעבנס־באַדינגונגען אין רומעניע און אַרויסגעשטעלט די נויטווענדיקייט אַריינצוטרעטן אין דער ליבעראַלער פּאַרטיי, וועלכע איז די פּאַרטיי פון קאַפּיטאַליסטישן פּראָגרעס, וואָס וועט ערשט שאַפן די הנחות פאַר דער אַנטוויקלונג פון דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג אין רומעניע. אַזוי האָט זיך געענדיקט אָט דער פּראָצעס פון צעפאַל מיטן פולן באַנקראָט פון דער פּאַרטיי. די געוועזענע פירער, ראַדאָוויטש און מאַרצון, זיינען געוואָרן מיניסטאָרן, און אויך אַ ריי אַנדערע אָנפירער פון דער פּאַרטיי זיינען פאַרזאָרגט געוואָרן מיט הויכע מלוכה־פּאָסטנס אין די רייען פון דער ליבעראַלער פּאַרטיי.

נאָך דעם דאָזיקן אומקום פון דער אָפיציעלער רומענישער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי איז די יידישע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציע אויף אַ צייט פון יאָרן אויך פאָרמעל פאַרבליבן די איינציקע פאָרטרעטערין פון דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג אין רומעניע. פונדעסטוועגן האָט מען זיך ניט געקענט ריכטן, אַז דער דאָזיקער חורבן זאָל לאָזן אומ־באַרירט די יידישע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציע. אַנטוישונג און פאַרביטע־רונג האָבן אַרומגעכאַפּט אויך די יידישע אַרבעטער. די אָרגאַניזאַציע, וואָס האָט אָנגעהויבן איר טעטיקייט מיט אַזוי פיל באַגייסטערונג, האָט זיך גענומען ברעקלען. דערצו האָט זיך אַ לאַז געטאָן אַ כוואַליע רדיפות קעגן יידישע סאָציאַליסטן. . . . די יידישע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס אין מאָלדאַווע זיינען ביסלעכוויז אַנטשוויגן געוואָרן.

**

אין 1907 איז געשאַפן געוואָרן אַ סאָציאַליסטישע אוניע. די רעגי־רונג האָט זי באַגעגנט מיט רדיפות און אַרויסשיקן פון לאַנד אַ גרויסע צאָל סאָציאַליסטן, דאָס רוב יידן. נאָך דעם איז אַנטשטאַנען אַ נייע סאָ־ציאַל־דעמאָקראַטישע פּאַרטיי אונטער דער אָנפירונג פון ק. פּרימו און כ. ראַקאָווסקי. אויפן ערשטן קאָנגרעס פון דער פּאַרטיי, אָנהויב 1910, איז אַריינגענומען געוואָרן אין פּראָגראַם די פאָדערונג פון גלייכבאַרעכטי־קונג פאַר יידן אין רומעניע.

צווישן די ערשטע, וואָס האָבן זיך געשטעלט אין די רייען פון דער נייער פּאַרטיי, זיינען געווען די יידישע סאָציאַליסטן. די טוער פון דער יידישער סאָציאַליסטישער אָרגאַניזאַציע זיינען געבליבן געטריי דער באַוועגונג.

די ניי־אויפגעלעבטע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע אָרגאַניזאַציעס פון מאָלדאַווע זיינען אויך איצטער אין זייער גרעסטן רוב געווען יידישע. אָבער ספּעציעל יידישע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס האָבן מער קיין קיום

ניט געהאַט. נאָר איין מאָל, אין 1915, ווערט געמאַכט אַ פּרואוו אויפצו־בויען אַ ספּעציעלע יידישע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציע אין יאַס, אונטערן נאָמען קרייז וועקער (פון יולי 1915 ביז מערץ 1916). ווי די צייטן האָבן זיך געביטן! מיט 20 יאָר צוריק האָט דאָס דערשיינען פון וועקער אַרויסגערופן צאָרן און פאַרביטערונג מצד דער אָפיציעלער פּאַרטיי־אָנפירונג; אין יאָר 1916 באַגריסט דער אָפיציעלער פּאַרטיי־אָרגאַן (די טעגלעכע צייטונג לופּטאַ) דעם יידישן ברודער־אָרגאַן אין אַ וואַרעמען אַרטיקל. אָבער לאַנג האָט אָט די באַנייטע וועקער־אָרגאַניזאַציע ניט געלעבט. די שטרעבונגען ווידער אויפצובויען אַ יידישע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציע האָבן זיך ניט געקענט אַנטוויקלען, ווייל באַלד איז אויך רומעניע אַריינגעריסן געוואָרן אין פייער פון דער וועלט־מלחמה.

# 6. דער בונד אין גרויס־רומעניע

נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה האָט רומעניע איינגעגלידערט אין זיך נייע פּראָווינצן. אין צוויי פון זיי זיינען פריער געווען שטאַרקע יידישע סאָציאַליסטישע פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציעס: אין בעסאַראַביע — אָר־גאַניזאַציעס פון אַלגעמיינעם יידישן אַרבעטער־בונד אין ליטע, פּוילן און רוסלאַנד, אין בוקאָווינע — אָרגאַניזאַציעס פון דער יידישער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי אין גאַליציע און בוקאָווינע. פון זיי, צוזאַמען מיט אָרגאַניזאַציעס פון אַלט־רומעניע, איז געשאַפן געוואָרן דער בונד אין דער רומענישער מלוכה.

(וועגן דער יידישער סאָציאַליסטישער (בונדישער) באַוועגונג אין בעסאַראַביע און בוקאָווינע ביזן סוף פון דער ערשטער וועלט־מלחמה — אין די ערשטע דריי בענדער די געשיכטע פון בונד (ניו־יאָרק 1960, 1962, 1966).

אין די לעצטע חדשים פון דער עסטרייכישער ממשלה איז שוין געווען קלאָר, אַז דער צוזאַמענברוך פון דער מאָנאַרכיע איז אומפאַר־מיידלעך. איבערן קאָפּ פון דער באַפעלקערונג האָט געשוועבט אַן אומ־באַשטימטער גורל. דעמאָלט האָט מען גענומען פילן דעם אָרגאַניזאַטאָ־רישן כוח פון דער פּאַרטיי, בפרט אויף די געביטן פון באַשפּייזונג און וואוינונגען.

אָנהייב סעפּטעמבער 1918 האָט די יידישע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע אָרגאַניזאַציע אָפּגעהאַלטן אַ קאָנפערענץ, אין וועלכער ס׳האָבן זיך באַ־טייליקט דעלעגאַטן פון טשערנאָוויץ און פון דער פּראָווינץ. דאָס איז געווען אַ קאָנפערענץ פון אַ נייעם בראשית, אַ גרייטקייט פאַר דער נאָנ־טער ענדערונג. די קאָנפערענץ האָט קלאָר געזען דעם אָנגעצייכנטן וועג פאַר דער אָרגאַניזאַציע. ס׳איז געווען דער וועג פון בונד. דאָס האָט געמיינט: ענגסטע צוזאַמענאַרבעט מיט דער אינטערנאַציאָנאַלער סאָציאַ־ליסטישער באַוועגונג אין אַלע אַקציעס און פולע אויטאָנאָמיע אין אַלע יידישע ענינים. מ׳האָט געוויילט אַ נייע פּאַרטיי־אָנפירונג. איינשטימיק איז ד״ר יעקב פּיסטינער געוויילט געוואָרן אַלס פאָרזיצער.

אויך פאַר דער מלחמה האָט מען די יידישע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע אָרגאַניזאַציע באַצייכנט מיטן נאָמען בונד, אָבער נישט אָפיציעל. פון איצט אָן איז בונד געוואָרן דער אָפיציעלער און אַלגעמיין־גענוצטער נאָ־מען פון דער אָרגאַניזאַציע.

דער אַריינמאַרש פון רומענישן מיליטער קיין טשערנאָוויץ, דעם 12־טן נאָוועמבער 1918, איז פאָרגעקומען אָן טראַמפּייטן און אָן הוראַ־געשרייען. אין זייערע צעריסענע שיך און צעפליקטע מונדירן, און נאָך מער מיט דער שוואַכער דיסציפּלין, האָבן די חילות געמאַכט אַ נע־בעכדיקן איינדרוק, אפילו אויף דער נאַציאָנאַליסטיש־רומענישער אינ־טעליגענץ האָט עס געהאַט אַן אויסניכטערנדיקע ווירקונג. דער האַרבער רעזשים, וואָס די מיליטערישע אָקופּאַנטן האָבן איינגעשטעלט אין בוּ־קאָווינע, האָט אָנגעוואָרפן אַן אמתע שרעק אויף די ברייטסטע קרייזן פון דער באַפעלקערונג. אין די טעג פון פּאָליציייאישער הפקרות און פון באַלאַגערונג־צושטאַנד איז די אַרבעטער־היים אויף דער שולגאַס אין טשערנאָוויץ געווען אַן אמתער מקום־מיקלט פאַר די גערודפטע און באַדראָטע פון אַלע באַפעלקערונג־שיכטן. די, וואָס האָבן דאָרט גע־זוכט הילף, זיינען על פּי רוב געווען יידן.

במשך אַ קורצער צייט איז דער אָרגאַניזאַציאָנעלער בנין פון דער אַרבעטער־באַוועגונג צוריק אויפגעשטעלט געוואָרן. מ'האָט צוריק אויפ־געבויט נישט בלויז די אַלטע פּאָליטישע אָרגאַניזאַציע און פּראָפעסיאָ־נעלע פאַראיינען פון פאַר דער מלחמה, נאָר מ'האָט אויך געשאַפן נייע אינסטיטוציעס, וואָס זיינען דעמאָלט נייטיק געווען: קאָנסום־פאַראיינען, לאָקאַטאָרן־פאַראיינען א. ד. גל..

דער אָרגאַן פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי פאָרווערטס (אין דער דייטשער שפּראַך), וואָס איז פאַר דער מלחמה געווען אַ וואָכנבלאַט, איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ טעגלעכער צייטונג. די רע־דאַקציע־קאָלעגיע איז באַשטאַנען פון ד״ר יעקב פּיסטינער, געאָרג גרי־גאָראָוויטש און ד״ר אַלבערט זילבערמאַן. דער בונד האָט אָנגעהויבן אַרויסגעבן אַ וואָכנבלאַט אין דער יידישער שפּראַך — דאָס נייע לעבן. צו דער רעדאַקציע האָבן געהערט: שרה כתבן, ד״ר יעקב פּיס־טינער, ד״ר בערל פרידמאַן און מאַרקוס כתבן. אויך די רומענישע און אוקראַינישע גרופּעס פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי האָבן געשאַפן אייגענע פּרעסע־אָרגאַנען, וואָס זיינען אָבער ניט דערשינען רעגולער.

אין די ערשטע וואַלן צום רומענישן פּאַרלאַמענט האָט די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פּאַרטיי אָפּגעהאַלטן אַ גרויסן נצחון. אין דיסטריקט טשער־נאָוויץ זיינען געוויילט געוואָרן דריי סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פאָרשטייער. סימבאָליש פאַר דעם באמת אינטערנאַציאָנאַלן כאַראַקטער פון דער באַ־וועגונג איז געווען דער פאַקט, וואָס די געוויילטע סאָציאַל־דעמאָקראַטן זיינען געווען פון דריי נאַציאָנאַליטעטן: דער ייד ד״ר יעקב פּיסטנער און דער דייטש רודאָלף גאַידאַטש — ביידע דעפּוטאַטן אין פּאַרלאַמענט, דעם רומענער געאָרג גריגאָראָוויטש האָט מען געוויילט אַלס מיטגליד פון סענאַט.

## 7. יידישער נאַציאָנאַל־ראַט

דעם 17־טן אָקטאָבער 1918 איז אַרויס דער קייזערלעכער מאַני־פעסט, אין וועלכן ס׳איז פּראָקלאַמירט געוואָרן דאָס זעלבסטבאַשטימונג־רעכט פון די פעלקער אין עסטרייך. אַלע יידישע נאַציאָנאַלע פּאַרטייען זיינען צוזאַמענגעטרעטן שאַפן אַ יידישן נאַציאָנאַל־ראַט אין בוקאָווינע.

פאַר דער גרינדונג פון יידישן נאַציאָנאַל־ראַט זיינען פאָרגעקומען הייסע וויכוחים צווישן די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציעס און דעם בונד.

די ציוניסטן האָבן פאַרלאַנגט, אַז אין דער פּלאַטפאָרם זאָל זיין אַ פּונקט וועגן „עליה" קיין פּאַלעסטינע, וואָס איז געווען אין סתירה מיטן פּראָגראַם פון בונד. סוף־כל־סוף האָט מען זיך געאייניקט אויף אַ גע־וויסער געמילדערטער פאָרמולירונג פון דער דאָזיקער ציוניסטישער פאָדערונג.ביים בונד האָט מכריע געווען די רעאַליסטישע אָפּשאַצונג פון די קאָנקרעטע באַדינגונגען, הגם ס׳זיינען געווען פּרינציפּיעלע ספקות: דער נאַציאָנאַל־ראַט האָט אויסגעזען צו זיין דער פּאָסיקסטער איבער־פּאַרטייאישער אינסטרומענט צו פאַרטיידיקן די רעכט פון דער יידישער באַפעלקערונג, בפרט די בירגער־רעכט, וואָס זיינען געשטעלט געוואָרן אין סכנה אין פאַל די רומענער זאָלן איינשטעלן זייער ממשלה. אַחוץ דעם האָט דער נאַציאָנאַל־ראַט געקענט זיין אַן אָנהייב פון דער נאַציאָנאַל־קולטורעלער אויטאָנאָמיע, וואָס איז געווען איינע פון די וויכ־טיקסטע פאָדערונגען אין פּראָגראַם פון בונד. דער יידישער נאַציאָנאַל־ראַט האָט אַרומגענומען אַלע פּאַרטייען און ריכטונגען. דעם בונד האָבן פאַרטרעטן 10 מיטגלידער. דעם 10־טן נאָוועמבער 1918 איז פאָרגעקו־מען די קאָנסטיטואירונג. ד״ר מאיר עבנער איז געווילט געוואָרן אַלס פּרעזידענט, ד״ר יעקב פּיסטינער — וויצע־פּרעזידענט און מאַרקוס כתבן — סעקרעטאַר (די לעצטע צוויי — בונדיסטן).

די דערוואַרטונגען, אַז דער נאַציאָנאַל־ראַט וועט בהדרגה איבערנע־מען די פונקציעס פון דער נאַציאָנאַל־קולטורעלער אויטאָנאָמיע, האָבן אין אָנהייב געהאַט שאַנסן אויף הצלחה, ווייל די קהילה און די עפנט־לעכע שולן זיינען אַריבערגעפירט געוואָרן אין זיין קאָמפּעטענץ. דער נאַציאָנאַל־ראַט האָט באַשטימט אַ קאָמיסיע צו פאַרוואַלטן מיט די קהילה־ענינים. אין דער קאָמיסיע זיינען אויך באַשטימט געוואָרן 5 בונדיסטן. אין די פאָלקס־שולן זיינען געשאַפן געוואָרן יידישע פּאַראַלעלע קלאַסן. וואָס שייך די מיטל־שולן, האָט מען די יידישע שילער קאָנצענטרירט

אין דער דריטער מלוכה־גימנאַזיע, וואָס איז אַזויערנאָך געוואָרן אַ רייך־יידישער לערן־אַנשטאַלט. אָבער אין איין פונקט, דעם וויכטיקסטן און אַנטשיידנדיקסטן האָט דער בונד איבערגעלעבט אַן אַנטוישונג. זיין פאָרשלאָג איינצופירן יידיש אַלס לערן־שפראַך אין די שולן פאַר יידישע קינדער איז מיט אַ קנאַפער מערהייט — 27 קעגן 24 שטימען — אָפּגעוואָרפן געוואָרן. מיט דער זעלבער שטימען־צעטיילונג איז אָנגענומען געוואָרן דער ציוניסטישער פאָרשלאָג איינצופירן העברעאיש אַלס לערן־שפּראַך. דער בונד האָט עס ניט געוואָלט אָנערקענען. מ׳האָט אויסגעאַרבעט אַ פשרה: די עלטערן זאָלן ביי דער רעגיסטראַציע באַשטימען וועגן דער לערן־שפּראַך פאַר זייערע קינדער. דער קאַמף פאַר דער יידישער לערן־שפּראַך אין די שולן איז ווייטער געפירט געוואָרן.

דער יידישער נאַציאָנאַל־ראַט האָט באַלד פאַרלוירן זיין באַדייטונג. צוזאַמען מיט די נאַציאָנאַל־ראַטן פון די אַנדערע נאַציאָנאַליטעטן האָט אים די רעגירונג פאַנאַנדערגעלאָזט.

## 8. טעטיקייט און השפּעה

די גאַנצע צייט, ווען אין רומעניע האָט נאָך אָנגעהאַלטן אַ שיין פון דעמאָקראַטיע, ד. ה. ביז מיטן די דרייסיקער יאָרן, האָט די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פּאַרטיי איינגעהאַלטן די פּאָזיציעס אין עפנטלעכן לעבן פון בוקאָווינע, וואָס זי האָט דערגרייכט אין אָנהייב פון די מלוכה־ענ־דערונגען. נאָך אין יאָר 1930, ווען די סאָציאַליסטישע באַוועגונג האָט מחמת די רדיפות פון דער מלוכה־מאַכט שוין געהאַט פאַרלוירן אַ סך פון איר קאַמף־פעאיקייט, איז אין טשערנאָוויץ די שטאַרקייט פון דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג געקומען צום אויסדרוק אין די שטאָט־ראָט־וואַלן. אַדאַנק די וואַלן האָט די שטאָט צום ערשטן מאָל אין איר גע־שיכטע באַקומען אַ סאָציאַל־דעמאָקראַטישן וויצע־בירגערמייסטער (ד״ר מאָריץ אָבערלענדער). נישט געקוקט אויף דער העכסט אומדעמאָקראַ־טישער וואַל־אָרדינאַציע, האָט די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פּאַרטיי באַ־קומען 12 מאַנדאַטן. צווישן די געוויילטע ראַטמענער זיינען געווען דריי בונדיסטן: ד״ר יעקב פּיסטינער, נתן טראָפּער (פּאָרזיצער פון די סאָ־ציאַליסטישע האַנטווערקער) און לאה קיסמאַן (מיטגליד פון עקזעקוטיוו פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי אין רומעניע און די איינציקע סאָציאַליסטישע פרוי, וואָס איז אין רומעניע געוויילט געוואָרן אַלס מיט־גליד אין אַ שטאָט־ראָט).

אין די פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען האָט די ס. ד. פּאַרטיי געהאַט אַ שטאַרקע באַזע. נאָך דעם ווי די פאַרבינדונג מיט די וויענער צענטראַ־לעס פון די פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען זיינען ענדגילטיק איבערגעריסן געוואָרן און דער אויפבוי פון צענטראַלע קערפּערשאַפטן אין בוקאַ־רעשט איז געגאַנגען זייער פּאַמעלעך, האָבן די פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען אין בוקאָווינע געפירט אַ זעלבשטענדיקע עקזיסטענץ. די מיטגלידער זיינען געווען פריי צו באַשליסן וועגן זייער אָנגעהעריקייט צו דער סאָ־ציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי. אין יענער צייט פון כסדרדיקע שפּאַל־טונגען פון דער אַרבעטער־באַוועגונג האָט מען, כדי אָפּצוהיטן די גאַנצ־קייט פון די פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען, שטרענג אויסגעמיטן יעדן מין צוואַנג פון פּאַרטיי־אָנגעהעריקייט. די מיטגלידער פון די פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען האָבן אָבער זיך געהאַלטן פעסט ביי דער סאָציאַל־דעמאָ־קראַטישער פּאַרטיי און רעגולער איינגעצאָלט דער פּאַרטיי דעם מיט־גליד־שטייער, וואָס איז שוין מער נישט געווען אָבליגאַטאָריש.

די באַציאונגען פון בונד צו די פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען זיינען געווען די זעלבע, וואָס עס האָט געהאַט די גאַנצע פּאַרטיי. די פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען און די פאַכן, וואָס זיינען בעיקר געלעגן אין יידישע הענט, האָבן כמעט אַלע געהערט צום בונד. היות איבער 45 פּראָצענט פון דער באַפעלקערונג אין דער שטאָט טשערנאָוויץ זיינען געווען יידן, איז די מערהייט פון דער מיטגלידערשאַפט אין די פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען געווען אַ יידישע און געבילדעט אַ פעסטן קאַדר פון בונד.

אין בוקאָווינער אינטערנאַציאָנאַלן לאַנד־עקזעקוטיוו פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי, וואָס איז באַשטאַנען פון אַ גלייכער צאָל פאַרטרעטער פון אַלע נאַציאָנאַלע גרופּעס, האָט מען יידן איבערגעגעבן די וויכטיקסטע פונקציעס. דאָס האָט קודם־כל געהאַט אַ שייכות צו ד״ר יעקב פּיסטינער, וועלכער האָט די גאַנצע צייט אָנגעפירט מיט דער אַרבעט פון עקזעקוטיוו. על־פּי־רוב איז ער אויך פאָרמעל געווען דער פאָרזיצער, אָבער זיין אַרבעט איז בשום אופן נישט פאַרקלענערט געוואָרן אויך בעת אַן אַנדערער האָט במשך קורצע פּעריאָדן פאַרנומען דעם אַמט פון פאָרזיצער. גלייכצייטיק איז ער געווען פאָרזיצער פון בונד און פירנדיקער רעדאַקטאָר פון אינטערנאַציאָנאַלן פּאַרטיי־אָרגאַן פאָרווערטס. אַ ייד, הגם נישט קיין מיטגליד פון בונד, איז אויך געווען דער צווייטער רעדאַקטאָר פון פאָרווערטס, ד״ר אַלבערט זילבערמאַן, וועלכער האָט מחמת דער פּאַרלאַמענטאַרישער טעטיקייט פון ד״ר פּיסטינער אין בוקאַרעשט אַפילו געדאַרפט טראָגן די הויפּט־משא פון דער רעדאַקציאָנעלער אַרבעט. פּיסטינער האָט אָבער תמיד באַשטימט די ריכטונג און געגעבן דעם טאָן אין דער רעדאַקציע פאַר אַלע אַקטועלע פּאָליטישע פראַגן. ער איז אויך געווען דער פאָרשטייער פון דער רומענישער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי אין עקזעקוטיוו פון סאָציאַליסטישן אינטערנאַציאָנאַל.

דער אָנזען פון ד״ר פּיסטינער איז געשטיגן אַדאַנק זיין פּאַרלאַמענטאַרישער טעטיקייט. ביי די אָפטע וואַלן פון רומענישן פּאַרלאַמענט, וואָס מען פלעגט פאַנאַנדערלאָזן פאַר דער צייט, האָט מען אים כסדר אויסגעוויילט אַלס דעפּוטאַט, אַחוץ דעם פּעריאָד 1926—1928. זיינע רעדעס אויף דער טריבונע פון פּאַרלאַמענט האָבן געצויגן אויף זיך די אויפמערקזאַמקייט אין גאַנצן לאַנד. ער איז געווען דער פאָרזיצער פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרלאַמענט־פראַקציע און ער איז גיך געוואָרן איינער פון די אָנגעזעענסטע פּאַרלאַמענטאַריער פון רומעניע.

נישט געקוקט אויף דער פאַרשטאַרקטער רעאַקציע אין רומעניע, איז דער יאָרצענטליק 1920—1930 געווען אַ צייט פון אינטענסיווער פּאָליטישער טעטיקייט. בעת די אָנפירונג פון דער אַלגעמיינער פּאַרטיי־טעטיקייט האָט אין די דאָזיקע יאָרן אַלץ מער און מער זיך קאָנצענט־

רירט אין דער פּערזאָן פון ד״ר יעקב פּיסטינער, איז די אָנפירונג פון בונד אַריבער צו יוסף קיסמאַן.

ד״ר יוסף קיסמאַן איז צוריקגעקומען פון ווין קיין בוקאָווינע זומער 1920 און איז באַלד איינגעשפּאַנט געוואָרן אין פּאַרטיי־וואָגן. ער איז אַריין אין דער פּאַרטיי־אָנפירונג, האָט איבערגענומען די רעדאַקציע פון וועכנטלעכן אָרגאַן אין יידיש, דאָס נייע לעבן, און אויך איבערגענומען די אָנפירונג פון דער אויסגעברייטערטער בילדונג־אַרבעט. אין יאָר 1930 איז ער געוואָרן פּאַרזיצער פון בונד און פון דעם בוקאָווינער איב־טערנאַציאָנאַלן לאַנד־עקזעקוטיוו.

די וועכנטלעכע צייטונג פון בונד (דאָס נייע לעבן) האָט שוין דע־מאָלט געהאַט אַ גרויסע צאָל לייענער אין בוקאָווינע, בעסאַראַביע און אַלט־רומעניע. שרה כתבן איז געווען די וויכטיקסטע מיטאַרבעטערין פון דער רעדאַקציע. אַנדערע מיטאַרבעטער פון צייט צו צייט זיינען געווען: ד״ר בערל פרידמאַן, ד״ר יעקב פּיסטינער, הערץ גילישענסקי, לאה קיסמאַן און אַנדערע. אין אַלע גרעסערע שטעט פון לאַנד האָבן אַרום דער צייטונג זיך גרופּירט אַ גרויסע צאָל פריינד, וואָס האָבן צו־געשיקט קאָרעספּאָנדענציעס, אַרטיקלען און אויך ליטעראַרישע שאַפונ־גען. אַדאַנק דעם האָט די צייטונג געקענט פּילזייטיק אָפּשפּיגלען דאָס יידישע לעבן אין רומעניע.

אַחוץ די פריער־דערמאָנטע חברים און חברטעס זיינען מיט אידעאָ־ליסטישער איבערגעגעבנקייט געווען אַקטיוו אין דער בילדונג־טעטיקייט פון דער אָרגאַניזאַציע, אין די פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען און אין די צאָלרייכע פונקציעס פון בונד נאָך אַ סך פּאַרטיי־מיטגלידער. מיר וועלן דאָ בלויז עטלעכע דערמאָנען: אַוונער, ענגעל, פייערבערג, שיפּבאָך, גלאָסבערג, גאָלדבערג, האַמער, האַרטמאַן, ד״ר אַלעקס קיסמאַן, מערלינג, פּערלמוטער, ראָזענקראַנץ, רובינגער, זינריך, שטיינבערג, שטיגליץ, שטראָם, זיסער, שמואל טראַפּער, וויזעל און זימער — אַלע אין טשער־נאָוויץ. די וויכטיקסטע טוער אין דער פּראָווינץ זיינען געווען: מ. פאָסט אין סטאָראָזשינעץ, ד״ר מ. דרימער אין ראַדאָוץ, ד״ר ק. וואַגנער אין סערעט און ל. ראַטקאָפּ שאַץ (סוטשאַוואָ).

דער בונד איז געווען קעגנעריש איינגעשטעלט צו די כל־המינים ציוניסטישע גרופּירונגען. עס זיינען פאָרגעקומעןליידנשאַפטלעכע, שאַרפע צוזאַמענשטויסן. דאָך זיינען די דאָזיקע קאַמפן געפירט געוואָרן אויס־שליסלעך אויף דעם הויכן ניוואָ פון פּרינציפּיעלע וויכוחים וועגן אי־דייען און וועלט־אָנשויאונגען. וואָס ס׳זאָל נישט האָבן געווען דער די־רעקטער קאַמף־ציל אין פּאָליטישע אַקציעס, תמיד איז עס געווען אַ געראַנגל פאַר די הערצער און נשמות פון די יידישע מאַסן. אין די אַלע יאָרן איז מען קיינמאָל נישט אַריבער די גרענעץ פון פּערזענלעכן דרך־ארץ צו פּאָליטישע קעגנער.

# 9. אונטערן דרוק פון דער רעאַקציע

ווי דורך אַ נס, האָבן די בוקאָווינער אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס אויס־געמיטן דעם אָנגריף פון דער רעאַקציע נאָך דעם נישט־איינגעגעבענעם גענעראַל־שטרייק פון יאָר 1920. דער גענעראַל־שטרייק איז אייגנטלעך געווען אַן אויסברוך פון פאַרצווייפלונג קעגן דער אומדערטרעגלעכער הפקרות פון דער פּאָליציי, בפרט אין אַלט־רומעניע. אָן אַ געהעריקער צוגרייטונג איז ער אונטער דער ווירקונג פון דער דעמאָלט ראַדיקאַלי־זירטער סאָציאַליסטישער אָרגאַניזאַציע פון אַלט־רומעניע באַשלאָסן געוואָרן פאַרן גאַנצן לאַנד. שוין אין ערשטן טאָג האָט ער זיך איינגעבראָכן. אַלס פּועל־יוצא זיינען געקומען מאַסן־אַרעסטן מיט ווילדע ברוטאַלע אַקטן פון דער פּאָליציי, מאָנסטער־פּראָצעסן און שווערע אורטיילן. אין בוקאָווינע האָט מען לכתחילה דעם גענעראַל־שטרייק נישט פּראָק־לאַמירט ווי אַ קאַמף פאַר מאַכט, אַז ער זאָל דויערן אַן אומבאַגרענעצטע צייט, נאָר ווי אַ 24־שעהדיקן פּראָטעסט־שטרייק קעגן די מיסברויכן פון מלוכהשן אַפּאַראַט. ווי אַזעלכן האָט מען אים דורכגעפירט אין טשערנאָ־וויץ און טיילווייז אויך אין דער פּראָווינץ רואיק און דיסציפּלינירט. נישט געקוקט אויף די פּראָוואָקאַציעס פון דער פּאָליציי, איז איר אין ערגעץ נישט אויסגעקומען זיך אַריינצומישן אויף אַן ערנסטן אופן.

פון איצט אָן איז די לאָזונג פון די הערשנדיקע פּאַרטייען געוואָרן די צוגעאיילטע „פאַראיינהייטלעכונג" פון אַלע פּראָווינצן מיט דער אַל־טער מלוכה. פאַר די נייע פּראָווינצן האָט עס באַדייט: די אונטערדריי־קונג פון אייגענעם לעבן־שטייגער און אַ כסדרדיקע ירידה צום באַלקאַ־נישן ניוואָ פון אַלט־רומעניע. צום שווערסטן זיינען אָבער געטראָפן גע־וואָרן פון נייעם קורס די יידן. פאַר זיי האָט די „פאַראיינהייטלעכונג" באַדייט דאָס אויסגלייכן זייער סאָציאַלע און יורידישע לאַגע מיט דער לאַגע פון די יידן אין אַלט־רומעניע, וועלכע זיינען ביז נאָך דער ערש־טער וועלט־מלחמה געווען פולשטענדיק רעכטלאָז. זייער נייער יורידי־שער מצב איז געווען אַ פרישע זאַך, אויף וועלכער מ'האָט זיך נישט געקאָנט פאַרלאָזן. דאָס איז אויך געווען דער ציל פון די הערשנדיקע פּאַרטייען. ווי אומעטום, איז אויך אין רומעניע אָפיציעלער אַנטיסעמי־טיזם געווען אַן אומפאַרמיידלעכער באַגלייטער פון דער אַלגעמיינער רעאַקציע.

אין דעם גייסט איז געשאַפן געוואָרן אין יאָר 1924 דאָס געזעץ פון

מלוכהשער בירגערשאַפט. אַ טייוולאָניש געזעץ פון צוריבן די רעכט. אויף אַ ציניש אופן האָט מען מיט דעם עובר געווען אויף די קלאָרע פאַרפליכטונגען אין די שלום־טראַקטאַטן. דאָס געזעץ האָט באַדראָט די בירגער־רעכט פון אַלע איינוואוינער אין די נייע פּראָווינצן, די יידן זיינען אָבער געווען דער אייגנטלעכער ציל פון געזעץ און בעיקר זיי זיינען טאַקע געווען זיינע קרבנות.

די יידישע פּאַרטייען אין בוקאָווינע האָבן דורכגעפירט גרויסע פּראָ־טעסט־פאַרזאַמלונגען, צוזאַמען מיט דער אינטערנאַציאָנאַלער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי האָט דער בונד אָרגאַניזירט ריזיקע פאַרזאַמ־לונגען. אין נאָמען פון אַלע נאַציאָנאַליטעטן אין בוקאָווינע האָבן די פאַר־זאַמלונגען איבערגעשיקט פּראָטעסטן קעגן דאָזיקן געזעץ. אויף דער טריבונע פון רומענישן פּאַרלאַמענט האָט ד״ר יעקב פּיסטינער אַטאַקירט דאָס געזעץ מיט די שאַרפסטע ווערטער.

די אָרגאַניזאַציע פון בונד האָט געעפנט אַ יורידישע ביוראָ צו שיצן די בירגער־רעכט. די פירער פון ביוראָ זיינען געווען די אַדוואָקאַטן ד״ר בערל פרידמאַן און ד״ר יוסף קיסמאַן.

נאָך דעם האָט מען אַרויסגעגעבן צוגאָבן און רעווידירונגען פון גע־זעץ. דער בונד איז שטענדיק געווען אויף דער וואַך און געהאָלפן דער יידישער באַפעלקערונג אין יעדן נייעם קריזיס. די בירגער־רעכט פון דער יידישער באַפעלקערונג זיינען געווען אין אַ פּערמאַנענטער סכנה.

די פאַרשאַרפונג פון רעאַקציאָנערן רעזשים האָט גורם געווען צוויי קעגנזעצלעכע דערשיינונגען, וואָס זיינען ביידע געווען גלייך פרעמד דעם מהות פון דער בוקאָווינער באַפעלקערונג און זיינען ביידע געוואָרן אַריינ־געבערענגט און געשטיצט פון דרויסן: פון איין זייט אַנטיסעמיטישע עקס־צעסן און פון דער אַנדערער זייט אַ פאַרשטאַרקונג פון דער אומלעגאַ־לער קאָמוניסטישער באַוועגונג.

די יידישע באַפעלקערונג איז געווען אומבויגזאַם און שטאָלץ אין איר נאַציאָנאַלער באַוואוסטזיניקייט און בירגערלעכן מוט. די צענטראַלע מאַכט־אָרגאַנען זיינען געווען זייער צופרידן פון די גוואַלט־אַקציעס לגבי די יידן, זיי האָבן עס באַטראַכט ווי אַ מין „פּאַציפיקאַציע". די עקסצעסן זיינען תמיד געוואָרן געלאָזט אין גאַנג מצד די אוניווערזיטעט־סטודענטן און די מלוכה־אָרגאַנען האָבן געגעבן זייער ברכה אויף דעם. יידישע יוגנט פון ציוניסטישע און יידיש־סאָציאַליסטישע אָרגאַניזאַציעס האָבן אויף אַן אַנטשפּרעכנדיקן אופן רעאַגירט קעגן די אַנפאַלער, וואָס האָבן אָפט באַקומען אַ געהעריקן פּסק.

די אומלעגאַלע קאָמוניסטישע באַוועגונג אין בוקאָווינע האָט אַרומ־גענומען כמעט אויסשליסלעך יידישע יוגנטלעכע. דאָס איז געווען אַן ערנסטע סכנה. אַלץ אָפטער זיינען פאָרגעקומען מאַסן־אַרעסטן. די אַרעס־טירטע האָט מען אָפט שלעכט באַהאַנדלט און געפייניקט. צווישן זיי זיי־



זיצן פון רעכטס: ד״ר בערל פרידמאַן, ד״ר אסתר בערנשטיין, ד״ר יוסף קיסמאַן. שטייען אויבן (פון רעכטס): הערץ גילישענסקי, ד״ר רייך.



פירער פון בונד אין טשערנאָוויץ, 1931. ערשטע ריי פון רעכטס: לאה קיסמאַן, לאָראַ פרידמאַן, ד״ר יעקב פיסטינער, הענריק ערליך, שלמה מענדעלסאָן (ביידע פון וואַרשע), שרה קאַסוואַן, הערץ גילישענסקי. מיטלסטע ריי פון רעכטס: ערשטער אומבאַוואוסט, צווייטער — וואָלף פערל-מוטער, מאַרקוס קאַסוואַן, שמחה ראָזענקראַנץ, נתן טראַפּער, ד״ר בערל פרידמאַן, ד״ר יוסף קיסמאַן, לעצטער אומבאַוואוסט. אויבערשטע ריי פון רעכטס: לעאָן איילגיסער, ליטמאַן שאַפער, בעאַטי פרידמאַן, מיטלסטע פרוי אומבאַוואוסט, סאַבינאַ איילגיסער, אייזיק וויזעל, פאַרלעצטער אומ-באַוואוסט, יודל גאָלדבערג.

נען אויך געווען אַ סך, וועגן וועלכע די מלוכה־אָרגאַנען גופא האָבן גע־וואוסט, אַז זיי זיינען אומשולדיק. דאָך האָט די פּאָליציי זיך איזדיעקע־וועט איבער זיי, ביז זיי האָבן געקענט באַווייזן זייער אומשולדיקייט. די רדיפות האָבן געטראָגן אַן אויסגעשפּראָכענעם אַנטיסעמיטישן כאַ־ראַקטער.

דער בונד האָט צונישט געמאַכט די פּרואוון פון די קאָמוניסטן זיך אַריינצושמוגלען אין די רייען פון זיינע אָרגאַניזאַציעס. הגם ער האָט ענערגיש באַקעמפט די קאָמוניסטישע פּראָפּאַגאַנדע, האָט ער אָבער מיט דער גאַנצער קראַפט זיך אַנגענומען פאַר די קרבנות פון דער פּאָליציי־אישער ברוטאַליטעט. אָפט האָט עס זיך געהאַנדלט וועגן קינדער אָדער קרובים פון אייגענע פּאַרטיי־מיטגלידער, וואָס זיינען אַריינגעפאַלן אין דער קאָמוניסטישער נעץ און אין די נעגל פון דער פּאָליציי. אין די פּראָצעסן פאַרן טריבונאַל אין טשערנאָוויץ, אין וועלכע ד״ר קיסמאַן איז אָפט אַרויסגעטרעטן אַלס פּאַרטיידיקער, זיינען אויפגעדעקט געוואָרן שרייענדיקע אומגעזעצלעכקייטן, שלעכטע באַהאַנדלונג און אַפילו פּייני־קונגען פון אומשולדיק אַרעסטירטע.

מיט דעם האָט דער בונד כסדר פאַרשטאַרקט די שנאה פון דער פּאָליציי צו אים. ס׳איז נישט געווען קיין סוד, אַז די פּאָליציי פּלאַנירט די פאַרניכטונג פון דער בונדישער אָרגאַניזאַציע און אַ „רעוואַנש״ לגבי אירע פירער. דער אָרגאַן פון בונד, וואָס איז אַ צייט לאַנג דערשינען צוויי מאָל אין וואָך און וואָס האָט געזאָלט פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ טעגלעכער צייטונג, איז פיל מאָל פאַרבאָטן געוואָרן. נאָך יעדן פאַרבאָט איז דער אָרגאַן פון בונד ווידער דערשינען אַלס וואָכנשריפט, אָבער אונטער אַן אַנדערן נאָמען. אַזש זעקס מאָל האָט די צייטונג געמוזט בייטן איר נאָמען. זי האָט אָנגעהויבן אַרויסגיין אונטערן נאָמען דאָס נייע לעבן. שפּעטער האָט זי געטראָגן די נעמען: די נייע צייטונג, דער שטראַל, דאָס פרייע וואָרט, פאָלקסצייטונג, נייע פאָלקסצייטונג און ווידער די נייע צייטונג.

צוויי מאָל איז אויך ד״ר קיסמאַן אַרעסטירט געוואָרן: אין 1921 האָט מען אים געוואָלט אַריינשלעפּן אין אַ קאָמוניסטישער „פאַרשוועַ־רונג״, אין וועלכער מ׳האָט באַשולדיקט אַ צאָל יוגנטלעכע פון בוקאָ־ווינע און בעסאַראַביע. דער פּרואוו איז קלאָגעדיק דורכגעפאַלן. דאָס צווייטע מאָל איז דער אַרעסט פאָרגעקומען מיט אַ צענטליק יאָר שפּע־טער. מ׳האָט אים אָנגעקלאָגט אין מיליטערישן געריכט אין יאָס פאַר אָפּדרוקן אַן אַרטיקל אין דער בונדישער נייע צייטונג מיט אַ כלומרשט „אויפהעצערישן״ אינהאַלט. אויך דאָס מאָל האָט די פּאָליציי נישט גע־האַט קיין מזל. אַפילו דער מיליטערישער פּראָקוראָר האָט נישט גע־פונען קיין יסוד אונטערצוהאַלטן די באַשולדיקונג. דער בונד האָט זיך נישט געלאָזט אָפּשרעקן דורך די אומגעזעצלעכקייטן און שיקאַנעס.

# 10. די גרינדונג־קאָנפערענץ פון בונד אין רומעניע

דאָס יידישע געזעלשאַפטלעכע לעבן פון בוקאָווינע איז במשך פון יאָרן געבליבן פולשטענדיק איזאָלירט פון די אַנדערע פּראָווינצן אין לאַנד. אַזוי איז געווען אי ביי די סאָציאַליסטישע, אי ביי די בירגער־לעכע ריכטונגען . . . אַ לאַנגע צייט האָט מען נישט געקענט געפינען אַ וועג צו אָרגאַניזאַטאָרישער פאַראייניקונג. נישט קיין סך בעסער איז עס אויך צוגעגאַנגען ביי די אַנדערע נאַציאָנאַליטעטן, די רומענער בתוכם. עס האָט אויסגעזען, ווי עס וואָלטן זיך נישט געלאָזט פאַרווישן די אַמאָ־ליקע מלוכהשע גרענעצן צווישן אַלט־רומעניע, טראַנסילוואַניע, בעסאַ־ראַביע און בוקאָווינע. צו אַ פולשטענדיקער פאַרשמעלצונג איז עס אייגנטלעך נישט געקומען ביזן סאַמע סוף.

דער בונד איז געווען די ערשטע יידישע אָרגאַניזאַציע, וואָס האָט געמאַכט אַ פּרואוו אַרויסצוגיין פון קלעם פון דער פּראָווינציעלער אי־זאָלאַציע. נאָך אויספירלעכע באַראַטונגען מיט יידישע סאָציאַליסטן פון אַלט־רומעניע און בעסאַראַביע האָט די פּאַרטיי־אָנפירונג אין יאָר 1922 באַשלאָסן די אָרגאַניזאַציע פון בונד אין בוקאָווינע פאָרמעל אויסצו־ברייטערן אויף אַלע טיילן פון לאַנד. גלייכצייטיק איז באַשלאָסן געוואָרן אָפּצוהאַלטן דעם 6־טן און 7־טן יאַנואַר 1923 אין טשערנאָוויץ די גרינ־דונג־קאָנפערענץ פון בונד אין רומעניע.

אין דער פאַרגעקומענער קאָנפערענץ האָבן זיך באַטייליקט דעלע־גאַטן פון די אָרגאַניזאַציעס אין טשערנאָוויץ, ראַדעוויץ, סוטשאַווע (שאָץ), סערעט און סטאָראָזשינעץ. פיר דעלעגאַטן זיינען געווען פון אַלט־רומע־ניע און דריי פון בעסאַראַביע. דעם רעפעראַט וועגן דער אַלגעמיינער סאָציאַליסטישער באַוועגונג אין רומעניע האָט געהאַלטן ד״ר יעקב פּיסטינער, דעם רעפעראַט וועגן דער גרינדונג פון בונד און זיינע אויפ־גאַבן אין לאַנד — ד״ר יוסף קיסמאַן, וועגן יידישן שול־וועזן — הערץ גילישענסקי, וועגן אָרגאַניזאַציע און פּרעסע — מאַרקוס כתבן.

ס'איז געווען אַן אימפּאָזאַנטע קאָנפערענץ — די ערשטע יידישע אַרבעטער־אסיפה, וואָס האָט פאַראייניקט די פאַרטרעטער פון דריי פּראָ־ווינצן אין גרויס־רומעניע. דאָס איז געווען בכלל די ערשטע סאָציאַ־ליסטישע קאָנפערענץ פון דעם מין, ווייל אַ פאַראייניקונג־קאָנפערענץ

פון די סאָציאַליסטישע אָרגאַניזאַציעס פון אַלע פּראָווינצן און די גרינ־דונג פון דער פאַראייניקטער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי פון גרויס־רו־מעניע איז ערשט שפּעטער פאָרגעקומען. די אַנדערע נאַציאָנאַלע גרו־פּעס פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי אין בוקאָווינע און די פּאַרטיי־אָנפירונגען פון די אַנדערע פּראָווינצן האָבן וואַרעם באַגריסט די בונדישע קאָנפערענץ. אויך פון אויסלאַנד זיינען אָנגעקומען באַגרי־סונגען. די גרעסטע בוקאַרעשטער צייטונגען האָבן געדרוקט אויספיר־לעכע באַריכטן. די קאָנפערענץ האָט פייערלעך פּראָקלאַמירט די גרינ־דונג פון אַלגעמיינעם יידישן אַרבעטער־בונד אין רומעניע.

די רעזאָלוציע וועגן דער גרינדונג פון בונד אין רומעניע האָט אין אָנהייב דערמאָנט די אַנטשטייאונג פון בונד אין צאַרישן רוסלאַנד מיט אַ פערטל יאָרהונדערט פריער (1897) און איז געקומען צום אויספיר אַז די אַרבעטערשאַפט פון דער יידישער באַפעלקערונג אין מזרח־אייראָפּע האָט אויך אין אַנדערע לענדער דורכגעמאַכט דעם זעלבן וועג פון אַנט־וויקלונג צו דער סאָציאַלער און נאַציאָנאַלער דערוואַכונג. זי האָט אויך געשאַפן אָרגאַניזאַציעס מיט די זעלבע צילן, הגם זיי זיינען צווישן זיך נישט געווען פאַרבונדן. פייערלעך דערקלערט די רעזאָלוציע, אַז די ניי־געגרינדעטע אָרגאַניזאַציע נעמט אָן דעם פּראָגראַם פון בונד.

די גרינדונג פון אַלגעמיינעם יידישן אַרבעטער־בונד אין רומעניע האָט באַדייט עפּעס אַ פּענצטער אין טשערנאָוויץ צו דער יידישער אַר־בעטערשאַפט אין די יידישע פּראָווינצן, אָבער דאָס אויפבויען לאָקאַלע אָרגאַניזאַציעס האָט באַגעגנט אומגעהויערע שטערונגען. אין אַלט־רו־מעניע האָט דער בונד אָנגעטראָפן אַ ווידערשטאַנד פון די ראַיאָנע סאָ־ציאַל־דעמאָקראַטישע פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציעס, וועלכע האָבן עקשנותדיק איינגעהאַלטן דעם „נאַציאָנאַליזם‟, וואָס מ'איז אין בוקאָווינע שוין לאַנג צוריק איבערגעקומען. זיי האָבן נישט געהאַט קיין פּאַרשטענ־דעניש פאַר די נאַציאָנאַלע גרופּעס אין דער פּאַרטיי. ענלעך איז עס אויך געווען אין מאַראַמאַרעש מיט דער טראַנסילוואַנישער פּאַרטיי־אָנפירונג. אין בעסאַראַביע האָט מען געלעבט אונטער דעם טעראָר פון מיליטע־רישן באַלאַגערונג־צושטאַנד, וואָס האָט בכלל אוממעגלעך געמאַכט די עקזיסטענץ פון אַ סאָציאַליסטישער אָרגאַניזאַציע.

פאַרן בונד זיינען געקומען יאָרן פון שווערער אַרבעט און גרויסע אַנטוישונגען. לויזע גרופּעס פון אָנהענגער אין די גרעסערע שטעט — דאָס איז געווען דאָס איינציקע, וואָס דער בונד האָט געקענט דערגרייכן אין די אַנדערע פּראָווינצן. בעת די פּאַרלאַמענט־וואַלן אין יאָר 1932 האָט די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פּאַרטיי אַרויסגעשטעלט ד״ר יוסף קיסמאַן אַלס קאַנדידאַט אויפן ערשטן אָרט פון איר ליסטע אין די דריי צפון־דיסטריקטן פון בעסאַראַביע — כאָטין, בעלץ און קישיניעוו. נישט גע־קוקט אויפן וואַל־טעראָר האָט ער באַקומען אַ גרויסע צאָל שטימען.

# 11. אין יידישן לעבן

אין נאַציאָנאַלן פּראָגראַם פון בונד האָט די קהילה פיגורירט צווישן די וויכטיקסטע פּאָליטישע קאַמף־אויפגאַבעס. עס האָט אָבער געמוזט אַוועקגיין אַ צענטליק יאָר איידער די יידישע באַפעלקערונג פון בוקאַ־ווינע האָט באַקומען די געלעגנהייט אויסצוקלייבן אין פרייע וואַלן די פאַרוואַלטונגען פון די קהילות.

די וואַלן אין טשערנאָוויץ זיינען באַשטימט געוואָרן אויפן 18־טן מאַי 1930. ס׳איז געווען אַ גרויס געשעעניש. צום ערשטן מאָל אין דער געשיכטע פון דער טשערנאָוויצער יידישער קהילה האָבן יידן פון אַלע סאָציאַלע שיכטן געהאַט אַ מעגלעכקייט צו שטימען אין פרייע וואַלן און באַשטימען דעם צוזאַמענשטעל פון דער קהילה־אָנפירונג. דעם וואַל־קאַמף, וואָס האָט געדויערט עטלעכע וואָכן, האָבן אַלע צדדים גע־פירט מיט אַ סך ענערגיע.

דער יסוד פון בונדישן וואַל־פּראָגראַם, וואָס איז געוואָרן פאַר־עפנטלעכט אין דער פּרעסע און פאַרשפּרייט אין באַזונדערע אויפרופן, איז געווען, אַז די קהילה מוז פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ נאַציאָנאַלן פאָלקס־קיבוץ פון די יידן. ער האָט זיך אָנגעהויבן מיט די ווערטער: „די קהילה איז אַן עפנטלעך־רעכטלעכע אינסטיטוציע, וואָס נעמט אַרום אַלע, וועל־כע געהערן צום יידישן פאָלק און איז דעריבער דע־פאַקטאָ די יידישע נאַציע, קאָנסטיטואירט אין די ראַמען פון דער רומענישער נאַציאָנאַ־לער מלוכה״ . . . פון ווילן פון קהילה־ראַט איז איצט אָפּהענגיק צו מאַכן פון דאָזיקן געזעצלעך־אָנערקענטן עפנטלעך־רעכטלעכן אָרגאַן דעם פונ־דאַמענט פון דער יידישער נאַציאָנאַל־קולטורעלער אויטאָנאָמיע. צו דעם איז קודם־כל נייטיק אויסצופילן דעם עקזיסטירנדיקן אָרגאַן מיט נאַציאָ־נאַל־קולטורעלן אינהאַלט; צו שאַפן כל־המינים שולן און אַנשטאַלטן פאַר בילדונג־צוועקן, זאָרגן פאַר און אַנטוויקלען די יידישע שפּראַך, ליטעראַטור און קולטור. באַזונדערס שטאַרק האָט דאָס פּראָגראַם זיך איינ־געשטעלט פאַר אָפּשאַפן די אומדירעקטע שטייערן און פאַר איינפירן אַ פּראָגרעסיוון סיסטעם פון שטייערן, וואָס די פאַרמעגלעכע וועלן דאַרפן צאָלן. ס׳איז אויך געווען די פאָדערונג פון פאַנאַנדערבוי פון די סאָ־ציאַלע אינסטיטוציעס, ווי שפּיטאָל, יתומים־הויז, פאַרזאָרגן די עלטער־מענטשן און מאָדערניזירן די שטיצע פאַר אָרימעלייט.

עס זיינען געווען אַ סך קאַנדידאַטן־ליסטעס, ווייל דער פּראָפּאָר־ציאָנעלער וואַל־רעגולאַמין האָט געגעבן אַ מעגלעכקייט אויך קליינע

גרופּעס צו באַקומען מאַנדאַטן . . . דעם בונד האָבן באַקעמפּט אַלע פּאַר־טייען און גרופּעס. מ׳האָט פאַרשריגן דעם בונד אַלס אַן אַפּיקורסישע אָרגאַניזאַציע און אַ פאַרשטייערשאַפט פון „גאָטלאָזן״ בונד אין דער קהילה, האָט מען געשראָקן, וועט זיין אַ סכנה פאַר די רעליגיעזע אַנשטאַלטן. נישט געקוקט אויף די העצעס איז דער בונד געשטאַנען פעסט ווי אַ באַזונדערע אידייאישע ריכטונג פון דער יידישער אַרבעטערשאַפט און געפירט דעם קאַמף אויף אַ הויכן אידעאָלאָגישן ניוואָ מיטן בירגערטום פון כל־המינים.

דער רעזולטאַט פון די וואַלן איז געווען אַ צעשפּליטערונג פון די שטימען. דער געוויילטער ראַט איז געווען צעשפּליטערט אין קליינע גרופּעס, אָן אַן אַרבעט־פעאיקער מערהייט. דער בונד האָט דערגרייכט אַכט מאַנדאַטן, וואָס איז אָנערקענט געוואָרן ווי אַ גרויסער דערפאָלג. פון דער בונדישער ליסטע זיינען געוויילט געוואָרן: ד״ר בערל פריד־מאַן, נתן טראַפּער, ד״ר יוסף קיסמאַן, מאַטעס ראַל, ליטמאַן שאַפּער, מאַרקוס כתבן, אייזיק וויזעל און יוסף שטיגליץ.

צוליב די רייסערייען צווישן די בירגערלעכע גרופּעס האָט דער ניי־דערוויילטער קהילה־ראַט קיין פּרוכטבאַרע קאָנסטרוקטיווע טעטיקייט נישט געקענט פירן, און דער ראַט איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ פאָרום פון העפטיקע דיסקוסיעס וועגן יידישע פּראָבלעמען. די אינסטיטוציעס און טעטיקייטן פון דער קהילה האָבן מחמת דעם שטאַרק געליטן. די בונ־דיסטן, צוזאַמען מיט אַ קליינער צאָל פון אַנדערע ראַט־מיטגלידער, האָבן זיך באַמיט אין די שווערע באַדינגונגען צו דערפילן זייערע אויפגאַבן, צו וועלכע זיי זיינען געוויילט געוואָרן.

אַ שאַרפער קאַמף איז געפירט געוואָרן וועגן דער לערן־שפּראַך אין דער זעקס־קלאַסיקער פאָלקס־שול פון דער קהילה. ווי אין דער פריערדיקער צייט אונטער עסטרייכישער ממשלה, איז די לערן־שפּראַך געווען דייטש. דער ניי־דערוויילטער קהילה־ראַט האָט עס אין יאָר 1930 געוואָלט ענדערן. ס׳האָט זיך אָנגעהויבן אַ שטרייט וועגן דער נייער לערן־שפּראַך — יידיש אָדער העברעאיש? די בונדישע ראַטמענער האָבן עקשנותדיק געקעמפּט פאַר יידיש, די ציוניסטן און אַנדערע בירגערלעכע פּרנסים האָבן פאַרלאַנגט העברעאיש. אייניקע זיינען געווען פאַר אַ קאָמפּראָמיס — אין די ערשטע יאָרן יידיש און די ווייטערדיקע יאָרן העברעאיש. מיט אַלע שטימען קעגן די שטימען פון די בונדיסטן האָט דער קהילה־ראַט זיך אַרויסגעזאָגט פאַר העברעאיש. מחמת דעם פריער־דערמאָנטן באַשלוס און צוליב דער אַלגעמיינער טעטיקייט אָדער אומ־טעטיקייט פון קהילה־ראַט, איז די בונדישע פראַקציע אין אַ קורצער צייט אַרום פון אים אַרויסגעטרעטן. אינגיכן האָט די רעגירונג דעם ראַט פאַנאַנדערגעלאָזט.

# 12. שול־און קולטור־טעטיקייט

יידישע פאָדערונגען אויף די געביטן פון שול און קולטור האָבן גע־הערט צום ווינטיקסטן אינהאַלט פון בונדישן פּראָגראַם אין אַלע לענ־דער. דער דאָזיקער שטאַנדפּונקט איז באַזונדערס אָקצענטירט געוואָרן אויף דער צווייטער קאָנפערענץ פון בונד אין בוקאָווינע, אין מאַי 1921. כאָטש די שול־און קולטור־פאָדערונגען זיינען געווען גאָר וויכטיק ווי פּאָליטישע קאַמף־לאָזונגען, האָט דאָך קיינער אין אָנהייב נישט געטראַכט וועגן דעם, אַז מ׳זאָל קענען מיט פּריוואַטע מיטלען צוטרעטן פּראַקטיש רעאַליזירן די דאָזיקע אידייען.

אין דער רעזאָלוציע, וואָס די פריער־דערמאַנטע קאָנפערענץ האָט אָנגענומען נאָך אַ רעפעראַט פון ד״ר בערל פרידמאַן, איז אַרויסגעשטעלט געוואָרן די פאָדערונג צו דער מלוכה וועגן שאַפן יידישע פאָלקס־שולן, שולן פאַר מיידלעך און מיטל־שולן. געלט־זאַמלונגען אָדער ענלעכע גע־זעלשאַפטלעכע אַקציעס פאַרן צוועק פון שאַפן פּריוואַטע שולן — וועגן דעם האָט מען בכלל נישט געטראַכט. נאָר ביים סאַמע סוף פון דער רעזאָלוציע איז מיט עטלעכע ווערטער אויסגעדריקט געוואָרן דער וואונטש צו שאַפן פון אייגענער איניציאַטיוו מוסטער־שולן. ס׳איז געווען אַ פרומער וואונטש, ווייל אַלע האָבן פאַרשטאַנען, אַז דאָס איז נישט מעגלעך צו רעאַליזירן.

אין די עפנטלעכע פאָלקס־שולן, וואָס זיינען כסדר אַלץ מער און מער געוואָרן ראָמאַניזירט, האָט מען יידישע קינדער אויפגענומען אָן שוועריקייטן. אַנדערש די האַנטווערקער־שולן, פון וועלכע מ׳האָט די יידישע אַרבעטער־יוגנט סיסטעמאַטיש אַרויסגעשטויסן. מ׳האָט געבערענגט רומענישע יוגנטלעכע פון די דערפער און פון מלוכה־געלטער זיי אויס־געהאַלטן אין טשערנאָוויץ. מ׳האָט געצוואונגען יידישע בעלי־מלאכות, דיפּלאָמירטע מייסטער, צו לערנען זיי די פאַכן. האָט מען מחמת דעם באַשלאָסן צו שאַפן אַ יידישע האַנטווערקער־שול. אָנצופירן מיט דער שול האָט מען איבערגעגעבן דעם חבר הערץ גילישענסקי, אַ לערער, וואָס איז געקומען פון בעסאַראַביע און האָט פאַרמאָגט די פּראַקטישע קענ־טענישן און אַ סך ענערגיע. ער איז געווען די נשמה פון דער שול און שפּעטער פון אַנדערע שול־פּראָיעקטן אין אַרבעטער־בילדונג־פאַראיין מאָרגענרויט.

דער מאָרגענרויט (אונטער אַן אַנדערן נאָמען) איז געגרינדעט גע־

וואָרן נאָך אין יאָר 1908. ער האָט זיך דעמאָלט געשטעלט באַשיידענע אויפגאַבן אויפן געביט פון קולטור־טעטיקייט. דאָס האָט זיך אויסגעדריקט אין דורכפירן פּעריאָדישע בילדונג־קורסן און שאַפן אַ רייכע ביבליאָטעק פון דער מאָדערנער יידישער ליטעראַטור. איצט איז מאַרגענרויט פאַרוואַנדלט געוואָרן אין דער שול־אָרגאַניזאַציע פון בונד און האָט כסדר אויסגעברייטערט די טעטיקייט אויף די געביטן פון יידישער קולטור. מאַרגענרויט איז געוואָרן ביסלעכווייז איינע פון די גרעסטע יידישע קולטור־אָרגאַניזאַציעס אין מזרח־אייראָפּע.

אין האַרבסט 1921 איז געעפנט געוואָרן די ערשטע יידישע האַנטווערקער־שול אין טשערנאָוויץ. מ'האָט פון אַרבעט־מיניסטעריום באַקומען די דערלויבעניש צו עפענען די שול און מיט דעם אויך די עפנטלעכע רעכט. שוין אין ערשטן יאָר האָט זי געהאַט 200 שילער — יינגלעך און מיידלעך. אַ צאָל אָנגעזעענע יידישע לערער האָבן די לימודים געפירט אין יידיש, רומעניש לערער האָבן געלערנט די רומענישע שפּראַך און די געשיכטע פון רומענישן פאָלק. דער דירעקטאָר פון דער שול איז געווען קאַרל קאָהן.

ס'איז נייטיק געווען אַן אייגן הויז פאַר דער שול און פאַר די אַנדערע קולטור־טעטיקייטן. ס'איז דעריבער געשיקט געוואָרן קיין אַמעריקע אַ דעלעגאַציע פון צוויי חברים — הערץ גילישענסקי און ד"ר יוסף קיסמאַן — וועלכע האָבן במשך 3 חדשים דורכגעפירט אַ דערפאָלגרייכע הילף־אַקציע. פאַר די געזאַמלטע געלטער האָט מען געקויפט אַ פּלאַץ און אויפגעבויט דאָס קולטור־הויז מאַרגענרויט. אויך אין די ווייטערדיקע יאָרן האָבן די זעלבע בונדישע שלוחים געמוזט קומען קיין אַמעריקע דורכצופירן הילף־אַקציעס פאַר מאַרגענרויט. זיי האָבן דאָ שטענדיק געהאַט די פולע אונטערשטיצונג פון חבר ברוך טשאַרני־וולאַדעק און פון יידישע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס.

נישט געקוקט אויף אַלע מאַטעריעלע צרות, האָט דער מאַרגענרויט (זיין פאָרזיצער איז געווען דער חבר ווילהעלם איפען) געהאַט צוויי האַנטווערקער־שולן: איין שול פאַר מיידלעך (שניידעריי) און אַ צווייטע שול פאַר יינגלעך (סטאָלעריי). אין זיי האָט מען געלערנט במשך פון טאָג. ס'איז אויך געווען אַן אויסגעברייטערטע האַנטווערקער־שול אין די אָוונט־שעהען. אין די טאָג־שולן האָבן ערשטקלאַסיקע לערער געלערנט אַחוץ פאַך־ענינים אויך אַלגעמיינע לימודים. די וואָס האָבן געענדיקט די אָוונטשול פון האַנטווערקעריי, האָבן געהאַט דאָס רעכט, ווי די גראַדואַנטן פון אַנדערע הויכשולן, צו דינען אין מיליטער נישט מער ווי איין יאָר.

אין די אַלע שולן פון מאַרגענרויט איז יידיש געווען די שפּראַך פון לערנען און ריידן. מיט דער גרעסטער זאָרגעוודיקייט האָט מען געלערנט די יידישע שפּראַך און ליטעראַטור. מ'האָט אויך געלערנט יידיש געזאַנג.

דער שפּעטער באַרימט־געוואָרענער זינגער יוסף שמידט איז אַ לאַנגע צייט געווען דער געזאַנג־לערער און כאָר־דיריגענט פון די מאָרגענרויט־שולן.

אין הויז פון מאָרגענרויט האָט זיך קאָנצענטרירט אַן אַלזייטיקע קולטור־טעטיקייט: אַ גרויסע ביבליאָטעק אויפן נאָמען פון וולאַדימיר מעדעם, אַן אַרבעטער־קלוב אויפן נאָמען פון יעקב פּיסטינער, אַ כאָר, אַן אָרקעסטער, די בונדישע יוגנט־אָרגאַניזאַציע, דער ספּאָרט־פאַראיין מאָרגענשטערן, אַ טעאַטער־סעקציע און אַ רעסטאָראַן, וואו נישט־פאַר־מעגלעכע מענטשן האָבן באַקומען גוטע מאָלצייטן צו ביליקע פּרייזן. דאָס הויז האָט צוגעצויגן אַ גרויסן עולם, וואָס איז געקומען צו די פאָרלע־זונגען, פאַרזאַמלונגען, בילדונג־קורסן, פאַרשטעלונגען און אַנדערע טע־טיקייטן.

דער מאָרגענרויט האָט געהאַט אויסצושטיין פאַרשידענע נגישות און רעפּרעסיעס. קעגן דעם בונדישן בילדונג־צענטער האָבן די אַנטיסע־מיטישע עלעמענטן צוגעטראַכט פיינטלעכע פּלענער, וואָס האָבן געהאַט די סימפּאַטיע פון די רעגירונג־אָרגאַנען. ווי נאָר מ׳האָט געעפנט די ביבליאָטעק, האָט די פּאָליציי דורכגעפירט אַ רעוויזיע און קאָנפיסקירט ביכער פון קאַרל מאַרקס, פרידריך ענגעלס און קאַרל קאַוטסקי. די פּראָ־קוראַטור האָט אָנגעקלאָגט דעם מאָרגענרויט אין געריכט און פאַרלאַנגט, אַז מ׳זאָל די אָרגאַניזאַציע ליקווידירן. דער פּראָצעס אין טשערנאָוויצער טריבונאַל האָט זיך געצויגן יאָרן לאַנג. די פּאָליצייאישע רעוויזיעס אין דער ביבליאָטעק האָבן זיך איבערגעחזרט. ביי יעדער רעוויזיע האָט מען קאָנפיסקירט פאַרשידענע ביכער. סוף־כל־סוף האָט דאָס געריכט אָפּגע־וואָרפן די באַשולדיקונג פון דער פּראָקוראַטור. דער ענין איז דעמאָלט אַריבער אין העכערן געריכט צוליב דער אַפּעלאַציע פון דער פּראָקו־ראַטור. איבער אַ יאָר האָט זיך געצויגן דער ענין אין אַפּעלאַציע־גע־ריכט, וואָס האָט אַרויסגעטראָגן דעם זעלבן פּסק־דין.

נישט געקוקט אויף אַלע שיקאַנעס און רעפּרעסיעס איז די פאַר־צווייגטע טעטיקייט ווייטער געפירט געוואָרן. במשך די אַלע יאָרן האָט מיט דער פאַרוואַלטנדיקער טעטיקייט אָנגעפירט מיט גרויסער טריי־שאַפט און איבערגעגעבנקייט די סעקרעטאַרין שרה כתבן. ערשט ווען ס׳איז געקומען צו דער מאַכט די שטאַרק רעאַקציאָנערע און אַנטיסע־מיטישע רעגירונג פון קוזאַ־גאָגאַ, איז דאָס גרויסע יידישע פאַרמעגן גע־וואָרן קאָנפיסקירט און די אָרגאַניזאַציע פאַרבאָטן. אָט די רעגירונג האָט שוין נישט געדאַרפט צו דעם האָבן קיין שום געריכט און קיין שום געזעץ.

## 13. די לעצטע גערַאנגלען

נאָכן קומען פון היטלערן צו דער מאַכט אין דייטשלאַנד (1933) האָט די אַנטיסעמיטישע באַוועגונג אין רומעניע באַקומען אַ מער גע־פערלעכן כאַראַקטער. אַלץ אָפטער זיינען פאָרגעקומען ערנסטע עקס־צעסן קעגן דער יידישער באַפעלקערונג אין פאַרשידענע טיילן פון לאַנד. די עקסצעסן האָבן דורכגעפירט די „קוזיסטן" (אָנהענגער פון טרויעריק־באַרימטן פּראָפעסאָר קוזאַ) און די „אייזערנע גוואַרדיע". כאָטש צווישן זיי האָבן עקזיסטירט אונטערשיידן, זיינען זיי אין דעם פאַל געווען אין פולער איינשטימיקייט און זיי האָבן סיסטעמאַטיש אָרגאַניזירט און דורכגעפירט די אַרויסטרעטונגען קעגן די יידן. די רעגירונג, וואָס האָט אַ געוויסע צייט זיך געוואַקלט צווישן לעגאַליטעט און דער הערשאַפט פון אַנטיסעמיטישן טעראָר, האָט אַלץ מער און מער זיך געבויגן צום טעראָריסטישן צד. זומער 1936 האָט מען שוין בולט געזען, אַז דער אַנטיסעמיטישער המון איז פאַקטיש געוואָרן אַ פּאַראַלעלע רעגירונג אין רומעניע.

טשערנאָוויץ איז דעמאָלט געווען די אַרענע פון גרויסע אַנטיסע־מיטישע אָנפאַלן, פון וועלכע ס'האָט געליטן די יידישע באַפעלקערונג. במשך פון אַ וואָך האָט דאָס קולטור־הויז מאָרגענרויט אויסגעזען ווי אַ באַלאַגערטע פעסטונג. ווען עס האָט זיך פאַרשפּרייט אַ קלאַנג, אַז עס ווערט געפּלאַנט אַן אָנפאַל און אַ פאַרכאַפּונג פון הויז, האָט מען אָנגענומען געהעריקע קעגן־מיטלען. הונדערטער יידישע אַרבעטער האָבן כסדר, טאָג און נאַכט, באַוואַכט דעם בנין. דער דערוואַרטעטער אָנפאַל איז נישט פאָרגעקומען. אָבער אין דער שטאָט זיינען די עקסצעסן ווייי־טער פאָרגעקומען. כמעט טאָג־טעגלעך זיינען געווען צוזאַמענשטויסן צווישן אָרגאַניזירטע גרופּעס פון יידישער יוגנט און פון אַנטיסעמיטישע באַנדעס, וואָס האָבן געמוזט אָפּטרעטן.

סוף־כל־סוף האָבן די אַנטיסעמיטישע באַנדעס געמוזט צו רו לאָזן די שטאָט גופא און זיך קאָנצענטרירט אין שטאָטישן פאָלקס־גאָרטן, וואָס איז געוואָרן געפערלעך פאַר יידן צו שפּאַצירן אין אים. דער פאָלקס־גאָרטן איז געוואָרן „יידן־ריין". דאָס יידישע טשערנאָוויץ האָט געמוזט אָראָפּשלינגען די דאָזיקע דערנידערונג. קיינער האָט דעמאָלט נישט געקענט פאָרויסזען און פאָרויספילן, אַז פון די רייען פון דער יידישער אַרבעטער־יוגנט וועט קומען אַ נקמה־נעמער און וועט זיך

בלוטיק אָפּרעכענען מיט די אַנטיסעמיטישע פּאַשיסטן. די ראָל האָט אויסגעפירט דער צאַרטער, יונגער עדי וואַגנער, קוים 20 יאָר אַלט. אַ זון פון אַן אָרימער אַלמנה, איז די יוגנט־אָרגאַניזאַציע פון בונד געווען זיין אמתע היים. ער האָט אָרגאַניזירט און דיריגירט אַ באַלאַלייקע־אָרקעסטער פון הונדערט ייִנגלעך און מיידלעך, וואָס פלעגט געבן עפנטלעכע קאָנצערטן פאַר די אַרבעטער.

די אַנטיסעמיטישע עקסצעסן פון זומער 1936 האָבן אויף עדי וואַגנער געמאַכט אַ טיפן איינדרוק. שטילערהייט האָט ער אָרגאַניזירט אַ קאַמף־גרופּע פון דער יוגנט. אין אַ הייסער נאַכט פון חודש יולי איז די גאַנצע גרופּע אַוועק אין פּאַלקס־גאָרטן, כדי צו מאַכן אַ סוף צו די בלוט־פאַרגיסונגען פון דער פאַשיסטישער באַנדע. ס׳האָט זיך אָנגעהויבן אַ קאַמף, בעת וועלכן ס׳איז געפאַלן טויט דער פירער פון דער באַנדע, אַ סטודענט פון טעאָלאָגיע.

נאָך אין דער זעלבער נאַכט האָט די פּאָליציי אַרעסטירט 30 מיטגלידער פון יוגנט־בונד. אין פּאָליציי־הויז האָט מען אַלע אַרעסטירטע געפּייניקט און גוואַלטזאַם באַהאַנדלט. צום ערגסטן האָט אָפּגעשניטן עדי וואַגנער. אויפן צווייטן טאָג האָט מען אים אַ גוססדיקן געבראַכט אין שפּיטאָל. די פּאָליציי האָט געטענהט, אַז בעתן פאַרהער איז ער אַרויסגעשפּרונגען פון צווייטן שטאָק. אין שפּיטאָל האָט מען קיינעם צו אים נישט צוגעלאָזט, אָבער פון דער קראַנקן־שוועסטער האָט מען זיך שפּעטער דערוואוסט, אַז דער גוף איז געווען פול מיט וואונדן און עס זיינען געווען בולטע סימנים פון טאָרטורן. עדי וואַגנער איז געשטאָרבן אין אָוונט פון זעלבן טאָג, ווען מ׳האָט אים געבראַכט אין שפּיטאָל. אין דער זעלבער נאַכט האָט מען אים מקבר געווען אויפן ייִדישן בית־עולם. קיינעם, אַחוץ דער מוטער, האָט די פּאָליציי נישט צוגעלאָזט צו דער קבורה, אָבער אויך דער מוטער האָט מען נישט דערלויבט צו זען דאָס פּנים פון איר בן־יחיד. די אַרעסטירטע יוגנטלעכע האָט מען באַלד באַפרייט, אָבער זייער אָרגאַניזאַטאָר און פירער האָט באַצאָלט מיט זיין יונג לעבן.

דער מאַרטירער־טויט פון עדי וואַגנער האָט נאָך מער פאַרפעסטיקט און פאַרטיפט די פאַרבונדנקייט פון דער אַרבעטנדיקער באַפעלקערונג מיט זייערע אָרגאַניזאַציעס. נאָך יענעם חודש יולי פון יאָר 1936 האָט די פּאָליציי שאַרף געהאַלטן איר אויג אויף דעם בונד און אויף כמעט אַלע זיינע אינסטיטוציעס. אַן עפנטלעכע טעטיקייט איז געווען מעגלעך בלויז אין אַ באַגרענעצטער מאָס. דערפאַר האָט געהאַט מער חשיבות דער דערפאָלג פון בונד ביי די קהילה־וואַלן אין יאָר 1937. פאַראייניקט מיט לינקע פּועלי־ציון, האָט די ליסטע באַקומען 8 מאַנדאַטן: 6 בונדיסטן און 2 פּועלי־ציוניסטן. דאָס איז געווען דער לעצטער עפנטלעכער אויפטריט פון די ייִדישע פּאַרטייען אין בוקאָווינע.

**
*

וואָס נאָך דעם איז געווען, געהערט צו דער געשיכטע פון דער גרויסער יידישער טראַגעדיע אין איראָפּע בשעת דער צווייטער וועלט־מלחמה.

אונטער דער סאָוועטישער אָקופּאַציע איז דאָס מאַרגענרויט־הויז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַן אָפּטיילונג פון אוניווערזיטעט. שרה כתבן, די סעקרעטאַרין פון מאַרגענרויט, האָט מען איבערגעלאָזט אַלס פאַר־וואַלטערין פון הויז ביז דעם טאָג, ווען די כלומרשט סאָציאַליסטישע מלוכה האָט די געטרייע יידישע סאָציאַליסטקע דעפּאָרטירט קיין סי־ביר צו איר טויט. אַלע אַנדערע אַנגעשטעלטע האָט מען באַזייטיקט, די שולן און די אַנדערע אינסטיטוציעס — פאַרמאַכט.

פאַר דעם אָפּטרעטן פון דער רוסישער אַרמיי האָט די סאָוועטישע מאַכט אַרעסטירט און דעפּאָרטירט קיין סאָוועט־רוסלאַנד די דאָזיקע אַנפירנדיקע חברים פון בונד און פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי, צוזאַמען מיט אַ גאַנצער ריי טשערנאָוויצער איינוואוינער: וויל־העלם איפּען מיט דער פרוי און טאָכטער, שרה און מאַרקוס כתבן, הערץ גילישענסקי מיט זיין פרוי, שמואל טראַפּער מיט פרוי און קינד, ד״ר אַרטור אַבערלענדער מיט פרוי און זון, ד״ר אַלבערט זילבערמאַן מיט פרוי און זון, און אַנדערע.

אַ סך פון יענע, וואָס האָבן אויסגעמיטן אַרעסט און דעפּאָרטאַציע, זיינען געפאַלן אַ קרבן, ווען די צעיושעטע רומענישע אַרמיי האָט צוריק אַריינמאַרשירט אין בוקאָווינע. צו זיי געהערט ליטמאַן שאַפער, אַ מיט־גליד פון קולטור־ראַט, האָט ער בשעת דער סאָוועטישער ממשלה גע־טאָן פרייוויליקע אַרבעט אין יידישן שפּיטאָל. בעתן אַריינמאַרש פון רומענישן מיליטער איז ער בעת דער דאָזיקער עבודה אויף דער גאַס פאַרן שפּיטאָל דערשאָסן געוואָרן.

און אַ סך פון יענע, וואָס זיינען אויך פון דער דאָזיקער בלוט־באָד ניצול געוואָרן, זיינען אויסגעגאַנגען פון פּיין און ליידן אין טראַנסניסטריע.

פון סיביר זיינען געקומען זעלטן ידיעות און הילף־רופן קיין אַמע־ריקע. אַחוץ עטלעכע, וועמענס גורל איז נאָך אַלץ אומבאַוואוסט, זיינען אַלע אומגעקומען פון הונגער און עלנט.

# 14. דער בונד און די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי אין רומעניע*

דער בונד איז געווען ענג פאַרבונדן מיט דער אַלגעמיינער סאָציאַליסטישער באַוועגונג אין רומעניע. ער איז געווען אַן אויטאָנאָמער טייל פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי און זיינע פירער האָבן אין איר געשפּילט אַ וויכטיקע ראָל. דער ערשטער פּאַראַגראַף פון „סטאַטוט פונעם אַלגעמיינעם יידישן אַרבעטער־בונד אין רומעניע" האָט געזאָגט: „דער אַלגעמיינער יידישער אַרבעטער־בונד אין רומעניע איז די פּאָליטישע אָרגאַניזאַציע פון די יידישע אַרבעטנדיקע מאַסן אין זין פון פּונקט 4 פונעם סטאַטוט פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי אין רומעניע, מיט פולער אויטאָנאָמיע אויפן געביט פון פּראָפּאַגאַנדע און פּאָליטישן קאַמף פאַר נאַציאָנאַל־קולטורעלע פאָדערונגען" (אָנגענומען אויף דער צווייטער לאַנד־קאָנפערענץ פון בונד אין רומעניע, אין יאָר 1928).

גאָר שווער, מיט גרויסע אויסערלעכע און אינערלעכע שטערונגען, איז פאָרגעקומען די אַנטשטייאונג און אַנטוויקלונג פון דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג אין גרויס־רומעניע. די רומענישע מלוכה איז שטאַרק פאַרגרעסערט געוואָרן נאָכן סוף פון דער ערשטער וועלט־מלחמה. זי האָט אַנעקסירט און אינקאָרפּאָרירט גרויסע פּראָווינצן פון עסטרייך, אונגאַרן און רוסלאַנד. פריער איז דאָרטן געווען אַ היפּשע אַרבעטער־באַוועגונג — סאָציאַליסטישע אָרגאַניזאַציעס, פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען, צייטונגען, קולטור־אינסטיטוציעס, קאָאָפּעראַטיוון און יוגנט־פאַרבאַנדן. ס'איז נייטיק געווען זיי אַלע צו באַהעפטן אין איין רעם מיט דער אַרבעטער־באַוועגונג אין אַלט־רומעניע. צוליב די גאָר פאַרשידענע היסטאָרישע באַדינגונגען און טראַדיציעס אין די אַלע פּראָווינצן, האָט עס אָנגעטראָפן אויף מניעות.

אין 1919 איז געמאַכט געוואָרן דער ערשטער פּרואוו. די אַלע טיילן האָבן זיך געאייניקט אויף בשותפותדיקע טעזן, וואָס האָבן געדאַרפט זיין דער יסוד פון דער פאַראייניקונג. די שטאַרקע אָפּאָזיציאָנעלע און רע־

* די צוויי וויטערדיקע קאַפּיטלען האָט געשריבן י. ש. הערץ אויפן סמך פון די מאַטעריאַלן, וואָס זיינען געווען געדרוקט אין דער פּרעסע פון בונד אין טשערנאָוויץ.

וואָלוציאָנערע שטימונגען, וואָס האָבן געהערשט צווישן דער אַרבעטער־שאַפט באַלד נאָך דער וועלט־מלחמה, האָט אַריינגעבראַכט אַן אויפברויז און קאַמף־לוסט אין די סאָציאַליסטישע אָרגאַניזאַציעס און פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען. ביי אַזאַ מצב איז אין אָקטאָבער 1920, אַן אַ געהעריקער צוגרייטונג, פּראָקלאַמירט געוואָרן אַ גענעראַל־שטרייק אין לאַנד. דער גענעראַל־שטרייק האָט גורם געווען שווערע קאָנסעקווענצן. לאַ־די וואָס ער איז געווען ווייט נישט־גענוג געלונגען, האָט ער מאָביליזירט דעם רעגירונג־אַפּאַראַט צום אונטערדריקן די סאָציאַליסטישע באַוועגונג. עס האָט זיך אַ שאָט געטאָן אַ מבול פון רעפּרעסיעס, אַרעסטן און ברוטאַלע אַקטן איבער דער לענג און ברייט פון לאַנד. אַ סך אָרגאַניזאַציעס זיינען פאַרניכטעט געוואָרן.

צו אָט די אויסערלעכע קלעפּ איז צוגעקומען אַן אינערלעכע צע־שפּליטערונג, וואָס איז אין יענעם פּעריאָד געווען כאַראַקטעריסטיש פאַר דער אינטערנאַציאָנאַלער אַרבעטער־באַוועגונג אויך אין אַנדערע לענ־דער. עס האָבן זיך אויסגעבילדעט דריי ריכטונגען: אַ טייל, וואָס האָט געוואָלט בלייבן אין אַלטן סאָציאַליסטישן (דעם צווייטן) אינטערנאַציאָ־נאַל; אַ צענטריסטישער טייל, וואָס האָט געשטרעבט זיך צו פאַראייניקן מיט דער ווינער אַרבעט־געמיינשאַפט (דעם א. ג. 2 און אַ האַלבן אינ־טערנאַציאָנאַל); און די דריטע ריכטונג איז געווען אַן אויסגעשפּראָכן קאָמוניסטישע, וואָס האָט געוואָלט אַריינטרעטן אין קאָמוניסטישן (דריטן) אינטערנאַציאָנאַל. אויף דעם באַדן איז אין יאָר 1921, אויף אַ פּאַרטיי־קאָנפערענץ אין בוקאַרעשט, פאָרגעקומען די פאַקטישע צעשפּאַלטונג נאָך איידער עס האָט זיך געזאָלט אויספאָרמירן אַ ווירקלעך פאַראיי־ניקטע סאָציאַליסטישע באַוועגונג אין דער פאַרגרעסערטער רומענישער מלוכה.

ס'האָט נישט לאַנג געדויערט און די פאַראייניקונג־טענדענצן האָבן ווידער גענומען די אויבערהאַנט. דעם 19־טן און 20־טן יוני 1921 איז אין פּלאָיעשט פאָרגעקומען אַן אַלגעמיינער פּאַרטיי־קאָנגרעס, אויף וועלכן ס'איז געשאַפן געוואָרן אַ פעדעראַציע פון די סאָציאַליסטישע פּאַרטייען, וואָס האָבן זיך געפונען אין די פריערדיקע באַזונדערע טיילן פון לאַנד — אין טראַנסילוואַניע, באַנאַט, בוקאָווינע און אַלט־רומעניע. צוליב דעם באַזונדערס שטרענגן מיליטערישן רעזשים, וואָס האָט זיך אויסגעצייכנט מיט אכזריות און הפקרות, האָט בעסאַראַביע נישט געקענט זיין באַטיי־ליקט. יעדע פון די פּראָווינצן האָט באַקומען פולע אויטאָנאָמיע. איינ־שטימיק האָט דער צוזאַמענפאָר אָנגענומען אַן אַקציע־פּראָגראַם. איינ־שטימיק איז אויך באַשלאָסן געוואָרן, נאָך אַן אויספירלעכן רעפעראַט פון בונדישן פאָרשטייער ד״ר יעקב פּיסטינער וועגן די חלוקי־דעות אין דער אינטערנאַציאָנאַלער אַרבעטער־באַוועגונג, אַריינצוטרעטן אין דער ווינער אַרבעט־געמיינשאַפט פון די סאָציאַליסטישע פּאַרטייען.

ווי שטאַרק אָפּגעשוואַכט ס׳איז געוואָרן די סאָציאַליסטישע און אַרבעטער־באַוועגונג, קען מען זען פון פאַקט, וואָס אין ערשטן פּאַרלאַ־מענט נאָך דער וועלט־מלחמה (געוויילט אין יאָר 1919) זיינען געווען 19 סאָציאַליסטישע דעפּוטאַטן, אָבער בעת די וואַלן אין יאָר 1922 האָט מען מער ווי איין סאָציאַליסטישן דעפּוטאַט נישט געקענט דורכפירן. דאָס איז געווען ד״ר יעקב פּיסטינער, וועלכער איז געוויילט געוואָרן אין בוקאָווינע. גורם געווען די דאָזיקע באַדייטנדיקע פאַרקלענערונג האָט נישט בלויז די אָפּשוואַכונג פון דער אַרבעטער־באַוועגונג, נאָר אויך אין אַ זייער גרויסער מאָס די רעפּרעסיעס, גוואַלט־מעשים און אומפאַרשעמטע וואַל־שווינדלען פון דער רעגירונג.

ד״ר יעקב פּיסטינער האָט אין זיינע רעדעס אין פּאַרלאַמענט מוטיק און שאַרף קריטיקירט די אַלגעמיינע רעגירונג־פּאָליטיק, בפרט די האַנד־לונגען לגבי דער אַרבעטנדיקער באַפעלקערונג און די נאַציאָנאַלע מינ־דערהייטן. בעת די אַנדערע יידישע דעפּוטאַטן זיינען געווען געבונדן מיטן רעגירונג־לאַגער און נישט געוואָלט איינרייסן מיט קיין שום רעגירונג, וואָס איז געווען ביי דער מאַכט, האָט דער פאַרשטייער פון בונד און פון דער גאַנצער סאָציאַליסטישער באַוועגונג געברענגט צום אויסדרוק די עוולות און ליידן פון דער באַפעלקערונג מחמת דער רעאַקציאָנערער רעגירונג־פּאָליטיק. די רעדעס פון ד״ר פּיסטינער פלעגן אָפּט איבער־געריסן ווערן מיט צווישנרופן און טומלענישן מצד די רעאַקציאָנערע און אַנטיסעמיטישע דעפּוטאַטן.

ביי די פּאַרלאַמענט־וואַלן אין 1926 האָבן די סאָציאַליסטן שוין נישט באַוויזן דורכצופירן קיין איין דעפּוטאַט, הגם זיי האָבן געהאַט גענוג שטימען אויף עטלעכע דעפּוטאַטן, ווען עס וואָלטן געווען ערלעכע, פּראָ־פּאָרציאָנעלע וואַלן. די זעלבע זאַך האָט זיך איבערגעחזרט אין יאָר 1927, ווען מ׳האָט ווידער געוויילט אַ נייעם פּאַרלאַמענט.ביידע מאָל זיינען די וואַלן אַדורכגעפירט געוואָרן אונטער אַ שטאַרקן טעראָר, באַ־גלייט מיט שווינדלען און פעלשונגען. יעדעס מאָל, ווען איין רעגירונג איז אָפּגעטרעטן און אויף איר אָרט איז געקומען אַ צווייטע, פלעגט די נייע רעגירונג אַדורכפירן וואַלן פון אַ נייעם פּאַרלאַמענט און זיך „מאַכן״ אַ מערהייט.

ערשט סוף 1928 איז פאָרגעקומען אַן ענדערונג. די רעגירונג פון דער אַזוי־גערופענער ליבעראַלער פּאַרטיי, אַ קאָרומפּירטע, רעאַקציאָ־נערע רעגירונג, וואָס האָט נישט געהאַט קיין שטאַרקן אָנשפּאַר ביי דער באַפעלקערונג און דערפאַר רעגירט ביד־חזקה מיט דער הילף פון באַ־לאַגערונג־צושטאַנד און אַ ווילדן פּאָליציי־אַפּאַראַט, איז געפאַלן. אויף איר אָרט איז געקומען אַ רעגירונג פון דער בירגערלעכער נאַציאָנאַל־צאַראַניסטישער פּאַרטיי, וואָס האָט געהאַט איר אָנשפּאַר בעיקר אין פּוי־ערטום. אין דעצעמבער 1928 זיינען אַדורכגעפירט געוואָרן וואַלן פון אַ

נייעם פּאַרלאַמענט און די נאַציאָנאַל־צאַראַניסטן האָבן באַקומען אַ גרויסע מערהייט.

די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פּאַרטיי האָט געשלאָסן אַ וואַל־אָפּמאַך מיט די נאַציאָנאַל־צאַראַניסטן, וואָס האָבן גאַראַנטירט 9 סאָציאַליסטישע דעפּוטאַטן. צווישן די 9 אויסגעוויילטע סאָציאַליסטן איז אויך געווען דער פאָרשטייער פון בונד — ד״ר יעקב פּיסטינער, וועלכער איז גע־ווילט געוואָרן אין טשערנאָוויץ.

אין דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי איז געווען אַ באַדייטנ־דיקע אָפּאָזיציע קעגן וואַל־אָפּמאַך. דאָס האָבן אויסגענוצט די קאָמוניסטן, וועלכע האָבן קאַנדידירט אין עטלעכע צענטליק וואַל־דיסטריקטן און אַ גרויסן טייל פון זייער אַגיטאַציע געווענדט קעגן די סאָציאַל־דעמאָ־קראַטן. קיין פּעולה האָט עס נישט געהאַט. די קאָמוניסטישע קאַנדידאַטן האָבן באַקומען אַ קליינע צאָל שטימען און קיין איינער פון זיי איז נישט געווילט געוואָרן.

צוליבן וואַל־אָפּמאַך מיט די נאַציאָנאַל־צאַראַניסטן זיינען אין די ערשטע חדשים די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע דעפּוטאַטן געווען גאַנץ מילד אין זייער אָפּאָזיציע צו דער נאַציאָנאַל־צאַראַניסטישער רעגירונג־פּאָלי־טיק, אָבער שוין אין יאָר 1929 האָבן זיי פאַרעפנטלעכט אַ רעזאָלוציע קעגן דער רעגירונג־פּאָליטיק און זיך אָפּגעגרענעצט פון איר. דער נאָענט־סטער קאָנגרעס פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי האָט באַ־רעכטיקט דעם וואַל־אָפּמאַך מיט די נאַציאָנאַל־צאַראַניסטן אין יאָר 1928, אָבער באַשלאָסן צו פאַרשטאַרקן די אומאָפּהענגיקע אַקציעס פון דער פּאַרטיי, וואָס האָט אויך געמיינט גיין צו די וואַלן נישט בלאָקירט.

אויך די רעגירונג פון די נאַציאָנאַל־צאַראַניסטן האָט קיין אריכת־ימים נישט געהאַט און געמוזט אָפּטרעטן, הגם זי האָט געהאַט אַ גרויסע מערהייט אין פּאַרלאַמענט. די נייע רעגירונג האָט אין מאַי 1930 דורכ־געפירט פּאַרלאַמענט־וואַלן. די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פּאַרטיי האָט איינ־שטימיק באַשלאָסן נישט צו שליסן קיין וואַל־אָפּמאַכן. זי האָט באַקומען בערך 90 טויזנט שטימען (טאָפּלט ווי אין 1928) און דורכגעפירט 7 דע־פּוטאַטן. אַ העלפט פון די ס. ד. שטימען זיינען געווען אין טראַנסיל־וואַניע. דאָס מאָל האָבן אויך די קאָמוניסטן באַקומען גענוג שטימען אויף עטלעכע דעפּוטאַטן, אָבער די רעגירונג האָט זיי געפּסלט.

בעת די שטאָט־ראַט־וואַלן אין טשערנאָוויץ האָט די סאָציאַל־דעמאָ־קראַטישע ליסטע, מיט ד״ר יעקב פּיסטינער בראש, אַליין באַקומען 11 ראַטמענער און די אַלגעמיינע בירגערלעכע ליסטע — פון נאַציאָנאַל־צאַראַניסטן, דייטשער פּאָלקס־ראַט, ציוניסטן און אַ ריי אַנדערע גרו־פּירונגען האָבן באַקומען 25.

**
*

אין דער פעדעראַציע פון די סאָציאַליסטישע פּאַרטייען האָבן די פאַרשטייער פון בונד געשפּילט אַ גרויסע ראָל. זייער השפעה איז געווען אַ באַדייטנדיקע. דעם 27־טן און 28־טן אויגוסט 1922 איז אין בוקאַרעשט פאַרגעקומען אַ קאָנפערענץ פון דער פעדעראַציע פון די אויטאָנאָמע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען אין טראַנסילוואַניע, באַנאַט, בוקאָווינע און אַלט־רומעניע. ד״ר יעקב פּיסטינער האָט רעפערירט וועגן דער אינערלעכער פּאָליטיק אין לאַנד. ער האָט געשילדערט די אונטערדריקונג־פּאָליטיק פון דער רעגירונג לגבי דער אַרבעטנדיקער באַפעלקערונג און די נאַציאָנאַלע מינדערהייטן. די מלוכה־אָרגאַנען האָבן פאַרניכטעט שולן פון די נאַציאָנאַלע מינדערהייטן און אונטערגעדריקט זייערע שפּראַכן. מ׳האָט פאַרניכטעט די אַרטיקע זעלבסט־פאַרוואַלטונגען, אין בעסאַראַביע האָט געווילדעוועט אַ בלוטיקער מיליטערישער רעזשים.

לעאָן געלער האָט רעפערירט וועגן פאַראייניקן זיך מיט די אַנדערע סאָציאַליסטישע ריכטונגען (ס. ד. און צענטריסטן, וואָס זיינען נאָך נישט צוגעשטאַנען צו דער פעדעראַציע. די פאַראייניקונג איז שפּעטער פאָרגעקומען).

פּאַמעלעך האָט די סאָציאַליסטישע באַוועגונג אויך אינערלעך זיך געגומען קאָנסאָלידירן. אין איר זיינען געווען אַנהענגער פון צוויי טענדענצן — פון אַ צענטראַליסטיש־געפירטער פּאַרטיי און פון אַ לויזער פאַראייניקונג. במשך פון יאָרן איז מען געקומען צום אויספיר, אַז ס׳איז נייטיק מער ווי אַ פעדעראַציע, אַז מען מוז שאַפן איין פּאַרטיי. חילוקי־דעות זיינען אָבער ווייטער פאַרבליבן, ווי ווייט זאָל גיין די צענטראַליזאַציע און די אויטאָנאָמיע פון די פּראָווינצן און נאַציאָנאַלע אָרגאַניזאַציעס. אַגב, אין די נייע פּראָווינצן איז די סאָציאַליסטישע באַוועגונג געווען שטאַרקער ווי אין אַלט־רומעניע.

צוויי צוזאַמענפאָרן זיינען געווען געווידמעט דער פראַגע. זיי זיינען פאָרגעקומען אין חודש מאַי פון די יאָרן 1926 און 1927. דער באַשלוס איז געווען שאַפן איין פּאַרטיי מיט אויטאָנאָמיע פאַר די פּראָווינצן און נאַציאָנאַלע אָרגאַניזאַציעס.

אין 1926 זיינען אויפן צוזאַמענפאָר געווען 65 דעלעגאַטן פון אַלט־רומעניע, בוקאָווינע, טראַנסילוואַניע, באַנאַט. די רעדעס זיינען געהאַלטן געוואָרן אין דריי שפּראַכן: רומעניש, דייטש, אונגאַריש (אויף גרויסע עפנטלעכע פאַרזאַמלונגען, צו וועלכע עס זיינען געקומען מאַסן פון פאַרשידענע פעלקער, האָט מען אויך גערעדט אין אַנדערע שפּראַכן, יידיש צווישן זיי).

ד״ר יעקב פּיסטינער האָט געהאַלטן דעם רעפעראַט וועגן דער פּאָליטישער און עקאָנאָמישער סיטואַציע. לעאָן געלער האָט רעפערירט וועגן

נייעם פּאַרטיי־סטאַטוס און געזאָגט, אַז ס'איז נייטיק אַ צענטראַלע פּאַרטיי, אָבער נישט קיין צענטראַליסטישע.

וועגן סטאַטוט איז פאָרגעקומען אַ גרויסע דיסקוסיע.

אין נייעם עקזעקוטיוו־קאָמיטעט זיינען צווישן אַנדערע געוויילט גע־וואָרן: ד"ר יעקב פּיסטינער (טשערנאָוויץ), לעאָן געלער (יאַס), ד"ר ליט־מאַן געלערטער (בוקאַרעשט).

די פאָרשלאָגן און באַשלוסן פון דעם צוזאַמענפאָר האָבן געדאַרפט דיסקוטירט ווערן אין די אָרטיקע אָרגאַניזאַציעס און ענדגילטיק באַ־שטעטיקט ווערן אויף אַ נאָענטן צוזאַמענפאָר, וואָס איז פאָרגעקומען מיט אַ יאָר שפּעטער אין די טעג פון 7—9 מאַי 1927 אין בוקאַרעשט. אין צענטער פון אויפמערקזאַמקייט איז ווידער געווען די פּראַגע, ווי אַזוי ס'זאָל אויספאָרמירט ווערן די איינהייטלעכע פּאַרטיי.

אַ גרויסע דעבאַטע איז פאָרגעקומען וועגן נאָמען פון דער פּאַרטיי. ד"ר פּיסטינער האָט באַגרינדעט דעם פאָרשלאָג, אַז דער נאָמען זאָל זיין סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פּאַרטיי, איליע מאַרקאָוויטש (אַ צענטראַלער טוער פון בוקאַרעשט) האָט פאַרטיידיקט דעם פאָרשלאָג, אַז דער נאָמען זאָל זיין סאָציאַליסטישע פּאַרטיי. מיט 37 שטימען קעגן 20 האָט דער צוזאַמענ־פאָר באַשלאָסן, אַז דער נאָמען זאָל זיין סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פּאַרטיי.

אַ צווייטע גרויסע דעבאַטע איז געווען וועגן די נאַציאָנאַלע אָרגאַני־זאַציעס. טייל דעלעגאַטן זיינען געווען קעגן דעם, אַז די נאַציאָנאַלע אָר־גאַניזאַציעס (פון די באַזונדערע פעלקער), וואָס עקזיסטירן אין די באַ־זונדערע פּראָווינצן, זאָלן זיך קענען פאַראייניקן אין לאַנד־פאַרבאַנדן מיט אַ צענטראַל־קאָמיטעט בראש. ד"ר פּיסטינער האָט גערעדט פאַר די רעכט פון אַזאַ פאַראייניקונג. ער האָט געזאָגט: אויב מיר פאָדערן נאַציאָנאַל־קולטורעלע אויטאָנאָמיע פאַר די מינדערהייט־פעלקער אין דער מלוכה, מוז מען זיי געבן אָט די רעכט אין די ראַמען פון דער פּאַרטיי. אויך מ. פאַסט און אַנדערע דעלעגאַטן האָבן גערעדט פאַר די רעכט זיך צו פאַראייניקן אין לאַנד־מאַסשטאַב. מיט אַ מערהייט איז באַשלאָסן געוואָרן אָנצונעמען דעם פּראָיעקט, וואָס דערלויבט צו שאַפן לאַנד־בונדן פון די נאַציאָנאַל־גרופּירטע פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציעס (אויך די קעגנער זיינען גע־ווען, צוליב שפּראַכלעכע און אַנדערע פּראַקטישע טעמים, פאַר דערלויבן נאַציאָנאַלע פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציעס, אָבער בלויז לאָקאַלע, אויף די ערטער).

מיטן אָננעמען דעם נייעם פּאַרטיי־סטאַטוט האָט אויפגעהערט צו עקזיסטירן די פעדעראַציע און איר אָרט האָט פאַרנומען די פאַראייניקטע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פּאַרטיי, מיט אויטאָנאָמיע פאַר די פּראָווינציעלע און נאַציאָנאַלע אָרגאַניזאַציעס.

אין די טעג פון 18־טן—20־טן מאַי 1930 איז פאָרגעקומען אַ קאָנ־גרעס פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי אין רומעניע. צווישן זיינע באַשלוסן איז אויך געווען אַ רעזאָלוציע, וואָס פאָדערט נאַציאָנאַל־

קולטורעלע אויטאָנאָמיע פאַר די נאַציאָנאַלע מינדערהייטן און פולע גלייכ־באַרעכטיקונג פאַר זייערע שפּראַכן, קולטורן און שולן. דער קאָנגרעס האָט אויך אָנגענומען אַ רעזאָלוציע, וואָס פאַראורטיילט די אַנטיסעמי־טישע עקסצעסן.

גלייכצייטיק מיטן באַשלוס וועגן נאַציאָנאַל־קולטורעלער אויטאָנאָמיע פאַר די מינדערהייט־פעלקער, האָט אָבער דער קאָנגרעס אַריינגעשטעלט אין פּאַרטיי־סטאַטוט 2 פּונקטן, וואָס באַגרענעצן די טעטיקייט און קאָמ־פּעטענץ פון די אייגענע נאַציאָנאַלע מינדערהייט־אָרגאַניזאַציעס. אין די פּונקטן 25 און 26 פון סטאַטוט איז פעסטגעשטעלט געוואָרן, אַז די מינדערהייט־אָרגאַניזאַציעס, וואָס האָבן רעכט צו זיין פאַראייניקט אין לאַנד־מאַסשטאַב, קענען זיין בלויז פאַר דעם צוועק פון פירן די פּראָ־פּאַגאַנדע און אַגיטאַציע אין די פאַרשידענע נאַציאָנאַלע שפּראַכן. די אָר־גאַניזאַציעס פון די מינדערהייט־פעלקער האָבן אָבער נישט קיין רעכט צו באַהאַנדלען פּאָליטישע פראַגן און אָננעמען באַשלוסן וועגן זיי.

די קעגנער פון דער ברייטער אויטאָנאָמיע פאַר די נאַציאָנאַלע אָר־גאַניזאַציעס האָבן אויף די ערטער געפּרוווט דורכזעצן זייער ווילן. אַזוי, למשל, האָט דער אינטערנאַציאָנאַלער לאָקאַלער ס. ד. קאָמיטעט אין טשערנאָוויץ אָנגענומען אַ באַשלוס וועגן באַגרענעצן די טעטיקייט־ראַמען פון בונד, אָבער דער אינטערנאַציאָנאַלער רעגיאָנעלער בוקאָווינער קאָ־מיטעט פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי האָט דעם באַגרענע־צונג־פאָרשלאַג פון טשערנאָוויצער לאָקאַלן קאָמיטעט אָפּגעוואָרפן. אַ שטאָטישע קאָנפערענץ פון בונד אין טשערנאָוויץ האָט דעם 8־טן נאָוועמ־בער 1930 אָנגענומען אַ פּראָטעסט־רעזאָלוציע קעגן דער שטעלונג פון טשערנאָוויצער לאָקאַלן פּאַרטיי־קאָמיטעט.

דער פאָרזיצער פון בונד ד״ר יעקב פּיסטינער איז גלייכצייטיק געווען דער וואָרט־זאָגער פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פראַקציע אין פּאַר־לאַמענט און דער פאָרשטייער פון דער ס. ד. פּאַרטיי אין עקזעקוטיוו פון סאָציאַליסטישן אַרבעטער־אינטערנאַציאָנאַל. נאָך זיין טויט — ער איז פּלוצלינג געשטאָרבן פון אַ האַרץ־אַטאַק אויפן וועג אין דער באַן, דעם 23־טן אויגוסט 1930, אין עלטער פון 49 יאָר — האָט די דאָזיקע פונק־ציעס אויסגעפירט דער אַלטער רומענישער סאָציאַליסט פון בוקאָווינע געאָרג גריגאָראָוויטש.

## 15. בונדישע לאַנד־קאָנפערענצן

פון פריער איז געווען אַ שטאַרקע בונדישע השפּעה אין צוויי פּראָווינצן — אין בוקאָווינע און בעסאַראַביע. אָבער אין בעסאַראַביע איז געווען זייער שווער צו באַנייען און אויפצובויען אָרגאַניזאַציעס אונטערן מיליטערישן רעזשים, וואָס האָט זיך נישט אָפּגעשטעלט אַפילו צו באַנוצן טאָרטורן און מאָרד. און הגם אויך אין בוקאָווינע האָט מען שטאַרק געליטן פון די „באַלקאַנישע" מעטאָדן, וואָס די נייע רעגירער האָבן אָנגעווענדט, האָט מען דאָך געקענט אָפן פירן אַ געוויסע טעטיקייט. גאָר גיך האָבן די בונדיסטן, נאָכן חורבן פון די מלחמה־יאָרן, צוריק אויפגעשטעלט אָרגאַניזאַציעס און אָנגעפירט אַ פּאָליטיש־געזעלשאַפטלעכע און קולטור־טעטיקייט. זיי האָבן זיך געשטעלט פאַר אַן אויפגאַבע אויסצוברייטערן די בונדישע באַוועגונג אין אַלע טיילן פון לאַנד, וואו נאָר עס האָט זיך געפונען אַ יידישע באַפעלקערונג. טשערנאָוויץ, די הויפּט־שטאָט פון בוקאָווינע, איז געוואָרן אַ נאַטירלעכער צענטער פון בונד אין רומעניע.

דעם 7טן און 8־טן מאַי 1921 איז אין זאַל פון טשערנאָוויצער ראָט־הויז פאָרגעקומען אַ בונדישע קאָנפערענץ. אין איר האָבן זיך באַטייליקט 53 דעלעגאַטן פון די בוקאָווינער שטעט — טשערנאָוויץ, ראַדעוויץ, סערעט, שאָץ (סוטשאַוואַ) און אויך אַ דעלעגאַט פון בעסאַראַביע. די קאָנפערענץ האָט באַהאַנדלט די דאָזיקע פּונקטן: 1) די פּאָליטישע און קולטור־טעטיקייט — רעפערירט האָט ד"ר רייך; 2) באַריכט וועגן דער פּרעסע און קאַסע — אייזיק וויזעל; 3) וועגן דער ווינער אַרבעטער־געמיינשאַפט פון די סאָציאַליסטישע פּאַרטייען — ד"ר יעקב פּיסטינער; 4) אָרגאַניזאַציאָנעלע ענינים — מאַרקוס כתבן; 5) וועגן יידישע שולן — ד"ר בערל פרידמאַן; 6) וועגן דער קהילה — נתן טראַפּער.

די קאָנפערענץ האָט אויך אויסגעהערט באַגריסונג־רעדעס פון פאָרשטייער פון דער רומענישער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי, פון אינטערנאַציאָנאַלן עקזעקוטיוו פון אַלע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען אין בוקאָווינע, פון די פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען, פון דער אוקראַינישער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי און פון דער דייטשער ס. ד. פּאַרטיי אין בוקאָווינע.

ד"ר יעקב פּיסטינער, וועלכער איז אין פעברואַר 1921 געווען אַ דעלעגאַט אויף דער ווינער קאָנפערענץ פון די סאָציאַליסטישע פּאַר־

טייען, האָט פאָרגעשלאָגן נישט אָנצונעמען קיין באַשלוס וועגן אַרייַנ־טריט, ווייל מיט אַ וואָך שפּעטער דאַרף וועגן דעם באַשליסן אַ קאָנפע־רענץ פון אַלע סאָציאַליסטישע אָרגאַניזאַציעס און יענער באַשלוס וועט אויך זיין גילטיק פאַרן בונד. אין דער דיסקוסיע זיינען אַרויסגעזאָגט געוואָרן פאַרשידענע מיינונגען וועגן אינטערנאַציאָנאַל, אָבער איינשטי־מיק איז אָנגענומען געוואָרן דער פאָרשלאָג, אַז פאַרן בונד דאַרף זיין חל דער באַשלוס פון דער אַלגעמיינער סאָציאַליסטישער קאָנפערענץ.

מיט אַ גרויסער מערהייט האָט די סאָציאַליסטישע לאַנד־קאָנפערענץ פון בוקאָווינע באַשלאָסן אַריינצוטרעטן אין דער ווינער אַרבעט־געמיינ־שאַפט פון די סאָציאַליסטישע פּאַרטייען. כמעט אַ דריטל דעלעגאַטן אונ־טער דער אָנפירונג פון דעפּוטאַט רודאָלף גאַידאַש האָבן געשטימט פאַר בלייבן אין צווייטן אינטערנאַציאָנאַל. ווען זייער פאָרשלאָג האָט נישט באַקומען קיין מערהייט, האָבן זיי אויך געשטימט פאַרן אַריינטרעטן אין דער ווינער אַרבעט־געמיינשאַפט, וואָס איז אָנגענומען געוואָרן מיט 59 שטימען קעגן 6.

וועגן שולן פאַר יידישע קינדער און יוגנט האָט רעפערירט ד״ר בערל פרידמאַן. ער האָט, צווישן אַנדערן, געזאָגט: דער יידישער נאַציאָ־נאַל־ראַט האָט געפאָדערט פון דער רעגירונג יידישע פאָלק־און מיטל־שולן. דער בילדונג־מיניסטער האָט אָנערקענט די פאָדערונג און צוגע־זאָגט, אַז די יידן וועלן די שולן באַקומען. ער האָט געפרעגט וואָסער שפּראַך די יידן וועלן איינפירן אין די דאָזיקע שולן. דאָ איז געקומען די יידישע צעטיילונג. די בונדיסטן האָבן פאַרלאַנגט יידיש, די ציוניסטן — העברעאיש, די אַסימילאַטאָרן — רומעניש. ביי אַזאַ צעטיילונג האָבן די בונדיסטן געוואָלט מאַכן אַ הנחה, אַז העברעאיש זאָל פאַרנעמען אַן אָנגעזען אָרט אין דער שול און יידיש זאָל זיין די אונטעריכט־שפּראַך. די ציוניסטן האָבן נישט געוואָלט אָפּטרעטן פון זייער שטעלונג, אַז אַלץ זאָל געפירט און געלערנט ווערן אין העברעאיש. און אַזוי ווי ס'איז נישט געווען קיין פּראַקטישע מעגלעכקייט איינצופירן דעם אונטעריכט אין העברעאיש, האָט מען אָנגעהאַלטן אין דער מיטל־שול פאַר יידישער יוגנט דייטש, ווי אַן איבערגאַנג־שטופע צו רומעניש.

בכלל איז אויף פאַרשידענע געביטן געפירט געוואָרן אַ שפּראַכן־קאַמף צווישן די בונדיסטן און ציוניסטן: די ערשטע פאַר יידיש, די צווייטע פאַר העברעאיש. דער בונד איז געווען צווישן די וויכטיקסטע גרינדער פון דער יידישער קולטור־פעדעראַציע, וואָס איז געווען אַ פאַראייניקונג פון די גרופּעס, אינסטיטוציעס, שרייבער און קולטור־טוער, וואָס זיינען געווען פאַר פירן די שול־און קולטור־אַרבעט אין דער יידי־שער שפּראַך. אין דער פעדעראַציע, וואָס האָט אַליין אויך געפירט אַ קולטור־טעטיקייט, האָבן די בונדישע פאָרשטייער פאַרנומען אָנפירנ־דיקע ערטער.

איינשטימיק האָט די בונדישע קאָנפערענץ אָנגענומען אַ רעזאָלוציע, אַז אין אַלע שולן פאַר יידן דאַרף די לערן־שפּראַך זיין יידיש. די רעזאָלוציע האָט אויך פאָרלאַנגט צו מאָדערניזירן די פּראָגראַמען אין די שולן, צוגעפּאַסט צו דער צייט און צו די באַדערפענישן פון די יידישע פאָלקס־מאַסן.

נתן טראַפּער האָט רעפערירט וועגן די קהילות. איינשטימיק איז באַשלאָסן געוואָרן, אַז דער בונד דאַרף זיך אין זיי באַטייליקן און קעמפן פאַר רעפאָרמירן זיי. ער דאַרף זיך באַמיען צו קירעווען זייער טעטיקייט אין דער ריכטונג פון זאָרגן פאַר די סאָציאַלע נויטן פון דער אָרימער יידישער באַפעלקערונג.

מאַרקוס כתבן האָט רעפערירט וועגן אָרגאַניזאַציאָנעלע ענינים. ער האָט געזאָגט: די רומעניש חברים פון די אַנדערע פּראָווינצן שטייען אויפן שטאַנדפּונקט, אַז די אָרגאַניזאַציעס מוזן זיין צענטראַליסטיש. זיי ווילן נישט אַנערקענען קיין אויטאָנאָמיע פון די נאַציאָנאַלע גרופּעס. אין בוקאָווינע איז עס ראַדיקאַל אַנדערש און בעסער. אין אַלט־רומעניע זיינען פאַראַן אַ סך יידישע אַרבעטער, אָבער זיי שטייען מחוץ דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג. דער בונד מוז אויך אויפבויען אַ יידישע יוגנט־אָרגאַניזאַציע, אַזוי ווי ס׳איז געווען אין די עסטרייכישע צייטן.

אין דער איינשטימיק־אָנגענומענער רעזאָלוציע איז געזאָגט געוואָרן, אַז די וויכטיקסטע אויפגאַבע אויפן אָרגאַניזאַציאָנעלן געביט איז אויסצוברייטערן די בונדישע באַוועגונג אויך מחוץ בוקאָווינע. מ׳דאַרף זיך באַמיען אויפבויען יידישע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס אין אַלט־רומעניע און אין בעסאַראַביע מיט אַ פּראָגראַם פון טעטיקייט. מ׳דאַרף אויך אויפבויען יוגנט־אָרגאַניזאַציעס, וואָס זאָלן זיך געפינען אונטער דער השגחה פון דער פּאַרטיי. די יוגנט־אָרגאַניזאַציעס דאַרפן זיין נאַציאָנאַל־געטיילט, ווי די אָרגאַניזאַציעס פון די דערוואַקסענע, ווייל די אַרבעט דאַרף געפירט ווערן אין דער מוטער־שפּראַך.

די ניי־געוויילטע בונדישע אָנפירונג האָט זיך קאָנסטיטואירט אויף דעם דאָזיקן אופן: ד״ר יעקב פּיסטינער — פּאָרזיצער, ד״ר בערל פרידמאַן און נתן טראַפּער — וויצע־פּאָרזיצערס, צוקערמאַן — קאַסירער, ע. האַמער — פּראָטאָקאָל־סעקרעטאַר, שרה כתבן — רעדאַקטאָר פון דער בונדישער צייטונג.

מיט אַ וואָך שפּעטער איז פאָרגעקומען אַ יוגנט־קאָנפערענץ, צו וועלכער ס׳האָבן געשיקט דעלעגאַטן די יוגנט־אָרגאַניזאַציעס אין טשערנאָוויץ, סאַדאַגורע, ראַדעוויץ, סערעט, שאָץ און סטאָראָזשינעץ. לויטן פאָרשלאָג פון מאַרקוס כתבן, האָט די יוגנט־קאָנפערענץ באַשלאָסן צו שאַפן אַ פעדעראַטיוון יוגנט־פאַרבאַנד פון די נאַציאָנאַלע גרופּעס.

**
*

ס'איז געווען נאַטירלעך, אַז די בונדישע אַנפירונג אין בוקאָווינע זאָל צווישן אירע וויכטיקע אויפגאַבן זיך באַמיען צו שאַפן אַ פּאַראַייניקטן יידישן אַרבעטער בונד פון אַלע פּראָווינצן אין גרויס־רומעניע. נישט געקוקט אויף די אויסערלעכע און אינערלעכע מניעות, איז דער געשטעלטער ציל אין אַ גרויסער מאָס דערגרייכט געוואָרן.

דעם 6־טן און 7־טן יאַנואַר 1923 איז אין זאַל פון טשערנאָוויצער ראַטהויז פאַרגעקומען אַ לאַנד־קאָנפערענץ, אויף וועלכער ס'איז פּראָקלאַמירט געוואָרן די גרינדונג פון אַלגעמיינעם יידישן אַרבעטער־בונד אין רומעניע. צו דער קאָנפערענץ זיינען געקומען דעלעגאַטן פון אָרגאַניזאַציעס אין בוקאָווינע, בעסאַראַביע און אַלט־רומעניע. באַטייליקט האָבן זיך 39 דעלעגאַטן און 15 מיטגלידער פון דער אַנפירונג אין בוקאָווינע.

די קאָנפערענץ האָט געעפנט מיט אַ רעדע ד״ר פיסטינער, וואָס האָט צווישן אַנדערן געזאָגט: „ווען מיר זיינען דאָ זיך צוזאַמענגעקומען אַלס אַ באַזונדערע קאָנפערענץ פון יידישע אַרבעטער, טוען מיר עס נישט צוליב דעם, כדי צו מאַכן נאַציאָנאַליסטישע פּאָליטיק, ווי עס טוען דאָס די נאַציאָנאַליסטישע פּאַרטייען. פאַרקערט, מיר באַנוצן די באַזונדערע מעגלעכקייטן פון אַגיטאַציע, כדי צו מאַכן אינטערנאַציאָנאַלע פּאָליטיק. מיר האָבן טאַקע באַזונדערע נאַציאָנאַלע פּראָבלעמען, אָבער מיר ענטפערן אויף זיי פון אַן אינטערנאַציאָנאַלן שטאַנדפּונקט״ . . . „אין די אַלע קאַמפן פאַר דער גלייכבאַרעכטיקונג פון די יידן פילן מיר זיך ענג פאַרבונדן מיט די פּראָלעטאַריער פון די אַנדערע נאַציעס״.

די פאַרבינדונג מיט די סאָציאַליסטישע אָרגאַניזאַציעס פון די אַנדערע נאַציאָנאַליטעטן אין לאַנד איז געקומען צום אויסדרוק אויך אין די באַגריסונגען: ד״ר אָבערלענדער — אין נאָמען פון דער אינטערנאַציאָנאַלער פּאַרטיי־אַנפירונג אין בוקאָווינע, געאָרג גריגאָראָוויטש — פון דער רומענישער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי, יאָוואָרסקי — פון די אוקראַינישע אַרבעטער, צעפּליכאַל — פון די דייטשע אַרבעטער, טוירע — פון די פּוילישע אַרבעטער.

ד״ר רייך האָט אָפּגעגעבן דעם באַריכט פאַר דער צייט פון מאַי 1921 ביז יאַנואַר 1923. ער האָט דערציילט וועגן די איינגעשטעלטע פאַרבינדונגען מיט אַלט־רומעניע און בעסאַראַביע, וואו די רעגירונג־אָרגאַנען לאָזן נישט אויפבויען אָפענע אָרגאַניזאַציעס פון דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג. ער האָט געשילדערט די פּאָליטיק פון ראָמאַניזאַציע און געזאָגט: „בעת די יידישע בירגערלעכע פּאַרטייען האָבן מסכים געווען מיט דער ראָמאַניזאַציע און האָבן נאָר געפאָדערט אַן איבערגאַנג־צייט, האָבן מיר אַרויסגעשטעלט די פאָדערונג, אַז די יידישע שפּראַך זאָל אַנערקענט ווערן אין שול און אין געריכט״ . . . „אונזער קאַמף האָט

געשטיצט דער אינטערנאַציאָנאַלער עקזעקוטיוו פון דער סאָציאַל־דעמאָ־קראַטישער פּאַרטיי, וועלכער האָט אויסגעאַרבעט אַ מעמאָראַנדום פון אַלע מינדערהייט־נאַציעס וועגן די שול־פאָדערונגען צו דער רעגירונג". דער באַריכט־אָפּגעבער האָט געשילדערט אויך די אַנדערע געביטן פון טע־טיקייט.

הערץ גילישענסקי האָט רעפערירט וועגן אָרגאַניזאַציאָנעלע ענינים.

ד"ר יעקב פּיסטינער האָט רעפערירט וועגן דער פּאָליטישער סי־טואַציע. אין זיין רעפעראַט האָט ער קריטיקירט די פּאָליטיק פון די יידישע בירגערלעכע פּאַרטייען. די איינשטימיק אָנגענומענע רעזאָלוציע, וואָס ער האָט פאָרגעשלאָגן, זאָגט צווישן אַנדערן: „די קאָנפערענץ זאָגט זיך אַרויס, ווי צום שאַרפסטן, קעגן די איצטיקע אַנטיסעמיטישע אומ־רוען. אָט די באַוועגונג איז נישט מער ווי אַ פּראָדוקט פונעם אָליגאַר־כישן סיסטעם און אַ מיטל פון אָליגאַרכישן רעגירונג־מעטאָד. די קאָנ־פערענץ שטעלט ווייטער פעסט, אַז דאָס גאַנצע פאַרהאַלטן זיך פון די יידישע בירגערלעכע פּאַרטייען און ספּעציעל זייערע קאָאַליציעס מיט די אָליגאַרכישע פּאַרטייען שוואַכן אָפּ זייער קאַמף קעגן אַנטיסעמיטיזם. צוליב אָט דעם פאַקט קען דער קאַמף קעגן אַנטיסעמיטיזם נאָר דע־מאָלט האָבן דערפאָלג, ווען ער ווערט געפירט נישט אין פאַרבינדונג מיט די נאַציאָנאַליסטישע יידישע פּאַרטייען און נישט מיט זייערע קאַמף־מעטאָדן, נאָר אַלס קלאַסן־קאַמף פונעם אינטערנאַציאָנאַלן פּראָלע־טאַריאַט".

ד"ר יוסף קיסמאַן האָט רעפערירט וועגן די פּאָליטישע פּאַרטייען ביי יידן, און באַגרינדעט די נייטיקייט און וויכטיקייט פון יידישן אַרבע־טער־בונד אין אַלע טיילן פון לאַנד. ער האָט גערעדט וועגן דער שעד־לעכקייט פון אַסימילאַציע און ציוניזם און גערופן צו אַרבעטן פאַר דער יידישער נאַציאָנאַלער קולטור.

ד"ר רייך האָט געהאַלטן אַ רעפעראַט וועגן דער פּרעסע און וועגן די באַמיאונגען צו שאַפן אַ בונדישע טאָג־צייטונג.

די דעלעגאַטן האָבן דיסקוטירט פאַרשידענע פּונקטן פון די רעפע־ראַטן און אויך אַריינגעטראָגן אייגענע פאָרשלאָגן.

צווישן די אָנגענומענע רעזאָלוציעס איז אויך געווען אַ שאַרפער פּראָטעסט קעגן דעם, וואָס די רעגירונג האָט ליקווידירט די יידישע שולן אין בעסאַראַביע — די שולן מיט יידיש אַלס אונטעריכטס־שפּראַך און מיט יידישע לערנביכער (העברעאישע שולן האָט זי איבערגעלאָזט).

די לאַנד־קאָנפערענץ האָט פּראָקלאַמירט די גרינדונג פון בונד אין גרויס־רומעניע און אויסגעוויילט אַן אָנפירונג אין דעם צוזאַמענשטעל: פון בוקאָווינע — ד"ר יעקב פּיסטינער, ד"ר יוסף קיסמאַן, הערץ גילי־שענסקי, ד"ר רייך, מאַרקוס און שרה כתבן, נתן טראָפּער, ד"ר בערל פרידמאַן, יודל גאָלדבערג, שטיינבערג, אונגאַר און שטרויכער. אין קאָנ־

טראַל־קאָמיסיע: ווילהעלם איפּען, האַמער, ראָזענבלאַט, משה פּאַסט און דאַנקנער. אין אויספיר־קאָמיטעט זיינען אַריין: ד״ר יעקב פּיסטינער, ד״ר בערל פרידמאַן, הערץ גילישענסקי, ד״ר רייך, ד״ר יוסף קיסמאַן און משה פּאַסט — פון בוקאָווינע; ד״ר ליטמאַן געלערטער, י. מ. מאָס־קאָוויטש און קאַהן — פון אַלט־רומעניע; יוסף באַראַז, קליינמאַן און ד״ר אסתר בערנשטיין — פון בעסאַראַביע. דער אויספיר־קאָמיטעט האָט אויסגעקליבן אַלס זיין פאָרזיצער ד״ר י. פּיסטינער, וויצע־פאָרזיצער — ד״ר י. קיסמאַן, סעקרעטאַר — ה. גילישענסקי.

***

די בונדישע טעטיקייט איז געווען שטאַרק באַשווערט צוליב די שיקאַנעס און שטערונגען מצד דעם רעגירונג־אַפּאַראַט. די צייטונג האָט געליטן פון דער צענזור און דער בונדישער אָרגאַן איז פיל מאָל פאַר־באָטן געוואָרן. דאָס וואָכנבלאַט דאָס נייע לעבן האָט די רעגירונג אָפּגע־שטעלט און פון 7־טן אַפּריל 1922 איז דערשינען אונזער וואָרט. אויך אין די ווייטערדיקע יאָרן איז די בונדישע צייטונג געווען אַ קרבן פון די רעפּרעסיעס. דעם 26־טן מערץ 1926 האָט אָנגעהויבן צו דערשיינען דער שטראַל, וואָס איז פאַרבאָטן געוואָרן אָנהייב דעצעמבער 1927, ווען ער האָט אָנגעהויבן אַרויסגיין צוויי מאָל אין וואָך. פון 8־טן דעצעמבער 1927 איז דערשינען די נייע צייטונג, אויך צוויי מאָל אין וואָך. אָבער אויך אונטער דעם נאָמען איז די צייטונג פאַרבאָטן געוואָרן און פון 13־טן יולי 1928 איז אַרויס די פאָלקס־צייטונג, אויך צוויי מאָל אין וואָך און איז באַלד אָפּגעשטעלט געוואָרן דורך דער רעגירונג־מאַכט. ערשט אין נאָוועמבער 1928, ווען ס׳איז געקומען צו דער מאַכט די פּויערים־פּאַרטיי, האָט די נייע צייטונג ווידער אָנגעהויבן דערשיינען.

הגם די בונדישע צייטונג איז געוואָרן פאַרפאָלגט, צענזורירט און אָפּגעשטעלט, האָט זי דאָך שאַרף אַטאַקירט די הפקרות, ווילדקייטן און קאָרופּציע פון דער רעגירונג און אירע אויספיר־אָרגאַנען, אַזוי אויך די יידישע פּאָליטיקער צווישן די אַסימילאַטאָרן און ציוניסטן, וואָס האָבן געפירט משא־ומתנס מיט דער רעגירונג און הכנעהדיק געדינט די רעגירנדיקע קרייזן.

אַפילו פּראַווען דעם יובילײ פון בונד האָבן די אָרגאַניזאַציעס נישט געקענט עפנטלעך. אַן אויסנאַם איז געווען די שטאָט טשערנאָוויץ, וואו ס׳זיינען נאָך געווען גילטיק די אַלטע עסטרייכישע געזעצן, הגם די רו־מענישע מושלים, צוגעוואוינט צו ווילקיר, האָבן אויף זיי אָפט עובר געווען. ס׳איז דעריבער איינגעאָרדנט געוואָרן אין טשערנאָוויץ די צענט־ראַלע פייערונג צום 30־יאָריקן יובילײ פון בונד (1897—1927).

זי איז פאָרגעקומען שבת דעם 3־טן דעצעמבער 1927. צו דער פייע־רונג זיינען געקומען דעלעגאַציעס פון אַנדערע שטעט און פּראָווינצן,

ווי אויך אַרבעטער־דעלעגאַציעס פון אַנדערע נאַציאָנאַליטעטן. פון בע־סאַראַביע זיינען געקומען פאַרטרעטער פון קעשענעוו און אומגעגנט פון כאָטין. פון אַלט־רומעניע איז געווען פאַרטרעטן די שטאָט יאַס מיט דריי דעלעגאַטן; פון דער בוקאָווינער פּראָווינץ זיינען געקומען דעלעגאַציעס פון ראַדעוויץ, סטאַראָזשינעץ, גוראַהומאָרא און סאַדאַגורא. עס זיינען אויך געווען דעלעגאַציעס פון די פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען און פון טשער־נאָוויצער אינטערנאַציאָנאַלן עקזעקוטיוו־קאָמיטעט פון דער סאָציאַליס־טישער פאַרטיי. אַ צאָל שטעט האָבן צוגעשיקט שריפטלעכע באַגריסונ־גען. די פירונג איז פאַרגעקומען אונטערן פאָרזיץ פון ד״ר יעקב פּיס־טינער, די הויפּט־רעדע וועגן בונד, זיין אידעאָלאָגיע און ראָל האָט גע־האַלטן ד״ר יוסף קיסמאַן.

דער בונד האָט באַקעמפט די רעגירונג־פּאָליטיק לגבי דער יידי־שער באַפעלקערונג און די אויפפירונג פון די יידישע בירגערלעכע גרו־פּירונגען פאַר זייער הכנעה לגבי דער רעגירונג. אין אַן אַרטיקל האָט דער בונדישער אָרגאַן געזאָגט: „ביי אונז, ביים ׳אויסדערוויילטן׳ פאָלק ישראל, איז נישטאָ ווער ס׳זאָל זיך אַפילו אָנרופן ווען עס האַנדלט זיך וועגן אונזערע נאַציאָנאַלע רעכט! יאָ, אַפילו דעמאָלט, ווען אונזערע מענטשן־רעכט ווערן מיט די פיס געטרעטן, הערט מען פון אונזערע יידי־שע רעפּרעזענטאַנטן אין פּאַרלאַמענט אַ מה־יפיתדיק שטאַמלעניש אויפן אָרט פון מוטיקן פּראָטעסט. און בשעת די יידישע דעפּוטאַטן און סענאַ־טאָרן דריקן אויס פּאַרטרויען די איניציאַטאָרן און אָרגאַניזאַטאָרן פון די בלוטיקע עקסצעסן אויף יידן, בוקן זיך די יידישע נאַציאָנאַליסטן מחוץ דעם פּאַרלאַמענט פאַר דער זעלבער כנופיא צוליב — דער גוטער אויפ־נאַמע, וואָס די רעגירונג האָט געמאַכט דעם יידישן פּרעזידענט ווייצמאַן. פינצטערער, טרויעריקער איז די לאַגע ביי אונז, ווי ביי אַנדערע נאַציעס אין לאַנד. נישטאָ אין דער יידישער געזעלשאַפט אין רומעניע קיין שום בירגערלעכע פאַרמאַציע, וואָס זאָל זיך איינשטעלן פאַר אמתדיקע פאָלקס־אינטערעסן, אַלגעמיינע צי נאַציאָנאַלע. מען דינט דער אָליגאַרכיע, מען זינגט איר ׳מה־יפית׳ אויפן ׳אוניאָניסטישן׳ און אויפן ציוניסטישן נוסח״. (די נייע ציַיטונג, 30 דעצעמבער 1927).

די רומענישע רעאַקציאָנער־אַנטיסעמיטישע רעגירונגען האָבן באַ־זאָרגט פאַר געוויסע יידישע פּאָליטיקער מאַנדאַטן אין פּאַרלאַמענט און זיי אַריינגעזעצט אַלס קאָמיסאַרן אין די יידישע קהילות. ביי די קהילה־וואַלן אין יולי 1929 האָט דער בונד אין טשערנאָוויץ באַקומען 13 מאַנ־דאַטן, אָבער די רעגירונג האָט אינגיכן דעם געוויילטן ראָט פאַנאַנדער־געלאָזט און באַשטימט אַ „רעגענט״.

צוליב דעם דראַקאָנישן רעזשים, איז נישט מעגלעך געווען אָפּט אָפּצוהאַלטן אַ לאַנד־קאָנפערענץ. נאָך דער גרינדונגס־קאָנפערענץ אין יאַ־נואַר 1923 האָט געמוזט אַוועק 5 יאָר צייט, אַז מ׳זאָל קענען צונויפ־

רופן אַ צווייטע לאַנד־קאָנפערענץ. זי איז באַשטימט געוואָרן אויפן 6־טן און 7־טן יאַנואַר 1928. זי איז אָבער דעמאָלט נישט פאָרגעקומען. ווען אַלץ איז שוין געווען גרייט, איז אַ פּאָר טעג פאַר דער עפענונג אָנגעקומען אַ טעלעגראַפישער באַפעל פון דער סיגוראַנצע (זיכערקייט־אַמט, געהיים־פּאָליציי) אין בוקאַרעשט, אַז די קאָנפערענץ איז פאַר־באָטן. ערשט נאָך פינף חדשים איז מעגלעך געוואָרן זי אָפּצוהאַלטן. זי איז פאָרגעקומען דעם 2־טן און 3־טן יוני 1928 אין טשערנאָוויץ. צו דער קאָנפערענץ זיינען געקומען 60 דעלעגאַטן פון בוקאָווינע, בעסאַ־ראַביע און אַלט־רומעניע.

אין זיין עפענונג־רעדע האָט ד״ר יעקב פּיסטינער געשילדערט די באַדינגונגען, וואָס האָבן אוממעגלעך געמאַכט אַ קלענערע הפסקה צווישן דער ערשטער און צווייטער לאַנד־קאָנפערענץ. ער האָט אויך געגעבן אַ בילד פון די ענדערונגען, וואָס זיינען פאָרגעקומען אויף דער וועלט, אין רומעניע און ביי יידן במשך די פאַרגאַנגענע 5 יאָר.

ס׳איז אויסגעוויילט געוואָרן אַ פּרעזידיום פון דער קאָנפערענץ: ד״ר ב. פרידמאַן, מ. פּאַסט (ביידע פון בוקאָווינע) און באַראַז (פון אַלט־רומעניע). באַגריסונג־רעדעס האָבן געהאַלטן פאַרשטייער פון דער פאַר־אייניקטער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי און פון די פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען.

דעם באַריכט פון טעטיקייט האָט אָפּגעגעבן וואָלף פּעדלמוטער. וועגן סטאַטוט און אָרגאַניזאַציאָנעלע ענינים האָט רעפערירט מאַרקוס כתבן. דער פאָרגעלייגטער פּראָיעקט פון סטאַטוט, וואָס האָט געהאַט 18 פּונקטן, איז איינשטימיק אָנגענומען געוואָרן. צווישן אַנדערן האָט דער סטאַטוט באַוואָרנט די פולע אויטאָנאָמיע פון בונד אין דער סאָציאַל־דעמאָקראַ־טישער פּאַרטיי אויפן געביט פון יידישע ענינים. גלייכצייטיק האָט די קאָנפערענץ אויך באַשלאָסן אַז דער צ. ק. פון בונד זאָל זיך באַמיען, אַז „ס׳זאָלן אָפּגעשאַפט ווערן די אומקלאָרקייטן פונעם סטאַטוט פון דער אַלרומענישער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי בנוגע דער אָרגאַניזאַ־ציע־פאָרם. די קאָנפוזיע פון נאַציאָנאַלע און אינטערנאַציאָנאַלע אָרגאַני־זאַציעס מוז פאַרשווינדן פונעם סטאַטוט. ס׳מוז אויסדריקלעך דער־קלערט ווערן, אַז די נאַציאָנאַלע אָרגאַניזאַציע־פאָרם איז אָבליגאַטאָ־ריש און נישט פאַקולטאַטיוו״. דער דאָזיקער באַשלוס איז געווען גע־ווענדט קעגן די צענטראַליסטישע טענדענצן, וואָס האָבן נאָך געהערשט אין די אָרגאַניזאַציעס פון טייל פּראָווינצן (וויזניצער אין בוקאָווינע). ס׳איז אויך באַשלאָסן געוואָרן, אַז די אָרטיקע בונדישע אָרגאַניזאַציעס דאַרפן העלפן שאַפן און אויסהאַלטן בונדישע יוגנט־אָרגאַניזאַציעס, וואָס זאָלן זיך געפינען אין ענגן קאָנטאַקט מיט די יוגנט־אָרגאַניזאַציעס פון לאַנד־פּראָלעטאַריאַט און אונטערשטיצן דעם יוגנט־אָרגאַן דער יינגער

קעמפּער, וואָס האָט אָנגעהויבן דערשיינען דעם 15־טן סעפּטעמבער 1926 (שפּעטער — אונטערן נאָמען צוקונפט).

ד״ר יוסף קיסמאַן האָט רעפערירט וועגן די אידעאָלאָגיעס, וואָס ווירקן ביי דער יידישער באַפעלקערונג. אין זיין רעפעראַט האָט ד״ר קיסמאַן געזאָגט, אַז די בונדישע קעגנערשאַפט צום ציוניזם איז נישט געבויט „אויפן אָפּטמאָל שנעל בייטנדיקן שפּיל פון קריזיס און קאָנ־יוקטור״, נאָר אויף טיפערע פּרינציפּיעלע סיבות. ער האָט בכלל פאַרנו־מען אַ נעגאַטיווע שטעלונג צו דער שטרעבונג פון שאַפן קליינע נאַציאָ־נאַלע מלוכות, ווייל „די נאַציאָנאַלע מלוכות זיינען, אַלס אונטערדריקונג־מאַשינען קעגן פּראָלעטאַריאַט, אויך אונטערדריקונג־מאַשינען קעגן די נאַציאָנאַלע מינדערהייטן״ . . . „דער יידישער פּראָלעטאַריאַט, וואָס איז פרייער פון נאַציאָנאַליסטיש־טעריטאָריאַלן באַלאַסט, ווי דער פּראָלעטאַ־ריאַט פון אַנדערע נאַציעס, קאָן שוין איצט אויסדריקן די דערקענטע־ניש, אַז די אידעאָלאָגיע פון ׳פאָטערלאַנד׳ איז אַ גאַנץ אומפּראָלעטאַרישע און איז אין ווידערשפּרוך צו דער גאַנצער קלאַסן־אידעאָלאָגיע פון פּראָלעטאַריאַט״.

צו דער קאָלאָניזאַציע פון יידן אין סאָוועט־רוסלאַנד דאַרף מען האָבן אַ פּאָזיטיווע באַציאונג, אָבער נישט צו דער אידעאָלאָגיע, וואָס מען פּרוּווט שאַפן אַרום איר. „דאָס איז אַ מין ציוניזם, איבערגעזעצט אויפן סאָוועטישן לשון: הן אין דער פּאָזיטיווער זייט — וואָס שייך דער ׳גאולה׳ פאַרן יידישן פאָלק, צו וועלכער מען האָפט צו דערגיין דורך דער קאָלאָניזאַציע, הן אין דער נעגאַטיווער זייט — אין דער ביטול־באַציאונג צום יידישן ׳גלות׳ ד. ה. צו יענע מיליאָנען יידן, וואָס גייען נישט איבער אויף ערד־אַרבעט. אין דער יעווסעקישער פּרעסע קומט צום אויסדרוק דער אַסימילאַטאָרישער געדאַנק בנוגע יענע יידן, וואָס ווילן נישט אָדער קענען נישט זיך קאָלאָניזירן״.

נישט בלויז צום ציוניזם קען מען נישט האָבן קיין נייטראַלע באַ־ציאונג, אויך צו אַסימילאַציע איז די באַציאונג פון בונד נישט קיין ניי־טראַלע, נאָר אַ קעגנערישע, געשטיצט אויף אַ פּרינציפּיעלן יסוד. סיי דער ציוניזם, סיי די אַסימילאַציע שטרעבן צו אַנטלויפן פון דער ווירקלעכ־קייט פון יידישן לעבן און פון דער יידישער קולטור.

אין זין פון ד״ר קיסמאַנס רעפעראַט האָט די קאָנפערענץ איינשטי־מיק אָנגענומען אַ רעזאָלוציע, וואָס האָט אויך באַשטעטיקט די אידעאָ־לאָגישע גרונט־פּרינציפּן, וואָס די ערשטע לאַנד־קאָנפערענץ פון בונד אין רומעניע האָט אָנגענומען.

ד״ר יעקב פּיסטינער האָט רעפערירט וועגן די אַקטועלע פאָדע־רונגען. דערביי האָט ער אַרויסגעזאָגט אַן אַנדערע מיינונג וועגן די נאַ־ציאָנאַלע מלוכות, וואָס זיינען אַנטשטאַנען אין רעזולטאַט פון דער ערש־

טער וועלט־מלחמה. ער האָט אין זיי געזען אַ פּאָזיטיווע דערשיינונג און דאָס באַגרינדעט מיט וואָגיקע אַרגומענטן.

ד״ר פּיסטינער האָט זיך אַרויסגעזאָגט קעגן צוזאַמענאַרבעט מיטן בירגערטום אַפילו אין קאַמף פאַר נאַציאָנאַלע פאָדערונגען. די יידישע אַרבעטער האָבן נישט קיין בשותפותדיקע אינטערעסן מיטן יידישן ביר־גערטום. „די מינאַריטעטן־פּאָליטיקער האַלטן אין איין פּאַרקויפן זיך און זייערע נאַציעס ביסלעכווייז יעדער רעגירונג וואָס איז ביי דער מאַכט״... „אונזער בורזשואַזיע אַנערקענט אַפילו נישט די פּרימיטיווע פאָדערונג פאַר אונזער שפּראַך און קולטור. צוליב דעם איז נישטאָ קיין שום בשות־פותדיקע פּלאַטפאָרם צווישן אונז און דער בורזשואַזיע. דאָס, וואָס מיר רופן פאָדערונגען, האָט קיין שום שייכות נישט מיט דעם, צו וואָס די בורזשואַזיע שטרעבט מיט איר ׳נאַציאָנאַלער׳ פּאָליטיק״ . . . „לויט דעם געזעץ וועגן פּריוואַטע פאָלק־שולן, איז מעגלעך צו בויען יידישע שולן מיט דער יידישער לערן־שפּראַך. אָט די רעכט האָבן מיר זיך אויסגע־קעמפט נאָך אַ שווערן הייסן קאַמף און איצט מוזן מיר קעמפן דערפאַר, אַז די דאָזיקע רעכט זאָל אויסגענוצט ווערן — אַז די קהילה זאָל שאַפן יידישע שולן מיט דער יידישער לערן־שפּראַך״.

דער בונד מוז זיין דער אַוואַנגאַרד אויפן וועג פון אַנטוויקלען און קאָנסטיטואירן די יידן אַלס נאַציע. „די קאָנסטיטואירונג פון נאַציעס מוז אַריינגיין אין פּראָגראַם פון דער אַלרומענישער סאָציאַל־דעמאָקראַ־טישער פּאַרטיי, אָבער דאָס איז נאָך ביז היינט נישט געשען. בכלל האָבן די חברים, ספּעציעל אין אַלט־רומעניע און טראַנסילוואַניע, נאָך נישט גענוג פאַרשטענדעניש פאַר דער באַדייטונג פון אָט דער פראַגע. דאָס ווייזט אויך דער פאַקט, וואָס אונזערע חברים פון די אַנדערע נאַציעס זיינען אַזוי קאַלט צו דער פראַגע וועגן באַזונדערע אָרגאַניזאַציעס פון־נעם פּראָלעטאַריאַט לויט נאַציאָנאַלע גרופּעס״. אָבער מ׳דאַרף דערביי געדענקען, אַז וואָס שייך „אונזערע נאַציאָנאַלע פאָדערונגען, ווערן זיי יאָ געשטיצט און מיט אמת ברידערלעכן אינטערעס מצד די אַרבעטער פון די אַנדערע נאַציעס״.

אין זין פון ד״ר פּיסטינערס רעפעראַט האָט די צווייטע לאַנד־קאָנ־פערענץ איינשטימיק אָנגענומען אַ רעזאָלוציע, אין וועלכער עס איז צווישן אַנדערן געוואָרן פעסטגעשטעלט, אַז „די נאַציאָנאַלע מינדערהייטן בכלל זיינען געקריוודעט אין זייערע רעכט אויף אונטעריכט, אויף אָנ־טיילנעמען אין דער מלוכהשער פאַרוואַלטונג און אין דער יוסטיץ. וואָס שייך די יידן, ווערן זיי לחלוטין נישט געגומען אין אַכט פונעם איצטיקן רעזשים אין רומעניע אַלס נאַציאָנאַלע מינדערהייט מיט אַן אייגענער שפּראַך״. זי רעכנט אויס אַ ריי פאָדערונגען, פאַר וועלכע מ׳דאַרף קעמפן צו דערגרייכן צוזאַמען מיטן פּראָלעטאַריאַט פון די אַנדערע נאַציעס. אויך פאַר נאַציאָנאַלע פאָדערונגען קען מען נישט פירן קיין קאַמף צו־

זאַמען מיט די בירגערלעכע גרופּירונגען, וועלכע מיסחרן מיט דער רעגירונג אויך אין די נאַציאָנאַלע עניינים.

די צווייטע לאַנד־קאָנפערענץ האָט אויסגעוויילט אַ נייע אָנפירונג. אין צענטראַל־קאָמיטעט זיינען געוויילט געוואָרן: פון טשערנאָוויץ — הערץ גילישענסקי, נתן טראָפּער, מאַרקוס און שרה כתבן, ד״ר יעקב פּיסטינער, ד״ר בערל פרידמאַן, ד״ר יוסף קיסמאַן. פון דער בוקאָווינער פּראָווינץ — ד״ר מ. דרימער, משה פּאָסט; פון בעסאַראַביע — סאַמועל ראָזענבלאַט; פון אַלט־רומעניע — יוסף באַראַז, י. מ. מאָסקאָוויטש. דער צענטראַל־קאָמיטעט האָט אויסגעוויילט אַ פּרעזידיום פון די חברים ד״ר מ. פּיסטינער — פאָרזיצער, ד״ר י. קיסמאַן — וויצע־פאָרזיצער, ה. גילישענסקי — סעקרעטאַר, מאַרקוס כתבן — קאַסירער. זיי צוזאַמען מיט די אַנדערע חברים פון טשערנאָוויץ האָבן געבילדעט דעם עקזעקוטיוו פון צ. ק..

נאָך דער קאָנפערענץ איז אָנגעקומען אַ באַגריסונג פון בונד אין פּוילן. אין דער באַגריסונג האָט דער צענטראַל־קאָמיטעט פון בונד אין פּוילן באַדויערט פאַרוואָס ס'איז נישט געווען מעגלעך צו שיקן זיינס אַ פאָרשטייער צו דער קאָנפערענץ, ווייל דער איינלאַדונג־בריוו איז אָנגעקומען קיין וואַרשע ערשט דעם 3־טן יוני, ד. ה. דעם לעצטן טאָג פון דער קאָנפערענץ. ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז די רומענישע מאַכטאָרגאַנען האָבן דעם איינלאַדונג־בריוו פאַרהאַלטן און גורם געווען די פאַרשפּעטיקונג.

די אָפּוועזנקייט פון אַ בונדישן פאָרשטייער אין פּוילן איז מיט אַ יאָר שפּעטער פאַרגיטיקט געוואָרן. אין 1929 זיינען צום בונד אין רומעניע געקומען דריי אָנגעזעענע פירער און טוער פון בונד אין פּוילן: הענריק ערליך, אַרטור זיגעלבוים און שלמה מענדעלסאָן. דער ערשטער — דירעקט פון בונד, דער צווייטער פון פאַרלאַג קולטור־ליגע און דער דריטער — פון דער צענטראַלער יידישער שול־אָרגאַניזאַציע. זיי האָבן געהאַט עפנטלעכע פאָרלעזונגען און גערעדט אויף בונדישע פאַרזאַמלונגען. ערליך האָט אויך גערעדט אויף אַ פאַרזאַמלונג פון פאָליאַקן — באַן־אַרבעטער. אומעטום זיינען די געסט פון פּוילן וואַרעם אויפגענומען געוואָרן.

באַלד נאָך דער צווייטער לאַנד־קאָנפערענץ האָבן זיך אַ שאָט געטאָן נייע רעפּרעסיעס. אַ חודש נאָך דער קאָנפערענץ איז דער בונדישער אָרגאַן — די נייע צייטונג — פאַרבאָטן געוואָרן. מ'האָט די צווייטע וואָך זי אַרויסגעלאָזט אונטער אַ צווייטן נאָמען — פאָלקס־צייטונג, אָבער אויך אונטער דעם נייעם נאָמען האָט מען זי פאַרבאָטן. ערשט, ווען די רעאַקציאָנערע רעגירונג פון די „ליבעראַלן" איז געפאַלן, האָט נאָך אַ לענגערער הפסקה, דעם 16־טן נאָוועמבער 1928, ווידער אָנגעהויבן דערשיינען די נייע צייטונג.

***

אין די טעג פון 26־טן און 27־טן דעצעמבער 1931 איז אין טשער־נאָוויץ פאָרגעקומען די דריטע לאַנד־קאָנפערענץ פון אַלגעמיינעם יידישן אַרבעטער־בונד אין רומעניע. בערך 50 דעלעגאַטן האָבן זיך אין איר באַטייליקט.

געעפנט די קאָנפערענץ האָט ד״ר יוסף קיסמאַן. אין זיין עפענונג־רעדע האָט ער געזאָגט: אין בעסאַראַביע אַרבעטן נאָך אַרבעטער 16 שעה אַ טאָג. אין אַלט־רומעניע האָבן די יידישע אַרבעטער־מאַסן נישט באַוויזן קיין סימנים פון זעלבסט־דערוואַכונג, ווייל „אויך די סאָציאַל־דעמאָקראַ־טישע פּאַרטיי, וואָס האָט ערלעך געקעמפט פאַר זייערע רעכט, האָט קיינ־מאָל נישט געשטרעבט זיי צו שטויסן צו זעלבסט־טעטיקייט. אָט די יידי־שע אַרבעטנדיקע מאַסן פון אַלט־רומעניע זיינען שוין אַזוי פיל מאָל אויף אַ ציגיינערישן אופן געגאַרט געוואָרן אין קאַמף פאַר זייערע פּרימיטיווע מענטשן־רעכט. אָבער נישט אַ קלענערע מיסיע האָט דער בונד צו דער־פילן אין טראַנסילוואַניע און בוקאָווינע״. אין טראַנסילוואַניע קומט אויס צו באַקעמפן די מאַדיאַרישע השפעה, אין בוקאָווינע — די ראָמאַניזאַ־ציע. „מיר וועלן אויך גובר זיין יענע קליינלעכע מניעות, וואָס עס פּרוּווט אונז אונטערשטעלן דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי־צענטער. די ענגהאַרציקע שטעלונג פון געוויסע חברים אין דער אינטערנאַציאָ־נאַלער פּאַרטיי־אָנפירונג איז דיקטירט פון אַבסאָלוטער וועלט־פרעמדקייט און אומפאַרשטענדעניש. נישט בלויז די יידן פון די נייע פּראָווינצן זיינען יידן, אויך די יידן פון אַלט־רומעניע זיינען נישט קיין רומענער און ווילן נישט זיין קיין רומענער״.

אין זיין עפענונג־רעדע האָט ד״ר קיסמאַן געווידמעט וואַרעמע ווער־טער צום פלוצלינג־פאַרשטאָרבענעם פאָרזיצער פון בונד — ד״ר יעקב פּיסטינער, וואָס איז גלייכצייטיק געווען אַ פּראָמינענטער פירער פון דער ס. ד. פּאַרטיי אין רומעניע, אַ טעאָרעטיקער, שרייבער און אָראַטאָר אין עטלעכע שפּראַכן. זיינע רעדעס אין יידיש פלעגן מיט יראת־הכבוד אויך הערן שטרענג אָרטאָדאָקסישע יידן מיט באָרד און פאות. פון אַן אָרים, פרי פאַריתומט יידיש יינגל, איז יעקב פּיסטינער אויסגעוואַקסן צו ווערן אַן אָנגעזעענע פיגור אין דער אינטערנאַציאָנאַלער סאָציאַליסטישער באַ־וועגונג און אין לעבן פון לאַנד. קיסמאַן האָט אויך דערמאָנט אַנדע־רע פאַרשטאָרבענע חברים, צווישן זיי דעם מיטגליד פון בונדישן צענטראַל־קאָמיטעט נתן טראַפּער, אַן אַרבעטס־מענטש און אַן ערשט־ראַנגיקער פאָלקס־רעדנער.

נאָכן אויסהערן אַ ריי מינדלעכע און שריפטלעכע באַגריסונגען פון אָרגאַניזאַציעס אין לאַנד און אויסלאַנד, צווישן זיי אויך פון בונד אין פּוילן, האָט מאַרקוס כתבן אָפּגעגעבן דעם טעטיקייט־באַריכט. אין באַריכט, אַזוי אויך אין דער דיסקוסיע, האָט אַן אָנגעזען אָרט פאַרנומען די אומ־

צופרידנקייט צווישן בונד און דער אינטערנאַציאָנאַלער פּאַרטיי. דער באַריכט־אָפּגעבער האָט געזאָגט: „אַ שווערע מניעה אין אונזער אַרבעט איז די אומפאַרשטענדעניש, וואָס מיר באַגעגענען ביי דער צענטראַלער פּאַרטיי־אָנפירונג אין בוקאַרעשט. צוליב דער אומקלאָרקייט, וואָס הערשט אין דער פראַגע פון אָרגאַניזאַציע נעמט זיך יעדער דאָס רעכט צו שטערן אונזער אַרבעט. מיר ווילן תיכף פעסטשטעלן, אַז נישט פון די חברים פון די אַנדערע נאַציאָנאַליטעטן זיינען מיר באַקעמפט געוואָרן, נאָר פון אונזערע יידישע ׳אינטערנאַציאָנאַליסטן׳, וואָס האָבן זיך גענומען דעם פּאַטענט אויף ׳אמתדיקן אינטערנאַציאָנאַליזם׳. אַ לאַנגע צייט האָט זיך געפירט אַ סיכסוך וועגן דעם פּאַרטיי־שטייער. סוף כל סוף איז אונז גע־לונגען צו קומען צו אַ פאַרשטענדיקונג אין דער דאָזיקער פראַגע״...

„עס האָט זיך אונז איינגעגעבן אַריינצודרינגען קיין טראַנסילוואַניע, וואו עס זיינען אַנטשטאַנען אייניקע בונדישע אָרגאַניזאַציעס״. דאָס אַרבעטער־לעבן אין בעסאַראַביע איז גאָר שווער פּאָליטיש און עקאָ־נאָמיש. מ׳אַרבעט נאָך דאָרטן 16 און אַפילו 18 שעה אַ טאָג. אין אַלט־רומעניע לעבט די יידישע מאַסע אין רעכטלאָזיקייט און דער אַסימי־לירטער יידישער קאַפּיטאַליסט רעדט און האַנדלט אין איר נאָמען. כתבן האָט דערמאָנט די דערפאָלגן, וואָס דער בונד האָט געהאַט ביי די קהילה־וואַלן — בונדיסטן זיינען געוויילט געוואָרן אין טשערנאָוויץ, ראַדעוויץ, סערעט, סאַדעגורע, קעשענעוו און אַנדערע ערטער.

„די פּראַקטיק האָט אונז אָבער געוויזן, אַז די עקזיסטירנדיקע קהילות וועלן קיינמאָל נישט זיין דער יסוד פאַר דער נאַציאָנאַל־קולטורעלער אויטאָנאָמיע, ווי מיר האָבן אַמאָל געמיינט און אַז פון פּראַקטישער אַרבעט לטובת די פאָלקס־מאַסן קען דאָרט אויך קיין רייד נישט זיין״. דער בונד איז געווען מיטבאַטייליקט אין אַלע אַקציעס און וואַל־קאַמפּאַניעס פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי.

אין זיין שריפטלעכער באַגריסונג האָט דער צענטראַל־קאָמיטעט פון דער ס. ד. פּאַרטיי געזאָגט, אַז עס זיינען נישט פאַראַן קיין חלוקי־דעות צווישן בונד און דער צענטראַלער פּאַרטיי־אָנפירונג מכוח די נאַציאָנאַלע אָרגאַניזאַציעס. מעגלעך, אַז דאָס דורכפירן דעם פּונקט פון פּאַרטיי־סטאַטוט האָט אין דער פּראַקטיק אָנגעטראָפן אויף געוויסע מניעות און צוליב דעם זיינען די פּאַרטיי־באַשלוסן וועגן דעם ענין נישט דורכגעפירט געוואָרן. ער האָט אויסגעדריקט זיין איבערצייגונג, אַז דער סטאַטוט וועט דורכגעפירט ווערן אין דער פולער מאָס.

די קאָנפערענץ האָט אויסגעהערט אַ רעפעראַט פון יוגנט־טוער ברוק־ענטאַל וועגן דער טעטיקייט צווישן דער יוגנט און אַ רעפעראַט פון הערץ גילישענסקי וועגן אויפבוי פון נייע בונדישע אָרגאַניזאַציעס און אויס־ברייטערן די טעטיקייט.

אַרום באַריכט און די צוויי רעפעראַטן איז געפירט געוואָרן אַ גע־מיינזאַמע דיסקוסיע, אין וועלכער די דעלעגאַטן האָבן אַרויסגעבראַכט

פאַרשידענע מיינונגען וועגן דער טעטיקייט פון בונד און פון דער אינ־טערנאַציאָנאַלער ס. ד. פּאַרטיי. קעגנזעצלעכע מיינונגען זיינען אַרויס־געזאָגט געוואָרן בנוגע דער באַטייליקונג פון בונד אין די קהילות, וועגן שאַפן אָרגאַניזאַציעס פון האַנטווערקער און אַנדערע ענינים. מ׳האָט אויך אַרומגערעדט וועגן צוריקקאויפבוי פון די יידישע שולן (בעיקר אין בע־סאַראַביע), וואָס די רעגירונג האָט ליקווידירט.

אַן אַנגעזען אָרט אין דער דעבאַטע האָבן פאַרנומען די רייבונגען צווישן בונד און דער ס. ד. פּאַרטיי. דער דעלעגאַט פון באָטאָשאַן, יוסף באַראַז, האָט וועגן דעם געזאָגט: „די חברים אין פוילן האַלטן עס פאַר אַ מעלה, וואָס מיר אין רומעניע זיינען אַנגעשלאָסן אין דער אינטערנאַציאָנאַלער אָרגאַניזאַציע. איך האַלט עס נישט פאַר אַזאַ גרויסער מעלה, ווייל ווען דער בונד וואָלט געווען זעלבשטענדיק, וואָלט ער רעוואָלוציאָניזירט די מאַסן און וואָלט געווען דער אַוואַנגאַרד פון דער סאָציאַליסטישער באַ־וועגונג אין לאַנד. אַזוי איז דער בונד איינגעשלאָסן אין אַן ענגער רעם, וואָס גיט אים נישט גענוג זעלבשטענדיקייט און מען מאַכט אים פאַראַנט־וואָרטלעך פאַר די חטאים פון דער גאַנצער פּאַרטיי״.

פאַרוואָס איז אַנטשטאַנען דער סיכסוך צווישן בונד און דער ס. ד. פּאַרטיי, בעת דער ענין וועגן די נאַציאָנאַלע אָרגאַניזאַציעס איז שוין דערלייזדיקט געוואָרן דורכן סטאַטוט, וואָס דער פּאַרטיי־צוזאַמענפאָר אין יאָר 1927 האָט אָנגענומען? די צרה האָט זיך גענומען פון דעם, וואָס שפּעטער האָט מען צוגעטשעפּעט צום סטאַטוט נאָך אַן אַרטיקל. אין דער דיסקוסיע האָט וועגן דעם אויספירלעך גערעדט ד״ר יוסף קיסמאַן. ער האָט געזאָגט: „זאָל שוין נעמען אַ סוף צו דער אפּוטרופּסות פון יידישע ׳אינטערנאַציאָנאַליסטן׳, וועלכע ווילן ראַטעווען די אַרבעטער פון אַנדערע נאַציעס מיט דעם, וואָס זיי שפּייען אויפן פּראָלעטאַריאַט פון דער אייגענער נאַציע״ . . . „זאָל שוין נעמען אַ סוף צו דער אפּוטרופּסות איבער די אַרבעטער פון די אַנדערע נאַציעס, ביי וועלכע עס ווערט אַוועק־געראויבט יעדער זין פאַר זעלבשטענדיקייט, יעדע מעגלעכקייט פאַר אמתער אינערלעכער באַפרייאונג, וואָס איז אויך דער ערשטער תנאַי פאַר דער דערוואַכונג צום סאָציאַליזם״ . . . „מען האָט אונז אַמאָל געגעבן אויטאָ־נאָמיע אויפן געביט פון פּראָפּאַגאַנדע און אויפן געביט פון נאַציאָנאַל־קולטורעלן פּאָליטישן קאַמף. האָבן מיר געבויט דעם בונד אויפן באָדן פון אָט דער ענגער אויטאָנאָמיע און, פאַרשטייט זיך, געפירט אונזער פּאָליטישן קאַמף אויף אַלע געביטן פון פּאָליטישן לעבן, נישט פרעגנדיק ביי קיינעם קיין דערלויבעניש״ . . . „אָבער געוויסע חברים האָבן זיך דערשראָקן, אַז דער בונד וועט, חלילה, צו גרויס ווערן. און זיי וויסן גאַנץ גוט, אַז דער בונד איז נישט איינשטימיק מיט זייער טאַקטישער ליניע, אַז דער בונד וויל נישט דערלאָזן צו רעפאָרמיסטישע קאָמפּראָ־מיטאַציעס פון דער ס. ד. פּאַרטיי. האָט מען געשאַפן קעגן אונז אַ באַ־

רימטן אַרטיקל 25״ . . . ער האָט אויסגעדריקט די האָפענונג, אַז „דאָס לעבן וועט זיגן איבער די קליינלעכקייטן פון כלומרשטן אינטערנאַציאָ־נאַליזם און צענטראַליסטישן ביוראָקראַטיזם״.

אין דער איינשטימיק אָנגענומענער רעזאָלוציע וועגן דער יוגנט איז געוועזן געזאָגט, אַז אַלע בונדישע אָרגאַניזאַציעס אין לאַנד זיינען מחויב „צו זאַמלען די יידישע אַרבעטער־יוגנט אין באַזונדערע אָרגאַניזאַציעס פון יוגנט־בונד״ און „אַלע אָרגאַניזאַציעס פון יוגנט־בונד זאָלן פאַר־אייניקט ווערן אין אַ פאַרבאַנד מיט אַ צענטראַלער אָנפירונג״.

אין דער איינשטימיק אָנגענומענער רעזאָלוציע וועגן אָרגאַניזאַ־ציאָנעלע ענינים האָט די בונדישע קאָנפערענץ זיך אַרויסגעזאָגט, אַז נאָר זעלבשטענדיקע, אויטאָנאָמע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס, „געבויט לויט דעם נאַציאָנאַליטעטן־פּרינציפּ און פאַראייניקט דורך אין פעדע־ראַטיוון אינטערנאַציאָנאַלן פאַרבאַנד קאָנען דאָ אין לאַנד אויספירן זייער היסטאָרישע מיסיע צו פירן דעם אַרבעטער־קלאַס אויפן זיגרייכן וועג פון זיין באַפרייאונג״. ס׳דאַרף אין דעם זין געענדערט וועגן דער פּאַרטיי־סטאַטוט. גלייכצייטיק איז געפאָדערט געוואָרן: 1) פּראָפּאָרציאָנעלע פאַר־טרעטונג פונעם בונד אין אַלע קאָמיטעטן און אינסטיטוציעס פון דער פּאַרטיי; 2) פּראָפּאָרציאָנעלע פאַרטרעטונג פונעם בונד אין אַלע עפנט־לעכע קערפּערשאַפטן, פּאַרלאַמענט, שטאָט־פאַרוואַלטונגען אאַז״וו״ . . . „מאַרקעס פאַר פּאַרטיי־אָפּצאָלונגען און לעגיטימאַציעס מוזן באַשטעלט ווערן פון די אָרגאַניזאַציעס נאָר דורכן סעקרעטאַריאַט פון בונד״ . . . דער בונד פון רומעניע „וועט אין ענגער ברידערשאַפט מיט דער אינטער־נאַציאָנאַלער אַרבעטער־באַוועגונג ווייטער פירן זיין קאַמף קעגן דער בורזשואַזיע פון אַלע נאַציעס, אָפּהיטנדיק דערביי די ליניע פון אויס־געהאַלטענעם קלאַסן־קאַמף און וועט קעמפן אין די ראַמען פון דער פּאַרטיי קעגן רעפאָרמיסטישע טענדענצן. אויף דער יידישער גאַס וועט דער בונד אויך ווייטער באַטראַכטן פאַר זיין הויפּט־אויפגאַבע דעם קאַמף קעגן קלעריקאַליזם און שאָוויניזם פון דער יידישער בורזשואַזיע״.

ד״ר יוסף קיסמאַן האָט אין אַ לענגערן רעפעראַט גערעדט וועגן אַל־וועלטלעכן ווירטשאַפטלעכן קריזיס און דער פּראָלעטאַרישער טאַקטיק. באַלד אין אָנהייב פון רעפעראַט, וואָס האָט געהאַט אַ טעאָרעטישן כאַ־ראַקטער, האָט קיסמאַן אָנגעזאָגט אַז ער וועט „מער אַנאַליזירן די ווירט־שאַפטלעכע סיטואַציע און ווייניקער באַטראַכטן די פּרטים פון פּראָלע־טאַרישער טאַקטיק אין איינצלנע לענדער. ווייל ווי קלאָר עס זאָלן נישט זיין פאַרן רוב פון אונז די טעותים, וואָס ווערן באַגאַנגען אין אַנדערע לענדער אויפן געביט פון פּראָלעטאַרישער טאַקטיק, מוזן מיר דאָך מער זיך פאַרטראַכטן וועגן די טיפערע סיבות פון דער וועלט־סיטואַציע איידער גלאַט אַרויסטראָגן אַן אורטייל אויף דער אָדער יענער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי, אַז זי האָט געגרייזט. דער יידישער אַרבעטער־

קלאַס איז נאָר אַ קליינער חלק פונעם אַרבעטער־קלאַס אין רומעניע און דער גאַנצער רומענישער פּראָלעטאַריאַט איז נאָר אַ גאַנץ קליינער חלק פון וועלט־פּראָלעטאַריאַט. צוליב דעם נייטיקט זיך אַ געוויסע איינגעהאַלטנקייט ביים משפּטן די טאַקטיק פונעם פּראָלעטאַריאַט פון אַנדערע לענדער".

אין דער דיסקוסיע האָט דער ערשטער גענומען אַ וואָרט דער פאָרשטייער פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פראַקציע אין רומענישן פּאַרלאַמענט, דעפּוטאַט געאָרג גריגאָראָוויטש. אין אַ טייל פראַגן האָט ער מסכּים געווען מיטן רעפערענט און אין אַ צווייטן טייל אַרויסגעזאָגט אַ פאַרקערטע מיינונג. ער האָט געזאָגט, אַז אין רעפעראַט איז געוואָרן „פאַרווישט די שייד־ליניע צווישן די באָלשעוויקעס און אונז. און דאָס טאָר נישט זיין. מיר האָבן דעם זעלבן מאַרקסיזם, דעם זעלבן ציל ווי זיי, אָבער פאַרט גייען מיר אויף פאַרשידענע וועגן" . . . „דאָס איבערבויען די געזעלשאַפט אויף סאָציאַליסטישע יסודות קאָן זיין דער רעזולטאַט נאָר פון אַנטוויקלונג, פון עוואָלוציע. די ׳ר׳, וואָס מען גיט צו צו אָט דעם וואָרט, איז אין דער מענטשלעכער געשיכטע תּמיד געווען אַן אָנווייז פון דראָענדיקע געפאַרן. אָט די מערקווירדיקע דערשיינונג געפינט איר אין אַלע צייטן. און אויך איצט מוז מען פעסטשטעלן, אַז די אַנטוויקלונג גייט מיט שנעלע טריט אין אונזער זין, אָבער עס דראָט דער מענטשהייט, אַז די עוואָלוציע זאָל איבערגעריסן ווערן דורך אַ רעוואָלוציע, וואָס קען צעשטערן אַלע ביז־איצטיקע דערגרייכונגען".

אין דער דיסקוסיע, אין וועלכער ס׳האָבן זיך באַטייליקט אַ ריי דעלעגאַטן, זיינען באַרירט געוואָרן אויך אַנדערע פּראָבלעמען. אין זיין שלוסוואָרט האָט ד״ר קיסמאַן געזאָגט, אַז אַ שייד־ליניע צווישן סאָציאַליסטן און קאָמוניסטן איז נייטיק, אָבער זי ליגט נישט דאָרט, וואו גריגאָראָוויטש ווייזט אָן. אונזער שייד־ליניע קעגן די קאָמוניסטן איז אַ זייער שאַרפע. זייער מעטאָד איז גענומען פון רוסלאַנד, וואָס טויג נישט פאַר מיטל־און מערב־אייראָפּע. „דער באַפעל פון מאָסקווע קאָן נישט אַרויסרופן קיין ווידער־קול ביי דער אַרבעטערשאַפט פון די מערב־לענדער". ער גרענעצט זיך אָפּ אי פון דער קאָמוניסטישער, אי פון דער סאָציאַלדעמאָקראַטישער רעפאָרמיסטישער טאַקטיק. די פאַרגעלייגטע רעזאָלוציע, אין הסכּם מיט די פעסטשטעלונגען און אויספירונגען פון רעפערענט, האָט די קאָנפערענץ איינשטימיק אָנגענומען.

אין נייעם צענטראַל־קאָמיטעט האָט די 3־טע קאָנפערענץ פון אַלגעמיינעם יידישן אַרבעטער־בונד אין רומעניע געוויילט: ד״ר יוסף קיסמאַן, ד״ר בערל פרידמאַן, מאַרקוס כתבן, הערץ גילישענסקי, אייזיק וויזעל, וואָלף פערלמוטער, שלום רובינגער, שרה כתבן (אַלע פון טשערנאָוויץ), ד״ר מ. דרימער (ראַדעוויץ), שוואַרץ (דאָרנאַ), ד״ר גלינגבערג (בוקאַרעשט), יוסף באַראַז (באָטאָשאַן), שענבוים (פּאַליעשט), גלייזער (בריטשאַן). דער צ. ק. האָט אויסגעוויילט אַ פּרעזידיום פון די ח״ח:

ד״ר י. קיסמאַן — פּאַרזיצער; ה. גילישענסקי — וויצע־פּאַרזיצער; מ. כתבן — סעקרעטאַר. די רעדאַקציע פון דער צייטונג איז איבערגעגעבן געוואָרן די ח״ח ד״ר י. קיסמאַן און שרה כתבן.

די קריטיק פון פונקט 25 פון פּאַרטיי־סטאַטוט און דער באַשלוס פון דער דריטער לאַנד־קאָנפערענץ פון בונד צו פּאַרלאַנגען, אַז מ׳זאָל אים ענדערן, זיינען נישט געבליבן אָן אָן ענטפער מצד אָנגעזעענע פירער פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי. וועגן דעם ענין האָט זיך אַנטוויקלט אַ דעבאַטע אין אָרגאַן פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי פאָרווערטס (אין דער דייטשער שפּראַך).

די דעבאַטע האָט אָנגעהויבן ד״ר מאָריץ אָבערלענדער. אַליין אַן אַסימילירטער ייד, איז פאַר אים דער פונקט 25 פון פּאַרטיי־סטאַטוט געווען נאָך צו פיל און צו ברייט. אין צוויי אַרטיקלען האָט ער גע־פּרואווט טעאָרעטיש באַגרינדן אַן אַבסטראַקט־קאָסמאָפּאָליטישן שטאַנד־פונקט בנוגע דער נאַציאָנאַלער פראַגע בכלל. ער האָט געהאַלטן, אַז אין דער איינהייטלעכער רומענישער ס. ד. פּאַרטיי קענען דערלאָזט ווערן שפּראַך־גרופּן, אָבער מ׳דאַרף נישט דערלאָזן צו שאַפן נאַציאָנאַלע אָרגאַ־ניזאַציעס, וואָס ס׳איז דערלויבט לויטן סטאַטוט.

ד״ר יוסף קיסמאַן האָט פאַרטיידיקט דעם שטאַנדפּונקט פון בונד בנוגע די סאָציאַליסטישע אָרגאַניזאַציעס פון די נאַציאָנאַלע מינדער־הייטן און זייער אָרט און קאָמפּעטענץ אין די ראַמען פון איין סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי. פון אַ סאָציאַליסטישן שטאַנדפּונקט האָט ער באַלויכטן די נאַציאָנאַלע פראַגע און פאַרוואָס די אָרגאַניזאַציאָנעלע בונ־דישע פאָרמען זיינען ריכטיקע און אַנטשפּרעכן די באַדערפענישן פון דער אַרבעטערשאַפט און פון דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג.

לאָטאַר ראַדאַטשעאַנו (אַ רומענער) האָט געפּרואווט פאַרנעמען אַ מיטל־פּאָזיציע. ער האָט אָפּגעוואָרפן אָבערלענדערס מיינונג, אַז מ׳דאַרף נאָך מער פאַרשמעלערן די קאָמפּעטענץ פון די פּאַרטיי־גרופּן פון די נאַ־ציאָנאַלע מינדערהייטן; אָבער ער האָט אויך נישט אָנגענומען די בונ־דישע מיינונג און פאַרטיידיקט דעם געדאַנק, אַז דער פונקט 25 פון סטאַטוט איז אַ ריכטיקער. ער האָט זיך אַרויסגעזאָגט פאַר אַ צענטראַ־ליזירטער פּאַרטיי, וואָס גיט די לאָקאַלע און לאַנד־אָרגאַניזאַציעס פון די מינדערהייט־פעלקער רעכט צו פירן די פּראָפּאַגאַנדע און די קול־טור־טעטיקייט אין די מינדערהייט־שפּראַכן, אָבער זיי דאַרפן נישט האָבן קיין רעכט אָנצונעמען באַשלוסן וועגן פּאָליטישע פראַגן (פאָרווערטס, 10, 17, 24, 31 יאַנואַר 1932, טשערנאָוויץ).

**
*

דער נצחון פון היטלעריזם אין דייטשלאַנד האָט אויך געשטאַרקט די פאַשיסטישע, רעאַקציאָנערע און אַנטיסעמיטישע עלעמענטן אין רו־מעניע. די עקסצעסן און רדיפות זיינען געוואָרן אָפטער און גרויזאַמער.

דאָס האָבן קודם־כל און צום שטאַרקסטן דערפילט די אַרבעטער־באַוועגונג און די יידן. זייער טעטיקייט איז געוואָרן נאָך מער באַשוועריקט און באַגרענעצט. אַ כסדרדיקער באַרג־אַראָפּ — ביז צום קאַטאַסטראָפאַלן תהום פון דער צווייטער וועלט־מלחמה.

די בונדישע צייטונג, וואָס איז אַרויסגעגאַנגען העכער 15 יאָר, איז פאַרמאַכט געוואָרן. ס'איז געוואָרן שווערער אָפּצוהאַלטן פאַרזאַמלונגען און אָנהאַלטן אַ קאָנטאַקט מיט די אָרגאַניזאַציעס אין אַנדערע טיילן פון לאַנד. איין אינסטיטוציע נאָך דער צווייטער איז פאַרבאָטן געוואָרן, צווישן זיי אויך די ביבליאָטעק אויפן נאָמען פון וולאַדימיר מעדעם. דאָס יידישע געזעלשאַפטלעכע לעבן בכלל האָט שטאַרק געפילט די פויסט פון רומעניש כוליגאַניזם. פאַרזאַמלען זיך האָט מען געקענט נאָר אומלעגאַל. דער לעצטער עפנטלעכער אַרויסטריט פון בונד איז געווען ביי די קהילה־וואַלן אין יאָר 1937 אין טשערנאָוויץ.

* * *

ס'איז געקומען די צווייטע וועלט־מלחמה. פיל בונדיסטן זיינען אומגעקומען אין די נאַצי־דייטשע לאַגערן, אין סאָוועטישע פאַרשיקונגען און אין רומענישער טראַנסניסטריע.

ווען די מלחמה איז פאַרענדיקט געוואָרן, זיינען אַ גרעסערע צאָל בונדיסטן צוריקגעקומען אין זייערע חרובע היימען. פיל פון זיי קראַנק און צעבראָכן. דאָך האָבן זיי זיך אַריינגעוואָרפן צוריק אויפצושטעלן יידישע געזעלשאַפטלעכע און קולטור־אינסטיטוציעס, קלובן, שולן, קורסן פון יידישע לימודים. זיי האָבן זיך באַמיט אויפצובויען בונדישע אָרגאַניזאַציעס.

אין צוויי פּראָווינצן — בוקאָווינע און בעסאַראַביע — איז דאָס לחלוטין געווען אוממעגלעך, ווייל די פּראָווינצן האָט אַנעקסירט סאָוועט־רוסלאַנד. געטון האָט מען עס אין איבעריקן טייל פון רומעניע, אָבער אויך דאָרט איז עס מעגלעך געווען בלויז אין די ערשטע דריי יאָר נאָכן סוף פון דער מלחמה.

אַדאַנק די באַמיאונגען פון די בונדישע טוער האָט די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פּאַרטיי פון רומעניע מסכים געווען, אַז אין די ראַמען פון דער פּאַרטיי זאָל געשאַפן ווערן אַ „יידישע אָרגאַניזאַציע". און אַזעלכע אָרגאַניזאַציעס זענען טאַקע אויפגעקומען אין בוקאַרעשט און אין אַ צאָל שטעט פון די פּראָווינצן, וואו ס'האָט זיך נאָך געפונען אַ גרעסערע יידישע באַפעלקערונג. צו די יידישע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע אָרגאַניזאַציעס האָבן געהערט נישט בלויז בונדיסטן, נאָר אויך האַלב־אַסימילירטע און פּראָ־פּאַלעסטינער סימפּאַטיקער. די בונדיסטן האָבן זיך באַמיט צו פירן די טעטיקייט אין בונדישן גייסט.

צו דעם אַלעם איז געקומען אַ סוף אין 1947—1948, ווען די קאָמוניסטן האָבן שוין נישט געדאַרפט דעם אָנשטעל פון אַ כלומרשטער קאָאַליציע־רעגירונג. אונטערן מאַנטל פון „פאַראייניקונג", האָט דער קאָמוניסטישער רעזשים ליקווידירט די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פּאַרטיי.

# אויפרופן פון בונד

# אינהאַלט:

1. צו דער יידישער אינטעליגענץ — — — — — — — — — — — — — — 295

2. צו דער יידישער געזעלשאַפט — — — — — — — — — — — — — — 317

רוסלענדער סאָציאַל־דעמאָקראַטישע אַרבעטער־פּאַרטיי

# אויפרוף

צו דער

# יידישער אינטעליגענץ

3־טע אויסגאַבע

פון אַלגעמיינעם יידישן אַרבעטער־בונד אין ליטע, פוילן און רוסלאַנד.

מיט דער ביילאַגע פון אויפרוף „צו דער יידישער געזעלשאַפט".

פרייז 20 סאַנט.[1]

לאָנדאָן

פעברואַר 1903

דרוקעריי פון בונד

אברהם נאטהאנסאָן, 17, מאָנטעם ראוד, פאָרעסט הילל,

לאָנדאָן, ס. 1/6.

# פון צענטראַלן קאָמיטעט

## פון אַלגעמיינעם יידישן אַרבעטער־בונד אין ליטע, פוילן און רוסלאַנד.

## אויפרוף

## צו דער יידישער אינטעליגענץ

**
*

שוין איבער צען יאָר, ווי אויף צפון־מערב פון דער רוסלענדער אימפעריע, אין ראַיאָן פון קעניגרייך פוילן און ליטע, איז אויפגעקומען און געלאָזט טיפע וואָרצלען אַ יידישע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע באַוועגונג; שוין 8 יאָר, ווי זי האָט אָנגענומען אַ מאַסן־כאַראַקטער, פאַרכאַפנדיק אין איר שטראָם ברייטע שיכטן פון יידישן פּראָלעטאַריאַט. און אָט איז שוין כמעט 4 יאָר [1], ווי זי איז געוואָרן שטרענג־ אָרגאַניזירט, פאַראייניקט אין „אַלגעמיינעם יידישן אַרבעטער־בונד אין רוסלאַנד און אין פוילן" [2] (פאַרקירצט „בונד").

אין אַלע גרעסערע שטעט פון ליטע און טיילווייז פון פוילן: אין ווילנע, וואַרשע, ביאַליסטאָק, לאָדזש, דווינסק, מינסק, וויטעבסק און אַזוי ווייטער, פונקט אַזוי אויך אין פיל שטעטלעך און שטעטעלעך: אַשמענע, האָראָדאָק, קרעסלאַוועקע, נעוועל, ווילקאָווישק און אַזוי ווייטער און ווייטער איז די יידישע אַרבעטער־באַפעלקערונג כמעט אינגאַנצן מער אָדער ווייניקער דורכגעדרונגען מיטן סאָציאַל־דעמאָקראַטישן באַוואוסטזיין. עקשנותדיק, פעסט און אומדערשראָקן פירט זי דעם עקאָנאָמישן און פּאָליטישן קאַמף. עס קען אויסזען אומגלויבלעך, כמעט וואונדערלעך פאַר יעדן איינעם, וועלכער איז באַקאַנט מיט די עקזיסטענץ־באַדינגונגען אין רוסלאַנד. ווי אַזוי! אין דעם לאַנד, וואו דער קלענסטער אויסדרוק פון פּראָטעסט ווערט פאַרעכנט פאַר א גרויסן מלוכהשן פאַרברעך און ווערט באַשטראָפט מיט אַ לאַנגן טערמין פאַרשפּאַרט זיין אין אַן איינצל־קאַמער און פאַרשיקונג אויף פיל יאָרן; אין דעם לאַנד, וואו דאָס נישטיקסטע עובר זיין אויף די אָנגעוואָרפענע פאַרמען, סטאַטוטן, געזעצן ווערט מאָמענטאַל באַשטראָפט; וואו בלויז געדאַנקען וועגן „אַנטי־געזעצלעכע חברות" און „אונטערערדישער פּרעסע" רופן אַרויס ביי די פרידלעכע בירגער אַ כמעט אַבערגלויבישן פּחד; אין אונזער לאַנד, וואָס איז איבער־געפּולט מיט זשאַנדאַרמען, פּאָליציאַנטן, שפּיאָנען און גרענעץ־וועכטער און וואו אַזויפיל רעוואָלוציאָנערע אָרגאַניזאַציעס און גרופּעס זענען שוין נעלם געוואָרן — לעבט זיך איין און פּראָגרעסירט כסדר, אַנטוויקלט זיך אַן אָרגאַניזאַציע מיט פיל טויזנטער מיטגלידער, וואָס איז גוואַלטיק

פיינטלעך צו דער עקזיסטירנדיקער אָרדענונג און לאָזט הערן פון זיך בקול־רם אָן אויפהער דורך שטרייקן, דעמאָנסטראַציעס, פּראָקלאַמאַציעס און אַנדערער ליטעראַטור.

די דאָזיקע וואונדערבאַרע לעבנס־קראַפט פון בונד דערקלערט זיך גאַנץ פשוט: דער סוד פון זיין פעסטקייט און אומאויפהערלעכער אַנט־וויקלונג, נישט געקוקט אויף די כסדרדיקע רעוויזיעס און רדיפות מצד דער רעגירונג, שטעקט אין דעם, וואָס די אויפגאַבן פון אונזער באַוועגונג דרינגען אַרויס פון די אַנערקענטע רעאַלע אינטערעסן פון די אַרבעטנדיקע פּראָלעטאַריער און דעריבער האָט די באַוועגונג אַרומגענומען ברייטע מאַסן און נישט בלויז אַ הייפל אידעאַלאַגן. און נאָכדעם האָט זי אויפגעבויט אַ טיפּ פון אַן אָרגאַניזאַציע, וואָס איז שכלדיק, פּראַקטיש און פּאַסט זיך צו צו די געענדערטע באַדינגונגען. זי איז מחמת דעם נישט צום כאַפּן.

און אָט וואָס ס׳איז כמעט נישט ווייניקער מערקווירדיק! נישט קוקנדיק אויף אַזאַ פּיליאַריקן פּאַרביסענעם קאַמף; נישט געקוקט אויף דעם וואָס די אויסדרוקן פון דאָזיקן קאַמף זיינען טיילמאָל אַזעלכע רוישיקע און דרייסטע, וואָס ציען צו די אויפמערקזאַמקייט; נישט געקוקט אויף דער פּאַרצווייגטער ליטעראַטור, וואָס דער בונד האָט אַרויס־געגעבן — איז דעם אינטעליגענטן טייל פון די יידן (וועגן די קריסטן איז שוין בכלל נישטאָ וואָס צו ריידן), דער אַזוי־גערופענער „געזעל־שאַפט” באַקאַנט וועגן כאַראַקטער און פאַרנעם פון דעם בונדס טעטיקייט און אַפילו וועגן די ציֵלן פון דער באַוועגונג נישט קיין סך מער, ווי וועגן די באָקסער אין כינע און שוין זיכער ווייניקער ווי וועגן די בורן אין אַפריקע. האַרט פאַר זייער נאָז קומט פאָר דער פּאַרביסנסטער קאַמף. אין דער זעלבער שטאָט אָדער הויז, ס׳קען זיין אויף די זעלבע טרעפּ, ראַנגלען זיך די אַרבעטער מיט אומגעהויערע אָנשטרענגונגען פּלאַנמע־סיק און פעסט פאַר זייער רעכט אויף מענטשלעכער באַהאַנדלונג און דערטרעגלעכע אַרבעט־באַדינגונגען קעגן אומבאַגרענעצטער עקספּלואַ־טאַציע־גיריקייט פון די באַלעבאַטים. זייט ביי זייט טיילמאָל אין דער שכנות־דיקער דירה, אין דער פינצטערניש פון דער נאַכט און במשך דעם ליכטיקן טאָג קומען פאָר אַבלאַוועס, עס ווערן צעשיידט מאַן און פרוי, עלטערן און קינדער, די אינטימסטע פריינד. הונדערטער מענטשן ווערן נעלם גלייכצייטיק אין די פינצטערע איינצל־קאַמערן, וואו מ׳האַלט זיי יאָרן לאַנג און זיי ווערן געמוטשעט מיט פאַרשונגען, מיט עקלהאַפטער שפּיון און גראָבער באַהאַנדלונג, כדי זיי שפּעטער פאַרשיקן אין סיביר. און נישט געקוקט אויף דעם, באַמערקט זיך ביי דער יידישער אינטעלי־גענץ אַן אויגנבריסנדיקע אומוויסנקייט בנוגע דער יידישער רעוואָלו־ציאָנערער באַוועגונג, אַ גלייכגילטיקייט און אַפילו פיינדלעכקייט צו איר!

וואו־זשע שטעקן די סיבות פון דעם? ווי אַזוי זאָל מען דערקלערן

וואָס אַזאַ באַוועגונג, וועלכע פאַרשיינט מיט איר דרייסטקייט, נייקייט און אַלמענטשלעכן כאַראַקטער האָט נישט צוגעצויגן צו זיך די פאַרשטאַרקטע אויפמערקזאַמקייט פון אונזער אינטעליגענץ, האָט זי נישט אויפגעמונטערט און נישט אַרויסגערופן ביי איר אַ הייסע, אַ פלאַמענדיקע סימפּאַטיע, אַ מיטווירקונג און צופלוס פון כוחות?

דער קלאַסן־כאַראַקטער פון דער באַוועגונג און די זשאַרגאָנישע [4] שפּראַך פון דער יידישער אומלעגאַלער ליטעראַטור — אָט זענען די צוויי גרונט־סיבות, וואָס רופן אַרויס מצד דער אינטעליגענץ אַזאַ אָפּפרעמדן זיך פון דער יידישער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע. אייגנטלעך וואָלט מען געקענט זאָגן, אַז אַפילו איין סיבה, ווייל ביי די באַדינגונגען פון בילדונג, וואָס עקזיסטירן פאַר די אַרבעטנדיקע מאַסן אין היגן לאַנד, איז די ליטעראַטור אין זשאַרגאָן אַן אומפאַרמיידלעכער פּועל־יוצא פון דער ברייטער אַרבעטער־באַוועגונג מיט אַ קלאַסן־כאַראַקטער. מיט אירע צילן, געשעענישן און דערפאָלגן קענען די אינטעליגענטע שיכטן זיך באַקענען אָדער פון מינדלעכע אינפאָרמאַציעס אָדער פון ליטעראַטור. דער ערשטער וועג איז נישט פּראַקטיש, מ׳דאַרף דערביי פאַרלירן אַ סך כוחות, און די זשאַרגאָנישע בונדישע ליטעראַטור לייענט כמעט נישט די אינטעליגענץ.

אַחוץ דעם, איר אינהאַלט, וואָס איז באַשטימט פאַר גייסטיק ווייניק אַנטוויקלטע אַרבעטער, קען קנאַפּ אינטערעסירן די אינטעליגענץ, וואָס האָט אַ פולשטענדיקע פאַראַכטונג צום זשאַרגאָן און אַ טייל פון איר קען לחלוטין נישט דאָס לשון. ס׳איז דעריבער נישט צו וואונדערן זיך, אַז אַלץ וואָס קומט פאָר אין די ראַמען פון בונד, בלייבט פאַר איר פאַרזיגלט אונטער זיבן חתימות. און ווען צופעליק דערגייט עפּעס צו אירע אויערן, באַקומט עס נישט זעלטן אַ פולשטענדיק נישט־ריכטיקע באַלויכטונג. מחמת דעם וואָס ביז דער לעצטער צייט האָט דער קאַמף, וואָס דער אַרבעטער־קלאַס האָט געפירט, געהאַט אין תוך אַן עקאָנאָמישן כאַראַקטער און די גאָר אָפטע אויסדריקן פון אים זיינען געווען גרויסע אָדער קליינע שטרייקן פאַר דערגרייכן טאָג־טעגלעכע, קליינע פאַרבעסערונגען, וועלכע האָבן פאַר דער אינטעליגענץ אויסגעזען נישטיקע, האָט זי דעריבער אויף דער גאַנצער באַוועגונג געקוקט ווי אויף אַ שמאָלער קלאַסן־עגאָיסטישער, וואָס איז דירעקט פיינדלעך צו אַ טייל קלאַסן און איז גלייכגילטיק צו אַ צווייטן טייל.

איז עס טאַקע אַזוי? איז זי ווירקלעך אַזוי שמאָל, ווי זי האָט געקענט זיך דאַכטן אַן אויבערפלעכלעכן באַאָבאַכטער? מיר זאָגן: „האָט געקענט”, אין דער פאַרגאַנגענער צייט, ווייל די פּאָליטישע דעמאָנסטראַציעס פון די לעצטע יאָרן וואָלטן געדאַרפט די סאַמע קורצזיכטיקע, קליינקעפּלדיקע מענטשן עפענען אין אַ גענוגנדיקער מאָס זייערע אויגן. צי האָט באמת די יידישע אינטעליגענץ, בפרט די יוגנט, געדאַרפט

און געהאַט דאָס רעכט זיך האַלטן אין אַ זייט פון דער דאָזיקער באַוועגונג, ווי אַ פרעמדער?

אין אונזער באַוועגונג קען מען אָנמערקן דריי מינים צילן, וואָס זיינען פאַרשידנאַרטיק לויטן כאַראַקטער, לויט דער ברייטקייט, לויט דער מער אָדער ווייניקער לייכטקייט און וויטקייט פון פאַרווירקלעכונג. דאָס זיינען זיי די צילן:

1) דורך טאָג־טעגלעכן קאַמף פאַרבעסערן דעם עקאָנאָמישן מצב פון די אַרבעטער און די אַרבעטס־באַדינגונגען: פאַרקירצן דעם אַרבעטס־טאָג, העכערן די לוינען, היגיענישע איינריכטונגען, מענטשלעכע באַהאַנדלונג און אַזוי ווייטער.

2) אויסקעמפן פּאָליטישע פרייהייט: אַראָפּוואַרפן די זעלבסטהערשונג און זי פאַרבייטן מיט אַ קאָנסטיטוציאָנעלן רעזשים, איינפירן די אומבאַרירלעכקייט פון פּערזאָן, פרייהייט פון פּרעסע, פאַרזאַמלונגען, שטודירן און אַזוי ווייטער, פולע זעלבסטבאַשטימונג־רעכט פון די נאַציאָנאַליטעטן.

3) איינפירן אַ סאָציאַליסטישע אָרדענונג.

פון די דאָזיקע דריי אויפגאַבן איז סאָציאַליזם אָן ספק די סאַמע ווייטסטע, וואָס האָט ווייניקער פון די אַנדערע אַ השפּעה אויף די איצטיקע פאָרמען פון קאַמף. אַן אָרדענונג, אין וועלכער אַלע מיטלען פון פּראָדוקציע — די פאַבריקן, מאַשינען, די ערד און אַזוי ווייטער — וועלן פון פּריוואַטן אייגנטום איבערגיין אין געזעלשאַפטלעכן; וואו עס וועט נעלם ווערן אָן אַ שפּור לוין־אַרבעט, אַלע מעגלעכע פּריווילעגיעס און אומגלייכהייט, די אומדערהערטע שפע פון איין טייל און די ניט־פאַרזיכערטקייט פון אַ צווייטן טייל — אַן אָרדענונג, וואו עס וועלן צום ערשטן מאָל געשאַפן ווערן די מאַטעריעלע באַדינגונגען פאַר דער אומגעשטערטער אַנטוויקלונג פון דער מענטשלעכער פּערזענלעכקייט און פאַר דער רעאַליזירונג פון אַלמענטשלעכן גליק. די דאָזיקע אָרדענונג קען זיך אויסווייזן צו זיין נאָענט אויפן מערב, פאַר אונז אָבער, פאַרן גאַנצן פּראָלעטאַריאַט פון רוסלאַנד, קען אַ סאָציאַליסטישע אָרדענונג אין דער איצטיקער צייט האָבן אַ באַדייטונג בלויז ווי אַ ווייטער אידעאַל, אויפן וועג צו וועלכן עס שטייט אַ צו נאָענטע, אַ צו גרויסע און ממשותדיקע שטערונג, וואָס ווירקט, אַז אונזער אויפמערקזאַמקייט און אָנשטרענגונגען זאָלן נישט אָפּגעצויגן ווערן פון דער אויפגאַבע שנעלער זי צו פאַרניכטן. ווי אַ וועגווייזנדיקער שטערן, ווי אַ שטראַלן־וואַרפנדיקער לייכט־טורעם, שטייט פאַר אונז דער סאָציאַליסטישער אידעאַל. ער מאָלט אויס פאַר אונז גרויסאַרטיקע פּערספּעקטיוון און גיט אונז מיט דעם די מאָס ריכטיק אָפּצושאַצן די עקזיסטירנדיקע אָרדענונג. ווי אַ פּראַקטישע פּאַרטיי, ווייסן מיר אָבער אויסגעצייכנט, אַז מיר וועלן נישט דערגרייכן

דעם דאָזיקן אידעאַל פאַר דעם, ווי מיר ווערן האָבן דעראָבערט די פּאָליטישע פרייהייט.

דער צאַריזם — ער איז דער גרויזאַמער שונא פון פּראָלעטאַריאַט, אָבער נאַטירלעך נישט בלויז פון אים אַליין. מיט זיין שווערער לאַפּע דריקט ער און שטיקט ער אַלץ, וואָס לעבט. ער שטרעבט אַלעמען צו פאַרוואַנדלען אין זיינע געהאָרכזאַמע שקלאַפן. דאָך, אונטערן איינפלוס פון זעלבסטשוץ־געפיל, פון דער שרעק פאַר דער אייגענער פעל, ווערט ער שרעקלעך, חיהש־אומברחמנותדיק. און זיין האַנט, באַוואָפנט מיט אַ נאַהאַיקע און געווער, ווייסט נישט פון קיין אָפּהאַלט און גרענעץ. און במשך די לעצטע 20 יאָר איז דאָס דאָזיקע געפיל געוואָרן אַ פולשטענדיק נאָרמאַלער פאַר אונזער זעלבסטהערשונג, איז געוואָרן אַ גרונט־מאָטיוו פאַר די אָן אַ שיעור דירעקטיוון, וואָס שיטן זיך פון די כלערליי קאַנצעלאַריעס און דעפּאַרטאַמענטן. „דאָס לעבן פאַרן צאַר", מיליאָנען לעבנס פאַרן צאַר! — אָט איז די פּראָקלאַמירטע לאָזונג, וואָס די רעגירונג פירט דורך סיסטעמאַטיש ביד חזקה. זאָלן די פּויערים אויסגעריסן ווערן און הונדערטער טויזנטער זאָלן שטאַרבן פון הונגער, פון קראַנקייטן, וואָס זיינען טיילווייז אַ פּועל־יוצא פון עקסטרעמער אומוויסנקייט — די רעגירונג לאָזט נישט צו קיין ביכער און בילדונג צו זיי, און פאַריאָגט אומברחמנותדיק אַלע, וועלכע ווילן אָן שום נוצן פאַר זיך קומען צו הילף. זאָל דאָס לעבן פון די זעמסטוועס [5]) זיך פאַרוואַנדלען אין אַ מדבר, אָבער צי לוינט זיך צו רעכענען מיט אַזעלכע נאַרישקייטן, אויב עס גיט זיך נישט איין, נישט געקוקט אויף אַלע כיטרעקייטן, צו פאַרוואַנדלען אַלע אָן אויסנאַם מיטגלידער פון דער זעמסטווע אין אונטערטעניקע טשינאָווניקעס? זאָל מען פאַרן אויסהאַלטן אַ מיליאָניקע אַרמיי, זשאַנדאַרמען און שפּיאָנען אַרויסרייסן די לעצטע ברעקלעך פון די, וואָס ווערן געשוואָלן פון הונגער; זאָלן גאַנצע פעלקער זיך אַוועקלאָזן אויף עמיגראַציע, לעבן אין אַ שרעקלעכער אָרימקייט; זאָל דער בעסטער עלעמענט, די בלום פון דער געזעלשאַפט, פאַרשיקט ווערן אויף פיל יאָרן אין סיביר אָדער גענומען ווערן אין זעלנעריי אַזוי ווייטער און ווייטער. דאָס ווערט געטון בלויז, כדי איינצוהאַלטן פאַר זיך די מיט בלוט־באַפלעקטער מאַכט, בלויז כדי נישט אַרויסלאָזן פון האַנט די בייטש און די נאַהייקע.

דאָס משוגענע רייסן זיך פון דער רעגירונג ווערט אַלץ מער נערוועאיש, אומזיניק און ווילד. זי האָט זיך נישט זשענירט צו נעמען אין מיליטער אַריין 187 קיעווער סטודענטן. זי האָט זיך נישט געוואַקלט דורכצופירן דעם סאַמע עקלהאַפטן, חיהשן אָנפאַל אויף די דעמאָנסטראַנטן און דעם זייטיקן פּובליקום דעם 4־טן מערץ פון הייַנטיקן יאָר. אין זעלבן פּעטערבורג האָט זי דורכגעפירט ערב דעם 1־טן מאַי (לויטן נייעם סטיל פון צייט־רעכענונג) אין צוויי אַקציעס 1000 רעוויזיעס און 600 אַרעסטן!

אירע קרבנות זייגען, אַחוץ אַרבעטער און סטודענטן, בפירוש גאַנצע קערפּערשאַפטן (קאָמיטעטן קעגן אַנאַלפאַבעטיזם, דער שרייבער־פאַראיין א.א.וו.), צייטונגען, בעסערע פּראָפעסאָרן (עריסמאַן, קאָוואַלעווסקי, מי־ליוקאָוו, טוגאַן־באַראַנאָווסקי און פיל אַנדערע), שרייבער (אַננענסקי, סטרואווע, פּאָססע, בערנשטאַם און אַנדערע). ס'איז זיך שווער פאָרצושטעלן דעם גרויסן סכום שנאה, וואָס עס האָט זיך אָנגעזאַמלט אין דער רוסי־שער געזעלשאַפט קעגן דער זעלבסטהערשונג.

ס'קען נישט זיין דער קלענסטער ספק, אַז אויך די יידישע אינטע־ליגענץ, נאָך מער, אַלע יידישע קלאַסן אָן אויסנאַם האָבן מיט אַלע פי־בערן פון זייער נשמה פיינט די זעלבסטהערשונג און וואָלטן איר פאַלן אויפגענומען מיט נישט־באַהאַלטענער שימחה. דער צאַריזם שטיצט זיך אויף די סאַמע פינצטערע כוחות, צווישן זיי אויך אויף דעם עקסטרעמען נאַציאָנאַליזם. די פּראָקלאַמירטע פּרינציפּן פון זיין פּאָליטיק זיינען, ווי באַוווּסט, פאָרמולירט מיט דריי ווערטער: זעלבסטהערשונג, פּראַוואָ־סלאַוויע און נאַציאָנאַליטעט. איבערגעזעצט אויף אַן אַלגעמיינער איי־ראָפּעאישער שפּראַך, אַנטשפּרעכן די דאָזיקע באַגריפן די ווערטער: ראַיאַליזם, קלעריקאַליזם און נאַציאָנאַליזם. און אומעטום אין אייראָפּע, אונטער דער פאָן פון די פּאַרטייען, וואָס פּראָפּאַגאַנדירן די דאָזיקע פּרינציפּן, טרעט אַרויס און חברט זיך אָפן מיט זיי דער אַנטיסעמיטיזם, בעת די סאָציאַל־דעמאָקראַטיע דערשיינט ווי די סאַמע איבערצייגטע און שאַרפע קעגנערין פון אים. פון איר נאַטור איז די זעלבסטהערשונג פאַרביסן אַנטיסעמיטיש. און באַנוצנדיק איר אומקאָנטראָלירטע מאַכט, גיט זי אַרויס אין באַגרענעצונג־געזעץ נאָכן צווייטן. ס'זיינען דעריבער שטאַרק קאָמיש און חרפהדיק די האָפענונגען זי אונטערצוקויפן מיט גוטע ווערטער און מיט לאָיאַל־אונטערטעניקע געפיל־אויסדרוקן. דאָ, ווי אומע־טום, קען מען רעכט דעראָבערן נאָר מיט קראַפט.

בלויז דער אומקום פון דער זעלבסטהערשונג, אַ קאָנסטיטוציאָנעלער רעזשים און דאָס רעגירן פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע קענען פאַרניכטן דעם אַנטיסעמיטיזם, אַז קיין קיין שפור פון אים זאָל נישט בלייבן.

סאָציאַליזם און דעמאָקראַטיע — דאָס איז די ווייטע און נאָענטע אויפגאַבע פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע בכלל און פון דער רוסלענ־דער און יידישער בפרט. אָבער ביי די איצטיקע עקזיסטירנדיקע באַדינ־גונגען פון דער פּראָדוקציע, וואָס ווערן שרעקלעכער אין די שטופּעס און פאָרמען פון דער עקספּלואָטאַציע, מחמת ס'איז נישטאָ קיין אַרבעט־שוץ מצד דער רעגירונג און דאָס פעלן פון יעדן לעגאַלן מיטל צו פאַרבע־סערן זיין לאַגע, איז דער אַרבעטער־קלאַס געצוואונגען צו פירן אַ כסדר־דיקן קאַמף פאַר דערגרייכן די קלענסטע הנחות. אין דאָזיקן קאַמף וואַרפט זיך מער אין די אויגן פון דער „געזעלשאַפט" דאָס, וואָס זי באַטראַכט בלויז ווי אַ צוזאַמענשטויס פון דראַבנע אינטערעסן, וועלכע ציען נישט

איר אויפמערקזאַמקייט. נישט זעלטן איז עס, לויט איר מיינונג, אַן אויס־דרוק פון נישט־אַנגעזעטיקטע אַפּעטיטן פון די אַרבעטער. אָבער באמת האָט דער דאָזיקער קאַמף פאַר דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע אַן אומגעהויערע, פּילזייטיקע באַדייטונג.

קודם־כל, דאָס פאַרבעסערן די לעבנס־באַדינגונגען פון די אַרבעטנדיקע קלאַסן, דאָס פאַרהיטן זיי פון פּריצייטיקער „קבורה" אין די פאַבריקן און ווערקשטאַטן, דאָס אָפּשוואַכן די שרעקלעכע שטערבלעכקייט, דאָס קראַנק ווערן, איינדאַרן און איינקווארן, דאָס געבן די מעגלעכקייט צו האָבן מער נאָרמאַלע שפּייז, פרייע צייט פאַר אָפּכאַפּן דעם אָטעם און אויפהייטערן זיך — דאָס אַלץ זיינען צילן, וואָס זיינען אַזוי וויכטיק, אַז פאַר זיך גופא וואָלטן זיי געקענט באַרעכטיקן אַ כסדרדיקן קאַמף און אויפוועקן טיפע סימפּאַטיעס ביי דער אינטעליגענץ. אָבער אַחוץ דעם, די דערפאָלגן פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער באַוועגונג זיינען אין אַ גאָר גרויסער מאָס אָפּהענגיק אייגנטלעך פון דעם צי וועט ביי די אַרבעטער זיין פרייע צייט אָפּצואָטעמען פון דער פאַרטעמפּנדיקער אַרבעט, אַז ער זאָל קענען אַ טראַכט טון וועגן זיין לאַגע, טרעפן זיך מיט חברים, לייענען אַ ביכל, גיין צו אַ פאַרלעזונג אָדער אָנטייל נעמען אין אַ קרייז. דאָס זעלבע אויך מיט דער מאַטעריעלער זייט פון דעם ענין: די מעגלעכקייט צו באַפרידיקן די ברייטע, אַלץ מער זיך פאַנאַנדערוואַקסנדיקע באַדערפענישן פון דער באַוועגונג, וואָס פאַרשלינגען פאַרהעלטניסמעסיק גרויסע מיטלען, איז אין אַ גרויסער מאָס אָפּהענגיק פון די אַרבעטערס פאַרדינסטן, וועלכע טראָגן אויס אויף זייערע פּלייצעס — צו דער גרויסער חרפה פון דער אינטעליגענץ — אַפילו די מאַטעריעלע לאַסטן. און דער טאָג־טעגלעכער קאַמף פאַר די קליינע אינטערעסן פאַרהאַרטעוועט די אַרבעטער, בינדט זיי צוזאַמען, אַנטוויקלט די סאָלידאַריטעט, די חברישע באַציאונגען און דעם קלאַסן־באַוואוסטזיין, פאַרטויבט און וואָרצלט אויס די פאָראורטיילן און איינריידענישן, וואָס האָבן זיך אָנגעזאַמלט במשך פיל יאָרהונדערטער פון רעליגיעזע רדיפות, נאַציאָנאַלער דיסקרימינאַציע און אומטאָלעראַנץ. אין דאָזיקן קאַמף קומט אויס דעם יידישן פּראָלעטאַריאַט צו גיין האַנט אין האַנט מיט די אַרבעטער פון אַנדערע נאַציאָנאַליטעטן. די סאָלידאַריטעט פון זייערע אינטערעסן, די אומבאַדינגטע נויטווענדיקייט צו קעמפן פריינדלעך בשותפות ווערט דיקטירט פון לעבן אַליין, און די באמת חברישע באַציאונגען שאַפן זיך שוין במילא.

לסוף, מחמת דער אומפאַרמיידלעכער אַריינמישונג פון די רעגירונג־אַגענטן אין דאָזיקן עקאָנאָמישן קאַמף, מחמת די אָן אַ שיעור רדיפות, וואָס שיטן זיך אויף די קעפּ פון די „בונטאָווטשיקעס" פאַר עובר זיין אויף די עקזיסטירנדיקע געזעצן וועגן שטרייקן, פאַרזאַמלונגען, פּרעסע א.א.וו., ווערט דאָס פעלן פון פּאָליטישער פרייהייט און די עקזיסטענץ

פון פולער רעכטלאָזיקייט אַלץ מער פילבאַר, ווערט די הפקרות פון דער רעגירונג אַלץ מער אומדערטרעגלעך, און די נויטווענדיקייט אַראָפּצוּוואַרפן די זעלבסטהערשונג ווערט פולשטענדיק קלאָר. אויף אַזאַ אופן שאַפט זיך אַ באַשיינפערלעכע לעקציע פאַר דער אַנטוויקלונג פון פאָליטישן באַוואוסטזיין. אָט וואָסער באַדייט עס האָט דער עקאָנאָמישער קאַמף, וואָס זעט אויס אין די אויגן פון אויבערפלעכלעכע באַאָבאַכטער אַזוי דראָבנע, ווייניק־וויכטיק, נישט־אינטערעסאַנט, אַ „קאַמף פאַר פינף קאָפּיקעס". בלויז אַדאַנק איר פאַנאַנדערוואוקס האָט די יידישע אַרבעטער־באַוועגונג זיך פאַרוואַנדלט אין אַ גוט־פאָרמירטע, איינהייטלעכע, דיסציפּלינירטע אָרגאַניזאַציע. בלויז דורך דעם דאָזיקן קאַמף איז דער יידישער פּראָלעטאַריאַט געוואָרן אַ רעוואָלוציאָנערער כוח.

די יידישע אינטעליגענץ אָנערקענט אָבער נישט אין אים דעם דאָזיקן כוח, און זיין רעוואָלוציאָניזם רופט אַרויס ביי איר אַ מורא און ציטערניש. אויף דער זעלבסטהערשונג קוקט זי, ווי אויף אַ נישט־באַזיגבאַרע קראַפט, פאַר וועלכער די גאַנצע רוסלענדער אַרבעטער־באַוועגונג איז אַ נישטיקער קעגנער, אפשר אַן עקשנותדיקער, וואָס דערקוטשעט, אָבער יעדנפאַלס אַזאַ, וואָס וועט קיינמאָל נישט קענען ווערן דער זיגער. און באמת, די זעלבסטהערשונג, וואָס שטיצט זיך אויף מיליאָנען סאָלדאַטן, טשינאָווניקעס, אויף אַן אַרמיי פון פאָליציאַנטן און זשאַנדאַרמען, האָט אין איר רשות אַ בודזשעט פון צוויי מיליאַרד קען טאַקע אויסזען ווי אַ נישט־צוטריטלעכע פעסטונג, ווי אַ נישט־באַזיגבאַרער ריז. און היות זי איז נישט איבערקלייבעריש אין באַנוצן די סאַמע ווילדע און שענדלעכע מיטלען אויף אונטערצודריקן אַ פראָטעסט, איז זיך נישט צו וואונדערן, וואָס אַ סך באַציען זיך עקסטרעם־פעסימיסטיש צו די אויסזיכטן פון פאַרווירקלעכן די פאָדערונגען, וואָס עס שטעלט אַרויס די אַרבעטער־פאַרטיי. נישט זעענדיק קיין שום קאָנקרעטע וועגן אויף צו פאַרבעסערן די אומדערטרעגלעכע לאַגע, שפּייזנדיק זיך מיט מטושטשדיקע חלומות און האָפענונגען אויפן גייסט פון דער צייט, אויף דער אייביקער אידייאישער קראַפט, וואָס איז גובר אַלץ, אויף די בייטענישן פון די הערשער אויפן טראָן א. א. וו., פאַרשליסן זיך אין זייערע פערזענלעכע עסקים און עסקימלעך אַפילו די צום מערסטן נישט־גלייכגילטיקע, אַלטרואיסטישע מענטשן. זיי פאָרען זיך מיט פילאַנטראָפּיע, קולטורעלע טעטיקייטן, ציוניזם. זיי דערווייטערן זיך מיט אַלע כוחות פון קאַמף, וואָס פלאַקערט אַרום זיי. נישט בלויז פאַרשטייען זיי אים שלעכט, נאָר נאָך ווייניקער שאַצן זיי אָפּ זיין ווערט.

ערנסט אַוועקשטעלן די פראַגע צי קען מען אַמאָל ווען ס'איז ביי־קומען די זעלבסטהערשונג ; מיט אַנדערע ווערטער, צי וועט זי אויסהאַלטן לעולם־ועד — משמעות, קיינער איז נישט גרייט צו דעם. דאָס וואָלט געווען אַן אומזין, דאָס וואָלט געווען אין סתירה צו אַלע געשעע־

נישן פון דער געשיכטע, צו דער דערפאַרונג פון אַלע אַנדערע לענדער, צום גאַנג פון דער היסטאָרישער אַנטוויקלונג פון רוסלאַנד גופא. אַלץ אין דער נאַטור פליסט, ענדערט זיך. איין אָרדענונג פאַלט און ווערט פאַר־ביטן דורך אַ צווייטער. אויך די זעלבסטהערשונג וועט אומקומען, אָבער נישט פון זיך אַליין וועט זי פאַלן, נישט מחמת דער אייגענער אָפּשוואַ־כונג, נישט מחמת עפּעס אַ פאַטאַלן „נאַטירלעכן אַנטוויקלונג־גאַנג", נישט פון דער „אַלמעכטיקער צייט", נישט פון גאָרנישט־זאָגנדיקן „וואוקס פון קולטור און ציוויליזאַציע", זי וועט אומקומען פון רעוואָלוציאָנערן אויפ־רייס, פון אָנגריף מצד די אָפּאָזיציאָנעלע כוחות.

נו, פרעגט זיך, וועלכער קלאַס וועט זיין בכוח צו ראַנגלען זיך פנים־אל־פנים מיט דער מעכטיקער זעלבסטהערשונג? ווער וועט זיין אין צענטער פון רעוואָלוציאָנערן שטראָם? ס'איז גענוג צו וואַרפן בלויז אַ לויפנדיקן בליק אויף דעם גראַד פון אַנטוויקלונג, כאַראַקטער פון די שטרעמונגען און קעגנזייטיקע באַציאונגען פון די פאַרשידענע קלאַסן אין רוסלאַנד, מ'זאָל גלייך דערזען, אַז בלויז דער פּראָלעטאַריאַט אַליין שטעלט מיט זיך פאָר אַווירקלעכע, גרויסע רעוואָלוציאָנערע קראַפט. די בורזשואַזיע, אָנשפאַרנדיק זיך אויף אירע קאַפּיטאַלן, פילט זיך גאַנץ נישט־קשהדיק אונטער דעם צאַרישן סצעפּטער. די פריצים — דער דאָזיקער יורדישער, רואינירטער קלאַס פון ערד־באַזיצער — קוקט אויס די רעטונג בלויז פון רעגירונג־נדבות. דאָס פּויערטום, אויסגעהונגערט און ליידנדיק אומגע־הויער אונטער דער לאַסט פון שטייערן, קערפּערלעכע עקזעקוציעס און אַנדערע אַלע מעגלעכע דערנידערונגען, איז שווער צו באַווירקן מיט פּראָ־פּאַגאַנדע און אָרגאַניזאַציע. אפשר אין דער צוקונפט, בלויז אין מאָמענט פון רעוואָלוציאָנערן אויפברויז, וועלן די פּויערים שפּילן אַ געוויסע ראָל. די אינטעליגענץ, בפרט אַ טייל מער געבילדעטע, מער פּאָליטיש אַנט־וויקלטע אָדער אירע מער יינגערע שיכטן, וואָס זיינען אָפּאָזיציאָנעל גע־שטימט, אָבער אַליין פון זיך, ווי ס'האָט געוויזן דערביישפּיל פון דער „נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ", איז נישט בכוח זיך צו פאַרוואַנדלען אין אַ פעס־טער, גרויסער קראַפט. אין פאַראייניקונג מיטן קעמפנדיקן פּראָלעטאַריאַט שטעלט זי מיט זיך פאָר אַ גאָר וויכטיקן, נישט צום פאַרבייטן, עלעמענט, וואָס איז פעאיק צו ברענגען דער זאַך פון דער רעוואָלוציע אומגעהויערן נוצן.

דער פּראָלעטאַריאַט — ער איז די דראָענדיקע מאַכט, וואָס וועט אָוועקשליידערן פון אויבערפלאַך פון דער ערד די שאַנד פון אייראָפּע, די רוסישע זעלבסטהערשונג. פאַראַפּראַזירנדיק פּלעכאַנאָווס ווערטער, וואָס זיינען געזאָגט געוואָרן מיט 15 יאָר צוריק, קענען מיר איצט מיט זיכערקייט זאָגן: „די רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג אין רוסלאַנד וועט טריומ־פירן בלויז, ווי אַן אַרבעטער־באַוועגונג". שוין איצט, סך־הכל נאָך עט־לעכע יאָר ברייטער אַגיטאַציע, זיינען די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע אידייען

אַזוי טיף אַריינגעדרונגען אין די מאַסן, אַז קיין שום רעפּרעסיעס פון דער רעגירונג זיינען נישט בכוח זיי אויסצואוואָרצלען. נישט געקוקט אויף טויזנטער אַרעסטן, וואָס ווערן דורכגעפירט אין איין נאַכט; נישט געקוקט אויף די מאַסן אַרויסשיקונגען און פאַרשיקונגען — גייט די באַוועגונג אַן אָפּהאַלט פאָרויס, טיף און ברייט, און קומט איצט אַרויס אָפן אין דער פאָרם פון פּאָליטישע דעמאָנסטראַציעס. ווי פייערלעך, וואָס אַלאַרמירן מיט שלעכטע בשורות און זאָגן אָן אַן אַלגעמיינעם אויפרייס, דערשיינען זיי אין די סאַמע פאַרשידנאַרטיקע פּונקטן פון דער צעשפּרייטער רוסלענדער אימפּעריע „פון די קאַלטע פינישע פעלזן ביז דער פלאַמיקער קאָלכידי"... וואַרשע, לאָדזש, ביאַליסטאָק, ווילנע, דווינסק, מינסק, פּעטערבורג, מאָסקווע, כאַרקאָוו, קיעוו, טיפליס א. א. וו. זעען מיט חידוש איינע נאָך דער אַנדערער אויף זייערע גאַסן רייען מיט פיל טויזנטער דעמאָנסטראַנטן. זאָל זיין, אַז נאָך די רוישיקע מאַניפעסטאַציעס קומט אין וועלכער ס'איז שטאָט אַ כלומרשטע שטילקייט, ווי ס'איז געווען היי־יאָר אין אַ סך שטעט דעם 1־טן מאַי. אָבער אַ ביטערן טעות מאַכן די, וואָס זעען אין דעם אַ סימן, אַז די באַוועגונג איז געוואָרן אָפּגעשוואַכט. דאָס באַטייט בלויז, אַז די גוט געפירטע אַרבעטער־אַרמיי האָט זיך פאַרטייעט, כדי אין נייטיקן מאָמענט אַרויסצוטרעטן נאָך מער געשלאָסן, נאָך צאָלרייכער... די באַוועגונג וועט אומאויפהערלעך וואַקסן נישט בלויז צוליב דעם, וואָס זי נעמט אַרום נייע גרופּעס אַרבעטער, נאָר אויך צוליב דעם, וואָס דער פּראָלעטאַריאַט גופא, אַדאַנק דער אַנטוויקלונג פון דער קאַפּיטאַליסטישער פּראָדוקציע, פאַרגרעסערט זיך כסדר אין צאָל, שפּילט אַלץ מער אַ גרעסערע ראָל אין דער גאַנצער געזעלשאַפטלעכער ווירטשאַפט און קאָנצענטרירט זיך אַלץ מער אין די שטעט און פאַבריקן.

אויספאָרמירנדיק זיך אין אַ מעכטיקער רעוואָלוציאָנערער קראַפט אונטער דער פאָן פון דער „רוסלענדער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער אַרבעטער־פּאַרטיי" און אַרויסברענגענדיק פיל מאָל ביי יעדער נייער געלעגנהייט זיינע שטימונגען, איבט אויס דער פּראָלעטאַריאַט, נאַטירלעך, אַ קאָנצענטרירטע וועג־ווייזערישע השפעה אויף אַלע אָפּאָזיציאָנעלע כוחות אין לאַנד, וואָס זיינען פאַרשלאָפן געוואָרן אונטער דער ווירקונג פון פחד, אומגלויבן און פּעסימיזם. די שטראָמען פון די אויפמונטערנדיקע האָפענונגען באַפרייט צו ווערן פון שווערן יאָך דרינגען אַריין אין די אונטערדריקטע און געשטיקטע פעלקער: פּאָליאַקן, פינלענדער, יידן, אַרמענער... אַלץ וואָס איז אינטעליגענט, אַלץ וואָס איז פעאיק צו פילן אונטערדריקונג און האַסן הפקרות — שרייבער, סטודענטן, געזעלשאַפטלעכע טוער און בכלל ליבעראַלן — וועקן זיך אויף. און ווערנדיק פאַרכאַפּט פון פלאַמיקער באַגייסטערונג, זענען זיי גרייט זיך אַריינצוואַרפן אין קאַמף. אַפילו דאָס פויערטום ענדערט זיך אונטער דער פּאָזיטיווער, אויפקלערערישער ווירקונג פון די אַרבעטער, וועלכע ווערן פאַר שטרייקן

און דעמאָנסטראַציעס אַרויסגעשיקט פון די פאַבריק־צענטרען „אַהיים, פון וואַנען מ׳איז געקומען". ביי דער ווירקזאַמער הילף מצד די אַלע גרופּן פון דער באַפעלקערונג, אויסנוצנדיק אַלע געהעריקע קאַמף־מיטלען, ביי דער פולער סימפּאַטיע פון אַלע אָן אויסנאַם מערב־אייראָפּעאישע פעלקער — שטעלט מיט זיך פאָר דער פּראָלעטאַריאַט אַזאַ קראַפט, פאַר וועלכער די זעלבסטהערשנדיקע רעגירונג וועט ווערן אויפגעריסן, ווי אַ קעסל מיט פּאַרע, וואָס ווערט צעזעצט פון איר צו שטאַרקן דרוק.

דאָס איז די גרויסע מיסיע פון אַלרוסלענדישן פּראָלעטאַריאַט, דאָס איז זיין אַלץ מער זיך אויסקריסטאַליזירנדיקע ראָל. די געשעענישן אין די חדשים פעברואַר און מערץ פון דעם יאָר, ווען ס׳האָבן אַזוי ענג זיך צוזאַמענגעשמאָלצן אין איין איינהייטלעכן פּראָטעסט די אַרבעטער, סטודענטן, שרייבער און פיל פון סתם עולם; בעת די רוישיקע גאַסן־דעמאָנסטראַציעס, פּאַראיינצלטע טעראָריסטישע אַקטן און הויכקלינגענדיקע פּראָטעסטן פון די שרייבער האָבן זיך צוזאַמענגעמישט און געשאַפן איין גראַנדיעז בילד, אַן אויפרייס פון ברויזנדיקן כעס און אָנגעזאַמלטע כוחות — דאָס אַלץ איז דער בעסטער באַווייז פון דער רעוואָלוציאָנערער ווירקונג, וואָס עס איבט אויס די זיך אַנטוויקלענדיקע אַרבעטער־באַוועגונג. די סימפּאַטיע צו איר מצד די אינטעליגענטע קרייזן וואַקסט שנעל און אינטענסיוו.

אָבער אין שייכות צו דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג, האָט איר רעוואָלוציאָניזם, ווי מיר האָבן שוין פריער דערמאָנט, אין דער סביבה פון דער יידישער בורזשואַזיע און פּאָרשטייער פון די פרייע פּראָפעסיעס אויפגעוועקט נישט סימפּאַטיע, נאָר אַ פּאַנישע שרעק. ווי אַן אונטערדריקטע נאַציאָנאַליטעט, זיינען יידישע מענטשן באַהערשט פון אַן אָפּאָזיציאָנעלן גייסט און זיי פרייען זיך מיט די דערפאָלגן פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער באַוועגונג אין רוסלאַנד, אָבער פאַר יידן אָנערקענען זיי נישט די רעכט צו זיין רעוואָלוציאָנערן: „פון זיי קומען אַלע צרות, וואָס האָגלען אויפן יידישן פאָלק אין רוסלאַנד". זיי שטעלן זיך פאָר, אַז די גאַנצע אַנטיסעמיטישע פּאָליטיק פון אַלעקסאַנדער דעם דריטן איז געקומען ווי אַ נקמה פאַר דעם, וואָס צווישן די טעראָריסטן זיינען געווען עטלעכע יידן! ווייטער זיינען זיי איבערצייגט, אַז די איצטיקע יידישע אַרבעטער־באַוועגונג וועט גורם זיין נייע, נאָך גרעסערע רדיפות אויפן יידישן פאָלק, און זיי באַמיען זיך דעריבער מיט אַלע כוחות פון איר זיך אָפּצוגרענעצן. די מיטלאַלטערלעכע רדיפות, די דערדריקטקייט און הכנעהדיקייט האָבן איבערגעלאָזט טיפע שפּורן אויף דער וועלט־אָנשויאונג און כאַראַקטער פון די דאָזיקע הערן. און עד־היום דאַרף עס, לויט זייער מיינונג, נישט זיין דעם „יידס דאגה". דער ייד דאַרף זיין שטילער פון וואַסער און נידריקער פון גראָז. וואָס ער דאַרף יאָ טון איז — חנפענען, אַנטקעגן קומען, בוקן זיך און בעטן... אויף

אַזאַ אופן האָפן זיי ווען ס׳איז צו באַקומען רעכט. אָבער אין די איצ־טיקע צייטן — אין דער עפּאָכע פון ליידנשאַפטלעכן קאַמף פון פאַר־שידנאַרטיקע אינטערעסן, פון פאַרביסענער קאָנקורענץ און שטרעבונ־גען צו אָרגאַניזירן זיך — אויב מ׳האָט פאַר עפּעס דרך־ארץ און מ׳רעכנט זיך מיט דעם, איז בלויז קראַפט. און יענער, וואָס בעט און אַפּעלירט צום געפיל, בעטלט גערעכטיקייט, ריזיקירט שטענדיק צו בלייבן מיט גאָרנישט. און, פאַרשטייט זיך, נישט דער רעוואָלוציאָניזם פון יחידים אָדער קלאַסן ביי יידן האָט גורם געווען די רדיפות אויפן יידישן פאָלק, נאָר פאַרקערט, די אונטערדריקונגען האָבן אַנטוויקלט דעם רעוואָ־לוציאָניזם.

די אומזיניקע באַשולדיקונג אין צוגרייטן דעם אומקום פון עם־ישראל, דאָס איז אַן אָפּטער, אָבער ווייט נישט דער איינציקער פאַר־וואורף, וואָס ווערט געמאַכט דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג, בפרט דעם בונד. יעדע פון די אינטעליגענטישע יידישע גרופּן, וואָס זיינען צווישן זיך קעגנזעצלעך אין זייערע שטרעמונגען און וועלט־אַנשוי־אונגען, רוקן אַרויס קעגן אים באַזונדערע באַשולדיקונגען. די ציוניסטן, וואָס חלומען צו דערגרייכן אַ „געזעצלעכן מקום־מיקלט״ אין פּאַ־לעסטינע, זעען אין די יידישע סאָציאַל־דעמאָקראַטן, פּולשטענדיק גע־רעכט, זייערע אומבאַדינגטע קעגנער, וואָס האָבן נישט מיט זיי קיין שום באַרירונג־פּונקטן. זייערע בליקן זיינען געווענדט אין דער וויית־קייט, אין מזרח, וואו זיי טרוימען ווען ס׳איז צונויפצונעמען יידן, וואָס זיינען צעשפּרייט איבער דער גאַנצער וועלט; מיר אָבער ווענדן אונזער אויפמערקזאַמקייט צום באָדן, וואוהין ס׳האָט אונז פאַרוואָרפן דער היסטאָרישער גורל און וואו אונז, ווי אַ מאַסע, וועט אויס־קומען צו בלייבן אויף שטענדיק. אין דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט פילן זיי זיך, ווי אַ פיש אין וואַסער, און האָבן בדעה אַלע אירע חנ׳ען אַריבערצופירן קיין פּאַלעסטינע; מיר אָבער מאַטערן זיך אונטער איר יאָך און שטרעבן זי צו פאַרבייטן מיט אַ סאָ־ציאַליסטישער געזעלשאַפט. זיי זיינען פון קאָפּ ביז די פיס נאַציאָנאַ־ליסטן, וואָס זיינען פאַרנומען מער פון אַלץ מיט דעם, וואָס וועקט אויף און צעבלאָזט נאַציאָנאַליסטישע געפילן, זיי וואַרפן אָן די העברעאישע שפּראַך, טראַדיציע, קולטור א.א.וו.; מיר, פּראָלעטאַריער, אָנערקע־נענדיק צוזאַמען מיט אַלע סאָציאַל־דעמאָקראַטן, אַז יעדע נאַציאָנאַלי־טעט, יעדער שבט האָט רעכט צו אַנטוויקלען זיין קולטור, לשון א.א.וו., אַז עס דאַרף נישט זיין אַפילו אַ שאָטן פון אונטערדריקונג מצד איין נאַציאָנאַליטעט לגבי אַ צווייטער, האַלטן מיר זיך דאָך ביי דער מיי־נונג, אַז בלויז די אַנטוויקלונג פון פּאָליטישן און קלאַסן־באַוואוסטזיין קען אונז ראַטעווען פון דער זעלבסטהערשאַפט און פון דער פּאָליטישער אונטערדריקונג און צוזאַמען מיט דעם אויך פון דער נאַציאָנאַלער. דאָס פאַנאַנדערבלאָזן די נאַציאָנאַליסטישע געפילן קען נישט זיין אַ

טייל פון אונזערע אויפגאַבן. פאַרקערט, דאָס איז פאַר אונז פשוט שעד־לעך. דער פּרינציפּ: „פּראָלעטאַריער פון אַלע לענדער, פאַראייניקט אייך!“ בינדט זיך בכלל נישט מיט דער מגידות פון שמאָלן נאַציאָנאַ־ליזם, מיטן נאַציאָנאַלן אתה בחרתניזם און אַפילו מיט — צו וואָס עס האָט זיך דערגרעדט איינער פון די קאָריפעען פון ציוניזם, מאַקס נאָר־דאָו — אַ פּריווילעגיע קאַסט! און אַט די צום מערסטן קולטורעלע פון זיי, ציוניסטן־ראַדיקאַלן, ציוניסטן־סאָציאַליסטן, דער עקסטרעם־לינקער פליגל פון דעם פאַרשידנפאַרביקן קאָנגלאָמעראַט, וואָס האָט זיך פאַר־זאַמלט אונטער דער פאָן פון ציוניזם; די אַלע, וואָס אינטערעסירן זיך מיט די פאַרשידענע פּאָליטישע פּאַרטייען, בפרט מיטן בונד, וועלכע וואָגן אַפילו צו לייענען (אין אויסלאַנד) אונזער ליטעראַטור און ציי־טירן זי בעת פּאָלעמיק — זיי אַלע באַוואָרפן דעם בונד מיט אומבאַרעכ־טיקטע טענות. זיי באַשולדיקן אים אין קאָסמאָפּאָליטיזם, אין נישט האָבן קיין אינטערעס אין יידישן פאָלק, אין זיין געשיכטע, טראַדי־ציעס א. א. וו.

פונקט פאַרקערטע באַשולדיקונגען רוקן אַרויס קעגן אונז יענע טיילן פון דער אינטעליגענץ, וואָס זייערע סימפּאַטיעס ציט זיי צו דער „וואָרצלדיקער“ נאַציאָנאַליטעט פון דעם לאַנד, וואו זיי זיינען געבוירן געוואָרן און באַקומען זייער דערציאונג. לעבנדיק אין קאָמפּאַקטע מאַסן אין ליטע, אין קעניגרייך פּוילן, אין דרום־מערב און דרום פון רוס־לאַנד, זיינען די יידן אַרומגערינגלט מיט פאַרשידנאַרטיקע קולטורן: אין פּוילן — מיט דער פּוילישער, אין דרום — מיט דער רוסישער, אין אַנדערע ערטער — מיט אַ געמישטער. אַ באַדייטנדיקער טייל פון דער יידישער אינטעליגענץ זאַפּט אין זיך אַריין די אַרומיקע קולטור, נעמט איבער די בענקענישן, האָפענונגען, סימפּאַטיעס און אַנטיפּאַטיעס פון די אינטעליגענטע שיכטן פון דער „וואָרצלדיקער באַפעלקערונג“, ווערנדיק אָפט „מער ראָיאַליסטיש, ווי דער מלך אַליין“. אין פּוילן, למשל, רופן זיך יידישע אינטעליגענטן „פּאָליאַקן פון משהס גלויבן“. צוזאַמען מיט די עכטע פּאָליאַקן באַציען זיי זיך עקסטרעם־פיינטלעך נישט בלויז צו דער רוסישער רעגירונג און אירע משרתים, וואָס איז, פאַרשטייט זיך, פולשטענדיק באַרעכטיקט, נאָר צו אַלץ, וואָס איז רו־סיש: צום פאָלק, קולטור, שפּראַך... יענער טייל אינטעליגענטן, וועל־כער אינטערעסירט זיך מיט די רעוואָלוציאָנערע באַוועגונגען, זעט אין דער טעטיקייט פון בונד, וואָס שטרעבט צו פאַראייניקן אונטער זיין פאָן אַלע יידישע אַרבעטער פון רוסלאַנד און פּוילן און וואָס גייט אַריין ווי אַן אויטאָנאָמער טייל אין דער רוסלענדער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער אַרבעטער־פּאַרטיי, אַ טענדענץ צוציען די יידישע אַרבעטער פון פּוילן אויף דער זייט פון רוסלאַנד אָדער, לויט זייער נישט־ריכטיקער טער־מינאָלאָגיע, זיי צו רוסיפיצירן. לויט זייער מיינונג דאַרפן די יידישע אַרבעטער פון פּוילן און אַפילו פון ליטע אין זייער רעוואָלוציאָנערער

טעטיקייט אַרויסטרעטן אויסשליסלעך אונטער דער פּוילישער פּאָן.

אין דער זעלבער צייט זענען יידישע אינטעליגענטן, וועלכע לעבן אין די רוסישע גובערניעס און זיינען דורכגעדרונגען מיט דער רוסישער קולטור, אין אויפקום פון בונד אַ שטרעבונג צו געבן דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג אַ באַגרענעצטן נאַציאָנאַלן כאַראַקטער, צוּאייגענען איר יענעם גייסט פון באַזונדערקייט, מיט וועלכן עס לעבט די גאַנצע צייט דאָס יידנטום און האָט איצט די געלעגנהייט מיט אים זיך צעשיידן דורך צוזאַמענגיסן זיך מיטן אינטערנאַציאָנאַלן, סאָציאַל־דעמאָקראַטישן שטראָם.

פאַרשטייט זיך, אַז מ׳דאַרף נישט פאַרלירן קיין סך ווערטער צו באַווייזן, אַז דיביידע באַשולדיקונגען, סיי אין רוסיפיצירונג, סיי אין שמאָלן נאַציאָנאַליזם, זיינען אַבסאָלוט נישט־אמת.

דער בונד איז, אָן שום ספק, אַ נאַציאָנאַלע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציע אין דעם זין, וואָס ער נעמט אַרום אַרבעטער־מאַסן פון איין באַשטימטער נאַציאָנאַליטעט, דהיינו: פון דער יידישער און פאַרטרעט די אינטערעסן קודם־כל פון יידישן פּראָלעטאַריאַט. מיטן זעלבן רעכט קען מען אים דעריבער אָנרופן נאַציאָנאַלע סאָציאַל־דעמאָקראַטיע, ווי מען טוט עס לגבי דער דייטשער, פראַנצויזישער, פּוילישער, רוסישער, אָבער אַזאַ מין „נאַציאָנאַליזם" איז, נאַטירלעך, נישט אין סתירה מיט די פּרינציפּן פון דער אינטערנאַציאָנאַלער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע. די יידישע אַרבעטער־באַוועגונג האָט נישט געקענט צעשווימען ווערן אין די באַוועגונגען פון די אַנדערע נאַציאָנאַליטעטן — אין דער פּוילישער אָדער רוסישער, שוין צוליב דעם אַליין, וואָס דער יידישער פּראָלעטאַריאַט האָט אַן אייגענע פּסיכאָלאָגיע, שפּראַך, טראַדיציע, לעבט אין באַזונדערע יורידישע באַדינגונגען. מחמת דעם האָט ער זיינע ספּעציעלע אויפגאַבן. און די באַזונדערע פאַראייניקטע יידישע אָרגאַניזאַציע איז אַן אומפאַרמיידלעכער תנאי פאַר דער אַנטוויקלונג פון דער אַרבעטער־באַוועגונג. וואָס שייך דער לעכערלעכער באַשולדיקונג אין „רוסיפיצירונג", דאַרף מען אומבאַדינגט געדענקען, אַז דאָס פּוילישע פאָלק איז נישט עפּעס דורכאויס פון איין מין. ווי די אַנדערע נאַציעס, צעפאַלט זיך אויך דאָס פּוילישע פאָלק אויף באַזונדערע קלאַסן מיט פאַרשידענע אינטערעסן און, ווי אַ פּועל־יוצא פון דעם, מיט פאַרשידענע טענדענצן און אידעאַלן. פאַרשטייט זיך, אַז דער יידישער פּראָלעטאַריאַט קען נישט קעמפן פאַר פעאָדאַלע, אַנטיסעמיטישע אידעאַלן פון דער פּוילישער שליאַכטע, פאַר פאַטריאָטיש־נאַציאָנאַליסטישע — קליינבירגערלעכע און קאַפּיטאַליסטישע — פון דער בורזשואַזיע. ער האָט אָבער, אָן ספק, בשותפותדיקע אינטערעסן מיט די פּוילישע אַרבעטער, וועלכע, פּונקט ווי ער, ליידן אויך אונטערן יאָך פון קאַפּיטאַליזם און פון דער זעלבסט־הערשונג. מיט זיי, מיט די פּוילישע אַרבעטער, גייט דער יידישער

פראָלעטאַריאַט האָט אין האַנט ווי אַ פאַרבינדעטער סיי אין קאַמף פאַר די טאָג־טעגלעכע אינטערעסן, סיי אויך פאַר די נאָך ווייטע אידעאַלן. און מחמת דעם, פון שטאַנדפונקט פון פוילישן פּראָלעטאַריאַט איז לע־כערלעך דער געדאַנק, אַז די יידישע אַרבעטער אין פוילן רוסיפיצירן דאָס לאַנד מיטן פאַקט, וואָס זיי געהערן צו אַן אַלגעמיינער יידישער אַרבעטער־אָרגאַניזאַציע.

***

דער בונד שטעלט מיט זיך פאַר אַ גוט־געבויטע אָרגאַניזאַציע, צוגעפּאַסט צו די רוסישע באַדינגונגען. אין דער איצטיקער צייט נעמט ער אַרום די יידישע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס פון די דאָזיקע גרעסערע שטעט צוזאַמען מיט אַ סך שכנותדיקע קלענערע שטעט און שטעטלעך: לאָדזש, וואַרשע, ביאַליסטאָק, גראָדנע, ווילנע, קאָװנע, מינסק, דווינסק, וויטעבסק, האָמעל, סמאָרגאָן, מאָהילעוו.

אויך דער „פאַראיין פון בערשטער אין ליטע און פוילן" איז אַ טייל פון אים.

אין יעדער פון די דאָזיקע שטעט זיינען פאַראַן אַ ריי קערפּער־שאַפטן, נידריקע און העכערע, עקאָנאָמישע און פּאָליטישע, וואָס זיי־נען צוועקמעסיק געבויט און צוזאַמענקאָמבינירט, אַנטשפּרעכנדיק די אָרטיקע באַדינגונגען. בראש פון דעם אַלעם שטייט דער סאָציאַל־דע־מאָקראַטישער קאָמיטעט. דער קאָמיטעט פירט אָן מיט דער באַוועג־גונג, גיט אַרויס מיט זיין אונטערשריפט די אָרטיקע ליטעראַטור, און גלייכצייטיק, דורך די פאַרשטייער, וואָס ער שיקט אויף די צוזאַמענ־פאָרן פון בונד, באַטייליקט ער זיך אין דער אָנפירונג פון דער גאַנצער יידישע באַוועגונג. אַ צוזאַמענפאָר איז די העכסטע געזעצגעבנדיקע, קאָנטראָלירנדיקע און אַפּעלאַציע־אינסטאַנץ. דאָרט איז מען זיך מישב וועגן אַלע וויכטיקערע לעבנס־פראַגן פון דער אַרבעטער־באַוועגונג, דאָרט הערט מען אויס באַריכטן, דאָרט ווילט מען אויס דעם צענטראַל־קאָמיטעט.

דער צענטראַל־קאָמיטעט איז בעיקר אַן אויספיר־אָרגאַן. צו זיינע דירעקטע פליכטן געהערן: אַרויסגעבן דעם צענטראַל־אָרגאַן די אַר־בייטער־שטימע (ס׳זיינען אַרויס 24 נומערן), די השגחה איבער די דרוי־קערייען פון בונד, איבער דעם אַריבערפירן די ליטעראַטור און דער צוועקמעסיקער פאַנאַנדערטיילונג פון די טוער. ער דאַרף מיט פּראָקלאַ־מאַציעס רעאַגירן אויף אַלע געשעענישן, וואָס זיינען וויכטיק פאַר דער אַרבעטער־באַוועגונג, רופן צוזאַמענפאָרן א.א.וו.. דער פּרינציפּ פון דע־מאָקראַטיזם, אויף וויפל ער ווערט נישט באַגרענעצט צוליב די אומ־פאַרמיידלעכע באַדינגונגען פון קאַמף און די נויטוענדיקייטן פון קאָנ־ספּיראַציע, ווערט דורכגעפירט אין אַלע קערפּערשאַפטן. די פאַרטיי־דיסציפּלין באַשטייט נישט אין פאָלגן פערזאָנען, נאָר זיין אין הסכם

מיט די פרינציפן און באַשלוסן, וואָס די צוזאַמענפאָרן האָבן אָנגענומען.

אין צוזאַמענשטעל פון בונד געהערט אויך דער אויסלענדישער קאָמיטעט, וואָס איז זיין פאָרשטייער אין אויסלאַנד, דער רעדאַקטאָר־אַרויסגעבער פון וויסנשאַפטלעכן פּאַרטיי־אָרגאַן דער אידישער אַרבייטער (אַרויס 12 נומערן) און פירט אויס אַ סך אַנדערע וויכטיקע פונקציעס.

דער בונד גייט אַריין, ווי אַן אויטאָנאָמער טייל, אין צוזאַמענשטעל פון דער רוסלענדער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער אַרבעטער־פּאַרטיי.

אַחוץ די דערמאָנטע צוויי הויפּט־אָרגאַנען, גיט דער בונד אַרויס פיל אָרטיקע. כמעט יעדע שטאָט האָט זיך פאַרזאָרגט מיט אַן אייגענעם אָרגאַן, ווייל די צענטראַלע אָרגאַנען זיינען באַשטימט פאַר אַ מער אַנטוויקלטן לייענער. פאַר די ווייניקער באַוואוסטזיניקע איז נייטיק אַן אַנדערע צייטשריפט, אַ מער פּאָפּולערע און מער צוגעפּאַסטע צו די אָרטיקע באַדינגונגען און אינטערעסן. דאָס איז די רשימה פון די בונדישע אָרטיקע אָרגאַנען:

אין וואַרשע: דער וואַרשאַווער אַרבייטער, אַרויס 8 נומערן.

אין ביאַליסטאָק: דער ביאַליסטאָקער אַרבייטער, אַרויס 5 נומערן, פלוג־בלעטלעך, 2 נומערן.

אין ווילנע: דער קלאַססען־קאַמפף, אַרויס 4 נומערן.

אין מינסק: דער מינסקער אַרבייטער, אַרויס 3 נומערן. פלוג־בלעטלעך, אַרויס 3 נומערן.

אין האָמעל: דער קאַמפף, אַרויס 3 נומערן.

אין גראָדנע: פאַבריקס־פלוג בלעטל, אַרויס 1 נומער.

דער אָרגאַן פון די בערשטער: דער וועקער, אַרויס 10 נומערן.

אַגיטאַטאָרישע און פּראָפּאַגאַנדיסטישע בראָשורן אין דער יידישער שפּראַך זיינען אַרויס 27 (9 זיינען געדרוקט געוואָרן אין רוסלאַנד).

סך־הכל זיינען אין דער לעצטער צייט אַרויס 11,000 עקזעמפּלאַרן פון אָרטיקע אָרגאַנען, 11,500 עקזעמפּלאַרן פון די אַרבייטער־שטימע און 38,525 עקזעמפּלאַרן פּראָקלאַמאַציעס. אַלע זיינען געדרוקט געוואָרן אין רוסלאַנד*).

---

* פון דער צייט, ווען ס׳איז אַרויס די ערשטע אויסגאַבע פון „אויפרוף צו דער יידישער אינטעליגענץ”, זיינען די אָנגעגעבענע ידיעות וועגן דער אָרגאַניזאַציע און ליטעראַטור פון בונד שטאַרק פאַרעלטערט געוואָרן. ס׳איז געשאַפן געוואָרן דער „פעדעראַטיווער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פאַראיין פון גאַרבער” און זיין „יידישע אָפּטיילונג” איז אַריינגעטרעטן אין בונד, ווי אַן אויטאָנאָמער טייל; ס׳איז אַנטשטאַנען דער פאַראיין פון האַנדל־אָנגעשטעלטע; דער בונד האָט אויסגעשפּרייט זיין טעטיקייט אויף דרום־מערב רוסלאַנד, וואו ס׳זיינען אין טייל שטעט געשאַפן געוואָרן בונדישע אָרגאַניזאַציעס (בערדיטשעוו, זשיטאָמיר). ווייטער:

די אַרבייטער־שטימע — — אַרויס 30 נומערן.

דער אידישער אַרבייטער — — — 14 ”

גרויס און פֿאַרשידנאַרטיק זײַנען איצט די אויפֿגאַבן פֿון דער ייִדי־שער אַרבעטער־באַוועגונג, זי האָט דערגרייכט אומגעהויערע דערפֿאָלגן. מיט צען יאָר צוריק האָט זי זיך פֿאַרקערפּערט סך־הכּל אין עטלעכע פּראָפּאַגאַנדיסטישע קרײַזלעך אין ווילנע — איצט האָט זי זיך אויס־געברייטערט אויף אַ ריזיקן שטח און איז געוואָרן אַן ערנסטער סאָ־ציאַלער פֿאַקטאָר. זי האָט שוין צו פֿאַרצייכענען אירע השפּעות און איר פּאָזיטיווער אײַנפֿלוס ווערט כּסדר פֿאַרשידנאַרטיקער, אינטענסיווער, טי־פֿער. קודם־כּל האָט זי באַדייטנדיק פֿאַרבעסערט די אַרבעט־באַדינגונ־גען. דער אַרבעט־טאָג, וואָס האָט פֿריער אומעטום איבערגעשטיגן — און אַפֿילו איצט אין פֿאַכן און שטעט וואָס זײַנען נישט באַרירט גע־וואָרן פֿון דער באַוועגונג, האָט עס זיך נאָך נישט געענדערט — 15, 16 און מער שעה, האַלט זיך איצט אויף דער הויך פֿון 12 שעה (10 אָדער 10 און אַ האַלבע אַרבעט־שעה). דער אַרבעט־לוין איז באַדייטנ־דיק געהעכערט געוואָרן, די באַציאונג פֿון די באַלעבאַטים האָט ראַ־דיקאַל זיך פֿאַרבעסערט. מיסברויכן, שטראָפֿן, זידלערייען און אַוודאי דאָס באַנוצן די פֿויסטן זײַנען געוואָרן זאַכן פֿון דער לעגענדאַרער פֿאַר־גאַנגענהייט. פֿון אַ צווײַ־פֿיסיקער בהמה און אַ לעבעדיקן אינסטרומענט האָט דער אַרבעטער זיך פֿאַרוואַנדלט אין אַ מענטש.

אין אים גופֿא, אין זײַן פּסיכאָלאָגיע, אין זײַנע גלויבונגען, וועלט־אַנשויאונג, געוואוינהייטן האָט די באַוועגונג אײַנגעקריצט טיפֿע שטריכן. אין אים ווערן נעלם דער רעליגיעזער פֿאַנאַטיזם, די פּאַראורטיילן, דאָס אַבערגלויבישע בוקן זיך צו ריטואַלן. מיט גרויס שרעק זעען די בור־זשואַזיע און די כּלי־קודש, ווי דער ייִדישער אַרבעטער גייט ווייניק אין די בתּי־תּפֿילות, ווײַזט אַרויס ווייניק דרך־ארץ פֿאַר די רבנים און מגי־דים און אַפֿילו — אַן אומדערהערטע, אומגלויבלעכע מעשׂה! — מישט מילכיקס מיט פֿליישיקס און איז נישט מקפּיד אויף טריפֿות. אַ ראַציאָ־

דער וועקער — — — — — — — — 11 ״
דער וואַרשאַווער אַרבייטער — — 12 ״
דער ביאַליסטאָקער אַרבייטער — — 7 ״
דער מינסקער אַרבייטער — — — 4 ״
מינסקער פּלוג־בלעטל — — — — 5 ״
דער קלאַססען־קאַמפּף — — — — 6 ״

ס'האָבן אָנגעהויבן דערשײַנען נײַע אָרגאַנען: פּרײַהייט־גלאָק (אָרגאַן פֿון לאָ־דזשער קאָמיטעט פֿון בונד) — 4 נומערן, פּלוג־בלעטלעך פֿון די קאָמיטעטן אין דווינסק, קאָוונע, ווילנע; „פּאָסליעדניאַ איזוויעסטיאַ״ (אין אויסלאַנד). בראָשורן אין דער ייִדישער שפּראַך זײַנען דערשינען 49. פֿון זיי האָט מען 11 געדרוקט אין רוס־לאַנד. עס זײַנען רעדשינען אַ צאָל אויסגאַבעס אין רוסיש און פּויליש. לויט נישט פֿולע ידיעות, וואָס זײַנען פֿאַרעפֿנטלעכט געוואָרן אין „פּאָסליעדניאַ איזוויעסטיאַ״, זײַנען במשך דער צײַט פֿון נאָוועמבער 1901 ביז נאָוועמבער 1902 דערשינען 92 פּראָקלאַמאַציעס. 40 פֿון זיי זײַנען אַרויס אין 123,950 עקזעמפּליאַרן (וויפֿיל פֿון די אַנדערע איז נישט באַקאַנט) א. א. ו..

נאַליסטישער בליק אויף רעליגיע שטויסט אַלץ מער אַרויס די אַלטע, פאַרגליווערטע אָנשויאונגען.

דער נאַציאָנאַלער אתה בחרתנו׳איזם און אָפּגעזונדערטקייט, די חשדימדיקע, פיינטלעכע אָדער פאַראַכטנדיקע באַציאונג צו די אַנ־דערע נאַציעס, וואָס האָט ביי יידן זיך אַנטוויקלט במשך יאָרהונדער־טער פון אונטערדריקונג, פאַרשווינדט אַלץ מער אונטער דער השפעה פון דער אַרבעטער־באַוועגונג. די אַרבעטער לערנען זיך אויס צו אונטער־שיידן פריינד פון שונאים, ווי ביי יידן, אַזוי אויך ביי אַנדערע פעלקער. אַנשטאָט דעם פּרינציפּ „כל ישראל חברים״, אַרבעט זיך אויס אַ נייער: „אַלע פּראָלעטאַריער זיינען ברידער״.

אַנשטאָט די גייסטיקע אָפּגעשטאַנענקייט, אַנשטאָט בייגן דעם קאָפּ פאַר דער תלמודישער איבערגעשפּיצטקייט אַנטוויקלט זיך אַ לעבע־דיקע שטרעבונג צו וויסן, צו ליכט, צו בילדונג, אַ דורשט זיך מצרף זיין צו די אוצרות פון אַלמענטשלעכן געדאַנק, געפינען ריכטיקע וויסנ־שאַפטלעכע ענטפערס אויף פיל אויפקומענדיקע פראַגן. אַלע באַאַבאַכ־טער שטעלן פעסט, אַז ס׳איז שטאַרק געשטיגן דער אינטערעס אין דער לעגאַלער זשאַרגאָנישער ליטעראַטור און די אומלעגאַלע אויסגאַבעס קוקט מען אויס מיט דער גרעסטער אומגעדולד און זיי ווערן געלייענט מיט איין אָטעם.

דער גייסטיקער האָריזאָנט פון דער מאַסע האָט זיך באַדייטנדיק פאַרברייטערט. אירע פאַרשטעלונגען זיינען ווייט איבערגעוואַקסן די פריערדיקע נאַיווע, קינדערישע חלומות וועגן משיח, וועלכער וועט אַרויספירן דאָס פאָלק ישראל פון „גלות״ און ער וועט עס אַריינפירן אין צוגעזאָגטן לאַנד. ס׳זיינען אויך נעלם געוואָרן אָן אַ שפור די אַמאָ־ליקע האָפענונגען אויף אַ נייעם „גוטן״ צאַר, וועלכער וועט „ליב האָבן״ יידן. די דאָזיקע פּרימיטיווע באַגריפן זיינען אַרויסגעשטויסן געוואָרן דורך דעם פּאָליטישן און קלאַסן־באַוואוסטזיין, וואָס האָט זיך אַנטוויקלט און אַרויסגערוקט באַשטימטע פּאָליטישע און סאָציאַלע אידעאַלן.

אָבער וואָס ס׳איז צום מערסטן וויכטיק — עס פאַרשווינדן די מיטל־אַלטערלעכע יידישע דערשלאָגנקייט, פּחדנות, געפּאַלנקייט. דער קאַמף אַרבעט אויס אין דער מאַסע דרייסטקייט, געוואַגטקייט, אַ געפיל פון אייגענער ווירדע. דער אינסטינקטיווער ציטער פאַר יעדן פּאָליציאַנט, זשאַנדאַרם אָדער פּראָקוראָר ווערט פאַרביטן דורך דעם שטאָלצן באַ־וואוסטזיין פון אייגענעם כוח. קיין שום ייד, מיט ליבע צו זיין פאָלק, קען נישט אָן באַוואונדערונג און התפּעלות זען ווי אונזערע פּשוטע מיידלעך אויף דער טאַבאַק־פאַבריק פון שערעשעווסקי (אין גראָדנע) אָדער פון יאַנאָווסקי (אין ביאַליסטאָק) האָבן נישט בלויז דרייסט אַרויס־געשטעלט זייערע פאָדערונגען, נאָר האָבן זיך אויך נישט געשראָקן סיי פאַר די דראָונגען פון די באַלעבאַטים, סיי פאַר די פּערספּעקטיוון צו

בלייבן אָן אַרבעט און ברויט. דאָס זעלבע בנוגע זייער נישט שרעקן זיך, ווען אויפן סמך פון דראָענדיקע צירקולאַרן אָדער אָן דעם רייסן זיך אַריין אין זייערע וואוינונגען גראָבע פּאָליציאַנטן און שלעפּן זיי אַוועק אין אַרעסט, וואו די נאַטשאַלסטווע באַמיט זיך מיט ווילדע געשרייען און ניבול־פּה זיי אָפּצושרעקן; נאָך מער, די מיידלעך וואָגן אַפילו פאָדערן צו באַפרייען די אַרעסטירטע „אונטערהעצעריננס".

די יידישע אַרבעטער טרעטן דרייסט אַרויס אין אָפענע דעמאָנסטראַציעס. דער ביישפּיל פון לעצטן 1־טן מאַי דינט אַלס בעסטער באַווייז פון דער מעטאַמאָרפאָזע, וואָס איז פאָרגעקומען אין דער פּסיכאָלאָגיע פון פּראָלעטאַריאַט: נישט געקוקט אויפן ווילדן צירקולאַר פון אינערן־מיניסטער און אויף די אָפּשרעקנדיקע, שטאַרק ווירקנדיקע מיטלען פון דער מאַכט, זיינען דאָך פאָרגעקומען 1־טע מאַי־דעמאָנסטראַציעס אין דווינסק, מינסק, ווילנע, וואַרשע, סמאָרגאָן און האָמעל. די סקאַנדאַליעזע אויפפירונג פון דער פּאָליציי, וואָס מען האָט געדולדיק איבערגעטראָגן אין פריערדיקע צייטן, איז איצט געוואָרן אומדערטרעגלעך, אַדאַנק דעם אַנטוויקלטן געפיל פון דער אייגענער ווירדע. עס ווערן אָפטער די פאַלן פון ענערגישן ווידערשטאַנד און פויסט־געשלעגן מיט דער פּאָליציי. די מערב־אייראָפּעאישע סאָציאַל־דעמאָקראַטן האָבן אָפּגעשאַצט די פאַרדינסטן פון דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג און זייער אַכטונג צום בונד שטייגט מיט יעדן יאָר.

אַלץ, וואָס דער פּראָלעטאַריאַט דערגרייכט, קעמפט ער אויס נישט בלויז פאַר זיך אַליין, נאָר פאַר דער גאַנצער געזעלשאַפט. אַזוי אַלמענטשלעך איז שוין דער כאַראַקטער פון זיינע אידעאַלן, אַזאַ איז די „אייגנאַרטיקע אידייע פון אַרבעטער־קלאַס". אין פולן הסכם מיט דעם, זיינען די ספּעציפישע ענדערונגען, וואָס די יידישע באַוועגונג אין פּראָלעטאַריאַט האָט דורכגעפירט לטובת דעם גאַנצן פאָלק. דער אַנטיסעמיטיזם — די דאָזיקע שטימונג פון די ברייטע קריסטלעכע שיכטן, וואָס איז כלומרשט נישט צום אויסוואָרצלען און איז די סיבה פון פּעסימיזם פון די ציוניסטן, וואָס טרייבט זיי קיין פּאַלעסטינע — פאַרלירט אונטער דער ווירקונג פון דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג איינעם נאָכן אַנדערן פון זיינע באַליבטע פערדלעך. די אויסגעדראָשענע באַשולדיקונג, אַז יידן זיינען דורכאויס אַ פאָלק פון עקספּלואַטאָרן, ווערט באַשיינפּערלעך אָפּגעלייקנט דורך דעם עצם פאַקט פון דער ברייטער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג. די געוויינלעכע קלאָגערייען וועגן דער שעדלעכער, געפערלעכער פאַר דער ציוויליזירטער וועלט ייד־אחתדיקייט, „קהלישקייט" פון די יידן דאַרפן פאַרשטומט ווערן פּנים אל פּנים מיט דעם אינטענסיוון קלאַסן־קאַמף אין יידנטום גופא. די געשרייען וועגן פאַנאַטיזם, דאָס חוזק איבער דער יידישער פּחדנות א. א. וו. דאַרף ווערן באַדייטנדיק איינגעהאַלטענער נאָך די אָן אַ שיעור העראָאישע אויסדרוקן און עפּיזאָדן פון דער באַוועגונג.

די יידישע אַרבעטער־באַוועגונג שטייט פאַר דער אינטעליגענץ ווי אַ טיף אינטערעסירנדיקע, אומגעווייגלעך וויכטיקע דערשיינונג. זי ברענגט איר, ווי אויך אַלע אַנדערע קלאַסן, די דערגרייכונג פון אַלץ, וועגן וואָס עס טרוימט די יידישע אינטעליגענץ און וואָס זי וועט קיינמאָל נישט דערגרייכן מיט אייגענע כוחות: דאָס פאַרניכטן די אָן אַ שיעור אַנטי־יידישע אויסנאַם־געזעצן, געבן יידן די רעכט פריי צו באַוועגן זיך אין לאַנד, די פרייהייט אויסצוקלויבן זיך אַ פּראָפעסיע, די פרייהייט זיך צו לערנען און לערנען אַנדערע א.א.וו.. מיטן אַראָפּוואַרפן די זעלבסט־הערשונג וועט קומען די פרייהייט פון פרעסע, פאַרזאַמלונגען, די פרייהייט פון מאַכט, די אומבאַרירלעכקייט פון פערזאָן, דער אָנטייל אין געזעלשאַפטלעכע אינסטיטוציעס. מיט איין וואָרט, דאָס אַלץ, וואָס עס האָט און דאַרף האָבן אַ פרייער, גלייכבאַרעכטיקטער בירגער פון אַ קאָנסטיטוציאָנעלער מלוכה. לסוף, די יידישע אַרבעטער־באַוועגונג איז גורם אַ כסדרדיקע אָפּשוואַכונג פון אַנטיסעמיטיזם און זי וועט אויף שטענדיק אַ סוף מאַכן צו דער אומגליקלעכער „יידן־פראַגע".

צי וועט אונזער אינטעליגענץ ווייטער בלייבן אַ גלייכגילטיקער, קאַלטער און אַפילו פיינטלעכער צושויער פון קאַכעדיקן קאַמף, וואָס קומט פאַר אַרום איר? צי וועט זי אַזוי ווי פריער פחדנותדיק זיך אָפּטרייסלען פון אים מיט הענט און פיס, אַנשטאָט נעמען אין אים אַ שטאַרקן אָנטייל און מיטווירקן אין אים מיט אַלע מעגלעכע מיטלען?

און די שטיצע מצד דער אינטעליגענץ איז דאָך נייטיק תיכף, און די הילף דאַרף זיין אַ גרויסע! צוזאַמען מיטן וואוקס פון דער באַוועגונג וואַקסן אויס אומגעהויער אירע באַדערפעגישן. צוליב דעם פאַרשטאַרקטן פאַרלאַנג צו באַקומען אומלעגאַלע ליטעראַטור, זיינען נייטיק אַנטשפּרעכנדיק גרויסע מיטלען צו קענען עס באַפרידיקן אין אַ גענוגנדיקער מאָס. דער דורשט צו וויסן וואַקסט אָן אויפהער און אינטעליגענטן־לערער זיינען אומבאַדינגט־נייטיק. אַ סך שטרייקן נייטיקן זיך אָפּט אין באַדייטנדיקער געלט־הילף. און ווי הילף־גרייט די אַרבעטער־קאַסעס, די אָרטיקע און פון אַנדערע שטעט, וואָס גיבן אַוועק דאָס לעצטע פון זיך, זאָלן נישט זיין, אָבער זייערע קאַרגע מיטלען זיינען נישט גענוג. די אָן אַ שיעור אַרעסטן און פאַרשיקונגען, ביי די שרעקלעכע באַדינגונגען פון די רוסלענדישע תפיסות מיט די גראָשענדיקע פאַיקעס — דעם געהאַלט וואָס די פאַרשיקטע קעמפער־שטרייקער באַקומען פון דער רעגירונג אויף די לעבנס־באַדערפענישן (אָנדערהאַלבן רובל אַ חודש!) שאַפן אַווירקלעכע נויט פאַר אַ צופלוס פון גרויסע סומעס אין די אָרגאַניזאַציעס פון „רויטן קרייץ", וואָס ווירקן אין די ראַמען פון בונד. ס'זיינען נייטיק טוער און מאַטעריעלע מיטלען!

מיר זיינען פעסט איבערצייגט, אַז בלויז די קנאַפּע באַקאַנטשאַפט מיט דער אַרבעטער־באַוועגונג האָט ביז־איצט גורם געווען די גלייכ־

גילטיקייט און אָפּגעפרעמדקייט פון דער אינטעליגענץ. זאָל־זשע זי זיך באַקענען! זאָל־זשע זי ווירקן און מיטווירקן. מיטהעלפנדיק דער אַר־בעטער־באַוועגונג, גרייט זי צו פאַר זיך גופא גליק און פרייהייט.

מאַי אין יאָר 1901.

(איבערגעזעצט פון רוסישן טעקסט)

## באַמערקונגען פון איבערזעצער

1) סאַנט, אַ פאַרקירצונג פון דער שווייצאַרישער מטבע סאַנטים. הגם די בראָ־שור איז געווען געדרוקט אין ענגלאַנד, איז זי אָבער צום מערסטן פאַרשפרייט גע־וואָרן אין שווייץ, וואו ס׳האָבן שטודירט אַ סך יידישע סטודענטן פון רוסלאַנד.

2) די ערשטע אויסגאַבע איז אַרויס אין 1901 און איר טעקסט איז נישט גע־ענדערט געוואָרן אין די ווייטערדיקע אויסגאַבעס; אין 1903 וואָלט געדאַרפט זיין 6 יאָר.

3) נאָכן דערשיינען פון אויפרוף איז צום נאָמען פון בונד אין רוסלאַנד און פוילן צוגעגעבן געוואָרן ליטע און די ריי פון די דריי לענדער איז געענדערט געוואָרן.

4) דאָס באַצייכענען יידיש ווי זשאַרגאָן איז געווען ווייט פאַרשפּרייט און איז געקומען פון עטלעכע זייטן — פון משכילים, העבראַיסטן, אַסימילאַטאָרן און פון נישט־יידישער פובליציסטיק. שפּעטער איז עס אויך אַריינגעדרונגען אין טייל שיכטן פון פאָלק. ערשט אין צוואַנציקסטן יאָרהונדערט האָבן די יידישיסטן געפירט אַן אויפקלערונג קעגן דעם נישט־פאַסיקן, גרינגשאַצנדיקן נאָמען פאַר דער יידישער שפּראַך. דאָס האָט געהאַט אַ גוטע פעולה.

5) די זעמסטוואָס זיינען געווען געוויילטע ראַטן פון ראַיאָנען און געהאַט אַ באַגרענעצטע קאָמפּעטענץ.

***

דער מחבר פון דעם אויפרוף איז ד״ר פנחס (פאַוועל) ראָזענטאַל (ליטעראַרישער פּסעוודאָנים — פּ. אנמאַן), וועלכער איז אין יענער צייט געווען אַ מיטגליד פון צענטראַל־קאָמיטעט פון בונד. זיין פרוי אַנאַ שרייבט וועגן דעם אויפרוף: „ער איז דער מחבר פון ׳אויפרוף צו דער יידישער אינטעליגענץ׳, וואָס האָט אין זיין צייט געפונען אַ גרויסן אָפּקלאַנג און איז אַרויסגעגעבן געוואָרן אין רוסיש און פויליש״. (די סאָוועט־רוסישע אָקופּאַנטן האָבן אַנאַ ראָזענטאַל אַרעסטירט באַלד נאָכן פאַרנע־מען ווילנע אין יאָר 1939. זי איז אומגעקומען אָדער „ליקווידירט״ געוואָרן אין אַ סאָוועטישער תפיסה).

דער ביבליאָגראַף מ. יעווזעראָוו שרייבט וועגן די דריי אויפלאַגעס פון אויפרוף: 1־טע אויפלאַגע, אַפּריל 1901, געדרוקט אין רוסלאַנד, אין דער וואַרשעווער דרוקעריי פון בונד און „פּעטערבורגער סאַיוז באַרבי״, וואָס דער בונד האָט איינגעאָרדנט אויף גזשיבאָווסקע נומער 11. 2־טע אויפלאַגע — אין זשענעוו (שווייץ), אָקטאָבער 1901. 3־טע אויפלאַגע — אין לאָנדאָן 1903. (די יידישע סאָציאַליסטישע באַוועגונג ביז דער גרינדונג פון „בונד״, ווילנע—פּאַריז 1939).

רוסלענדער סאָציאַל־דעמאָקראַטישע אַרבעטער־פּאַרטיי

# פון צענטראַל־קאָמיטעט

### פון אַלגעמיינעם יידישן אַרבעטער־בונד אין ליטע, פוילן און רוסלאַנד

# אויפרוף

## צו דער יידישער געזעלשאַפט

(אין שייכות מיט די לעצטע באַגרענעצונגען פון די בילדונג־רעכט פון די יידן)

די פרייהייט פון לערנען זיך, די פרייהייט פון אַלזייטיק אַנטוויקלען די אייגענע גייסטיקע כוחות, די פרייהייט פון די עלטערן צו דערציען זייערע קינדער פאַר באַוואוסטזיניקע מענטשן — צי איז עס נישט די רעכט פון יעדן מענטש אין דער ציוויליזירטער געזעלשאַפט! ביי אַלע קולטורעלע פעלקער איז עס אַזוי, אָבער נישט אין צאַרישן רוסלאַנד. ביי אונז נעמט די זעלבסטהערשונג אַלץ אַריין „אונטער איר הויכער האַנט״, אַלץ איז אונטער איר השגחה, אויף אַלץ לייגט זי אַרויף איר יאָך, פון אַלץ שטרעבט זי צו שאַפן אַ געצייג פון אונטערדריקונג און פאַרשקלאַפונג פון פאָלק. אונזער רעגירונג ווייסט אויסגעצייכנט, אַז בילדונג איז ליכט, אַז וויסנשאַפט וועקט דעם באַוואוסטזיין און דעם גייסט פון פראָטעסט קעגן יעדן שקר, באַמיט זי זיך מיט אַלע מיטלען צו לעשן דאָס ליכט און האַלטן דאָס פאָלק ווייט פון אים. די אָנפאַנגשולן, וואָס זענען אַרומגעוויקלט מיט אַ געדיכטער נעץ פון באַגרענעצונגען, צירקולאַרן, פאַרשריפטן א.אַ.וו. זענען אין אַ טרויעריקן מעמד, און אין די מיטלשולן און הויכשולן איז פאַר די „קינדער פון די קעכינס״ אַזוי מעגלעך דורכצוקריכן, ווי פאַר אַ קעמל דורכן לעכל פון אַ נאָדל. און דאָס פאָלק לעבט אין גרויסער אומוויסנקייט און אין שקלאַפישער אָפּהענגיקייט פון פאַרשידענע פאָראורטיילן און אַבערגלויבנס. דערפאַר אָבער טראָגט איבער דאָס פאָלק אָן פּראָטעסט יעדן דרוק, יעדע, אַפילו די סאַמע ווילדסטע, צעלאָזענע הפקרות, מיינענדיק, אַז דאָס אַלץ איז אַ געטלעכע שטראָף פאַר די עבירות פון אייגענעם לעבן!

ווי עס זאָל בכלל נישט זיין באַשווערט דער צוטריט צו בילדונג ביי אונז אין רוסלאַנד, זענען מיר, יידן, געשטעלט געוואָרן אין דעם פּרט אין נאָך ערגערע באַדינגונגען. לגבי אונז, ווי לגבי אַלע אונטערטאַנען פון צאַר, ווענדט מען אָן אַלע אַלגעמיינע סטאַטוּאַרע באַגרענעצונגען

און פאַרבאָטן, אָבער אַחוץ דעם נאָך באַזונדערע, ספּעציעל פאַר אונז באַשטימונגען. די פּראָצענט־נאָרמע — דאָס איז אַן אויסנאַם־געזעץ ספּעציעל קעגן יידן, קעגן זייער שטרעבונג צו בילדונג, צו אויפקלערונג, דאָס איז איינער פון די סאַמע סקאַנדאַליעזע געזעצן. וויפיל צער, וויפיל ליידן, דערנידערונגען און באַליידיקונגען איז גורם דער דאָזיקער „פּראָצענט" דער יידישער אינטעליגענטער געזעלשאַפט, דער יידישער שטודירנדיקער יוגנט פוןביידע געשלעכטער!

איינגעפירט אין די פינצטערע טעג פון דער ממשלה פון אַלעקסאַנדער דעם דריטן און זיינע אָבסקוראַנטישע אונטערשטיצער, אין די טעג ווען ס'האָבן זיך פאַנאַנדערגעבליט דער אַנטיסעמיטיזם און די כלערליי רדיפות אויפן פרייען געדאַנק, האָט דער דאָזיקער עקלהאַפטער געזעץ וועגן באַגרענעצן די צאָל יידן אין די מיטלשולן און הויכשולן דערלעבט און פאַרבליבן אין פולער קראַפט ביז אונזער צייט, ביז דעם 20־טן יאָרהונדערט און האָט גלענצנדיק באַרעכטיקט אַלע האָפענונגען, וואָס מ'האָט אויף אים אַרויפגעלייגט. דער גייסט פון דיסקרימינאַציע און אַנטיסעמיטיזם האָט אונטער זיין פאַרדאַרבנדיקער ווירקונג אויסגעבויט פאַר זיך אַ פעסטע נעסט אין דער מיטלשול און הויכשול. נאָך איידער אַ יידיש קינד טרעט אַריבער די שוועל פון דער שול, באַקומט שוין זיין ריינע, קינדערישע פילבאַרע נשמה איין קלאַפּ נאָכן אַנדערן. מ'גיט אים גראָב, חוצפּהדיק, גרויזאַם צו פילן, אַז ער אונטערשיידט זיך פון די אַנדערע קינדער, אַז ער איז אַנדערש; זיינע קענטענישן ווערן געמאָסטן מיט אַ באַזונדערער מאָס; אויפן פּנים פון עקזאַמינירער וועט דאָס קינד נישט זען אַ פריינדלעכן, אויפמונטערנדיקן שמייכל, נאָר עס וועט באַגעגענען בלויז שטרענגע בליקן פול מיט חשד. און ווי וועט זיין צו יענע, וועמענס עלטערן האָבן נישט באַוויזן אָדער זענען נישט געווען בכוח אָדער זייער געוויסן האָט זיי נישט דערלויבט אונטערצוטראָגן כּאַבאַר דעם דירעקטאָר, אינספּעקטאָר, די לערער, וועלכע האַנדלען אומפאַרשעמט מיט זייער פּאָזיציע און טראָגן אַריין אַ דעמאָראַליזאַציע אין דער אַרומיקער געזעלשאַפט.

נאָך דעם ווי דאָס ייִנגל פאַלט אַריין אין גימנאַזיע אָדער רעאַלשול איז עס ווידער אויסגעשטעלט אויף כלערליי שקרים, אויף סאַמע אויפרעגנדיקע באַציאונגען. אַלע שילער זענען ביי דער שול־נאַטשאַלסטווע „פּאַרדעכטיק", אָבער ספּעציעל די יידישע: זיי שטייען פּשוט „מחוץ דעם געזעץ". זיי רודפט מען כסדר, זיי דערנידעריקט מען און מ'פאַרשעמט, און פאַר דעם קלענסטן חטא טרייבט מען זיי אַרויס אָן רחמנות, און פון יעדן אויפסניי־אַריינגענומענעם ייד זאַמלט זיך אָן ביים דירעקטאָר אַ זיכערע נישט־קליינע הכנסה. און אָט האָט שוין דעם יידישן יוגנטלעכן זיך איינגעגעבן צו באַקומען די מאַטורע און — פאַר אים שפּרינגט ווידער אַרויס דער אומגליקלעכער „פּראָצענט". בעת אַלע

זיינע חברים זענען פריי זיך אויסצוקלייבן די ספעציאַליטעט אָדער פאַקולטעט וואָס זיי געפעלט, זענען פאַר אים פולשטענדיק פאַרמאַכט אַ גאַנצע ריי העכערע לערן־אַנשטאַלטן. און אויב מ'נעמט שוין יאָ אָן יידן, איז זיין אַריינטריט, נישט געקוקט אויף זיינע קענטעניש, גאָר אָפּהענגיק פון „פּראָצענט" אָדער פון „איינזען" פון מיניסטער, ווען מ'דאַרף בעטן, פאַר ווען מ'דאַרף זיך דערנידעריקן. און אַפילו מ'ווערט שוין אַ סטודענט, טאָר ער נישט פאַרגעסן, אַז ער איז אַ ייד: די נאַטשאַלסטווע פון אוניווערזיטעט ווייסט עס אויך גאַנץ גוט, אַזוי ווי די פון גימנאַזיע און זי קען פאַרשאַפן דעם יידישן סטודענט נישט ווייניק באַליידיקונגען און עגמת־נפש.

און אונזער יידישע אינטעליגענטישע געזעלשאַפט, וועלכע נעמט אויף אָן אַ שיעור קלעפּ, וואָס שיטן זיך אויף איר, אַנשטאָט צו זוכן די אמתע סיבה פון איר רעכטלאָזיקייט אין דעם זעלבסטהערשערישן סיסטעם פון דער מלוכה באַפאַלט מיט כעס די „צעבונטעוועטע" יידישע סטודענטן, גלייך ווי מ'וואָלט כלומרשט געקענט ביי די עקזיסטירנדיקע באַדינגונגען אין די אוניווערזיטעטן נישט „בונטעווען" זיך. זייער אָנטייל אין די אומרוען רופט דאָך אַרויס ווייטערדיקע רדיפות מצד דער רעגירונג, בעת מיט הכנעה און שקלאַפישן אָפּאָרטוניזם וואָלט מען געקענט דערגרייכן אַ בעסער מזל.

בעת נאָך דעם שאָס פון קאַרפּאָוויטשן האָבן די פעברואַר־און מערץ־געשעענישן פון דעם יאָר גורם געווען די „באַרמהערציקסטע" פאַראָרדענונג פון גענעראַל וואַנאָווסקי וועגן דער „פאָטערלעכער השגחה" און „שול־רעפאָרמען", זענען די הערצער פון אונזער אינטעליגענץ געוואָרן פול מיט פריידיקע האָפענונגען. וועגן גענעראַל, וועגן זיינע רעפאָרמאַטאָרישע אויפטוען, וועגן זיין „אויפגעקלערטן" מוח (?) און „הומאַניטאַרן" (?) האַרץ האָט מען אַזוי פיל גערעדט — אַלע מעגלעכע באַגרענעצונגען איז מען שוין ביז־איצט בייגעקומען און אַזוי שטאַרק האָט מען געוואָלט וועגן זיי פאַרגעסן, אַז מ'האָט לייכט געגלויבט די מעגלעכקייטן פון קומענדיקע „פאַרלייכטערונגען" פאַר יידן. מחמת דעם איז די אַנטוישונג געווען נאָך ערגער! בלויז קורצזיכטיקע מענטשן האָבן געקענט גלויבן די אויפריכטיקייט פון די צוזאָגן מצד דער רעגירונג. די אמתע כוונות פון דער רעגירונג זענען גיך אַנטפּלעקט געוואָרן און קודם־כל אין שייכות מיט יידן.*)

אין איר באַציאונג צו פרעמדע נאַציאָנאַליטעטן האָט די רעגירונג תמיד אָפּנהערציקער און ווייניקער פאַרדעקט אירע צילן. דער פאַר־

---

* פּיאָטר קאַרפּאָוויטש, אַ סאָציאַל־רעוואָלוציאָנער, איז פאַר רעוואָלוציאָנערער טעטיקייט אויסגעשלאָסן געוואָרן פון מאָסקווער אוניווערזיטעט. אין 1901 האָט ער דערהרגעט דעם בילדונג־מיניסטער באָגאָליעפּאָוו. אויף זיין אָרט אַלס בילדונג־מיניסטער איז באַשטימט געוואָרן גענעראַל וואַנאָווסקי. באַמערקונג פון איבערזעצער.

פאַלגונג פון אַנדערע נאַציאָנאַליטעטן האָט מען שטענדיק געקענט צוגעבן אַ כאַראַקטער פון זאָרג פאַר דער אייגענער נאַציאָנאַליטעט. און ס׳איז דאָך באַוואוסט, אַז „נאַציאָנאַליזם, זעלבסטהערשונג און פראַוואָסלאַוויע״ זענען די גרונט־פרינציפן פון צאַריזם. וואַנאָווסקי האָט זיינע באַגרענעצונג־תקנות קעגן די יידן אויך איינגעהילט אין דער דאָזיקער באַליבטער פאָרמול פון דער רוסישער זעלבסטהערשונג. „איך האָב די אויפגאַבע צו זאָרגן וועגן דער בילדונג פון רוסישן פאָלק, און נישט פון יידישן״ — האָט ער געזאָגט. ס׳איז איבעריק צוצוגעבן, אַז דער גענעראַל האָט צום ווינציקסטן געקלערט און קלערט ווייטער קנאַפ וועגן דער בילדונג פון רוסישן פאָלק, דערפאַר אָבער האָט ער גאָר אייפעריק זיך גענומען צום עסק פון פאַרפינצטערן דאָס יידישע פאָלק. מיט אַ גאַנצער ריי צירקולאַרן האָט ער באַדייטנדיק פאַרקירצט דעם „פראָצענט״ פאַר יידן אין די הויכשולן: אין פעטערבורגער און מאָסקווער אוניווערזיטעטן פון 3 פראָצענט אויף צוויי; אין ריגער בילדונג־ראַיאָן ביז 2 פראָצענט אין ספעציעלע אַנשטאַלטן; אין קיעוו, אָדעס, וואַרשע פון 10 פראָצענט אויף 7; אין די רעשט פון 5 אויף 3. צוזאַמען מיט דעם האָט מען איינגעשטעלט אַ פראָצענט פאַר יידישע שילער, וועלכע ענדיקן פראָגימנאַזיע און גייען איבער אין די ווייטערדיקע קלאַסן פון גימנאַזיע, וואָס איז פריער געווען אָן שום באַגרענעצונג. און אין אַלע מיטלשולן פון די צפון־מערבדיקע פראָווינצן האָט מען דערוויל לחלוטין אָפגעשטעלט דאָס אָננעמען יידישע יינגלעך אין שייכות מיטן רעגולירן די פראָצענט־נאָרמע.

אַזוי זעט אויס די „פאָטערלעכע השגחה״ פון נייעם מיניסטער איבער אונז, יידן!

אָבער, אפשר, וואָלט ביי אַן אַנדערן מיניסטער געווען בעסער? איצט וועט זיך קוים געפינען עמיצער, אַן אָנגעלערנטער פון ביטערער דערפאַרונג, וועלכער זאָל נישט פאַרשטיין, אַז עס קענען היינט נישט זיין קיין אַנדערע מיניסטאָרן, ווי נאָר באָגאָליעפאָווס און וואַנאָווסקיס. מיניסטאָרן זענען די ספיצעס פון איין ריזיקן, שווערוואָגיקן ראָד מיטן נאָמען זעלבסטהערשונג, וואָס קאָלערט זיך איבער דער מאַסע אומגליקלעכע אונטערטאַנען, שטיקט און דריקט זיי, קוועטשט אַרויס פון זיי אַלע זאַפטן און וואַרפט די צעקאַליעטשעטע אַוועק אין אַ זייט, שפאַנענדיק פאָרויס און זוכנדיק נייע און נייע קרבנות. מיר, יידישע סאָציאַלדעמאָקראַטן, וואָס ווייסן דאָס אַלץ און ליידן אויך, ווי אַלע יידן, אונטער דעם דרוק פון די אויסנאַם־געזעצן, דערוואַרטן גאָרנישט פאַר זיך פון די „גוטע״ מיניסטאָרן און די „באַרמהערציקע״ צאַרן. אונזער רעטונג זעען מיר אין אונז גופא, אין אונזער רעוואָלוציאָנערן קאַמף מיט דער זעלבסטהערשונג.

אונזער רעוואָלוציאָנערער אַרבעטער־בונד („בונד״) פאַרנעמט זיך נישט מיט פרעדיקן אוממעגלעכע פאַנטאַזיעס וועגן דערגרייכן אַ „רעכט־

לעך געזיכערטן אַזיל״; ער רופט נישט די יידישע מאַסן צו גיין צום מזרח אין אַזיע, אין אַ „גייסטיקן געטאָ״, אונטער דער ממשלה פון טער־קישן רשע. אונזער פּרינציפּ איז — נישט אַנטלויפן פון שלעכטס, נאָר קעמפן קעגן אים. מיר באַטראַכטן זיך נישט פאַר „פרעמדע״ אין לאַנד, וואו מיר לעבן און ליידן שוין הונדערטער יאָרן. פאַר אַזעלכע האַלטן אונז די רוסישע רעגירונג, יאָ, אויך אונזערע היימישע ציוניסטן, וואָס קריכן פאַרן צאַרישן סצעפּטער און פאַר דער סולטאַנישער פּעסקע און ווילן מאָביליזירן אונזערע פאָלקס־מאַסן קעגן די פאָלקס־מאַסן פון אַנדערע נאַציאָנאַליטעטן, מיט דעם קומען זיי זיך צונויף פולשטענדיק מיט דער רוסישער רעגירונג. די פאָלקס־מאַסן פון אַלע אָן אויסנאַם נאַציאָנאַליטעטן ליידן שרעקלעך אונטער דעם דרוק פון צאַריזם און זיינע משרתים. אויך זיי זענען דערשלאָגן, אָרים און אומעטיק, ווי עס זענען די בני־ישראל. און אויב זיי לאָזן אויס זייער כעס, וואָס איז אין זיי אָנגעזאַמלט געוואָרן במשך יאָרהונדערטער, אויף די פון אַנדערע פעלקער, וועלכע גלייכן זיך אויס מיט זיי אין די צרות, טוען זיי עס טיילוויז אונטער דער דירעקטער ווירקונג פון דער צאַרישער רעגירונג, אָבער בעיקר צוליב טיפער אומוויסנקייט, צוליב זייער אומפּעאיקייט צו אונטערשיידן צווישן פריינד און שונאים. אין דעם איז אויך שולדיק די רעגירונג.

דער באַוואוסטזיניקער קריסטלעכער פּראָלעטאַריאַט גייט האַנט אין האַנט מיטן קעמפנדיקן יידישן. אונזער „בונד״ איז אַ באַשטאַנד־טייל פון דער רוסלענדער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער אַרבעטער־פּאַרטיי. דער געמיינזאַמער קאַמף פון די יידישע און רוסישע אַרבעטער מיט איינע און די זעלבע שונאים פאַר די זעלבע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע צילן רייסט אַרונטער אין סאַמע וואָרצל די מגפה פון אַנטיסעמיטיזם, וואָס עס פאַרזייען די געטרייע צאַרישע דינער, כדי צו פאַרטונקלען דעם פּאָליטישן באַוואוסטזיין פון פּראָלעטאַריאַט און אָוועקשלעפּן פון זיך די סכנה פון דער כסדר שטייגנדיקער רעוואָלוציאָנערער כוואַליע. דער נעבעכדיקער, דערנידעריקטער, באַליידיקטער יידישער אַרבעטער, שטעלנדיק זיך אין אונזערע רייען, באַנעמענדיק די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע לערע, פאַרוואַנדלט זיך אין אַ דרייסטן, מסירת־נפשדיקן קעמפער פאַר זיין באַפרייאונג, וואָס ווייסט נישט סיי פון קיין נאַציאָנאַלן שאָוויניזם, סיי פון נאַציאָנאַלער אָפּגעזונדערטקייט און איז דורכגעדרונגען דורך און דורך מיטן טייערן, הייליקן אָנזאָג פון אונזערע גרויסע לערער: „פּראָלעטאַריער פון אַלע לענדער, פאַראייניקט אייך״.

דער רוסישער זעלבסטהערשונג איז שוין נישט איינמאָל אויסגעקומען צו טרעפן זיך אויף איר וועג מיטן יידישן אַרבעטער־סאָציאַליסט. זי האָט דערזען ווי פעסט ער איז אין זיין איבערצייגונג און אין זיין אומבאַגרענעצטער איבערגעגעבנקייט צו זיינע אידעאַלן, און די

דאָזיקע באַגעגענישן וועלן אַלץ אָפטער און אָפטער זיך איבערחזרן, ביז וואַנען דער עקלהאַפטער מאָנסטער, וואָס איז אַ שאַנדע פאַר דער ציוויליזאַציע, וועט נישט פאַלן אונטער די מעכטיקע קלעפּ פון די „מוסקולאַרע הענט" פון פאַראייניקטן אַלרוסלענדישן פּראָלעטאַריאַט.

ווער־זשע פון אייך, אינטעליגענטע יידישע געזעלשאַפט, איז גלייכגילטיק צו אונזער רעוואָלוציאָנערן קאַמף, די איינציקע און וויכטיקסטע גאַראַנטיע פון אונזער און אייער פרייהייט? ס'איז דאָך אַ חרפּה צו שטיין פונדערווייטנס, פון דער סכנה און שפּעטער אויסנוצן די געשענקטע פּירות! זאָל־זשע יעדער פון אייך צוהעלפן, מיט וואָס ער קען, אונזער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער באַוועגונג! מיט דעם וועט ער דערנענטערן די צייט פון אונזער זיג און צוזאַמען מיט דעם אויך די באַפרייאונג פון די כלערליי עקלהאַפטע, אויפרעגנדיקע און ווילדע אויסנאַם־געזעצן, ווייל אונזער נצחון איז דער נצחון פון פרייהייט איבער באַרבאַריזם, דאָס איז פאַרניכטונג פון יעדן מין אונטערדריקונג אין אַלע מעגלעכע פאָרמען!

מיר זענען פעסט איבערצייגט, אַז אונזער רוף וועט געפינען אַ הייסן אָפּקלאַנג אין האַרץ פון יעדן, ביי וועמען דאָס געפיל פון פרייהייט איז נאָך נישט ענדגילטיק פאַרטויבט געוואָרן, און פון יעדן ווער עס האָט נאָך נישט שלום געמאַכט מיטן גורל פון אַ רעכטלאָזן שקלאַף.

נידער מיט דער זעלבסטהערשונג!

זאָל לעבן די רעוואָלוציאָנערע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע באַוועגונג!

(איבערגעזעצט פון רוסישן טעקסט)

סעפּטעמבער, יאָר 1901.

# זוכצעטל

## 1. נעמען פון מענטשן

### א.


אַבערלענדער מאָריץ ד״ר — 252, 267, 278, 291.
אַבראַמאָוויטש ר. (רפאל ריין) — 178, 193.
אַוונער — 254.
אולמאַן — 210.
אולמאַניס קאַרל — 199, 204, 224.
אונגאַר — 279.
אַזשעך משה (מאָריצי) — 49, 84, 114, 139, 140.
איזביצקי — 158.
אייכעל לאַזער — 137, 139, 140.
איינהאָרן דוד — 64, 67.
אייסוראָוויטש באָריס — 139.
איפּען ווילהעלם — 263, 267, 280.
אַלטער דער שוואַרצער — 178.
אַלטער וויקטאָר — 14, 27, 28, 38, 42, 44, 45, 54, 55, 59, 64, 66, 72, 76, 78, 79, 80, 84, 89, 98, 104, 105, 110, 111, 112, 114, 142, 158, 160.
אַלעקסאַנדראָוויטש איגנאַצי ד״ר — 45, 158.
אַלעקסאַנדראָוויטש מאַקס — 125.
אַלעקסנע — 210.
אַלער לעאָן — 111, 112, 114, 119, 124, 125, 130.
אַלשאַניעצקי לייבל — 110, 119.
אַמבאַראַס בערל — 45, 49, 64, 67, 142.
אַפּמאַן יאַשקע — 116.


### ב.


באַגאַליעפּאָוו מיניסטער — 319, 320.
באַוער אָטאָ — 85, 86, 87.
באַנגערעאַנו — 245.
באַראַז יוסף — 280, 282, 285, 288, 290.
באַרליצקי נאָרבערט — 12.
באַרטעל קאַזשימיעזש — 14.
בוקסבוים נתן — 160.
בורגין הערץ — 178.
בושעוויץ — 211.
בייליס מענדל 194.
בינשטאָק שמואל — 45.
בלאָך ל. — 224.
בלאַנד שיינע פייגל (דינה) — 42.
בלאַנקענשטיין — 192.
בלום אַבראַשאַ — 125.
בלום־ביעליצקאַ ליובע — 125.
בלום לעאָן — 85.
בלום שמואל יונה — 76.
בליט לוציאַן — 42, 110, 111, 113, 119, 124, 125, 139.
בערז בתיה — 221.
בערז יצחק — 201, 211, 219, 221, 224.
בערמאַן לייבעטשקע — 181.
בערמאַן רוטע — 129.
בערנשטיין אסתר ד״ר — 280.
בערקאָוויטש שמואל ד״ר — 110.
בראָדערזאָן משה — 115.
בראַון אַברהם — 197, 209, 210, 211, 212, 213.
בראס יעקב ד״ר — 71, 90.
ברוידא לעוו — 178.
ברוין ישראל — 221, 224.
ברוינשטיין — 235.
ברוקענטאַל — 287.
ברייטשייד רודאָלף — 85.
ברינינג היינריך — 86, 88.


### ג.


גאַידאַטש רודאָלף — 249, 276.
גאָלדבלאַט (גרשון) — 178.
גאָלדבערג איסר — 38, 42, 64, 69.
גאָלדבערג יודל — 254.
גאָלדבערג משה — 130. —
גאָלדשטיין בערנאַרד — 139, 140.
גאָלדשטיין רבקה — 130.
גאַנערקאַ יוזעף — 159.
גוטגאָלד יוסף — 125.
גוטערמאַן — 96.
גוטערמאַן פּרץ — 125.
גיליגיטש יוסף — 221.
גילינסקי ש. — 38, 45.
גילישענסקי הערץ — 254, 258, 262,

263, 267, 279, 280, 285, 287, 290,
291.
גלאַגאָווסקי זוסקע — 125.
גלאַסבערג — 254.
גלייזער — 290.
גלינבערג ד"ר — 290.
געלבראַן מאָריס — 137, 139, 140..
געלער לעאָן — 234, 235, 243, 272,
273.
געלערטער ליטמאַן — 234, 235, 236,
240, 243, 273, 280.
גראָס יאַנעק — 125.
גראָסער בראָניסלאַוו — 198.
גרובין שלמה — 221.
גרושקאַ יאַנקל — 112, 130.
גריגאָראָוויטש געאָרג — 249, 274, 278,
290.
גרינבוים יצחק — 125.
גרינוואַלד שיע — 116, 141.

## ד.

דאַנסקאַי מ. — 221.
דאַנקנער — 280.
דובין מרדכי — 214.
דיאַמאַנד הערמאַן — 80, 104.
דיבוב סטאַניסלאַוו — 114.
דריבין מ. — 224.
דרימער מ. ד"ר — 254, 285, 290.

## ה.

האָדעס לייוויק — 38, 42, 129, 131,
134.
האַלפּערן לאה — 129.
האַלפּערן יחיאל — 141.
האַמער ע. — 254, 277.
האַקע ווילי — 111, 131, 133.
האַרטמאַן — 254.
הויסמאַנס קאַמיל — 85
הורוויטש ברוך בצלאל — 183.
הילער יעקב — 137, 140.
הימעלפאַרב הערשל — 45, 116, 142.
הירשביין העניך — 42.
העלמאַן יעקב ד"ר — 211.
הערץ יעקב שלום (ש—ם) — 38, 64,
66, 84, 110, 119, 124, 125.
הערש פסח ליבמאַן פּראָפעסאָר — 104,
105.

## וו.

וואַגנער עדי — 266.
וואַגנער ק. ד"ר — 254.
וואַיטשעכאָווסקי סטאַניסלאַוו — 13.
וואַלט אברהם (א. ליעסין) — 192.
וואַלקאָוו משה — 114.
וואַלקאָוויטש פנחס — 125.
וואַנאָווסקי גענעראַל — 319, 320.
וואַסער מאיר (ת. ראַפּאַלאָוויטש) — 38,
45, 49, 64, 68, 71, 75.
וואַפּנער קלמן אינזשיניער — 111, 125,
131, 134.
וואַקס יעקב — 42, 49.
וויזעל אייזיק — 254, 261, 275, 290.
וויטאָס ווינצענטי — 12.
וויינבערג הערש — 139.
וויינער אַבראַשע — 42, 64, 69, 110,
119.
ווייצמאַן בעניעק — 125.
וויעליקאָווסקי יוליאַן — 129.
וועלס אָטאָ — 86, 87.
וועסמאַן — 211.
וועצקאַלנס — 211.
וועקסלער מאַקס — 234, 235, 236,
243.

## ז.

זאַכאַרעוויטש שמעון ד"ר — 201, 204,
205, 221.
זאַלצמאַן גרשון — 129.
זאַקס — 181.
זאַרעמבאַ זיגמונט — 70.
זדאַנאָווסקי אַנטאָני — 104.
זדאַנאָוויטש — 140.
זוסמאַן שלמה — 45.
זיבערט גרשון — 45, 84, 101, 104,
148, 158.
זיגעלבוים שמואל מרדכי (ז. אַרטור) —
38, 42, 44, 45, 49, 56, 59, 72, 148,
158.
זייד ישראל — 139, 140.
זילבערמאַן אַלבערט ד"ר — 249, 253,
267.
זימער — 254.
זינרייך — 254.
זיסער — 254.
זעליק — 211.

זעליקאָוויטש בערל (משה גוטמאַן) — 101
זעליקמאַן א. — 224.
זעלמאַנאָוויטש אפרים לוזער — 26, 42, 71, 76, 84, 158.
זרבבל — 158, 159.
זשולאַווסקי זיגמונט — 104, 114.
זשעלעזניקאָוו י. — 38, 72, 143.
זשעלעכאָווער הערשל — 139.
זשעמיענצקי בראָניסלאַוו — 12, 70.

## ח.

חיימאָוויטש מאָריס — 234, 235, 243.

## ט.

טאַנקלי י. — 224.
טשאַפּינסקי קאַזשימיערזש — 111.
טוירע — 278.
טראַפּער נתן — 252, 261, 275, 277, 279, 285, 286.
טראַפּער שמואל — 254, 267.
טשאַרני־וולאַדעק ברוך — 263.

## י.

יאַוואָראָווסקאַ גוטקע — 125.
יאַוואָרסקי — 278.
יאַנאָווסקי — 313.
יאַנעס עלקע — 131.
יאַסני א. וו. (א. וואָלף) — 38, 45.
יאַעלסאָן שרה — 139.
יאַשונסקי גרישע — 114
יעפּרויקין זלמן — 208, 221.

## כּ

כתבן מאַרקוס — 249, 250, 258, 261, 267, 275, 277, 279, 282, 285, 286, 287, 290, 291.
כתבן שרה — 249, 254, 264, 267, 277, 279, 285, 290, 291.

## כ.

כאַנין נחום — 112.
כאַרלאַש יצחק 221, 222, 224.

## ל.

לאַטהען דזשאָרדזש — 85.
לאַנדשטרעם ד. — 123.
לאַצקי פּיליפּ — 204, 211.
לי אַלדזשערנאָן — 85.
ליבקנעכט טעאָדאָר — 71.
ליוושיץ בעניעק — 121.
ליטעווקאַ יואל — 125.
ליכטענשטיין א. ד״ר — 140.
ליכטענשטיין זלמן (סאַלעק) — 38.
ליכטענשטיין ישראל — 26, 28, 38, 45, 70, 84.
ליסקאָווסקי דוד — 84.
ליפּאָווסקי ישעיה ד״ר — 110, 119.
ליפשיץ יוסף (באָסאַק י.) — 38, 141.
ליפשיץ יוסף (יאַשקע) — 42, 110, 111, 114, 125, 130.
לעדערמאַן משה — 142.
לעווין חייקע — 130.
לעווין לייזער — 141.
לעווין־שאַצקעס יצחק — 221, 224.
לעווענבערג וויליאַם — 221.
לעשטשינסקי יוסף (י. כמורנער) — 38, 42, 43, 44, 57, 64, 68, 71, 76, 110.
לעקערט הירש — 113.

## מ.

מאַלינאָווסקי ראָמאַן — 194.
מאַנדעלבוים — 141.
מאַסקאָוויטש י. מ. — 280, 285.
מאַרגאַליס אַלעקסאַנדער ד״ר — 26, 38, 64, 67, 72, 143.
מאַרצון — 237, 245, 246.
מאַרק יודל — 208.
מאַרק מענדל — 220.
מאַרקאָוויטש איליאַ — 273.
מאַרקס קאַרל — 264.
מאַשטשיצקי איגנאַצי — 14.
מולינקע דער שלאָסער — 188.
מייזל נח ד״ר — 221, 224.
מייער מאַניע — 84.
מייקסין ה. — 114, 224.
מייקסין פּרץ — 224.
מיכאַלעוויטש ב. (יוסף איזביצקי) — 14, 50, 160, 188, 193.
מיכלסאָן ש. — 224.
מילגרוים ישראל — 125.
מינץ פּאַוול פּראָפעסאָר — 204.
מילמאַן שמואל — 158.

מילער — 158.
מילער חיים — 130.
מינצער ז. — 114.
מלאַטעק יאָסל — 114, 130.
מלינעק הערש — 139.
מעדעם וולאַדימיר — 50, 264, 292.
מעלמאַן ש. — 131.
מענדעלסאָן שלמה — 111, 114, 285.
מענדעלסונד הענעך — 130, 131.
מעקסטאָן דזשיימס — 86, 87.
מערקין אַבע משה — 142.
מערלינג — 254.

נ.

נאַדעזשדע יאָאַן — 233, 235, 237.
נאָדעל — 197.
נאָוואָגרודסקי סאָניע — 129.
נאָוואָגרודסקי עמנואל (ע. מוס) — 14, 20, 23, 38, 41, 48, 71, 84, 89, 90, 110, 111, 112, 158.
נאַטקאָווסקי שלמה אינזשיניער — 139, 140.
נאַכימסאָן מיראָן ד״ר — 194.
נאָרדוי מאַקס — 308.
נוטקעוויטש סערגיי — 125, 139, 140.
נויערמאַן אברהם — 142.
נח (יקותיאל פּאַרטנעי) — 38, 39, 64, 65, 70, 84, 112, 113, 130, 158, 178.
ניימאַרק דוד (אריה) — 141.
ניישלאָס יצחק — 221.
ניעדזשאַלקאָווסקי מיעטשיסלאַוו — 39, 87, 142.
נעדראָ — 204.
נעני פּיעטראָ — 85.

ס.

סטאָלאַר אַבראַם — 49, 129.
סטאַלין י. — 52, 77.
סאָלניק שמחה — 142.
סאָכאַצקי יעזשי — 159.
סטענקאָ (שטיין) ד״ר — 231, 237, 238.
סוקמאַן — 140.
סקזשינסקי אַלעקסאַנדער — 12.

ע.

עבנער מאיר ד״ר — 250.
עדעלשטיין דוד — 139.
עלקישיק אייזיק ד״ר — 221.
ענגעל — 254
ענגעלס פרידריך — 264.
ערליך אַלעקסאַנדער — 125.
ערליך הענריק — 14, 27, 38, 42, 43, 44, 54, 56, 57, 64, 66, 70, 71, 72, 76, 78, 84, 86, 87, 110, 111, 115, 125, 133, 143, 160, 161, 285.
ערליך שאַשקע — 125, 130.

פּ.

פּאַוו שלמה — 125.
פּאַול ערנסט — 113, 114.
פּאָזנאַנסקי חיים לייב — 26.
פּאַט יעקב — 27, 28, 129, 133, 134.
פּאַט עמנואל ד״ר — 125, 130, 131, 134.
פּאָליש — 191.
פּאָסאַלסקאַ פּאַלאַ — 140.
פּאַפּירמייסטער מ. — 200, 226.
פּיזשיץ חיים ד״ר — 84, 101, 103, 112, 137, 139, 140.
פּילסודסקי יוזעף — 12, 13, 14, 15, 19, 26, 44, 122, 164.
פּינקע — 178.
פּיסטינער יעקב ד״ר — 248, 249, 250, 252, 253, 254, 256, 258, 264, 269, 270, 271, 272, 273, 274, 275, 277, 278, 279, 280, 281, 282, 283, 284, 285, 286.
פּלודערמאַכער גרשון — 178.
פּלוצעס — 192.
פּלעכאַנאָוו געאָרגי — 304.
פּעטראָוויץ א. — 185.
פּערגאַמענט ירחמיאל — 72.
פּערלמוטער וואָלף — 254, 282, 290.
פּראַוס זאָפּיאַ — 104.
פּרייס וואַצלאַוו — 158.

פֿ.

פֿאַסט משה — 254, 273, 280, 282, 285.
פֿיינער לעאָן ד״ר (על־נער) — 38, 64, 68, 137, 139, 140.
פֿייערבערג — 254.
פֿינק י. — 158.
פֿיקשינעסקו — 245.
פֿירוואַסער — 141.
פֿישמאַן לייב — 211.

פעדערמאַן רפאל — 158.
פענעסטער — 237.
פענער בראַקוויי א. — 89.
פרידמאַן בערל ד"ר — 249, 254, 256, 261, 262, 275, 276, 277, 279, 280, 282, 285, 290.
פרידמאַן ישראל — 192.
פרידמאַן לייבל — 137, 140.
פרידריך זלמן — 139, 140.
פריידבערג אַבע — 221.
פרימו ק. — 246.

## צ.

צאַלקאַוויטש — 158.
צוקערמאַן — 277.
צעלעמענסקי יעקב — 112.
צעלענס — 211.
צעפּליכאַל — 278.
צערבע עמיל — 159.

## ק.

קאָהן קאַרל — 263, 280.
קאַוטסקי קאַרל — 264.
קאַזדאַן חיים שלמה — 129, 131.
קאַלנין פּאַול — 178.
קאַן — 224.
קאַן לודוויג — 115.
קאָסאַווסקי וולאַדימיר — 38, 64, 65, 70, 76.
קאַפּיטולקאַ טאַמאַש — 159.
קאַרפּאַוויטש פּיאַטר — 319.
קאַשטענבוים ש. — 38.
קוזאַ־גאַגאַ — 264.
קוזאַ פּראָפעסאָר — 265.
קוניס — 210.
קופּטשיק שלמה — 139.
זילבערבערג — 96.
קיסמאַן אַלעקס ד"ר — 254.
קיסמאַן יוסף ד"ר — 70, 76, 254, 256, 257, 258, 259, 261, 263, 279, 280, 281, 283, 285, 286, 288, 289, 290, 291.
קיסמאַן לאה — 252, 254.
קירשענבוים — 140.
קירשענצווייג חיים — 139.
קליגסבערג משה — 110, 111, 125, 130.
קליטשעווסקי יצחק — 42.
קליינמאַן — 280.
קלעוואַנסקי שמעון (מאַקסים) — 191.
קלעפּפּיש גינאַ — 139.
קלעפּפּיש מיכאל — 139.
קעניג אברהם — 139.
קערן קאַרל — 124.
קראַמאַרסקי חנינא — 84.
קראַניג אַרטור — 70.
קראַנשטאַט העלע — 139.
קרוסמאַן א. — 131.
קרוק לייב — 140.
קרעמער אַרקאַדי — 39, 70, 76.
קשעסלאַווסקי יאַן — 114.

## ר.

ראַבינאַוויטש יצחק — 201, 211, 215, 217, 222, 224.
ראַדאַוויטש — 245, 246.
ראַדאַטשעאַנו לאַטאַר — 291.
ראַזאַווסקי וואָלף — 130, 131.
ראַזענבוים פּערל — 130.
ראַזענבלאַט סאַמועל — 280, 285.
ראַזענטאַל אַנע — 42, 43, 72, 84, 90, 130, 143, 158.
ראַזענקראַנץ — 254.
ראַזענשטיין רבקה — 130.
ראַטנער יוסף — 104, 110, 119.
ראַטקאַפּ שאַץ ל. — 254.
ראַל מאַטעס — 261.
ראַסמאַן — 192.
ראַפּעס יצחק ד"ר — 27, 28.
ראַקאַווסקי כריסטיאַן — 246.
רובין יענטל — 90.
רובינגער שלום — 254, 290.
רובינשטיין אַנאַ — 211.
רודאַווסקי חיים (ירוחם) — 42.
רוס הענעך — 125
רידז־שמיגלי — 199.
רייך אַבע — 188.
רייך ד"ר — 275, 278, 279, 280.
ריינער בן־ציון — 221.

## ש.

שאַבלאַנסקי — 211.
שאַפּער ליטמאַן — 261, 267.
שאַפּראַן נאַטאַן (נ. א. טאַן) — 27, 28, 38, 100, 110, 112, 119, 148, 160.

שוואַרץ פּנחס (שמואל קרוק) — 38, 64, 69, 71, 110, 119, 125, 137, 139.
שוואַרץ ראובן — 234, 243, 290.
שוועבער פּעסל (שרה) — 42.
שולדענפריי מיכאל ד"ר — 72.
שטוטשקאָ — 203.
שטיגליץ יוסף — 254, 261.
שטיינבערג — 254, 279.
שטערן מאַקסים — 64, 69.
שטראָס — 254.
שטרויכער — 279.
שטשערקאָווסקי אַנטאָני — 70, 158.
שייבאָוויטש שלום — 121.
שיינאָוויטש מאַניעק — 142.
שיפּבאַך — 254.
שמאי — 142.
שמידט יוסף — 264.
שענבוים — 290.
שענקער אברהמעלע — 114.
שעפּנער ב. — 38.
שערמאַן א. — 197.
שערמאַן י. י. — 38.
שערער עמנואל ד"ר — 84, 89, 110, 111.
שערער עמנואל (לעמבערג) — 158.
שערעשעווסקי — 313.
שפּאַצענקאָפּ רענע — 139.

## 2. נעמען פון שטעט


### א.

אַדעס — 320.
אוניעו — 110.
אַזאַרקאָוו — 110.
אַזדוטיטש — 111.
אַלעקסאַנדער — 110.
אַמסטערדאַם — 182.
אַמשינאָוו — 141, 142.
אַנטווערפּן — 139.
אָסטראָוו מאַזאָוויעצק — 20.
אָפּאָלע — 141.
אָשמענע — 291.

### ב.

בויסק — 177, 191.
באָטאָשאַן — 288, 290.
באַקאָו — 240.
באַראַנאָוויטש — 132.
באַריסלאָוו — 99.
בוקאַרעשט — 231, 232, 233, 252, 253, 269, 272, 273, 282, 286, 290, 292.
ביאַליסטאָק — 20, 99, 110, 154, 291, 305, 310, 311, 313.
בעלכאַטאָוו — 110.
בערדיטשעוו — 311.
בעלץ — 259.
בערלאַד — 240.
בראַילע — 240.
בריטשאַן — 290.
בריסק — 21.

### ג.

גאַלאַץ — 240.
גאָלדינגען — 177, 187.
גוראַהומאָראַ — 281.
גלאַזמאַנקע — 177, 191.
גראַבאָוו — 110.
גראָדנע — 93, 103, 148, 310, 311, 313.

### ד.

דאָברע — 110.
דאַגדאַ — 177, 184.
דאַנקערן — 177, 187.
דאָרנאַ — 290.
דובעלן — 177.
דווינסק — 177, 178, 180, 181, 182, 183, 188, 189, 190, 192, 193, 194, 195, 196, 197, 198, 208, 220, 224, 291, 305, 310, 312, 314.
דראָהאָביטש — 99.

### ה.

האָמעל — 310, 311, 314.
האַראַדאָק — 291.
האַראַדענקאַ — 110.
האַרלאָו — 240.

### ו.

וואָלמאַר — 199.
וואַלק — 177
וואַרקליאַן — 177.
וואַרשע — 12, 13, 14, 20, 23, 26, 27, 38, 70, 78, 98, 99, 103, 109, 110, 111, 112, 113, 115, 120, 121, 123, 124, 130, 135, 136, 138, 141, 142, 143, 148, 150, 154, 157, 158, 173, 285, 291, 305, 310, 311, 314, 320.
ווילנע — 99, 110, 111, 113, 143, 296, 305, 310, 311, 312, 314.
וויטעבסק — 211, 212, 213, 291, 310.
ווילקאָווישק — 291.
ווין — 80, 84, 89, 90, 123, 136, 252, 254.
ווינדאַווע — 177, 187.
וולאָצלאַוועק — 142.

### ז.

זדונסקאַ וואָליאַ — 110.
זשאַגער — 179.
זשיטאָמיר — 311.
זשעלעכאָוו — 141.

### ט.

טאַרנאָוו — 20.
טוקום — 177.
טורעק — 110.
טיפליס — 305.
טעקוטש — 240.
טערג־פרומאָס — 240.
טשעכאַנאָוו — 142.
טשענסטאָכאָוו — 142.

טשערנאָוויץ — 248, 249, 252, 253, 254, 255, 257, 258, 259, 260, 262, 263, 264, 265, 268, 271, 273, 274, 275, 277, 280, 281, 282, 285, 286, 287, 290, 291, 292.

**י.**

יאַס — 231, 232, 233, 234, 235, 237, 238, 240, 242, 243, 247, 257, 273, 280.
יאַקאָבשטאַט — 177, 187.

**כ.**

כאָטין — 259, 281.
כאַרקאָוו — 305.
כעלם — 103.

**ל.**

לאָדזש — 20, 23, 26, 69, 70, 76, 94, 110, 120, 121, 123, 136, 138, 139, 141, 142, 154, 291, 305, 310, 312.
לאַינהאָף — 177.
לאָנדאָן — 104, 143, 193, 242, 245, 295.
לובלין — 20, 23, 103, 135, 154.
לוצין — 177, 184.
לוצק — 36.
ליבאַווע — 177, 184, 187, 193, 194, 199, 201, 204, 207, 208, 209, 210, 218, 220, 224.
לעמבערג — 192, 194.

**מ.**

מאָהילעוו — 310.
מאַטשעוויץ — 142.
מאַינעשט — 240.
מאָסקווע — 122, 194, 305, 320.
מאַרמאַראָש — 259.
מוראַוויאָווא — 177.
מיטאַווע — 177, 184, 187.
מינסק — 143, 197, 291, 305, 310, 311, 314.
מיעדזעשין — 138, 142.
מלאַווע — 20.
מעזריטש — 103, 142.

**נ.**

נאָווידוואָר — 141.
נעוועל — 291.

**ס.**

סאַדעגורא — 277, 281, 287.
סואוואַלק — 310.
סוטשאַווא (שאָץ) — 254, 258, 275.
סטאַראָזשינעץ — 254, 258, 277, 281.
סילעוו — 110.
סמאַרגאָן — 143, 314.
סערעט — 254, 258, 275, 287.

**פּ.**

פּיאַטרא־ניאַמץ — 240.
פּיעטריקאָוו — 20, 110.
פּלאָיעשט — 269, 290.
פּעטערבורג — 302, 305, 320.
פּראָג — 124.

**פֿ.**

פֿאַלטיטשען — 240.
פֿאָקשאַן — 240.
פֿראַנקפֿורט — 53, 59, 60.
פֿרידריכשטאַט — 177, 207.

**צ.**

צוריך — 78.

**ק.**

קאָוונע — 180, 310, 312.
קאָוועל — 20.
קאַלושין — 141.
קאַליש — 110.
קאָפּענהאַגן — 83.
קיעוו — 194, 302, 320.
קישינעוו — 259, 281, 287.
קראָקע — 51, 76, 136, 137.
קרייצבורג — 177, 187, 207.
קרעסלאַווקע — 177, 182, 187, 193, 291.

**ר.**

ראַדזין — 103.

ראַדעוויץ — 254, 258, 275, 277, 280, 287, 290.
ריגע — 177, 178, 179, 180, 182, 183, 186, 187, 189, 190, 191, 192, 193, 194, 196, 197, 198, 199, 200, 201, 202, 203, 204, 206, 207, 209, 210, 212, 213, 216, 218, 220, 221, 222, 223, 224, 320.
רעזשיצע — 177, 184.

**ש.**

שאַץ — זע סוטשאַווע.
שטוטגאַרט — 83.
שלאק — 171.

# פאַרלאַג „אונזער צייט"

י. י. טרונק — פוילן ב' I, 252 זייטן (אויספאַרקויפט) — — $2.00

י. י. טרונק — פוילן ב' II, 318 זייטן — — — — — — — — — 2.50

י. י. טרונק — פוילן ב' III, 288 זייטן (אויספאַרקויפט) — 2.50

י. י. טרונק — פוילן ב' IV, 304 זייטן טעקסט,
8 זייטן בילדער (אויספאַרקויפט) — — — — — 3.00

י. י. טרונק — פוילן ב' V, 308 זייטן (אויספאַרקויפט) — — 3.00

י. י. טרונק — פוילן ב' VI, 244 זייטן טעקסט,
4 זייטן בילדער — — — — — — — — — — — 3.00

י. י. טרונק — פוילן ב' VII, 280 זייטן טעקסט,
5 זייטן בילדער — — — — — — — — — — — 3.00

י. י. טרונק — קוואַלן און ביימער, 472 זייטן — — — — — — 4.00

י. ש. הערץ — די געשיכטע פון אַ יוגנט, 592 זייטן טעקסט,
48 זייטן בילדער — — — — — — — — — — 3.50

י. ש. הערץ — די יידן אין אוקראַינע, 262 זייטן — — — — — 3.00

י. ש. הערץ — הירש לעקערט, 132 ז' טעקסט, 8 ז' בילדער — 1.50

י. ש. הערץ — די געשיכטע פון בונד אין לאָדזש, 504 ז' טעקסט
32 ז' בילדער — — — — — — — — — — — 4.00

לייבעטשקע בערמאַן — אין לויף פון יאָרן, 386 ז' טעקסט
38 בילדער — — — — — — — — — — — 2.50

זיגעלבוים־בוך — 408 זייטן טעקסט, 9 זייטן בילדער — — —
(אויספאַרקויפט) — 3.00

בערנאַרד גאָלדשטיין — 5 יאָר אין וואַרשעווער געטאָ,
500 זייטן טעקסט, 24 זייטן בילדער — 3.50

בערנאַרד גאָלדשטיין — 20 יאָר אין וואַרשעווער בונד, 344 זייטן
טעקסט, 9 זייטן בילדער — — — — — 4.00

די יידן אין פוילן (א. מענעס, דר. ר. מאַהלער, דר. יעקב שאַצקי, ו. שולמאַן) 920 שפּאַלטן פון גרויסן פאָרמאַט — — 5.00

אין די יאָרן פון יידישן חורבן — די שטים פון אונטערערדישן בונד, 342 זייטן טעקסט, 6 זייטן בילדער — — — — — — (אויספאַרקויפט) — 3.00

אַרקאַדי — 436 זייטן טעקסט, 11 זייטן בילדער — — — — — — — 2.00

וולאַדימיר מעדעם — 367 זייטן טעקסט, 6 זייטן בילדער — — 2.00

שלמה מענדעלסאָן — 492 זייטן טעקסט, 5 זייטן בילדער — — 3.50

ערליך־אַלטער־בוך — 472 זייטן טעקסט, 16 זייטן בילדער — — (אויספאַרקויפט) — 4.00

מרים ראַסקין — זלאַטקע, 336 זייטן — — — — — — — — — 3.00

דורות בונדיסטן — ערשטער באַנד 480 זייטן טעקסט, 79 בילדער; צווייטער באַנד 528 זייטן טעקסט 177 בילדער; דריטער באַנד 544 זייטן טעקסט, 220 בילדער — — צוזאַמען 15.00

כמורנער־בוך — 232 זייטן טעקסט, 8 זייטן בילדער — — — 3.00

דער „בונד" אין בילדער — 192 זייטן, 500 בילדער, טעקסט — יידיש און ענגליש — — — — — — — — — — — — 5.00

אַבראַם דער טאַטע (לייב בלעכמאַן) — בלעטער פון מיין יוגנט, 297 זייטן טעקסט, 8 זייטן בילדער — — — — — — — 3.00

לייוויק האַלפּערן — ביאָגראַפיע און שריפטן, 394 זייטן טעקסט, 9 זייטן בילדער — — — — — — — — — — — — 4.00

יעקב צעלעמענסקי — מיטן פאַרשניטענעם פאָלק, 350 זייטן טעקסט, 24 זייטן בילדער (אויספאַרקויפט) — — — — — — — 4.00

ח. ש. קאַזדאַן — זוסמאַן סעגאַלאָוויטש, 152 זייטן טעקסט, 16 זייטן בילדער — — — — — — — — — — — — — 6.00

די געשיכטע פון בונד — ערשטער באַנד, 378 זייטן טעקסט, 16 זייטן בילדער; צווייטער באַנד, 640 זייטן טעקסט, 16 זייטן בילדער; דריטער באַנד, 500 זייטן טעקסט, 16 זייטן בילדער; פערטער באַנד, 400 זייטן טעקסט, 16 זייטן בילדער; פינפטער באַנד, 336 זייטן טעקסט, 16 זייטן בילדער — — — — — — — — — — צוזאַמען $30.00

מיט באַשטעלונגען זיך ווענדן

**FARLAG UNSER TSAIT**

25 East 78th Street

New York, N. Y. 10021